STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07773

EVEN NEGEF

Jacob Dineson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אֶבֶן נֶגֶף

אדער

אַ-שטיין אין וועג

והיה למקדש ולאבן נגף
ולצור מכשול לשני בתי ישראל
(ישעיה ח׳ יד)

ראמאן אין 4 טהייל

פון

יעקב דינעזאהן

ערשטע און צווייטע טהייל

ווארשא
פערלאג פון י. לידסקי בוכהענדלער
ווארשא נאלעווקי 32 №
תרס״ג

ЭВЕНЪ НЕГЕФЪ

т. е. КАМЕНЬ СПОТКНОВЕНІЯ. РОМАНЪ.

соч. ЯКОВА ДИНЕЗОНА

Въ Тип. А. Глинка, Варшава, Гусья № 20.

ВАРШАВА 1902.

Дозволено Цензурою Варшава 5 Февраля 1902 г.

—וואָהין גיעהט איהר ר׳ שמעון? האָט א אַלטער מאַן געפרעגט שבת ביי טאָג בעגעגענדיג ר׳ שמעון דעם מלמד, אָדער שימעלע פלוט, וויא לייט פלעגען איהם אָנרופען דאָ אין שטעדטעל קליניץ. שמעון איז שטאַרק פערטראַכט געוועזען אין זיינע מחשבות און האָט ניט געהערט וואָס מע פרעגט איהם און זיך ניט אָבגערופען. דער אַלטער מאַן האָט נאָך אַמאָל איבער געטהון:

—ר׳ שמעון, זייט איהר טויב געוואָרען, צו וואָס? איהר הערט גאָר ניט וואָס מען רעדט צו אייך?

ערשט איצט האָט זיך שמעון אָבגעשטעלט און דערזעהען ווער דאָ גיעהט נעבען איהם.

גוט שבת, ר׳ שלמה! האָט ער ארויס געריעדט און אויף זיין געזיכט האָט אַ שיין געטהון אַ שטראַהל פון צופריעדענהייט פון דער בעגעגענעס.

—גוט שבת, גוט יאָהר!

—דאָס האָט איהר מיך גערופען, ר׳ שלמה? האָט שמעון געפרעגט.

—איך, איך! האָט דער אַלטער אַזוי וויא האַלב אין בעס ארויס געריעדט. וואָהין גיעהט איהר דאָס? און וואָס זייט איהר אַזוי פערטראַכט?—טראַכט איהר עפּעס גוטס. האָט ער ווייטער מיט אַשמייכעל געזאָגט, זאָל דער אייבערשטער מצרף זיין אייערע גוטע מחשבות למעשה. טאָמער חלילה שלעכט, זאָל פון אייערע פוסטע געדאַנקען אַ שטיין ווערען!—זאָגט אדרבה, וואָס האָט איהר געטראַכט?

ר׳ שמעון האָט זיך אָנגעהויבען דערמאָנען וואָס ער האָט געטראַכט, ארויס לויפענדיג פון זיין הויז מיט דער בעלייטונג פון זיין ווייבס קללות: ער זאָל ניט דערלעבען צוריק אהיים צו קומען, האָט ער אָנפאַנגס געטראַכט: אַמפּלה אויף איהר קאָפּ, אפילו שבת האָט מען פון איהר קיין רגע מנוחה ניט, און האָט פאַר זיך איבער געריעדט: אַ וואָהרער סמבטיון, קאָכט און זידט, איהר מויל איז קיין פעך און שוועבעל! דער נאָך האָט ער אַקלער געטהון: וואָס רייד איך סמבטיון? ערגער, אויף נאַמנות, ערגער וויא דער סמבטיון! יענער רוהט דאָך אום שבת, זיא ווייסט שבת אויך קיין רוה, האַלט אין איין שרייען און שעלטען דאָך דערנעהנט דאָ פאַר איהר. פון סמבטיון האָט ער זיך דערמאָנט פון דאָס וואָס טהוט זיך פון יענער זייט סמבטיון: וויא דאָרט לעבט מען אייביג, און אז מען ווערט שוין נאַנץ אַלט און דאָס לעבען ווערט

PAID
OCT 1913
I. ROSENBERG

איבערדריסיג, געהט מען ארוים אויסען טויער פון דער שטאדט לוז, און דארט ליגט
אגרויסער שטיין, און אז מען לייגט ארויף דעם קאפ אויף דעם שטיין שטארבט מען
באלד, אזוי גרינג, אזוי אהן יסורים אז עס איז פשוט א פערגניגען צו שטארבען.
פלוצלונג האט ער זיך אפרעג געטהון: „וויא הייסט דאס לעבען ווערט, דארט, פון יענער
זייט סמבטיון, איבערדריסיג? וויא הייסט, דארט ווילט זיך שוין שטארבען? ועלכער
שוטה וויל עס ליגען אין דער ערד און ליידען חבוט הקבר? און וואס פעהלט דארט
די לוזר בעלי בתים אין זייער לעבען, אז זיי ווילט זיך שטארבען? קיין גלות ליידען
זיי דארט געווים ניט, יעדער געווים האט זיך זיין ווייגשטאק און זיין פייגענבוים,
קיה און ציעגען, מילך און פוטער, און מען עסט טאקי א גוטען מיטאג, מיט מילכיגע
קרעפלעך וואס שווימען אום אין פוטער, אזוי וויא ביי חייעלען אונזער נגידה אין
ניין טעג. אז דער רבונו של עולם זאל מיך וועלן בענשען האטש האבען א ציעג
א אייגענע, וויא וואלט איך איהם לויבען און דאנקען! א נארר וואלט איך דאמאלס
זיין צו וועלן גלאט אין גוטען מוטה אוועג לייגען מיין קאפ אויפ'ן שטיין און מאכען
א שטארב טא וואס טהוט זיך דארט מיט די לוזר, וואס זיי ווילען שטארבען?
דיא קשיא האט ר' שמעון שטארק געאהרט און ער האט זיך מיך
פערקלערט די קשיא צו פערענטפערן, „ניט אנדערש", האט ער געטרעשעט, אז דארט
מוז אויך זיין צרות, דארט האבען זיי אויך ווייבער, און ליידען גלות פון די לוזר
פלונית'טעס, ביז דאס לעבען ווערט זיי נמאס, אט געהן זיי ארוים אויסען שטאדט,
לעגען דעם קאפ אויפ'ן שטיין ארויף און שטארבען מיט ודוי און זייער נשמה געהט
זיי ארוים גרינג וויא א האר פון מילך. סדנא דארעא חד הוא: די גאנצע וועלט
איז איין שטאדט, און די גאנצע שטאדט איז איין הויז און אין דעם הויז זיינען
אלע מענשען אדם הראשונ'ס קינדער, גאר גלייך איינער צום אנדערן, און אין
לוז, פון דער אנדערער זייט סמבטיון איז אויך ניט בעסער. דארט לעבט מען
אייביג האט מען אייביגע צרות, אייביגע עגוויים! „געלויבט ביזטו גאט, וואס איך
בין ניט אין לוז, וואס איך לעב דא אין גלות, וואו מיין לעבען איז ניט אייביג
און מיינע צרות וועלן מסתמא אויך ניט אייביג זיין! אט, לאז זיך לעבען וויא עס
לעבט זיך, עס וועט דאך קומען אמאל אסוף! וויפיעל לעבט אמענש? זיבציג
יאהר, און אז פיעל איז אכציג יאהר; נו, קרוב צו פופציג יאהר האב איך שוין
אבגעלעבט וועט דאס ווייב מיך שעלטען נאך צוואנציג, נאך דרייסיג יאהר, און
אפשר, וועט זיא גאר צו מאכען איהרע אויגען פריהער פאר מיר?.. הא? ניין! דאס
ווינש איך איהר ניט, זאל זיא זיך לעבען הונדערט און צוואנציג יאהר. זיא איז
א ערליכע אשה, אפרומע, זאל איהר גאט יאהרן געבען, אהן איהר וואלט איך
אומגעהן אבגעריסען, אפילו דיא לאסטינגענע קאפאטע מיינע, וואלט אויך ניט
אזא פנים געהאט וויא איצט און אז זיא שעלט, מיינט זי דען, איך זאל טאקי ניט
דערלעבען אהיים צו קומען? חלילה, לאם איך פרובען שלאף ווערן, ווייס זיא
איבער מיר ניט וואס צו טהון און טרעט פון בעט ניט אפ. אט, ווייס איך, זיא
שרייט? דאס הערץ טהוט איר וועה, פון ארעמקייט שרייט זיא. פון ווייטיג, געביך
שעלט זיא, און באמת, איז זי ניט גערעכט? דארף א ארעמאן געבארן און געבאכט

חערן? דארף גאר אארעמאן קינדער האבען, אז ער קען די קינדער ניט געבען אפילו טרינקען ברויט זיך זאט אנצועסען און קען מיט דערוואקסענע טאכטער קיין שידוך ניט טוהון? אט, ווען גאט זאל מיר העלפען, עפיס צו שיקען אמציאה פון אמאת קארבלעך, איך זאל קאנען די מיידלעך מיינע חתונה מאכען און נאך האבען א איינען ציגעלע, אביסעל איינען מילך און דערצו אקנעלונג אנוטען אויף הונדערט קארבען א זמן, אט דאן, וואלט איך ערסט וויסען אז איך לעב אויף דער וועלט. און שבת ביי טאג, וואלט איך אויך קאנען זיך צו לעגען אויס רוהען נאך דעם טשאלענט. ניט זיא וואלט מיך שעלטען און ניט איך וואלט מורא האבען פאר איהר שעלטען, איצט בין איך נע ונד און אפילו שבת מוז איך פון שטוב ענטלויפען, חאטש די אויגען קלעבען זיך צו ביי מיר פון שלאף, נור וואהין לויפט מען? ביז זאל איך אזוי וויסען, אפשר אפלאן ארייגצוגעהן אין בית המדרש און דארט זיך צו לייגען א ווייל? אבער דארט זיינען איצט דיא קונדסים, דיא באר יונגען, וואס דרייען זיך דארט דעם קאפ אראפ, פון דיא שטיפעריין זייערע. אויך קיין ארט ניט. פאר אכט-טאגען האבען זיי מיך מיט נאסע האנדטיכער פערווארפען, אז איך האב נור אקאפ צו געליינט, אמת איך האב זיי אויך ניט געשוויגען, און איינעם אנגעריסען פארן אויהער אז ער וועט מיך געדיינקען; אבער זיי האבען זייערס אויסגעפיהרט און איך האב געמוזט פון בית המדרש ענטלויפען. איצט, ווייס איך אליין ניט. וואהין געהט מען זיך צו לייגען? שבת שלאפען איז א ענג שבת און א מצוה'לע אויך און גלאט אזוי אגוטע זאך. פאר וואס טאקי ניט? אבער אארעמאן טאהר אפילו דעם תענוג אויך ניט האבען, חאטש עס קאסט קיין קאפייקע ניט!..

—אזוי טראכטענדיג, האט איהם ר' שלמה קאהאן בעגעגענט און אויף זיין פראגע: „וואס טראכט איהר" האט ר' שמעון ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן:

—לאזט מיך דערמאנען זיך ר' שלמה, וועל איך אייך זאגען וואס איך האב געטראכט, האט ר' שמעון געבעטען און בעת מעשה אקלער געטוהן: צו איז ניט א פלאן מיט איהם אריין טוהן מכח זיין ברודערס קינדער, אז זיי זאלען ביי איהם בלייבען לערנען אין חדר אויף ווינטער אויך? —ווייסט איהר וואס איך קלער ר' שלמה? איך קלער צו זאל איך ביי אייך בעטען א טובה צו ניט?

—ביי מיר א טובה? האט ר' שלמה אפרעג געטוהן:

—ביי אייך א טובה, ר' שלמה, חלילה ניט א גמילות חסד. איהר ווייסט דאך שבת ברויך א יוד קיין געלד ניט. נאר אזוי אטובה וואס מען מאג בעטען אום שבת אויך.

—נו זאגט שוין וואס פערלאנגט איהר?

—דיא טובה איז, איהר זאלט מיר ניט קיילע מאכען ביי אייער ברודער ר' לייזערן, איך מיין: איהר זאלט אויך מסכים זיין אז זיינע ביידע יונגלעך זאלען בלייבען לערנען ביי מיר דעם נייעם זמן אויך. פערשטעהט איר מיך, היינטיגען שבת האט מען געבענשט ראש חודש אלול, און אין א פאר וואכען ארום הייבט זיך אן ביי אונז מלמדים דער ידיד, איך מיין: דעם „בין הזמנים" און איך ווייס, אז פיעל זיינען בעלנים צו געהן בעטען ביי אייער ברודער. זיינע קינדער, עארום באמת וואו

געהמט מען נאך אזא בעל הבית, וויא ר׳ לייזער? אזא בעלאבאסטע וויא אייער שוועגערין חייעלע איז? ווער צאהלט נאך אזוי גוט אונ אהן עגמת נפש וויא זיי, אונ פון וועמען האט אמלמד אזא שאנע מתנה, אויף אתרוג אויב ניט פון זיי? אט דאס, ר׳ שלמה, איז ידוע, גאנץ גוט ידוע אין אונזער מלמדים׳שען עולם. איז טאקי דערפאר האב איך מורא, אז אאנדערער זאל דאס גוטע ביסען ביי מיר ניט אויס־ חאפען אונ טאקי דערפאר, וויל איך אייך בעטען, אזוי וויא מיר זיינען דאך בית המדרש לייט אונ זיינען ביידע חסידים פון איין רבין זאל לעבען, אז איהר זאלט טאקי אייער דעה זאגען אז דיא יונגלעך זאלען מיינע תלמידים בלייבען אויף ווינטער אויך.

ר׳ שלמה האט געשוויגען.

—וואס זאגט איהר, ר׳ שלמה? האט שמעון אזוי וויא מיט תחנונים איבער געפרעגט.

—זאגט מיר ר׳ שמעון, האט ענדליך ר׳ שלמה געזאגט, פון וואנען עפים קלערט איהר, אז מיין ברודער וועט דיא קינדער ביי אייך צו געהמען דעם נייען זמן? מסתמא ווייסט איהר דאך, אז איהר האט מיט זיי ניט גוט געלערנט אונ ער איז מיט אייער פעולה ניט צופרידען.

—וואס ניט צופרידען? חלילה, אדרבה, האט זיך שמעון אבגערופען צו היצט ווייא דיא פראגע וואלט איהם בעליידיגט, אדרבה, איך האב מיט דיא קינדער אגרויסע פעולה געטהון, מיט מאטעלן רעכען איך, אם ירצה השם, תיכף נאך סכות אנצוהייבען חומש אונ דער קלענערער יאסעלע, זאגט שוין אויך גוט עברי. חומש אנהייבען מיט איהם איז נאך פריה, אבער תרגום, אט אביסעל אין שווערע עברי מוז מען איהם געוואהנען, אפעולה, זאג איך אייך, האב איך מיט זיי געטהון אגרויסע אונ ר׳ לייזער ווייס עס, ער איז גראד אמבין, נור מורא האב איך פאר אייער פלימעניצע רחלע, דאכט זיך אקלוג מיידעל, אגוטע, אויף מיר אזא יאהר, אבער, זיא וויל גאר אדעה זאגען, איהר געפעהלט ניט, מיין חדר, „איינג״, גיט אויסגעקעהרט״, זאגט זיא, „דיא קינדער קאנען חלילה אין אזא חדר קראנק ווערן״. איז זי ניט אקינד? זיא ווייס ניט אז אמלמד איז אקבצן אונ קען ניט האבען אחדר ווייא אפאלאסט, זיא ווייס ניט, אז מיר אלע, אז אפילו איהר ר׳ שלמה אונ אייער ברודער ר׳ לייזער אונ אייך צו לייגער יאהר, אייער ברודער ר׳ ראובן עליו השלום, זיינען אויך געוועזין אזעלכע ציטריגע קינדער וויא איהרע ברידערלעך, אונ האבען אויך געלערנט אין אזעלכע איינגע חדרים וויא זיי אונ געלויבט איז השם יתברך, חלילה ניט קראנק געווארן, אונ זיינען ארויס לומדים מופלגים! רייד מיט אמיידעל, ווייס זיא גאר מיט וואס דיא תורה ווערט געקויפט? פת במלח תאכל, ברויט מיט זאלץ, זאלסטו עסען, ומים במשורה תשתה, אונ וואסער זאלסטו מיט אמאס טרינקען, ועל הארץ תישן אונ אויף דער ערד זאלסטו שלאפען וחיי צער תחיה אונ זאלסט לעבען אין צער, דאס הייסט: זאלסט זיך געוואהנען, צו קאנען לעבען אין צער, עהרד באמת זעהט מען דאך, אז דיא אמת גרויסע לומדים זיינען שטענדיג אביונים אונ קבצנים אונ לעבען אין צער. היינט נעה רעד מיט איהר אונ גיב איהר צו פערשטעהן

אז אדרבה, וואס ענגער ביי מיר אין חדר איז, דאס בעסער איז פאר דיא קינדער, דאס גיכער וועלן זיי, אם ירצה השם, לומדים מופלגים ווערן.

—און לייזער איז מיט אייער לערנען צופרידען? האט ר' שלמה געפרעגט.

—ווייס איך, וואס הייסט צופרידען? איהם געפעהלט למשל: איך זאל מיט דיא קינדער לערנען עברי מיט דקדוק, מיט טייטשערים, אט וויא דיא היינטיגע, בעוונותינו הרבים, לערנען און דאס וועט ער ביי מיר ניט פועל זיין, ערשטענס, וויא קום איך דערצו? צווייטענס, וועלן זיי נאך צייט האבען צו ווערן טייטשען, מיר איז אחדוש אויף אייך, ר' שלמה, איהר זאלט דאס גאר דערלאזען? יודען זיינען ברוך השם יודען געוועזן אהן דקדוק, ערליכע יודען, פרומע יודען און ער זאל לעבען איז דאך געוויס א יוד איינס אין דער וועלט, פון דעסטוועגען, דאוועניט ער און זאגט עברי אהן דקדוק וויא מיר אלע און וואס האבען מיר פון דעם דקדוק? שטותים! וואס זאגט איהר, דארפען אזעלכע יונגע קינדער שוין ווערן אויפגעקלערטע קענער מיט דקדוק? און דאס איז אלץ איהר קאפ, רחלעס, אקלוג מיידעל אבער דאך אנאר!

—האט קיין עגמת נפש ניט, ר' שמעון, איך וועל היינט ביי איהם זיין, געהט איהר אויך אהין און אז עס וועט צו רייד קומען וועל איך מיט איהם איבער ריידען, רעדט איבער מיט חייעלען, איך וועל אויך מסכים זיין און אונז ביידען וועט לייזער נאכגעבען, רחל'ן וועל איך געבען צו פערשטעהן, אז זי איז א מיידעל און דארף זיך אריינמישען אין קיך, דארט וויא מען מאכט א קיגעל, וויא מען קאכט פיש און צימעס און ניט אין אזעלכע זאכען, וויא קינדער פאר יודען צו מאכען, איך וועל איהר זאגען אזוי, אז זיא וועט פארזאגען א צעהנטען, זיך צו מישען אין ענינים וואס איז שייך נור צו אונז, אגוטען שבת אייך דערווייל, געהט אהין, איך וועל דארט באלד זיין!

ר' שלמה איז זיך זיין וועגס געגאנגען און ר' שמעון האט פערקעהרט זיין מארשרוט גלייך צו ר' לייזער קאהאנס שטוב. ר' לייזערס הויז איז אין דער שאנסטער גאס אין קליינין געשטאנען, און אין דער גאס דאס שאנסטע און גראסטע הויז געוועזן, אלט מאדיש אפילו געבויט, אבער טאקי איבער דעם אליין האט עס פארנעמער זיך פארגעשטעלט אויף זיין שטיינערנעם פונדאמענט, מיט זיינע פיעל גרויסע פענסטער און מעהאט באלד ערקענט, אז זיין בעל הבית האט קיין געלד און מיה ניט געזשאלעוועט שאנער און רייכער אויסצופוצען פון אלע אנדערע הייזער פונ'ם שטעטעל, דיא ווענט זיינען געוועזן מיט ברעטער בעצויגען דונקעל ברוין געפארבען, דער דאך פון בלעך, דער אייציגער בלעכענער דאך אין גאנץ קליינין, די לאדענס פון דיא פיעל פענסטער זיינען אויך געפארבטע געוועזן און דיא פענסטער מיט גרויסע לאנגע שויבען פון גוטען גלאז, וואס לייזער האט עקסטרא געלאזט ברייגען פון ווארשוי. פאר די פענסטער איז ארום געצוימט געוועזן אקליין גארטענדל, און שאנע קאסטאניען בוימער האבען אין שטוב א אנגענעהמען שאטען געגעבען ביי טאג פון היטץ און א גוטען גערוך פאר נאכט בעת די פענסטער זיינען אפען געוועזן. דער ניט היגער וואס האט דאס זעלבע הויז פון אויסווייניג בעטראכט, האט געוויס געדענקט פאר א פריצישע הויז. דיא היגע אבער האבען עס אנגערופען: ר' אברהם

קאַטאָגס ווייל ר' אברהם קאַהאַן, ר' לייזערס פאָטער האָט נאָך אין זיינע יונגע
יאָהרן געקויפט דעם פלאַטץ אונ דאָס הויז אויסגעבויט, דערצו אויך אַנדערע הייזער
צו געבויט. שפּייכלער אונ קלייטען, א ברונען געגראָבען אונ די גאַנצע גאס האָט
פון דעם ברונען וואַסער געשעפּט. ר' לייזער איז דער יונגסטער זוהן געוועזן פון ר'
אברהמס קינדער, דאָס הויז איז איהם בירושה אָנגעקומען נאָך זיין פאָטערס טוידט. די
אַנדערע צוויי ברידער, דעם עלטעסטען ר' שלמה'ן אונ דעם אַנדערן ר' ראובן קאַהאַן
האָט ר' לייזער זייער חלק ירושה אויסגעצאָהלט במזומנים אונ זיי האָבען זיך הייזער
געבויט אין אַנדערע גאַסען פון קלייזין, ר' לייזער האָט פון דאַן אָן דאָס הויז כמעט
ווי אין גאַנצען איבער געבויט. צו געפּיצט אונ צו געבויט פליגלען אונ דער גאַנצער
גרויסער הויף האָט גאָר איין אַנדער פנים בעקומען. פון דעסטוועגען האָבען
שטאָדטישע איינוואוינער עס ניט אָנגערופען אויף זיין נאָמען, נור אויף דעם נאָמען
פון זיין ערסטען בעל הבית, "ר' אברהם קאַהאַן, די אורזאַכע דער פון וואָס דאָס הויז
האָט זיין ערסטען נאָמען ניט פערלאָרען איז דאָס, ווייל דאָס לעבען אונ פיהרונג אין
איהם, זיינען דיזעלבע געבליבען ווי אין יענער צייט בעת ר' אברהם האָט נאָך דאָ
געוואוינט, ר' לייזער, זיין יונגסטער זוהן, האָט דעם פאָטערס פיהרונג ניט משנה
געווען האָטש ער איז אין כמה זאַכען אויפגעקלערטער אונ היינטוועלטיגער געוועזן
אַלס זיין פאָטער אין זיינע צייטען אונ טאַקי צו ליעב דעם וואָס ער האָט אַזוי פיעל
צדקה געטהיילט ווי זיין פאָטער אונ די טהירן אָפען געהאַלטען פאַר יעדען, סיי
פאַר די וואָס קומען דאָ הילף זוכען, סיי פאַר די וואָס קומען דאָ א עצה פרעגען
זעלבסט פאַר די, וועלכע עס קומען דאָ גלאַט אַזוי אַריין, נייעס הערן, נייעס
ערציילען אָדער די לידיגע צייט דאָ ביי אַגלאַזעל טהיי פערברייניגען, אַזוי ווי
אין יענע יאָהרן בעת ר' אברהם האָט נאָך געלעבט, אָט טאַקי צו ליעב דעם האָבען
שטאָדטישע חסידים אונ גאָטס פאָרכטיגע ווייבער, זיך ניט צו געקוקט אַז ר' לייזער
איז אין כמה ענינים נוטה צו היינטוועלטיגקייט, אונ די וואָס האָבען זיך אפילו יאָ
צו געקוקט האָבען איהם עס גערן מוחל געוועזן אונ געפונען אַ זכות, אַז ער איז
גערעכט אונ ווייס מסתמא וואָס ער טהוט אונ פלעגען זאָגען: אַזעלכע היינטוועלטיגע
מאַנען זיין פיעל אונ אַז אַלע היינטוועלטיגע זאָלן אַזוי פרום אונ גוט זיין ווי ר'
לייזער, וואָלטען גאָר קיין אפּיקורסים אויף דער וועלט ניט זיין אונ משיח וואָלט שוין
לאַנג געקומען. איצט ווען ר' שמעון איז דאָ מיט זיין פלאַן צו געקומען, איז די
גאַנצע גאס אַזוי ווי איינגעשלאָפען געוועזן, זעלטען וואו האָט מען געקענט זעהן
א מענשען געהענדיג אָדער שטעהענדיג. אַלעס האָט גערוהט אונ עס האָט אויס-
געוויזען אַז לכבוד שבת רוהט זעלבסט די גאס אונ הייזער. אויך די בוימער אונ
בלומען אין גאָרטעל פאַר די פענסטער האָבען שבת'דיג ווי צו געדרעמעלט, זיך
אויסגערוהט אונ מיט אַבלאַטעלע א שאָרך ניט געטהון. די פענסטער זיינען פאַר-
האַנגען געוועזן אונ די האַלב אַראָפּ געלאָזענע סטאָרן, האָבען פאַרגעשטעלט די
אַראָפּגעלאָזענע ברעמען פון דעם ענג שבת'דיגען פערשלאָפען הויז.

ר' שמעון איז צום טהיר צו געקומען, אונ אַקוק טהוענדיג, אַז די סטאָרן פון
די פענסטער זיינען האַלב אַראָפּ געלאָזען, האָט ער זיין מוטה פערלאָרען דאָ אַזוי פון

העלער הויט אריינצוגערן. ער איז שטעהען געבליבען אונ האט זיך נאך אמאל פערטראכט אונ דערטראכט, אז האטש די גאנצע וועלט איז איין שטאדט אונ די גאנצע שטאדט איז איין שטוב אונ האטש אין דער שטוב זיינען אלע מענשען אדם הראשונ'ס קינדער, פון דעסטוועגען איז א שטאדט צו א שטאדט ניט גלייך, אט האט, למשל: דאס שטעדטעל וויגאנאראדקע זוכה געוועזן דער רבי זאל לעבען זאל אין איהם וואוינען אונ קליינין וואס איז פיעל גראסער האט אזא זכות ניט; אט וועה איך למשל: ר' אברהמ'ס הויז איז גרוים אונ שאן. ליכטיג אונ לעבעדיג, האט א פנים וויא א פירסט איבער אלע אנדערע קלייניצער הייזער אונ איז גאר ניט גלייך צו דיא איבריגע. דערפון טאקי איז א ראיה, אז די מענשען זיינען אויך ניט גלייך איינער צום אנדערן. נו, אדרבה, קען איך מיך גלייכען צום רבין זאל לעבען? אפילו צו ר' לייזערן קען איך מיך אויך ניט גלייכען, ער איז טאקי ר' לייזער דער גביר, דער קאפ מענש, דער בעל דעה אין שטאדט, דער נדבן אונ געווים דער עהרליכער ייד' אויך, אונ איך בין שמעון מלמד, שמעון קבצן, אזוי רופט מיך מיין ווייב, אונ אונטער דיא אויגען, רופען מיך הולטאיעס: "שימעלע פלוט" אויך, אדער שמעון בעל מחשבה,— שוטים! איהר לאכט פון דעם וואס איך בין א בעל מחשבה? איך בין ניט אזוי פוסט וויא איהר; איך, אז איך טראכט, טראכט איך עפיס אויס, וועגען וואס אבער טראכט איהר? מיך אהרט, איך מוז טראכטען, איך האב א קאפ, אין קאפ א מוח אין מוח א שכל אונ דער שכל טראכט, קלערט אלץ וואס איז איהם קשה, אט בין איך פון טראכטען צו דעם געקומען, אז עס איז טאקי א טעות, וואס מען זאגט: אלע מענשען זיינען גלייך; וויא קום איך צו ר' לייזערן אונ וויא קומט איהר צו מיר? אט האב איך ווייטער דערטראכט, אז מיין אלטע איז טאקי גערעכט וואס זיא זאגט: איידער אין א שלעכטען מזל געבוירן צו ווערן, איז בעסער גאר ניט געבוירן צו ווערן. ווארום אז מיין מזל וואלט גוט זיין וואלט איך איצט ניט דארפען שטעהן דא אונטער טהיר, נור איך וואלט מיר איצט שלאפען דארט אין א חדר אויף א ווייכען דיוואן וויא אגראף לכבוד שבת. אי, וויל איך שלאפען, וויא אויף להכעיס צורייסט זיך מיר דאס מויל פון גענעצען אונ דיא אויגען זענען פונקט וויא מיט זאמד אנגעשאטען!.. ער האט אלאנגען געניץ געטהון אונ וואלט נאך ווייטער געטראכט, אבער אין דער מינוט האט ער דערזעהן רחלען אין פענסטער אונ איהר קוק אויף איהם האט איהם אויסגעצובעט. ער האט בערעכענט געשווינד אז איצט איז דיא בעסטע צייט א רעד טהון מיט איהר וועגען דעם וואס זי רעדט צו איהר פאטער מען זאל אבנעהמען איהרע ברידערלעך פון איהם אונ זיי אוועק געבען צו איין אנדער רבין, ער איז מיט מוטה אריין.

רחלע, א שאן מיידעל פון אכצען יאהר, ר' לייזערס עלטעסט קינד, איז זיך געזעסען מיט איהרע צוויי ברידערלעך אונ שוועסטערל, אויף א סאמעטענע קאנאפע אין גאסטינע אונ האט דיא קינדער עטוואס ערצאהלט פון וואס זיי האבען געלאכט מיטן פולען מויל וויא נור קליינע קינדער וועלכע זיינען אין גוטס אונ וואהלטיג ערצויגען קאנען אזוי לאכען. אין דעם מאמענט וויא שמעון האט זיך אין טהיר בעוויזען האבען דיא ביידע יינגלעך פלוצים צו לאכען אויפגעהערט. זייער פרייד האט זיך וויא

אין מיטען אבגעריסען, דאס עלטערע יונגעל איז רויטה און בלאס געוואָרן און דער יונגערע האט זיך מיט די הענטלעך אזאפ געטהון פאר רחל'עס קלייד אזוי ווי עס וואלט זיך איצט דערשראקען פאר איינעם פון יענע וואלד גזלנים וואס די יונגלעך דערציילען פון זיי אין די חדר מעשות.

— גוט שבת! האט שמעון אויסגערעדט מיט אפריינדליכען שמייכעל.

— גוט יאהר, האט רחל'ע געענטפערט. זאגט מיר רבי, פאר וואס שרעקען זיך די קינדער אזוי פאר אייך? איהר שלאגט? זאגט דעם אמת.

— פאר וואס זאל איך זיי עפיס שלאגען? האט ער געפרעגט אנשטאט צו ענטפערן, זיי זיינען וואוילע קינדער, ליעבע קינדער און קאנען גוט לערנען. קומט אהער שקצים, יונגעלעך דארפען שכל האבען. אז א רבי קומט אריין דארף מען לויפען אנטקעגען און איהם זאגען: „גוט שבת רבי!" און איהר שרעקט אייך גאר פאר מיר, וואס שרעקט איהר אייך, טפשים? א מלאך המות מיט אסך אויגען בין איך? א מענש, גלייך מיט אלע מענשען און אז איך גיב אמאל א קלאפ, קיין בייז ניט! מיך האט מיין רבי מעהר געשלאגען, אוי געשלאגען און ווי נאך געשלאגען, איך האב קיינמאל אגאנץ גליד אין זיך ניט געהאט, ווי דען מיינסטו ווערט מען א יוד א למדן און מען פערשטעהט די טיפענעס פון דער תורה?

— און איך וואלט אייך בעטען רבי, איהר זאלט זיי אביסעל אויך ניט שלאגען, האט רחל'ע פון איהר זייטע געענטפערט, מיט שלאגען וועט איהר זיי די תורה ניט אריינשלאגען אין קאפ, שטיפען זיי זיינען זיי קינדער, עס איז זייער צייט; זיי וועלן עלטער ווערן, וועלן זיי גאר אהן שלאגען אויפהערן צו שטיפען. קינדער פאסט צו שטיפען, דאס איז זייער נאטור, זייער לעבען, דערפון געדייהען זיי און וואקסען; און אז איהר שלאגט זיי דערפאר, האט איהר א עבירה פאר גאט און זיי וועלן אייך שפעטער קיינמאל ניט ליעב האבען.

— קינדער, זאגט, איהר האט מיך ליעב? האט שמעון זיך געווענדעט צו זיינע יונגע תלמידים'לעך און האט געמיינט צו בעשטייזען רחל'ען אז זיי האבען איהם ליעב חאטש ער שלאגט זיי אמאל. דאס עלטערע יונגעל האט עפיס אנגעהויבען צו שאקלען מיט די ליפען, אבער דאס וואס ער האט געוואלט ארויס ריידען האט זיך איהם פון צונג ניט אראפ געריסען ער האט אבעטענדען קוק געטהון אויף רחל'ען. ווי ער וואלט געוואלט זאגען: זאג דוא רחל'ע, וואס זאל איך איהם זאגען? האב איך איהם ליעב? קען מען ליעב האבען אזא מענשען וואס האלט מיך אין חדר איינגעשפארט און דער צאהלט מיר מעשות פון פינסטערן גיהנם פון מלאכי חבלה, ווי זיי ברענען דארט און בראטען אלע מענשען וואס פאלען צו זיי אין די הענד אריין?

רחל'ע האט דעם קוק פערשטאנען און האט דאס קינד צו געטוליעט צו זיך. דעם רבינ'ס אויגען האבען זיך דערווייל בעגעגענט מיט די ליכטיגע שאנע אויגלעך פון דעם קלענערן יונגעל, וואס זענען איצט פאל מיט טרערן געוועזן. דאס קינד האט דעם רבינ'ס בייזען קוק געזעהן און האט אנגעהויבען וויינען. קוקענדיג אויף דאס יונגערע ברודערל האט דאס עלטערע קינד אויך צו וויינען אנגעהויבען. אויך

דאס קליינע שוועסטערל. רחל'ען האט זיך דער רבי איצט פארגעשטעלט וויא א־קארשון וואס רייסט זיך אריין אין א נעסט פון יונגע פויגעלעך. זיא האט דיא קינדער מיט קושען און מיט גלעטען, וויא עס איז איינגעשטילט אבער אויף איהר אליין איז א אנגסט אנגעפאלען וואס זיא האט בשום אופן ניט געקענט פון זיך פערטרייבען וויא לאנג שמעון האט אויף איהר זיינע אויגען איסגעשטעלט געהאלטען.

— זאגט מיר, רבי, האט זיא מיט א בעטריבטען געפיהל אויסגערעדט, שבת איז דער גיהנם צו געשלאסען?

— ווער ווייס עס ניט? אוודאי צו געשלאסען, אפילו דער גראסטער רשע איז שבת פריי פון גיהנם.

— פאר וואס זאלען מיינע ברידערלעך שבת ניט פריי זיין פון זייער גיהנם? האט זיא געפרעגט, לאזט זיי, רבי, גענוג פאר זיי א גאנצע וואך! פערשטערט זייא זייער שבת ניט, גלויבט מיר. זיי זיינען ניט ערגער וויא יענע רשעים, וואס מען לאזט זיי שבת אויך רוהען!

זיא האט דיא קינדער ארויס געשיקט אין קאד אריין, אליין האט זיא דעם רבין ברייגעבעטען אין עס־צימער און איהם מכבד געווען מיט טהיי, און מיט אויבס.

— דוא ביזט א וואויל מיידעל, רחל'ע, א וואויל מיידעל, זאג איך דיר! האט שמעון געזאגט אז זיא האט איהם א גלאז זיסע טהיי צוגעטראגען, דוא ביזט גערעכט, אבער איך גיב דיר מיין ווארט, אז איך וועל שוין מעהר דיינע ברידערלעך ניט שלאגען, אפילו זיי א שלעכט ווארט ניט זאגען, צו ליעב דיר רחל'ע, וועל איך זיי ניט שלאגען, אבער דקדוק לערנען מיט זיי, וויא דיין פאטער פערלאנגט, וועל איך ניט, דוא ווייסט וואס דקדוק איז? דאס איז אזא שווערער למוד, נאך שווערער וויא א בלאט גמרא מיט מהרש"א, נו, בין איך ניט גערעכט, אז איך זאג זיי זיינען נאך צו יונג? א רחמנות אויף זיי ניט אמת? —

— לערנט מיט זיי, וואס דער פאטער הייסט אייך, ער ווייס מסתמא, וואס פאר זיי איז גוט, האט זי געענטווערט און איז ארויס געגאנגען. דיא אנדערע גלאז טהיי האט איהם צו געטראגען דיא אלטע פייגע דיא קאכין. דיא קינדער, באלד ווי זיי האבען דעם רבין פאר דיא אויגען ניט מעהר געזעהן זיינען צוריק פרייהליך און לוסטיג געווארן.

דער רבי האט דא זיין טהיי אויסגעטרונקען, ברכה געמאכט אויף דיא גוטע עפעל און בארנען, גענומען א ספר אין האנד, געקוקט, פון פערטראכטקייט ניט געזעהן אפילו דיא אותיות אין ספר, אין שטוב איז שטיל און שלעפעריג געווען און ער האט געהאפט א דרעמעל.

ב.

ביסעל שפעטער אין דעם זעלבען טאג, אז ר' ליזער איז פון זיין שלאף

צימער ארויס, האט ער דא געפונען: ר' שמעון זיצט און דרעמעלט, דער קאפ פאלט איהם אראפ מינוטענווייז, ער ערשרעקט זיך און כאפט זיך אויף, עפענט דיא פערשלאפענע אויגען אויף א מינוט און ווערט ווידער איינגעשלאפען, ער האט איהם ניט געוואלט וועקען און האט געהייסען דער אלטער פייגען איהם געבען א קישען, ער זאל דעם קאפ אונטערשפארן און זיך אזוי ניט פייניגען אין שלאפען מיט דעם וועלן וואך זיין, בעת עס וואכט זיך ניט.

פייגע האט איהם א קישען צו געטראגען. ר' שמעון האט איהר אברכה געגעבען דאס דעם קאפ אוועג געלייגט, זיך אויסגעצויגען אויף דעם דיוואן, אין א מינוט ארום האט ער אנגעהויבען צו כראפען און צו פייפען, ער האט פעסט געשלאפען.

חיהלע, ר' ליזערס פרוי, איז אויך אויפגעשטאנען, זיא האט געגעל נאסער אבגעוואשען צו רעכט געמאכט אויף זיך איהר קלייד, און איז אויך אין עס צימער אריין, זיא האט אויך דעם רבי'ן ניט געוואלט וועקען און האט געהייסען מתיי דערלאנגען אין קעסעדקא אין סאד.

נאך דעם מתיי טרינקען האט חיהלע גענומען לייענען דעם טייטש חומש, ר' ליזער מיט רחל'ען זיינען געגאנגען שפאצירן.

ר' ליזער קאהאן איז געוועזען א יוד פון קרוב צו פירציג יאהר, הויך און פאל געבויט, א שאנעם געזיכט איינגעפאסט אין א שווארצען בארד, וועלכער האט זיין פארנעהמעס אויסזעהן נאך שאנער און פארנעהמער געמאכט, געקליידעט ניט גאר ניי מאדיש, אבער אויך ניט וויא ערגעץ א אנדער יוד פון דעם שטעדטעל, עפיס איידעלקייט, פארנעהמקייט איז אויף זיין גאנצען וועזען געלעגען. יעדער וואס האט איהם בעגעגענט, האט זיך ניט וועלענדיג מיט רעספעקט פאר איהם פערבייגען און איהם מיט כבוד געגריסט.

זיין טאכטער רחלע, אדער "דיא שאנע רחלע", וויא אלע האבען זי פון קינד-הייט אן גערופען, האט דעם פאטערס געזיכטס-ציגען געהאט, נור מיט א בעזאנ-דערן חן בעשאנקען, מיט דעם חן וואס ציהט צו זיך צו יעדעס אויג וואס איז אפען א שאן בלימעלע אנצוקוקען און זיך פערגניגען בעוואונדערנדיג די ליעבע אנגענעהמע פארבען און איידעלקייט בעת עס בליהט.

רחלע האט וויא א שאנע רויזע געבליהט. קיין שאטען פון ערגעץ א דאגה אדער פערדרוס, האט נאך איהר שאנע ליכטיגע שטערן ניט בעטריבט. איהרע דונקעל שאנע אויגען פון אונטער איהרע לאנגע שווארצע ברעמען, זיינען נאך ניא פערדונקעלט געווארן פון יענע טרערן וועלכע קומען טיף פון הארצען און אז זיי בייסען זיך דורך דיא אויגען ארויס לאזען זיי א טריבען וואלקען אויף דעם געזיכט, זעלבסט ווען זיי טריקענען שוין אב... אזעלכע טרערן האט נאך רחלע קיינמאל ניט פערזאסען. דערפאר האט זיא געבליהט וויא א יונג בלימעלע אין א שאנעם פריהלינגס מארגען פאל טוי און לעבען און די זון האט איהר ליכטיג געשיינט און די וועלט האט זיך איהר פארגעשטעלט בעסער, אנגענעהמער, וויא זיא האט זיך פארגעשטעלט דעם פאטער וועלכער איז דא איצט נעבען איהר געגאנגען.

איהר וואוכס וואר נאך איהרע יאהרן, ניט הויך ניט נידריג. אלע איהרע

גלידער וויא פון אפורעם ארוים , וויא עס וואלט דעם קינסטלער בעזאנדערע אויפ־מערקזאמקייט אונ זארג געקאסט איינס זאל ניט ערגער זיין אלס דאס אנדערע , געטעם חן אונ חסד איז אויף איהר אויסגעגאסען געוועזן פון פאלער האנד אונ ניט אומזיסט האבען זעלבסט קליינינצער איינוואהנער , זיא פאר די שאנסטע אין דער וועלט ערקענט אונ זיא ניט אנדערס אנגערופען : „די שאנע רחל׳ע ״די גוטע רחל׳ע״ נאר פאר ווירקליך איז זיא אזוי שאן וויא גוט אונ אויך אזוי גוט וויא שאן געוועזן . די קליידער אויף איהר האבען שטענדיג אויך געפאסט - אונ הארמאנירט צו איהר שאנקייט אונ שטאדטישע מיידלעך פלעגען אפט זאגען : „דער נגיד האט דעם מזל , דאכט זיך , דערזעלבער שניידער , די זעלבע מאטעריע אונ אויף איהר ליגט דאס קלייד וויא זיא וואלט מיט דעם געבוירן געווארן , מע דארף צו אלץ מזל האבען ! שטאדטישע מבינים זיינען ניט איינינג געוועזן , מאנכע האבען געזאגט : זיא איז מעהר אהנליך אין געזיכט צום פאטער , אונ מאנכע האבען געזאגט : זיי געדיינקען צו די מוטער , אין איהרע יאהרן , איז געוועזן וויא צוויי טראפען וואסער גלייך צו רחל׳ען איצט , האטש אין יענע יאהרן איז חיילע נאך ניט אזא פראנטיכע געוועזן , אבער אויף איהר פלעגען אויך די קליידער איהרע ליגען וויא אויסגעגאסען , נור וועגען איהר גוטסקייט , האבען אלע מודה געוועזן אז זיא איז נור אין פאטער געראטהען . אויך אין איהר רייד ען , אין איהר פערטראכטען זיך , איהרע פאהיגקייטען אלעס אויפ־צופאסען אונ צו בעגרייפען האט מען געזאגט : ״זיא האט דעם פאטערס קאפ אויף זיך . זיא איז ר׳ אברהם קאהאנס אאיינקעל , זיא האט אין וועמען געראטהען צו זיין !

אז חיילע פלעגט אמאל הערן זאגענדיג : „רחל׳ע איז , אהן א בייז אויג , פונקט דער פאטער״ , פלעגט איהר פון איין זייט א הנאה טהון צו הערן וויא מען לויבט דער מיט איהר קינד אונ איהר מאן צו גלייך , פון דער אנדערער זייטע אבער האט עס איהר אויסגעוויזן , אז צו ליעב איהר קינד ווערט זיא אין גאנצען ניט אנגעזעהן , ניט מיט איהר שאנקייט , ניט מיט איהר שכל אונ פלעגט מיט דאסאדע אויסריידען די ווארטער : „לאז זיא זיין אזוי שאן וויא איהר פאטער , פון מיינעטוועגען אויך אזוי גוט וויא ער , אבער פרום זאל זיא זיין וויא איהר מאמע , אונ זויא איהר מאמעס מאמע !... אין איהרע יאהרן בין איך אויך געוועזן צ פערשוין , איצט געדענקט גאט מיין שאנקייט אונ לעגט עס אויף מיין קינד , אונ די מאמע דארף נור זיין גליקליך דער מיט !״

עס פלעגט פון דעסטוועגען טרעפען אז חיילע פלעגט רחל׳ען צום שפיגעל צו פירען אונ דא זיא אונ זיך גוט בעטראכטען אונ האטש זיא פלעגט אויך געפינען אז איהר שאן קינד איז צום פאטער אהנליכער אלס צו איהר , פלעגט זיא אבער אויך געטרייסט זיין אונ אוועג געהן פון שפיגעל מיט דעם בעוואוסט זיין , אז זיא , חיילע . איז נאך אויך גענוג שאן אונ איז זיא ניט אזוי יונג וויא איהר רחל׳ע איז זיא דענאך די שאנסטע אונ פארנעהמסטע פרוי אין קליינינץ געוועזן אונ אפשר אין אנדערע שטאדט וויא קליינינץ אויך . — וואס מעהר רחל׳ע האט אנגעהויבען בייפער אונ שאנער ווערן דאס מעהר האט חייעלע אנגעהויבען אויף זיך צו קוקען אין שפיגעל , זיך קליידען שאנער , זיך פוטצען אונ היטען איהר געזיכט פון דער זון אויפן גאס אונ

פון פייער אין קיך פונקט וויא זיא וואלט מורא געהאט, אז אין דעם ערך וואס איהר קינד ווערט שאנער מוז זיא מאוסר ווערן און וואס מעהר. עס האט זיך רחל'עס גוט הערץ און איידעל געפיהל אנגעהויבען ארויס צייגען. דאס מעהר האט חייעלע אנגעהויבען ווייזען איהר פרומקייט, איהר גאטספארכטיגקייט און איהר אמונה אין רבין זאל לעבען און האט זיך געלאזט ערקאנען זיינע נביאים און זיינע חסידים. און טאקי דערפאר האט זיא אפט מעהר אכטונג געוויזען דעם אלטען ר' שלמה'ן, איהר מאנ'ס עלטערן ברודער אלס איהר מאן זעלבסט, ווייל ר' שלמה איז אויך געווארן א חסיד נאך זיין פאטערס טויד און פאהרט צום רבין עטליכע מאל אין יאהר, אויך שמעון מלמד איז ביי איהר געווען א תקיף פאר זיינע חסידות חאטש איהר מאן און איהר קינד האבען איהם ניט ליעב געהאט.

נעהענדיג אזוי שפאצירן האט רחלע ערצעהלט דעם פאטער דיא סצענע מיט ר' שמעון און דיא קינדער. דער פאטער האט איהר צו פערשטעהן געגעבען, אז ער האט קיין אנדער ברירה ניט. קיין בעסערע מלמדים זענען ניטא. יעדער לערנט מיט זיינע תלמידים מיט דעם זעלבען דרך וואס זיין רבי האט מיט איהם געלערנט. יעדער געדענקט דעם קאנטשיק וואס ער האט אין זיין צייט אויסגעליטען און מיינט אז אנדערש קען גאר ניט זיין. „מען מוז ליידען, ליעב קינד. ביז אצייט; לאזען דיא קינדער עלטער ווערן, אז גאט וועט כיך לעבען לאזען. האף איך, וועלן זיי לאזען פון זייער רבין שמעלען ניט ליידען.

— אבער עס איז דאך א רחמנות אויף זיי. זומער איז נאך א האלבע צרה, זיי געהען ארויס שפילען אויפן הויף. אבער זיצען ווינטער אגאנצין טאג אין דעם ענגען חדר'ל, זיך אנציהען מיט דעם רויך פון רבינ'ס הילצערנע פיפקע וועלכע ער לאזט פון מויל ניט ארויס, דערצו נאך בעקומען א שמיץ מיט זיין קאנטשיק איבער זייערע יונגע ביינדעלעך. דאס איז דאך א גיהנם א וואהרער פאר זיי און זייער רבי איז זייער גיהנם שמש!...

— מיין טאכטער, האט דער פאטער געענטפערט, פערגעס ניט, מיין קינד, אז זיי דארפען ניט בעסער זיין אלס אנדערע קינדער. איך ווייס פאלע, וואס קינדער זיטצען נאך האלב הונגריגע און האלב נאקעטע אין נאך ערגערע חדרים וויא שמעונ'ס חדר, גלויב מיר. זיי זענען אויך פון בלוט און פלייש. אויך ציטריגע קינדער ביי זייערע טאטעס און מאמעס; מיר דארפען ביי זיך אליין ניט צו גרויסע רחמנים זיין, מיין קינד.

רחל'ע האט א זיפץ געטהון, פאטער האט זי געזאגט, איז אפשר מעגליך דו זאלסט איהם ביי אונז אין פליגעל אבגעבען א צימער זיין חדר צו מאכען? איך וואלט קענען אכטונג געבען אויף דיא קינדער. יעדענפאלס וואלטען זיי זיטצען חאטש אין א ברייטעם גרויסען חדר.

— איך האב עס שוין אליין געטראכט, אבער איך מוז דיר דעם אמת זאגען מיין טאכטער, איך וויל שמעונ'ן אזוי נאהענט ניט האבען. איך ווייס ניט פאר וואס, נור איך האב איהם פארט ניט ליעב. מיט אזעלכע וויא ער איז מיר ליעבער פון ווייטען צו זיין.

, האב איהם אויך ניט גערן, האט זיא זיך אבגערופען, עס קומען צו אונז אין שטוב אריין הונדערטער מענשען, קיינער מאכט אויף מיר אזא איינדרוק ניט וויא ער, איך פרעג ביי זיך: וואס האב איך צו איהם? וואס האט ער מיר פאר א שלעכטס געטהון? אפט צוגעהט מיר דאס הערץ קוקענדיג אויף זיין צוקנייטשטע הויט וואס דעקט צו קוים דיא ביינער פון זיין עלענד פנים. איך גיב איהם גערן א טרונק ברוינפען, אגלאז טהיי, אמאל לייה איך איהם עטליכע קאפעקעס. איך ווייס, ער איז הונגעריג און פערשמאכט, דענאך פיהל איך יעדעסמאל ווען איך דערזעה איהם, וויא א ווייטיג אין הערצען און זיין רחמנותדיג פנים שטעהט מיר פאר מיינע אויגען האטש איך זעה איהם שוין ניט.

— עלענד, ארעמקייט, קען קיין בעסערן איינדרוק ניט מאכען, מיין קינד. גאט זאל דיך אבהיטען זיך צו בעגעגענען מיט זיי!

זיא האט ווייטער ניט געפרעגט און אזוי זיינען זיי שטיל און פערטראכט געגאנגען ביז אויסען שטאדט. ניט גרויס איז דאס שטעדטעל געוועזן און ניט פיל האט מען בעדארפט געהן ביז צו קומען אויסען שטאדט. וואו עס האבען זיך דיא שטאדטישע הייזער געענדיגט איז דיא לופט פרישער און ריינער געווארן און דיא שפאצירענדע זיינען זיך ווייטער גלייך מיט דעם וועג געגאנגען, וועלכען עס האבען וויא א סכה אריבער געדעקט גרינע צווייגען פון דובאווע בוימער געפלאנצטע דא נאך פון אלטע צייטען. ווייט פון שטאדט זיינען זיי צוגעקומען צו דער פערוויכערטער קוזנא, פון וועלכער דער שמיד האט איצט ארויס געטראגען ארויטע אנגעגליהטע פאדקאווע און האט זיא ארויף געלעגט אויף דער נאקאוואלנע. אקליינער לערן יונגעל האט אנגעהויבען קלאפען דארויף מיט א שווערן האמער און פונקען זענען געפלויגען פון אלע זייטען.

— אויך אייזען קען מען ווייך מאכען! האט דער פאטער ארויס גערעדט און איז געבליבען שטעהן.

— געגען וואס זאגסטו עס, פאטער? האט רחל'ע געפרעגט. ער האט אקוק געטהון אויף איהר צארטליך און האט ניט געענטווערט. זיא האט ניט איבערגעפרעגט. אין דיא לעצטע צייטען האט זי אנגעהויבען שפירן עטוואס אין פאטער וואס פריהער האט זיא עס אין איהם ניט בעמערקט, אדער קיינמאל זיך וועגען דעם ניט בעקימערט. איצט האט זי געפיהלט, אז איהם דריקט עטוואס, ער טראגט עפיס אין זיין הארצען. וואס ער קען איהר ניט זאגען, איהר האט דאס הארץ וועה געטהון, זיא האט איהם אלס קינד הייס געליבט, איהם געאכטעט און פערעהרט וויא דעם אייגציגען ארדענטליכסטען און פיינסטען מענשען וואס זיא האט געקענט אין איהר גאנצער וועלט. זיא האט אבער פאר ניט ארדענטליך געהאלטען איהם איבערצופרעגען דאס וואס ער ענטפערט ניט אויף איינמאל פרעגען.

ער איז דא א מינוט געשטאנען און צוגעקוקט וויא דער אלטער שמיד בייגט דיא פאדקאווע וויא איהם געפעהלט. ער האט זיך אין דער רגע דערמאנט, אז מיט פיעל יאהרן צוריק, בעת ער איז נאך אקליין יונגעל געוועזן איז ער דא אויך געשטאנען און געקוקט וויא דער אייגענער שמיד האט אויך באמאלס פונקט וויא

איצט אפאדקאווע געשמידט. נור דאמאלס וואר דער קאפ־זייגער נאך ניט אזוי ווייס געשנייט וויא איצט, זיינע הענט ניט אזוי אויסגעטריקענט און דיא אדערן האבען דורך די הויט ניט אזוי דורך געקוקט וויא אין דער מינוט. „דרייסיג יאהר זיינען אזוי אריבער פון יענער צייט", האט ער געקלערט. יוא, דאס איז אגוטע העלפט פון מענשענס לעבען, וויא אנדערס האב איך דאן געקוקט אויף דעם שמיד און אויף זיין ארבייט אלס איך קוק איצט! וואלט איך איצט יענע קינדערשע יאהרן האבען צוריק, צוריק א קינד ווערן וויא געוועזן, איך וואלט שוין וויסען וועלכען וועג צו געהן און ניט בלאנזשען וויא היינט; אבער נור איינמאל איז מען יונג און יעדער פעהלער אין דער יוגענד בעת מען ווייס ניט דיא צייט וויא צו בענוטצען, איז פערפאלען, אוועק אין דער עוויגקייט, און קיין שכל און פראקטיקע וועלן צוריק ניט אויסקעהרן דאס וואס איז אין דיא קינדער יאהרן פערלארן געווארן!".

ער האט אקוק געטהון אויף רחל'ען, זיא איז אויך פערטראכט געוועזן. „איז ניט נאריש פון מיר?" האט ער ווידער זיך געפרעגט. וואס מיר ווילט זיך איצט צוריק אקינד ווערן אום אויסצובעסערן דאס וואס איז איצט אין מיין לעבען. דורך יענע קינדער יאהרן ניט וויסענדיג פערדארבען געווארן? ברויך איך יעטצט פערלאנגען וואס אונמעגליך איז. בעת מיין ליעב קינד איז געבען מיר און איך קען אלעס טהון פון איהרעטוועגען זיא גליקליך צו מאכען מיט דער ערפאהרונג וואס דיא צייט האט מיר געגעבען און וואס קאסט מיר אזוי פיעל זארג און טהרערן? — נארעשקייט, איך האב ניט מיט וואס אונצופרידען צו זיין. דיא פרייד וואס איך האב קוקענדיג אויף מיין קינד, ווי עס איז געראטהען, וויא עס בליהט און וויא עס פערשטעהט מיך, ווען איך רייד, זעלבסט ווען איך שוויג. דיזע פרייד איז אים שטאנדע אבצוקויפען אלע אונאנגענעהמליכקייטען וואס איך האב אין לעבען. יא, איך קען ווידער צופרידען און גליקליך זיין! מיט א טעות נור האב איך געמיינט אז דיא יוגענד קעהרט ניט צוריק; זיא קעהרט צוריק, זיא קומט נור אין א אנדער געשטאלט. „א קינד האבען", הייסט: צוריק דיא קינדערשע יאהרן בעקומען". דיא יוגענד מוז שטענדיג אונער־פאהרן זיין דאריבער בלייבען דיא אלטערן מיט זייער ערפאהרנהייט דאס אונער־פאהרענע קינד אין רעכטען וועג צו לייטען. דאס קינד איז קיין צווייטע פערזאן. נור דיזעלבע פערזאן וואס איז געוועזן אין מיר אין יענער צייט בעת איך בין אין איהרע יאהרן געוועזן איז מיין קינד איצט און איך בין ווידער יונג, ווידער אקינד אין מיין רחל'ען! און ווירקליך, צו וואס לעבען דען אלטערן? לעבען זיי דען ניט צו ליעב דעם נור זיי זאלען זייערע, אין יוגענד בעגאנגענע פעהלער אין זייערע קינדער אויסבעסערן? יוא, אזוי איז עס, אלטערן לעבען צו ליעב זייערע קינדער, דיא קינדער לעבען צו ליעב דעם, זיי זאלען אויך אלטערן ווערן, און אזוי בענייט זיך דיא וועלט: פון יונג ווערט אלט, פון אלט ווידער יונג, וויא טאג און נאכט, וויא זומער און ווינטער, אין אלטערן און קינדער איז דיא עוויגקייט, דער אימער־וועהרענדער נאטור וועקסעל. גליקליך איז דער וואס פיהלט עס, וואס ערקענט עס און ווייס דיא צייט וויא צו בענוטצען צום נוטצען וואס גאט פערלאנגט!..—

רחלע האט זיך אויך פערטראכט. דא אויסען שטאדט האט זיא אלע ארטער

דערזעהן וואו זיא פלעגט אמאל אין איהרע קינדער יאהרן אומלויפען מיט איהרע חבר'טארינס. דא פלעגט זיא צוקוקען דיא מלחמות פון דיא יונגלעך פון פער־שידענע חדרים, וואו איהר שוועסטער קינד, משה'לע איז דער מלך געוועזן אונ פלעגט די יונגלעך מוסטירן וויא די סאלדאטען אונ ניט לאזען אז ווער פון זיי זאל זיא אוועק טרייבען אדער א שטיין ווארפען וויא זיי פלעגען טהון אנדערע מיידלעך. אלע ארטער דא אויפן פרייען פעלד זיינען איהר גוטע בעקענטע געוועזן: אן דארט דאס וואלדעל, וואו משה'לע פלעגט אלע תשעה־באב געהן מיט זיינע חברים ניס רייסען, אונ דארט דאס זינג פויגעלע; אך, עס זינגט נאך דאס זעלבע לידעלע אזוי זיס, אזוי ליעב וויא דאמאלס! וויפיעל מאל האט דער אייגענער משה'לע געוואלט עס מיט אשטיינדעל פון זיין נעסט פערטרייבען אונ זיא פלעגט איהם אלץ בעטען ער זאל עס ניט טהון. אונ דא אונטער דעם בוים פלעגט זיא מיט איהם זיטצען, זיך צו הערן דאס זיסע לידעלע, זיך אויסרוהען פון דעם ווייטען וועג, וואס זיי זיינען געגאנגען פון דער היים ביז דאנען. זיא האט זיך איצט דערמאנט וואס משה'לע פלעגט איהר דאן ערצאהלען, אז דאס פויגעלע זינגט שירה צו גאט. גאט פערשטעהט דאס לידעלע; דאס פויגעלע איז אפרומע פויגעלע. וואס האט געטראגען וואסער אין זיין פיסקעלע צולעשען דאס פייער בעת דער בית המקדש האט געברענט. דאס פויגעלע וויים נביאות צו זאגען אונ ברייננט גוטע בשורות אונ זאגט זיי אן אז עס פליהט אויפ'ן שויב ארויף. זיא האט איצט אויך דאס לידעלע געהערט זינגענדיג. שטיל אונ איינזאם וואר דאס פעלד ארום אונ דאס געזאנג פון פויגעלע האט זיך קלאר געהערט אונ רחלע האט געמיינט זיא איז אקינד. זיא געהט עס ניט מיט איהר פאטער אבער מיט זיין ליעבען פלימעניק משה'לען וויא אין יענע יאהרן אז זיי זיינען נאך ביידע קליינע קינדער געוועזן. אזוי טראכטענדיג האט זיא ניט געמערקט וויא פערטראכט דער פאטער איז, אזוי זיינען זיי צוגעקומען צום ברעג וועלדעל. דא האט דער פאטער אויפן טרוקענם גראז זיך אראפ געלאזען, רחלע האט פארשפרייט אטיכעל אונ זיך אויך געזעטצט.

— הערסטו, מיין טאכטער, דאס פויגעלע זינגען? האט דער פאטער געזאגט פונקט אזוי האט מיט דרייסיג יאהר צוריק דעם פויגעלעס אעלטער עלטער זיידע געזונגען, דאמאלס בין איך נאך א קליין יונגעל געוועזן אונ פלעג דא אויך שבת ביי טאג זיטצען אונטערן בוים אונ הארכען זיין געזאנג. אלץ דאס אייגענע לידעלע, אלץ דיא זעלבע שטימע! גליקליכע בעשעפענס'ן זיינען דיא פויגעלעך. זיי דארפען גאר ניט זארגען פאר זייערע נאכקומענדע קינדער אונ דורות. זיי מאגען זיכער זיין אז יענע וועלן אויך ניט ערגער זינגען אלס זיי אליין; אבער ווער קען אונז מענשען פערזיכערן, אז אונזערע קינדער נאך אונז וועלן אויך אזוי שאן דאס לעבענס לידעלע זינגען וויא מיר זייערע עלטערן?

— פאטער, האט רחלע געענטפערט. דיא פויגעלעך זינגען ווירקליך איצט פונקט אזוי אונ מיט דערזעלבען שטימע וויא עס האבען זייערע עלטערן געזונגען מיט דרייסיג, אדער מיט פיעלע הונדערטען יאהרן צוריק. אבער איבער אַיאהר אונ איבער הונדערט יאהר וועלן זייערע קינדער אויך אלץ דאס זעלבע לידעלע זינגען אונ ניט בעסער אויף

איין האר. וויא דאס ערסטע אזוי וועט אויך דאס לעצטע פויגעלע זינגען; מיר מענשען זינגען טאקי אמאל ערגער אין אונזער צייט אלס עס האבען געזונגען אונזערע עלטערן זייער לעבענס לידעל אין זייער צייט, דערפאר אבער טרעפט אויך דאס מאנכע קינדער זינגען אויך בעסער, זיסער אונ אנגענעהמער. ניט אמת, פאטער, די פויגעלעך ווערן געבוירן מיט זייער לידעלע? זיי לערנען עס ניט. אונ קענען ניט בעסער קענען אלס זיי זיינגען פון נאטור געבוירן, מיר ווערן געבוירן גאנץ אונוויסענד אונ קאנען גאר ניט, אבער אז מיר לערנען קאנען מיר ערבייכען וואס בעסער אונ וואס ערהאבענער איז! ...

ער האט איהר קאפ צו געדריקט צו זיין ברוסט אונ איהר אקוש געטוהן.

— יא מיין קינד, דוא ביזט מיין זינג פויגעלע, אבער איך ווינש דיר א שאנערעס אונ ליבערעס לידעלע צו זינגען אין דיין לעבען אלס עס זינגען דיין פאטער אונ דיינע מוטער... איך האפע אונ איך בין כמעט זיכער אין דעם, גאט זאל מיך נאך לאזען הערן דאס בעסערע לידעלע וואס דוא וועסט זינגען מיין ליעב קינד!

— ווען דוא ווילסט דוקא בעסער. ליבער פאטער, מוז איך דיר עס נאך געבען אונ בעטען ביי גאט ער זאל דאס לידעלע מיר פארזינגען, זאנסט ווינשע איך מיר נור אזוי גוט צו זיין ווי מיין פאטער איז, אזוי בעליבט אונ אנגעזעהן ביי מענשען צו ווערן ווי ער, אויך אזוי אויסלעבען מיינע יאהרן ווי מיין גוטער קלוגער זיידע. אך, ווען אלע זאלן אזוי גוט אונ פרום זיין ווי מיין זיידע, אזוי אנגעזעהן ביי לייטען אונ אזוי קלוג אונ עהרליך זיין ווי מיין פאטער איז וואלטען עלטערן גאר ניט ברויכען ווינשען אז זייערע קינדער זאלן בעסער זינגען זייער לעבענס לידעלע אלס זיי, וויא דיא פויגעלך אויף די בוימער וואלטען מיר אלע צוזאמען איין שאן לידעלע זינגען אונ דאס וואלט זיין א שירה צו גאט, אונ ער וואלט צופרידען זיין אונ מיר אלע: עלטערן אונ קינדער וואלטען גליקליך זיין!

ביי דיא רייד האט דאס פויגעלע פון דאס נייע אנגעהויבען זינגען, דער פאטער מיט זיין טאכטער האבען צו געהערט מיט פרייד, א האלב שעה נאך איינאנד האט עס געזונגען אונ דיא טרעלן האבען זיך געגאסען וויא א קלאר וואסערל. א שטיל ווינטעל האט צוגעטראגען צו זיי א אנגענעהמען גערוך פון פרישען היי, וואס איז ניט ווייט פון זיי ערסט געשניטען געווארן, פלוצלונג האבען זיי דערהערט אגערויש, וויא פון אגרוים וואסער וואס הייבט אן מיט אמאל צו פלייצען, דער פאטער האט זיך ערשראקען אויפגעהויבען.

— פאטער, דאס זענען דיא סלוזען. ניט ווייט פון דאנען איז דער שטאוו, דער מיהלנער האט געוויס געעפענט די סלוזען ווייל מארגען איז זונטיג שטעהט די מיהל.

— קום אהיים, מיין טאכטער, האט דער פאטער אויסגערעדט זעהר בעטריבט. דער רויש פון די סלוזען האבען איהם דערמאנט וויא מיט צעהן יאהר צוריק איז ער דא נעבען מיהל געשטאנען אונ האט געהאלפען אפענען דיא זעלבע שלוזען בעת זיין טהייערער ברודער ראובן איז דא אין שטאוו דערטרונקען געווארן. דאמאלס איז נאך דיא מיהל זיינע געוועזן.

— פאר וואס, האסטו דיא מיהל פערקויפט? האט רחל'ע געפרעגט, דאס איז

דאך דער מוטערס ירושה מיהל געוועזן? נאך איצט רופען זיא אנדערע: היילע דעם מיהלנער׳ס׳.

— דיא מיהל, מיין טאכטער, האט ביי מיר אטהייערן ברודער צוגענומען. געדיינקסטו נאך דיין פעטער ראובן? איהם האב איך דיא מיהל פערדונגען אונ אמאל אז ער איז געגאנגען דא דיא שליזען פערליינגען איז ער אין וואסער אריין אונ מע האט איהם ארויסגענומען אטויטען. יא, אויך דוא מיין קינד, האסט דורך דעם אונגליק אטבריען אונ אקלוגען פעטער פערלארן אונ איך האב שוין נאך אזא גרויס אונגליק דיא מיהל ניט געוואלט האבען. איך האב זיא פערקויפט אבער מיין טרויער דערמאנט זי מיר ווען איך קום נור נאהענט צו איהר.

— אונ אויך מיין ליבען שוועסטער קינד משה׳לען האב איך פערלארן! האט זי צוגעלענט זעהר בעטריבט. דאס פויגעלע האט ווידער אנגעהויבען זינגען, נור דאס מאל איז רחל׳ען זיין לידעל ניט אזוי זיס געוועזן וויא פריער. זיא האט זיך דערמאנט. וואס איהר שוועסטער קינד משה׳לע האט איהר אמאל ערצאהלט אז דער רבי זיינער, האט איהם געזאגט אז דאס איז ניט א פויגעלע, נור א גלגול אדער א נשמה פון א חזן וואס פערשטעלט זיך אין אפויגעלע. "ווער ווייס, האט זיא געקלערט. צו איז ניט דא אין דעם פויגעלע, דיא נשמה פון מיין דערטרינקענעם פעטער? ער איז דאך אויך אחזן געוועזן, לייט ערצאהלען נאך איצט וויא שאן ער פלעגט דאווענען ראש השנה יום כפור פארן עמוד. זיא האט ניט געגלויבט אין דיא סקאזקעס, אונ האט פון זיך אליין געלאכט וואס איהר איז איצט אזא נארעשקייט אין זינען אריינגעקומען דענ־נאך האט איהר דיא שטימע פון פויגעלע געקלונגען איצט וויא אקלאג לידעלע פון א יונגער נשמה, וועלכע קלאגט אונ וויינט, וואס זיא איז אהן אצייט פון דער וועלט אוועק, זיא איז אונבמוטהיג געווארן.

אז זיי זיינען צוריק אין שטעדטעל אריינגעקומען, איז שוין דיא גאס וואס פיהרט צו זייער היים אבגעלעבט געוועזן, פריהער האט אלעס דא גערוהט, אפילו די פויגעלעך האבען אין זייערע נעסטען געדרעמעלט, איצט איז אלעס וואך, אויפן גאס האבען זיי בעגעגענט יודען מיט לאנגע קאפאטעס, מיט לאנגע פאות, וועלכע װארפען זיך אום פון ווינד אהין אונ אהער, ביי מאנכען בלאזט דער ווינד פאנאנדער דיא לאנגע פאלעס פון דער קאפאטע, אונ עס זעהט זיך ארויס אגרויסער טלית קטן וואס דעקט צו ביז איבער דיא קניא, מאנכע געהען אין שיך אונ עס זעהן זיך ארויס דיא צוריסענע זאקען, וויא עס איז צו זעהן אין דיא קליינע שטעדלעך שבת מנחה צייט, בעת דיא הייסע חסידים טהוען אן זייערע בגדי שבת אויף זיך.

— מיך פערדריסט, האט דער פאטער געזאגט, וואס דיא מענשען בלייבען פון דער צייט ניט אונפעראנדערט וויא מאנכער ארט, דא אין גאס אונ דארטען אויסען שטאדט איז נאך איצט אויך אלץ אזוי וויא עס איז געוועזן מיט צוואנציג, מיט דרייסיג יאהר צוריק, קוק איך אבער אויף דיא מענשען גלויבט זיך מיר גאר נישט צו זיינען דאס דיזעלבע וועלכע איך האב געקענט אין יענע צייטען. קענסטו גאר גלויבען. מיין טאכטער, אז אט דער הירש לייבעלעס אדער דארט ר׳ וואלף בונים׳ס זיינען אמאל ליכטיגע יונגלעך געוועזן, מייגע ליבסטע אונ בעסטע חברים! לעבעדיגע

קינדער, שאנע און ריינע. מיט זיי האב איך געשטיפט, געלאכט פון אונזער רבין ר׳ ברוך מנקר. ביי אונז איז אקען געוועזן איבער צוקריטען אלע ווילדע חסידים, וויא זיי דאווענען, וויא זיי עסען און וויא זיי ריידען. ווער וואלט מיר דאמאלס געזאגט, אז דער הערשעל וועט איצט אזא משוגענער חסיד ווערן, וועט אומגעהן מיט שיך און זאקען און מיט א טלית קטן וואס זיינע ציצית שלעפען זיך ביז דער ערד? ווער וואלט געגלויבט אז דער וואלפקע, וואס איז אזא שאן ליכטיג יונגעל געוועזן, וואס דיא מאמע זיינע פלעגט איהם אלע מינוט א עין הרע שפרעכען איבער זיינע רויטע באקען און ליכטיגע אויגען וועלכע האבען דאן וויא פייער געברענט, וועט גאר איצט ווערן א פלאסקאדרייגע מיט א לאנגער האלז מיט א אויסגעשטרעקטען גארגעל און מיט אויסגעלאשענע אויגען און וועט אומלויפען אזוי שמוטציג, אז עס וועט איבעל ווערן געבען איהם נאהענט צו שטעהן? און דיזע אלע האבען זיך פעראנדערט ניט נור אין זייערע קליידער און מנהגים, אבער אויך דיא נאטורן זענען אנדערס געווארן. גוטע זענען זיי געוועזן, בערייט דאס לעצטע ביסען אוועק צו געבען א ארעמען חבר א יתום; ווען מיר האבען א חברה געמאכט פאר ארעמע ישיבה בחורים קויפען העמדער און שטיוועל, וויא גערן פלעגט יעדער פון זיי דיא לעצטע קאפעקע אוועק געבען אין דער חברה אריין! און וואס זענען זיי איצט? קארגע, פראצענטניקעס, שווינדלער, שענקערס. דאס גאנצע לעבען און צוועק פון לעבען איז דער רובעל. פונקט וויא ער וואלט ווירקליך דער תכלית זיין פון לעבען, און ניט דאס אנשטענדיגע לעבען וואס מען קען דורך דעם געלד זיך מאכען.

עס וואלט מיר ניט באנג טהון אזא ערשיינונג, האט ער ווייטער געזאגט, אז איך זאל וויסען אז נויטה ברייננט זיי צו אזא ארט לעבען, אבער איך וויים גוט אז פיעל פון זיי האבען היינט מעהר אלס זייערע עלטערן האבען אין יענע יאהרן געהאט. פרעג איך: ווי ווערט אזוי אמענש שמוטציג און ווילד ווען נויטה און מאנגעל ברייננען איהם ניט דר צו? מיך פערדריסט עס נאך מעהר, ווייל איך בין צווישען זיי אלעמען אליין געבליבען. אליין, דאכט מיר, וויא איך בין געוועזן, מיט מיין נאטור, מיט מיין הארץ און גאט צודאנקען, אויך מיט מיין געוויסען. פערשטעהען זיי דען ניט וואס איך? ניין, זיי זענען פויל: ניט טראכטען, ניט קלערן, בלינד גלויבען אדער זיך פערשטעלען אז זיי גלויבען בלינד, איז זיי גרינגער. און זיי זענען פערמאסקירט; אבער קען אמענש אייביג אונטער דער מאסקע ליגען? מיר קומט אמאל פאר אערנסט ווארט צורעדען האב איך ניט מיט וועמען. חאטש זיי זענען נאך בעסערע לערן קינדער געוועזן אלס איך דאן.

עס איז ווירקליך א פערדרוס. האט זיא צוגעשטימט, אבער זאג מיר, וואהער קומט עס? דאס איז דאך ניט דער פאל מיט איין מענשען, דוא האסט דאך כמעט איינעם ניט, וואס איז נאך היינט ווי ער איז אין יענע יאהרן געוועזן. מסתמא מוז דאך דארין א נאטור זאך זיין און ניט זייא, אפשר ביזטו גאר א אויסנאהמע פון אלעמען?

— נאך מיינער מיינונג, האט דער פאטער געענטפערט. קומט דאס דערפון נור ווייל ביי זיי האט די געגענווארט קיין צוזאמענהאנג מיט זייער פערגאנגענהייט.

— וויא מיינסטו עס? ערקלער מיר בעסער, איך פערשטעה עס ניט.

— זיי ווייסען מיין קינד, האט ער אנגעהויבען ערקלערן, דאס דעם מענשענס לעבען בעשטעהט פון דריי צייטען: פון דער פערגאנגענער, וואס איז שוין געוועזן, פון דער געגענווארטיגער, וואס איז איצט אונ פון דער צוקונפט וואס וועט ערסט זיין, קירצער געזאגט: פון נעכטען, פון היינט אונ פון מארגען; דער היינט בארף שטענדיג וויא א מיטעלסטער רינג זיין איינגעשלאסען אין דעם נעכטען אונ אין דעם מארגען. א בהמה האט קיין פערגאנגענהייט אונ קיין צוקונפט ניט, דער מענש אבער לעבט אין זיין היינט מיט דער ערינערונג וואס איז נעכטען געוועזן אזוי גוט ווי מיט דער האפנונג וואס וועט ערסט מארגען זיין. דאריבער זענען דיזע געוועזענע חברים מיינע אזוי וויא דיא בהמות להבדיל, דאריבער פיהרן זיי זיך אויף מיט זייערע קינדער אזוי אונמענשליך, אזוי ניט קלוג ווייל זיי געדענקען גאר ניט אז זיי זעלבסט זענען אויך א מאל קינדער געוועזן, וועלכע האבען א מאל אנדערס געפיהלט. אנדערע פערגניגען געהאט אונ אין א אנדער וועלט געלעבט. וואלטען זיי אבער זייער פערגאנגענהייט געדענקען, וואלטען זיי זיך היינט אויך פערגניגען פון פרישען לופט, פון א פויגעלע אז עס זינגט, א הנאה האבען פון א שאנעם בגד וויא א מאל, אונ פאר וואס ניט טאקי וועלן לעבען א גוטען טאג וויא א מאל? ביי זיי זענען אבער, דיא פערגאנגענע טעג פונקט וויא אבגעריסען אונ אין ים אריינגעווארפען, זיי לעבען איצט גאר אין א אנדער וועלט, נו, איז דיא וועלט א שמוציגע, א וועלט פון ווילדען פאנאטיזמוס, א וועלט פון קלויבען געלד ווילען זיי גאר ניט דערמאנען אז עס זענען א מאל צייטען געוועזן, וואס א שטיף, א לאך א שפאציער אדער אבי וואס פאר א אונשולדיג פערגניגען איז טהייערער אלס געלד געוועזן. דאריבער בעשטראפען זיי זייערע קינדער פאר יעדע אונשולדיגע שטיפעריי; דאס קינד לעבט אבער אין זיין אייגענער פרייער ליכטיגער וועלט אונ קען ניט פערשטעהן די שולד אין זיין אונשולד אונ פיהלט זיך אומזיסט בעשטראפט אונ געפייניגט. דאריבער געפינט מען זעלטען ביי אזעלכע אלטערן אז זייערע קינדער זאלען מיט איגערליכע אכטונג קוקען אויף זיי. — דיא פערגאנגענהייט מיין קינד, איז דער יסוד, דער גרונד פון לעבען, דיא געגענווארט איז דער עצם בנין, אין איהם וואהנען מיר, דיא צוקונפט איז די צירונג אונ בעפוצונג פון דעם לעבען וועלכע ערפרייהען דאס הערץ אונ אויג, חאטש זעלטען ווען מיר האבען פון זיי אמת'ע נוצען... בעגרייף דאס, מיין קינד, אונ דיר וועט דערפון פיעל זאכען קלאר ווערן.

אז ר' לייזער האט מיט דעם עולם מנחה אבגעדאווענט אונ איז נאך דער דריטער סעודה ווידער פארן נאס ארויס געגאנגען, איז רחל'ע צו איהם צוגעקומען אונ האט געזאגט.

— איך האב דיינע רייד נאכגעדאכט, איך געפין, אז א מענש מוז ווירקליך פעסט פערבונדען זיין מיט זיין צוקונפט, איך גיב דיר א משל: דוא פאהרסט אוועק, איך בענק נאך דיר, לעב איך דאן נור מיט דער צוקונפט, דאס הייסט: מיט דער האפנונג דיך באלד ווידער צו זעהן אין א פאר וואכען ארום? וואס טויג מיר אבער וואס איך געדענק, אז א מאל בין איך א קינד געוועזן, אז איך בין דא אונ דארט אומגעלאפען.

מיט משה'לען געשטיפט און נאך אזעלכע קינדערשע ערזיינערונגען ? אדרבה, איך ווער נאך ביי אזעלכע ערזיינערונגען טרויעריג, ווייל איך ווייס : דאס וואס איז געוועזען. וועט שוין מעהר קיינמאל ניט זיין, יענע גליקליכע קינדער יאהרן וואס איך מיט משה'לען פלעגען ווי א ברודער מיט א שוועסטער פערברייננגען, וועט מיר שוין קיינער ניט אומקעהרן !"

דער פאטער האט זיא צארטליך אנגעקוקט, דיזע רייד זיינען אזוי נאאיוו און אפענהערציג אויסגעשפראכען געוועזען, אז איהם האט זיך געדאכט, ער קוקט אין זיין קינדס הערץ אריין און לייענט אלץ וואס דארט איז איינגעפראגט.

— ניט אזוי, מיין ליב קינד ; וויא דוא זאגסט, האט שלמה המלך אין זיין ספר קהלת געזאגט. האט דער פאטער געענטפערט און זיך געזעטצט אויף א באנק וואס איז אין גארטען פארן שטוב געוועזען, אז רחל'ע האט זיך אויך געזעטצט, האט ער איהר האנד אין זיינע גענומען און האט ווייטער אנגעהויבען, קהלת האט צופעריעדען געגעבען ווי אין דער וועלט איז קיין נייעס ניטא, און עס שיינט דיא זאנגע"? האט ער געזאגט, און די זאנגע געהט אונטער, פון זעלבען ארט פון וואנען זיא האט געקומען אויפגעשיינט שיינט זיא היינט ווידער אויף" וואס עס איז אמאל געוועזען דאס וועט נאך זיין און דאס וואס וועט נאך א מאל זיין איז שוין אויך אמאל לאנג געוועזען אויף דער וועלט" ; וואס עס טהוט זיך איצט וועט אויך שפעטער געטהון ווערן און עס איז קיין נייעס ניטא אונטער דער זאנע!" ווייל, מיין קינד, עס איז אזוי. איז נוט צו געדענקען וואס עס איז געוועזען, כדי שפעטער גוט צו בענוטצען דאס וואס וועט נאך זיין. יעדע זאך וואס אמענש זעהט צום ערסטען מאל, ערשיינט איהם פרעמד און ער ווייס ניט וויא דיא זאך צו בענוטצען, אדער וויא דיא ערשיינונג זיך צו ערקלערן, דורך דעם שרעקט ער זיך אפט פאר אזא ערשיינונג וואס איז זיך גאר ניטא וואס צו ערשרעקען, אזוי האפט ער אאנדער זאך וואס איז שעדליך און טהוט זיך שאדען, דאס רופט מען : „אונערפאהרענהייט”, „ניט געניטקייט”. צום ערסטען מאל איז יעדער אונערפאהרען, קליינע קינדער זיינען עס זא לאנג זיי זענען נאך קינדער. נאט אבער פערציהעט יעדען פעהלער וואס מען טהוט אוים אונערפאהרענהייט און לאזט דעם מענשען דיא געלעגענהייט דיזע בעגאנגענע פעהלער צו פערבעסערן ביי דער ווידערהאלונג פון דערזעלבער זאך און האט זיין וועלט און נאטור אזוי בעשאפען. עס זאל דארין גאר קיין נייעס זיין, עס זאל אלץ זיך ווידערהאלען נאך א מאל און נאך א מאל, ביז דער מענש וואס איז מיט א שכל בעשאפען פון איהם, וועט דיא ערשיינונגען בעסער און בעסער אלץ בעגרייפען און דארט וואו ער האט א מאל געפעהלט וועט איהם דיא ערפאהרונג לעהרנען מעהר ניט צו פעהלען, דארט וואו ער האט פערנאכלאסיגט און דיא געלעגענהייט ניט בענוטצט, וועט ער צום צווייטען מאל שוין קליגער זיין און ניט פערנאכלאסיגען. אזוי וועט דער אימערוועהרענדער נאטור־ראד זיך אייביג דרייהען און מיט דעם דיא מענשען קליגער מאכען. דארין ליגט דיא האפנונג אויף בעסערע צייטען ווען מענשען וועלן ווי קליגער אויך בעסער ווערן. דיא וואס גלויבען און האפען אויף אזעלכע צייטען, רופען עס אן : „פראגרעס.” דאס הייסט : „פארטשריט” וואס מען קומט אלץ צו גראסערע ערפאהרונגען ; וועלכע

אבער דיא מענשען ניט געדענקען וואס עס איז געוועזן, וואלט זיי אייביג יעדע ערשיינונג נייא בלייבען אונ זיי וואלטען קיינמאל ניט וויסען וויא דאס לעבען צו פערבעסערן. איצט פערשטעהסטו שוין צו וואס נוטצען אונז דיא אבגעלעבטע פערגאנגענע צייטען?

— איצט פערשטעה איך, האט דאס מיידעל אויסגעשריען מיט פרייד, דו האסט מיינע אויגען געעפענט אונ איך דאנק דיר, ליעבער פאטער!

— נאך איין משל וועל איך דיר ערצעהלען, האט דער פאטער ווייטער געזאגט. אונזערע חכמים ערצעהלען אין דער גמרא אזא געשיכטע: בעת אדם הראשון איז בעשאפען געווארן אונ שוין אין זעלבען טאג געזינדיגט מיט דעם עץ הדעת, אז ער האט צום ערסטען מאל אין זיין לעבען דערזעהן וויא פאר נאכט איז די זון אונטערגעגאנגען אונ עס איז פינסטער געווארן האט ער זיך שטארק ערשראקען אונ איז דיא גאנצע נאכט דורך געלעגען אין צער. ער האט געמיינט: גאט האט צו ליעב זיין זינד אויסגעלאשען דיא זונ אין הימעל אונ ער וועט שוין פון איצט מעהר דיא ליכטיגע וועלט ניט זעהן; אין דער פריה, ווען דיא זונ האט פון מזרח זייטע צוריק אויפגעשיינט אונ איז פאר נאכט אין מעריב זייט ווידער אונטערגעגאנגען, האט ער אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז דיא צייט איז איינגעטהיילט אין טאג אונ אין נאכט. פון דאן אן האט ער צוגעוואוינט אנגעהויבען: דעם טאג צו ארבייטען, אונ די נאכט, ווען עס איז פינסטער, צום שלאפען, צום אויסרוהען אונ אזוי איז געבליבען אויף אייביג. וואלט אבער אדם ניט געדענקט וואס געשעהען איז געוועזן, וואלט ער היינט אויך געבליבען ערגעץ אין א מיטען פעלד אונ וואלט ווידער געמיינט דיא וועלט ווערט שוין פינסטער אויף אייביג.

דוא מיין קינד דארפסט אויך געדענקען דיינע קינדהייט אין דיין יוגענד, שטעל דיר פאר: דוא האסט פערגעסען דיינע קינדערשע יאהרן, צו אונז איז איצט, למשל, געקומען משה'לע, דיין שוועסטער קינד, דו ערקענסט איהם ניט. ער איז ביי דיר קיין נאסט ניט, ווייל דו קענסט גאר ניט דערמאנען, אז איהר זייט גלייכע קינדער געוועזן, אייניקלעך פון איין זיידען וואס פלעגט אלע פרייטאג צו נאכט זיינע הענד ארויפלעגען אויף אייערע קעפלעך אונ אייך בענשען. פרעג איך ביי דיר: וואלט ניט פיעל בעסער זיין אז דוא זאלסט אייער אלטע פריינדשאפט דערמאנען אונ איהם מקרב זיין וויא לאנג ער וועט ביי אונז אגאסט זיין? וואס זאל איך דיר נאך ווייטער ערקלערן? דו וועסט עלטער ווערן וועסטו אליין איינזעהן אז דיא פערגאנגענהייט אונזערע איז א בוך: יעדער אבגעלעבטער טאג איז א בלאט אין איהם, וואויל צו יענעם וואס לייענט מיט פערשטאנד אין דעם בוך אונ פערשטעהט זיין פערגאנגענהייט צו מאכען אלעהרע פאר זיין צוקונפט! דיר מיין טאכטער, ווינשע איך: דיין בוך זאל מיט גאלדענע אותיות זיין געשריבען, דו זאלסט אין איהם מיט פרייד אונ פערגעניגען לעזען, ווענינגסטען זאל דיין צוקונפט ניט ערגער זיין אלס דיין פערגאנגענהייט!

רחל'ע האט דעם פאטערס האנד צוגעטראגען צו איהרע שאנע ליפען אונ היים געקושט, דער פאטער האט געפיהלט אויך א טהרער, א וואַרעמער טהרער איז איהם אויפן האנד געפאלען. דאס יונג קינד איז טיף גערירט געווען פון פאטערס קלוגע רייד.

— פאטער, האט זיא אויסגערעדט מיט אבעוועגטער שטימע, וואלט נור דער ארעמער משהלע וועלן צו אונז אמאל קומען צו נאכט, איך וואלט איהם דערמאנען, וויא דער זיידע עליו השלום האט איהם ליעב געהאט, וויא דוא, וויא דיא מוטער אפילו.. איך וואלט איהם דערמאנען וויא ער פלעגט מיך שלאגען אונ וויא איך האב איהם פון דעסטוועגען ניט פיינט געהאט, אלעזיינע מעשהלעך וואס ער פלעגט מיר ערצעהלען וואלט איך איהם דערמאנען, אבער ער האט געוויס זיינע קינדערשע יאהרן פערגעסען, ער איז אפשר איצט אזא ווילדער חסיד, אט וויא הערש לייבעלעס. זאגסט וואלט ער קומען אמאל צו אונז, וועלן א קוק טהון וואס מאכט זיין פעטער, זיין מוהמע, זיין שוועסטער קינד. אך, איצט פערשטעה דיך פאטער, פאר וואס דיך פערדריסט אזוי וואס דיינע חברים האבען זייער קינדהייט פערגעסען!...

ביים ברעג שטאדט וואו עס זעהן זיך דיא בוימער פון וואלד איז דער הימעל געווארן רויטה, פון דאגען האבען זיך לאנגע רויטע פאסען פערצויגען פון אלע זייטען. קוקענדיג אויף יענער זייט הימעל האט זיך רחלע ווידער דערמאנט וואס משהלע האט איהר געזאגט, אז דארט איז דאס טהויער פון גיהנם אונ אז דער הימעל ווערט רויטה איז א סימן, אז מען האט איצט דעם גיהנום איינגעהייצט פון דאס ניי אונ דיא בייזע מלאכים טרייבען איצט צוזאמען אלע רשעים וואס האבען איבער שבת זיך אביסעל אבגעקיהלט ניי דארט ווידער ברענגען אונ בראטען אגאנצע וואך. זיא האט זיך דערמאנט, וויא משהלען זענען דאן ארויס טהרערן פון דיא אויגען, אונ ער האט זיא אבגעשטויסען פון זיך ווייל זיא איז א מיידעל אונ עס איז אגרויסע עבירה, אז א יונגעל האט א מגע ומשא מיט א מיידעל; נור אין עטליכע שעה ארום האט ער מיט איהר ווידער גערעדט, איהר ערקלערט, אז מיט א שוועסטער קינד מאג מען אונ אפילו אז עס איז א עבירה איז ער נאך ניט בר מצוה אונ אז מען טהוט א עבירה פאר בר מצוה, ליידט מען דערפאר קיין גיהנום ניט. זיא האט עס איהם דאן געגלויבט אונ פון דעם ברוגז איז געווארן צוריק א פריינדשאפט, נאך א שטארקערע ווי פריהער. ער האט זיא א קוש געטהון, זיא איהם אויך אונ ער האט זיא ווייטער געקושט אונ אלץ געזאגט: „ניין, ניין, עס איז קיין עבירה ניט, א שוועסטער קינד מאג." אונ חאטש מען מאג האט דיא מוטער איהרע איהם דאמאלס מבייש געוועזן, איהם פון שטוב ארויסגעטריבען אונ נאך געזאגט זיא וועט דערציילען דעם רבין זיינעם. אלע חברים וועלן איהם אנרופען: „מיידעל-בחור" — אך, וויא וואלט איך וועלן איהם איצט זעהן אונ פרעגען: צו זעהט ער איצט אויך אין יענע רויטהקייט דאס פייער פון גיהנום? שרעקט ער זיך איצט אויך אזוי פאר א עבירה? — ווער ווייס? עס קען זיין ער איז גערעכט אונ וועט נאך מעהר מורא האבען מיט מיר איצט צו רעדען אלס דאמאלס? פאר וואס? וואס האב איך געזינדיגט אז איך בין א מיידעל? פאר וואס בין איך ווירקליך ניט געבוירן געווארן א יונגעל? זייא איז בעסער..."

— פאטער, האט זיא מיט א זיסען אבער טיפען טאן אויסגערעדט, וואו איז דער גיהנום? — דוא פרעגסט ווי א קינד! האט ער געאנטפערט, ווער איז דארט אלעבע־דיגער געוועזן אונ ווייס וואו ער איז?

— אבער יעדענפאלס איז ער ניט דארט וואו דער הימעל איז איצט רויטה,

דאס זיא מיט א געוויסהייט אויסגערעדט, דאס איז ניט דאס פייער וואס ברענט אין גיהנום; אבער דאס זענען נאך די לעצטע שטראהלען פון דער זון וואס איז ניט לאנג דארט אונטערגעגאנגען, ניט אמת?

שטאדטישע יונגע לייט וועלכע האבען זיך דא צוזאמענגעקליבען ווי געוואהנליך ביי ר׳ ליזערן אין שטוב מעריב דאוונען האבען איצט דעם קאפ פערריסען געהאלטען אונ האבען געזוכט אין הימעל שטערן. איינער מיט גוטע אויגען האט געהאפט דריי שטערן, דריי ליכטיגע כשר׳ע עדות אז מען מאג שוין דאוונען מעריב. או דער שבת איז שוין אריבער אונ מען מאג שוין באלד פערדייקערן צופאפירא.

ג׳.

מען האט מעריב אבגעדאווענט, הבדלה געמאכט. או רחל׳עס שוועסטערל האט דיא הבדלה ליכט גענומען, האט שימעלע צוגעהאלטען דאס קינד׳ס הענטל אונ אלין געהויבען האבער אונ דערביי אלין געשריען: „האבער, האבער, מיין פויגעלע, וועסטו האבען אהויכען חתן!“. וועט דיין מזל הויך זיין, מיין קינד!“ האט דיא מוטער צו געלענט, „מיט איהר האב איך נאך צייט, פריהער זאל מיר גאט דעם אמת׳ן בעשערטען צו שיקען פאר מיין רחל׳ען!“

— רחל׳ע האט נאך אויך צייט! וואט דער פעטער ר׳ שלמה וועלכער איז דא אויך געוועזן זיך אריינגעמישט, אין היינטיגע צייטען איז א מיידעל פון זיבצען יאהר נאך גאר א קינד. דיא דורות, מיין שוועגערין, זענען ניט פארציטיגע דורות, דיין רחל׳ע מאג נאך זיצען א פאאר יאהר, לאו דאס אפילע צייטיג ווערן, וועט עס נאך זיסער ווערן אונ אין בעלנים וועט שוין קיין דאגה ניט זיין. דיין רחל׳ע איז נאך א קינד, א קינד זאג איך דיר!

— זיא וואלט גאר קיין קינד ניט געוועזן, מיין שוואגער, ווען אייער ברודער, דער ליעבער טאטע איהרער, וואלט זיא ניט איינרעדען אז זיא איז נאך א קינד! האט היילע איינגעוויזען, ער רעדט מיט איהר וויא מיט א קינד, שפאצירט מיט איהר וויא מיט א מיידעלע פון צעהן יאהר, אונ ער שפילט מיט איהר וויא ער וואלט ניט געוועזן א טאטע איהרער, נור א חבר אין איינע יאהרן מיט איהר; אזוי האט ער זיא מיר איבערגעפיהרט, אזוי פיהרט ער מיר איבער דיא קליינע קינדער אויך. אבער איך האב נאך אויך א שטיקעל דעה, הערסטו ליזער. איך האב ר׳ שמעונן מיין ווארט געגעבען דיא יונגעלע צו לאזען ביי איהם אין חדר אויף ווינטער אויך.

— דוא האסט דיין ווארט געגעבען בין איך אויך מסכים, האט ער געענטווערט איך ר׳ שמעון, בעט איך, טאמיר קענט איהר דיגנען ערגעץ אהדר א גרויסערן, איך וועל שוין זעהן איהר זאלט אייערס צו דעם ניט צולייגען. — איך וועל זוכען! האט שמעון צופרידען מבטיח געוועזן.

היילע אבער איז ניט צופרידען געוועזן וואס איהר מאן האט אזוי גיך מסכים געוועזן, זיא האט זיך צוגעגרייט צופארפירן דורך דעם א גרויסען ראזגאווער, אונ איהם דערווייל בעצאהלן פאר אלץ, דאס הייסט: פאר דיא קדרבה זייגע איהר

רחלען אזוי ווי זייגע ; פאר וואס זאל זיא געהן נור אין זייגע דרכים און אין איהרע גאר ניט ?

— און דוא מיין טאכטער, האט זיא זיך צו רחלען געווענדעט, דוא מיינסט טאקי דו ביזט א קינד ? ביי לייטען א מיידעל אין די יאהרן, ווייס, אז מען דארף שבת ביי טאג שפאצירן געהן מיט א מוטער. וואס איז ? דיין מאמע איז שוין גאר אזא אלטע יודענע און איהר ווילט זיך גאר ניט דורכגעהן א מאל ? א בלינדע, א אבגעריסענע, חלילה, איז דיין מאמע, אז דוא שאמסט דיך מיט איהר צווישען לייטען שפאצירן צו געהן ? — און דער טאטע ? ביי איהם איז דאס אלעס רעכט! האסטו באגעגענט ביי אונז אין שטאדט'ע נאך וועמען וואס פיהרט זיך אום מיט זיין דערוואקסענער טאכטער שפאצירען, פונקט וויא ביי דיא פריצים להבדיל ?

— אבער איך האב דאך געבעטען זאלסט מיט געהן, איך בעט דיך שטאנדיג, האט רחלע זיך פערענטפערט.

— זי האט מיך געבעטען! האט זי איבערגעקרימט, א דאנק דיר פארן בעטען!... איך האב ערשט גענומען דעם טייטש חומש אין האנד אריין, דאכט זיך, פאר א יודישער טאכטער דארף דאס פריהער זיין וויא שפאצירן ; וויא מיינט איהר ?, וועל איך אוועקלעגען דיא סדרא און געהן לויפען שפאצירן ? א קלייניגקייט, וואס וועל איך דערפון האבען ? איך קען ניט אונזערע גאסען ? איך בינק שטארק נאך דיא בוימער אויסען שטאדט ? פון מיינטוועגען מאג פון זיי א בארג ווערן! לייט קאנען באמת מיינען, מיר ווילט זיך טאקי שפאצירן, זינדיגען זאל זיך מיר אזוי וועלן. רבונו של עולם! זעהסטו, דאס וואלט ביי מיר דער בעסטער שפאציר געוועזן, אז דוא וואלסט דיך אוועג געזעצט געבען מיר און וואלסט געלייענט מיט מיר דיא סדרא מיט דער הפטרה ; דיא גוטע יאהרן זאל איך האבען, וואס דאס וואלט פאר דיר שענער געוועזן מיין קינד, און פאר גאט ליעבער ! מען האט שוין ראש חודש אלול, ברוך השם, געבענשט, צייט זיך ארומקוקען, עס געהט אזא יום הדין!

ביידע, דער פאטער און זיין טאכטער האבען געשוויגען.

— לייזער, דוא ווייסט ? האט זיא ווייטער אנגעהויבען, איך קלער הייגטיגע וואך אריבער צופאהרן צו איהם זאל לעבען, איהם א פדיון אוועקפיהרען, ער זאל אויסבעטען פאר אונז א גוטע יאהר.

— פאהר געזונדערהייט! האט ער איהר צוגעוואונשען, דוא ווייסט דאך אז איך שטער דיר ניט.

— א דאנק דיר פאר דער טובה! האט זיא זיך אבגערופען, זאגט איהר ר' לבות, וואלט ניט גלייבער זיין: איך זאל זיטצען אין דער היים און מיין מאן זאל פאהרן ? פאר וואס שלעפט איהר איהם ניט מיט אמאל מיט אייך ? מיר איז א חרפה אנרויסע, וואס ער איז נאך איינמאל ניט געוועזן ביי איהם זאל לעבען ; מען פאהרט דאך פון א עק וועלט, און ער זאל לעבען, מען זעהט טאקי ארויס וואס פאר א צדיק ער איז, יעדעס מאל נעהמט ער צו דעם פדיון, בעט גאט פאר דיר, פראגט זיך נאך אויף דיין געזונד און שיקט דיר זיין ברכה וואס איז טויזענד מאל מעהר ווערטה אלס דיינע עטליכע רובעל פדיון, אדרבה, בעוויז א מאל אז דיין ווייב איז

קיין צוויג ניט אונ אז זיא רעדט אין ניט געבוילען. פאהר דוא היינטיגס מאל אוּ אין ווערל אין דער היים בלייבען.

— דוא מיינסט דאך דאס ניט, האט ער מיט א שמייכעל זיך אבגערופען, מיך ווערסטו דאך ניט נארען, אין גרונד האסטו דאך הנאה וואס איך בלייב אין דער היים אונ דוא פאהרסט, דארט ווייזטו ארוים, אז דוא ביזט דיא חסידה, אז חאטש דיין מאן איז א האלבער טייטש, ביזטו נאך א יודישע טאכטער אין גאנצען. דארט האסטו אויך אנגעלעגענהייט ארויסצווייזען אז צווישען גביר'ישע ווייבער ביזט דוא אויך קיין לעצטע ניט מיט דיינע פערל, מיט דיינע בריליאנטען; דוא האסט דארט אויך כבוד פון חסידים אונ פון דעם רבינס טאכטער אונ ביי דיר איז דאס פיעל מאל מעהר ווערטה אלם דער פדיון אונ מתנות וואס דוא פיהרסט מיט זיך. מאך זיך ניט נארריש חיילע, גלויב מיר, איך טהו דאס נור דיר צו ליעב וואס איך לאז דיך פאהרן. דיין הנאה איז מיר טהייער אונ איך פערגין דיר גערן דיין פערגניגען. דוא ווייסט עס, זאגסט קען מען דעם פדיון אין א בריוועלע דורך פאסט איהם צושיקען.

— „אונ דיא מתנות דיינע" האט זיא איבערגעזאגט פאנאנדער געצויגען דיא ווארטער. אט וואס דיך פערדריסט! א קלייניגקייט? דוא לעגסט גאר צו דיין באבעם ירושה צום רבין זאל לעבען? גלויב מיר, אונ דיא גאנצע וועלט חסידים וועלען דיר זאגען, אז דוא האבסט פון איהם מעהר, א סך מעהר אלם דוא גיבסט איהם. פון וועמענס זכות לעבסט דוא? אפשר פון דיין אייגענעם? אפשר דיינע תפילות הערט גאט צו דיינע עסקים זאלען דיך בעגליקען? א שאן פנים וואלטען מיר אלע געהאט, אז דער רבונו של עולם וואלט בעדארפט ווארטען אויף דיינע תפילות! זינדיגער מענש, נאררישער בעל גאוה'ניק איינער! דוא פערגעסט גאר, אז דיינע תפילות קומען גאר צו גאט ניט צו, זיי געהן ניט ארויס פון א פרומען הארצען, פון א ריינעם מויל, חאפען זיי שדים צו אין דיא לופטען אונ זיי קומען גאר צו זיין כסא הכבוד ניט אן, דיא ביכער דיינע וואס דו לייענסט, דיא הקירות דיינע די נאררישע, פערשטעלען דעם וועג זיי זאלען גאר ניט קאנען צוקומען ביז דיא טהויערן פון תפילה וואס זענען אפען פאר אלע פרומע הערצער? אונ נאך מעהר ווייטיג איז צו קוקען, אז דאס טאכטערל זיינס איז אויך אזוי בלינד אונ פערנארט וויא ער, נור מיט איהם איז זי. אי, מיין קינד, איז דאס א ווייטיג א מאמען! איך ווינש דיר ניט דוא זאלסט גאר געפרובט ווערן דערצו!... ר' ליזער האט ניט געענטפערט אונ איז זיך בעטריבט אין זיין קאבינעט אוועק, חיילע האט דאס טיכעל צוגעטראגען צו דיא אויגען אונ האט אנגעהויבען חליפען פון געוויין. רחל'ע איז צוגעפאלען צו דער מוטער אונ געבעטען.

— איך בעט דיך, לאז גענוג זיין! גענוג מאמוניא, די רייד ברייננט דאך צו גאר נישט, דו מאכסט נור זיך אונ דעם פאטער ניטפערדינטע שמערצען אונ פערדרוס. דוא ווייסט דען ניט וויפיעל געזונד אזעלכע רייד נעהמען ביי איהם צו? אונ פאר וואס? זאג אליין, האט ער דיר ווען געשטארט דיין פערגניגען? איז ער דען ניט צופרידען זעלבסט דער מיט וואס דוא פאהרסט צום רבין. אדער מעריגט ער ניט דיא מתנות וואס דוא שענקסט איהם אונ זיינע קינדער? וויפיעל מאל דערמאנט ער

דיר אליין וואס פאר א מתנה איהם אוועק צו פיהרען? פאר וואס זאלסטו אויסלעגען זיינע רייד פונקט פארקעהרט, איהם יסורים אנצוטהון און איהם ערצאהלען געשיכטען פון תפילות וואס קומען ניט צו צוגאט, פון א „ניט פרומען הערצען" און פון א „ניט ריינעם מויל"?... דאס הערץ ליעבע מוטער, איז טיף בעהאלטען ביי יעדען, קיינער זעהט ניט קיינעס פרומקייט אדער ניט פרומקייט, גאט אליין נור זעהט; זאך, ער ברויך ניט ביז מען זאל איהם דיא תפילות ארויפטראגען און איהם אויף אזילבערנע טאץ דערלאנגען, ער איז דא אויך מיט אונז, יעדער האט איהם אויך אין אייגענעם הערצען און ער הערט און ער אנטפערט יעדען וויא און ווען ער בעט איהם!..

— זיינע רייד, זיינע חקירות, זיא איז אין גאנצען ער! האט די מוטער אויסגעשריען און איהר גוט קינד אבגעשטויסען פון זיך, געה זיך דיר צו דיין טאטען! צו איהם געה און רעד אזעלכע רייד וועט ער דיר א קוש טהון, איך קאן אזעלכע דבורים ניט הארן, פון מיינע אבות האב איך עס ניט געהערט, איך וויל עס פון מיינע קינדער אויך ניט הערן!

— גוטע מאמוניא! האט רחלע ווידער געבעטען און געקושט דער מוטערס האנד נאך שטארקער וויא פריהער, צו ליעב דעם פעטער ר' שלמה'ן זאל זיין גענוג! צו ליעב מיר זאל שוין גענוג זיין! איך בעט דיך, דערמאן זיך אליין איבער וואס האט זיך דיא גאנצע רייד אנגעהויבען?!

— געה, געה, א קינד וואס ווייס ניט וויא א מוטער צו שאטצען דארף ניט פערלאנגען אז דיא מוטער זאל איהם צוליעב טהון! האט חייעלע זיא ווידער אבגעשטויסענדיג געזאגט, צו דיין טאטען געה! וואס ביזט דוא מיינע? דוא געהסט ניט אין מיינע דרכים, וויל איך אין דיינע ניט געהן, געה פון מיינע אויגען, זאג איך דיר!

דוא ביזט ניט קלוג חייעלע! האט ר' שלמה אנגעהויבען אז רחלע איז ארויסגעגאנגען צו זיך אין צימער אריין, ניט אזוי בעגעהט מען זיך מיט א קינד, מיט א גוט קינד, זאג איך דיר! הארסטו? מיט א בריליאנט א קינד זאג איך דיר! פאר דיינע דברים רעים וואס דוא האסט צו דיין טרייען נוטען מאן גערעדט בין איך ניט מחויב זיך אנצונעהמען, האטש איך בין זיין עלטערער ברודער; אבער דיין קינד אז דו בעליידיגסט און שטויסט אב פון זיך בעת עס טולעט זיך צו דיר און קושט דיך און וויינט, ביזטו אונגערעכט, טהוסט דוא א נארעשקייט, זאג איך דיר! א קינד מוז מען לערנען מיט גוטען, מיט קלוגע רייד בעווייזען אז מען האט עס ליעב, אז ניט ווערט דאס קינד פרעמד און קען זיך מיט א מאמען קיין עצה האלטען אמאל אז עס דארף, בפרט א מיידעל, דאס איז א ווייכע נאטור אבער דאס הארץ איז ניט אזוי אפען וויא ביי אונז מאנסלייט, נור א מוטער קאן דעם שליסעל האבען צום פערשלאסענעם הערצען פון איהר קינד, דער שליסעל איז: טרייהייט, ווייכע רייד אבער ניט אבשטויסען פון זיך פערשטעהסטו חייעלע?

— איך בין אויך געוועזן א מיידעל, האט חייעלע זיך אבגערופען, אפשר נאך צוא געראטהען מיידעל וויא זיא, פאר וואס האב איך גאר ניט געוואוסט פון דיא אלע צערימאניעס? דער טאטע האט אמאל אנגעשלאגען האט מען צו גענומען און געזאגט: „געזונד זאלען זיין זיינע הענד!" דיא מאמע האט אנגעשאלטען, האט מען

זיך פאר איהר געשאמט, פערשטאנען וואס איהר געפאללט ניט, אונ אויס! — אין יודישקייט, אין אמת'ע פרומקייט האט מען מיך געפיהרט, ניט פערנומען דעם קאפ אונ דיא צייט מיט לייענען ביכער אונ ביכלעך, וואס קאסט נור געלד אונ צייט אונ מען האט דערפון א ברעקעל נוטצען ניט, וויפיעל דארף א מיידעל קענען? א בריוועל אויפשרייבען, דאווענען, טייטש חומש לייענען אונ וויסען א דין אין יודישקייט, דאס האט זיא אבער שוין מיט פינף יאהר צוריק געקענט, וואס האב איך דערפון אז זיא קען אין דיא ביכער? דעם חתן אין נדן דאס אפשר אנגעבען? א בלאט גמרא איז דאס וואס מען בעצאהלט געלד דערפאר? זיא איז א קינד? אהא, איך האב פערגעסען! אבער וויפיעל איז א שיעור א קינד צו זיין? ניין! אנדערס וועל איך אנהייבען מיט איהר פיהרען: שבת ביי טאג וועט זיא מיר מוזען לייענען דיא סדרא מיט דער הפטרה, זאל זיא זיך געוואהנען צו זיין א יודישע טאכטער. פון איהר טאטען זאל זיא מיר זיך ניט אבלערנען!

— חיילע, דוא פערגעסט פון כעס, אז איהר טאטע איז דיין מאן, האט ר' שלמה מיט א פאטערליכער בענעהמונג געזאגט. דער ערשטער חוב פון א יודישער טאכטער איז צו טהון דעם נוטען ווילען פון איהר מאן! זעהסטו, אז דיין מאן וואלט זיין א אבגעקערטער פון גאטעס וועגען חלילה, אדער א שלעכטער מאן, א אויס-בערענער, א הולטיי, חלילה, וואס זיין ווייב לעבט פאר איהם, ניט פאר דיר געדאכט אחשך'דיגען לעבען, וואלכטו רעכט האבען אנצוזאגען דיין קינד: עס זאל זיך פונ'ם טאטען ניט אבלערנען, אבער דיין מאן איז א יוד אערליכער, א פרומער יוד, א יוד וואס גאט אונ לייט האבען פון איהם א הנאה, ער איז מיינער א ברודער, חיילע, ר' אברהם קאהאנס אזוהן, קיינער דערמאנט ניט דעם טאטענס נאמען חלילה לגנאי, נאך אזא יוד האט ער ביי אונז ניט געלאזען, אונ ווער ווייס עס ניט, אז דער טאטע, עליו השלום, האט זיך אויך אזוי געפיהרט וויא דיין מאן זאל לעבען? דיין מאן האט דעם טאטענס נחלה צו גענומען אונ האט נאך פון טאטענס מנהגים ניט משנה געוועזען וואס א האר איז ווערטה. פע, אפילו א שונא רעדט ניט אויף לייזערן, וואס דוא!

— וואס רעד איך דען? וואס האב איך געזאגט? גאט האב איך פערטשעפעט? האט חיילע אויסגעשריען, א קליינינקייט? איך האב געזאגט ער זאל פאהרן צום רבין, וואס קומט מיר דערפאר? זיין קרוין האב איך אנגערידערט? אמת, דער שווער א ליכטיגען גן עדן זאל ער האבען, איז טאקי געוועזען א יוד א צדיק אונ מיינע קינדער מאגען געראטהען זיין אין איהם, אבער ווער איז דען מיין טאטע געוועזען? טאקי א מיהלנער, אבער אזא יודען א חסיד געפינט מען איצט ניט, זאלען מיינע קינדער זיין אזוי פרום וויא ער, אונ מיך וועט גאר ניט אהרען אז זיי וועלען ניט זיין א זעלבע טייטשען קענער וויא זייער טאטע?

— אבער וואס איז זייער טאטע? האר נור וואס דוא רעדסט, חיילע, לייט וועלן לאכען פון דיר! האט ר' שלמה קורץ אבער אין כעס אויסגערעדט, דוא קענסט איהם ניט! דוא פערשטעהסט ניט ווער אונ וואס דיין מאן איז; אזא מאן דארף מען דיא פיס וואשען אונ דאס וואסער טרינקען, נור לייזער פערלאנגט עס גאר ניט, שלום איז זיין לעבען. חיילע, כעס ברענגט שטאנדיג צו נארישקייט, זיי מודה אז דו ביזט

אונגערעכט און לאז מעהר אזעלכע נארישע נאווענדעס ביי איך אים הויז ניט פּאַרקומען! איך האב פאר דיר קיין מורא ניט. איך בין אזא חסיד וויא דוא, א חסיד אויף א חסיד האט קיין פּאַראיבעל ניט! איך זאג דיר דוא מוזט געבען קנס!. חייל'ען האט זעהר געשמייכעלט ר' שלמה'ס לעצטע ווערטער. בפרט וואס ער שטעלט זיא אין חסידות גלייך מיט זיך. זיא האט נאך פריהער חרטה געהאט, נור איהר שטאלץ האט איהר ניט געלאזט נאכגעבען, איצט אז ר' שלמה האט איהר ווענען איהרע חסידות דערמאהנט, האט איהר נאוה געפונען דען בעסטען וועג וויא פון דעם אונגליקליכען מלחמה פעלד צו ענטלויפען.

— אויף איך, ר' שלמה, וועל איך קיינמאל קיין פּאַראיבעל האבען, מיר זענען דאך עפּיס חסידים פון איין רבּין זאל לעבען. הלואי זאל ער נור אזוי זיין וויא איהר! מיינט ניט חלילה, אז איך בין גאר אזא פּשוטה, גאר אזא בהמה און איך ווייס ניט ווער און וואס מיין מאן איז! מיין רחל'ען ווינשע איך קיין בעסערן און פיינערן ניט, וויא איהר טאטע איז. — נור אז איהר הייסט געבען קנס, גיב איך, מען מוז פאלגען אַ עלטערן.

— אזוי, אזוי! האט ר' שלמה אויסגעשריען, אט אזוי טהוט א אשת כשרות, א חסידה, אט איצט זעה איך אז דיין פאהרן צום רבּין איז ניט אומזיסט! קנס אבער זאלסטו געבען, ניט מי יודע וואס, א„מלוי מלכאלע“ עפּיס א רעכטס. דוא וועסט אויך עסען מיט אונז, לייזער וועט זיך אויך לאזען איבערבעטען און לאז ווערן שלום אויף אפולער וואך! ר' שמעון, בלייבט צו „מלוי מלכא“ וועלן מיר האבען א מזומן! גישקשה, עס וועט זיין א גוט ביסעל משקה, חייעלע, דוא וועסט געבען א גוט ביסעל וויין?

— איך זשאליווע ניט, האט זיך חייעלע אבגערופען, נאטס נאב און מיין מאנס האריוואניע! האטין ר' שימעלע האט דיא דריטע סעודה דא געגעסען מיט גרויס אפעטיט און איז אוועק פון טיש גאר ניט הונגריג, פון דעסטוועגען איז ביי איהם אין מאגען געגוג פלאטץ געבליבען אויפצונעהמען א גוטע „מלוי מלכאלע“. דאס הארץ האט איהם געזאגט, אז ר' שלמה וועט אהן אביסעל משקה ניט אוועגנעהען און וועט איהם מסתמא פערהאלטען א דריטען צום מזומן, דערפאר איז ער זעהער צופרידען געוועזן וואס דער ספּאר האט זיך אויסגעלאזען צו אביסעל משקה.

ר' שלמה האט נאך זמירות געזונגען, שימעלע איז אויך אומגעלאפען איבערן שטוב אהין און צוריק און זייגע ליפּפען האבען עפּיס אויך וואס ארוים געבאלבעט, ער האט אויך צוגעברומט טיף פערטראכט, דערווייל האט חייעלע צום טיש געגרייט, ר' שלמה האט אבייגעבעטען לייזערן, אויך רחלע האט געמוזט עסען מיט זיי אלעמען.

— געוואלד, וואס פאר א טהייער פאלק יודען זענען! האט ר' שלמה אויסגערעדט אנגיסענדיג א גלאז וויין, מען מאג זיך זיבצעהן מאל צוווארטלען, צוקריגען זיך אפילו, קומט נור צו א מצוה'לע, ווערט מען ווידער שלום! ניט אמת לייזער. דוא ביזט מוחל חייה'לען? און דוא, חייה'לע, האסט שוין אויך קיין פּרעטענזיעס ניט און מיר אלע זענען מלוי מלכא, דאס הייסט: דעם הייליגען שבת בעגלייטען

מיר מיט שלום, מיט אהבה און מיט אחוה ורעות. גאָט זאָל זיין שלום פון דעם הויז ניט אָבטהון, שלום און שלוה זאָלען זיין אין אַלעם גוטס אייערן און גאָט ברוך הוא זאָל בענשען אַלע יודען מיט שלום!

— אָמן! האָט חיעלע געאַנטפערט און אַ קוק געטהון אויף איהר מאַן.

— אָמן! האָט אויך ער געזאָגט און אַ פריינדליכען בליק געוואָרפען אויף איהר. רחלע איז צוגעגאַנגען צום פעטער און איהם אַ קוש געגעבען פאַר זיינע פריינדליכע רייד. ער האָט איהר צוריק אַ קוש געטהון אין קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך מיט זיין ברודער צוקושט און שפּעטער, אַז ער איז שוין געוועזן אַביסעל בעשוואַכט, האָט ער יעדען איינציגען געקושט, געפּאַטשט שמעונ׳ן אויפ׳ן פּלייצע און געשריען: ניט זאָרגט שמעון, איך האָב אייך ליעב! איהר זייט ביי איהם זאָל לעבען אַ תקיף און דאָס איז גוט אַזוי וויא עשירות! רחלע האָט זיך ווידער צוגעטולעט צו דער מוטער. ר׳ ליזער איז פרעהליך געוואָרן און גענומען זיין פידעל און האָט געשפּילט אַ פּאָאַר מעלאָדיען פון דער אָפּערע טרובאַדור.

אַז ר׳ שמעון איז שפּאָט ביי נאַכט אַהיים אַוועק, האָט רחלע ניט פערגעסען איהם מיטצוגעבען אַ שטיק פלאָדען פאַר זיינע קינדער, און האָט געזאָגט: מיר זענען אויך שלום רבי; ניט אמת איהר האָט מיר מוחל געוועזען? גיט עס אייערע קינדער. זאָלען זיי וויסען אַז פון היינט וועט שוין ביי אונז אַלע מאָל שלום זיין. איהר וועט מיינע ברידערלעך אין חדר מיזהר ניט שלאָגען, זאָגט איהר עס מיר צו רבי?

— הונדערט מאָל, רחלע, צעהנטויזענד מאָל! האָט ר׳ שמעון מיט פרייד געאַנטפערט. איך זאָג דיר אין דיא אויגען: דוא ווייסט גאָר אַליין ניט וואָס פאַר אַ בריליאַנט דוא ביזט. שלום, מיין טהייערע תלמידקע, אַ דאַנק זאָג איך דיר ניט, גאָט ברוך הוא זאָל דיר דאַנקען, און אַז ער וועט דיר דיין בעשערטען וואוילען חתן צושיקען, וועל איך איהם דער ערסטער זאָגען דיינע מעלות און איהם געבען צו פערשטעהן אַז ווען אפילו ער זאָל אויספּאָהרען זוכען אַלע וועלטען אין דער לענג און אין דער ברייט וועט ער נאָך אַזא רחלען, אַזא געראָטהענע וויא דוא ניט געפינען! אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע וואָך!

מיט דיא ווערטער איז ער אַ פריילער אַהיים געגאַנגען, פול דער מאָגען פול דיא קעשענעס און פול דער קאָפּ מיט צופרידענע מחשבות אויף אַ פריילער וואָך. אַ אשה כשרה, אַ ליטווישע אשה איז חיעלע, לעבען זאָל זיא. האָט ער פאַר זיך גערעדט, „זה לעומת זה עשה הקדוש ברוך הוא״: איינס געגען דעם אַנדערען האָט ער בעשאַפען, ער האָט בעשאַפען פייער און האָט בעשאַפען וואַסער. ער האָט בעשאַפען אָרעמקייט און האָט אויך בעשאַפען רייכקייט. ווען ניט אַזוי וואָלט אַזא קבצן, רחמנא לצלן, וויא שמעון גאָר קיין תקומה ניט האָבען! אַזוי ווי וואַסער לעשט דאָס פייער, אַזוי איז דער רייכער משפּיע אויף דעם אָרעמאַן. איך האָב היינט אין זיך אַריינ־געגעסען און אַריינגעטרונקען אַ ים און עס קאָסט מיר אַ קאָפּעקע ניט! איינס געגען דעם אַנדערן האָט ער בעשאַפען״. אָט איז זיך למשל: ר׳ ליזער גאָר אַ פילוסוף, אפילו אַ עהרליכער יוד, אָבער וואָס טויג איהם דקדוק? נו. און אַז איך, כדומה למשל: קען ניט קיין דקדוק און וויל ניט קענען וואָלט איך מכות געהאַט און ניט זיינע

ביידע בנים אויף ווינטער אין חדר ארײן, וואס טהוט ער? גיט ער ר׳ לייזערן אווייב א אשה כשרה, אונ זיא וויל אויך קיין דקדוק ניט, דערווייל בין איך דורך דעם גע־האלפען.— א פרומע אשה איז חיעלע, א הייסע, א ווארימע חסידה, אבער איהר היים ביסעל משקה איז נאך הייסער. טהייערע משקה, עס האט מיך צונומען אונ מיינע פיס פלונטערן זיך. איך בין דאכט זיך בגלופינ׳דיג. וואס האב איך מורא? אבי איך האב עפיס אין קעשענע, וועט מיין אלטע שבייען דערלאנג איך איהר א שטיק פלאדען. אונ וואס וועט זי שבייען? אין א שענק האב איך מיך איינגעשיכורט? מיט שכורים ערגעץ געהולטייעט האב איך? אויף א סעודת מצוה׳לע איבערגעהאפט א ביסעל מיין מאס, טא איז וואס? חיילע האט געמאגט מוחל זיין איהר מאן? מאג מיין אלטע מיר אויך מוחל זיין! א טהייערע אשה איז חיעלע, אבער איהר משקה איז גאר א הפלא ופ׳ דיא לעצטע ווערטער האט ער אויסגעשפראכען אין דער מינוט וואס ער איז אין זיין שטיבעל אריין.

ר׳ לייזער האט נאך דעם אבענד פיעל געשריבען. אז רחלע איז צו איהם אין צימער אריינגעגאנגען איהם זאגען „אגוטע נאכט“, האט ער אויף איהר אליעבען קוק געטהון, אונ פערשטעלט דאס בריוועלע וואס ער האט געהאלטען אין שרייבען זיא זאל דעם טיטול ניט זעהן. צארטליכער וויא אלעמאל איז זיין קוק איצט געוועזן אויף זיין קינד אונ מיט פאלע אויגען ליבע האט ער זיא ביז דער טהיר בעגלייט.

„וויא גליקליך וואלט דער זיידע געוועזען אז ער וואלט אט דיא שעה דער־לעבט!“... האט ער פאר זיך אויסגערעדט אונ האט דאס בריוועלע ווייטער געשריבען.

ד.

ר׳ לייזער אליין האט זיין פרוי אויסגעריכט אין וועג אריין צום רבין. אליין איהר געהייסען דאס אונ יענס אמתנה אוועקפיהרן דעם רבינס שניר אונ טאכטער אונ חיעלע איז א צופרידענע אוועק געפאהרן. וויגאנבראדקע, דעם רבינס רעזידענץ איז נור איין טאג וויט געוועזן פון קליינינ פונדעסטוועגען האט חיעלע אנגעבאקט אונ אנגעפרעגעלט מיט זיך צו נעהמ׳ן וויא א מחותנת׳טע וואס פאהרט אויף א קינדס חתונה; אונ זי איז גערעכט געוועזן: דיא טאג זענען געוועזן ליכטיגע, טרוקענע אונ קיהלע, אלע קרעצמעס אויפן וועג וואס פיהרט קיין וויגאנבראדקע זענען פאל פון חסידים געוועזן אונ מע בארף זיך לאזען דערקענען: זאל מען וויסען אז חיעלע פאהרט גיט צום רבין מיט ליידיגע האנד.

בעלע שפאק, דער משרת פון איהר זאוואד איז אויך היינט וויא שטאנדיג דער קוטשער געוועזן אונ ער האט געוואוסט וואו מען דארף זיך אבשטעלן. אויף שבת איז זי אגליקליכע אונ אצופרידענע אהיים געקומען מיט אלעדיגען וואגען, מיט לעדיגע טשעמאדאנעס אבער דערפאר פאל ברכות פון איהם זאל לעבען אויף א ניי יאהר, אגעזונדט יאהר, א יאהר פון לעבען אין פיעל גליק אונ נחת.

שבת ביי טאג, אז זי איז מיט איהר מאן אליין געבליבען אונ האט אין איהם בעמערקט אז ער איז צו איהר פריינדליכער וויא געוועהנליך, האט זיא איהם אויס־

דערצאהלט איהר גדולה. ביים רבי'ן, איהר נאמען צווישען חסידים גרויסע לייט, אויך וויא גרויס זיין נאמען איז אלס גביר און קאפ מענש, אזוי גרויס. אז ר' פנחס'ל, דעם רבינ'ס גבאי, האט איהר אפען געזאגט, אז ער רעכענט קומען דיא צייטען עקסטרא צו איהם רעדען א שדוך פאר רחל'ען מיט א גרויסען גביר פאר זיין בן יחיד. יעדער אנגעראטהען קינד. און דאס איז אזא גליק וואס עס טרעפט נור איינמאל אין טויזענד יאהר, ווייל דער מחותן איז א יוד א מטופל אפשר מיט אהאלב מיליאן רובעל און האט אייגענע פאלווארקעס און הויפען, מיהלען און זאוואדען און וועט קיין סך גבן אויך ניט פערלאנגען, ער וויל נור נעהמען א שנור פון פיינעם הויז.

— ר' פנחס'ל וואלט שוין דא לאנג געוועזען, האט זיא אויסגעלאזען, נור ער קאן געבעך איצט ניט אבפאהרן ווייל דאס ווייב זיינס איז שטארק שלאף. גאט ווייס אויב זיא וועט זיך ארויסדרייען. דער רבי, זאגט מען, איז זעהר קאלט, מסתמא זעהט ער אז זיא האט מעהר קיין יאהרן ניט. א דונקעלער וואלקען האט צוגעדעקט ר' לייזער'ס ליכטיגעס געזיכט. דיא ווארטער איהרע האבען איהם זעהר אין א שווערמוטהיגע לוינע פערזעצט.

— איך בעט דיך חיילע, האט ער געזאגט, רעד מיט מיר מעהר ניט וועגען א שדוך פאר רחל'ען; רחל'ע איז נאך צו יונג, נאך קיין אכצעהן יאהר ניט. פאר צוואנציג וועל איך איהר ניט חתונה מאכען אז איך וועל נור לעבען. דאס האסטו אקורצע תשובה איינמאל פאר אלע מאל! גאט אליין וועט מיין קינד איהר בעשערטען וויזען, איך בעט דיך, האב וועגען דעם קיין דאגה ניט!

חיילע האט אפילו געפרובט איינוויזען און ערקלערן איהר דעה, איהר עצה, אבער ער האט איינמאל פאר אלע מאל געזאגט: אין אלין אין דער וועלט וועט ער איהר נאכגעבען. אלין פון איהר אויסהערן נור וועגען רחל'ען געבען א חתן פאר צוואנציג יאהר אין קיין אופן ניט. אומזיסט וועט זיין איהרע רייד.

חייעלע האט אזא ענטשידענעם טאן פון איהר מאן אין איהר לעבען ניט גע-הארט, זיא איז קיין גאר ניט געוועזען און האט פערשוויגען. — דאס לעבען אים הויז איז זיך געגאנגען וויא געוועהנליך, דיא געשעפטען זענען זעהר גוט געגאנגען דאס יאהר, דער נייער זאוואד פון ברוינפען און פון טרוקענע הייזען וואס ער האט פאר יאהרן געאפענט האט אין ארומיגען געגענד א גרויסען נאמען בעקומען און מען האט פערקויפט מיט פערדינסט.

אויף ימים נוראים איז ר' שלמה אויך געפאהרן צום רבי'ן, דארט געבליבען גאנצע צוויי וואכען, דארט געדאווענט, תורה געהערט און געטרונקען מיט חסידים נאך מעהר. אויף יום כפור איז אויך שימעלע מלמד אוועק צופוס, ער האט דארט אויך קיין הונגער און דורשט ניט געליטען און איז געקומען אויף סכות צוריק צוזאמען מיט ר' שלמה'ן. — זיי וואלטען אויך פראהליך און צופרידען געוועזען וויא חייעלע צוריק-פאהרענדיג. נור מוצאי יום כפור איז זיי בעשערט געוועזען צו זיין ביי יציאת נשמת פון דער גבאיטע, ר' פנחס'לס ווייב. זיא איז פונקט נאך נעילה געשטארבען. מען האט געזעהן בחוש, האבען חסידים ערצאהלט, אז דער רבי זאל לעבען האט דעם מלאך המות אבגעהאלטען א גאנצען טאג, כדי ר' פנחס'ל זאל קאנען דאווענען מיט כונה און

זיא זאל קומען אהין אריינע, מען האט נאך א מופת ערצאהלט: ר' פנחס'ל האט געוואלט נאך נעילה אנטהון דיא שיך, האט דער רבי זאל לעבען איהם ניט געהייסען ווייל ער האט שוין געוואוסט אז ער איז מחויב שבעה צו זיטצען, מען זאגט זאגאר, אז דער רבי האט איהר פאר כל נדרי צוגעזאגט. אז זיא וועט שטארבען תיכף נאך נעילה אונ וועט קיין חבוט הקבר ניט ליידען. צו דער לויה האבען אלע געוויינט אונ ר' שלמה אונ שימעלע זענען נאך אונמוטהיג געוועזען ביז אהיים קומענדיג.

דעם טאג ערב סכות איז חיילע זעהר בעשעפטיגט געוועזען אין קיך אנצוגרייטען צוקערגעבעקס פון אלע מינים, לייט וואס וועלן קומען גוט יום טוב ביטען זאלען א הנאה האבען; ר' לייזער האט זיך מתעסק געוועזען ארום דער סכה אין האף אונ געהאלפען בערעלע שפאק צודעקען מיט גרינעם פרישען סכך. דיזע ארבייט האט בערעלע, אלס עם הארץ זיך ניט ערלויבט צו טהון אליין. ער האט מורא געהאט טאמיר מאכט ער דא א פעהלער אונ חייעלע וועט איצט ווידער שרייען וויא פאר יאהרן: „עס איז ניט רעכט אין אזא סכה צו עסען„. דיא קליינע קינדער זענען איצט אויך פערנומען געוועזען מיט דעם האמער אונ זעג וועלכע זענען דא געלעגען. אין שטוב איז נור אליין רחלע געבליבען וואו זי האט אויך צוטהון געהאט גארדינען צו צוריכטען פאר דער סכה, אז די גארדינען זענען שוין פארטיג געווארן האט זי זיך גענומען אויספלעכטען פון בלומען אונ בלעטער א שאנע גירלאנדע די סכה צו בעפוצען; דיזע ארבייט איז איהר אויסער ליעב אויך הייליג געוועזען: דער יום טוב סכות איז איהר ליעבער געוועזען שטאנדיג מעהר אלס אנדערע ימים טובים, אין סכה פלעגט דער פאטער שטאנדיג ערקלארן דיא בעדייטונג פון דעם יום טוב, אונ איצט זיצענדיג בעשאפטיגט מיט דער בעפוצונג פון דער סכה האט זי זיינע אלע געשיכטען פון פאר יאהרן דערמאנט, אין איהרע געדאנקען האט זי איצט ווי פאר די אויגען געזעהן יענע טויזענדער סכות וואס אין זיי האבען אונזערע עלטערן געוואוינט ארויסגעהענדיג פון מצרים, זי האט אויך יענע הערליכע סכה געזעהן, אין וועלכער אונזער גאטליכער לעהרער משה האט געוואוינט, וואו טויזענדער יודען שטעהן פאר זיין טהיר אונ הארן די תורה זיינע וואס גאט האט איהם געגעבען צו לערנען זיין בעפרייט פאלק, א פאלק צו ווערן, א אייביג פאלק וואס האט שוין אזוי פיעל טויזענד יאהר געלעבט אונ לעבט נאך היינט אונ מאכט נאך היינט סכות צו דערמאנען יענע סכות אונ יענע תורה וואס זיי האבען געלערנט. ווי שאן, ווי ליעב האט איהר פאנטאזי איהר פארגעשטעלט דאס געשטאלט פון דעם הייליגען געטליכען משה'ן! אונ דיזעס געשטאלט איז איהר אזוי בעקענט געוועזן, אזא אנגענעהמע פריינדליכע מינע האט ער געהאט. איהר האט איצט געדאכט אז זי זעהט איצט א ליעבען בעקענטען פריינד אונ זי האט זיך בעמיהט צו דערמאנען ווען האט זיא איהם געזעהן אונ ווען איז ער אזוי ליעב געווארן? דער נאמען משה פון דעם הייליגען מענשען, האט גאנץ אהן איהר ווילען געבראכט זי זאל זיך אן איהר שוועסטער קינד משה'לען דערמאנען אונ זיין קינדערשע שאנע געזיכט האט זי איצט געזעהן אין איהר פאנטאזי אין משה רבינו. ענדליך האט זי זיך דערמאנט אז זי זעהט דאס געשטאלט פון איהר שוועסטער קינד. „אך„, האט זי צו זיך געזאגט, דאס איז דאך מיין משה'לע נאר! אבער קאן מיין שוועסטער קינד ניט אזוי שאן זיין ווי משה רבינו.

אונזער לעהרער, אונזער פיהרער? קאן איך מיר דען נאך א שאנערס געזיכט מיט ליכטיגערע אויגען פארשטעלן זעלבסט אין דעם שאנסטען און היילינסטען פון אלע מענשען אלס דאס לויכטיג געזיכט פון מיין חבר משה'לען, וואס טראגט זיין אונ־ שטערבליכען נאמען?.. זיא האט איצט אין איהר פאנטאזי אנגעהויבען זוכען נאך א בעקענטען נאמען „משה" אונ זיא האט זיך דערמאהנט אז פאר יאהרען איז ביי זיי געוועזען ר' פנחסל, דעם רבינס גבאי מיט נאך א גבאי ר' משה, אבער יענער איז געוועזען א יוד מיט ארויסטען קארק, א געלער געדיכטער פערווילדעטער בארד אונ א פערשפיצטע נאז, דערצו האט געשריען אונ געדרייהט מיט ביידע הענט בעת ער האט גערעדט, אונ רחלע האט ניט געקאנט אהן א ווידערווילען זיטצען מיט איהם ביי איין טיש. „נייך, האט זי פאר זיך איצט איבערגערעדט, „דיזער שליח דעם רבינס, וואס טרינקט בראנפען אזוי פיעל אונ אבטעט קיין מענשען ניט קאן ניט אהנליך זיין צו אונזער היילינען, נאטעם שליח, משה רבינו! נור א פאלשען נאמען טראגט ער! משה רבינו איז ווי דער גראסטער, בעסטער אונ קלינסטער אויך דער שאנסטער געוויס געוועזען פון אלע מענשען. אך, ווי ליעב איז מיר זיין היילינער נאמען! ווי זינדיג רופט מען מיט דעם היילינען נאמען מענשען וואס זענען ניט ווערטה „משה" אנגערופען צו ווערן! ווייא וויל איך אז מיין שוועסטער קינד משה'לע זאל ווערטה זיין „משה" צוהייסען! וויא וויל איך איהם זעהן צו איז ער נאך אזוי שאן אונ אזוי ליעב וויא ער איז אמאל געוועזען!" אין אזעלכע געדאנקען פערטיפט, האט זי פלייסיג דיא גירלאנדע געפלאכטען אונ ניט געהערט אז צו דער טהיר איז צוגעפאהרן א פוהר, פון פוהר איז אראפ א יונגער מענש, אונ איז צו זיי אין שטוב אריין. זיא האט ניט בעמערקט אז דער־ זעלבער האט דיא טהיר געאפענט אונ איז גלייך אין עס־צימער אריין וואו זיא איז געזעסען מיט איהר ארבייט בעשאפטיגט. ביי דער טהיר איז ער שטעהן געבליבען, וויא פערוואונדערט אויף איהר קוקענדיג. ענדליך האט זי איהרע אויגען אויפגעהויבען אונ צו איהר פערוואונדערונג האט זיא דערזעהן אז יעמאנד שטעהט דא. זיין געזיכט האט איהר אויסגעזען בעקענט, זיא האט זיך גוט צוגעקוקט אונ איז ערשטוינט גע־ ווארן נאך מעהר; פונקט אין אזא געשטאלט, נור מיט א שאנעם ווייסען בארד ארום האט זי ערסט אין איהרע געדאנקען געזעהן דעם גאטליכען משה רבינו; זי איז איבער־ ראשט אונ ערשראקען געווארן. זי האט געמיינט עס איז דא מיט איהר וואס איבער נאטירליכעס געשעהן אונ זי האט ניט געקאנט א ווארט אויסרעדען.

— בין איך ביי ר' לייזער קאהאן אים הויזע? האט דער יונגער מענש געפרעגט נאהענטער צוגעהענדיג, אונ וואס נאהענטער ער איז צוגעקומען דאס בעקענטער אונ פריינדליכער איז זיין געזיכט רחלען געווארן.

— איהר האט קיין טעות ניט, יונגער מענש, האט זי בעשאמט געאנטווערט, זאגט מיר, וועמען ברויכט איהר?

— זייט איהר פילייכט זיין טאכטער רחל, אדער רחלע, ווי מען האט אייך דאמאלס גערופען, בעת איהר האט נאך מיך גוט געקענט? האט דער גאסט געפרעגט גיט צווייפלענדיג, אז ער רעדט עס מיט זיין שוועסטערקינד. האטש די שטימע איז נאך פרעמד געוועזען אבער דיא ארט וויא ער האט גערעדט, דער הארמאנישער זיסער

טאן האט אין איהר וואס בעקענטעס און ליעבעס דערמאנט. זיא האט זיך גוט צו-געקוקט און אין נאסט איהר שוועסטערקינד דערקענט. — משהלע! האט זיא אויס-געשריען: „זאל איך מיינע אויגען און מיין הערץ ניט גלויבען?“ און נאך איידער ער האט א ווארט געפונען וואס צו ענטפערן איז זיא איהם אין זיינע אויסגעשפרייטע ארעמס געפאלען און זיי האבען זיך ברידערליך צוקושט.

— אך, וויא אויסגעוואקסען און פעראנדערט ביזטו געווארן! האט זי אויס-גערעדט איהם גוט בעטראכטענדיג.

— אויך דוא רחל׳ע, ביזט אנדערס געווארן, האט ער געאנטפערט, נור ווערנד איך בין פילייכט צום ערגערן פעראנדערט ביזטו איצט שענער און פארנעהמער אלס פריהער; בעסער, וויל איך ניט זאגען, ווייל גוט ביזטו דאמאלס אויך געוועזען און נאך האב איך ביז איצט קיין בעסער קינד געזעהן אלס דוא ביזט דאמאלס געוועזען, מיר וועט געווג, זיין רחל׳ע, אין דיר נאך יעטצט יענע גוטהערציגקייט צו געפינען!

— און וואס זאל איך דיר זאגען, משה׳לע? האט זיא געפרעגט בעשאמט. איך קאן אזוי וועניג קאמפלימענטען מאכען; אבער איך מוז דיר זאגען: דו ביזט איצט אויך ניט ערגער אלס אין יענע יאהרן. זאג מיר, מיין טהייערער, וויא קומסטו אהער? אזוי פליצלונג, אזוי אונגעריכט?

— ניט פלוצים, רחל׳ע, ניט אונגעריכט בין איך אהער געקומען, האט ער ערקלערט. דיין ליעבער פאטער, מיין געטרייער פעטער האט מיר און מיין זיידען זעהר א פריינדליך בריוועלע געשריבען און געבעטען: איהם דאס פערגניגען צו מאכען און קומען צו אייך אויף יום טוב. אין בריוועלע האט ער אפילו פון דיר א פריינדליך גערוס צוגעשריבען און אין דיין נאמען געהייסען מיר: דערמאנען זיך אונזערע אלטע פריינדשאפט און דיר צוליעב טהון און קומען.

— און מיר האט דער גוטער פאטער גאר ניט געזאגט! האט זיא זיך מודה געוועזן. ער ווייס וויא גערן איך האב דיך געוואלט זעהן און ווי איך האב געבאנגט נאך דיר. וועסטו מיר גלויבען משה׳לע? איין מינוט פריהער איידער דוא ביזט אריינגעקומען האב איך אויך וועגען דיר געטראכט. דוא וועסט לאכען, אדער פאר אנאררעלע מיך האלטען. אז איך וועל עס דיר ערצאהלען; אבער איך וויל פאר דיר מיך אנדערס ניט פארשטעלן אלס איך בין. איך האב געטראכט וועגען יענעם הייליגען עוויגען משה׳ן, וואס האט אונז דיא תורה געגעבען און האט געהייסען איצט א סכה מאכען; פון זיין נאמען „משה“, האב איך דיך, מיין שוועסטערקינד „משה׳לע“ דער-מאנט. יא, ווען נור איך האב אט דעם הייליגען משה רבינו געוואלט אין געדאנקען זעהן, האט זיך מיר אימער פארגעשטעלט דיין געזיכט. אזוי שאן ווי איך זעה דיך איצט. שטעל דיר פאר, וויא איך האב מיך ערשראקען, אז איך האב ניט בעמערקט וויא דוא ביזט אריינגעקומען און איך האב דיך פלוצים געזעהן שטעהענדיג ניט נור אין געדאנקען, נור טאקי געגען מיינע אפענע אויגען! לאך פון מיר, איך האב אין דער רגע געמיינט: גאט האט מיר א נס געטהון און האט מיינע אויגען געאפענט צו זעהען דעם טהייערן לעהרער אונזערן, דעם הייליגען משה׳ן גאטעס קנעכט. אבער וואס שטעהען מיר דא? קום צום פאטער, ער איז אין סאד, דארט פוטצט ער צו דיא

סבה, ניין! בלייב דא א מינוט, איך וועל אליין געהן, איהם זאגען: א יוד פראגט דיך אויף איהם, איך וויל זעהן צו וועט ער דיך ערקענען?

מיט די וווערטער איז זיא צום פאטער געלאפען איהם געזאגט: עס פרעגט אויף איהם א יוד וואס דארף איהם נויטהיג האבען, זיא האט אבער איהר פרייד ניט געקאנט בעהאלטען און דער פאטער האט אן זיין קינד באלד פערשטאנען וועמ'ס ווארט אויף איהם; ער האט אבער זיך געמאכט ניט פערשטעהענדיג. איהר דאס פערגניגען וואס זי ערווארט ניט קאלט צו מאכען, און איז געגאנגען נאך איהר וויא ניט וויסענדיג וועגען דארט ווארט. קוים איז ער אבער אין שטוב אריין, דעם יונגען מענשען דערזעהן, האט ער איהם אין מאמענט ערקענט. נור איהם האט ער זיך איצט ניט פארגעשטעלט וויא משה'לע דאס חדר יונגעל, אבער וויא זיין ברודער ראובן. משה'לעס פאטער; אזוי ארהנליך איז ער איצט געוועזן, אז ר' לייזער האט געמיינט זיין געשטארבענער ברודער וועלכען ער האט אזוי הייס געליבט און אזוי פיעל געטרויערט אויף זיין יונגען טויט, איז איצט פון קבר אויפגעשטאנען און שטעהט דא אלעבעדיגער פאר איהם. טרעהרען זענען איהם ארויס פון די אויגען און אהנע א ווארט צו רעדען האט ער איהם צוגעדריקט צום הערצען און איהם הייס געקושט. אויך משה'לען זענען טרהערן אנגעלאפען אין די אויגען און האט דעם פעטער געקושט וויא א קינד וואס קושט דעם צוריקגעפונענעם פאטער ניינעם נאך צעהן יאהר באנגען און זוכען איהם.

פון דער צייט וואס זיין פאטער איז אזוי אונגליקליך פון דער וועלט אוועג, האט משה'לע דעם פעטער אויך ניט געזעהן. די מוטער זיינע האט פערקויפט דאס הויז, די ווירטשאפט, און איז מיט איהם אוועג־געפארן צו איהרע עלטערן, וועלכע זענען צו יענער צייט נאך רייך געוועזן. א יאהר שפעטער האט זי חופה געהאט מיט א צווייטען מאן, משה'לע איז ביי איהרע עלטערן געבליבען; האטש ביי אזיידען און באבען. אבער פארט ביי אלטע לייט מיט אלטע קאפריזען. אז דער זיידע האט אנגעהויבען ארונטער צו קומען פון מעמד, האט זיך דאס קינד עלענד געפונען, א פערלאזענער יתום, וואס איז ווייט פון פאטערס קבר און זעלבסט צו דער לעבעדיגער מוטער ניט נאהענט. די מוטער האט א מאן, מיט דעם מאן האט זיא קינדער וועלכע זענען איהר נאהענטער אלס ער... וויא פלעגט אין איהם דאס הערץ וויינען, וואס ער איז אזוי פליטצלונג אבגעריסען געווארן פון די אלע קינדערשע פערגניגען, וואס ער האט דא צווישען פריינד און חברים אין זיין געבוירנ־שטאדט געהאט! מען האט גאר ביי איהם ניט געפרעגט, איהם אריינגעזעצט אין זעליג דעם בעל העגלה'ס בויד און אוועקגעפיהרט, וויא מען פיהרט אוועק א קאטץ פערבונדען די אויגען זיא זאל ניט טרעפען וויא צוריק צו קומען... אנפאנגס האט ער שטארק געבענקט נאך די פעטערס, נאך די מוהמעס, נאך מעהר נאך רחל'ען מיט וועלכער מען האט איהם ניט געלאזט זיך געזעגענען אפילו. וויא האט ער געוויינט טאג און נאכט אז ער פלעגט זי דערמאנען! שרייבען בריוועלעך האט ער נאך ניט געקאנט, ער האט שוין אפילו געלערנט שרייבען און דער פעטער ר' שלמה פלעגט זיך חדושן פון זיין האנדשריפט, פון זיינע צוקען און פלעגט זאגען: ער וועט זיין אספרא רבה. אבער ווי דאס שרייבען

צו בענוטצען האט ער נאך ניט געוואוסט, אזוי זענען אריבער יאהרן ביז ער איז געוואהנט געווארן, ביז די ערשטע טרייע ברויולעך פון זיין פעטער ר' ליזערן צו זיין זיידען האבען וויא געוואהנליך אנגעהויבען זעלטענער צו ווערן, און דאן, אז ער האט שוין געוואוסט וויא די קונסט פון שרייבען צו בענוטצען, האבען שוין דעם פעטערס בריף אין גאנצען אויפגעהערט אנצוקומען, און וואס ווערט ער שרייבען? צו וועמען? וואס איז איהם דען דער פעטער מעהר אלס א פעטער? א פעטער וויא אלע פעטערס וואס אינטערעסירט זיך ווענען אייגענע קינדער און ווענען, איהם גאר ניט. דאריבער אז ער איז איצט מיט ליעבע צוגעדריקט געוועזן צום פעטערס ברוסט, האט ער א מין וואַרעמקייט, פרייהייט און זעליגקייט געפיהלט וויא ער וואלט צוריק צו יענע יאהרן געקומען, וואס זיין פעטער איז געוועזן ניט גלייך וויא אלע פעטערס נור א פעטער וואס איז איהם טריי וויא אלייבליכער פאטער.

ביידע האבען זיך אויסגעוויינט און די טהרערן אפגעווישט. מען האט חיילען אנגעזאגט, און זיא האט אויך דעם פלימעניק מיט קושען און מיט טהרערן בעגעגענט. די קליינע קינדער האבען זיך צוגעטולעט צום ליעבען גאסט און זענען איהם נאך געגאנגען יעדען טריט; נור מעהר פאר אלעמען האט איהר פרייד ארויסגעוויזען די אלטע פייגע די קאכין. וויא זיא האט דערהערט וואס פאר א גאסט עס איז געקומען, האט זיא דעם טאפ אויפען קיך געלאזט לויפען און איז צריינגעלאפען אין שטוב מיט א שמחה מיט א געפעטש, זיך ניט בעקימערט וואס זיא איז א ביסעל איינגעשמירט און איז צו צום גאסט, איהם געקושט מיט פרייד און מיט טהרערן. — א דאנק גאט וואס איך זעה דיך, מיין הארץ! האט זיא אויסגערעדט קוים דעם אטהעם אפהאפענדיג פון שמחה, אך, וויא האב איך געבענקט נאך דיר, מיין ליעב קינד! וויפיעל האב איך גאט געבעטען פאר דיין געזונד מיין פויגעלע! איצט דאנק איך איהם אז מיינע אויגען זעהן דיך וויא א שאן בוימעלע, אויסגעוואקסען וויא א גראף, אהן א עין הרע, אהן א בייז אויג!

— וואס מאכט איהר פייגע? איהר זייט, געביך, אזוי אלט געווארן! האט ער בעדויערט.

— איצט וועל איך יונג ווערן, מיין קינד! געזונד און כח קומט מיר צו, אז איך דערלעב נאך צו זעהען וויא מיינע ליעבענקע, וואס איך האב אויף מיינע האנד אויסגעהאדעוועט קומען זיך צוזאמען און זענען אזוי געראטהען אז גאט און לייט מאגען זיך פרעהען מיט זיי!

— און איך האב געמיינט, האט ער מיט א ליבען שמייכעל געזאגט, אז איהר האט נאך אויף מיר א כעס, וואס איך האב אין אייער צעפציק אמאל זאמד אנגעשאטען; געדענקט איהר, אז איהר האט מיך געשלאגען און געזאגט: „איך וועל עס דיר אייביג ניט מוחל זיין"? און די ברילען אייערע אז איך האב צובראכען, און דאס איבערקרימען אייך אייער דאווענען? געדענקט איהר וואס פאר א שנאה איהר האט אויף מיר געטראגען?

— וויא ער געדענקט עס אלץ! האט פייגע זיך געוואונדערט, דעם טאטענס קאפ אויף זיך, דיר צולענגער יאהר, מיין ברילאנט! איך האב דיר שוין אלץ מוחל

געוועזן. אז דוא ביזט פון אונז פלוצים אבגעריסען געווארן, זייא גזלנים וואלטען ! צוגערויבט, האב איך מיינע אויגען אויסגעוויינט בענקענדיג נאך דיר. איך וואלט שוין דיר גערן געגעבען אפילו מיין שבת'דיגען צעפציק אנצושיטען זאמד, מיר צו טהון דיינע אלע צולהכעיס'ן, נור דוא זאלסט צוריקקומען אונ דא זיין ביי אונז. איך זאל דיך זעהן, דוא זאלסט געזונדערהייט עסען וואס איך קאן! אי, מיין קינד, עס פערגעסט זיך אזוי גיך ניט! איך האב נאך דיין טאטען, אליכטיגען גן עדן זאל ער האבען, אויף מיינע הענט געטראגען. דיך אונ רחל'ען האב איך מיט אמאל געטראגען, דיך אויף דער רעכטער אונ זיא אויף דער לינקער האנד. דוא ביזט שוין דאמאלס דריי יאהר געוועזען, ביז הונדערט אונ צוואנציג. אונ רחלע איז נאך אקינד פון א יאהר געוועזען; מיר האט געדאכט דיא גאנצע צייט וואס איך האב ניט געהאפט דיך א מאל נאך צוזעהן, אז דיא רעכטע האנד איז מיר איבריג. מיר האסטו געפעהלט, מיין הארץ האט דיך געזוכט, זאל איך מיך ניט פרעהען אז איך האב דיך איצט צו-ריק געפונען? — ר' ליזער האט אוועקגעשיקט אנזאגען זיין ברודער ר' שלמה'ן. ער מיט דער מוהמען זענען באלד געקומען; מיט פרישע קושען מיט נייע טהרערען. עס זענען אויך געקומען בעקענטע, שטובינע מענשען, שלום עליכם' געבען. אין זעלבען טאג האט שוין גאנץ שטאדטעל געוואוסט, אז עס איז אראפגעקומען ר' ראובנ'ס זוהן א לייט, א עלוי אונ א גרויסער קענער, א שאנער, א בילד, א וואהרער מאנארך. ארומיגע ביידלעך, האבען זיך א אויסרעד געמאכט: „זיי זענען געקומען עפיס לייהען, אדער פרעגען" אונ האבען געגעבען א קוק אויף משה'לען, מאנכע האט ער געקענט אונ זיך פריינדליך נאכגעפרעגט: „וואס מאכט מען"? יענע זענען געוועזן איבער גליקליך. אלע האבען רחל'ען מקנא געוועזן אזא גאסט, אזא שוועסטערקינד...

ה.

עס איז יום טוב געווארן, זמן שמחתנו: פרייד פאר אונזערע אלטע לייט וואס מען איז נאך יודען אונ מען קאן נאך גאט'ס געבאט טהון, פרייד אונ פערגניגען אויך פאר אונזערע יונגע קינדער, וואס ווארטען אונ בייגען נאך אזא יום טוב. ווען מען מאג אין א קליין יודישען שטאדטעל אנטהון א שאנעם בגד, ארויס געהן אביסעל פריי שפאצירען, זיך זעהן מיט דעם וואס ווילט זיך זעהן אונ אליעב ווארט רעדען מיט דעם וועלכער איז ליעב אונ אין הארצען איינגעבאקען...

רחלע, וועלכע איז אין אלע היגזיכטען פרייער געוועזן אלס יעדע אנדערע יודישע טאכטער אין קליינין, האט גאר פריהער ניט געמערקט, אז זיא איז פריי, קיין לוסט אונ געלעגענהייט ניט געהאט דיזע פרייהייט מיט פערגניגען צו בענוטצען, יעטצט איז זיא צופרידען געוועזן וואס איז יום טוב, וואס זיא איז פריי פון אלע שטובינע ארבייט, וואס איהר פאטער אונ מוטער רוהען יעדען נאך מיטאג אונ זיא בלייבט אליין מיט איהר ליעבען גאסט אונ זיי רעדען ביידע. אונ דערצאהלען זיך איינאנדער אלטע געשיכטען פון יענע יאהרן ווען דער גוטער קלוגער זיידע האט נאך געלעבט, ווען זיי זענען נאך קינדער געוועזן אונ ניט פערשטאנען ווי גוט זיי איז,

ווי גליקליך זיי זענען. משהלע האט איהר אויסערצאהלט מיט שווערע זיפצען און טרהערן, ווי ער האט דורך געלעבט דיא צעהן יאהר וואס זיי האבען זיך ניט געזעהן. ער האט איהר אויך ערקלערט וואס ער האט אין דער צייט געלערנט און וועלכע וויסענשאפטען ער האט זיך געקויפט מיט שווערער מיה און פלייס; דיזע וויסענשאפטען האט ער מיט איהר טהיילען געוואלט און איהר ביי יעדער געלעגענהייט פיעל נאטור ערשיינונגען ערקלערט למשל: וואס איז וואלקען און וואס איז רעגען, וואס איז אדונער און וואס אבליטץ, און נאך אזעלכע אלטאגליכע נאטור ערשיינונגען פון וועלכע זיא האט פריהער קיין ריכטיגען בעגריף געהאט. ער האט איהר אלעס קלאר און דייטליך ערקלערט און זי האט אלעס מיט לוסט און בגיערדע אויסגעהערט, איבערגעפראגט דאס וואס איז איהר ניט קלאר געוועזן און בעוואונדערט: ווי ער ווייס אלץ ווי געלערנט און ווי קלוג ער איז! זי האט זיך געפרעהט, וואס ער איז צו איהר אזוי גוט, וואס ער לאכט ניט פון איהר אונוויסענהייט און וויל גערן זיא זאל אלעס וויסען וואס ער ווייס. און ער איז אין איהרע אויגען אלין העכער און פארנעהמער געווארן. ביז איצט האט זיא נור קליינצער יונגע לייט און בחורים מושלמים געקענט, אבער וואס וויסען זיי געגען איהם? קאן דען ווער אזוי שוין רעדען, אזוי פיין ערצאהלען עטוואס ווי ער? זיי וויסען אפילו ניט אין וואס פאר א קלוגער וועלט און שאנער ארדנונג זיי לעבען, זיי זעהן ניט און פיהלען ניט וואס פאר זייערע אויגען טהוט זיך; אבער ער? ער ווייס אלעס!...

איהר פאטער פלעגט אפילו אפט פערברענגען מיט איהר גאנצע שעות און ערקלערן איהר זיינע געדאנקען און וועלט אנשויאונגען; רעדען מיט איהר איבער רעליגיאן און זיטען, איבער דער וועלט בכלל און איבער מענשליכען לעבען אין איהר בפרט. ליידער איז ער אליין געוועזן פון יענער קלאסע בעהאלטענע משכילים וועלכע האבען זייער בילדונג און אויפקלערונג בעקומען פון פילאזאפישע ספרים און אלע זיינע חקירות האבען מעהר השערות אין זיך געהאט אלס אמת, מעהר געמיטה־צושטאנד און חלומות אלס נוטצליכע וויסענשאפט און וועלטליכע ערפאהרונגען וואס דורך דעם איז איהר חאראקטער כמעט צו ווייך געווארן, איהר געפיהל און עמפפינדליכקייט צופיעל ענטוויקעלט ביז זיא איז איינגערמאסען טרוימעריש געווארן. פון דער אנדערן זייטע האבען דיזע חקירות זיינע פערעדעלט איהר נאטור און אויסגעבילדעט איהר הערץ און שכל מיט גוטע מדות, מיט שאנע ערהאבענע געדאנקען און זיא האט געקאנט רעדען וועגען הויכע געגענשטאנדע מיט פערנונפט און וויסען ווי ניט א מיידעל אין איהרע יאהרן. אויך איהר גלויבען, איהר פערטרויען אין גאט איז ריינער און פעסטער געוועזן אלס ביי יעדער אנדערער אין דעם שטאדטעל. זיא איז שטאלץ געוועזן מיט דעם וואס זיא איז א יודיש קינד און גליקליך זיך גערעכענט מיט איהר ריינעם גלויבען אין גאט און אין זיין תורה. איצט האט איהר משהלע צוגעגעבען נייע וויסענשאפטען, און נאך אזעלכע וועלכע זענען ניט געגרינדעט אויף השערות און נאכדענקען אליין, אבער טאקי אויף פראבען וועלכע איבערצייגען און מען איז זיכער אז עס איז אזוי און ניט אנדערש און זי האט אנגעהויבען זעהן א נייע וועלט. זיא האט זיך געפרעהט וואס דער מענש איז ניט אזוי אהן שכל ווי זיא האט פריהער געמיינט.

אונ קאן איינדרינגען זעלבסט אין דער געטליכער חכמה מיט וועלכער ער ערהאלט זיין וועלטאל. משה'לע איז אין איהרע אויגען גרויס געוואָרן, אזוי גרויס, כמעט וויא יענער געטליכער משה וועלכען זיא פלעגט אין איהרע געדאנקען זעהן, וועלכער האט געוויס אלעס געוואוסט אונ גאט אונ זיין וועלט בעסער פערשטאנען אלס אלע אנדערע מענשען. זיא האט משה'לעס רייד געשלונגען אונ גאר פערגעסען יענע ניט קלארע געפיהלע וואס איהר הערץ פלעגט, אמאל פיהלען אז זיא פלעגט דעם זיידענס ברכה דערמאנען; זיא האט אויך זיך צו שעמען פערגעסן ווען ער פלעגט איהר אקאמפלימענט מאכען אדער איהר האנד דריקען, וויא עס פלעגט געשעהן אין דיא ערשטע צוויי טאג וואס ער איז איצט אלס גאסט געקומען. מיט איינעם ווארט: זיא האט אויפגעהערט רחל'ע צו זיין, רחל'ע אמאדכע פון זיבצעהן יאהר. אונ אויפגעהערט איהם אלס מאנספערשון צו בעטראכטען, וואס עס איז אפשר ניט פאסיג אונ ניט שאן מיט איהם אזוי אפענהערציג אונ צוגעלאזען צו זיין. זיא האט נור איין זאך געוואוסט: משה'לע איז געקומען צו ליעב דעם נור איהר אנייע וועלט צו ווייזען אונ אין דער וועלט אלעס צו ערקלארן וואס זיא ווייס נאך ניט אונ דאס וואס ער לערנט איהר איז אזוי קלוג, אזוי גוט אונ אנגענעהם צו וויסען, אז עס איז ווערטה אלעס אנדערע צו פערגעסען צו ליעב דעם אליין. אזוי האט זיא אליין ניט בעמערקט וויא זיא איז צו איהם צוגעוואקסען געוואָרן, ווי איהר גאנצע זעלע האט זיך איבערגעזעצט אין איהם. דיא טאג זענען ליכטיגע, שאנע אונ ווארעמע געוועזען, דיא זונן האט געשיינט גלייך וויא זיא וואלט אויך א פראהליך פנים געוואלט ווייזען דעם ליעבען גאסט. וועלכער האט אין זיין לעבען איהר ליכט דא צום ערשטען מאל דערזעהן. דיא ערשטע יום טוב טעג זענען זייא וויא איין גליקליכע שעה אריבער, אין רעדען, אין שפאצירן אונ אין אנגענעהמע ווארטלען זיך ביים טיש אין סכה, וואו פאטער אונ מוטער אונ גאסט האבען געגעסען אונ געטרונקען, געזינגען אונ געלאכט.

דער פאטער האט עס צוגעזעהן אונ איז צופריעדען געוועזען, איהם אליין זענען איצט פיעל זאכען קלאר געוואָרן אונ איז האבכט פערגנינט געוועזן צו זעהן וויא זיין רחל'ע פערשטעהט אלעס אזוי גוט וויא ער אונ זיא וויל אלץ וויסען אונ אלץ פער־שטעהן. אין זייערע בענעהמונגען איינע צום אנדערן, האט ער ניט געזעהן וואס ניט בעשיידען איז, אדער וואס ווייזט עטוואס מעהר אלס אמת ברידערליכע פריינדשאפט אונ איינגעליבע אכטונג. ער האט זיי זייער פערגניגען פערגינען אונ זיי געלאזען צו־זאמען זיטצען, צוזאמען רעדען, צוזאמען געהן, לאכען אונ שטיפען וויא אברודער מיט א שוועסטער. דער מוטער אבער זענען גאר אין קאפ ניט געקראכען דיא פוסטע חקירות זיינע. וואצו ברעכט מען גאר דארויף דעם קאפ? פלעגט זיא פרעגען, וואצו ברויך מען דאס גאר וויסען? וואס קומט צו פון דעם צום געזונד אונ אין קעשענע אריין? זיא איז פון רחל'עס צופיעל פריינדשאפט צו איהר קוזין ניט גאר צופריעדען געוועזן אונ האט רחל'ען עטליכע מאל אויסגערעדט. וואס זיא פערגעסט זיך גאר אז זיא איז א מיידעל אונ עס פאסט גאר ניט דאס אונ דאס צו רעדען, יענס אונ יענס צו טהון.

אמאל איז חיי'לע צריינגעקומען פון צו גאסט וואו זיא איז געוועז אונ האט

באלד געלעגענהייט געפונגען רחלען אויסצורעדען פאר אירע קינדערשע בעגעהטונג: רחלע מיט משה'לן זענען גראדע אין גאסטינגיע אויפן ווייכען דיוואן געזעסן. ער האט איהר עטוואס פארגעלעזען אונ זיא, אהנע זעלבסט עס צו מערקען, האט איהר האנד געהאלטען אריבערגעלעגט איבער זיין פלייצע. עס קאן זיין, דארט פון טאגען הייל'ע איז איצט געקומען האט מען אפשר געלאזט א באז ווארט פאלען וועגען דיא פריינד־שאפט פון דיא קינדער אונ הייעלע האט איצט געזעהן, אז יענע זענען אפשר ניט אונגערעכט; זיא האט רחלען אריינגערופען צו זיך אין שלאפצימער אונ האט איהר דארט אנגעהויבען לייענען א גאנצען צעטעל.

— פע, מיין טאכטער, האט זיא געזאגט, וויא קומט עס צו דיר? ביזטו פון זינען אראפ אדער דוא האסט גאר אן חרפה אונ בושה פערגעסען? דו הענגסט זיך דאך אויף איהם... פערגעס ניט, אז דוא ביזט א מאדעל, א כלה; אין דיינע יאהרן האב איך שוין באלד חתונה געהאט. וואס וועלן לייט זאגען? א מיידעל, מיין קינד, טאהר אויף זיך א שטויב ניט לאזען פאלען, א צו הויכער לאך א איבריג ווארט. אקוק אפילו איז שוין א חציפות פון א דערוואקסען מיידעל אין דיינע יאהרן...

— איז מיר דען משה'לע א פרעמדער? האט זיא געפרעגט ניט בעגרייפענדיג דאס אונרעכט וואס זיא טהוט. זענען מיר ניט קינדער געוואקסען אונ געצויגען אין איינעם? איז ער מיר ניט א עלטערער ברודער? האטש ניט א ברודער פון איין פאטער אונ מוטער אבער פון איין זיידען אונ באבען; א ברודער אליעבער וועלכען איך האב צעהן יאהר ניט געזעהן, האטש איך האב געבאנגט נאך איהם? ווי זאל איך מיך איצט בעפרעמדען פון איהם אז איך בין אזוי גליקליך איהם ווידערצוזעהן אזוי שאן, אזוי קלוג אונ געלערנט? אדער זאל איך ניט וועלן לערנען פון איהם אלץ וואס ער לערנט מיט מיר אזוי גוט אונ אזוי קלוג?

— אבער איהם ליעב האבען דארפסטו ניט, טאהרסטו ניט!

— ליעבט איהם דען דער פאטער ניט? אדער ליעבסטו איהם אויך ניט? האט זי אונשולדיג געפרעגט, וויא קאן מען איהם ניט ליעב האבען?. אין דיא רייד איז אזוי פיעל אפענהערציגקייט אונ אונשולד געוועזן אז זעלבסט הייעלע האט מעהר ניט געקאנט איהר גוט קינד חושד זיין וואס שלעכטעם חלילה.

— יא, מיין קינד, האט זיא געזאגט, דאס איז טאקי אלץ אמת, איך ליעב טאקי דעם ארעמען יתום וויא מיין אייגען קינד, זיין טאטע האט עס געוויס ביי מיר פערדינט. א גוטער בעטער זאל ער פאר אונז זיין אין גן עדן, דער שווער, זכר צדיק לברכה האט אויך בודאי געוואלט איך זאל זיין אייניקעל דעם יתומ'ל א געטרייע מוטער זיין. דאס אלץ, מיין קינד, איז אבער מיר צו וויסען, דיר אבער איז ער ניט א ברודער נור א שוועסטערקינד. דער זיידע איז געשטארבען אונ איהר זייט איצט ביידע קיין קינדער ניט מעהר; דוא ביזט א מיידעל, ער א בחור, דעם זיידען אליין וואלט איצט ניט געפאלן אזעלכע נאהענטע פריינדשאפט צווישען אייך. דאס וואס עס איז שאן פיר קינדער איז מאוס פאר ערוואקסענע אונ דאס וואס איז דאמאלס גוט אונ גלייך געוועזן איז אפשר היינט גאר ניט גוט אונ גאר ניט גלייך.... ניט פערגעס: דוא ביזט שוין א מיידעל וואס שטעהט אין שדוכים... אנדערע יאהרען זענען איצט. מאלא וואס

אמאל איז געווען! ... די לעצטע ווערטער האבען רחל'ען זעהר פרעמד געקלונגען. זיא איז צו זיך אין חדר'ל אריין און האט זיך פאנאנדער געוויינט. פאר וואס איז איצט אנדערע יאהרען? האט זיא ביי זיך געפרעגט, פאר וואס לעבט דער זיידע ניט? דער ליעבער זיידע, וואס האט אונז ביידען אזוי געליעבט? איך בין א מיידעל, זאגט דיא מאמע, וואס איז מיין זינד? פאר וואס טאהר איך ניט וויסען וואס ער ווייס? איך בין עלטער געווארן? נו, וואס איז געשעהן אז איך בין איצט זיבצעהן יאהר? טאהר איך מיין שוועסטערקינד ניט מעהר ליעבען ווייל איך בין עלטער? ניין, איך האב איהם געמאגט ליעבען אלס קינד פאר זיינע חדר מעשיות, איך האב איהם געליעבט און ניט געוואוסט פאר וואס, מעג איך איהם איצט אויך ליעבען פאר זיין פערשטאנד, פאר זיין גוטסקייט מיר אלעס צו ערקלערן! און וויא זאל איך איהם ניט ליעבען אז ער איז מיר פארט ליעב? „זיי האט א צייט געוויינט פאר זיך אליין אין איהר צימער, זי האט איצט דערמאנט איהרע קינדעריש'ע יאהרען, וויא זי פלעגט האנד אין האנד מיט משה'לען זיך לאזען בענשען פון זיידען און דער זיידע איז איהר איצט פאר די אויגען געשטאנען מיט זיינע אלטע האנד אויף זייערע ביידענס יונגע קעפעלעך אריבער געלעגט. זיא האט אויך זא גוט וויא געהערט דיא ווערטער זיינע, בעת ער הויבט זיינע פאלע אויגען צום הימעל און בעט: גאט זאל איהם נאך מזכה זיין, דיזע ליכטיגע ברילליאנטען אויף זיין ווייסען קאפ, צו בענשען אמאל אלס חתן כלה אונטער זייער חופה....״ יא, דער זיידע איז געשטארבען האט זיא צו זיך געזאגט, אבער עס לעבען נאך זיינע גוטע ברכות! זיי לעבען נאך אין אונזער הערצען, עס געדענקט זיי נאך אויך מיין פאטער? וועלכע אנדערע יאהרען? ניין אלעס דאס זעלבע וואס געוועזען!

זיא האט ערשט איצט א גאנץ נייעס געפיהל אנגעהויבען צו עמפפינדען, משה'לע איז פלוצלונג פון א ברודער א אנדערער געווארן, נור א זעלכער, וואס איז איהר טהייערער אלס א ברודער, ליעבער און נאהענטער אויך....

שטיל ליגט דער פערזייעטער קארן אין דער ערד א גאנצען ווינטער, עס קומט דער פריהלינג, דיא זון הייבט אן שיקען איהרע ווארעמע שטראהלען אויף דאס פערזייעטע פעלד און דער פערשלאפענער קארן חאפט זיך אויף פון זיין דרעמעל און הייבט אן ארויסשפראצען אויסצופיהרען דעם צוועק און ווילען פון דעם וואס האט איהם פאר יאהרען דא בעהאלטען.

ווען דעם זיידענס ווערטער האבען, אין זייער צייט, ניט געווירקט אויף דיא פריינדשאפט און פערהאלטניסע פון דיא קינדער און זיי פלעגען נאך דעם וויא פאר דעם זיך קריגען און שלאגען, דריי מאל אין טאג ברוגז ווערן און ווידער שלום מאכען, זענען זיי אבער גאר לאבוד ניט געגאנגען. ערגעץ אין א בעהאלטען ווינקעל פון זייערע יונגע הערצלעך האבען דיא טרייע ווערטער א ארט געפונען וואו זיא האבען געשלומערט און געשלאפען גאנצע צעהן יאהר צייט, וויא יעדער ביי פערזייעטער קארן ביז די זון שיינט ארויס און דער פריהלינג קומט...

רחל'ס פריהלינג וואלט נאך אבער אזוי גיך ניט געקומען ווען דיא אייגענע מוטער וואלט אויף איהר קינדס הערצען ניט אנגעקלאפט אויפצוועקען וואס דארט

איז נאך ניט וואך געוועזן. דאס יונג קינד האט נאך ביז איצט אליין ניט געוואוסט, וואס איז איהר משה'לע? וואס פאר א נאמען האט די פריינדשאפט אונ צוגעטהוענקייט איהרע צו איהם? זיא האט גאר קיין אנדער פריינדשאפט אלס ברידערליכע ניט געקענט, יעטצט האט דיא מוטער איהר צו פערשטעהן געגעבען: „אז זיא איז א ער־וואקסען מיידעל", עס זענען אנדערע יאהרן, זיא שטעהט שוין אין שדוכים, א הויכער לאך, א קוק א איבריגער איז אויך א חציפת, אונ רחלע האט ערשט אנגעהויבען פערשטעהן אונ פיהלען וואס זיא האט ביז איצט נאך קיינמאל געפיהלט. איהר געמיטה איז שווער געווארן, טהרערן האבען זיך גרינג אונ שטיל געגאסען אונ זי האט ניט געוואוסט פאר וואס וויינט זי? וואס איז מיט איהר געשעהען? ... משה'לע האט גע־ווארט אונ אז ער האט געזעהן זי קומט פון איהר חדר ניט ארויס איז ער צום פעטער ר' שלמה'ן אוועקגעגאנגען אונ דארט אויך אויף איהר אומזיסט א גאנצען טאג געווארט.

רחלע איז היינטיגסמאל איהר ווארט ניט טריי געבליבען אונ ניט געקומען. אז דער פאטער האט זיין ליעב קינד אוויינענדע אין איהר צימער געפונען אונ געפרעגט די אורזאכע פון איהרע טהרערן האט זי איהם א תירוץ געזאגט: דער קאפ טהוט איהר וועה, זיין טריי הערץ אבער האט איהם געזאגט אז נור אין הערצען טיף ביי איהר איז די קוועלע איצט פון אזעלכע טהרערן. ער האט אין דער מינוט ניט געוואלט איינדרינגען אין איהר אונ האט זיא רוהיג געלאזען אליין. דאס איז דאס ערשטע מאל אין איהר לעבען געוועזן וואס רחלע האט איהרע ווירקליכע ליידען פון דעם טרייען פאטער פער־לייקענט אונ ער האט איהר מוחל געוועזן. חאטש זיא האט זיך בעאונרוהיגט א גאנצען טאג וואס משה'לע איז נאך אזוי שפאט צוריק ניטא. פונדעסטוועגען וואלט זיא גערן געוועזען מיט איהם אונ אויף אוינ זיך היינט ניט צו טרעפען; עס איז איהר געוועזן ווי ביי איהר אויפען שטערן וואלט אלץ אנגעשריבען געוועזן וואס דיא מוטער האט מיט איהר גערעדט. וואס זיא אליין האט איצט מיט איהר הערצען גערעדט אונ וויא ניט שאן איז דאס אז ער זאל באלד פון אלץ געוואהר ווערן!.. אונ אזוי איז זיא אין א פערלעגענהייט געבליבען אז ער איז ענדליך אהיים געקומען; קוים האט זיא איהם אין טהיר דערזעהן איז זי אין איהר צימערל אריינגעלאפען אונ נאך דעם זיא האט דאס געזיכט אונ די אויגען ניט אויסגעוואשען אונ זיך אנגעקוקט אין שפיגעל איז זיא צו איהם ארויס געקומען. זעהר בעשיידען אונ מיט א שאמעדיגען חן האט זיא איהם גע־ריכט אבער מעהר א ווארט ניט גערעדט.

— פאר וואס ביזטו ניט געקומען, רחלע? האט ער געפרעגט, מיר האבען דאך אבגערעדט דוא זאלסט דארט אויך זיין, דער פעטער האט געווארט אויף דיר אונ דיא מוהמע איז שוין ברוגז געווארן.

— איך האב ניט געקאנט, איך בין ניט געזונד געוועזן היינט! האט זיא שטאמ־לענדיג ארויסגערעדט, אונ האט זיך פארשעמט, פאר דיא ליגען וואס זיא זאגט איהם. ער האט אויף איהר א אונרוהיגען קוק געטהון אונ געפרעגט: אונ איצט ביזטו שוין געזונד?

— געזונד! האט זיא מיט אראפגעלאזענע אויגען געענטפערט.

— זעה זשע געזונד צו זיין, האט ער געזאגט מיט א ליבען שמייכעל, איך האב

פיינדט אז מען איז ניט געזונד. ווילסטו איך זאל דיך ליעב האבען מוזטו נור געזונד זיין! זיא האט איהם ליעב אונ רידערענד אנגעקוקט. אזעלכע אויגען האט ער אין איהר ביז איצט נאך קיינמאל בעמערקט.

וואס שווייגסטו? האט ער פערוואונדערט געפרעגט, ווילסט דוא מיר דעם אמת ניט זאגען?

— האב מיך פיינט, משה'לע האט זיא וויא מיט אפערשטיקטען אטהעם אויסגערעדט, איך בין נאך איצט אויך ניט געזונד, פערצייהע מיר, איך מוז צוריק אין מיין צימער אריין. א גוטע נאכט, משה'לע! אונ ניט רעדענדיג ווייטער א ווארט איז זיא צוריק אין איהר צימער אריין, דארט האט זיא ווייטער געוויינט:

דיא אלטע פייגע איז אריינגעקומען אונ וויא האט זיא זיך ערשראקען אז זיא האט איהר רחלען אזוי אין טהרערן אויסגעווייקט געפונען, זי האט באלד איהר האנד אויף רחל'עס קאפ ארויפגעלעגט אונ אבגעשפראכען א עין הרע. עס האט אבער ניט געהאלפען, רחלע האט ניט געקאנט צו זיך קומען אונ אויפהערן וויינען.

— מיר פאר דיין קאפ, מיין ליעב קינד! האט דיא אלטע געזאגט, זאג מיר נור וואס איז דיר?

— לאזט מיך אליין, ליעבע פייגע, האט רחלע געבעטען, איך ווייס אליין ניט וואס מיר איז, לאזט מיך זיך אויסוויינען אפשר וועט מיר גרינגער ווערן.

— ניין, מיין הארץ, האט פייגע געאנטפערט, איך וועל פון דיין חדר ניט ארויס ביז דוא וועסט מיר זאגען וואס דוא וויינסט! אומזיסט וויינט זיך ניט, דוא מאגסט פייגען אלץ דערצאהלען, איך האב א סך מאל דיין וויינען איינגעשטילט אונ דיין הערצעלע בערוהיגט, בעת דוא ביזט א קינד געוועזן אונ כל זמן איך לעב דארף מיין ליעב קינד ניט וויינען איך זאל ניט וויסען פאר וואס!

— איך ווייס ניט, פייגע, האט רחלע ווידער געאנטפערט, גלויבט מיר, איך ווייס אליין ניט וואס מיט מיר איז היינט געווארן, איך דארף צופרידען אונ פרעהליך זיין אונ מיר גיסען זיך דיא טהרערען. איך ווייס ניט וואס איך וויל, מיר ווילט זיך דא אליין זיין, אליין דא וויינען, קיינער, אפילו דער ליבער פאטער זאל מיינע טהרערן ניט זעהן, אונ מיר ווילט זיך אויך אייך ניט אוועק לאזען. א, מיר איז אזוי גוט אז איהר זיטצט נעבען מיר, קוקט נור ניט אזוי אויף מיר, טהוט מיר צו ליעב, פייגע, אונ פערלעשט דיא ליכט.

— פייגע האט דיא ליכט פערלאשען, זיך אויף איהר בעט אוועקגעזעטצט אונ מיט אלער טרייהייט געזוכט רחלען צו בערוהיגען. זיא האט איהר ערצאהלט אלטע געשיכטען, וויא זיא, פייגע, איז א יתומה פון זעכצען יאהר אנגעקומען דינען צום זיידען עליו השלום, בעת ער איז נאך גאר א יונגערמאן געוועזן „וויא גוט איז מיר ביי איהם געוועזן! ביי לייטען איז מען צו א קינד ניט אזוי געטריי", האט זיא ערצאהלט, "דריי יאהר האב איך געדינט, דערנאך האט דער זיידע מיר נדן געגעבען אונ מיר חתונה געמאכט; נור איך בין געבוירען אין א באזען מזל אונ מיין מאן האט מיר דאס לעבען פערביטערט, זאל קיין יודישע טאכטער פון אזעלכע צרות ניט וויסען וועלכע איך האב געליטען אין מיין צוזאמענזיין מיט מיינעם! איך האב אלץ געשטיקט אין

זיך אונ קיינעם ניט ערצאהלט , אבער ווענט האבען אויהערן אונ לייט האבען אויגען , עס איז צום זיידען , עליו השלום , אנגעקומען מיין פינסטערע מערבה , ער האט באלד נאך אונז געשיקט , מיך האט ער אויסגעזידעלט פאר וואס איך האב איהם ביז איצט ניט ערצאהלט פון אלץ , אונ וויא האב איך איהם געקאנט ערצאהלן ? איהם האט ער מקרב געווען מיט גוטע רייד , איהם ערקלארט ווי ניט גוט אונ וויא ניט שאן עס איז פאר א יודען שלאגען א ווייב ; אז ער האט אבער אין עטליכע וואכען ארום געזעהן אז עס ניטא מיט וועמען צו רעדען אונ קיין שלום צווישען אונז קאן ניט זיין האט ער איהם הונדערט דוקאטען געבאטען ער זאל געבען א גט מיט זיין גוטען ווילען. נור מיינער האט ניט געוואלט אונ האט דעם זיידען מעיז געווען אונ געזאגט , ער האט פאר איהם קיין מורא ניט , אונ אז מען וועט איהם עפיס טהון וועט ער אונגליק ליך מאכען דיא גאנצע שטאדט , ער וועט מסרן . דער זיידע האט איהם אנגעפאטשט אונ געהייסען געהן מסרן , פונדעסטוועגען פלעגט ער אריינשיקען אויף שבת אונ יום טוב מעהל אונ פלייש , מיינעם מקרב זיין , טאמיר וועט דאס העלפען ; אבער אביטערע קרויט קאן מען ניט זיס מאכען , איהם האט גאר ניט געהאלפען ! אפילו אז דער זיידע האט איהם א שטעלע געגעבען אין זיינע געשעפטען האט ער אמאל צוגענומען עטליכע הונדערט רובעל אונ איז גאר פערפאלען געווארן . זעכצעהן יאהר האב איך פון איהם ניט געוואוסט אונ ניט געהערט , איך בין צום זיידען צוריק אנגעקומען. דא האב איך געלעבט אין נחת אונ אין גדולה , דיא שטוב איז שטאנדיג פאל געווען מיט תורה אונ מיט חכמה , מיך האבען אלע ליעב געהאט וויא איך וואלט גאר קיין דינסט געווען , נור א איינענע אין שטוב . דער פעטער שלמה איז נאך דאמאלס א בן יחיד געווען , שוין א יונגעל פון צעהן יאהר ; איך פלעג איהם אין חדר פיהרן , איך פלעג איהם עסען געבען , ביי מיר פלעגט ער זיך בעהאלטען , אז ער פלעגט עפעס א חטא פערשטיפען אונ מען פלעגט איהם וועלן שמייסען , צו מיר איך ; דיא באבע , א גוטע בעטערן זאל זיא זיין , איז געווען א בייזע יודענע , א ביסעל פאהאזע אויף דיין מאמען . אידערע יאהרן זאל זיא אויסלעבען , זיא פלעגט מיך אנשעלטען טאקי אונ שרייען , אז איך פיהר דאס קינד איבער , אבער איך פלעג מיינס אויספיהרן אונ ניט לאזען א פינגער ארויפלעגען אויף דעם ציטריגען בן יחידל . דערנאך האט גאט געהאלפען דיא באבע האט געהאט נאך א יונגעל אונ דאס איז געווען , ר' ראובן , א ליכטיגען גן עדן זאל ער האבען , משה'לעס טאטע , איהם צו לענגער יאהר , וואס דאס איז געווען פאר א לויכטיג קינד ! מעפלעגט איהם מוזען בעהאלטען פון א בעז אויג , אויף מיינע האנד איז ער אויסגעהאדיוועט געווארן ; ניט בעשערט געווען איהם נעבעך . דערלעבען דעם נחת אנצוקוקען זיין בריליאנט קינד , משה'לען , וואס ער איז איצט פונקט דער טאטע , נור מיט מעהר יאהרן , רבונו של עולם ! אין פינף יאהר ארום ערשט איז געבוירן געווארן דיין טאטע , דער מעזיניק ; אויף איהם האבען אלע געזאגט , אז ער איז נגעראטהען פונקט אין פאטער , זיינע אויגען , זיינע ברעמען אונ דער זיידע האט איהם ליעב געהאט וויא יעקב אבינו האט ליעב געהאט זיין נגעראטהען קינד יוסףן . אויך איהם האב איך אויף מיינע האנד געטראגען , נאכט ניט געשלאפען אונ איהם אבגעהיט ווי דאס אויג פון מיין קאפ . צו זיין בר מצוה , האט מיר דער זיידע א שאנע

מתּנה געשאנקען א שנור רויטע קארעלען מיט אנאלדערנעם אייבעל וואס איך האב נאך ביז היינטיגען טאג אונ וואס איך וועל נאך, אם ירצה השם, אנטהון אויף דיין חתונה. מיין ליעב קינד, אזוי ווי איך האב עס אנגעטהון אויף דיין טאטענס חתונה. דערנאך איז פליטצלונג מיין מאן ארויבגעקומען, שוין גוט אונ פרום, ער האט דעם זיידען מחילה געבעטען אונ ער האט איהם מוחל געווען, אבער צו דער חאלערא ניט איצט געדאכט, איז ער קראנק געווארן אונ איידער איך האב נאך צייט געהאט צו דינגען א דירה מיט איהם אין שלום צו לעבען איז ער געשטארבען. אזוי מיין קינד האב איך מיין נאריש וועלטעל פערבראכט; האט זיא מיט טהרערן געענדיגט איהר געשיכטע; זעכצען יאהר בין איך א פינסטערע עגונה געזעסן אונ בין דערנאך געבליבען אלמנה ביז היינטיגען טאג. צו גאט קיין טענות האב איך ניט, מיר איז גוט געוועזען! א סך בעססערע אונ פיינערע פאר מיר האבען מיר מקנא געוועזען; אלץ האב איך געהאט אין מיין האנד, דיא קינדער האבען מיך ליעב געהאט. פרעג ביי דיין טאטען ליעבען זאל ער, ער האט אהן מיר ניט עססען אונ ניט טרינקען געקאנט, אפילו אז צו תנאים האט דיא באבע עליה השלום מיך געוואלט לאזען אין דערהיים האט ער געזאגט: אהן פיינען געה איך ניט! אונ ווער האט דעם ערשטען טאפ צובראכען אויף זיין תנאים? אלץ פיינע! ביי מיר ליגט שוין אנגעגרייט א טאפ א שפיגעל נייער, וואס איך וועל איהם, אם ירצה השם, אין גיכען צוברעכען אויף דיין תנאים מיט דיין אמתן בעשערטען, וועלכען איך זעה אזוי לויכטען וויא דער ליכטיגער מארגען שטערן, וואס דיין טהייערער קלוגער זיידע האט איהם נאך דאמאלס בעשטימט בעת איהר ביידע זייט נאך קינדער געוועזען. זיין זכות, מיין ליעב קינד, זאל אייך ביישטעהן עס זאל מאקי אזוי זיין וויא איך ווינש אייך! ... ביי דיא רייד איז איהר רחל'ע אויפען האלז געפאלען אונ ניט פיהלענדיג וואס זיא טהוט האט זיא די אלטע געקושט מיט טהרערן אונ אהן ווארטער. אהן רייד איהר סוד איהר אויסגעזאגט.

דיא אלטע אבער האט טרייער וויא א אייגענע מוטער דאס קינדס הערץ געפיהלט אונ זיא האט געלאכט פון איהר וואס זיא וויינט. דער זיידע האט געוויס ארויסען זכות אין הימעל, האט זיא פערזיכערט, אונ וועט מסתמא מגין זיין עס זאל אלעס זיך אזוי אויסלאזען נאך זיין טוידט ווי ער האט זיך אין זיין לעבען געוואונשען.

דיא רייד האבען רחל'ען בערוהיגט, זיא איז מיד מיט א גרינגען געמיטה ענטשלאפען געווארען. דיא אלטע איז אויף דיא שפיטצען פינגער ארויס פון צימער אונ האט דיא נאכט גאט געבעטען, ער זאל זיין גוטען מלאך פון זיסען שלאף איהר ליעב קינד צושיקען. ער זאל א רפואה ברענגען אין איהרע גלידער, זיא זאל זיך אויסרוהען אונ אויפשטעהן פריש אונ געזונד, קיין דאגה אונ קיין פיין מעהר אין איהר יונגען הערצען ניט צולאזען.

דיא אנדערע טאג יום טוב זענען דיא קינדער געלאדען געוועזען ביי דעם פעטער ר' שלמהן אונ מיט זיי זענען, חאטש ניט געבעטענערהייט, מיטגעגאנגען דיא קליינע קינדער. דארט האבען זיי שמיני עצרת, זעהר גוט צוגעבראכט. דער פעטער מיט דער מוהמען האבען זייער צופרידענהייט ארויסגעוויזען אונ דערצאהלט, אז משה'לע איז שוין א צוגעשריבענער צו איהם אונ ער וועט, נאך הונדערט אונ צוואנציג יאהר

זייער איינציגער יורש בלייבען. קיין קינדער האבען די אלטע ניט געהאט. אז רחל'ע האט אין אשפּאס געפרעגט: און מיר פעטער לאזט איהר גאר נישט? האט ער געענטפערט: דיר מיין קינד, לאז איך אלץ! איך לאז דיר אזא אוצר, אזא בריליאנט וואס איך קאן איהם ניט אבקויפען מיט צוואנציג אייגענסן אזעלכע וויא מיינע!... רחל'ע האט אויף דעם וואונק ניט פערשטאנען און האט געפרעגט: וואו האט איהר, פעטער, אזא בריליאנט? דיא מוהמע האט א קוק געטהון אויף איהר מיט א שמייכעלע, וויא איינער זאגט: „אי, איז זיא נאך א איינפאלטיג ציגעלע, אין איהרע יאהרן האב איך מיך אויף אזא וואונק באלד געשטויסען וואס מען מיינט."

— דעם בריליאנט, מיין טאכטער, האט דער אלטער פאטעטליך ערקלערט, האב איך מיט דיין טאטען בירושה בעקומען, פון אונזער ליבען ברודער, ראובן עליו השלום, משה'לעס געשטארבענעם טאטען, אייך צו לענגער יאהר. איך מיט דיין טאטען זענען גלייכע יורשים אויף איהם; וואלט איך געהאט איצט אזא שאן טאכטערל למשל: וויא דוא, וואלט איך מיט דיין טאטען דעם בריליאנט גאר ניט געקאנט טהיילען זיך; און האטש ער איז רייכער פאר מיר וואלט איך איהם ארויסגעצאהלט און דעם בריליאנט פאר מיין קינד בעהאלטען, איצט אבער אז דער רבונו של עולם האט מיך מיט אייגענע קינדער ניט געווירדיגט, ביזטו אויך מיין קינד און איך שענק מיין חלק דיר, מיין טאכטער, מיט מיין גאנצען הערצען; נור ניט דוקא נאך מיין טויטע ערשט. אבער טאקי שוין, איך ברויך נור מיט דיין טאטען זאל רעדען, איבעררעדען מכח דעם. פערשטעהסטו שוין וואס איך מיין דערמיט?

רחל'ע האט ניט געקאנט אנטפערן, זיא האט נור איהרע שאנע אויגען אויפגעהויבען, א קוק געטהון אויף דעם גוטען פעטער און זיי באלד צוריק אראבגעלאזען. צוויי שאנע רויזען האבען אויף איהרע באקען אנגעהויבען בליהען. קיין שאנערן דאנק האט זיא ניט געקאנט איהם זאגען און קיין בעסערן האט ער אויך ניט פערלאנגט.

— זייט נור פרומע ערליכע קינדער, האט ער אויסגערעדט מיט א בעוועגטער שטימע, געהט אין גאטעס וועגען. אין דיא וועגען וואס מיינע און אייערע עלטערן זענען געגאנגען! געדענקט, נור דעמאלט וועט דער בריליאנט לייכטען און שאן זיין... קוקט אייך צו צו דער מוהמעס בריליאנטענע אויהרינגלעך, זעהט, זיי האבען אין זיך קיין אייגענע ליכטיגקייט ניט, זיי האבען נור דיא סגולה אריינצונעהמען דאס ליכט וואס שיינט געגען זיי און עס אבשטראהלען צוריק; דאריבער זענען זיי שאן נור כל זמן זיי זענען נאהענט פון ליכט. אזוי, מיינע ליעבע קינדער, איז דער מענש: כל זמן ער לעבט איז ער אגאנץ שאן בעשאפענעס, עס זענען דא מענשען וואס איז ממש א מחיה אין זייער ליכטיג פנים א קוק צו טהון. נעהמט אבער צו דער בורא אדם, דער בעשאפער זיין ליכט, איך מיין: דיא נשמה, וואס איז א ליכט אין אונז, וויא אין פסוק שטעהט: נר ה' נשמת אדם, גאטעס ליכט איז דיא נשמה פון מענשען, וואס ווערט דאן פון איהם? פנה זיוו אבגעטהון זיין גלאנץ, פנה הודו אבגעטהון זיין שאנקייט און פנה הדרו אראפ דיא גאנצע פראכט זיינע! גרין און געל ווערט דער גוף, אשטיק צופוילטער חומר! משה'לע, דיך מיין איך עס, דוא ביזט מיין בריליאנט! געה נור אין גאטעס וועגען, אין דיא וועגען פון דער ליכטיגער תורה אונזערע, חכמת אדם

תאיר פנים, נור דיא חכמות, דיא אמת'ע חכמה, אונזער הייליגע תורה זאל לייכטען אויף דיין געזיכט! זיי אונז שטאנדיג אזוי גוט אונ אזוי פרום וויא איצט! זיי אונ א בריליאנט אין דער ליכטיגקייט, זיי אונז א אבן יקרה, א טהייערער שטיין: א צירונג פאר אונזער משפחה אונ פאר אונזער פאלק! דוא קאנסט עס זיין, ווען דוא וועסט זיך אזוי ווייטער פיהרן וויא ביז איצט. פון דיין ווילען איז תלוי, אז מיין מתנה וואס איך שענק איצט דיין שוועסטער קינד רחל'ען, זאל זיין א טהייערע ליעבע מתנה; וועסטו אבער, אל תפתח פה לשטן, אוועקלאזען דעם וועג וואס איז ליכטיג אונ געהן אין א וועג פון פינסטערניס: אוועקלאזען די הייליגע תורה אונ אריינטהון דיין קאפ אין פוסטע למודים, וועסטו געגליכען זיין צו א פראסטע שטיינדעל, צו א אבן אפל, צו א שטיין וואס ליגט אין דער פינסטער, וואס ער איז א אבן נגף רחמנא לצלן, א שטיין וואס מע פאלט איבער איהם! ווארום אזוי איז דער שטיינער פון אפיקורסות: צו זיין א חוטא ומחטיא את הרבים, וועה וועט חלילה, דאמאלס זיין צו מיר, וואס איך גיב דיך פאר א שאנעם בריליאנט אונ נאך מ״הר וועה וועט חלילה זיין צו דעם ליעב קינד וואס וויל דיך פאר א צירונג האבען! אך, מיין קינד, מיין בריליאנט!...

טהרערן זענען וויא א שטראם איהם אנגעקומען אונ איידער זיי האבען דעם וועג געפונען דורך זיינע אויגען זיך אויסצוגיסען האבען זיי איהם דעם האלז פערוואריגען, ער האט זיך פערחלי'געט אונ ווייטער א ווארט ניט געקאנט אויסרעדען. דיא קינדער זענען זעהר גערירט געוועזן אונ קיין ווארטער געפונען איהם צו בערוהיגען. ענדליך האבען זיך דיא טהרערן פון זיינע אויגען איבער זיין ווייסען בארד אנגעהויבען קייקלען איינע נאך דיא אנדערע, משה'לע איז איהם אויפן האלז געפאלען אונ מיט אבגעריקטער שטימע אויסגערעדט:

— ניט וויינט פעטער, איך בעט אייך, ניט וויינט! צו גאט האפע איך, ביז מיין טויט נור אין זיינע וועגען צו געהן, אין די ליכטיגע וועגען פון תורה אונ חכמה. איהם בעט איך מיר מיין וועג צו לייכטען ביז צום אמת צוקומען! וויא בן עזאי זאג איך: נפשי חשקה בתורה, לערנען וויל איך, לערנען תורה, לערנען חכמות אום צופערשטעהן דיא תורה.

— זיי, מיין זוהן וויא בן עזאי אבער ניט וויא בן אבויה! האט דער פעטער געאנטפערט, ניט וויא אחר: וויל ניט צופיעל וויסען. שלמה המלך איז געווים דער גראסטער חכם געוועזן, קוים אבער האט ער זיך געוואלט קליגען אונ דערגעהן אונ מהון דיא מצות פון דער תורה נאך זייער טעם, האט ער זיך באלד טועה געווען. וואס טויג דיר הויכע אונ טיפע חקירות? זיי א פרומער יוד. א יוד אהן קונצען! פראג קיין שאלות ניט אונ זוך קיין תרוצים ניט! ווייס: מיר זענען יודען מאמינים; געוואלד, אמונה! וויא טהייער זי איז צום גוף אונ וויא געזונד אונ גוט איז זי צו דער נשמה!... לערנען מאנסטו ווען דיין הערץ בעגעהרט אונ דיין קאפ פערגענט, אבער וואס ווייניגער טראכטען אונ וואס מעהר אמונה! אזוי אז דוא וועסט טהון, האב איך גאר קיין מורא פאר דיינע חקירות, אדרבה, מען דארף וויסען. אונזערע חכמים ז״ל זאגען אויך: דער וואס האט דיא יכולת צו קענען אויסרעכענען דעם גאנג פון דיא שטערן אין הימעל אונ רעכענט ניט, זאגט אויף איהם דער פסוק: אונ נאטעס

ווירקונג קוקען זיי ניט אונ דיא ארבייט פון זייגע האנד האבען זיי נאך ניט געזעהן. עס ליגט אגרויסער שכל אונ א טיפע חכמה אין דעם וואס דיא חקרנים רופען עס אן „טבע". „נאטור". וואויל צו דעם מענשען וואס טהוט צו זיין קאפ דאס אלץ צו דער־לערנען. דאס אלץ צו בעגרייפען אונ האט פונדעסטוועגען גאט אין הארצען אונ געדענקט אז דאס אלץ קומט פון איהם. אז ער איז דער מקור פון אלע חכמות אונ אהן איהם איז גאר נישט! בעונותינו הרבים, זעהן מיר אבער אין היינטיגען דור ניט אזוי. באלד וויא זיי הייבענאן צו לערנען חכמות פערגעסען זיי דעם בעשאפער דורך זיינע בעשאפענישען. זיי פערגעסען. אז גאט האט דיא טבע בעשאפען אונ דיא טבע אהן גאט איז גאר נישט; אט פאר וואס מיין זוהן, איך האב זעהר מורא. טאמער לענסטו צופיעל דיין קאפ אויף די חכמות איידער דיא ריינע אמונה אין גאט, איז נאך איינגע־ווארצעלט געווארן ביי דיר אין דיין יונגען הערצען? נאך צו פריה פאר דייגע כחות אין דיא פערדרעהטע וועגען צו געהן, וואס מען קאן אין זיי גרינג פערבלאנזעט ווערן! על כן וויל איך, אז דער עיקר דיינער זאל זיין דיא היילינע תורה אונ א ביסעלע, גאר אביסעלע, זאג איך דיר. זאלסטו מעגן זיין אין דיא חקירות — אט וועסטו מיר זיין א אמת'ר בריליאנט וואס לייכט פון גאטעס ליכט וויא דיא זון אין הימעל. וויא אין פסוק שטעהט: כי נר מצוה ותורה אור: דיא מצות זענען געגליכען צו אליכט, וואס בעלייכט יעדען אין זיין שטוב; אבער דיא תורה אליין איז געגליכען צו דאס גרויסע ליכט מיט וואס גאט ברוך הוא בעלייכט אונ בעשיינט זיין גאנצע וועלט. אז דוא וועסט דיא מצות היטען וועלן זיי דיר ליכטיג מאכען אין דיין שטוב אונ דוא וועסט לעבען אין דיין הויז אין פריעדען, אין נחת, אז דוא וועסט לערנען דיא תורה וועסטו זיין א ליכט פאר דער וועלט אונ פון דיר וועלן הנאה האבען לאנד אונ לייט. געדענק דיין אלטען פעטער'ס רייד, איך רעד צו דיר איצט וויא דיין אייגענער פאטער, וועלכער שטימטצו געוויס אזוי פון זיין היילינער רוהע אין גן עדן! א קאפ האסטו א גוטען, לערן מיין זוהן, אונ זיי אונז א ליכט אונ א בריליאנט זאלסטו זיין דיין אמת'ר בעשערטער וואס וועט זיך מיט דיר ציערען!...

משה'לע האט זיין פעטערס האנד געקושט אונ איז געוועזן האבסט צופריעדען צו הארן אזוינס פון דעם אלטען מאן וועלכען ער האט שטאנדיג בעטראכט פאר א חסיד נאר אהן שכל, דעננאך האט ער א אינערליכע וועהטיג געפיהלט: ביי איהם אין הער־צען איז עטוואס בעהאלטען געוועזען וואס דעם פעטערס ווארטער האבען איהם נור שמערצען אונ פיין געמאכט. די מוהמע האט צו שרייען אנגעהויבען: — דוא פער־מוטשעסט דיא קינדער! זיי זענען צו דיר צונאסט געקומען זיך פראהען מיט דיר אונ דו האסט זיי מיט דיינע מוסר צו טהרערן געבראכט; זיי וועלן נאך צייט האבען צו הארן מוסר, דוא וועסט זיך נאך אויסרעדען. משה'לע ענטלויפט נאך ניט פון אונז!

— דוא ביזט א יודענע! האט ער זיך אנגעבאזערט. איך רעד קיין נארישקייט ניט, פערשטעהסטו מיך!

טהייערע מוהמע, האט רחלע געזאגט, דעם פעטערס רייד צו הארן איז דער בעסטער כבוד פאר אונז, איך בין אזוי צופרידען וואס איך האב אזא קלוגען אונ גע־טרייען פעטער. איך וואלט וועלן גאנצע טאג זיטצען אונ הארען זיינע רייד!

— פונדעסטוועגן, מיין טאכטער, איז צו אלץ א צייט, האט דיא מוהמע ערקלערט, א צייט צו רעדען, א צייט צו הארן, אויך א צייט פראהליך צו זיין, זיך לוסטיג צו מאכען; צו ליעב וואס האב איך אנגעגרייט גוטע זאכען פאר אייך? איהר זאלט זאט זיין מיט זיינע רייד אפשר? לאז אויף א אנדערש מאל, שלמה, הארסטו וואס איך זאג דיר? אדער ווילסטו מיך אויך צו טהרערן ברענגען אונ היינט וועט ניט זיין ערב שמחת תורה אבער תשעה באב!

— נו, נו, באזער זיך נור ניט, האט ר' שלמה נאכגעגעבן, גיב אקארסט פון דיא גוטע זאכען וואס דוא האסט אנגעגרייט צו ליעב אונזערע טהייערע גאסט! גיב אהער, לאזען זיי עסען אונ טרינקען געזונדערהייט אונ ניט זאגען אז זייער מוהמע קאן קיין גוטע גאסט ניט אויפנעהמען.

די מוהמע האט דערלאנגט פון כל טוב, אונ האט געקוואלען קוקענדיג ווי איהרע גאסט געניסען. ר' שלמה האט אבער מעהר געטרונקען אלס געגעסן. משהלע האט אויך געטרונקען, ער איז אויפגעלעגטער געווארן, פראהליכער אבער ניט שכור. דער פעטער האט געשריען: צו הקפות איז ביי מיר שוין א חזקה צו קומען אין שול א פראהליכער, איך בין ניט ביי זיך א אנגעבלאזענער מתנגד. איינמאל אין יאהר, מאג א יוד שכור זיין! אונ ער האט ווייטער געטרונקען, געקושט דיא קינדער, געוויינט אונ געזונגען, שישו ושמחו!.. דיא מוהמע האט געזאגט: ער איז גאר אבאבע, ער קאן ניט טרינקען וויא לייט.

אביסעל שפעטער זענען געקומען חברה לייט, פירען ר' שלמה'ן אונטער א חופת אין שול ווייל ער איז דער גבאי געוועזען פון חברה קדישא אונ אין שטוב איז געווארן שמחה ששון.

ו.

שמחת תורה ביי טאג האט בערעלע שפאק געזאגט צו דער אלטער פייגען: ווייסט איהר פייגע, וואס איך וועל אייך זאגען? אז איך זאל ניט מורא האבען, וואלט איך אריינגעהן צו ר' לייזערן אונ איהם זאגען, אז איך וויל ביי איהם א שדכן זיין פאר זיין רחל'ען. ווייסט איהר מיט וועמען? טאקי מיט דעם פלימעניק זיינעם, משה'לען, ווייל וויא עס קומט אויס נאך מיין פראסטען שכל, קאן גאר קיין גלייכערע זאך אין דער וועלט ניט זיין; ער איז א וואוילער בחור, ער האט היינט געלייענט מפטיר, א מחיה. אזעלכע עברי, פערל, זאג איך אייך! היינט דער נגון, די פערלעך מיט דעם מונח רביעי ווי זיי פלעגען זיך ביי איהם ארויסדרעהען, קיילעכדיגע געטאקטע, ווי אגעשמירט ראדעלע וואס דרעהט זיך אזוי לייכט אז מען דארף גאר קיין ביטין אין האנד ניט האלטען; אמת, ר' שלמה האט ביז דריי הונדערט גילדיין אריינגעשטיינט פאר דעם מפטיר, אבער בנאמנות שווער איך אייך, אז אזא מפטיר לייענען איז א מציאה טויזענד גילדיין, טאקי בעת מעשה איז מיר איינגעפאלען, אט ווען איך וואלט ניט געוועזן אזא שפלער שמייסער, וואס מיר פאסט ניט אזא לייטישען יודען, ווי אונזער בעל הבית איז, א עצה צו געבען, וואלט איך איהם זאגען: ר' לייזער, איהר זייט

א מבין אויף דעם מפטיר ? טא קויפט אייך א קרוין אויף אייער קאפ און לאזט דעם טהייערן אבן טוב נים ארויס פון אייער שטוב ביז ער זאל ווערן אייער שאן טאכטערלס חתן. פערשטעהט איהר ר' לייזער, וואלט איך זאגען, נים אומעטום וואו מען פלאנצט וואקסט אזא בלימעלע ארויס וויא אייער קינד, לעבען זאל זיא, און נים אומעטום וואו מען זוכט געפינט מען אזא פערל, אזא זיידען קינד וויא אייער פלימעניק איז! און אבערעלע שפאק, דאכט זיך, א גראבער יונג, א שמייסער איז אויך א מבין וואס גוט איז, אויף נאמנות א מבין!

די אלטע האט זיך געפרעגעלט הארצדיג איהר נחת און האט בערעלען געאנטפערט: קוק און שווייג, מסתמא איז אונזער בעל הבית, לעבען זאל ער, אזא מבין וויא דוא. א שדוך איז א גאט זאך, בערעלע! זי האט איהם פונדעסטוועגען באלד געגעבען א גלאז וויין ברכה צו מאכען און אנגעפילטע האלזעל פון צימעס צו פערבייסען.

— לחיים, פייגע, האט בערעלע צוגעוואונשען, גאט זאל געבען איך זאל אייך לחיים זאגען טאקי אז מיר וועלן טרינקען אז איך וועל אייך אין גיכען מזל טוב זאגען אויף זייער תנאים!

— לחיים, פון אייער מויל אין גאטס אויהערן! האט דיא אלטע געאנטפערט מלא שמחה און האט איהם אנגעגאסען נאך א כוסה און געגעבען ווידער פערבייסען א שטיק געפילעכץ און געהייסען איהם טרינקען און עסען געזונדערהייט. אזוי צו פרידען איז זיא געוועזן ווי דא וואלט די רעדע געוועזן וועגען גליק פון אייגענע קינדער אדער אייניקלעך איהרע. זיא וואלט פאר אזעלכע ליעבע רייד היינט אוועקגעגעבען זעלבסט דיא נשמה איהרע און האט בערעלען נאך אמאל און נאך אמאל געגעבען צוטרינקען און צו פערבייסען, ביז ער איז שכור געווארן און האט דא געטאנצט און געזונגען. דיא איבריגע מענשען אין קיך האבען איהם געוואלט ארשעות אבטהון, נור פייגע האט נים צוגעלאזען.

„גישקשה! האט זיא געזאגט, עס איז גאנץ שאן אז א יוד שכורט זיך אן שמחת תורה, „אלע פיאניצעס זענען שמחת תורה ניכטערן". חאטש בערעלע האט דיא תורה אגאנץ יאהר נים געלערנט מאג ער אויך פרעהליך זיין, עס לערנען פאר איהם גליקליכערע מענשען, אז ער וואלט קאנען וואלט ער אפשר אויך לערנען"! און בערעלע האט אלין געטאנצט און געזונגען ביז ער איז היזריג געווארן זינגענדיג און איז געפאלן אויפן באנק און שטארק ענטשלאפען געווארן. און אין שטוב ביי ר' לייזערן האט מען אויך געטאנצט, אויך געזונגען און דיא קליינע קינדער האבען געטאנצט מיט דיא גרויסע, ארעמע האבען פערגעסען זייער ארעמקייט און רייכע האבען א האנד געגעבען דיא נים רייכע, אלעס האט זיך צומישט און געדרעהט אין ראדעל. חייעלע האט נחת געקליבען פון דיא ברכות פון דיא שכור'ע חסידים וועלכע האבען געשריען: „אונזער חייעלע!" „חייעלע די חסידה, לעבען זאל זיא, מיט איהר מאן, מיט איהרע קינדער!". און מען האט גלאזער, טעלער, שטוהלען און באנקלעך געבראכען, וויין האט זיך וויא וואסער געגאסען. עס איז געוועזן שמחת תורה. ר' שלמה איז היינט חתן תורה און ר' לייזער איז חתן בראשית געוועזן, וויא דיא חתנים האט מען זיי „מי שברך'ס" געמאכט און זיי האבען מנדר געוועזן: נר למאור, ליכט צו לייכטען אין בית

המדרש פאר דיא וואס לערנען דיא תורה אגאנץ יאהר, יין לקדוש ולהבדלה, ווייןקדוש אונ הבדלה צו מאכען אין א מקום קדוש, מוציא צו זיין דיא ארעמע לייט וואס האבען עס אין זייער ארעמען היים ניט, ולחם לאביונים אונ ברויט פיר בעדירפטיגע געביך, וואס וואלטען זאנסט הונגער דארפען ליידען; אויך שיך אונ העמדער פאר ארעמע יתומים וואס לערנען אין דער תלמוד תורה. זיי זענען צופריעדען געוועזען וואס גאט האט זיי געהאלפען אזעלכע דרשה געשאנק צו שענקען אויף זייער חתונה מיט דער ליבער טהייערער כלה, אונזער היילינער תורה! אלע יודען זענען איצט זייערע מחותנים געוועזן, אלע האבען מיר אין דער תורה א חלק, זיא קאסט אונז אלעמען געננג בלוט אונ טהרערן, זיא איז אונז ליעב, אונ וועט אונז ליעב זיין, ליעב וויא א כלה וואס האט קיין מום אין זיך!

אזוי האבען זיך דעם גאנצען טאג דא משמח געוועזען, געבעטענע אונ ניט געבעטענע גאסט; שמחת תורה איז קיינער ניט מקפיד אונ קיינער איז ערגעץ ניט איבריג. דער פעטער ר׳ שלמה האט דורכאויס פערלאנגט, אז משה׳לע זאל זאגען א דרשה לכבוד דיא פעטערס, לכבוד דיא מוהמעס, לכבוד אלע גאסט, לכבוד דער הייליגער תורה אונ דעם פראהליכען טאג; וויא ניט צוגעגרייט ער איז אויך געוועזען אונ וויא אויך איהם האט זיך ניט געוואלט זאגען פאר אהאלב שכורן: עולם, האט ער פארט געמוזט צוליעב טהון אונ האט א דרשה געזאגט. אלע האבען איהם פערשטאנען אונ מען האט איהם דריי מאל אויפגעהויבען אונ געשריען „חזק״. עס האט דיא דרשה אויך רחלע פערשטאנען אונ אליין ניט געפיהלט, וויא איהרע ליפפען האבען זיך בעוועגט, בעת משה׳לע האט אזוי שאן גערעדט; זיא האט מיטגערעדט, מיטגעפיהלט, אונ אזוי איז זיא גאר אהן וויין אונ אהנע בערוישענדע געטראנק בערוישט אונ בעטרונקען געווארן פון אהימעלישער זעליגקייט דעם גאנצען טאג ביז שפאט אין דער נאכט.

אז דיא גאסט זענען זיך פאנאנדער געגאנגען, טהייל אליין זיך וויגענדיג אונ טהייל אונטער דיא הענד זיך פיהרענדיג אונ שלעפענדיג, האט רחלע נאך דאס גליק געהאט אפאר ווארטער מיט משה׳לען צו רעדען: זיא האט איהם א גוטע נאכט געזאגט, א ליעבען קוק געשאנקען אונ איז א צופרידענע, א גליקליכע אהנע גרענצען אויף איהר בעט א מידע געפאלען, שטיל אונ רוהיג אנטשלאפען געווארן, אונ אויפגעשטאנען א פרישע, א געזונטע אונ א מונטערע ווען דיא זונן איז שוין הויך אין הימעל געשטאנען אונ משה׳לע מיט איהרע עלטערן זענען שוין געוועזען אין שול. דארט ווידער דאוונען ווידער לויבען גאט פאר אזוי פיעל פרייד אין זייער הויז.

פון שול איז נור משה׳לע אליין געקומען, ווייל ר׳ לייזער מיט חייעלען האבען א חזקה געהאט: שבת בראשית צו פערברענגען ביי ר׳ שלמהן א גאנצען טאג. משה׳לען האבען זיי געהייסען געהן אהיים, עס זאל די קינדער ניט אונמוטהיג זיין צו זיטצען ביים טיש אליין אהן פאטער אונ מוטער.

איצט אז די קינדער זענען ווידער פריי א גאנצען טאג אליין געבליבען האבען זיי ווידער פערגעסען זיך שאמען איינס פארן אנדערן אונ משה׳לע האט ווידער רחלען ערקלארט פערשידענע ערשיינונגען פון דער נאטור. זיא האט ווידער צו געהערט

ערנסט. אונ גערן וויא פריהער; משה'לע איז איהר אין דעם טאג צוריק א עלטערער ברודער געוואָרען. אז עס האט אנגעהויבען דונקעל ווערען אונ די לעטצטע שטראהלען פון דער אונטערגעהענדער זונן האבען פון צווישען דיא בוימער דורך זייער פענסטער אריינגעשיינט אונ דערמיט אנגעזאגט, אז עס ווערט באלד נאכט, באלד פינסטער אונ אוים יום טוב, אוים פרייד אונ פרייהייט אין יודישען וועלטעל, האט משה'לע א זיפץ געטהון אונ האט געזאגט:

— וויא פערדריסט מיך, רחל'ע, וואס עס ווערט איצט אזוי גיך נאכט! איצט וואלט איך וועלן דיא זונן זאל אויך מיר אזוי ווי יהושע'ן אין זיינע צייטען אמאל צו ליעב טהון אונ ניט איילען אונטער צו געהן! דאן מיין גוטע רחל'ע, וואלט איך קאנען דיר נאך פיעל אונ פיעל איבערגעבען פון אלץ וואס איך האב אין דיא צעהן יאהר געלערנט. איז אבער ניט נאריש צו ווינשען זיך אזאך וואס קאן ניט ערפילט ווערען? עס פערגעהט דער טאג, עס ווערט דונקעל אין צימער אונ גלויב מיר, נאך דונקעלער ווערט איצט אין מיינעם הערצען... מיט דעם טאג געהט דער יום טוב אוועג אונ מיט דעם יום טוב געהען אויך פיעל זיסע האפנונגען מיינע מיט!...

— דער יום טוב, משה'לע וועט אין א יאהר ארום ווידער קומען! האט רחל'ע געטראסט.

— יא, ער וועט ווידער קומען, אבער ווער קאן מיר זאגען: וועלכע האפנונגען מיינע וועט ער מיר דאן מיט זיך ברענגען אונ וועלכע פון זיי וועט ער איבערלאזען אין יענעם אונערמאסליכען אבגרונד וואו עס ווערען דערטרונקען אלע אבגעלעבטע טעג אונ מיט זיי אויך אלע אייטעלע פערלארענע האפנונגען? אך, רחל'ע, ווער קאן דאס פערלארענע צוריק געבען אונ אונזער ליעבען גוטען זיידען אונז לעבעדיג מאכען? ווער קאן אונז יענע שאנע אונשולדיגע טעג איצט צוריק געבען מיר זאלען נאך אזוי אונשולדיג ווי דאמאלס קושען דיא הענט וועלכע זענען זעגענד אויף אונזער קאפ געלעגען?... אבער אוים יום טוב, אוים קינד! אין שול הארט מען באלד דעם אונמוטהיגען „והוא רחום" אונ אין מיינעם הערצען האר איך די אונמוטהיגע שטימע וואס שרייט: א חיים! גענוג נאסט צו זיין, גענוג גליקליך געוועזן!...

— דעם זיידען לעבעדיג מאכען, האט זיא מיט א זיפץ געאנטפערט, קאן נור גאט אליין! ער האט איהם פון אונז צוגענומען אונ ער וועט איהם אונז צוריק אוועק געבען, אבער דאס וועט זיין שפאט, גאנץ שפאט, ווען מיר אליין וועלען שוין זיין דארט, וואו ער איז איצט: דאס גליק אבער פון יענע שאנע קינדער יאהרן קאן גאט אונ אונזער געטרייער פאטער אונז שוין צוריק געבען אונ וואס, מיין פריינד, ברויכסטו זארגען? ביזטו איצט ניט גליקליך? פעהלט דיר וואס ביי אונז? זאג מיר נור, אונ דיר וועט קיין זאך פעהלען וואס אין מיין פאטערס אונ אין מיינער מעגליכקייט וועט נור זיין!

— איצט, פאר דער מינוט, פעהלט מיר גאר נישט! טהייערע רחל'ע, איצט איז מיר גוט, איצט בין איך גליקליך, וויא אדם הראשון אין גן עדן איידער ער האט נאך געזינדיגט אבער געדענקסטו, רחל'ע, דעם פסוק אין חומש: וישמעו את קול ה' אלהים מתהלך בגן לרוח היום: אונ אדם וחוה האבען דערהערט די שטימע גאטעס וועלכע

געהט אום אין גארטען נאך דעם גייסט פון דעם טאג". ווייסטו וואס פאר א שטימע דאס איז? דאס איז דיא שטימע וועלכע נור דער מענש אליין הערט זיא. דיזע שטימע רופט דעם מענשען אין דער וועלט אריין א מענש צו זיין, וויא זיין צייט. זיין טאג פערלאנגט פון איהם! איך הערע איצט, רחלע, דיזע געטליכע שטימע, זיא רופט מיך. איך זאל מיין גן עדן פערלאזען אונ געהן אהין וואהין דיא צייט פיהרט מיך. וואהין דער גייסט דעם טאגעס שיקט מיך, אהין צו יענעם צוועק וואס גאט האט פאר אונז מענשען בעשטימט!...

זיא האט איהם פערוואונדערט אנגעקוקט. — ערקלאר מיר טהייערער. האט זיא געבעטען, פאר וואס קאנסטו דא אויף שטענדיג ניט בלייבען? קאנסטו דא ניט לעבען וויא דיא צייט פערלאנגט?

— ווייסטו מיין טהייערע, האט ער אנשטאט צו אנטפערן געפראגט, ווייסטו וויא אונ איבער וואס איז אדם הראשון, דער ערשטער פאטער פון אונז מענשען פון גן עדן פערטריבען געווארן? וואס האט איהם דאן גאט געזאגט?

— איך וויים, האט זיא נאאיוו זיך אבגערופען, איבער דעם וואס ער האט פון דעם עץ הדעת געגעסן, פון דעם בוים, וואס גאט האט פערבאטען ער זאל פון איהם ניט עסען. — וויא גוט וואלט געווען, ווען ער וואלט דיזע לייכטע געבאט געהיט, דאן וואלטען אלע איביג לעבען, אונזער זיידע אונ דיין פאטער וואלטען נאך איצט אויך געלעבט, דיא וועלט וואלט ווירקליך א גן עדן געוועזען!.. אבער ערקלער מיר וואס געהאר דיזע געשיכטע צו דער פראגע וואס איך פראג דיך?

— עס געהאר זעהר צו דעם וואס דוא פראגסט, ליבע רחלע! האט ער מיט א טיפען זיפץ אנגעהויבען, ווייסטו דען ניט אז איך בין אויך אדם'ס א קינד אונ אלץ וואס האט איהם געטראפען מוז זיין יעדען איינציגען קינד אויך טרעפען? רחלע, איך בין אויך א אונוויסענד קינד געוועזן אונ האב אויך אין א גן עדן געלעבט, אבער אזוי וויא אדם, איידער ער האט דעם עץ הדעת פערזוכט, האב איך מיין גן עדן ניט ערקאנט אונ מיין גליק ניט פערשטאנען! איך בין אלטער געווארען, פון דעם עץ הדעת פערזוכט, דאס הייסט: צום שכל געקומען, ביכער אונ ספרים האבען מיר מיינע אויגען געאפענט צו זעהן. אין וואס פאר א [illegible] איך לעב, ווי ווענינ איך וויים אונ וויפיעל עס איז דא וואס איך קאן נאך וויסען. בין איך באלד פון יענעם גן עדן ארויס אונ איך טאהר ניט אונ קאן ניט אין איהם בלייבען לאנג, זעלבסט דאן ווען ער אפענט זיך פאר מיר... ווארום זעלבסט אין גן עדן הארט זיך נאך היינט דיא שטימע גאטעס: „מיט דעם שוויים פון דיין אנגעזיכט זאלסטו דיין ברויט פערדינען!" דוא מוזט דאס איבריגע געפינען וואס דער איינציגער ביסען עץ הדעת האט דיר בעוויזען וואס דיר פעהלט נאך! גוטע רחלע, וואלסטו נור וויסען וואס פאר א בעשלוס עס ליגט בעהאלטען אין מיינעם הערצען, דו וואלסט אפשר דאן מיך פון דיר אבשטויסען אונ ניט מעהר וועלען גאר רעדען מיט מיר!...

זיא האט איהם רירענד אנגעקוקט — דיך פון מיר אבשטויסען? מיט דיר ניט מעהר רעדען! האט זיא איבערגערעדט טיף בעוועגט. ניין, מיין טהייערער, נור מיט א שלעכטען, נור מיט א נידערטראכטיגען וויל דיין שוועסטערקינד ניט רעדען, אזא ביזטו געווים ניט! ביזטו ניט משהלע מיין זיידענס ליעב אייניקעל? משהלע דאס גוט

קינד וואס אלע האבען דיך אזוי היים געליעבט און ליבען דיך איצט אפשר נאך מעהר וויא אמאל? ניין, ביי יעדען בעשלום וואס דוא טראגסט אין דיינעם הערצען, וויל איך נאך מיט דיר רעדען, משה׳לע. אויב דוא ווילסט עס נור? איך בין ליידער אזוי ווענינ געלערנט געגען דיר!...

— זיי מיר אזוינס ניט חושד, גוטע רחל׳ע! האט ער געבעטען, זאג מיר נור, צי ווייסטו אויך דאן מיך פאר דעם זעלבען משה׳לען ערקענען, אז איך וועל איצט פון דיר אוועגפאהרן און קומען אמאל צוריק שוין ניט אזוי וויא איך בין איצט? אז איך וועל למשל: א געבילדעטער, א אינזשענער, א דאקטאר; אדער וויא אנדערע געשטודירטע יודען ווערן וואס קאנען ניט פאר דער וועלט אזוי פרום זיין, אזוי יודישקייט אבהיטען ווי עס היטען אב אלע אנדערע ניט געשטודירטע יודען?

דיא פרומע רחל׳ע האט אויף דער פראגע ניט געקאנט אנטווערן. דעם פעטערס משל פון אבריליאנט וואס ווערט א פראסט שטיינדעל ווען ער ליגט אין דער פינ־סטער האבען אין איהר הערצען טיפער איינגעדרונגען איצט אלס געבעטען. — אלעצטער שטראהל פון דער אונטערגעהענדער זונן האט איצט אריינגעשיינט און אבגעשפיגעלט איהרע טרערען וועלכע זענען איצט ווי פערל געהאנגען אויף איהרע שאנע ברעמען. אויך אויף משה׳לען האט דער ליכטיגער שטראהל נאך ארגע געשיינט באלד אבער איז די זונן אין גאנצען אונטערגעגאנגען, אין צימער איז דונקעל געווארן. רחל׳ע האט נאך מיט פאלע אויגען שטום און רידערענד געקוקט אויף איהם. איהר האט געדאכט: עס שיינט זיין פנים, עס שיינט ניט פון דיא שטראהלען פון דער ערשט פערגאנגענער זונן אבער זיין אייגענע ליכט וואס ער האט אין הערצען שיינט דורך זיינע שאנע אויגען ארויס, דורך דיא אויגען וועלכע קוקען אויף איהר מיט אזוי פיעל ליעבע און מיט־לייד... טהרערען האבען זיך אנגעהויבען גיסען איבער איהרע גליהענדע באקען. פון ליעבע און רחמנות איז איהם דאס הארץ צוגאנגען, ער האט אבער אין דער מינוט קיין ווארטער געפונען מיט וואס זי צו בערוהיגען. פעסט און ערנסט וואר זיין בעשלום, ליעב און הייליג איז זיא איהם אין איהר אונשולד געוועזן, זאל ער זיך נארען אדער איהר פאלש זיין? ערקלארן איהר מיט שכל אז זיין בעשלום איז הייליג און פרום האבען איהרע טהרערן איהם ניט געלאזען, ער האט געוואוסט וויא שטארק פערוואונ־דעט איז איהר הערץ געווארן פון דיא עטליכע ווארטער וואס ער האט ארויסגערעדט און איהרע שמערצען האבען איהם דיא צונג געלאמט און האט ניט געקאנט רעדען. אזוי זענען זיי געזעסען עטליכע פיינליכע מינוטען אין שטומע מיטליידס געפיהלע זיך איינער דעם אנדערן אנקוקענדיג. ענדליך האט זיא שווערמוטהיג אויסגערעדט:

— איצט מיין פריינד, פערשטעה איך דיין משל פון עץ הדעת און פון גן עדן. אך, ... דוא ווילסט אויך געניסען פון יענעם בוים, וואס גאט האט זיינע פריכטע פערבאטען! דוא ווילסט, משה׳לע, פון יענע חכמות לערנען, וואס פירען דעם יודען פון יודישען וועג אראפ און לערנען אן אונזער גאט פערגעסען!... זאג מיר, גלויבסטו דען, אז אדם האט גוט געטהון וואס ער האט גאטעס געבאט ניט געפאלגט און האט דורך דעם דען גן עדן פערשפילט און דעם טויט אויף דער וועלט געבראכט? איז איצט בעסער וויא עס האט זאנסט געקאנט זיין, אז דיר ווילט זיך אזוי איהם נאכטהון און

לערנען וואס ניט ערלויבט איז אום דיין גן עדן צו פערלירען און א טוידט צו ברענגען אויף דיא וואס זייער לעבען דארף דיר ליעב זיין?... ניין, דו פערשטעהסט עס אויך אזוי וויא איך, נור.... אך, שווער איז עס מיר ארויסצורעדען; אבער נאך שווערער איז מיר עס צו בעהאלטען! משה'לע, איך געדענק, חוה האט געבראכט דערצו: זיא איז פון שלאנג פערפיהרט געווארן און דערנאך האט זיא אויך איהם פערפיהרט... האסטו שוין פילייכט אויך דיין פערפיהרטע חוה'ן וועלכע מיינט דיך אזוי זינדיג צו פערפיהרן? אך, איך וועל עס ניט לאזען, משה'לע, דו ביזט מיר צו ליעב איך זאל עס צולאזען!

מיט דיא ווארטען איז זיא איהם אויפ'ן האלז געפאלען און איהם מיט איהרע טהרערן בענאססען, ער האט איהר האנד גענומען וועלכע האט ווי פון א פיבער געציטערט.

— ניט קיין חוה, ניט קיין שלאנג! מיין ליעבע פרומע רחל'ע! האט ער אויסגערעדט. דאס שוואר איך דיר ביי דעם היילינגען אנדענקען פון אונזער ליעבען זיידען און פון מיין ליבען פאטער! דאס שוואר איך דיר, רחל'ע, ביי דיין ריינער אונשולד וואס איז מיר אזוי ליעב און היילינג, וויא אלץ וואס ריין און היילינג איז! מיין בעגעהר איז נור דעם היילינגען ווילען גאטטעס צו ערפילען, דעם ווילען צו וואס ער האט דעם מענשען מיט א שכל פון אנהייב אן בעשאפען! ווילסטו מיך אויסהערן רוהיג, וועל איך עס דיר ערקלארן ביז דוא וועסט זעלבסט בעגרייפען און פערשטעהן וואס איך וויל, וואס איך זוך. נור צוטרויען שענק מיר, גוטע רחל'ע!

— איך הער, איך בין רוהיג, איך וויל דיר אלעס גלויבען וואס וועט זיך נור לאזען גלויבען! האט זיא רוהיג אויסגעשפראכען.

— רחל'ע, האט ער אנגעהויבען, פון יענער מינוט אן וואס אונזער ערשטער פאטער אדם הא', האט'ש זינדיגערהייט, פון עץ הדעת פערזוכט, האט גאט ארויס־גענומען זיין פערבאט פון דעם בוים, אדרבה, ער האט נאך אדם'ן פאר זיך און פאר זיינע נאכקומענדע דורות דעם עץ הדעת אוועק געשאנקען, איהם אנגעזאגט: דיזען בוים צו פלאנצען און צו היטען איבעראל וואו ער וועט נור זיין, פון זיינע פריכטע זיך שפייזען און אונטער זיינע צווייגען זיך בעשיטצען פון היטץ און פון קעלט און פון אלע שלעכטע ערשיינונגען אין דער גרויסער אפענער וועלט. פון דאמאלס אן, רחל'ע, קאנען מיר לעבען און גליקליך זיין נור ווען מיר געפינען זיך ווירקליך אונטער זיינע צווייגען, דאס הייסט: אונטער דעם שאטען פון חכמה און וויסען. אהנע דעם עץ הדעת, איז היינט אונזער לעבען ניט מעגליך און מיר מענשען וואלטען איצט געלעבט אונגליקליכער אלס דיא חיות אין וואלד!

— איך וויל עס דיר גלויבען האטש מיר איז דאס נאך שווער צו גלויבען, האט זי געאנטפערט, ערקלאר מיר נור: וויא לעבען דיא, וואס גלויבען ניט אזוי? ווי לעבען דיא אלע קליינשטעטער יודען אונזערע, וואס זאגען: מען טאר נאך היינט אויך פון עץ הדעת ניט געניסען?

— ווייסטו דען ניט, האט ער מיט אפגעלעהנטען טאן ערקלערט, אז צו ליעב איין צדיק, האט גאט, זעלבסט דיא זינדיגע שטאדט סדום און עמורה ניט געוואלט איבערקעהרן? יא, איבער דעם זכות פון איין צדיק לעבען טויזענדער ניט צדיקים. דיר קלארער זאגען: זיין מענטש אחכם מאכט א נייע ערפינדונג למשל: טעלעגראף, אייזענ

באהן, אונ מיליאנען מענשען ציהען דיא נוטצען פון דער ערפינדונג; איין געלערנטער
דאקטאר געפינט א מיטעל וויא פון א שלעכטער קראנקהייט דיא מענשען צו פערהיטען
אונ צו רעטען, אונ וויפיעל טויזענדער מענשען האבען איהם זייער לעבען צו פערדאנ-
קען?! נור דער איז א מענש. ליעבע רחל'ע, דער וואס האט דעם עץ הדעת פערזוכט?!
גלויב מיר, אונזער זיידע עליו השלום, דיין פאטער, איך אונ דוא, מיר האבען אלע
פון איהם עטוואס פערזוכט אונ פערזוכען נאך פון איהם היינט אויך. ערשטענס: בע-
נוטצען מיר דיא מיטעל וואס קלינערע פאר אונז האבען דערגאנגען, דאס הייסט: מיר
ערקוויקען אונז מיט דיא אפפעלעך וואס חכמים אונ פארשער האבען מיט זייערע האנד
זיך געמיהט פאר אונז אבצורייסען אונ אונז צום מויל פארטיגע צו דערלאנגען! צווייט-
טענס: זענען מיר אליין שוין אויך ניט גאנץ ווייט פון איהם. וואס זענען דען אייגענטליך
דיא ערקלערונגען וואס דוא האסט פון מיר געהערט אזוי גערן, אויב ניט יונגע
בלימעלעך פון איהם וועלכע וועלן אויך אמאל שאנע פריכטע טראגען? דוא שאמסט
דיך איצט, זאגסטו, וואס דוא האסט פריהער אזוי נאריש געגלויבט, אז א וואלקען
איז אזא גרויסע בעשאפעניש מיט א גרויסען מויל אונ געהט צום ים זיך דארט
אנטרינקען דערנאך עס אין רעגען אויסצושפייען אויף דער ערד. איז ניט גלייכער
אז דוא פערשטעהסט איצט, אז וואלקען איז ניט מעהר וויא א דאמפף פון וואסער
וואס ווערט פון דער זונן ערהיטצט אונ ווייל דאמפף איז גרינגער אלס דיא לופט מוז
ער ארויפגעהן אין דער הויך אונ דארט ווערט ער פון ווינד געטראגען ביז ער ווערט
צוריק אבגעקיהלט; אבגעקיהלטער דאמפף ווערט צוריק וואסער. וואסער איז שוין
שווערער אלס דיא לופט מוז עס צוריק אויף דער ערד אראפפאלען, אונ דיזע פער-
וואנדלונגען, פון וואסער אין דאמפף, פון דאמפף צוריק אין וואסער זענען דאס וואס
מען רופט: „וואלקען" אונ „רעגען"; וואלקען אונ רעגען, פערשטעהסטו איצט, איז איין
זאך: „וואסער אין פערשידענע גראדען ווארעמקייט". אזא וואלקען אונ אזא רעגען
האבען מיר אין קליינעם מאס אויך ביי אונז אין שטוב: אז עס קאכט דער סאמאוואר
למשל, געהט דער דאמפף ארויף אין דער הויך, אין סאמאוואר ווערט דאן ווייניגער
וואסער. וואו קומט דען אהין דאס אויסגעקאכטע וואסער? דאס וואסער, רחל'ע, ווערט
אין דאמפף פערוואנדעלט. דער דאמפף טראגט זיך וויא א וואלקען אין דער לופט פון
אונזער צימער ביז ער קומט צו דיא קאלטע שויבען פון אונזערע פענסטער וואו
ער ווערט צוריק פערוואנדעלט אין קליינע טראפענס וואסער. אונ דאס איז דיא אור-
זאכע וואס עס שוויצען אונזערע שויבען, דאס הייסט: דאס רעגענט ביי אונז אין שטוב;
אויך אויף פאלירטע מעבעל, זילבערס אויף קליידער זעטצט זיך דער דאמפף אב אונ
מיר האבען ביי אונז אין שטוב וואלקען אונ רעגען. יא, אונ נאך אזעלכע נאטור
ערשיינונגען אלטאגליכע, ווייסטו איצט אונ פערשטעהסט וויא פאלש דוא האסט זיי
דיר פריהער ערקלערט. זאג מיר, פון וואגען וואלטען מיר עס וויסען ווען מיר וואלטען
פון עץ הדעת ניט געגעסן? האסטו מיר ניט מודה געוועזן אז דוא שאמסט דיך איצט
צו דערמאנען וויא אונוויסענד אין דיזע זאכען דוא ביזט געוועזן ביז איצט? פאר וואס
שאמסטו דיך? גלויב מיר, מיין טהייערע, אזוי האבען זיך אונזערע ערשטע עלטערן
געשאמט בעת דער עץ הדעת האט זיי זייערע אויגען געעפענט אונ זיי האבען

זייער בלייזקייט דערזעהן! דער עץ הדעת האט זיי ערשט פאר מענשען געמאכט און זיי האבען זיך געשעמט, וואס זיי זענען פריהער ניט קליגער אלס א בהמה געוועזן.

אונ וואס שאדט דאס וויסען, ליעבעס קינד, האט ער ווייטער געפרעגט. צו דיין פרומען גלויבען אין דעם גוטען גאט וואס האט עס אלעס אזוי קלוג בעשאפען? בעוואונדערן מיר דען דעם חכם ניט נאך מעהר ווען מיר פערשטעהן וויא גרויס דיא חכמה זיינע איז. אלס מיר הארן איהם גלאט לויבענדיג פאר א חכם אונ אליין האבען מיר פון איהם קיין חכמה ניט געזעהן אונ ווייסען ניט אין וואס בעשטעהט זיין חכמה? אדרבה, ער ווערט נאך גראסער אין אונזערע אויגען; ניט ווילענדיג ווערן מיר צו איהם צוגעבונדען, אונזער זעלע פערעהרט איהם. ווייל מיר ערקענען איהם האבער אונ קליגער פאר אונז! גלויב מיר. זייט איך האב חאטש עטוואס צו פערשטעהן אנגעהויבען, וויא קלוג אונ גרויסארטיג דיא וועלט איז געבויט, פיהל איך מיך נאהענטער צו גאט אונ מיין הערץ פערעהרט איהם איצט מעהר וויא פריהער; אויך דיא האפנונג, דאס ניט אומזיסט לעב איך, אונ דיא אמונה, דאס דער גרויסער מייסטער האט זיין בע־שטימטען צוועק צו וואס ער האט זיין וועלט געבויט אונ מיך אלס מענש אין איהר געהייסען לעבען, איז אין מיר איצט שטארקער, אונ מיר ווילט זיך לעבען אויסצו־פיהרן דעם צוועק צו וואס איך בין בעשאפען געווארן! אונ וואס, מיין גוטע רחל'ע, האסטו אזוי מורא פאר מיין פרומקייט, פאר מיין יודישקייט. אז איך זאל נאך מעהר לערנען אונ נאך מעהר דערגעהן אין דיא חכמות, וויא איך וויל אונ וויא איך האף?...

— איך האב קיין מורא ניט! האט זיא פערזיכערט, איך פערשטעה, דאכט מיר, וואס דוא רעדסט, אונ דוא רעדסט עס ניט נור מיך צו בערוהיגען, אבער ווייל דיין הערץ דענקט אונ האפט אזוי; נור נאך איין פראגע האב איך: פאר וואס זאגען ניט אזוי אלע אנדערע געבילדעטע אונ געשטודירטע? פאר וואס טראכט ניט אזוי אונ טהוט אויך ניט אזוי אונזער דאקטאר? דוא קענסט איהם, ער איז דאך אויך אמאל. זאגט מען, א פרומער יודישער בחור געוועזען, אונ היינט, אז ער האט אויסשטודירט? האט ער פערגעסען גאר אז ער איז א יוד, מעהר וויא יום כפור קומט ער אין שול ניט אריין. ער איז דאך געבילדעט, אונ ווייס אפשר אויך וואס דו ווייסט. פאר וואס בע־וואונדערט ער ניט דעם ליעבען גאט וואס האט עס אלעס אזוי קלוג אונ גוט בעשאפען וויא דוא בעוואונדערסט איהם; וויא איך, משה'לע, בעוואונדערע איהם. אונ מיין הערץ ווערט פאל הייליגע ציטערונג אונ ליעבע צו איהם; אדער איז אונזער פאטער ניט בעסער אונ ניט פיינער פאר איהם. חאטש ער האט ניט געשטודירט? וויפיעל מאל, ווייס איך, גיט דער פאטער ארעמע לייט זיינע רובעל. זיי זאלען האבען אט דעם דאקטאר פאר זיין רעצעפט צו בעצאהלען, אונ ער, דער דאקטאר? חאטש ער איז געשטודירט, האט ער זעלבסט אויף דעם ארעמסטען קיין רחמנות אונ קומט צו איהם ניט אהן געצאהלט! אונ וואו זעהסטו אין איהם דיא חכמה פון דיא שטודירענעס. וואס ערקלארט דעם מענשען גאטעס ווילען, אונ מאכט זיין הערץ בעסער. דיזען ווילען אויך צו טהון, וויא דוא זאגסט?

דיזע ביטערע גרינדליכע פראגע איהרע האט איהם ניט נור אהן אנטווארט געלאזען, אבער זי האט איהם אויך באנג געטהון, ער האט געפיהלט אז זי האט רעכט.

— האר אוים מיין טהייערע, האט ער, נאך איינינע מינוטען נאכדענקען פון דאס ניי ערקלארט, זיי וויסען, אז דער עץ הדעת, וואס איך זאג דיר, איז ניט א בוים מיט נור איין צווייג, מיט איין מין פרוכט אויף איהם. דער בוים האט זעהר פיעל פערשידענע צווייגען אונ צווייגעלעך, יעדער צווייג פון זיי טראגט בעזאנדערע פריכטע: עס זענען דא צווייגען מיט אפעלעך זיסע ווי צוקער, אונ עס זענען דא אויך ביטערע ווי גאל; אין איינעם זענען זיי קיינע ניט איבריג. דער מיטעלסטער שטאם פון דעם בוים, דער אלטעסטער בוים אליין, וואס פון איהם געהען זיינע טויזענדער גרויסע אונ קליינע צווייגען פאנאנדער פון אלע זייטען, איז אונזער תורה; דיא ריינע אמונה אין איינציגען גאט איז זיינע ווארצלען וואס האלטען איהם פעסט איינגעוואקסען אין אונז. נור דורך דעם ריינעם גלויבען, אז גאט איז דער בעשאפער פון אלץ, אז אלץ איז פון זיין ווילען, אז אלץ ווייס ער אונ ערהאלט אלץ אונ אז דיא חכמות אלע קומען פון איהם אום זיין האבסטען, אונז אונבעקענטען צוועק אויסצופיהרן, זענען דיא חכמות אמת'ע חכמות, זאנסט האט קיין זאך קיין געדאנק ניט, ווארום אין א זאך וואס איז קיין כונה, קיין ווילען אונ קיין צוועק ניטא קאן אויך קיין חכמה ניט זיין! דאריבער ברויך יעדער לערנען פריהער פאר אלץ אונזער הייליגע תורה, ווארום זיא ערצעהלט אונז, אז גאט האט דיא וועלט אונ אלעס בעשאפען אונ זיין ווילען איז: מענשען זאלען וויא מענשען לעבען, מיט קלוגע געזעטצע, מיט יושר, מיט חסד אונ מיט ליעבע זיך פיהרען וויא לאנג זיי לעבען. אז מיר לערנען דיא הייליגע תורה אונ מיר ווערן דורכדרונגען אין איהר, דאס הייסט: מיר פערשטעהען זיא אונ מיר ווילען פון גאנצען הערצען טהון איהרע מצות, דאן, ליעבע רחל'ע, מאגען מיר פון דעם מיטעלסטען שטאם אוים, זיך לאזען געהען אויך צו דיא פערשידענע צווייגען וועלכע פערצווייגען זיך אין פערשידענע זייטען, דאמיט מיר זאלען זעהן וויא גרויס אונ ברייט דער בוים איז אונ וויא אונענדליך גרויס איז דער גארטנער וואס האט אזא בוים פערפלאנצט!... וויא הויך אונ וויא ווייט מיר וועלן אויך פון דעם מיטעלסטען שטאם אוועג, וועלן מיר נאך אלץ טרעפען צו איהם צוריק צוקומען, ווייל מיר ווייסען אייביגמאל אז אזא שטאם איז דא. יענע געבילדעטע אונ געשטודירטע, וועלכע דוא זעהסט ליידער, וועלכע האבען אן גאט אונ אן זייער פאלק פערגעסען, גלויב מיר, זיי האבען פון אנהייב אן דעם מיטעלסטען שטאם ניט געקענט. זיי האבען ערגעץ א גרין צווייגעלע דערזעהן האבען זיי איהם פאר דעם עיקר בוים אנגענומען, אונ זייער בילדונג האט קיין אנהייב אונ האט קיין סוף..... זיי בעדענקען גאר ניט: וואהער קומט עס אלעס? וואצו איז דאס אלעס אונ ווער איז דער וואס האט עס אזוי אלעס בעשאפען? זייער אויג איז קורצזיכטיג אונ זיי קאנען ניט זעהן וויא אלעס פערצווייגט זיך אונ קומט פארט צוריק צו דעם אנהייב, צו דעם שטאם וואס הייסט ווידער גלויבען. דאס פון גאט איז אלעס... איבריגענס, מוז איך דיר נאך א זאך ערקלערן: עס זענען דא פיעל מענשען וואס זיי ווייסען פיעל זאכען אונ פערשטעהען דיא זאכען ניט. בילדונג אבער איז ניט נור וויסען זאכען, אויך פערשטעהען אונ דענקען, אויך וועלן אלעס בעגרייפען. דאריבער טרעפט אז אויך געשטודירטע מענשען וועלכע ווייסען פיעל, פערשטעהען פון דעסטוועגען ווייניג — צו יענער קלאסע. רחל'ע, געהאר איך ניט דוא קאנסט רוהיג

זיין, דיין שוועסטער קינד וועט אנדערש אין הערצען און אין חאראקטער ניט ווערן אלס ער איז דיר איצט און אלס ער איז דיר אמאל געוועזען. א, רחלע, ווען דוא זאלסט מיינע איצטיגע רייד נור געדענקען און אז איך וועל צוריק קומען און דיך נאך אזוי גוט, אזוי שיין און צו מיין הערצען אזוי נאהענט געפינען וויא דוא ביזט מיר איצט, וועסטו דיך דאן איבערצייגען, דאס ניט נור מיך אליין גליקליך צומאכען פאהר איך איצט אוועג פון דיר, אבער אויך דוא מיין טהייערע, זאלסטו קאנען גליקליך זיין און ליעבען מיך אייביג וויא איך ליעב דיך! זאג, וועסטו וועלן ווארטען אויף מיר אזוי לאנג?....

— משהלע, מיין גאנצע לעבענסצייט וועט מיר ניט צו לאנג זיין אויף דיך צו ווארטען, אז איך זאל נור וויסען אז אמאל, אמאל וועסטו צוריק קומען, יא, און קומען דערזעלבער גוטער און אויך פרומער ווי דו פארהערסט אוועק! האט זיא אויסגערעדט און און איהם אויפן האלז געפאלען. נור געדענק, מיין ליעבער משהלע, האט זיא ציטערנד ווייטער געזאגט. ווען רחלע וועט בייגקען וועט עס זיין נאך דיר געבייגקט, ווען רחלע וועט וויינען און טהרערן פערגיסען, וועלן דיזע טהרערן פאר גאט זיין פערגאסען. ער זאל דיך לעבען לאזען און קומען לאזען צוריק א פרומער ברודער צו זיין דיין פרומער שוועסטער רחלען!

זיא האט געוויינט אויף זיין האלז, ער האט זיא מיט קושען און מיט טהרערן געטראסט. אז זיא איז צו זיך געקומען האט זיא געזאגט:

— דא בלייב איך ניט א עלענדע, דא לעבט מיט מיר מיין טהייערער פאטער, דא בין איך ביי מיין טרייער ליבער מוטער. משהלע, אין דארט זעהסטו, — זי האט איהם מיט איהר צארט האנטעל אויפן פעלד געוויזען וואס האט זיך נאך אין דעמערונג ליכט געזעהן ענטגעגען פענסטער. דארט אויפן פעלד וואוינען אויך דיין פאטער און אונזער ביידענס ליעבער זיידע; אויפן בית עולם אין זייערע שטילע קברים רוהען זיי, גאר ניט ווייט פון מיר! אז מיר וועט אונמוטהיג ווערן דא אין שטוב פון בייגקען נאך דיר וועל איך צו זיי געהען. אויף זייער מצבה שטיין מיין פאל הארץ אויסגיסען און זיי בעטען: זיי זאלען גאט פאר דיר בעטען, עס זאל אלעס אמת זיין וואס דוא האסט מיר היינט הייליג געשווארען!...

און נאך אלאנגע צייט האבען זיי גערעדט, שטיל און ערנסט גערעדט. און דארט פון הויכען בלאען הימעל האבען אראפגעקוקט טויזענדער ליכטיגע שטערן, און קיין ווינטעלע האט א בלאטעל ניט בעוועגט און די ביידע געליעבטע האבען דורך דעם אפענעם פענסטער געקוקט אויף דעם אונענדליכען רוים. אין בלאען ים אריין איבער זייער קאפ; אהין ווייט, וואו עס הענגען אין דיא לופטען און שימערן און וויגען זיך קליינע שאנע בריליאנטלעך. וואס אז מען קוקט דורך טהרערן אויף זיי ציהען זיי זיך אין לאנגע, ליכטיגע, אומלויפענדע שטראהלען פון יענער ווייטער הויכקייט ביז דארט נאהענט צו אונזערע אויגען צו. און דיא אלע ליכטיגע שטערן האבען איצט מיט זייערע לאנגע ליכטיגע אומלויפענדע שפיזען רחלעס שאנע אויגען בעריהרט. דען זיא האט אויף זיי דורך טהרערן געקוקט; אבער איהרע געדאנקען און זעלע זענען האבער איבער דיא שטערן געפלויגען, ביז צו יענעם האכסטען גיפפעל פון דעם

אלערהאכסטען בוים וואס ער הייסט: „עץ הדעת", וואס דיא ווארצלען זיינע זענען טיף אין איהר ריינעם הערצען איינגעוואקסען דא אויף דער ערד און זיינע צווייגען דערלאנגען הויך, ביז דער האכסטער שטוהל גאטעס, וואס פון איהם גערט אלעס ארויס און צו איהם קומט אלעס צוריק!..

ז.

אוועק דער יום כ"ב, אוועק מיט איהם אויך דיא ליכטיגע ווארימע טאג. דער הימעל האט אנגעהויבען המארנע ווערן און דיא זונן האט אויפגעהערט זיך בעווייזען אין קליינינץ אזוי ריין און אזוי שאן וויא ביז איצט. גלייך וויא זיא וואלט זיך געשעמט אין שטאדטעל קליינינץ א קלארע, אלויטערע איבערן הימעל צו שפאצירען, בעת קליינינצער איינוואהנער, פון גרויס ביז קליין, פון ארעם ביז רייך האבען דיא יום טובדיגע ריינע קליידער אויסגעטהון און געהען איצט אום האלב צוריסען, גאנץ בעשמוטצט דורך קויטה און בלאטע אין קליינינצער ניט ברוקירטע גאסען. טרויעריג האט זיא אמאל דורך דיא גרויע וואלקען דורכגעקוקט, גלייך וויא זיא וואלט געוואלט זעהן וואס טהוט זיך דא אין קליינינץ? וויא לעבט זיך איצט איהרע יודעלעך נאך אזא יום טוב? און, א פנים, זיא האט קיין נחת דא דערזעהן, ווארום זיא האט זיך באלד צוריק, אונטער א נאך שווארצערע שטיק וואלקען בעהאלטען און טראפען וואסער האבען אנגעהויבען פאלען פון דער הויך אראפ. אפשר זענען עס טהרערן געוועזן וואס זיא האט געוויינט פון רחמנות אויף אלץ וואס זיא האט אין דער מינוט דא אין דעריגער דערזעהן: אן דארט ביים וואגעל האלץ שטעהט שימעלע דעם מלמד'ס ווייב. אהויבע, אבגעצעהרטע יודענע, הויט און ביינער אויסגעווייקט פון רעגען, בעשמוטצט פון דער בלאטע. דיא פינגער פון איהרע פיס קוקען דורך, דורך איהרע צוריסענע שיך. וועלכע זענען נאך איצט פאל מיט וואסער; זיא שטעהט און שווארט זיך: זיא זאל אזוי קיין צער האבען וויא אין איהר גאנצען גבול איז מעהר א גראשען נימא. און וואס טהוט מען מיט דעם בויער, וואס האט זיך איינגעקשנ'ט, גיב איהם דווקא פיער גילדען פאר זיין וואגעל האלץ וואס איז נאך נאס און צופוילט אויך דערצו! האט'ש קאך היינט קיין ווארימעס ניט, וועה צו מיינע יאהרן! מיט וואס וועט ער, מיין אלטער, כח האבען צו קנעלען? מיט וואס וועל איך אבנעטצען די פערשמאכטע ליפעלעך פון מיינע ארעמע קינדער?"..

און דארט פירט א בעהעלפער יונגע יונגעלעך, וויא דיא שטומע שאפעלעך. טרויעריגע פנים'לעך, פערפראָרענע בלויע ליפעלעך; ער פירט זיי און טרייבט זיי אין חדר אריין, דארט חשד'ן פון דער פריה ביז שפעט אין דער נאכט, בעקומען שלעג און קניפען פון דעם רבי'ן וועלכער איז אין כעס, וואס ער איז פון ארעמען מיטאג האלב הונגריג געבליבען. און עס גיסען זיך שאנע טהרערעלעך פון פיעל יונגע אויגעלעך און זיי ווייסען ניט: וואס האבען זיי געזינדיגט? וואס וויל מען פון זיי?... און וועלכע עלענד און פיין זעהט ניט די זונן קוקענדיג פון אויבען אראפ אין א קליינעם יודישען שטעדטעל, ווען דער יום טוב סכות גערט אריבער און אז דער ליבהארציגער ווינטער

הייבט אן זיך אריינצוקלייבען מיט זיינע אונגערופענע גאסט: ווינט, שנע און רעגען!..

דאס איינציגע הויז אין קליינינץ וואו די דילען (פאדלאגא) זענען איצט אויך מיט קויטה ניט אנגעטרעטען, איז ר' לייזערס הויז. דא איז דער אונטערשייד פון שבת, יום טוב און וואכען טאג, אויסער די שטילע אנגענעהמע "שבת רועה„, זעהר קליין און כמעט גאר ניט נכר געוועזן, דעם טיש דעקט מען, איצט אויך מיט אריינעם ווייסען טישטוך. די וואכענדיגע טעלער און לאפעל זענען נאך אויך גענוג ריין און שאן, עס וואשען זיך צום עסען אהיבש געזינדעל און אויך עטליכע אורחים יעדען טאג; זעלבסט דאס עסען שמאקט אזוי גוט וויא ביי לייטען אום יום טוב, און עס ווערט צום טיש געשפראכען שאנע רייד, קלוגע תורה ווארטער, אויך פראהליכע געלעכטערלעך. ניט אומזיסט האבען קליינינצער געזאגט: א געבענשט הויז מיט תורה, און גדולה, מיט עשירות און כל טוב!..

איצט איז נאך פראהליכער געוועזען וויא אלע מאל: דער ליעבער גאסט, משה'לע האט אלעם פראהליך געמאכט און איז אליין אויך געוועזן צופרידען און גליקליך, ווייל ער האט שוין ביז איצט ערקלארט ר' לייזערן זיין פלאן צו פאהרן שטודירן און ר' לייזער איז מיט דעם צופרידען געוועזן. ער האט ניט מסכים געוועזן ער זאל שטודירן דאקטאר, יוריסט, אדער אינזשינער, וויא משה'לע וואר געזאגען, האטש ער איז גענוג קלוג געוועזן צו פערשטעהן, אז דיזע פאכען זענען ניט ערגער און ווייטער פון יודישקייט וויא א אנדער פאך; אבער איהם איז צו שווער געוועזן פלוצום אזוי ארויסצוטרעטען אפען געגען זיין איינער פרוי, געגען זיין איינענעם ברודער און געגען אלע בעקענטע, וואס קוקען אויף די וואס שטודירן דיזע פאכען וויא אויף אפיקורסים וואס זאגען זיך שוין אין גאנצען אב פון יודען און יודישקייט. משה'לע האט איהם געטוזט נאכגעבען צו פערקעהרן זיין מארשרוט קיין ברעסלוי און דארט אנקומען אין ראבינער שול, וועלכע ווערט געפיהרט פון יודישע גרויסע געלעהרטע, פראפעסארן אפילו, אבער פרומע יודען וואס האבען ליעב אונזער תורה און אונזער ריינע אמונה. ר' לייזער האט עס פאר פשרה געדעכענט יוצא צו זיין פאר גאט און פאר לייט און אויך פאר זיינע איינענע קינדער. וועלכע ער האט געוואונשען צו לעבען אין א ליכטיגערע וועלט אלס די, אין וועלכער ער לעבט און איז ניט גאנץ גליקליך. משה'לע האט באלד איינגעזעהן אז דער פעטער האט רעכט, ער האט אליין אויך געוואוסט אז ברעסלויער שולע איז פאר איהם גלייכער, ווארום דא קאן איהם צו נוטץ קומען זיינע ידיעות אין יודישע ספרים. ר' לייזער האט איהם ערקלארט, אז איהם איז מעהר קיין סוד ניט וואס רחל'ע, זיין ליעב קינד, ליעבט איהם. נאטירליך נאך וויא א קינד, ווייל נאך איהרע יאהרן אין אזא קליין שטאדטעל קען זיא נאך די רעכטע ענטוויקעלטע ליעבע ניט, אבער דאס גראדע פרעהט איהם, ווארום דאס פערשפראכט, אז איהר הערץ איז ריין און אונשולדיג און די ליעבע אין איהם איז גאנץ און היילינ. מיט פאלע אויגען טהרערן האט ער איהם ערצאהלט, אז דאס איז דעם זיידענס רצון געוועזען ביז זיין טויט און ער זעלבסט האט קיין בעסערן וואונש אין זיין לעבען ניט, אלס דיזען רצון אויסצופיהרען און זיין קינד גליקליך צו זעהן אלס זיין ליעבען פלימעניקס פרוי.

משה'לע פון זיין זייט האט איהם אויך אפען מודה געוועזן אלץ וואס ער האט

גערעדט מיט רחל׳ען און האט איהם א תקיעת כף געגעבען, אז קיין גליק אין דער וועלט וועט דיזע ליעבע ניט אנדערן, ווייל רחל׳ע איז זיין גרעסטעס גליק, וואס ער קאן זיך נור ווינשען און האפען.

— פאר מיר, מיין זאהן, ביזטו שוין מיין קינד׳ס חתן! האט דער טרייער פעטער זעהר גערירט אויסגערעדט. צווישען אונז ביידען איז עס שוין א בעשטימטע זאך. גאט זאלען מיר ביידע בעטען, ער זאל אויך צו אונזער איינשטימונג זיינע מיט געבען; פאר דער וועלט אבער בלייבט עס נאך דערווייל א סוד, אזוי מוז עס זיין! איינמאל: איז נאך רחל׳ע ווירקליך צו יונג און צווייטענס, לייקען איך ניט פאר דיר: איך בין ניט פון די מענשען וואס זייער ווילען דורך צוזעטצען הארן זיי ניט לאנד און לייט; מיינע געשעפטען זענען אויך ניט אזעלכע, איך זאל לייטישע מיינונג אין גאנצען קאנען פעראכטען, איך מוז נאך א געוויסע צייט אין דער ראלע בלייבען וועלכע איך שפיל אין מיין שטאדט. זאל איך שוין א תנאים מאכען און באלד נאך דעם וועט דער עולם דערהערן, אז דוא ביזט אוועק געפאהרן שטודירן, וועט הייסען: איך האב דיך אוועק געשיקט, דאס וועט מאכען א זא רושם, גלייך ווי איך וואלט איצט אבראזירן מיין בארד און קומען אין בית המדרש אריין; דאס איז, מיין קינד, א זא שריט, וואס קאן מיר פיעל שאדען טהון אין דער וועלט און זעהר פיעל פערדרוס. וועלכעס אין מיין הויזליכען לעבען ברענגען; דאריבער מוז בלייבען דערווייל די זאך בסוד. אין דיין אוועקפאהרן שטודירן, וועט מען מיך ניכער בעדויערן אלס שולדיג מאכען. ביסליכווייז וועל איך דא דערווייל אלע אומשטאנדען דורכזעטצען. דוא וועסט, אם ירצה השם, אין א יאהר צו אונז קומען און איך האפע דוא וועסט ניט זיין ווי יענע יונגע לייט וואס דער נאמען: „שטודענט" איז זיי א פאספארט אלעס צו טהון בפרהסיא. ביי דיר, מיין איך, וועט בלייבען דיין יודישקייט, אזוי ווי איצט אונבערירט און אונבעפלעקט; לייט און מיין איינענע פרוי וועלען איינזעהן, אז דאס שטודירן איז גאר ניט אזוי געפאהרליך ווי מען מיינט און וואס קרום וועט גלייך ווערן!.... דיא צייט איז דער בעסטער לעהרער. איך האפע, זיא וועט מיר לערנען יוצא צו זיין פאר גאט, פאר לייטען, פאר זיך און פאר אייך, מיינע ליעבע קינדער!

וואס זאל מען טהון, מיין זאהן? האטער מיט א זיפץ ווייטער גערעדט, עס איז טרויעריג אין זיך אזוי געצוואונגען צו לעבען! וויפיעל דוא קענסט מיך שוין, ווייסטו אז איך בין ניט קיין צבועק, איך בין נור פון דיא, וואס האלטען זיך אן דעם כלל גדול: „אז מען קאן ניט אריבער מוז מען ארונטער", אויף וועלכער פוהר מען פאהרט א זא נגון זינגט מען" דאס נוטצט מיר אויך צו א גוטען צוועק, מיין ווארט זאל האבען א ארט, און מיין דעה אין נוטצליכע שטאדט זאכען איז א דעה האף איך צום גוטען. איך בעט דיך, זאל קיינער אונזער היינטיג געשפרעך ניט וויסען, זעלבסט חיעלע ניט. איהר קאן נור דיא צייט ערקלערן וואס גוט און גלייך איז, מיינע רייד איז זיא ניט פאהיג צו פערשטעהן אין דער הייסער מינוט

ביי דער געלעגענהייט, האט ער משה׳לען ערקלערט זיינע איינענע לאגע, וויא טרויעריג עס איז צו לעבען מיט א פרוי וועלכע וויל דעם מאן ניט פערשטעהן און וועלכע האלט איהם פאר ניט פרום; נור ביי אלעם דעם ליעב איך זיא דענאך. האט

ער געזאגט, אין גרונד איז זיא ניט שולדיג: מען קאן פון איהר ניט פערלאנגען דאס וואס זיא האט ניט. זאל זיא זיך געזונד זיין און פאהרן צום רבין, א אנדער אשה אויף איהר ארט, וואלט אויסברענגען דעם מאנס געלד אויף פאהרן אין ווארעם באדער אדער אזוי אויף פוסטע זאכען ציערונג און קליידער אלע וואך נייע; חייעלע ווייס פון אזעלכע זאכען ניט, איהר קארלסבאד איז דער רבי זאל לעבען, איהרע פערברענגעריי איז א מתנה זיינע קינדער, איך פערגין עס איהר גערן. וואס לייט וועלן זאגען אויף דעם רבין מיט זיינע נבאים אבער פיעל געזונטער קומען דיא פרויען צוריק פון איהם, און אויך פיעל טרייער בלייבען זיי זייערע מאנען, אלס יענע וואס קומען צוריק פון אויסלאנד, פון קארלסבאד!...

מיטעל צום לעבען אין ברעסלוי, האט ר׳ לייזער איהם געזאגט, אז ער פאהרט איצט קיין פעטערסבורג און דארט וועט ער אין באנק א קאפיטאל אריינטראגען, דיא זעלבע באנק זאל איהם אויסצאהלען צו פונפציג רובעל א חודש ער זאל מיט זיין עקזיסטענץ בעזארגט זיין דיא גאנצע צייט פון זיין שטודיום. לבד זה, האט ער איהם פערשפראכען מתנות און טאשען געלד צו שיקען נאך מאגליכקייט. איהם אנגעזאגט: ניט קארגען און ניט שאמען זיך צו פערלאנגען ווען נור ער וועט וואס ברויכען.

אז רחלע איז צוגעפאלען צום פאטער, איהם דאנקען פאר אלץ וואס משה׳לע האט איהר בסוד ערצאהלט, און איהם געפרעגט: פאר וועלכע נוטס איהרע טהוט ער איהר אזוי פיעל צוליעב? האט ער געאנטפערט:

„דאס טהו איך ניט דיר אליין, מיין ליב קינד, אבער זיך נאך מעהר! וואס הייסט דען גוטס טהון קינדער? דאס הייסט: זיך אליין גוטס טהון! אנדערש פערשטעה איך גאר ניט; עלטערן לעבען נור צו ליעב דעם, זיי זאלען קאנען זייערע קינדער גוטס טהון, זיי לייטען אין א בעסערן וועג אלץ ווי, דיא עלטערן זעגען אין זייער לעבען געגאנגען! דעם צוועק אז עלטערן ערפילען, ערפילען זיי דערמיט אויך דעם צוועק פון גאט, וואס האט אזוי בעשאפען כדי דיא מענשען זאלן בעסער און קליגער ווערן. דאס איז אויך דער צוועק פון דער גאנצער מענשהייט וואס שטרעבט זיך צו וואס האכערעם און צו וואס פיינערעם! פערשטעהסטו וואס איך זאג דיר, מיין ליעבע טאכטער? מ י ין לעבען איז דאס לעבען פון מיינע קינדער; וואס איך טהו בין איך פערפפליכטעט צו טהון! גאט זאל מיר נור העלפען איך זאל אלץ אזוי קאנען טהון וויא איך וויל!..״

אין עטליכע טאג שפעטער, אז עס זענען פארטיג געווארן משה׳לעס ווינטערדיגע בגדים, וועלכע דער פעטער האט איהם געלאזט נאהען, האט מען געמאכט א פאראדנעם געזעגען מאלצייט, צו וועלכען דער פעטער ר׳ שלמה מיט זיין פרוי זענען אויך געלאדען געוועזן. ר׳ שלמה האט מיטגעבראכט א פאר מוסר ספרים זיין פלימעניק צום אנדענקען צו שענקען. מען האט אבגעגעסן, אבגעבענשט, טהיי געטרונקען, און ר׳ לייזער האט געהייסען איינשפאנען דיא פערד. בערעלע שפאק האט באלד דיא פערד איינגעשפאנט אין ר׳ לייזער׳ס אייגענעם פאעטאן, צו געפאהרן צום גאניק און האט פראהליך געקנאקט מיט דער בייטש. אז עס איז געקומען דיא מינוט זיך צו געזעגנען איז ר׳ שלמה דער ערשטער געוועזען וואס האט צו ווייגען אנגעהויבען, עס האט

געוויינט אויף דיא מוהמע דבורה ר' שלמה'ס ווייב, אויך היעלע האט איהר טיכעל צוגעטראגען צו איהרע אויגען; אויף זיי קוקענדיג האבען דיא קליינע קינדער אויך אנגעהויבען וויינען.

— פאהר מיין זאהן, אונ גאט זאל דיך בעגלייטען אין דיין וועג! האט ר' שלמה אויסגערעט. איך דאנק דיר פאר דעם נחת וואס דוא האסט אונז געגעבען אין דער גאנצער צייט וואס דוא ביזט דא ביי אונז געוועזן! פערגעס ניט איבער א יאהר צו אונז ווידער צו קומען. גאט זאל געבען דוא זאלסט אונז אלעמען געפינען בחיים ושלום!

ער האט איהם נאך א שטיק תורה געזאגט, גוט גוט אנגעקושט, אונ איז אוועק אהיים. „איך האב א שוואכע נאטור, האט ער ערקלערט, איך קאן ניט דערביי זיין בעת מען געזעגענט זיך, אונ מען וויינט."

עס האבען משה'לען הערצליך געקושט אויף דיא ביידע מוהמעס, אונ איהם אנגעזאגט: ער זאל פארזיכטיג זיין אין וועג, גוט דעם האלז ארומבינדען, ער זאל זיך חלילה ניט פערקיהלען. רחל'ע איז צו איהם ניט צו געגאנגען, ער האט איהר זיין האנד געגעבען. „זיי געזונד, רחל'ע!" האט ער מיט א פערשטעלטער פראהליכקייט אויסגערעדט.

— פאהר געזונד, אונ קום געזונד! האט זיא געאנטפערט, אזוי וויא גלייכגילטיג. נור אין איהרע שאנע אויגען האבען א פאאר טהרערן געפינקעלט אונ זיך געריסען איבער זיין האנד ארונטערצופאלען.

— איהר מאגט אייך צוקושען, ליעבע קינדער, האט דיא מוהמע דבורה מתיר געמאכט —. צוקושט אייך, איהר זייט ניט פרעמד איינאנדער! האט אויך חייעלע גע-הייסען, אונ משה'לע האט צוגעדריקט זיינע ליפפען צו רחל'עס אונ זייא האבען זיך צוקושט. רחלע האט זיך נאך אלץ אנשטאנדיג געהאלטען; נור אז עס איז געקומען זיך צו צוקושען מיט איהר טהייערן פאטער, וועלכער איז איצט אין איינעם געפאהרן ביז א נאהענטע אייזענבאהן, צו פאהרן ווייטער קיין פעטערבורג, האט זי זיך שוין ניט מעהר געקאנט בעהערשען, זי איז איהם אויפ'ן האלז געפאלען, איהם געקושט אונ איהרע טהרערן האבען זיך געגאסען אהנע אויפהאר. ר' לייזער איז אויך זעהר גערירט געוועזן, אונ האט זיין קינד צוגעדריקט צו זיין ברוסט אונ גרויסע אונ שווערע טרא-פענס טהרערן זענען איהם איבערן בארד געפאלען. זיי האבען דיזעס מאל אזא צו-האנגליכקייט געפיהלט איינע צום אנדערן אז זיי האבען זיך מיט'ן גוטען ווילען ניט צו שיידען געקאנט. די מוטער אונ די מוהמע האבען זיי איבער געוואלד געמוזט צושיי-דען. מען האט שוין רחל'ען פון שטוב ניט ארויס געלאזען אונ זי האט די ליעבע אברייזענדע געקאנט נור דורכען פענסטער בעגלייטען. אז חייעלע איז צוריק אריינגעקומען אונ רחל'ן ביים פענסטער ווי א פערשטיינערטע געפונען האט זי מיט ארוהיגען גמיטות געזאגט:

— וואס איז אזיינס געשעהן? דאס ערשטע מאל פאהרט דער טאטע אוועק? זאל ער פאהרן געזונטערהייט אונ קומען געזונד, גאט זאל איהם נור זיינע געשאפטען מצליח זיין! שאם דיך, מיין טאכטער! פאר וואס וויינסטו ניט אז די מאמע דיינע פאהרט אוועק? די קרוין דיינע האט ער דיר אוועקגעפיהרט?

דיא מוהמע אבער, וואס האט תולה געוועזן, אז רחל'ע וויינט עס ניכער, וואס

משהלע איז אוועק געפאהרן, האט ניט שטארק פאראיבעל געהאט אויף איהר קלימעניצע, אונ האט חיהעלען געזאגט:

– לאז זיא צו רוה, מיין שוואגערין! מען קאן דיא טהרערן ניט איינהאלטען געבען דאס הארץ איז פול, לאז זיא צו רוה, זיא וועט זיך אויסוויינען וועט זיא אויפהערן; רעד איצט ניט מיט איהר אזוי, מסתמא איז דאך דארט ביי איהר אין הערצען דא א ארט פון וואנען עס קוועלן דיא טהרערן!

– זי איז א קינד, אונ ווייטער גאר נישט! האט חיהעלע ווי א ברוגזע אזאג געטהאן אונ האט רחלען געלאזען ביים פענסטער אונ איז מיט דער מוהמען פון שטוב ארויס.

רחלע איז נאך לאנג געבען פענסטער געשטאנען אונ געקוקט, וויא דער פאעטאן האט זיך אלץ ערווייטערט אונ וואס ווייטער, האט זי איהם אלץ קלענער אונ קלענער געזעהן, ביז ער האט זיך אן א זייט פערקערט אונ אין גאנצען פערשוואונדען געווארן. זיא האט אבער איהרע אויגען ניט געקאנט אבווענדען פון דער זייט הימעל. [illegible] איהרע הערצענס געליבטע זענען פערשוואונדען געווארן.

תם חלק א

חלק ב

א.

רחלע האט זיך קיין ארט ניט געפונען, ניט אין שטוב, ניט אין דרויסען, אומעטום האט איהר הערץ געצויגען, עפּיס געזוכט, אונ האט ערגעץ קיין רוה ניט געפונען. האט זיא מיט איהר מוטער גערעדט, האט זיא געפיהלט, אז נור דיא צונג רעדט, נור דיא ליפּפּען שאקלען זיך, אבער דאס הארץ איז דערביי ניטא, דאס הארץ רעדט עפּיס אנדערש, דאס הארץ ליידט א מין הונגער וואס ניט מיט עסען קאן עס זאט ווערן; א דורסט, וואס ניט מיט וואסער קאן מען עס לעשען. אויסרעדען זיך וויל דאס הארץ, אבער ניט פאר א מוטער, ניט פאר איהר מוטער קאן זיא עס רעדען...

— וואס איז דיר, מיין רחלע? האט פייגע אמאל געפרעגט, אז זיא האט רחלען א וויינענדע אליין אין איהר צימער געפונען, וואס וויינסטו? רחלע האט אליין ניט געפיהלט וויא איהרע טהרערן האבען זיך געגאסען אונ ניט געוואוסט אז זיא וויינט.

— אך, פייגע, איך געפין מיר קיין ארט ניט! זיטץ איך אין שטוב ציהט מיך אויפן גאס, קום איך אופן גאס ווילט זיך מיר צוריק אין שטוב, מיר איז גלייך וויא דאס הארץ אין מיר בלאנקעט ארום; גלייך, וויא עס איז קראנק אין מיר אונ ווייס ניט וואס עס וויל.

— אזוי מוז זיין, מיין טאכטער, האט פייגע ערקלערט, עס קאן גאר אנדערש ניט זיין ווען מען באנגט: דיין הארץ זוכט איצט דאס וואס איהם ליעב איז, דאס, וואס איהם טהייער איז. אוי מיין קינד, מיר דארפסטו א סך ניט זאגען, איך ווייס: דיין הארצען פעהלט עפּיס אזוינס, וואס עס האט עס געהאט אויף א ווייליע; דיר איז וויא איינעם וואס הלשטו נאך א טרונק וואסער, אונ טרינקט אזוי פיעל וויפיעל ער קאן נור די ליפּפּען בענעטצען. א גרויס פערגעניגען איז געוועזן פון דיין ליעבען פאטער, וואס ער האט געאיילט אזוי גיך אוועק צו פאהרן מיט משה'לען, וואס וואלט ער דארט ביי זיין אלטען זיידען פערזאמט? א טרייער, א קלוגער פאטער, מיר אזא יאהר, אבער א מאנס־ביל בלייבט א מאנסביל, ווי קומען זיי צו וויסען וואס עס טהוט זיך אין יונגען הארצען פון דער אשה בעת עס געוואהנט זיך צו צו דעם וואס ווערט איהם ליעב אונ טהייער? דוא באנגסט, רחלע, נאך דעם ליעבען משה'לען! שאם דיך ניט, ביזטו דען שולדיג וואס גאט האט דיין הארץ צוגעבונדען צו איהם? ווילסטו געוועזן ווערן פון באנקען? פאלג מיר אונ דערמאן זיך, אז משה'לען איז איצט אויך אזוי וויא דיר. האף צו גאט, ער וועט אייך צוריק צונויף ברענגען אונ מעהר ניט צו שיידען דיא הערצער וועלכע ער אליין האט צוגעבונדען.

רחלע האט זיך געשעמט אז זיא האט דאס פון דער אלטער געהערט, אבער זיא האט געגלויבט אז דאס איז ווירקליך דיא אורזאכע פון איהר אונרוהע אונ געהאפט

און זיך געטרייסט דערמיט וואס משהלען איז איצט אויך אזוי: זיא האט אין איהרע געדאנקען גיכער א־י־ה־ם געוואלט טרייסטען אלס זיך זעלבסט. איהר הערץ האט נור געשריען: "זיי דוא רוהיג, מיין ליעבער משהלע, זיי זיכער אז איך באנג נור נאך דיר; דיך ליעב איך, מעהר וויא זיך, מעהר וויא אלץ אין דער וועלט!" אין אזעלכע געדאנקען האט זיא זיך ניט נור בערוהיגט, אבער אויך א ערקוויקענדע זעליגקייט געפונען; איהרע זיפצען זענען איהר ליעב וויא א זיסע מוזיק געווארן און זיא האט איהרע טרערען וויא זיסען וויין געטרונקען. איינמאל האט זיא זיך א פראג געטהון: איז דאס אמת? באנג איך נור נאך משהלען און נאך מיין ליעבען פאטער גאר ניט? אך, וויא אונדאנקבאר בין איך איהם! איז מיר דער פאטער ניט דער ליעבסטער מענש אין דער וועלט? משהלע וואלט מיך פיינד האבען, ער זאל נור וויסען אז צוליעב איהם האב איך זיין טרייען קלוגען פעטער, יא, מיין ליעבסטען פאטער פערגעסען!" פון דער מינוט אן האט זיך איהר, וואכענד און שלאפענד, דעם פאטערס געזיכט פארגעשטעלט. אבער אזוי טרויריג, אזוי מיטלידיג, מיט אויגען פאל טרערען קוקט ער שטום און בעדויערנד אויף איהר; דאס הארץ ווערט איהר פערקלעמט און זיא שרייט ניט וועלענדיג ארויס: פערצייהע פאטער, איך האב דיך ניט פערגעסען! איין מינוט ניט פערגעסען! משהלע ליעבט דיך אזוי ווי איך און מיר וועלען אייביג, אייביג מיט דיר זיין! ניט יוצא צו זיין מיט איהרע געדאנקען אליין האט זי א בעזאנדערע צארטליכקייט אויך דער מוטער אנגעהויבען ווייזען; צייטענווייז פלעגט זיא איהר האנד קושען און צו איהר זיך אזוי ריהרענד צוטולען אז זיא פלעגט אליין ניט פיהלען וויא איהרע טרערען פלעגען זיך צוגיסען אנהייבען און דער מוטער פלעגט מיה קאסטען זיא צו בערוהיגען. אנפאנגס האט דיא מוטער געמיינט אז דאס איז נישט מעהר ווי א נאכגעגעבענער קינדערישער קאפריז און פלעגט לאכען און חוזק מאכען פון איהר. נור שפעטער האט זיא אליין בעמערקט: וויא גערן רחלע זעלבסט וויל זיך לוסטיג מאכען און קאן ניט און חיילע האט זיך אנגעהויבען ערנסט בעאונרוהיגען: צו איז ניט מיט איהר ליעב קינד וואס ניט גוטעס געשעהען? זיא האט אנגעהויבען פערשידענע סגולות צו טהון. עין הרע'ס געשפראכען און געקלערט דעם רבי'ן זאל לעבען א פדיון אוועק שיקען פאר איהר קראנק קינד.

דער פעטער ר' שלמה, האט אויסגעלאכט חייעלעס אלע סגולות און שפרעכעכצ'ן און האט רחלען געזאגט: ווילסטו, מיין טאכטער, געטרייסט זיין און קיין נארישע זארג און מחשבות צו דיין הארץ און קאפ ניט צו לאזען? זאלסטו נור דאווענען פרום אלע טאג: שחרית, מנחה און מעריב; אבער דאווענען אזוי, אז דיינע אויהערען און דיין הארץ זאלען הערען וואס דיין מויל רעדט. זאלסט דערביי טאקי ניט זשאליעווען זאגען עטליכע קאפיטעל תהילים יעדען טאג. וועסטו געזונד ווערען, זאג איך דיר! דוא ווייסט גאר ניט וואס פאר א טהייערע רפואה דאס תהילים'ל איז צו א קראנקען הערצען! איך זאג דיר, מיין טאכטער, דאס איז א באלזאם א טהייערער. אלע זארג, אלע בייגקעבצ'ן און אלע עגמת נפש'ן צו היילען; אזא באלזאם וואס מען בעקומט אין קיין אפטייק פאר כל הון ניט. פרוב אדרבה דיין פעטערס רפואה. וועסטו זעהן וויא דוא וועסט מיר דאנקען!

זיא האט דעם פעטערס רפואה געפרובט, אונ ווירקליך אנגעהויבען פיהלען ווי זי זיך דערקט אויף איהר געמיטה צום גוטען. חייעלען האט הנאה געטהון, וואס רחלע איז איצט, אין דעם פאטערס אבוועזענהייט פרימער אונ צו איהר נאהענטער אלס פריהער.

— זעהסטו מיין קינד, האט זיא איהר א מאל געזאגט, איז ניט גלייכער אז מען איז פרום? מען קלערט ניט צו פיעל. מען האט גאט ברוך הוא שטאנדיג אין הערצען אונ מען פערגעסט ניט איין מינוט אז מען איז א יודישע טאכטער?

— מוטער, וואס איז א יודישע טאכטער? האט רחלע געפרעגט.

— א יודישע טאכטער, אויב דוא ווילסט וויסען, וואס דאס איז? האט דיא מוטער געאנטפערט. וועל איך דיר זאגען, הלואי וואלסטו עס שוין ביי מיר לאנג געפרעגט. א יודישע טאכטער, דארף וויסען, אז זי איז א אשה, א פרויענצימער, איהר קאפ איז ניט בעשאפען צו קלארן אונ צו וויסען הויכע זאכען, דאס איז נור געגעבען געווארן פאר דיא מאנסלייט, פערשטעהסטו מיין קינד? נור דריי מצות האט גאט ברוך הוא אונז נשים געבאטען; דיא דריי מצות אז מיר היטען אב מיט אלע זייערע פרטים, זענען מיר „יודישע טאכטער". דיא אבער וואס מיינען, זיי דארפען אלעס קענען, אלעס וויסען, ווי זיי, וויא דיא מאנסלייט ווייסען, אונ טהוען דעם קאפ אריין אין קלארן, אין לערנען אזעלכע תורות וואס איז ניט פאר אונז נשים געגעבען געווארן, פערגעסען גאר אז זיי זענען יודישע טאכטער. דיין טאטע, איך האב עס איהם ניט איינמאל נור הונדערט מאל געזאגט, ער, נור ער האט דיך פון טראפ אראפ געפיהרט. ער פלעגט מיט דיר לערנען פונקט וויא מען לערנט מיט א יונגעל. אונ דאס איז א זינד פאר גאט אונ א שאנד פאר לייטען. נוא, זאג מיר אדרבה, וואס האסטו פון דעם וואס ער האט מיט דיר געלערנט? געזונד האט עס דיר ניט צו געגעבען; שווארן וועל איך געהן, אז דאס וואס דוא פיהלסט דיך איצט אזוי מרה שחורהדיג, ניט צו געקומען זאל עס ווערן, איז נור דאריבער, ווייל ער, אונ אזוי וויא ער משה'לע דער שוטה, האבען דעם מוח דיר אויפגעהויבען מיט זייערע פוסטע זאכען! גלויב מיר, משה'לע איז מיר א ליעבער אונ א טהייערער גאסט געוועזען, איך רעד חלילה אויף איהם קיין רשעות ניט, פאר איהם פאסט טאקי צו קענען אלץ אונ אלץ צו וויסען; זיין טאטע, אונז אלעמען צו לאנגער יאהר, האט אויך געקאנט. משה'לע האט אויך אויף זיך א אייזערנעם קאפ. מען זעהט דאך טאקי פון דער דרשה וואס ער האט געזאגט; וויא איך בין א אשה פון דעסטוועגען פערשטעה איך וואס גוט איז, אבער איצט בין איך גערן וואס ער איז אוועג געפאהרן אונ דרעהט דיר מעהר דיין קאפ ניט מיט זיינע, איך ווייס אליין ניט, וויא דאס אנצורופען, אונ וואס זאל איך לייקענען? איך בין טאקי צופרידען, וואס דער טאטע אליין האט דיך אויך געלאזען אברוהען אויף עטליכע וואכען, דוא זאלסט טאקי צייט האבען זיך צו דערמאנען אז דוא ביזט א יודישע טאכטער. אויף כפרות ברויכסטו די נארישקייטען! אט לערן דיך פון דיין מאמען: דאווענען, דינען גאט מיט דעם וואס מיר זיינען געבאטען, אונ ווייטער פרעהליך זיין!

רחלע האט געשוויגען, דער מוטער איין ווארט ניט געאנטפערט.

מיין ניט, האט חייעלע ווידער אנגעהויבען, אז דער טאטע דיינער מיינט: דיך

מאכי צו מאכען פאר א גמרא למדן? חלילה, ער ווייס אויך, אז ניט דוא טאהרסט לערנען, ניט דוא קאנסט לערנען, אז פאר וואס טהוט ער דאס פארט אזוי? איז דער תרוץ: ער ווייס אז איך האב פיינט גאר צו הארן דאס וואס מיר טויג ניט. אז ער פלעגט באלד נאך אונזער חתונה מיך וועלן מאכען פאר א למדן, פלעגט מיר זיינע רייד אין איין אויהער אריין און דורך דעם אנדערן ארויס. ער האט שוין אזא טבע צו וועלן ארויס־ווייזען וואס ער קען; נו, אז איך וויל ניט הערן, האט איהם גאט דיך צוגעשיקט און ער איז גליקליך, אז ער קאן ווייזען זיין קינד, וואס ער קען, וואס ער טראכט. אי ביי דעם קינד געהמט עס נור געזונד צו און פיהרט עס איבער, דאס איז ניט זיין דאגה. זעהסטו דאך וואס ער האט פון דיר געמאכט. אזא יאהר מיר, וויא איך בין דיר געטרייער און איך פערשטעה בעסער וואס דיר טויג; זאל ער דארט זיין געזונדערהייט וואו ער איז, דוא האסט דא גאר נישט אנגעווארן; אדרבא, ביז ער וועט, אם ירצה השם קומען, וועסטו ווערן א מענש וויא דיין מאמע איז און דוא וועסט שפעטער זיינע הקירות גאר ניט וועלן הארן!

„א, ווי ווענינג קען מיין מוטער איהר טהייערן ליעבען און טרייען מאן!" האט רחל'ע פאר זיך נאך אזא געשפראך איבער גערעדט, וויא ביטער מוז דאס איהם זיין, דעם פאטער אזוי ווענינג געאכט און געשאטצט צו ווערן, פון זיין אייגענער פרוי! אך וויא ביטער איז מיר, אז איך ברויך עס וויסען! איז זיא ניט מיינע מוטער, וועלכע איך ליעב פון גאנצען הערצען און וועלכע איך בין מחויב צו אכטען און פערעהרן גלייך ווי דעם פאטער? קאן איך אבער פאר ביידען יוצא זיין בעת דיא ביידע זענען אזוי ווייט איינע פון דיא אנדערע? יא, בעת זייער פערלאנגען פון מיר איז אזוי פערשידען? קאן איך מיינער מוטער יעטצט גערעכט געבען? ניין, איך פערלאנג פון איהר ניט וואס זי קאן ניט, זיא אבער וויל דוקא איך זאל זאגען: פינסטער, בעת עס איז ליכטיג. אום עס צו זאגען מוז איך פריהער בלינד ווערן. — אבער איך וויל ניט בלינד ווערן, האט מיר גאט אויגען געגעבען איך זאל זיין ליכט ניט זעהן? מיר געהירען אין מיין קאפ בעשאפען איך זאל ניט דענקען? ניט פערשטעהן, בעת עס דענקט זיך פארט און עס ווילט זיך פערשטעהן?.... איז מאכי נור יענע דיא וואהרע יודישע טאכטער, וועלכע וויל פון קיין זאך ניט וויסען, נור פון דיא דריי מצות, וויא מיין מוטער זאגט? ניין, איך גלויב ניט, אז גאט האט אונז יודישע טאכטער אזוי שפל און קליין בעשאפען! א יודישע טאכטער מוז אויך וויא א יודישער זוהן ווייסען וואס יודישקייט איז, וואס אונזער אמונה, אונזער תורה זענען; נור דאן איז זיא א יודישע טאכטער אז זיא פערשטעהט יודישען גלויבען, יודישע תורה און ווייס וואס האט געטראפען דעם יודישען פאלק! נור דוא פאטער, ווייסט וויא מיר ליעב צו מאכען אונזער אמונה אונזער תורה און אונזער ארעם פאלק, נור דוא האסט מיך פאר א יודישע טאכטער געמאכט! וויא ליעב איך דיך פאטער! אבער מיין מוטער איז מיר אויך ליעב. גאט אין הימעל, לערן מיך יוצא זיין פאר ביידען, לערן מיך, א וואהרע יודישע טאכטער צו זיין!"

וויא עגאאיסטיש חייעלע איז געוועזן, איז זיא דענאך קיין שלעכטע מוטער געוועזן צו איהרע קינדער. רחל'ען האט זיא אויך בעזאנדערס ליעב געהאט: איהר פלעגט הנאה טהון אז זיא פלעגט הארן וויא לייט לויבען זיא, איינע פאר איהר

שאנקייט. פאר איהר וואויל געראטהענקייט וואס זיא קאן לשון הקודש'ע אונ רוסישע
בריוועלעך שרייבען אונ אפילו „פאפירן" לייענען, אנדערע — פאר איהרע גוטע מדות,
פאר איהר בעשיידענהייט אונ גוטסקייט צו יעדען. חיעלע אליין האט געזעהן ביי
איהרע שבנים זייערע טאכטער, מיט איהר רחל'ען אין איינע יאהרן, וויא ווייט זענען
יענע פון איהר אין אלץ! וויא אנדערש פיהרען זיי זיך! בעריידעקעס, גרויסע מיילער,
אדער וואס נאך ארגער איז; ווי קומען זיי צו רחל'ען? רחל'ע איז, א קינד א גאט בעני־
שונג! „אבער איהר געראטענקייט האט זיא מיר צו פערדאנקען!" פלעגט זיא זיך
טראכטען, דאס איז מיין זכות, מיין מזל; נור איין חסרון, דאס קינד ווייס עס ניט אונ
דער טאטע פערדארבט עס!". איהר האט זיך געוואלט, אז רחל'ע זאל אויך זיין א חסידה,
אונ זיין ביי איהם זאל לעבען, אזוי אנגענומען וויא זיא, מען זאל זאגען: „וויא די מוטער
אזוי די טאכטער!" איצט איז צייט, האט חיעלע זיך געזאגט, אז רחל'ע זאל זיין וויא
איהר מאמע אונ ניט וויא איהר טאטע. אונ זיא האט ביי יעדער געלעגענהייט אנ־
געהויבען מאכען צו קליין געלד איהר מאן אונ רחל'ען פערוואונדען דערמיט דאס הערץ
ביז גרונד אונ אנשטאאט זי צו ציהען צו זיך האט זי פון זיך זי אלץ מעהר אבגעשטויסען.

רחל'ע האט נור אין זיך געקלאמט אבער דער מוטער א ווארט ניט גערעדט.
דאס הארץ וואר איהר פאל אנגסט אונ זארג וועגען פאטער. — איין פערגניגען איז
איהר געבליבען, בריוועלעך שרייבען צו משה'לען. דאס ערשטע בריוועלע האט זיא
איהם מיט פאלגענדע ווארטער געשריבען:

„מיין טהייערער שוועסטערקינד, מיין ליעבער משה'לע!

עס זענען שוין צוויי וואכען אריבער, זייט עס איז רעגענדיג, וואלקענדיג ביי
אונז, אונ צום מוטה איז אויך אזוי! דארט אין מענשענס הערצען איז אויך דא
א הימעל, א בלאער ריינער הימעל. די האפנונג שיינט אין איהם אמאל אזוי ליכטיג
וויא די וואהרע זאנגע אים וואהרן הימעל; דאן איז ליכטיג אים הערצען, ליכטיג
אין די אויגען אונ מיר זעהען די וועלט: אויך זיא איז שאן אונ ריין; אבער אים
הערצען, ליעבער משה'לע, מוז אויך א וואלקען זיין, אונ עס ציהט זיך א חמארע אריבער
איבער די האפנונג, עס ווערט פינסטער אים הערצען, אויך אין די אויגען, אונ
קוקט מען דאן אין דער וועלט אריין, איז זיא אזוי ניט שאן אזוי ניט ליעב, אז עס
ווילט זיך גאר ניט זיין אין איהר. אפט רעגענט זיך אויס יענער הערצענס וואלקען
אין טהרערען דורך אונזערע אויגען אונ די האפנונג שיינט ווידער ארויס, אונ עס
ווערט ווידער ליכטיג; אפט אבער הענגט דארט די דונקעלע חמארע וואכען לאנג
אונ עס פרעסט דאס הארץ, מען ווייס ניט וואס עס פעהלט, וואס מען וויל, מען געפינט
זיך קיין פריי ארט וואו זיך צו צוטולען, וואו זיך צו בעהאלטען, האטש קיינער יאגט ניט,
קיינער שטויסט ניט צוריק... צוויי וואכען, אז איבער קליינינצער הימעל איז אויס־
געשפרייט א חמארע א דונקעלע אונ א טרויעריגע, עס האט אויך גענוג גערעגענט
אין דער צייט, אבער נאך רעגען וויא פאר'ן רעגען עס איז אלץ נאך אזוי דונקעל אונ
אזוי טרויעריג. צוויי וואכען, משה'לע: זייט אזא חמארע הענגט איבער דעם הימעל
פון מיין הערצען וועלכער איז אין מיר אמאל אזוי ריין אונ קלאר געוועזען!.. אך,
איך האב שוין גענוג געוויינט אונ טהרערן פערגאסען אין דער צייט, אבער עס איז

נאך אלץ ניט בעסער, אונ דיא האכנונג איז פערשטעלט אונ איך זוך זיא, איך געפין זיא אבער ניט!...

דוא האסט מיר ערקלערט, פון וואנען עס נעהמען זיך וואלקען אונ רעגען. קאנסטו מיר ניט ערקלערן נאך: פון וואנען נעהמט זיך אזא וואלקען אין מיינעם הערצען אונ פון וואס גיסען זיך אזוי דיא טהרערן ביי דיין רחל'ען?....

אז דוא ביזט אוועג געפאהרן בין איך נאך א צייט ביים פענסטער געשטאנען, געקוקט, גלאט אין דער וועלט אריין: ווי ווייט, וויא ברייט זיא איז אונ וואס האב איך דאן געטראכט? איך האב גאר נישט געטראכט, אונ האב איך דען געקאנט טראכטען, אז דער וואס האט מיר טראכטען געלערנט איז פון מיר אוועג געפאהרן? אוועג געפאהרן דארט אהין, וואו עס איז ווייט, וואו מיין אויג זעהט שוין איהם ניט מעהר!.. אונ מיינע ארעמע זעלע? אך, איך האב זיא געזעהן נאכלויפענדיג נאך אייער וואגען וואס האט אייך בײדען אוועג געטראגען. זאג, האסטו ניט געזעהן, וויא זיא לויפט אייך נאך, א מידע, אהן א אטהעם? אונ וויא האט זיא זיך געבעטען, איהר זאלט זיא צו זיך אריינגעהמען, אזוי שטארק דיא פערד ניט טרייבען, זיא זאל חאטש אהן כחות ניט בלייבען אזוי, אייך נאכלויפענדיג!.. אזוי, משה'לע, בין איך געשטאנען ביז עס איז שפעט געווארן אונ דיא שווארצע נאכט פינסטערניש האט צוגעדעקט דאס גאנצע שטאדטעל, דאן האב איך דורך דעם פענסטער נור געזעהן מיין אייגען געזיכט צוריק, אונ עס קוקט אויף מיר אזוי טרויעריג וויא איך אויף איהם אונ טהרערען הענגען אויף זיינע ברעמען, זיי פאלען ניט אראפ, זיי זענען ווי פערפרארען אין זיינע אויגען.... — אז איך בין פון פענסטער אוועק האט שוין אין שטוב א ליכט געברענט. מענשען האבען ערקלערט א מיטעל ווי זיך צו טראכטען ווען די ליכטיגע זאננע פארגעהט, קאנסטו מיר משה'לע, ניט זאגען וואס פאר א ליכטעל זאל איך אנצינדען ביי מיר אים הערצען, דארט וואו מיין זונן איז פערגאנגען אונ אין מיר איז אזוי טרויעריג, אזוי פינסטער געווארען?...

איך בין צו מיינע ברידערלעך אונ צו מיינעם שוועסטער'ל צוגעגאנגען; זיי האבען זיך געשפילט מיט דיא ווייסע זילבערנע צענערליך אונ צוואנציגער, וואס דער טאטע האט זיי געלאזען. גליקליכע קינדהייט! א ווייס צענערל קאן אפקויפען אלע פרייד אונ פערגניגען וועלכע מען פערלירט אין דער מינוט בעת א ליעבער טרייער פאטער פאהרט אוועק! וויא בענייד איך זיי איצט. אבער גיין, דיזע קינדער וויסען ניט ווי טהייער, וויא ליעב איז אזא פאטער, זיי ווייסען נאך ניט דאס גליק וויא צו שאטצען, בעת דער פאטער איז דא, אונ זארגט פאר זיי אזוי פיעל, דאריבער איז זיי א צענערל אויך א מכה! איך, מיין פריינד, ווייס שוין וויא אונשאטצבאר טהייער ער איז; ניטא אין דער וועלט אזא רייכטהום, וואס זאל מיר ערפילען וואס מיר פעהלט, בעת ער איז ניטא!

איך האב דיא גאנצע נאכט געשלאפען רוהיג, מיט מיר איז שטאנדיג אזוי, דיא אונרוהע פון ביי טאג מאכט מיך מיד, א מידע געה איך צו בעט אונ איך פיהל ניט וויא איך ווער עטשלאפען. אז איך בין אויפגעשטאנען, אין שטוב אריינגעקומען איז מיר צום מוסה געווארן, וויא מען וואלט עפיס איינם פון דיא שאנסטע זאכען אונזערע ארויסגעטראגען. קענסטו דאס געפיהל, אז מען איז געוואהנט אימער צו זעהן פאר

דיא אויגען א שאן מעבעל, אונ פלוצים קומט מען צריין אונ מיר געפינען עס ניט מעדר? מיינע אויגען זעהען אומגעלאפען איבערן צימער. זייא האבען געזוכט. אלעס, אלעס איז אויף א ארט געוועזען אזוי וויא נעכטען, אזוי וויא אלע מאל, אונ דאך האב איך אים הערצען געפיהלט דאס עס פעהלט עטוואס.. דיין ליעבע געגענווארט, משה'לע, פעהלט איצט ביי אונז אים הויזע. אך, דיזע געגענווארט האט אונזער הויז אזוי ליכטיג, אזוי אנגענעהם געמאכט, אונ איך האב מיך צו איהר אזוי צוגעוואהנט דאס מיר פעהלסטו אויף יעדען שריט!

מיין ברודער מאטעלע, פרעגט מיך היינט: וואו איז משה'לע געפאהרן? „אהין ווייט, ווייט!" האב איך איהם געענטפערט.

„דארט וואו עס איז ווייט, האט דאס אונשולדיג קינד געזאגט, דארט לאזט זיך דער הימעל אראפ. דארט קאן איצט משה'לע, האט ער מיט פרייד ווייטער געשריען, דעם הימעל מיט דער האנד אנריהרען, נור ווייטער קאן ער שוין ניט געהען ווייל דארט איז שוין אוים וועלט!" — אונ איך בין אויך אמאל אזא איינפאלטיג קינד געוועזען, אונ האב אויך אזוי געמיינט וויא מיין יונג ברודערל; היינט אבער ווייס איך שוין, אז דארט איז דער הימעל אויך אזוי ווייט פון דער ערד ווי דא .... דיא וועלט האט קיין ענדע אונ וויפיעל מען זאל ניט געהען, מען קומט צו א ברעג קיינמאל! דיזעס וויסען, מיין ליעבער פריינד, איז אבער אזוי טרויעריג אונ ברענגט מיך צו אזעלכע טריבע געדאנקען, אונ איך פרעג מיך אימער: צו וועלכען ברעג ביזטו געפאהרן? וואו איז דער ברעג? אונ וויפיעל וועסטו נאך מוזען אלץ ווייטער פאהרן ביז פון דארטען דעם ברעג הימעל צוריק דא צו זעהן, דא וואו דיין רחל'ע איז?... אך, ליבער פריינד, זאג מיר, וואו ביזטו? וויא ווייט ביזטו פון מיר? מיין ארעמע זעלע האלט נאך אלץ אין איין לויפען, זיך יאגענדיג נאך דיר! ווען וועסטו זיך אבשטעלען, מיינע זעלע זאל אויף דיין האלז, אויף דיין ברוסט פאלען אונ אויסרוהען, זיא איז אזוי מיד. אזוי אהן אטהעם, משה'לע... נוע, מיין פריינד, וועט מיין אויג צוריק געפינען וואס מיין הארץ זוכט?

וואס, ליעבער פריינד, זאל איך דיר נאך שרייבען? ברויכסטו נאך וויסען וויא איך עס, ווי איך טרינק, ווי איך געה אונ ווי איך שטעה? ווי אלע מענשען אין גאנצער וועלט! דו קאנסט דיר לייכט פארשטעלען. מיין געמיטה האב איך דיר אויסגעשריבען. זיי מיר געזונד, מיין ליעבער. אונ שרייב אויך אמאל אבריוועלע צו דיין רחל'ען.

ב.

עס האבען זיך אנגעהויבען ווייזען חתונות אונ חופות אין שטאדטעל ווי אלע יאהר אין דער צייט. תייעל'ע איז אומעטום א מחותנת'טע געוועזן, אומעטום געטאנצט אונ נאר קיין דאגה געהאט וואס איהר מאן איז צו הויז ניטא. „אבי, גאט צו דאנקען, ער שרייבט בריוועלעך, אבי זיינע געשעפטען לאזען איהם ניט קומען. אונ אז ער באנקט אביסעל, ווי ער שרייבט, איז וואס?" פלעגט זי איבערעדען, א קינד איז ער? איבריגענס באנקט ער גיכער נאך זיין טאכטערל. אלס נאך זיין ווייב. איך באנק נאר ניט. איך זאג דעם אמת.

אין חתונה האט חיהעלע ערלויבט אבשפילען ביי איהר אין שטוב; זיא האט זיך אויסגעפוטצט מיט איהרע בעסטע קליידער אונ טהייערסטען צירונג, אונ איז צו רחלען אין צימער אריינגעקומען בעטען זי זאל זיך אויך אנטוהען אונ בעשאנען דיא מחותנים זייער שמחה. אז רחלע האט זי דערזעהען אויסגעפוטצט מעהר אלס זעלבסט די מחותנתטע האט זי געפיהלט פלוצים א וועהטיג אים הערצען. איהר איז אזוי ניט גוט געווארן אז דיא מוטער אליין האט זיך ערשראקען אונ האט איהר דערלאנגט א ביסעל קאלט וואסער.

— וואס איז דיר מיין קינד? האט חיהעלע זעהר אונרוהיג געפרעגט אונ צוגעלעגט איהר ווארעם האנד צו רחלעס קאלטער שטערן.

— גאר ניט! האט זי בערוהיגט, איך ווייס אליין ניט וואס מיט מיר איז געוועזען נור עס איז שוין אריבער.

— אפשר ניט כדאי גאר, זיך אנצוטהון, מיין קינד? רוה אב, דוא ביזט אפשר ניט געזונד אונ די חתונה קאן דיר שאדען חלילה!

רחלע האט געשוויגען. אין א ווייילע ארום האט זיא אבער געזאגט: ניין, דיא חתונה קאן מיר ניט שאדען. דיא כלה איז מיינע א חברטארין, איהר חתונה איז ביי מיר אין שטוב אז איך זאל אויף איהר שמחה ניט זיין, וועט א גרויסע בעליידיגונג אונ א זינד זיין. איך טהו מיך שוין אן, האב קיין זארג ליעבע מוטער, איך בין געזונד.

זי האט זיך באלד אנגעטהון אונ איז אין זאאל אריין, וואו עס זענען שוין געזעסען פיעל אויסגעפוטצטע שטאדטישע ווייבער אונ מאדלעך. די כלי זמר האבען מיט איינציגע ציהען דעם שמיטציג איבערן פידעל געפראבירט דעם טאן, איינער האט שטיל קוים צו הערן, געשפילט אפאנטאזיעלע. קליינע קינדער, יונגעלעך אונ מאדלעך, האלב אונ גאנץ אויסגעפוטצטע האבען זיך ארומגעקליבען אונ צוגעקוקט אלץ וואס דיא כלי זמר טהוען; איינער האט געגנבעט א קלאפ מיט זיין פינגערל איבערן קעסעל פויק, אין אנדערער האט מיט א פינגער א טאן ארויסגעחאפט פון א שטרונע פון א פידעל.

אוועק, שיינעץ! האט דער האלב בלינדער פייקלער א געשריי געטהון, דיא קינדער זענען זיך צולאפען. אין דעם זענען אריינגעקומען רחלעס צוויי ברידערלעך ארומגעוואשענע, אויסגעפוטצטע מיט זייערע סאמעטענע קאסטיומלעך, מיט זייערע שאנע קאפלושלעך, זיי זיינען אויך באלד צו צום פויק. דער עלטערע האט אנגעהויבען ציהען דעם שמיציק איבער דעם פידעל וואס איז געלעגען אויפן טיש אונ דער קלענערע האט נאך איינאנד מיט זיין גאנצען האנטיל געקלאפט דעם קעסעל פויק. אנשטאט אוועק צוטרייבען האט דער כלי זמר איהם געקניפען אין באקעל אונ דער ווייל בעטראכט זיין שאן קאסטיומעל. דיא איבריגע קינדער האבען מקנא געוועזען דיא גליקליכע פרינצלעך, וואס זעלבסט א כלי זמר האט פאר זיי דרך ארץ אונ זיי מאגען פאר זיי אין די אויגען קלאפען דעם פויק, אפילו ציהען מיטן שמיציק וויפיעל דאס הארץ געלוסט אונ קיינער זאגט זיי א ווארט ניט.

רחלע האט דיזע אונשולדיגע קינדערשע קנאה בעמערקט, זיא האט באלד צוגעפיהרט יעדעס קינד צום פויק, צום פידעל זיי זאלען אויך פערזוכען דעם נחת אונ גליק פון א קלאפ דעם קעסעל פויק אונ א ציה מיט דעם שמיציק איבערן פידעל. מאנכע

האבען אויף איהר זייערע שאנע אויגלעך אויפגעהויבען, און זי האט געפיהלט דעם ביינגען ווארימען דאנק וואס זאגט איהר א יונג בעגליקטעס הערצעלע; אבער נאך מעהר האט זי בעגליקט א יונג יונגעלע פון זעקס יאהר, וועלכער איז מיט זיין ארעמער מוטער, שרה'לע די אלמנה, געשטאנען נעבען טהיר. ווי דאס ארעם קינד וואלט געפיהלט זיין ארעמקייט האט עס קיין מוטה ניט געהאט פריי אומצולויפען אין זאאל ווי אלע אנדערע קינדער וועלכע זענען ניט אזוי ארעם אנגעטהון ווי ער; עס האט זיך אויך ניט אינטערע-סירט איצט, ניט מיט'ן פויק, ניט מיט דער פידעל, אויך ניט מיט דער גאנצער חתונה, עס איז נור טרויעריג געבען זיין ארעמער מוטער געשטאנען און א אויג ניט אראפגע-נומען פון רחל'עס ברידערלעכס שאנע קאסטיומלעך מיט די זילבערנע קנאפעלעך. אין זיינע גרויסע קלוגע אויגעלעך זענען טהרערן געווען. דיזע טהרערן האט רחל'ע געזעהן און איהר גוט הארץ האט איהר אלעס ערצאהלט וואס דאס ארעם קינד פיהלט איצט. זיא איז צוגעגאנגען צו איהם, א גלעט געטהון אין זיין יונג באקעלע, אנגענומען זיין האנדטעל, אריינגעפיהרט עס צו זיך אין צימער. דארט האט זיא דאס קינד אליין ריין ארומגעוואשען, אויסגעטהון זיינע האלב צוריסענע קליידערלעך, אנגעטהון פון קאפ ביז דיא פיס מיט איהר עלטערן ברודערל'ס א קאסטיומעל, אויך זיינע בלאנדע לאקען האט זיא פערקעמט און עס צוגעפיהרט צו איהר שפיגעל. וואו דאס קינד האט זיך געזעהן אין גאנצען און האט, שיינט עס, זיך זעלבסט ניט ערקענט.

— וועמען זעהסטו דארט? האט רחל'ע מיט א פריינדליכען שמייכעלע געפרעגט.

— אייך! האט דאס קינד געענטפערט.

— און זיך זעהסטו דארט ניט?

דאס קינד האט רחל'עס האנד צוגעטראגען צו זיינע רויטע ליפעלעך און האט א פאלען קלינגענדען קוש ארויפגעדריקט.

— טראג געזונד, מיין קרוין! האט רחל'ע איהם צו געוואונשען, דאס וועט שוין דיינע זיין, קיינער וועט עס ביי דיר ניט אבנעהמען!

דאס קינד האט זיא פערוואונדערט און רירענד אנגעקוקט. זיא האט אויך שרה'לען אריינגערופען צו זיך אין צימער, און דא וואר דיא סצענע נאך רירענדער אז זעלבסט דיא מוטער האט איהר איינציג ליעב קינד אזוי אויסגעפוטצט דערזעהן און ניט ערקענט.

— מאמע! האט דאס קינד גליקליך אויסגעשריען, ערשט איצט האט דיא מוטער איהר קינד דערזעהן און טהרערן זענען איהר פון איהרע אויגען ארויס; זיא האט איהר קינד קיינמאל אזוי שאן ניט געזעהן וויא איצט.

— איך פערקויף עס אייך, שרה'לע, האט רחל'ע איהר געזאגט, אויף מיין ברודערל איז עס קורץ און ענג, אויף אייער קינד איז עס וויא אויסגעגאסען, זאל אייער יאסעלע זיי געזונדטערהייט טראגען און צעבייסען און איהר זאלט אים שטאנדע זיין, איהם בעסערע און טהייערערע קליידער צו מאכען! זארגט ניט, האט זי ווייטער געזאגט אז זי האט דער מוטערס טהרערן דערזעהן, איהר וועט מיר שוין בעצאהלען, מיר וועלן זיך שוין אויסרעכענען אמאל! ניט אמת שרה'לע, אייער יונגעל וועט דאס שאנסטע קינד אויף דער חתונה איצט זיין?

די מוטער האט קיין ווארטער געהאט איהר פרייד אונ דאנק אויסצודריקען, זי איז רחל'ן אויפ'ן האלז געפאלען אונ האט איהר דאנק מיט הייסע קושען אויסגעדריקט.

"א, טהייערע רחל'ע, האט דאס ארעם ווייבעל ענדליך אויסגערעדט, ניט אומזיסט האסטו אזא מזל א גוטען! ניט אומזיסט האט דיר גאט אזוי פיעל חן אונ שאנקייט געגעבען, דיין הארץ אין דיר איז נאך שאנער! ביז מיין טויט וועל איך עס דיר געדענקען אונ ווי לאנג איך וועל לעבען וועל איך גאט פאר דיר בעטען!" רחל'ע האט איהר צוריק בעדאנקט פאר אזעלכע גוטע רייד, אונ האט אויך דער מוטער געגעבען א קלייד זיך אנצוטהון, אויף איהר אנגעטשעפעט א שאן שלייפעל. אונ מוטער אונ קינד זענען אויף דער חתונה מיט זייער ארעמקייט ניט פערשאמט געווארן.

קיינער האט רחל'ען אזוי שען [illegible]ווירדיג ניט געזעהן וויא אין דעם אבענד, אז זיא איז צוריק אין זאל אריינגעקומען, האבען זיך אלע אויגען ניט ווילענדיג געווענדעט אויף איהר. דיא מוטער האט בעמערקט וויא מען עסט אויף איהר קינד מיט דיא אויגען אונ איז אים הערצען שטאלץ געווארן, וואס איהר רחל'ע איז דאס שאנסטע, גראציאזיסטע פריילין דא אויף דער חתונה, וואטש עס זענען זיך דא צוזאמענגעקומען די פארנעהמסטע אונ רייכסטע קינדער פון שטאדטעל. זיא האט נור מורא געהאט פאר "א גוט אויג". זיא איז פון זאל ארויסגעלאפען, געחאפט אין קיך אביסעל זאלץ אין א פאפירל אונ אז זי איז צוריק אריינגעקומען האט זי איהר טאכטער ארום גענומען, אנגעהויבען קושען אונ דערווייל איינגעבונדען הינטען ארום אין א בערג קלייד דאס פאפירל מיט זאלץ, א טהייערער סגולה צו "א גוט אויג".

רחל'ע האט געטאנצט מיט דער כלה, מיט יעדען מיידעל, אונ די כלי זמר וואס מעסטען אונ וועגען שטאנדיג זייער שפילען אטאנץ, אויפ'ן ווערשאק אונ אויפ'ן לויטה, האבען איצט, ווען רחל'ע האט געטאנצט, געגעבען אויף דעם מאס אונ וואג א הוכפר אונ געשפילט איבריגע עטליכע מינוטען; זעלבסט די פידעל וועלכע האט פאר אנדערע שלאפעריג אונ קרעכצענדיג געשפילט האט זיך פון שלאף אויפגעכאפט אונ האט פון זיך ארויסגעגעבען לעבעדיגע הארמאנישע קולות. רחל'ע האט גרינג וויא אפויגעלע זיך געדרעהט אין טאנץ פון טאקט צום טאקט, ווי א שאן פויגעלע פון צווייג צום צווייגעלע. אונ אפילו אלטע ווייבער האבען געזאגט: "עס איז אויף אזא געראטהענע קינד א ברכה צו מאכען! נור נאך מעהר ווי דיא גרויסע האבען זיך אמוזירט מיט איהר דיא קליינע קינדער: זיא האט מיט יעדען קליין מיידעלע געטאנצט אונ געלערנט א קליין דאמעלע טאנצען מיט א קליין הערעלען — אויף אזוי פיעל זענען נאך קלייניצער פרומע יודען טאלעראנט געוועזן אונ האבען דארין קיין פערשייטקייט ניט געזעהן.

דריי א זייגער פאר טאג האבען די מחותנים אונ חתונה לייט בעדאנקט היימל'ן פאר איהר בעשאנען זייער חתונה, זיא געבענשט: עס זאל אין איהר שטוב נור שמחות זיין. רחל'ען האבען זיי געדאנקט אונ געקושט פאר איהר משמח זיין זייערע גאסט, זייער חתן כלה, אונ האבען איהר צו געוואונשען: צו טאנצען אויף איהר חתונה מיט איהר אמת'ן בעשערטען, אם ירצה השם גאר אין גיכען.

אין עטליכע טאג ארום נאך דער חתונה האט זיך געמאכט א ניי שמחה'לע: ביי חייעל'ן איז געוועזן יאהרצייט נאך איהר פאטער. נאך'ן דאווענען זענען געקומען

עטליכע חסידים פון בית המדרש, דער פעטער ר' שלמה איז דא אויך געוועזן; חיעלע האט געגרייט א טיש אונ אנגעשטעלט עטליכע פלאשער ברוינפען אונ האט געטהיילט לעקעך, הערינג מיט אייערקיכלעך ווי אויף א קליין שמחה'לע. דאס האט רחלען זעהר פערדראסען: ניט אויף דיא חסידים וואס טרינקען גערן אומזיסטע משקה איז זיא ברוגז געוועזען אבער אויף איהר מוטער פאר וואס זיא מאכט דעם טרויעריגען טאג ווען איהר פאטער איז געשטארבען פאר א שמחה אונ פאיעט די חסידים מיט ברוינפען ביז שכור צו ווערן. נאך מעהר האט זי פערדראסען אויף איהר פעטער ר' שלמהן וואס ער טרינקט אויך מיט אלעמען צו גלייך אונ דערמאנט ניט, אז ער דארף גאר זיך ניט גלייכען צו אלעמע.

„זיי, די חסידים, האט, זיא פאר זיך געאורטהיילט, האבען ביי זייערע עלטערן פעסערס, אפשר ניט געזעהן ביי אזא געלעגענהייט, אבער ער, דער פעטער מיינער האט ביי מיין זיידען אזעלכעס ניט געזעהן; ביי איהם אין שטוב האט איבערהויפט קיין שכור ניט בעדארפט אריינקומען. א יוד א פרומער איז מיין זיידע געוועזען אונ ווי קומט א פרומער יוד ברוינפען צו טרינקען?" פאר א יודען פאסט ניט שכור זיין! זאגט אויך מיין פאטער, מיר יודען ברויכען שטאנדיג אונזער שכל קלאר אונ ניכטער האבען ביי זיך, אהן דעם שכל קאן מען אונזער תורה ניט לערנען, אהן דעם שכל קאן מען אונזערע שווערע לאגע אין גלות פערגעסען; ברוינפען נעהמט צו דעם שכל אונ ווי קאן א יוד א שכור נאך א יוד זיין?" ער, דער פאטער פאסט בעסער אין דעם טאג פון דעם זיידענס יאהרצייט, ער טהיילט צדקה אונ לערנט, ער געהט אויך אויפ'ן בית עולם, דארט וויינט ער זיך אוים אויף זיין קבר. פאר יאהרן בין איך מיט איהם אויך מיט געגאנגען, ווי ווילט זיך מיר איצט ווידער אויף זיין קבר זיך אויסוויינען! ער מוז דאך געווים וויסען וואס מיט מיר איז, וואס איך בין אזוי אונמוטהיג; איך וואלט איהם אלץ אויסדערצאלען, וויא אלעבעדיגען איהם אנזאגען אז משה'לע איז ביי אונז געוועזען, ער איז אזוי שאן אויסגעוואקסען, אזוי קלוג אונ אזוי פיעל געלערנט אונ איך האב איהם ליעב אונ ער מיך אויך. אך, דאס וואלט מיר אפשר גוטס טהון אונ מיר וואלט צום מוטה גרינגער ווערן!" ביי אזעלכע געדאנקען איז זיא ווידער אונמוטהיג געווארן אונ האט עטליכע טאג נאכאיינאנד, מיט זיך זעלבסט געקאמפפט דעם אונמוטה צו פערטרייבען.

דער מוטער איז שוין איבערדריסיג געווארן מיט איהר צו רעדען, זיא האט איינגעזעהן, אז רחל'ע איז „דער טאטע אונ דער טאטע!" אזוי ווי ער הארט אוים פון איהר אלעס, אנטפערט א ווארט ניט אונ בלייבט זיך ביי דאס זייניגע, אזוי איז זיא אויך; דאריבער האט זיא אנגעהויבען מיט איהר שטרענגער אונ גראבער זיך צו בענעהמען, אונ האט געלאכט אונ געשפאט פון איהר אונ פון איהר טאטען ביי יעדער געלעגענהייט.

אין אוואך ארום נאך דעם יאהרצייט, איז שימעלע מלמד געקומען אנזאגען אז מאטעלע, איהר ברודערל האט מיט מזל אנגעהויבען חומש, אונ אזוי ווי מארגען איז ראש חודש, איז א יושר או חיעלע זאל מאכען א קליין סעודה'לע מיט א ביסעל משקה פאר'ן רבין מיט זיינע תלמידים. חיעלע האט מארגען טאקי געשיקט רופען דעם פעטער

ר' שלמה'ן און נאך עטליכע יודען אויף דעם יום טוב צו ליעב איהר קינדס אנהייבען חומש. רחל'ע האט די קינדער אנגעטהון יום טוב'דיג, אליין האט זיא זיך אויך צו געקליבען א ביסעל פאראדנער וויא געוועהנליך. א זייגער איינס ביי טאג איז אריינגע־קומען ר' שימעלע מיט א גרויסען חומש אונטערן ארעם. נאך איהם זענען אריין אלע קליינע תלמידים'לעך פון זיין חדר. מען האט זיך ארום גרויסען טיש געזעטצט, דעם קליינעם בעל שמחה אויבען אן, און מאטעלע האט פארן פעטער אבגעזאגט די ערשטע פרשה חומש, מיט אלע אויסרעדען פון רש"י און פון מדרש, מיט אלע אלט פראנקישע טייטש ווערטער אויך מיט דעם אלט מאדישען נגון, פונקט ווי ר' שימעלע זיין רבי האט איהם געלערנט. ר' שלמה האט זיין פלימעניקל א קניפ געטהון אין באק און די מוטער האט איהר קינד גוט גוט אנגעקושט. רחל'ע איז גיט גאנץ צופרידען געוועזן: זיא האט בעמערקט, דאס קינד זאגט וויא א אויסגעלערנטע פאפאגייע און פערשטעהט מיט איינענעם שכל אהאר ניט וואס עס האט געלערנט.

מען האט דאס קינד אויך די געוועהנליכע נארישע פראגען געפרעגט: אין וואס געהט דער חומש אנגעטהון, אין א זופיצע, אדער אין שטיוועל? אין טאוולען פון פאפיער מיט לעדער בעצויגען? האט דאס קינד געענטפערט אויך אויף זיין רבינ'ס וואונק.

— איצט שיינאץ, האט דער פעטער געזאגט, מאך א ברכה אויף דעם לעקעך: בורא מיני מזונות, און אויף דעם בראנפען שהכל נהיה בדברו און זאג: לחיים יודען!

— פאר וואס, פעטער, רופט איהר מיך שיינאץ? האט דאס קינד געפרעגט! א שיינאץ מאכט קיין ברכה ניט און קען ניט לערנען, איך אבער מאך יוא א ברכה, און איך קען לערנען אויך.

— גערעכט! האט זיך רחל'ע ארויסגעכאפט מיט פרייד, און האט ביי'ם קינד צו גענומען דאס גלעזעל בראנפען, קום צו דיינע חברים, האט זיא געזאגט, א קליין יונגעל דארף קיין בראנפען טרינקען, דיין טאטע טרינקט אויך קיין בראנפען ניט, א שיינאץ סיידען טרינקט בראנפען!

— אזוי, חייעלע? האט זיך אבגערופען א הייסער חסיד, א שטארקער בראנפען טרינקער, האלט אונז אייער כלה נאה פאר שקצים, פאר פיאניצעס? חייעלעס א טאכטער? נאך אמאל, הערט נור! חייעלע, וואס איז א חסידישע אשה, אזא יאחר מיר, האט גאר א טאכטערל וואס זאגט אז א יוד וואס נעהמט א ביסעל יי"ש איז א שיינאץ?!...

— ענטשולדיגט, האט זיך רחל'ע פערענטפערט, ניט אייך גרויסע, האב איך געמיינט, איהר קאנט, איהר מאגט; אבער מיין ברודערל איז א קינד און דארף נאך קיין בראנפען ניט טרינקען!

— ניין, ניין, האט דער חסיד געשריען, דאס שמעקט מיט גאלבעטקייט! איך בין שטארק מסופק אויב ביי דיר, וועט גאר רעכט זיין אז דיין מאן אפילו זאל טרינקען בראנפען אויף א סעודת מצוה? פיאניצעס זענען מיר? אין א שענק האבען מיר זיך צוזאמענגעקליבען שכורן? ווי פערגעסטו דאס גאר, אז דיין ברודערל האט חומש אנגעהויבען? ווייסטו דען וואס איז חומש?

— עס קאן זיין איך ווייס, האט זיא געענטפערט, אבער וואס האט חומש צו

ברוינפען? איבריגענס האט מיין ברודערל ערשט דעם חומש אנגעהויבען און ער וועט צייט האבען צו טרינקען, אז ער וועט איהם ענדיגען.

— דוא ביזט א נארעלע, האט דער בעליידיגטער ברוינפענטרינקער געזאגט. חומש אהן א ביסעל ברוינפען לערנט א קאלטער מתנגד, איז מאקי זיין חומש אזוי קאלט וויא ער, און זיין יודישקייט איז נאך קאלטער; ניט איהם, ניט גאט ווערט וואַרעם פון זיין חומש. א חסיד טהוט א טרונק ברוינפען ווערט ער וואַרעם, לערנט ער חומש מיט וואַרעמקייט, דינט ער גאט מיט היטץ און דאס איז טהייערער פאר אלץ! אויף ביינער צו להכעיס זאל דאס יונגעל זאגען „לחיים" אלע מסבים און מאקי זיין א חסיד! חיעלע, אייך זאג איך, איהר זאלט דאס קינד, ניט לאזען אבלערנען זיך פון זיין נארישע שוועסטער.

— ר' נח, האט חיעלע געאנטפערט, האט קיין פאראיבעל ניט אויף איהר, זיא איז נאך א יונג ציגעלע, א נארישע בהמהלע, אין איהר לעבענס טאג צווישען חסידים ניט געוועזען און דעם רבין זאל לעבען ניט געזעהן, וואס ווייס זיא?

ר' שלמה האט אנגעגאסען נאך א גלאזעל און דערלאנגט מאטעלען, דאס קינד האט א ברכה געמאכט א זופ געטהון און האט זיך פארחליגעט.

— פארביים! פארביים! האבען דיא חסידים געשריען.

— כל התחלות קשות! האט שימעלע זיין רבי זיך אבגערופען, איך האב אויך אמאל ניט געקאנט, און היינט, ברוך השם, קאן איך אכציג גראדוען שפירט אויס־טרינקען זיך נאר ניט א קרים טהוענדיג.

ר' שלמה אלס כהן האט דעם ערשטען כוס אויסגעטרונקען, דערנאך האבען געטרונקען אלע חסידים, חיעלע האט זיך אנגעגאסען א גלאזעל זיסע משקה האט געזאגט: לחיים! און אויך אויסגעטרונקען.

— אט, מאמזעלנטע, זעהסטו וויא א פרומע יודישע טאכטער טהוט? לערן זיך פון דיין מאמען און ניט זיי א פערשייטע! דאס פאסט ניט פאר דיר! זיי וויסען, אז דיין מאמע וועט דיר ניט געבען א מאן ערגעץ א טייטש און געבען וועט זיא דיר, אם ירצה השם, א חתן מאנשי שלומנו, פון אונזערע לייט; פרעג איך: איז ניט גלייבער אז דוא זאלסט בעצייטענס וויסען וואס א חסיד איז?

— וואס א חסיד איז ווייס איך, האט זיא געאנטפערט, נור צו זענען אלע וואס טרינקען ברוינפען חסידים ווייס איך נאך ניט.

— געה שוין, געה! האט דיא מוטער זיך אנגעבאזערט, דעם ליעבען טאטענס ווארטער! וויא קומסטו גאר זיך אריינצומישען אין חסידים? געה צו דיין טאטען! געה צו דיין אויפגעקלארטען שוועסטערקינד, וואס טרינקט ניט ברוינפען און רעדט זיך איין, ארגער ווי א שכור, אז ער איז א שטערנזעהר! ער, זיא מיינט איך ווייס ניט, נור ער האט זיא האלב משוגע געמאכט! הארט אדרבה יודען, וואס אזא קאן זאגען. א וואלקען, זאגט ער, איז א פארא וואס געהט פון קאכענדיגען וואסער, א וואלקען האט ניט קיין מויל, זאגט ער, ער טראנקט זיך גאר ניט אן, א וואלקען איז ניט א געדיכטע שווערע זאך, און עס איז אליגען וואס אונזערע אבות אבותינו האבען געמיינט; אפילו דאס וואס נים להבדיל ערצאהלען אז מען געפינט גאנצע שטיקער וואלקען, זענען

זיי פּיאַניצעס און ליגנער, זאָגט ער, וואָרום וואָלקען איז פּאַרע, האָט ער זיך אין קאָפּ אַריינגענומען און פּאַרא פאַלט ניט אַראָב און מען קאָן עס מיט'ן האַנד ניט אָנגעהמען. און זי? דאָס נאַרישע מאָדעל זאָגט ניט אַז ער איז משוגע, משוגעים פּיאַניצעס, קומט ביי איהר אויס זענען נאָר יודען וואָס טרינקען אביסעל בראָנפען...—
ביי מיר, איהר מאָגט מיר גלויבען, האָט ער בעת מעשה אַ פּנים געהאַט, וויא אַ משוגע אָדער אַ שכּור, נאָר ער איז מיר דאָך פאָרט אַ ליעבער גאַסט געוועזען, אָט האָב איך געשוויגען און דאָס האַרץ האָט מיר וועה געטהון, וויא איז דאָס אַ מענש אַזוי פערבלאָנזעט?

— אַי מוז דאָס זיין אַ שוטה, אַ פּתי, רחמנא לצלן! האָט דער חסיד, אויסגעשריען. אַז איך וואָלט דערביי געוועזען, וואָלט איך איהם געזאָגט, אַז אַ פּאַרא איז ביי איהם אין קאָפּ. איך געדענק עס נאָך ווי היינט: איך אַליין האָב געזעהן אַ גרויסע שטיק וואָלקען. בעת איך בין נאָך געוועזען אַ קינד פון זיבען יאָהר, אַ גוי, האָט עס געפונגען, און האָט געבראַכט צום טאַטען עליו השלום אין שענק אַריין, דער טאַטע ז"ל האָט עס אָבגעקויפט פאַר אַ האַלב קוואַרט שפּירט, געוועגען האָט עס פונקט דריי פונט, דאָס האָט אַגעלע פאַרב, גליציג אַזוי וויא פוטשא, נור אַז עס טראַנקט זיך אָן מיט וואַסער ווערט עס אַמאָל גרוי, אַמאָל שוואַרץ, עס האָט געקאָנט אויסטרינקען אפשר פופציג עמער וואַסער, איך דערמאָן מיך וויא איינמאָל בעת דער פענסטער איז אָפען געוועזען האָט עס זיך אַ הייב געטהון און אַרויפגעפלויגען צום הימעל און איז נעלם געוואָרן עד היום הזה!

— און איך וואָלט אַזאַ תינוק בן יומו זאָגען, האָט זיך נאָך אַ חסיד אָבגערופען מיט אַ גמרא נגון: זאָג מיר דוא שוטה, וויא אַזוי זאָגסטו, אַז אַ וואָלקען איז פּאַרא און ניט אַ בריה בפני עצמה וואָס האָט אַ מויל און טראַנקט זיך אָן? סטייטש, עס טרעפט דאָך אַמאָל: עס רעגענט מיט פיש, מיט הערינג? און דאָס איז נור אַ יתכן וויא לאַנג מיר וועלן זאָגען אַז דער וואָלקען האָט אַ מויל און זופּט אַריין דאָס וואַסער אין זיך, אָט אַז איהם פּאַפּאַדיעט זיך פיש בעת מעשה שלעפּט ער זיי אויך אַריין מיט דעם וואַסער און דער נאָך אַז ער שפּייט דאָס וואַסער צוריק אַרויס שפּייט ער אויך דיא פיש אַרויס; אָבער אַז איך זאָל זאָגען, אַז וואָלקען איז גלאַט פּאַרא, טא פון וואַנען רעגענט אַמאָל מיט פיש? זעהט מען דאָך טאַקי ווי דאָס האָט קיין שכל ניט! דער תירוץ איז פּשוט: אַ וואָלקען איז אַ וואָלקען, אַ רעגען איז אַ רעגען, און יענער איז אַ שוטה וואָס קלערט נאָר דאַריבער!.

— אָבער ערלויבט מיר אייך צו פרעגען, האָט רחל'ע געזאָגט, איהר אַליין האָט טאַקי געזעהן אַז עס רעגענט מיט פיש?

— וואָס אמת איז אמת, האָט דער חסיד געענטפערט, איך אַליין האָב עס ניט געזעהן, אָבער דאָס איז אַ דבר ידוע אַ בעוואוסטע זאַך, מיר אַלע האָבען עס ערצעהלענדיג געהערט.

— קאָן דאָך זיין, אַז יענע האָבען אַ ליגען ערצעהלט? האָט זיא אויך אין זעלבען טאָן אויסגערעדט. אַז איהר ווילט גלויבט עס, איך בין נאָך ניט מחויב עס צו גלויבען.

— העט, העט, העט! צו וואָס זיא האָט זיך דערערעדט! האָט דער ערסטער חסיד

געשריען, אַז פון וואַנען עס קומט צו אייער טאָכטער, צו לאַכען פון אונז חסידים וואס מיר טרינקען בראָנפען! האָרט איהר שוין האָטש חיה'לע, וואס זי זאָגט? זי איז גאר ניט מחויב צו גלויבען אַ וואה! צו ווייט האָט זי אַז דער פלימעניק אייערע געמויזט פארפיהרן! באַלד וועט אַזאַ נארריש מאַדל זאָגען זי גלויבט אין אונזער תורה הקדושה אויך ניט, און עס איז גאר קיין בורא ניטאָ. אַלץ איז אַ דרך הטבע. וואלקען איז אַ פּאַרא דיא וועלט איז אַ קדמון און האָט זיך אַליין בעשאַפען און דער סוף וועט זיין ... איך וויל שוין אַזוי ווייט ניט רעדען .... ר' שלמה, ביי אייך איז דאָס רעכט?

— מיין פלימעניק איז ניט משוגע, האָט ער געאַנטפערט, זיין קאָפּ טראָגט איהם אי אויף תורה, אי אויף חכמה, ער האָט אַ פייערינען קאָפּ, נור ער איז ניט קלוג, וואס ער האָט געשמועסט וועגען אַזעלכע ענינים מיט איהר: איהר קאָפּ טראָגט גאר ניט דאַרויף. ניט צו דעם איז זי בעשאַפען געוואָרן! דיר רחל'ע, זאָג איך, האָט ער זיך צו רחל'ען געווענדעט, דו זאָלסט דיר די פּוסטע חקירות פון דיין קאָפּ אַרויס-שלאָגען, האָרסטו? אַז קומען זיך צוזאַמען יודען חסידים, געהמען אַ ביסעל משקה אין מויל אויף אַ סעודת מצוה'לע, זאָל דאָס דיין דאגה ניט זיין; טרינק דו ניט, אַז דיר געפעלט ניט, אונז יודען זאָלסטו גאר קיין דעה ניט זאָגען, ווארום דו ווייסט נאָך גאר ניט וואס יודען זענען, פערשטעהסטו וואס מען רעדט צו דיר?.

רחל'ע האָט איהם אָנגעקוקט, מיט זעהר אַ טרויעריגען בליק. וויא זיא וואָלט דערמיט געוואָלט איהם פרעגן: „אויך איהר, מיין ליעבער פעטער?...“

אַ דאַנק אייך, שוואָגער, האָט זיך חיה'לע אַרויסגעכאַפּט האָכסט צופרידען. טויזענד דאַנקען אייך, לעבען זאָלט איהר, פאר אייערע קלוגע רייד! אַז דיא מאַמע רעדט דאָס צו איהר יעדען טאָג, וויל זיא דאָך גאר ניט הערן און בלייבט זיך ביי דאָס איהריגע, אַז זאָל זיא וויסען אַז איהר קלוגער פעטער איז אויך אַזוי משוגע, ווי איהר מאַמע; משוגע זאָלען ווערן אונזערע שונאים, רבונו של עולם!

— לחיים יודען! האָט ר' שלמה אַ זאָג געטהון צום דריטען מאָל, און האָט דעם כוס אויסגעטרונקען ביז'ן דעק.

— ווי קומסטו גאר צו וויסען וואס איז אַ יוד און וואס איז יודעשקייט? האָט ער ווייטער צו רחל'ען גערעדט, וואס איז טייטש אַ יוד אַ חסיד? שוטה, קינד, געה זיך דיר! דיין מאַמע אין דיינע יאָהרן האָט מעהר פערשטאַנען פאר דיר, דערפאר איז זיא טאַקי אַ אשה כשרה, אַ חסידה אַ אשה, זי ווייס. אַז איהר שוואָגער איז ניט אַ פּיאַניצע חלילה, אפילו ווען ער נעהמט אַ ביסעל משקה. ניט אַלע טאָג, בין איך שכור אַ יודישע זאַך, און דו, אַז דו קוקסט אויף אונז ווי אויף שכורים, האָב איך דיך פיינט, דו ווייסט ניט וואס יודישקייט איז און געה זיך דיר ווייטער!

רחל'ע איז פון טיש אַוועג געגאַנגען, און האָט איהר ברודערלס חברים'לעך אַביינגעפיהרט אין נאַסטינע, דאָרט האָט זי פאר זיי אַ טיש געגרייט, און דיזע זענען רוהיגער און אַנשטענדיגער ביים טיש געזעסען אַלס דאָרט די גרויסע, זיי זענען איהר אויך ליעבער געוועזן, זיא האָט נור בעדויערט, וואס פון דיזע שאַנע קינדער וועלן אויך אַמאָל אַזעלכע מענשען ווערן ווי יענע, וועלכע האָבען זי איצט אַזוי בעליידיגט.

און דאס איז אלץ איבער דעם, האט זיא זיך ערקלערט, וואס דער ליעבער פאטער איז ניטא! זעלבסט מיין פעטער איז היינט ניט אזוי גוט און ניט אזוי קלוג, אויך ניט אזוי געטריי מיר און זיין פלעמעניק, ווי ער איז דאמאלס געוועזן אין ליעבען פאטערס געגענווארט. א, פאטער ליעבער, ווען וועסטו שוין צוריק קומען? אהן דיר מאג יעדער דיין קינד זאגען זיין נארישען מוסר און מיך בעליידיגען גאר אומזיסט!..״ זי האט זיך דערמאנט וואס ער שרייבט אין זיין לעצטען בריוועלע: ער וואלט שוין לאנג אין דערהיים געוועזען, נור ער פיהלט זיך עפיס ניט ביים גאנצען געזונד און האט מורא אין א וועג זיך צו לאזען וואו ער דארף מעהר ווייא הונדערט ווערסט פער אקס פאהרן ביי איצטיגע קאלטע און פייכטע וועטערן. „גאט ווייס, וואס מאכט דארט דער ליעבער פאטער!?״ האט זיא אויסגעשריען פלוצלונג. בעשיטצע איהם גאט אין הימעל. דוא ביזט דאך איבעראל, זעלבסט אין דעם קליינעם שטאדטעל אין רוסלאנד, וואו יודען זענען דארט ווענינ. מיין ליעבער פאטער ווארט דארט איצט אויף דיין הילף, שיק דיין רפואה איהם און ברענג איהם צוריק צו זיינע קינדער וואס בענקען נאך איהם אזוי שטארק!

און דארט אין גרויסען צימער האט דער פעטער זיין בעם אויסגעלאזען צום שפירוט, נור דער שפירוט האט זיך ניט אויסגעלאזען: די טרייע שוואגערין האט אלץ פרישע דערלאנגט, אויף להכעים דעם נארישען מאדעל וואס זאגט אז וואלקען איר גאר א פארא, און וואס ווייס ניט וואס יודען און יודישקייט זענען, ביז מען איז רעכט שיכור און פריילעך געווארן. ר׳ שלמה האט, ווי אלע מאל, זיך פאנאנדער געוויינט און צוגעטולעט די קליינע קינדער צו זיך, געקושט, און געשריען: דער פעטער, איז ניט א פאניצע! א ליגען זאגט זיא, ווייא איך בין א יוד, א ליגען, איך בין ניט שכור! איך בין נור מלא שמחה, וואס דו, מיין קינד, קענסט לערנען און האסט חומש אנגעהויבען!

— און דו, פרינצעסן, האט ער געזאגט אריינקומענדיג זיך וויגענדיג צו רחלען אין איהר ביין צימערל, און דוא, זיי ניט קיין אויפגעקלערטע פרינצעסן, זיי א יודישע טאכטער, גיב א קוש דיין פעטער אין האנד פאר זיין מוסר!.

רחלע האט איהם אין האנד א קוש געטהון. — פעטער, האט זיא געזאגט, און איהרע שאנע אויגען זענען פאל געווארן מיט טהרערן, האט איהר געלעזען דעם פאטער׳ס לעצט בריוועלע? ער שרייבט: ער איז ניט געזונד!

— וועט ער געזונד זיין! האט ער געאנטווערט, גיב א ביסעל משקה וועל איך זאגען: „לחיים״, וועט ער געזונד זיין! זאל ער טרינקען לחיים, וועט ער געזונד זיין! טרינק דוא לחיים, וועט ער געזונד זיין!

אין דיא רייד איז ער ארויפגעפאלען אויף רחלע׳ס ביין בעט מיט דיא קויטהיגע שטיוועל ווייא ער שטעהט און געהט. רחלען האט דאס הארץ וועה געטהון צו זעהן ווייא איהר קלאר ווייסע בעט דעקע מיט די טהייערע קרושיווע ווערט איינגעשמוטצט, זיא האט געוואלט איהם דיא שטיוועל אראבציהען, ער האט אבער א שיכורן גרעבס געטהון און האט דיא אנדערע פוס מיט דיא קויטה אויפן בעטעל ארויפגעלעגט, און נאך געשטאמעלט די ווערטער: וועט — ער געזונד זיין!, געזונד — זיין — געזונד — און איז אזוי מיט א אפענעם מויל איינגעשלאפען.

אז זיא איז אין א שעה ארום אריינגעקומען זעהן צו האט זיך שוין דער פעטער אויסגעניכטערט, האט איהר דער אטהעם פערהאפט פון דעם שלעכטען ברוינפען גערוך, וואס דא איז געווארן; דיא קישענס, דיא דעקע אונ דאס קליין קאוויארל געבען איהר בעט. אלץ איז פעראונרייניגט געווארן פון דיא ליעבע פאלגען פון א איבער געטרונקענעם מאגען. צוויי טאג האט זיא אין איהר אימער ריין צימערל ניט געקאנט אריינקומען. מען האט געמוזט גענוג וואשען, רויכערן, איבערציהען איהרע קישענס. פערשפרייטען א אנדער קאוויאר. ביז דאס צימער האט בעקומען זיין פאריגעס געשטאלט, אבער ביי איהר אים הערצען איז דאס ביטערע געפיהל געבליבען וויא פריהער.

אין א וואך ארום נאך דיזער בעגעבענהייט, האט זיך געמאכט א פרישע שמחה: ר' פנחס'ל דעם רבי'נס גבאי האט דורכפאהרענדיג זיך אבגעשטעלט סטאנציע ביי חייעלען. חייעלע האט איצט א געלעגענהייט געהאט אויפצונעהמען דעם טהייערן גאסט מיט כבוד, וויא זיא פערשטעהט.

ר' פנחס'ל איז געוועזען א יוד פון קרוב צו פונפציג יאהר, א רויט געזיכט, א געדיכטער געלער בארד, וואס דיא זייטען האבען שוין אנגעהויבען ווייס צו ווערן. נידריג געוואקסען, ברייטע פלייצעס, מיט א פעטען קארק אונ בויך וועלכער איז מיט א ברייטען זיידענעם גארטעל אונטער געבונדען געוועזען; דורך זיינע קליינע אייגלעך האט ארויסגעקוקט ליסט אונ שווינדעל. נאך „איהם זאל לעבען", איז קיין גראסערער צדיק ניט געוועזען ווי ער. זיין יעדעס מאל קומען דא אין קלייניץ האט אנגעמאכט א רושם פונקט, ווי „ער זאל לעבען" וואלט געקומען בכבודו ובעצמו. חייעלע האט געוואוסט, וויפיעל עס ליגט אין זיין מאכט איהר גוטס צו טהון, בעת זיא וועט זיין ביים רבי'ן, וואו ער איז די צווייטע האנד זיינע, דאריבער איז זיא גליקליך געוועזען דערמיט וואס זיא איז אזא חשובה אין זיינע אויגען אונ ער איז פארפאהרן גלייך צו איהר, האטש איהר מאן איז איצט אין דערהיים ניטא.

דעם גאנצען טאג, האט מען געקוילעט עופות, געקאכט אונ געבאקט. צו מיטטאג האבען געגעסען א פאאר מנינים יודען, ר' פנחס'ל האט תורה געזאגט, וויין געטרונקען אונ חסידים האבען געזונגען. חייעלע איז צו ליעב דעם גאסט אויסגעפוטצט געוועזען מיט דיא שאנסטע קליידער אונ טהייערסטען צירונג, לייט האבען איהר גדולה, איהר נחת מקנא געוועזען אונ זיא אליין איז געוועזען איבער גליקליך.

רחל'ע האט דעם טאג געוויינט: זיא האט פון איהר פאטער שוין צעהן טאג קיין בריעף ערהאלטען. היינט איז מיטוואך, דער טאג וואס קומט אן דיא פאסט אין קלייניץ, דער פאטצטעליאן, האט געבראכט עטליכע בריף פון ארענדארעס בעשטעלונגען אויף ביר אונ הייוועז, אבער דער רעכטער בריף, וועלכען זיא האט אזוי אונגעדולדיג ערווארטעט, איז נאך היינט אויך ניטא. אונ דיא שמחה, דער טומול, דאס געזאנג אונ יום טוב וואס דא איז איצט אין שטוב, האבען זיא אזוי אויפגערעגט אז זיא האט זיך קיין ארט ניט געפונען.

„וואס פרעהען זיי זיך? האט זיא ביי זיך געפרעגט, איז ווירקליך משיח געקומען? ניין, משיח קאן אזא פנים ניט האבען אונ וועט יודען ניט אזוי אויסלעדיגען

זייערע קעשענעס וויא ער, ער, ר' פנחס'ל נעהמט און פרעגט גאר ניט: צו קאן מען געבען צו ניט; וויפיעל ארעמע, מיט טהרערן בעגעמצטע רובעלס האט ער היינט צוגענומען זעלבסט ביי אזעלכע וואס איז ביי זיי אין דער היים א ביסען ברויט ניט געבליבען! אך, וויא ביטער איז עס צו צוקוקען און ניט דארפען א ווארט אויסרעדען! און וואס איז דער מאמעס שמחה יעטצט אזוי גרויס? האט זיא ניט נעכטען געוויינט וואס איז פון איהר ליעבען מאן קיין בריף ניטא? גאט ווייס וואס דארט איז איהם געשעהן חלילה!..

פאר נאכט איז חיהל'ע א פרעהליכע צו רחל'ען אריינגעקומען. — קום מיין טאכטער, ר' פנחס'ל וויל דיך זעהן, האט זיא געזאגט, אז עס וועט בעשערט זיין, האט ער פאר דיר א חתן אלייט, א גביר'ס א זיידען קינד, א בן יחיד, און דיין מאמע וועט דיך נאך זעהען אין איינענע קארעטען פאהרענדיג!

רחל'ע האט איהר כמעט ניט געקאנט בעהאלטען, זיא האט נור דאס געזיכט פון דער מוטער אבגעקעהרט.

— דוא נארעש קינד! האט די מוטער ווידער אנגעהויבען, וואס שאמסטו דיך? ר' פנחס'ל איז ניט א מחותן, א שדכן נור וויל ער דיר זיין, פערשטעהסטו גאר וואס פאר א זכות דאס איז? דערמאן זיך נור ר' פנחס'ל!..

— מוטער, שוין ווידער מיטוואך און קיין בריף פון פאטער איז נאך אלץ ניטא.

— וואס זארגסטו מעהר פאר מיר? האט זיך חיהל'ע אבגערופען, מסתמא פאהרט ער שוין, אפשר דערפאר שרייבט ער ניט.

— לאז מיך, איך בין נאך קיינמאל אזוי אונרוהיג ניט געוועזן ווי היינטיגען טאג.

— איך וועל מיט ר' פנחס'לען א פדיון שיקען צום רבין זאל לעבען, ער זאל מתפלל זיין פאר דעם פאטער דיינעם. פאר מיין טהייערען מאן, זאל ער מיר אויסלעבען זיינע הונדערט און צוואנציג יאהר, האט חיהל'ע איהר קינד און זיך געטראסט. איך וועל פאר, דיר מיין טאכטער, אויך ניט זשאליעווען א פדיון, זאל דער רבי פאר דיר אויך בעטען, דיר זאל פון דיין הארצען דיא אונמוטהיגקייט דיינע ארויס און זאלסט נור פרעהליך זיין!

אין דעם זעלבען אבענד האט חיהל'ע ר' פנחס'לען ערצעהלט איהר דאגה וועגען דעם וואס איז פון איהר אלטען קיין בריף ניטא באלד צוויי וואכען; אויך איהר צער וואס איהר ליבע טאכטער איז אזוי אונמוטהיג, אז זיא האט פשוט ניט אויף צו וויינען פון דעם טאג אן, וואס איהר פאטער איז אוועג געפאהרן.

ר' פנחס'ל האט דיא פדיונות צוגענומען און חיהל'ען בערוהיגט: „עס וועט קיין באז, אם ירצה השם, ניט געשעהן!", אייער מאן וועט קומען א פרישער און א געזונדער. — נור אייער טאכטער'ל, חיהל'ע, האט ער שטיל געזאגט, זאלט איהר אין גיכען א חתן געבען: א מיידעל אז עס ווערט אונמוטהיג, איז א סימן אז עס איז שוין צייט, חיהל'ע!..

איהר קינד צו פערענטפערן האט זיא איהם ערקלערט, אז ניט דאס איז חלילה דיא אורזאכע פון איהר אונמוטה, שולדיג אין דעם איז איהר שוועסטערקינד משה'לע וואס האט איהר מוח צו מישט מיט זיינע חקירות. קיין נוטס זאל ער דארט ניט

ריסעו! האט די געשאלטען, פון סכות אן, ווייס איך ניט וואס איז מיט מיין קינד געווארן!

ר׳ פנחס׳ל האט צוגעברומט קלאפענדיג מיט זיינע פינגער אויפ׳ן טיש.

— חיעלע, האט ער אויסגערעדט, נאך דעם ער האט בעמערקט ער איז מיט איהר אליין, זייט וויסען, איהר האט מיט אייער קינד איצט זו גראסערע דאגה אלס מיט אייער מאן וועלכער וועט אי״ה אין גיכען קומען לשלום. אייער קינד איז א גרויסער חולה, א חולת נפש, איהר נשמה איז ביי איהר אנגערירט. דער פלעמעניק אייערער, ווי איך פערשטעה, פון אייערע אייגענע ווערטער, איז א גרויסער אפיקורוס, ער האט אייער טאכטער פערפירט, א יפת תואר א מאדעל איז זיא. עס איז גאר ביים וועג, אז זיא איז איהם געפאלען, זיא איז חיעלעס א פרום קינד, האט ער נור איהר הארץ געפאנגען גענומען, זיא פאנקט נור נאך איהם! מיט אזעלכע ווילדע חקירות, וועט שוין פון איהם קיין גוטס ניט זיין. חיעלע, אייערע זכות אבות שווייגען ניט, אייער צדקה האט מיין געוועזען איך זאל גאר ניט גערכטערהייט דא פערפאהרן צו אייך אונ געוואהר ווערן פון דער געשיכטע... איך זאג אייך צו: ער זאל לעבען וועט מתקן זיין מסתמא וויפיעל עס וועט זיך לאזען, נור איהר זאלט שוין א אפען אויג האבען אויף אייער קינד. א עברה זאג איך אייך, איהר קאנט פיעל נחת האבען פון איהר אז זיא זאל, אם ירצה השם, ר׳ העני׳ס שנור ווערן, זעהט זיא זאל דאווענען. דאווענען, דאווענען, חיעלע!

חיעלע, האט זיך מיט טרערן בעגאסען, ווי א טרייע מוטער וואס דערזעהט איהר קינד א טריט פון אומגליק.

— זעהט, חיעלע, אז זיא זאל דאווענען, האט ר׳ פנחס׳ל אנגעזאגט נאך אמאל בעת ער האט זיך געזעגענט.

— וואס אין מיינע כחות וועלן גאר זיין וועל איך מסתמא טהון, טהוט איהר אויך ר׳ פנחס׳ל, וואס איהר קאנט, פערגעסט ניט מיין ארעם קינד, האט חיעלע געבעטען.

האלבע נאכט איז ר׳ פנחס׳ל אוועקגעפאהרן, חיעלע איז אריינגעגאנגען צו איהר טאכטער, דארט האט זיא מיט הייסע טהרערן, רחלען ערצעהלט וואס ר׳ פנחס׳ל האט געזאגט, אונ האט משה׳לען מיט שווערע קללות געשאלטען.

— שעלט מיך בעסער, מוטער, וואס האסטו צו איהם? האט רחלע געבעטען, מיר זאל דיא באז בעגעגנען, וואס ער האט מיר געטהון, אך, נאך דאס האט מיר געפעהלט!

זיא האט ביי דעם ביטער געוויינט. דיא מוטער איז גערידערט געוועזן.

— דאווען, מיין קינד, רוף צו גאט, ער וועט דיר אנטפערן! האט דיא מוטער געטראסט, מארגען איז א בלויז דאנערשטאג, עס וועט ניט שאדען זאלסט אויך פאסטען מארגען אונ תהלים זאגען, ביז גאט ברוך הוא וועט זיך ערבארעמען אונ צוקעהרן צו דיר צוריק דאס ליכט פון זיין אנגעזיכט, די טומאה וועט אראפ אונ דוא וועסט געזונד ווערן, דער רבי זאל לעבען וועט שוין דאס זייניגע טהון פאר דיר. איך וויל נאך נחת פון דיר האבען, מיין ליעב קינד!

אויף מארגען, אז רחלע איז אויפגעשטאנען, האט דיא מוטער איהר אז געבראכט איהר קרבן מנחה׳: — דאווען מיין קינד! האט זיא טבוי געבעטען, דאווען אונ

פאסט היינט, דו וועסט זעהן ווי גיך דו וועסט מיט זיינער הילפע, געהאלפען ווערן!

ווען איין אונערקלערליכע אנגסט פיינינט דאס הערץ ביז מען געפינט קיין ארט ניט וואו פון אונרוהע זיך צו בעהאלטען דאן איז דער מענש ווי איינער וואס טרענקט זיך אונ חאפט זיך אן א שטרויה אדער זעלבסט אן א שארף פון א שווערד זיך צו רעטען. עס העלפט דאן קיין חכמה אונ אויפקלערונג. וואס פאר א מיטעל איינער זאגט, פרובט מען גאר אהן בערעכנונג אויף די ווירקליכע ווירקונג פון דעם. רחל'ס הערץ האט זיך געטרונקען ווי אין א ים פון זארג אונ אנגסט איבער דעם פאטער'ס געזונד. זיא האט אליין זיך ניט געקאנט ערקלערן: פאר וואס אייגענטליך איז זי איצט אזוי אונרוהיג? ניט דאס ערשטע מאל איז דער פאטער אוועגגעפאהרן, ניט דאס ערשטע מאל האט זיך פון איהם א בריף פערשפעטיגט אויף א וואך אדער אויף צוויי; אמת, זיא פלעגט דאן אויך באנגען אונ אונרוהיג זיין, אבער אזא ווערהטיג וויא איצט האט זיא נאך קיינמאל געפיהלט. פאר וואס? וואס איז געשעהן? אונ וויל זיא האט קיין אנטווארט ביי זיך ניט געפונען האבען דיזע פראגען זי נאך מעהר געפייניגט אונ זיא פלעגט דיא טאג אין טהרערן אונ די נאכט אין שרעקליכע חלומות פערברענגען; דאריבער האט זי אויך יעדעס מיטעל אנגעווענדעט וואס נור מען האט איהר געזאגט. זי האט די יאמערנדע שטימע, וואס שרייט איהר פון הערצען ארויס, געוואלט פערקלינגען מיט דאווגען, מיט תהלים זאגען, זיא האט זיך אליין געוואלט איינרעדען אז עס איז קיין באז ניט חלילה אונ זי האט איצט מיט איהר אונרוהיגען הערצען געטהון ווי מאנכע מוטער טהוט מיט איהר אונרוהיגען קינד: וואס שטארקער דאס קינד שרייט אונ וויינט פון ערגעץ א שמערץ וועלכע זיא מערקט ניט, דאס שטארקער קלינגט זי מיט איהר בונדט שליסלען פאר זיינע פערוויינטע אויגעלעך, אדער ווען זי איז געוואהנט מיט א לידעלע עס איינצונעהמען, שטייגערט איהרע שטימע אלץ העכער אונ העכער; דאס ליידענד קינד אבער ווערט מיט דעם ניט געהיילט. רחל'ס הערץ איז ניט רוהיגער געווארן חאטש זי האט היינט אזוי פרום אונ ערענסט געדאווענט ווי נאך קיינמאל אין איהר'ס לעבען, איהרע טהרערן האבען דעם הארטען שטיין, וועלכער איז — גאר אונבעוואוסט פון וואנען אין איהר הערצען געלעגען — ניט ווייכער אונ ניט גרינגער געמאכט; זעלבסט דאס פאסטען האט איהר נור אויף אזוי פיעל געהאלפען וויפיעל עס העלפט דאס רייסען זיך די האר פון קאפ בעת עס איז אונמאגליך העפטיגע צאהנשמערצען איבערצודולדען. זי האט היינט אביטערן שווערן טאג איבערגעלעבט.

די מוטער אבער, האטש זי האט רחמנות געהאט קוקענדיג אויף איהר קינד, האט געהאפט אונ זיך געטראסט ווי אויף א גליקליכע אפעראציאן וואס וועט איהר רחל'ען צוריק געזונד מאכען. „נישקשה, האט זי פייגען געזאגט, אז די אלטע האט געוואלט ניט דערלאזען רחל'ען פאסטען, נישקשה פייגע, רחמנות איז א אכזריות, איהר וועט זעהן מיט וואס פאר אפעטיט זי וועט דערפאר מארגען עסען, זי איז קראנק, אלע רפואות זענען ביטערע, דערפאר אבער היילען זיי, זאל איהר דער תענית צו רפואה זיין!

עס איז נאכט געווארן, די מוטער האט צוגעגרייט פאר איהר קינד זיך אבצופאסטען, רחל'ע האט מעריב געדאווענט נור איידער זיא האט נאך צייט געהאט

אנצובייסען האט מען א טעלעגראמע אריינגעטראגען. חיי'לע האט די טעלעגראמע אויפגעריסען און געגעבען רחל'ען לייענען, זיא האט אליין קיין רוסיש ניט געקענט. קוים אבער האט רחל'ע א קוק געטהון אויף די ווערטער זענען איהר די אויגען פינסטער געווארן, דאס לשון איז איהר אבגענומען געווארן, עס האבען זיך איהרע פיס אונטערגעבראכען און זי איז ווי א טוידטע צו דער ערד געפאלען. עס איז געווארן א געוואלד א סומאטאכע. קיינער האט ניט אין דער טעלעגראמע געזוכט די אורזאכע פון איהר חלשן אבער אין דעם תענית וואס האט זי אזוי אבגעשוואכט און מען האט די טעלעגראמע פערגעסן, מען האט זי אבגעמינטערט, און זי האט ווידער געחלשט. מען האט דעם דאקטאר געבראכט. איהר שאנע צארטע שטערן פאל וואונדען געמאכט פון דריקען איהרע שלאפען, איהרע פינגער צובלוטיגט פון שטאכען זי מיט שפילקעס אונטער די נאגעל, זי פלעגט אויף א מינוט אפענען איהרע אויגען, אנקוקען פערווישט וואס ארום איהר איז, רעדען האט זי ניט געקאנט: דאס הערץ וואר טוידט אינ פערקיהלט אין איהר פון דעם פיל וואס האט עס געטראפען און זיא האט איהרע אויגען צוריק צוגעמאכט [illegible] אזוי שטום און שטיל וויא זי האט זיי געאפענט....

ג.

אין גרויסען בית המדרש איז היינט צו ברכו כמעט א מנין מענשען ניט געוועזען, אלע זענען געקומען נאוונען ביי חיי'לען. די טהירען זענען אפען געשטאנען, די דילען אנגעטרעטען וויא אין א מקום קדוש, די טישען, שטוהלען און פענסטער פערלעגט מיט בגדים, פעלצען און פאלטעס, מיט „טלית און תפלין זעק" און זעקלעך פון אללערליי מינים מאטעריא, די גרויסע שפיגלען און קארטינעס אויף די ווענד פערהאנגען און ליכט א סך האבען טרויעריג געברענט אין גרויסע און קליינע פלאמען. מאנכע האבען דעם ארבעל פון ליינקער האנד אראפ געצויגען און מאנכע האבען דעם צוזאמענגעלעגטען טלית אריבערגעלעגט איבערן פלייצע און די פינגער האבען איבער געקליבען די דיקע כפול שמונה פאדעם פון די ציצית; נור דאווענען פון פארענט זאגען „א יודיש ווארט" האט קיינער קיין צייט ניט געהאט. אלע זענען פערנומען געוועזן דערצאהלענדיג און הערנדיג וואס דא האט געשעהען ביי נאכט געטראפען. איינער האט ערצאהלט: ער אליין האט אקערשט אבענד א געוואלד דא דערהערט, איז ער אריינגעלאפען און האט דערזעהן: וויא אלע זענען געשטאנען ארום רחל'ען מען האט זיא געמינטערט, געשטאכען אונטער די נאגעל פון די פינגער, ביז דער דאקטער איז געקומען און האט מיט קאפלעס און מיט נאסע טיכער, זיא קוים אבגעמינטערט, אז זי איז שוין צו זיך געקומען, האט זי א געשריי געטהון: וואס טויג מיר מיין לעבען, אז איך האב שוין מיין טייערען פאטער ניט מעהר! ערשט איצט האט מען זיך געחאפט צו דער טעלעגראמע, אט האט מען זיך ערשט דערוואוסט אז ר' לייזער איז געשטארבען. רחל'ען האט מען אבגעבאטעוועט האט חיי'לע אנגעהויבען חלשן אפילו פייגע האט אויך געחלשט. עס איז א שאנער עוסק געוועזן, דער דאקטאר האט דא געמוזט זיצען ביז טאג. א רחמנות איז געוועזן אויף דעם אלטען ר' שלמה'ן: ער

האט געוויינט ווי א קליין קינד; אז ער האט שוין קיין כח געהאט צו וויינען האט ער געברומט און געריסען די האר פון קאפ. ווער עס איז נור פון גאס אריינגעקומען האט מיטגעוויינט. „און עס איז דא וואס צו וויינען, אזא בעל הבית, אזא בעל טובה און בעל עצה וועלן מיר שוין אין קליניץ אזוי גיך ניט האבען!" האט דער ערצאהלער אויסגעלאזען.

„דעם מענשענס פיס זאגען זיינע ערבים!" האט דער קליניצער רב—וועלכער איז דא אויך געוועזען—פרום א זאג געטהון. וואהין מען ווייזט זיי אן אהין פיהרען זיי דעם מענשען. אונזער טהייערן ר' לייזערן עליו השלום, איז ניט בעשערט געוועזען, צו קבר ישראל צוקומען נעבען זיינע עלטערן, אט האבען איהם זיינע עסקים אוועק געפיהרט ווייט, וואו ער איז נעביך געשטארבען צווישען פרעמדע לייט. נאך א זכות, וואס דארט איז דא א יודישע קהלה, מסתמא איז דארט דער רב פונ'ם שטאדטעל ביי יציאת נשמה געוועזען, און האט דיא דעפעשע געקלאפט, די קינדער זאלען קדיש זאגען. געווים האט ר' לייזער א צואה געלאזען און אבגעזאגט א אייגענס אויף צדקה; דא וואלט מען איהם מספיד געוועזען. עס האט זיך אנגעהויבען א געשפראך, וועגען זיינע יאהרן, איינע האבען געזאגט: „פינף און דרייסיג", אנדערע האבען געצאהלט די יאהרן פון זיין עלטעסט קינד רחל'ען, אויך דערמאנט דיא יאהרן פון די דירות וואו זיי האבען געוואהנט, בעת ר' לייזער איז בר מצוה געווארן און האבען בערעכענט, אז עלטער ווי אכט, ניין און דרייסיג יאהר איז ער געווים ניט געוועזען; נור דאס האבען אלע מסכים געוועזען, אז חייעלע איז נאך א יונגע יודענע, און זיא וועט נאך חופה האבען, א רחמנות איז נור אויף די יתומים! ניט איינ'ס איז מען געוועזען נור אין דעם: מאנכע האבען געזאגט: „דער רחמנות איז גראסער אויף דיא קליינע קינדער, וואס זיי וועלן נאך מוזען אנקומען צו א שטיף פאטער, אבער מיט רחל'ען איז קיין דאגה ניט, ווייל עס מאגען זיך נאך אלע ווינשען אייגענס האבען, וואס איז פאר איהר נדן געבליבען, אזא דאגה זאל זיין מיט אלע יודישע טאכטער!" און מאנכע האבען ערקלערט, אז אויף רחל'ען איז מעהר רחמנות, ווייל זיא האט געוואוסט וואס פאר א טרייען פאטער זיא האט געהאט און ווייס איצט ווי גרויס דאס אונגליק איז אז זיא האט איהם אזוי אונגעריכט פערלארן; אמת, זיא וועט מאקי בעקומען א חתן, אבער ער וועט שוין זיין ניט אזא וואס ער וואלט געוועזען ווען איהר פאטער וואלט געלעבט! דערפאר האט זיא געבעטען אזו שטארק געחלשט און מען האט זיא גאר ניט געקאנט דערמינטערן. איין זאך האבען אלע מודה געוועזען, אז קליניצער חברות האבען א גרויסען היזק געהאט וואס ער איז געשטארבען, חברה קדישא האט בודאי פערלארן וואס ער איז ניט דא געשטארבען.

אזוי האט זיך דא דער עולם פערעדט און מען האט גאר ווי פערגעסען אז מען האט זיך דא צוזאמענגעקליבען דאווענען און היינט איז פרייטאג און נאך אפשר טאקי דער „קורצער פרייטאג".

נור ווער עס האט דורך דער האלב פארהאנגענער טהיר אין נאסטינע אריינ־געקוקט און דארט דערזעהן, וויא חייעלע זיצט אויף דער ערד, פערבראכען דיא הענד, ווינט אום מיט דעם קאפ הין און צוריק, נעבען איהר די שאנע רחל'ע, וועלכע

איז איצט בלאס וויא דער טויט. דיא שטערן פערבונדען, ביידע האנר צוזאמען געשלאגען אויף איהר ברוסט, איהרע אימער ליכטיגע אנציהענדע אויגען פאל מיט טרערן, אונ זיא זיטצט שטיל אונ קוקט נור אויף דאס קליין שוועסטערל וואס ליגט אויף דער ערד אויסגעצויגען דאס קאפעלע איינגעגראבען אין איהר שויס; ווער עס האט דעם אלטען ווייסהאריגען שלמה'ן געזעהן, וויא ער זיטצט אויף דער ערד אין א ווינקעל אליין אונ טרערן פאלען איהם אין גרויסע טראפען איבער זיינע ברילען אויף דעם שולחן ערוך ארויף וואו ער לערנט איצט הלכות אבלות, אונ דארט דיא שטאריגאווע ליכט אויף דעם מבאמארגעם ווינקעל טישעל וואס ברענט איצט פאר די ריינע הייליגע נשמה; ווער עס האט דאס אלעם געזעהן דער האט ווייגען ניט געקאנט דער איז נור פערשטיינערט געווארן, ניט גערעדט, אונ ניט געוואוסט וואס צו רעדען. — ווייבער האבען זיך אנגעהויבען קלויבען מאנכע מיט קרבן מנחה'ס אונטער דיא ארעמ'ס אונ מאנכע א ביסעל איינגעשמירט אין מעהל אונ אין טייג, ווי ערשט פון אויווען וואו זיי האבען זייערע שבת חלה אריינגעזעטצט, אדער ארויס גענומען. אלע זענען געקומען ניט געבעטען, איינע גלאט צו הערן דא „וויא אונ וואס״. אנדערע צו ליעב א מצוה אונ יושר הייעל'ען איהר כבוד אבגעבען אין אזא פאל אויך. קיין „גוט מארגען״ קיין „גוט יאהר״ נור שטיל זענען זיי אלע געשטאנען ווי די גאנצע ניין מאאס רייד וואלט זיי מיט אמאל אבגענומען געווארן. טרערן האבען אלע אין די אויגען געהאט. ניט ווייט פון חייעל'ען איז געזעסען א אלטערע אנשטאנדיגע פרוי, יוכבד'ל די קלוגע. — אזוי האט מען זיא דא אין קליינין גערופען — איין פינגער האט זי געהאלטען, ביי דער אונטערשטער ליפ אונ האט לאנגזאם אונ שטיל בעוועגט איהר קאפ אהין אונ אהער. ר' שלמה האט צו געמאכט דעם ספר וואס ער האט ביז איצט אין האנד געהאלטען.

— רחל'ע, מיין הארציג קינד, האט ער אויסגערעדט מיט א פערשטיקטער שטימע פון א שווערן ווייטיג וואס האט זיין הערץ געפרעסט. שטעה אויף, מיין טאכטער, געה, וועק די יונגלעך אויף. טהו זיי אן, גיס זיי אב נאגעל וואסער, אונ פיהר זיי אריין צום מנין; זאל דאס דיין מצוה זיין, מיין עלענד קינד, דיא קינדער צום ערשטען קדיש נאך זייער טאטען צו צוגרייטען! מען האט געמוזט דאס קליין שוועסטערל צונעהמען פון איהר שויס: דאס קליין קינד, האט נאך גאר ניט געוואוסט, וואס דא טהוט זיך: זי האט נור געזעהן געכטען, וויא מען פייניגט איהר ליבע שוועסטער, ווי מען דריקט איהרע שלעפען, ווי מען שטעכט זי מיט נאדלען, ניט וויסענדיג פאר וואס מען טהוט רחל'ען אזעלכע ענוים, האט עס געווייגט אונ פערצווייפעלט געשריען, אז רחל'ע איז צו זיך געקומען האט זיך דאס קינד אין איהר איינגעקלאמערט מיט ביידע הענדטלעך אונ זיא ניט אבגעלאזען, עס האט זיא בעשיטצען געוואלט מען זאל זיא נאך אמאל אזוי ניט פייניגען; אז מען האט רחל'ען אויף איהר בעט אוועגעלעגט, האט מען אויך דאס קינד געמוזט מיט איהר לעגען, ווי נור רחל'ע איז אויפגעשטאנען, זיך געבען איהר מוטער אויף דער ערד אוועג געזעצט, האט דאס קינד זיך אויפגעהאפט אונ געוויינט, מען האט עס געמוזט אנטהון אונ אוועקזעטצען נעבען רחל'ען אויף דער ערד. זיטצענדיג אזוי איז עס איינגעשלאפען געווארן, דאס קאפעל אין רחל'עס שויס

איינטוליענדיג. — די יונגלעך זענען פון חדר געקומען, שוין נאך דעם חלשן, זעהענדיג אז אלע וויינען האבען זיי אויך געוויינט און זענען אזוי איינגעשלאפען אויף דעם ארט וואו זיי האבען געוויינט; די אלטע פיינע האט זיי שפעטער אין זייער צימער'ל אריינגעטראגען, אויסגעטהון, און אין זייערע בעטלעך אוועג געלעגט.

רחל'ע האט קוים געקאנט אויף איהרע פיס איינשטעהן. מען האט זיא צו דיא קינדער אין צימער אונטער דיא האנד אריינגעפיהרט. די קינדער האבען נאך רוהיג געשלאפען. זי האט איהרע ליפען צוגעלעגט צום עלטערן ברודער'ס קאפעלע. א קוואל טהרערן האט זיך פון דאס ניי געעפענט.

„שטעה אויף, מיין ברודער'ל! האט זי שטיל פון טיף בעקלעמטען הערצען ארויסגערעדט. שטעה אויף, ניי יתומ'ל, קדיש זאגען, מאמעלע, שטעה אויף!!... געשטארבען, ברודערל, איז דער ליעבער, מ'רייער פאטער אונזערער! ווייסטו, עלענד קינד, וואס געשטארבען איז?... ניט זעהן וועלן איהם מעהר אונזערע אויגען, מאמעלע, ניט הארן מעהר זיינע זיסע קלוגע רייד, שוין קיינמאל, קיינמאל, ברודערל!... צוברא־בען איז אונזער שיפעלע... שטעה אויף, מאמעלע, שווימען מוזטו ווי א פישעלע אין דעם גרויסען טיפען ים וואס אונזער גרויס אונגליק האט אונז אזוי פלוצלונג אריינגעווארפען אין איהם! ניטא מעהר דאס שיפעלע וואס האט אונז אין שטורעם און ווינד אויף דעם אונזיכערן וואסער ביז איצט אזוי זיכער געטראגען! ניטא מעהר דיין טאטע, ברודערל, א יתום ביזטו, א, עלענד קינד!...״

„שטעה דוא אויך אויף, קליין פויגעלע! האט זיא זיך צום קלענערן ברודער'ל געווענדעט, א שטורעם ווינד א שרעקליכער האט דעם בוים אויסגעריסען וואס האט דיין בעטעלע, דיין נעסט, מיין עופ'עלע, פון קאלט און היטץ פערשטעלט!... נאך שוואך זענען דיינע פיסעלעך, ארעם ברודערל, נאך ניט אויסגעוואקסען זענען דיינע פליגעלעך און אויפשטעהן מוזטו, פליהען אין דער ברייטער וועלט א ניי נעסט זיך געפינען! גיכער, גיכער, ברודערל, נאך אידער עס רעגענט, נאך אידער עס קומט דער ווינטער מיט זיינע שניי און קאלט איבער דיין קאפעלע!... א, פויגעלע, וואו וועסטו אזא בוים געפינען וועלכער זאל דיך אזוי שיטצען ווי דיין טרייער פאטער וועלכען דו האסט שוין ניט מעהר!?... נאט, וואס האסטו אונזער פאטער צוגענומען? פאטער, וואס וועט פון דיינע קינדער ווערן!?....״

זיא האט שוין מעהר קיין כח געהאט צו רעדען, נור טהרערן האבען זיך שטיל געגאסען. זי האט די ביידע יונגלעך אנגעטהון, און זיי פאר דיא האנדטלעך גלייך צום פעטער צוגעפיהרט.

— נאט אייך, גוטער פעטער, דיא פרישינקע יתומ'לעך! האט זיא ארויס גע־רעדט מיט אזא ריהרענדען טאן אז אלע וויפיעל עס זענען דא געוועזן האבען אין דער הויך אנגעהויבען צו וויינען, עס האט געוויינט דער פעטער. אויך יוכבד'ל די קלוגע האט איהרע טהרערן ניט מעהר געקאנט איינהאלטען און זיי האבען זיך גע־קוילעט איבער איהר פינגער וועלכער האט נאך אלץ איהר אונטערשטע ליפ צוגעדריקט.

— געהמט זיי, ליעבער פעטער, האט רחל'ע ווייטער געזאגט, לערנט זיי ביז

זאגען נאך אונזער ליעבען פאטער. א, פעטער געטרייער, ווייזט איהר איצט דיא קליינע יתומים'לעך זיינע, וואו גאט איז: לערנט זיי פאר זייער טאטענס נשמה בעטען, בעטען פאר זיך אויך!.. בעט גאט קינדערלעך, ער, דער פאטער פון אלע יתומים זאל שוין פון איצט אויך אונזער איינציגער פאטער זיין!...

ר' שלמה האט געהליפעט פון געוויין, חייעלע האט שוין קיין כח געהאט צו וויינען, נור ווי זיא האט איהרע קליינע יתומים דערזעהן אונ רחל'עס רייד דערהערט האט זי צוברומען אנגעהויבען ניט מיט איהר קול; יוכבד'ל האט זיא ארומגענומען אונ זיך געמיהט זיא איינצושטילען. פון צווייטען צימער זענען אריינגעקומען עלטערע בעלי בתים.

ר' שלמה האט זיינע הענט ארויפגעלעגט אויף רחל'עס קאפ.

אזוי מיין טאכטער, האט ער אויסגערעדט, אזוי איז שוין! מיר האבען איהם פערלארן, אויף אייביג פערלארן! חבל על דאבדין ולא משתכחין: וועה געשריען אויף דיא וואס פערלירן זייער טהייערן שאטץ אונ וועלן אייביג, אייביג איהם ניט קאנען פערגעסן! אויף אונז. מיין קינד, איז וועה געשריען! ער איז שוין דארט. וואו עס איז אלעס גוט; נור מיר? מיר לעבעדיגע, מיר בלאנזען נאך דא ארום, אונז איז דאס ליכט אויסגעלאשען געווארן אין מיטען טאג. פינסטער איז אונז אין אונזערע אויגען געווארן! זעהסטו, מיין טאכטער, ווי נארריש דאס לעבען איז, ווי פוסט אונ אייטעל זענען אלע חקירות, אלע תאוות אין לעבען? א בריק אגלאזערנע זעהר א שוואכע איז דאס לעבען, אונטער דער בריק לויפט א גרויסער שטראם אונ א טיפער, פון איין זייט הייבט זיך דאס לעבען אן, פון דער אנדערער זייטע איז שוין דער סוף פון איהם. וואויל דעם מענשען, וואס תורה אונ מעשים טובים זענען איהם ווי פארענצעס, ער זאל זיך אן זיי קאנען אנלעהנען פון בריק אין וואסער ניט אריינצופאלען אונ זאל קאנען קומען בשלום אהין, וואו עס איז גוט, וואו עס הייבט זיך אן עולם הבא! וועה איז אבער צו דעם וואס טהוט אוים דעם יאך פון תורה אונ מצות אונ קוקט ניט פון וואנען ער קומט אונ וואהין ער געהט! אזא מענש איז גרינג ווי א פעדער: קיין פארענצעס פון תורה אונ מעשים טובים האט ער ניט, אט ווערט ער פון א קליין ווינדטל נור, פון בריק אין וואסער אריינגעשטויסען אונ פאלט אין דעם טיפען שטראם וואס פלייצט אונ פערטראגט איהם וויט, וויט ביז דער שאול תחתיה אראפ!...

דיין ליעבען פאטער, מיין טהייערן ברודער, האבען זיינע מעשים טובים בעגלייט וואו ער איז געגאנגען אונ וואו ער איז געשטאנען; ער איז פריה געשטארבען, ווייל ער האט פון אנהייב אן קיין פיעל יאהרן ניט געהאט צו לעבען, אונ אפשר האט גאט זיין נשמה צוגענומען פאר אונזערע זינד... וואס מיינסטו איז דען אונזער נשמה? דאס איז אליכטעל אנגעצונדען אין אונז פון גאטעס גרויסע ליכט! האלטען מיר דיא נשמה — דאס הייסט: דאס גאטליך אנגעצונדען ליכטעל — ריין אין אונז אונ לאזען ניט צו צו איהם א שלעכטע תאוה, א באזע מחשבה, אדער א פערדארבענע מדה, ברענט עס שטיל אונ רוהיג אין אונז אונ מיר לעבען אוים אונזערע יאהרן וויפיעל דער רבונו של עולם האט אונז בעשטימט; טהוען מיר אבער חלילה פערקעהרט, אונ מיר פער-עהמען זיך מיט תאוות, מיט ספקות אין דער אמונה, ווערן זיי ווינדטען אין אונז אונ

בלאזען דאס ליבט אין גאנצען אוים, אדער עס העבט אן שמעלצען װיא א חלבן ליכטל אונ פלאקערט אוים מיט אמאל אונ עס װערט א תל פון אונז... איין זאך, מיין קינד, דארפען מיר גלויבען אונ װיסען: גאט ברוך הוא האט זיין װעלט מיט חסד אונ מיט רחמים בעשאפען, מיט צדק אונ מיט משפט פיהרט ער זיא, אונ מיר, זיינע בעשאפעניש'ען, טאהרען גאר קיין קשיות ניט פרעגען: פאר װאס איז דאס אזוי אונ יענס אנדערש? פאר װאס לעבט דער אונ פאר װאס שטארבט יענער? ער װייס װאס ער טהוט, ער איז גערעכט אונ זיין משפט איז גערעכט! אונז בלייבט נור מיט אמונה אונ מיט בטחון מצדיק צו זיין דעם דין אונ א ברכה צו מאכען: ברוך דין אמת!"

ביי די רייד, האט דער שמש פון חברה קדישא צוגעטראגען א מעסער, ר' שלמה האט אנגענומען פאר דעם שפיטץ קלינג אונ האט אזוי איינגעשניטען דיא לאטץ פון זיין ראק אונ דער נאך א ריס געטהון מיט דעם גאנצען כח. ער האט אויך אזוי איינגעשניטען א ברעג פון רחל'ס קאפטע, װעלכע זי האט דאן אויף זיך געהאט אונ זיא האט אויך קריעה געריסען, אבער איהר הערץ אינערליך װאר שוין פיעל פריער אונ פיעל מעהר אין איהר צוריסען... אויך חייעל'ע האט די טרויעריגע צערעמאניע געטהון, אונ טהרערן האבען זיך גענוג געגאסען פון די אלע װאס האבען דיא הערצערבייסענדע סצענע צוגעזעהן.

רחל'ע האט שוין זיך ניט געקאנט מעהר האלטען אויף איהרע פיס אין די דינגע זאקעלעך. זיא האט זיך געבען דער מוטער אראפ געלאזען אונ דא איז זי שטיל אונ פערקלעמט געזעסען, ביז זי האט דערהערט װי איהרע ברידערלעך זאגען דעם ערשטען "יתגדל ויתקדש". א ניי העפטיג געװיין האט זיך אנגעהויבען אונ אז זי האט געװאלט אנטפערן: "אמן, יהא שמיה רבא!" האבען זיך, פון אינערליכע בעקלעמונג, איהרע ליפען אן א נייט פערצויגען, דאס גאנצע געזיכט האט קאנװולסיװע געציטערט; יוכבד'ל האט דאס דערזעהן אונ איז צוגעלאפען צו איהר, זיא אנגעהויבען קושען אונ גלעטען ביז דער קראמפף האט זי אבגעלאזען.

— גרויס, זעהר גרויס איז דיין אונגליק, מיין ליעבע טאכטער! האט דיא קלוגע פרוי אנגעהויבען, ניטא קיין װערטער, ניטא קיין רייד דיך צו טרעסטען, אין דער מינוט בעת דיין הארץ איז נאך אין צװייען צעריסען פון דעם קויל װאס האט איהם ערשט געטראפען!... איין טרעסט נור האט דער זינדיגער מענש, איין טרעסט, מיין ליעב קינד, מעהר האבען מיר גאר ניט, גאר ניט, זאג איך דיר! נור דער שכל קאן אונז טרעסטען דער מיט װאס דער מענש װייס, אז דאס װאס עס איז נגזר געװארן מוז אויף איהם קומען אונ עס העלפט קיין װייגען, קיין שרייען אונ קיין קלאגען! האסטו דען װעז געקלערט אז דו לעבסט נאר װייל דו א װילסט לעבען? ניין, מיין קינד, דוא לעבסט נאר װייל גאט האט דיר דיין לעבעדיגע נשמה געליהען, דו מוזט לעבען נאר װייל ער װיל אזוי! זיינע איז דיא נשמה, נור מיט זיין חסד לייהט ער זיא אונז, קאנען מיר דען צו איהם טענות האבען אז ער געהמט צו פון אונז װאס זיינס איז?.. צו שטארבען זענען מיר געבוירן געװארן אונ װער אין דער װעלט, פון אדם הראשון ביז דיין טרייען פאטער האט געלעבט אונ איז ניט געשטארבען? געשטארבען זענען אונזערע היילינע אבות: אברהם יצחק ויעקב; גלויב מיר זיי האבען נאך אויך ניט געװאלט שטארבען; גע-

די טוהטע דבורה, האט זיא קוים פאנאנדער געריסען אונ האט אנגעהויבען ערקלארן ווי עס איז גאר א זינד א גרויסע אז מען וויינט צו פיעל. זיא האט דערביי א מעשה ערצאהלט: „א אונגליקליכע מוטער האט אמאל צופיעל געוויינט אונ געקלאגט נאך איהר קינד וואס איז ביי איהר געשטארבען, האבען ביי איהר אנגעהויבען באלד אויסשטארבען — ניט פאר קיין מוטער געדאכט — איהרע איבריגע קינדער; אז דאס לעצט קינד איהר׳ס איז געפעהרליך קראנק געווארן איז זי געפאהרן צום רבין זאל לעבען אונ האט איהם געבעטען ער זאל מתפלל זיין אויף איהר שטארבענד קינד וואס איז פון צעהן איינס געבליבען. דער רבי זאל לעבען האט א פראג געטהון: זאג מיר ווייבעל, אז דיינע ערשטע קינדער זענען געשטארבען האסטו עפים געוויינט נאך זיי? איך האב מיינע אויגען אויסגעוויינט נאך זיי! האט זיא געאנטפערט. „אט דערפאר שטארבען זיי, האט ער זאל לעבען געזאגט, דיינע טהרערן רינען גלייך צו דיינע קינדער אין קבר אריין, דארט מאכען זיי נאס זייערע תכריכים. אונ זיי קאנען מיט נאסע תכריכים פאר דעם כסא הכבוד ניט קומען; פאר זייער צער איבער דעם שטראפט דיך גאט, אז דוא זאלסט וויינען אונ גאר ניט אויפהערן! עס איז גלייך, ווי דו וואלסט גאט דעם גערעכטען אונגערעכט מאכען אונ וויינסט וואס ער האט דיר א עולה געטהון! ווילסטו דיין לעצט קינד זאל לעבען בלייבען? זאלסטו אויף זיך נעהמען, ניט מעהר א טהרער ארויס צו לאזען אויף יענע וואס זענען שוין געשטארבען“. דאס ווייבעל, ערצאהלט מען, האט זיך פארגענומען מעהר ניט צו וויינען אונ איז געקומען אהיים אונ האט איהר קינד געפונען פריש אונ געזונד אונ זוכה געווען עס מגדל צו זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים“.

דאריבער זאג איך דיר, מיין טהייערע שוועגערין, אויך דיר, מיין ליעבע רחלע, ניט וויינט מעהר! שלינגט די טהרערן אראפ, שטארקט אייער הארץ אונ האפט צו גאט, ער איז א דיין אלמנות אונ א פאטער אויף אלע יתומים! ניט איהר, מיינע טהייערע, זייט די ערשטע אונ ניט איהר די לעצטע, די וועלט בלייבט א וועלט אונ דער מענש אין איהר איז א טראפען אין ים, וואס איז ניט ניכר צו ער איז יוא דא צו ניטא!...

נאך א יודענע, האט ניט פיעל געטראכט אונ האט דערצאהלט א פריש אונגליק וואס האט ערשט ניט לאנג אין איהר שטאדטעל׳ געטראפען: א ארעמע יודענע נעביך, איז א אלמנה געבליבען מיט פינף פיצלעך קינדער אהן א ביסען ברויט, אונ טאמער איז נאך דאס ווייניג דארף זי, נעביך, ניט פאר קיין יודישער טאכטער געדאכט, האבען א שווערן געווינען באלד נאך דעם אונ געהמט אונ שטארבט גאר אוועק, לאזט איבער איהרע קינדערלעך. אויך דאס ערשט געבוירן קינד פאר׳ן ברית, ווי אויף׳ן מיטען ים! דארף מען פרעגען: צו וואס טהוט דאס אזוי גאט דער גערעכטער? אבער מסתמא ווייס ער דאך, זיין השגחה איז געווים דארין אויך, אונ מיר זינדיגע מענשען זינדיגען נאך? אונז האט ער שלעכטס געטהון? א, אז מענשען וואלטען קאנען אראפ קוקען וואס טהוט זיך אין א נידריגערע שטופע, וואלטען זיא לויבען אונ גאט דאנקען זעלבסט אין גראסטען אונגליק; ווארום מיט איין האנד שטראפט ער אונ מיט דער אנדערע טרעסט ער!... זייט ערליכע פרומע יודישע טאכטער, אייער אונגליק איז גראסער וויא

שטארבען איז אויך דער הייליגער נביא משה רבינו. אך, ווי האט ער זיך ביי גאט געבעטען ער זאל איהם נאך לאזען לעבען! איין יאהר נאך לעבען, איין טאג, איין שעה האטש אַ איבריגע! דאס הייליגע לאנד ארץ ישראל האט ער געוואלט זעהן, דאס טהייער לאנד וואס גאט האט זיין טהייער פאלק אַוועקגעשאנקען; עס האט אבער ניט געהאלפען אז די שעה פון זיין טויט איז געקומען. ער האט עס באלד איינגעזעהן אונ האט זיין הייליגע נשמה צו גאט אליין אין דיא האנט אָבגעגעבען. געשטארבען איז דיין פאטער, גאט האט אזוי געוואלט אונ האט זיין כשרה נשמה צוגענומען צו זיך אונ וואס קאן איהם איצט העלפען אונזער ווייגען אונזער קלאגען? שטארבען שטארבט מען איינמאל, אונ דאס איינמאל, איז שוין אלע מאל!... אונזער שעה וועט אויך קומען, צו מיר וועלן גרייט זיין צו ניט, אז מען רופט מוז מען געהן! נור ווינשען מאג זיך יעדער — מיט מעהר יאהרן — אזוי ערהרליך אונ פרום אויסצופיהרן זיין וועלט וויא דיין פאטער עליו השלום. נאך אונזער טויד'ט זאל מען אונז קיין ארגערע שבחים ניט נאכזאגען! אך, מיין קינד, וואס ווייסטו וויפיעל טהרערן פון אלמנות אונ יתומים גיסען זיך איצט, וועלכע וועלן איהם דארט אין הימעל ווי מליצים טובים פארקומען פאר זייגע מעשים טובים וואס ער האט געטהון אין זיין יונגען לעבען? גאט זאל דיזע טהרערן צוזאמענקלויבען, ער זאל זיי אין זיין לאגעל אריינטהון וויא אין הייליגען תהלים איז געזאגט געווארן: „דו זאלסט אריינטהון, רבונו של עולם, מייגע טהרערן אין דיין לאגעל, אין דיין בוך, וואו עברות אונ מצות ווערן פעו שריבען זאלסטו זיי צאהלען אונ פערשרייבען!” עס ווערט ניט אַ טראפען פערלארן, אלץ קלויבט זיך, אין יענעם לאגעל! אין איהם זענען אלע טהרערן, פון אונזערע קדושים וואס האבען זיך געלאזט ברענען אונ בראטען צו ליעב אונזער אמונה, אין איהם זענען אויך דיא טהרערן פון אונזער מוטער רחל, וואס איז אַ יונגער, געביך, פון דער וועלט אוועג אונ ניט זוכה געוועזען איהרע — מיט שווערע פיין אונ ליידען געבוירענע קינדער — אויסצוהאדיווען אונ זייער חופה צו דערלעבען! א, הייליגע מוטער רחל, דוא ווייסט דעם צער פון טראגען אונ האבען קינדער, דוא ווייסט דיא פיין אונ שמערצען פון שטארבען יונג, אז מען לאזט קינדער ניט דערהאדיוועטע, אַ בעטערין אַ גוטע זיי פאר אלע יודישע טאכטער, ווי דוא ביזט אַ מוטער אַ געטרייע פאר אלע יודישע יתומים'לעך! זעה אויך דיא טהרערן פון דער יונגער יתומה רחל, וואס טראגט דיין הייליגען נאמען, וואס איז דיין קינד, אזוי שאן אונ פרום ווי דוא! האב רחמנות אונ בעט אונזער ליעבען גאט פאר איהר, נעהם צו איהרע פרומע טהרערן אונ טהו זיי אין דיין לאגעל אריין, זאל ער שוין פול ווערן אונ קיין טהרערן פון צער אונ טרויער זאלן שוין אין דעם הויז אונ אין קיין יודיש הויז מעהר ניט פערגאסען ווערן!...

יוכבד'ל האט אליין ניט געפיהלט ווי זיא האט זיך תינגעגעבען איהר מיטלייד: איהר הערץ וואס איז פאל געווארן מיט טרויער אונ עלענד אין דער גאנצער צייט וואס זי איז דא אַ שווייגענדע געזעסן, האט זיך איצט מיט איהרע טהרערן אויסגעגאסען אונ זי האט בהל'ע צוגעדריקט צום הארצען אונ מיט איהר צוזאמען זיך גוט אויסגעוויינט.

דער צווייטער קאן עס נאר בעגרייפען און פערשטעהן, אבער דערמאנט דאס האט אייך ניט א מענש געטהון, וועלכער קאן ניט פערריכטען וואס ער מאכט קיילע, נור גאט דער לעבעדיגער האט עס געטהון, וואס זיין חסד איז שטאנדיג גרעסער אלס זיין שטראף. ער וועט אייך נאך טרעסטען, איהר וועט אייך נאך פרעהען מיט זיינער הילף, דער זכות פון אייער מאנס צדקה, וועט אייך ביישטעהן גאטעס טרעסט זאל צו אייך וואס גיכער קומען!

עס איז אויך צו רעד געקומען, פון פרומע נשים, וואס האבען גאטעס שטראף מקבל באהבה געוועזן, און די מוהמע דבורה האט דערצעהלט, פון צביה'לע די צדקת וואס איז מיט א יאהר צוואנציג צוריק געשטארבען, א גוטע בעטערין זאל זיא זיין. צביה'לען האט נעביך גאט געשטראפט און האט ביי איהר צוגענומען איהרע ערוואקסענע קינדער איינס נאך דאס אנדערע, צביה'לע האט ניט געוויינט, ניט געקלאגט און האט זיך מתעסק געוועזן מיט זייער טהרה און קבורה אקוראט וויא א וואהרע מחותנת'טע וואס פיהרט א קינד צו דער חופה, חאטש קיין טרייערע מוטער פאר צביה'לען און קיין געראטהענערע קינדער פאר איהרע זענען נאר אין דער וועלט ניט געוועזן.

ביי דעם לעצטען קינד טוידט, האט דיא מוהמע ווייטער ערצעהלט, בין איך דערביי געוועזן, דאס איז געוועזן איהר מעזינקע, א מיידעל א כלה שוין פון אכצעהן יאהר, עס האט געזאלט זיין איהר חתונה אין א פאר וואכען ארום; איך בין דערביי געשטאנען ווי צביה'לע אליין האט אויך דאס קינד מטהר געוועזען. איך בין נאך דאמאלס א יונג ווייבעל געוועזן פון צוואנציג יאהר א פאר יאהר נאך מיין חתונה, מיר אלע וואס זענען דאמאלס דערביי געשטאנען זענען צו גאנגען פון געוויין, וויא דאס ליכטיג קינד ליגט אנגעטהון אין איהרע אייגענע חתונה קליידער און איהר ליכטיג פנים שיינט נאך א'הר טוידט, ווי די זון אין הימעל; נור צביה'לע האט איין טרער ניט געלאזט פאלען. זי האט איהר דאס נארטעלע פערבונדען, אליין געהאלפען זי אין ארון אריינהייבען, און האט געזאגט: „רבונו של עולם, גערעכטער פאטער, דוא האסט מיר א טהייערן פקדון געגעבען, איך האב איהם מיט פרייד און פערגניגען געהיט וויא מיין אויג פון מיין קאפ, דוא האסט מיר א בריליאנט געליהען ליכטיג צו מאכען מיינע פיער ווינקעלעך, איך האב קיין שטויב און קיין פלעק געלאזט פאלען אויף איהם, דוא נעהמסט איהם איצט צו פון מיר, איך גיב דיר איהם אב מיט דאנק, מיט מיין גאנצען הערצען! מעהר, נאטוניא, האב איך ניט אויסער מיין נשמה, וועלכע איז אויך דיינע; כוחות גיב מיר, פאטער שטארקער. דיזע נשמה אזוי ריין און אונ־בעפלעקט דיר צוריק צו געבען אז דוא וועסט זיא וועלן צו נעהמען פון מיר, וויא דיא היילינע נשמות פון מיינע קינדער וואס רוהען שוין אונטער דיין היילינען שאטען!" אויף דעם בית עולם האט זי מיט איהרע אייגענע האנד איהר לעצט קינד אין קבר אראפ געלאזט, אליין איהם נאפעלעך אין די האנד געגעבען, און איז צוריק אהיים געקומען, שבעה אבגעזעסען און קיינער האט א טהרער ניט געזעהן, א זיפץ ניט געהארט; נאך שבעה האט זי ווידער צדקות געקליבען פאר ארעמע, אלע עלענדע געטרעסט. אבער איהר אייגען אונגליק קיינמאל ניט דערמאנט. אזוי האט זיא איהרע יאהרן

אויסגעלעבט און איז געשטארבען ווי א צדקת, מיט ודוים און מיט איהר קלאר זינען. אליין האט זיא פאר זיך תכריכים אנגעגרייט. אליין האט זי פאר יציאת נשמת איינגעטהיילט ווער עס זאל זיך מתעסק זיין מיט איהר טהרה און קבורה, און האט נור געבעטען זי צו בעהאלטען צווישען איהרע קינדער, און אזוי רוהט זי אין איהר קבר אויף אונזער בית עולם צווישען איהרע קינדער. אויף איהר מצבה שטעהט אויפגעשריבען מיט גילדערנע אותיות: „אם הבנים שמחה!" אזא מוטער פון אזעלכע קינדער, מאג פרעהליך זיין אפילו אין קבר אויך; איהר זכות, הארציגער פאטער, זאל אונז ביישטעהן, ניט געפרובט צו ווערן צו אזעלכע ענויים; זי זאל דארט א גוטע בעטערין זיין פאר אונז אלעמען און פאר כלל ישראל! אמן!

פון אזעלכע געשיכטען איז רחלע אריינגעפאלען ווי אין א תהום, אין איהר מוח האבען זיך אנגעהויבען מישען אייגענע צרות און צרות פון לייטען; זיא האט יענע עלענדע יתומים'לעך געזעהן וואס זענען הונגעריגע, נאקעטע, אהן א פאטער און אהן א מוטער ווי אין מיטען ים געבליבען, זיא האט אויך יענם קינד געזעהן, וואס דער מוטערס טהרערן ריגען איהם אין זיין קבר אריין און דורכנעטצען זיינע תכריכים, נור מעהר פאר אלץ איז איהר צביה'לע פאר איהרע אויגען געשטאנען: איהר האט גע־דאכט, זיא הארט ווי זי זאגט: „ניט וויין מיין קינד! גאט איז גערעכט, א יודישע טאכטער, דארף גלויבען און גאטס שטראף פאר גוט אננעהמען!" און רחלע האט פון דער מינוט איהרע טהרערן געשלונגען און מעהר ניט געוויינט. דער עולם האט דער וייל אבגעדאווענט, דיא קינדער האבען דריי מאל קדיש געזאגט, מען האט דעם קאפיטעל מ"ט געזאגט און ר' שלמה האט זיך פון דאס ניי פאנאנדער געוויינט; זעלבסט ווען אלע האבען א כוסה געמאכט נאך דעם דאווענען, איז ער פון חדר ארויס און האט זיך צוריק אוועג געזעטצט שבעה אויף זיין ארט וואו ער איז פריהער געזעסן.

א שכן האט אריינגעטראגען בייגעל מיט אבגעקאכטע אייער, און דיא אבלים האבען, וויא דער מנהג איז, די ערשטע סעודה א פרעמדע געגעסן. רחלע האט ניט געקאנט עסען און האט קוים מיט געוואלד א פאר ביסען פון דעם טרויעריגען מאלצייט אראפ געשלונגען.

דער פעטער האט פאר זיי פארגעלייענט איוב: זיינע צרות און זיין בטחון אין גאט, רחלע האט עס גוט אויסגעהערט, נור צביה'לע די צדקת איז איהר נאך אלץ פאר איהרע אויגען געשטאנען. „אך", האט זיא צו זיך געזאגט, „צביה'לע האט נאך מעהר געדולד געהאט פאר איובן, ווער איז צביה'לע געוועזען? ווי וואלט איך וועלן אזא פרוי נאך זעהן אין היינטיגען דור, ווי וואלט זי מיך טראסטען איצט! דער פעטער זאגט: עס קאן זיין, איוב איז גאר ניט בעשאפען געווארן, נור אונזער קלוגער משה האט עס א משל געשריבען, ווי גרוים דעם מענשענס בטחון אין גאט דארף זיין, אבער צביה'לע האט געלעבט, מיין פאטער האט זיא נאך געקענט און וויפיעל שאנע און נוטע מדות איהרע האט ער מיר פון איהר ערצאהלט! אך, ער וועט מיר שוין אזעלכעס קיינמאל מעהר ערצאהלען!" די עראינערונג אז זי וועט איהם שוין ניט מעהר הארן, האט ארויסגערופען נייע טהרערן אין איהרע אויגען .. „א, איך קאן פון צביה'לען זיך ניט אבלערנען!" האט זי זיך געזאגט. און ווער ווייס אויב איהרע שמערצען, וואס

זי האט געליטען זענען געוועזן גרינגערע? זי האט נור דעם כח געהאט דיזע שמערצען ניט ארויס צו ווייזען אבער וואס זיא האט אין הערצען געטראגען האט זיא נור, און גאט אין הימעל געוואוסט. וויפיעל מיר וועט מעגליך זיין, וועל איך אונ גאט נור מיינע ליידען וויסען!"

אזוי האט זיא זיך פארגענומען און איז רוהיג געזעסען ביז פאר נאכט. דער ערשטער ביטערער שבעת טאג איז אריבער, פאר נאכט האט זיך דער פעטער אויפגעהויבען פון דער ערד און האט געהייסען אויפשטעהן, דאס פנים פון טהרערן אבוואשען און בענשען ליכט לכבוד שבת ווי אלע מאל. חייעלע האט ליכט געבענשט, אבער ווי רחלע איז צו געגאנגען צו איהרע דריי לייכטער, דערזעהן דעם פאטערס ארט וואס וועט שוין לעדיג בלייבען, איז איהר א נייער שטראם טהרערן אונטערגעלאפען, זיא האט די האנד אויף איהרע אויגען ארויף געלעגט, ניט זיא זאל די אנגעצונדענע ליכט פאר דער ברכה ניט זעהן, אבער דיא געבענשטע שבת ליכט זאלען איהרע טהרערן ניט דער זעהן. „איך קאן ניט, איך קאן ניט!" האט איהר הערץ געשריען. א, איך קאן קיין צביה'לע ניט זיין!......

ד.

דער וואס איז געבוירען און געצויגען שטאנדיג אונטער דעם הייסען ברענענדען הימעל פון אפריקא און האט נאך קיינמאל קיין פראסט ניט געפיהלט, קיין שניי און אייז ניט געזעהן, ווען א צופאל אדער א אונגליק וואלט איהם געבראכט פלוצלונג צו אונז אין אונזער קאלטען צפון, מיט אונז צו לעבען א קאלטען ווינטער אונטער צוואנציג אדער דרייסיג גראדאווע פראסט, ווי פערצווייפעלט וואלט ער זיך פיהלען, ווי שווער וואלט איהם זיין דיא קאלט און שניי צו דערטראגען! ער וואלט אויך ניט גלויבען קאנען אונזער נאהרע טרעסט, וואס מיר קאנען איהם אין אזא פאל טרעסטען דאס ניט אייביג איז ביי אונז קאלט, ניט אייביג ווינטער, און אז אין א פאר חדשים ארום וועט ביי אונז אויך נארעם ווערען, עס וועט זאגאר הייס זיין, כמעט אזוי הייס ווי ביי איהם דארט אין זיין הייסער אפריקא. „פאלשע טרעסט, פאלשע האפנונג!" וואלט ער זיך קלארען, וויא קאן זיך אט דער פערפרארענער דרויסען גאר אנווארעמען אמאל? וויא קאנען אט די בערג שניי מיט דעם דיקען פעסטען אייז גאר צוגעהן? וויא קאנען אנשטאדט דער ווייסער קאלטע אייז דעקע, די פעלדער דא זיך בעדעקען מיט גרינעם גראז, מיט פארביגע שאנע בלומען ווי דארט ביי מיר אין מיין לאנד?...

רחלע איז אין איהר פלוצלונגען אונגליק צו אזא אפריקאנער גלייך געוועזן, זי האט ביז דעם טאג פון איהר פאטערס טויט, כמעט נאך ניט געוואוסט וואס אונגליק הייסט: פאר איהר איז דאס לעבען נור א פערגניגען געוועזן און די וועלט א אייביגער זאמער מיט אייביג גרינע פעלדער וואו עס בליהען שאנע בלומען, איהר אויג און הערץ צו דערפרעהען; פלוצלונג האט א שטורעם ווינד אויסגעריסען זיא פון איהר שאנער ווארעמער הייס און האט זי אוועג געטראגען אין א נייע וועלט, וואו עס איז אזוי קאלט, אזוי מיט שניי בעדעקט, און זיא האט ני׳ געקאנט גלויבען אין דעם ארט

נאך אמאל אליעבען זומער צו זעהען ... אלע טרעסט האט איהר אויסגעוויזען אונמעגליך און איהר הערץ אין איהר האט ניט אויפגעהערט צו שרייען: דוא וועסט שוין דיין ליעבען פאטער ניט זעהן, ער איז געשטארבען און דוא קאנסט שוין ניט מעהר גליקליך זיין! און דאן האבען זיך געגאסען איהרע טהרערן און זיא האט צביהלע מחילה געבעטען, וואס זיא קאן אזוי שטארק און אזוי געדולדיג ניט זיין.

איהר פעטער און נאך מעהר איהר מוטער האבען אויף זייער אונגליק אויך געקלאגט, אבער זיי האבען שוין דעם ווינטער מיט די פראסט פונ'ם לעבען פערזוכט אמאל און האבען געוואוסט, דאס זעלבסט דאן ווען דער דרייסיג גראדאווער פראסט פערגעהט אונטער דיא נאגעל און דאס הערץ ווערט פערקלעמט פון וועהטיג און קאלט, ברויך מען פון דעסטוועגען ניט פערגעסען, אז נאך אין א חדש אדער אין צוויי, וועט צוריק ליכטיג און ווארעם ווערן און די זומערדיגע קליידער זענען ניט איבריג; ווינטער איז ווינטער און זומער וועט ווייטער זיין זומער. די וועלט פיהרט זיך שוין אזוי פון עביג אן. דער מענש מוז צו אלץ געוואהנט ווערן! דאריבער האבען זיי גאר אהן פילאזאפיא געקאנט זאגען: „גם זה יעבור" אויך דיזעס אונגליק וועט באלד פערגעסען ווערן!

נור האטש רחל'ע האט ניט געגלויבט אז איהר וואונד אין הערצען וועט זיך פערהיילען, האט זיך דיא נאטור געטהון דאס איהריגע: שטאנדיג וויינען, האט זיא אזוי פיעל טהרערן ניט געהאט, שטאנדיג ניט עסען, האט דער הונגער ניט דערלאזען. ביסלעכווייז האט זיא אויפגעהערט צו וויינען, ביסלעכווייז האט זיא אנגעהויבען עסען און ביסלעכווייז האט זיך, גאנץ אונבעמערקט, אויך איהר וואונד אנגעהויבען היילען. זיא האט זיך דערמאנט: זי איז דאס עלטעסטע קינד פון איהר פאטער געבליבען, דיא קליינע יתומים זענען אהן איהר אונבעהאלפען, אויף איהר ליגט דיא פליכט אנשטאט דעם פאטער זיי טריי צו זיין דיא קינדער זאלען קיינע פערלאזענע עלענדע יתומים ניט זיין, און זי האט פון איצט אן ניט געשלאפען און ניט גערוהט, די קינדער זאל גישט פעהלן, קיינער זאל זיי קיין שלעכטס טהון און אויך זיי קיינעם. זי האט אנגעהויבען זיי אנטהון און אויסטהון, זיי אבהיטען פון שעדליך עסען, פון שעדליכע בעקאנטשאפט. איהרע פרייע שטונדען פערברענגען מיט זיי אין קלוגע און געטרייע אונטערהאלטונגען, נאך זייערע יאהרן און זייער שכל נאך. דיזע נייע בעשעפטיגונג האט זי געטרעסט. איהר הערץ איז רוהיג געווארן, אויך איהר שאן געזיכט האט צוריק בליהען און שיינען אנגעהויבען ווי געוועזען. זי האט אויך משה'לען אנגעהויבען צו דערמאנען און דאס באנקען נאך איהם, איז איהר אנגענעהם געוועזען וויא די ערשטע ווארימע שטראהלען פון דער זונן אין פריהען פריהלינג בעת רונד און ארום בלאזען נאך קאלטע ווינטען; פון ווייטען ערגעץ האט איהר, א ווארימער שטראהל געטרעסט און האפנונג איינגעהויכט, אז עס וועט אויך באלד זומער ווערן: דאס זענען געוועזען משה'לעס בריוולעך. וואס דער פאצטעליאן פלעגט איהר אייגענהאנדיג אבגעבען, ווי זי האט נאך פון פריהער בעזארגט.

היי'עלע איז באלד נאך שבעה אריבער געפאהרי' צו איהם זאל לעבען, אז זי איז צוריק געקומען האט זי זיך אנגעהויבען צוגרייטען צו דער ווייטער נסיעה, אהן וואס

איהר ליעבער מאן איז געשטארבען, אונ וואו זיין געלד איז ווי אויף שבעה ימים צו־ שפרייט געבליבען.

ר׳ שלמה האט געמוזט מיט איהר פאהרן אין אויעזדנעם גאראד, דארט פערטיג מאכען אלע פאפירען אונ דאקומענטען וואס זי מוז מיט זיך מיטנעהמען. פון דארט איז ר׳ שלמה אהיים געקומען אליין, חייעלע איז גלייך אוועק אהין וואו איהר מאן איז געשטארבען.

אנפאנגס פלעגען די קינדער פון איהר בריוועלעך ערהאלטען אלע פאסט. אין וועלכע זי האט זיי מודיע געווען, אז אלץ געהט גוט, תבואות איז איצט אין צוייען טהייערער געווארן, אונ סוחרים קויפען אב די נאכגעלאזענע קאנטראקטען מיט ריוח אונ פלעגט רחל׳ען טראסטען אונ בעטען אכטונג געבען אויף דיא קינדער, איהרע ארעמע יתומים׳לעך, אונ זעהן די ביכער פון זאוואד זאל דער פעטער פיהרן מיט ארדנונג, אכטונג געבען עס זאל אלץ געהן כשורה. אזוי איז א חדש אריבער געגאנגען, אין די לעצטע בריף האט זי געשריבען: עס זענען נאך אלץ דא מניעות וואס זי קאן נאך אהיים ניט פאהרן אונ מוז דא נאך בלייבען א וואך אדער צוויי ביז גאט וועט זיך ערבארימען.

דיזע ידיעות האבען רחל׳ען אונ ר׳ שלמה׳ן בעאונרוהיגט: לייטישע צינגער האבען גערעדט, אז חייעלע וועט דארט בודאי מיט יעמאנדען חופה האבען אונ וועט מיט איהם ארויפקומען אהיים, זי טהוט עס מיט א כבון אזוי, ווייל דא וועט עס איהר שווערער זיין יוצא צו זיין פאר איהרע קינדער, פאר איהר שוואגער אונ פאר אלע וואס קענען זיא אבער אז עס וועט שוין זיין א זאך וואס איז אבגעטהון געווארן, וועט מען מוזען מסכים זיין.

דיזע גאנץ אהנע גרונד, בעליידיגענדע רייד איז צו ר׳ שלמה׳ן אונ צו רחל׳ען אויך אנגעקומען אונ דאס האט זיי ביידען עגמת נפש געמאכט אונ נאך מעהר, וואס זייביידע האבען מכח דעם ניט געקאנט רעדען. דערצו האט נאך ר׳ שלמה א גראסערע לייד געטראגען, וואס ער האט בסוד געהאלטען פון רחל׳ען: משה׳לעס זיידע האט אין א בריף אנגעפרעגט וואס קאן עס זיין, וואס משה׳לע פערברענגט דא אזוי לאנג ביי זייגע פעטערס? אונ וואס איז די סבה וואס ער שרייבט גאר ניט?

— „נאך אמאל וואס שרייבט ער?“ האט זיך ר׳ שלמה איבערגעפרעגט, איז דען משה׳לע ניט אהיים געפאהרן גלייך? וואס איז דא פאר א נייע אונגליק?“ ער האט באלד א בריף געשריבען, דאס עס איז שוין דער דריטער חדש זייט משה׳לע איז צוריק אהיים געפאהרן אונ האט געבעטען ווי גאט איז זיי ליעב תיכף צו מעלדען, וואס וויסען זיי פון איהם, צו איז ער ניט געפאהרן צו זיין מוטער, אדער צו איז ער חלילה ניט קראנק געווארן אין וועג? צו ר׳ לייזער׳ס טוידט, האט ער געשריבען, איז דאס נייע אונגליק, פון משה׳לעס פערפאלן ווערן, א צוגאב.

דיזע נייע אנגסט, האט דער געטריער פעטער פון רחל׳ען בעהאלטען, ער האט זי ניט געוואלט מצער זיין מיט נייע זארג אונ צער. רחל׳ע האט געוואוסט, אז משה׳לע איז שוין אין ברעסלוי, ער איז געזונד אונ לערנט אונ איז מיט זיין לערנען אונ לעהרער צופרידען. אין זיין ערשטען בריוועלע האט ער געבעטען פארבעריטען

דעם פעטער ר' שלמהן איהם זאל פלוצלונג ניט איבערראשען די ידיעה, וואס ער איז אוועק געפאהרן שטודירן; נור אין איהר טרויעריגען בריוועל אין וועלכען רחל'ע האט איהם די באזע בשורה אנגעזאגט דאס איהר ליבער פאטער אונ זיין טהייערער פעטער איז געשטארבען, האט זי איהם געבעטען: ער זאל איצט בעסער וועגען זיך צום פעטער נישט שרייבען, די פאמיליע איז ביז איצט אויך ניט געוואהנט געהערן פון איהם בריוועלעך צו ערהאלטען, וועט מען גאר ניט אונרוהיג זיין אז ער וועט דער־וייל ניט שרייבען, דאגעגען קאן די אונגעריכטע ידיעה פון זיין שטודירן דעם אלטען פעטער טרעפען ווי א קויל אין הערצען אונ אויף דעם טרויער וואס ער טראגט אין זיך אויף זיין ליעבען ברודער וואס איז ערשט געשטארבען, וועט דער נייער טרויער איבער זיין שטודירן — איהם ביז דער ערד צודריקען. משה'לע האט איהר טריע עצה געפאלגט אונ ניט געשריבען צו דער פאמיליע ביז א צייט.

אזוי האבען זיי ביידע: דער טרייער פעטער אונ טרייע פלעמעניצע, איינער פון אנדערן בעהאלטען, פערשטיקט אין זיך דאס וואס זיי וויסען פון משה'לען.

איינמאל זיטצענדיג ביי זיך אין דערהיים, איז דער פאצטאליאן אריינגעקומען אונ האט ר' שלמהן א בריף דערלאנגט. ר' שלמה האט אנגעטהון זיינע ברילען אונ האט אנגעהויבען לעזען, דאס איז געוועזען א בריף פון משה'לעם זיידען אין זעהר א הויכער לשון הקדש מליצה געשריבען, נור מאנכע ווערטער פון דעם בריף לאזען זיך איבער־זעטצען. אנגעהויבען האט ער זיך מיט דעם לשון:

„ניט א מענש פון א בשורה בין איך היינט, א פארכט האב איך געפארכט איז זי מיר געקומען, ווער וואלט עס מיר געזאגט? ווער וואלט גאר געגלויבט צו דיא באזע הארונג וואס איך האב פערנומען אונ עס האט געציטערט מיין בויך! דער זוהן וואס איך האב געהאדיוועט אונ האב איהם ערהאבען וועט פאלשען אין מיר? וועה צו די אויהערן וואס הערן אזוי! משה'לע, דער ארויסגעהער פון מיין דיך, דער געלוסטיגער פון מיין אויג, וועט ארויס געהן צו א שלעכטע אויפפיהרונג אונ וועט זיך אוועק געהן אין א ארט וואו מען קען איהם ניט אונ וועט דארט טהון אלץ וואס זיין הארץ געלוסט!

וועה געשריען! אבגעקעהרט האט ער פון גאטעס וועג אונ האט אוועק געלאזען א לעבען פון אייביג אונ איז זיך עוסק אין א לעבען פון א שעה, ער האט אוועג געלאזען אונ ארויסגעטריבען די ווירטהין, די הערשערן אונזער הייליגע תורה אונ טהוט זיך בעהעפטען אן דער דינסט, אן דיא פרעגעלערקעס אונ אין די קאכערקעס. דיא אויס־וועניגסטען חכמות וואס קומען ארויס פון דער אנדערער זייט אונ וואס ברענגען צו אויסגעלאסענהייט, צו אפיקורסות, רחמנא לצלן, אונ וואס וועט זיין זיין סוף? אין דער טיפענעס פון זומפיגען ליים וועט ער טהון ברוסען אויף זיין לעצט, ער וועט זוכען דאס ליכט צו געהן אין גאטעס אנגעזיכט, אבער ער וועט געהן אין דער פינסטער. ווי די טוידטע אין שטאק פינסטערניש! גאט האט א שטארקען בראך צעבראכען אין עוזה! ער האט אראפגענומען מיין קרוין אונ האט געלאזט רוהען צו דער ערד מיין כבוד. איך בין געווארן ווי א לאגעל אין רויך אונ מיין קאפ איז מיר ווי דער בארג כרמל! מיין טוידטער ליגט נאך פאר מיר ווער קאן מיר טרייסטען? עס איז גרויס ווי דער ים מיין בראך! אונ ווי זאל איך אפענען א מויל ארויס צורעדען? ווי זאל איך

פאנאנדער ציהען מיינע ליפען? עס האט מיך אנגענומען א ציטערניש אין מיינע לענדען און אלע קניעס טהון צו געהן ווי וואסער! דעם וויינשטאק וואס איך האב געפלאנצט גריזעט ארום דער חזיר פון וואלד, און דער זיז פון פעלד פיטערט פון איהם! — ווער וואלט געבען מיין קאפ וואסער און מיינע אויגען א קוואל טרעהרען וואלט איך בעוויינען די שרפה וואס גאט האט פערברענט! ווער וואלט געבען מיר א פליגעל פון א טויב וואלט איך פליהען און איך וואלט רוהען און אז צווישען שטערן וואלט ער טהון זיין נעסט וואלט איך פון דארט אויך איהם ברענגען און אומקעהרען צו פעסטיגקייט אומצוקעהרען דאס הארץ פון עלטערן צו קינדער און קינדערס הארץ צו עלטערן — אזוי ווייטער. מיט דעם זעלבען לשון גאנצע צוויי פאצטאווע בייגעלעך פאפיר פון אלע פיער זייטען. צום סוף איז אויך די חתימה געוועזען אין לשון הקודש: „אזוי רעדט דער וואס בוקט זיך צו דעם פוס באנקעל פון אייערע פיס, דער יונגסטער פון די טויזענדער פון מנשה, דער וואס שרייבט און חתמעט אין דעם טאג וואס איז געטאפעלט אין איהם „עס איז גוט" שרגא פייבוש סגל".

ר' שלמה האט דעם בריף איבערגעלעזען צוויי מאל און נאך אלץ ניט געוואוסט וואס ער וויל? וואס מיינט ער איהם אנצוזאגען און וואס פערלאנגט ער פון איהם? פון דעסטוועגען איז איהם די מליצה געפעלען און האט אלץ איבער גערעדט:

„ער קען שרייבען", „א מליץ נפלא", „אט, דאס הייסט לשון הקודש!"

— וואס שרייבט ער? האט די פרוי זיינע געפרעגט, איז שוין משה'לע געקומען אהיים? איז ער געזונד? וואו איז ער אזא לאנגע צייט געוועזען? ר' שלמה האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

— זעהסטו. איך האב געזאגט: ער איז אין איין גאנג אריבער געפאהרן צו דער מוטער זיינער און האט דארט פערבראכט ביי איהר עטליכע וואכען, האט זיא זיך קידער ארויסגעהאפט, וואס איז? ניט א נחת פאר א מאמען אז קומט אזא זוהן? עס איז נור א וועהטיג פאר איהר געביך, וואס זי דארף אזא קינד לאזען ביי לייטען און קאן איהם ביי זיך ניט האלטען צו ליעב איהר מאן; אוי איז דאס א וועהטיג, זאל קיין יודישע מוטער דערצו ניט געפרובט ווערן!

— וואס מוטער? ווען מוטער? האט ר' שלמה אין כעס אויסגעשריען, ניט דאס שרייבט ער גאר. ער דערמאנט גאר ניט וועגען זיין פאהרן צו דער מוטער זיינער.

— וואס זשע דען שרייבט ער אזא לאנגע מגילה אויף צוויי בויגען פאפיער?

— ער שרייבט ווי א יוד וואס קען שרייבען, וואס ווייס ווי צו שרייבען! האט ער געאנטפערט, הויכע, גאנץ הויכע לשון הקודש שרייבט ער, יעדעס ווארט איז א פערל, ער קען בעסער פאר די יונגע, אזוי האב איך שטאנדיג געזאגט: וואס מיר אלטע האבען פערגעסען קענען נאך די יונגע ניט, ער איז א מליץ נפלא?

— וואס פונדעסטוועגען דערצאהלט ער פארט פון איהם? וואו איז ער געוועזען? וואס מאכט ער? איז ער האטש געזונד?

— וועגען דעם דערמאנט ער גאר ניט! ער שרייבט, עפיס אז ער איז א שייגאץ א בעל תאוה געווארן, ער וויל ניט לערנען, אט וואס ער שרייבט!

— א פי, ער איז געזונד א דאנק גאט! האט די מוהמע צופרידען אויסגערעדט.

ווייסטו, האטש איך פלעג דיך טראסטען, מיר אבער פלעגט דער מוח הויבען, גאט ווייס וואס מיט איהם איז געשעהן? א ציטריג קינד איז שטאנדיג אין מעהר סכנה אז עס פאהרט אין אוועג. פלעג איך קלערן, טאקי דערפאר האט זיך אונזער פאטער יעקב אבינו אזוי געבעטען ביי זיינע זיהן זיי זאלען זיין ציטריגען בנימינ'ן ניט מיט נעהמען. משה'לע איז א שיינאין? מאג גאט בעגשען מיט אזעלכע שקצים אלע יודישע טאטע און מאמע! נישקשה, ער האט איהם מסתמא איינגערונזט; אפשר איז ער שוין מיד געווארן איהם האלטענדיג? וואלט איך עס נור פריהער געוואוסט וואלט איך איהם פון דאגען ניט אבגעלאזען. און אפשר איז ער גערעכט: פאר וואס איז ער באמת מעהר מחויב איהם צו האלטען ווי מיר? ווער וועט נאך „הונדערט צוואנציג יאהר" נאך אונז קדיש זאגען אז ניט ער?

— איך האב זיך דאך ביי איהם געבעטען, ער זאל דא בלייבען, דוא ווייסט דאך אליין, וואס זשע רעדסטו? האט ר' שלמה מיט א פאראיבעל געאנטפערט, וואס שיטסטו מיר נאך זאלץ אויף מיינע וואונדען? דאס הארץ איז אין מיר גענוג אויסגעריסען פון זיין זיידענס ברייוועל, עפיס קלאגט ער און ווייגט אין איהם און איך ווייס ניט וואס ער וויל. הלואי זאל ער איהם נור אבלאזען, ווי איך וואלט איהם צוגעהמען מיט ביידע האנדט!

— ווייסטו וואס מיין מאן? האט זיא א עצה געגעבען, נעהם שוין א טינט און פעדער און שרייב אב: חאטש משה'לע איז א שיינאין פון דעסטוועגען וועט ער ביי אונז טהייער זיין ווי דאס אויג פון קאפ און מיר וועלן איהם האלטען בעסער ווי א איינען קינד! זאל ער, למען השם, קומען אהער וואס גיכער! אט וואס ווערט פון קינדער אז א מוטער געהמט א צווייטען מאן, מען נארפט זיך אום מיט זיי! ניין, ביי אונז וועט ער ניט איבריג זיין, ווי א אבן טוב וועל איך איהם אבהיטען; גענוג איהם שוין דארט ליידען, מיין פויגעלע!

ר' שלמה איז שוין גרייט געוועזן אויפצושרייבען אזא ברייוועל, ווי זיין קלוגע פרוי הייסט, אבער אין דער מינוט האט ער בעמערקט דאס אויף דער ערד ליגט נאך א בייגעלע אנגעשריבען פאפיער, ער האט זיך תיכף געכאפט אז דאס האט געמוזט ארויספאלען פון דעם זעלבען בריף, ער האט עס אויפגעהויבען און האט אנגעהויבען לעזען: לכבוד האשה הצנועה מרת דבורה תחי'".

— דאס איז צו דיר, מסתמא פון דער באבען זייגער, האט ער ערקלארט און זיין פרוי דאס ברייוועל איבערגעבען: זיא האט אויך אנגעטהון איהרע ברילען און האט געלייענט: „ערשטענס מעלדע איך אייך, ליבע מחותנתטע, דאס איך מיט מיין אלטען זעגען ברוך השם געזונד, גאט זאל געבען דאס נאמליכע פון אייך צו הערן אמן! שנית בעט איך אייך, איהר זאלט אויך אזוי געטריי זיין אייער פלעמעניק און האבען רחמנות אויף אונז אלטע לייט.— אונזער טהייער איינקעל משה'לע האט אונז פינסטער געמאכט די וועלט און וועט אונז נאך פינסטערער מאכען אין קבר אויך; איהר זאלט ניט שווייגען אין דעם און זעהן איהם אראפ צוברענגען צוריק פון די שטודירענ'ש וואס א שטן מחבל האט איהם פערפיהרט! איך מיט מיין אלטען, זאל געזונד זיין זעגען שוין אלטע לייט. ביז איצט האבען מיר אויך גענוג צער געהאט פון קינדער.

נור אזא גזרה אזא פורעניות האבען מיר נאך ניט געהאט; אונזער איינקעל וואס האט גאט אונ לייטען משמח געוועזען מיט זיין תורה, זאל געביך גאר פערפיהרט ווערן אונ אוועק פאהרן אין טייטשלאנד דארט שטודירן, ווערן א מופקר אונ פערגעסן דעם יודישען גאט, דעם גאט פון אונזערע עלטערן: אברהם, יצחק ויעקב?! מיין אלטען האט דיא ידיעה ווי א דונער דערשלאגען אונ ער וויינט אונ קלאגט, ער שאמט זיך אין א מקום קדוש אריינצוקומען; איך קאן אויך מיינע אויגען אויפן גאס ניט ארויס ווייזען, גאט זאל כוחות אונז געבען די יסורים אריבער צוטראגען! אייך בעט איך, אזוי ווי איך האט גאט ניט געבענשט אייגענע קינדער צו האבען, אונ ניט האבען דעם צער פון זיי צו האבען אונ האדיווען, בעט איך אייך: איהר זאלט אונזער צער פיהלען, אונ באלד פאהרן אהינצו וואו ער שטודירט אונ מיט גוטען אדער מיט באזען אפילו איהם ברענגען אהיים צו אונז, אדער איהם האלטען ביי זיך; א גוט קינד איז עס אונ אז איהר וועט איהם זאגען אז זיין געטרייער זיידע אונ באבע וועלן פון דער וועלט אוועק אהן א צייט איבער זיין שטודירענעס — וועט ער רחמנות האבען אונ קומען צוריק. רעדט נור מיט גוטע תחנונים׳דיגע רייד מיט איהם! אויף כפרות, אויף אלל די שווארץ יאהר, זאגט איהם, דארף ער דאס שטודירעניש. א קליינגקייט, וואס פאר א גליק ער וועט האפען, אז ער וועט שוין ווערן א דאקטאר!.. וועט ער מאכען א קאנגע, זאגט איהם, אונ געהמען צוויי גילדען, אזוי קאן ער בעסער געהמען נבן א סך טויזענ-דער, אם ירצה השם; זאגט איהם, אז מיר זענען שוין אלטע לייט אונ וויפיעל וועלן מיר נאך לעבען? נאך אונזער טוידט, וועט דער זיידע אלץ איהם אבזאגען, אלץ: די שטוב, דיא ספרים מיין אלטענס, אפילו די שטאדט אין מזרח וואנט אין דער קאלטער שול, מיט זיך אהאר ניט געהמען אין קבר אריין. וועה צו מיינע יאהרן, וואו איז זיין שכל? וואס בעדארף ער זיין א דאקטאר? גאט וועט איהם אויך שפייזען אונ ער קאן נאך בייבער זיין, מיט זיינער הילף, ווי הונדערט דאקטורים, זאגט איהם! אז ר׳ לייזער עליו השלום, זיין פעטער וואלט געלעבט, וואלט איך צו איהם געשריבען, ער וואלט ניט דערלאזען מסתמא, אז זיין טהייערער פלעמעניק זאל איהם מאכען אזא פלעק אין זיין שאנער משפחה. איצט זאל ער שוין זיין א גוטער בעטער פאר אונז אלעמען! צעבראכען זענען מיר פון זיין טוידט געווארן. אויף אייך ליגט איצט דער חיוב אייער פלעמעניק פון אלל דאס באז ארויס צונעהמען. איך בעט צו גריסען דיא אלמנה הייעלען, מיט איהרע פרישע יתומים, זאלען לעבען אונ געזונד זיין; גאט זאל זיי א פאטער זיין אונ הייעלען א דין אמת, פון מיר אייער פלעמעניקס באבע וואס גריסט אייך מיט אייער מאן זאל לעבען, שפרה פריידע סעגאל״.

אונטער דעם בריף איז געוועזן אונטערגעשריבען נאך אמאל אויף לשון הקודש העיקר שכחתי: דיא שטאדט וואו ער שטודירט, הייסט ברעסלוי אין דער מדינת פרייסען. הנ״ל.

— וואס זאגסטו דוא דערצו? ווי געפאללט דיר אזא גזרה? האט די מוהמע אויסגעשריען אונ פערבראכען די האנדט, וועה צו אונזערע יאהרן, וואס מיר האבען זיך דערלעבט!

— דער קאפ מיינער הויבט זיך מיר אויף! האט ר׳ שלמה א קרעכץ געטהון, אויף

אַזאַ מין אומגליק האָב איך קיינמאָל גאָר ניט געגלייבט ! דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז פון זיינע התחכמות צו פאָרשען — מה למעלה ומה למטה — וועט קיין נוטס ניט אַרויס, אָבער אויף אַזאַ גזר, אויף אַזאַ חרפה און בושה האָב איך ניט געגלייבט ! אַט אַזוי האָדיוועט זיך אויס אַ יתום אָהן אַ פאָטער, אָהן אַ טריי אויג וואָס זאָל אַכטונג געבען און איהם מדריך זיין אין גאָטעס וועגען ! דו אַ ביזט גערעכט, רבונו של עולם, על כל הבאָ עלי ! אויף אַלץ וואָס קומט אויף מיר ! דו האָסט אין דיין היילינע תורה געשריבען : שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך : די מוטער זאָלסטו פריי לאָזען און די קינדער זאָלסטו זיך נעמען, און דו גערעכטער פאָטער, געהמסט צו די עלטערן פון די קינדער צו זיך און די קינדער לאָזטו זיי זאָלען וואַקסען ווי די ווילדע גראָז אין דער מדבר, אָהן אַ פאָטער און אָהן אַ רעכטען וועג ווייזער, נו איז אַ חידוש אַז זיי געהן פון וועג אַראָפּ און דער, שטן דער יצר הרע האָט שליטה זיי צו פערפיהרען אין באָזע שטעגען ? — פאַר וואָס, גאָטוניא, האָסטו מיך עלטערן ברודער, וואָס קיין קינדער האָסטו מיר ניט געגעבען — זיי דיינע וועגען צו ווייזען — פאַר וואָס האָסטו מיך ניט צו גענומען פאַר מיינע צוויי יונגערע ברידער, וואָס האָבען זייערע קינדער געקאָנט לערנען דיינע מצות, און וואָלטען זיי אין דיינע וועגען געפיהרט? אך, מיין מוח הייבט מיר, מיין קאָפּ איז מיר ווי צו שפּאַלטען !

ער האָט ווי אַ קליין קינד זיך פאַנאַנדער געוויינט.

— יאַ, יאַ, עס איז אַ קלאָג אַ גוטער אויף אונז אויסגעגאָסען געוואָרן ! האָט זי אָנגעהויבען, נור גאָט ברוך הוא זאָל חסד טהון איהם אַריינשיקען אַ פרומע מחשבה אין זיין האַרצען און ער וועט זיך דערמאָנען, וואָס ער טהוט, וועט ער צוריק קומען ! אפשר זאָלסטו טאַקי אַריבער פאָהרען, ער וועט דיך זעהן, דיינע קלוגע און פרומע רייד הערן, וועט ער רחמנות האָבען אויף דיינע ווייסע האָר און ער וועט צום שכל קומען און פאָהרען מיט דיר אַהיים.

— ווי זאָל איך פאָהרען ? איך ווייס גאָר ניט וואו דאָס איז, ווי ווייט דאָס איז און ווי קומט מען אַהין ? האָט ר' שלמה פערצווייפעלט געקלאָגט, אַ חוץ דעם קאָן איך די נייע יתומים אַליין ניט לאָזען, אָהן מיר וועט גאָר די שטוב און געשעפט ווי אַ שיף אָהן אַ רודער זיין, היינט געה שלעפּ זיך אויף דער עלטער אַ עק וועלט זוכען דאָרט. מיין ברילליאַנט וואָס איז אין קויטה אַריין געפאַלען ! ענטפער מיר גאָט אין הימעל, גיב דו אַ עצה, וואָס זאָל איך טהון, ווי זאָל איך אָנהעבען צו טהון !

דיא מוהמע האָט אויך געוויינט, אויסער וואָס זי האָט משה'לען געליעבט ווי אַ טרייע מוהמע האָט זי זיך גליקליך געשעטצט, וואָס משה'לע האָט איהר זיין היילינ וואָרט געגעבען אַז נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר, וועט ער נאָך איהר און איהר מאַן קדיש זאָגען און לערנען אַ פרק משניות אַלע טאָג, איצט איז גאָר איהר ליב, געפוגען, געקויפט = קינד = געפאָהרען שטודירן ?.. ווי וועט זי גאָר ... איהרע אויגען ווייזען קאָנען און וואָס פאַר אַ פנים קאָן שוין האָבען ביי דעם רבונו של עולם. אַ קדיש פון אַ טרייפניאַק, פון אַזאַ פושע ישראל ווי דער קלייניצער דאָקטאָר, וואָס איז אויך אַ געשטודירטער ? — ביי אַזעלכע געדאַנקען האָט זי נאָך שטאַרקער געוויינט און האָט זיך איהר קאָפּ אָן וואַנד געשלאָגען. דער ווייכהערציגער ר' שלמה, האָט

זיינע איינענע שווערצע פערגעסען אז ער האט דערזעהן אירע טרערן און האט די אנגעהויבען טרייסטען אנשטאט דעם וואס ער האט געוואַרט ביז איצט פון איהר א טרייסט וואָרט צו הערן. ווי עס פלעגט טרעפען ביי א געוואָהנליכען אונגליק אין זיין לעבען.

— זיי זיך ניט מיאש, דבורה, האט ער מיט הערץ אויסגערעדט אבער דיא שטימע זיינע איז דורך און דורך אנגעטרונקען געוועזען מיט זיינע טרערן, וויין ניט מיין ווייב, דער זכות פון מיין פאטער, דער זכות פון זיין פאטער מיין טהייערן ברודער, וועט אונז ביישטעהן, אט הערסטו וואס איך זאג דיר? ר׳ אברהם׳ס א איינקעל וועט קיין מופקר ניט ווערן! איך וועל ניט שווייגען אין דעם, איך וועל מארגען אויף זייערע קברים זיין און זיי אנזאגען דיא ביטערע בשורה! — זאָלען זיי געהן דאָרט בעטען פאר זיך. זיי אליין איז דאָרט אויך קיין כבוד ניט, צו ליעב זיי וועלן מיר אויך געאנטפערט ווערן, נור ניט וויין, איך בעט דיך, ניט וויין! דיינע טרערן מאַכען מיך גאר אויס מענש; אין א טאג פון אזא צרה מוז מען א מענש זיין!

דיא מוהמע האט זיך בערוהיגט און זיי האבען אנגעהויבען עצות זוכען: וואס טהוט מען דער ווייל? זאל מען דאס לייטען ערצעהלען? אפשר ביי קלוגערע און געניטערע א עצה פרעגען? אדער מען זאל שווייגען, ווייל אזא שאנד קען מען גאר פאר די ליפען ניט ברענגען? — די קלוגע דבורה האט זיך פריהער גוט אויסגעוויינט דער נאך האט זיא אירע טרערן אבגעווישט און געזאגט:

— נאך מיין ווייבערשען שכל קומט אויס, אז מען זאל דערווייל — ביז דו וועסט קאָנען פאהרן צו איהם — דאס קיינעם ניט ערצעהלען: ערשטענס איז פאר אונז אליין צו גרויס דיא שאנד אריבער צוטראגען, צווייטענס, וועט דאס פערבלאנזעט קינד גיכער קאנען צו זיך קומען און תשובה טהון אז קיינער וועט נאך זיין פערפידרטקייט ניט וויסען; אז אלע וועלען שוין וויסען, וועט ער זיך קלערן: „זא ווי זא איז שוין דער גוטער נאמען מיינער פערלאָרן, האב איך שוין ניט וואס אנצווערן“, און וועט קריכען אין דער טומאה אלץ ווייטער און ווייטער. פאלג מיר מיין מאן, דו וועסט זעהן, דאס אזוי וועט בעסער זיין!

— וואס רעדסטו? הער נור וואס דו זאגסט, האט ער אויסגעשריען און צוריק אנגעהויבען פערלאנגען געטראסט צו ווערן פון אירע רייד. קוים האבען אירע טרערן אויפגעהערט, האט ער ווידער זיך געקאנט איינקוקען ווי טיף איז זיין אונגליק און האט ווידער געוויינט. הער נור, האט ער געזאגט, דו זאגסט, מען זאל דאס האלטען בסוד, אבער די וועלט וועט דאך וויסען, געוואהר ווערן, מארגען אין בית המדרש, וועלן אלע קוקען אויף מיר מיט רחמנות; א, ווי לעבט מען איבער דיא בזיונות?

דווא ביזט א קינד, האט זי געטראסט, א קינד ביזטו, זאג איך דיר! דו מיינסט, אז אויפען שטערן ביי דיר איז דאס אויפגעשריבען און אלע וועלן ערקענען וואס ביי דיר אין הערצען טהוט זיך. מאך זיך ניט נאריש, בעוויז לייטען דיין הערץ ניט רעד ניט פאר זיי. טרינק קיין ברוינפען ניט, וועט דיין שבורע צונג ניט ארויס רעדען וואס אויף דיין ניכטערער לונג טהוט זיך. גאט וועט א עצה צו שיקען, מיר ווארטען

אויף זיינער הילף און אונזער געבראכען הארץ זעהט ער! אבּ, ווייסטו אריבּער פאהרען צו איהם זאל לעבּען, ווייסטו הארן וואס ער וועט דיר אנטפערן, מיר זענען דאך בהמות כּשרה, וואס ער זאגט ווייס ער, לעבּען זאל ער!

אזוי האבּען זיי גערעדט, איינע די אנדערע געטרייסט, ביז עס איז שפּעט געוואָרען זיי האבּען זיך שלאפען געלעגט. די מוהמע איז באלד איינגעשלאפען געוואָרען, ר׳ שלמה׳ן אבּער האבּען זיינע געדאנקען ניט שלאפען געלאזען. ער האט געקלערט: וואס וועט איצט זיין מיט רחל׳ען? דאס איז איהם געוויס, אז זיא וועט קיין אנדער חתן ניט וועלען האטש א שטוב מיט געלד מען זאל איהר אנשיטען. דער נאך האט ער זיך געטרייסט: רחל׳ע אבּער איז א פרום קינד, זי ווייס געוויס, אז זיא האט שוין קיין טאטען ניט און וואס מען וועט איהר זאגען וועט רעכט זיין. ער האט דיא גמרא דערמאנט, וואס זיא זאגט בפירוש: ווייבּער האבּען אויף זיך זעהר א גרינגע דעה, זיי לאזען זיך איבּערעדען, רחל׳ע איז אויך ניט מעהר ווי א אשה מיט א גרינגען שכל און וועט זיך שטארק ניט שפּארען אז מען וועט איהר געבּען א אנדער חתן, — אבּער אין מיטען האט ער דערמאנט, זיין פאטער׳ס רצון, זיין צוואה פאר זיין טוידט: „אבּ דאס וועט מאגליך זיין, האט ער דאמאלס געזאגט, זאל מיין אייניקעל משה׳לע ניט פערפרעמד ווערן, לייזער זאל דאס קינד פאר זיין רחל׳ען האדיווען“, דיזע ערווייגונג אבּער האט געשטארקט זיין האפנונג, אז משה׳לע וועט צוריק קומען: דער טאטע וועט ניט דערלאזען ער זאל פון אונז אבגעריסען ווערן! ניין, ער מוז קומען און ער וועט קומען! האט ער כמעט אויפ׳ן קול אויסגעשריען צו זיך אליין רעדענדיג.

— דבורה, דוא שלאפסט? האט ער אנגעהויבּען זיין פרוי וועקען, איהר שוין איבּער געבּען זיינע געדאנקען; ביז טאג איז איהם צו שווער געוועזען דיזע האפנונג אין זיך צו דערטראגען.

— דבורה, דבורה, האר נור וואס מען רעדט צו דיר, דוא שלאפסט? זאג איך בעט דיך, דוא שלאפסט צו ניט?

זי האט זיך אויפגעכאפּט — וואס איז? וואס ווילסטו? האט זי געפרעגט.

— דוא בּיזט א קלוגע אשה! הערסטו, דבורה? האט ער געאנטפערט, וואס מעהר איך לעב, זעה איך אלץ מעהר, ווי איך וואלט גאר אהן דיר ניט קאנען לעבּען אויף דער וועלט! דיין עצה, זאג איך דיר, איז פונקט ווי דוא וואלסט פון דער גמרא ארויס גענומען, דיא גמרא זאגט אויך: „דער וואס וויל חוזר בתשובה זיין זאל מען איהם העלפען“. מיר מוזען זעהן איהם זאל קיין בזיון זיין צו קומען צוריק. ווידער זאגט דיא גמרא: „אז איינער זעהט, ער קאן זיין יצר הרע ניט גובר זיין און מוז אריינפאלען אין א עבירה, זאל ער אנטהון שווארצע קליידער און אוועג געהן אין א ארט וואו קיינער קען איהם ניט און זאל דארט טהון וואס זיין הערץ געלוסט“ פערשטעהסטו, פאר וואס [illegible] עס אזוי די גמרא? דאס איז נור צו ליעב דעם: אין דער היים זאל איהם קיינער ניט קאנען דערמאנען אן די עבירות וואס ער האט געטהון. מיט משה׳לען איז אויך ניט אנדערש, ווער קען איהם? ווער ווייס איהם דארט אין דייטשלאנד? אט טהוט ער וואס זיין הארץ געלוסט, דאס הארץ געלוסט שטודירענעש איז רעכט שטודירענעש; נישקשה, ער וועט צוריק קומען, אט ווייסטו

מיך מאנען אנרופען נאר אדער נביא, משה'לע וועט צוריק קומען! — דבורה איז שוין געוועזן צוריק אין שלאף פערזונקען, אונ ר' שלמה האט גאר ניט בעמערקט, אז ער רעדט דאס נור פאר זיך זעלבסט.

— דו שלאפסט? אנטפער! האט ער נאך א מאל אפראג געטהון, אז ער האט אבער דערזעהן אז זי שלאפט אונ הערט ניט מעהר זיינע רייד, האט ער אויפגעהערט צו רעדען אונ איז אליין אויך ענטשלאפען געווארן.

ה.

אין א וואך ארום נאך דער געשיכטע, איז רחל'ע געזעסען שפעט ביי נאכט אין איהר צימערל, וואו עס האט געברענט א שאנע לאמפע מיט א פאריזער געבלימטען שירעם. זי האט א בריוועל געשריבען אונ טהרערן זענען איבער די געשריבענע אותיות געפאלען. אז זי האט געענדיגט, האט זי זיך אין איהר בעטעל געלעגט אונ האט ליגענדיג דאס געשריבענע געלעזען:

„מיין טהייערסטער שוועסטערקינד, משה'לע!

„אז איך פלעג צו מיין ליעבען פאטער בריוועלעך שרייבען, בעת ער האט נאך געלעבט, בעת איך פלעג נאך האפען: אט באלד וועט ער קומען, איך וועל איהם זעהן, איהם מונדליך ערצאהלען אלץ, זעלבסט פון וואס איך האב אונאנגענעהמליכקייט געהאט, פלעג איך דאן זוכען נור גוטע נאכריכט פון מיר, פון זיינע קינדער, פון דער ליעבער מוטער אונ בעקענטע איהם צו שרייבען; איך האב געוואוסט, אז מיט איין ווארט וואס ער וועט מיר זאגען, ווען ער וועט קומען, וועל איך געטראסט ווערן, אלע אנגעקליבענע זארג אונ אונאנגענעהמליכקייטען וועלן ווי די פינסטערניש פון נאכט אוועק ווען די זונן שיינט ארוים אונ עס ווערדט ווידער טאג.. אך, דיזע טראסטענדע זונן אין מיין הימעל איז שוין אבער אויף עביג אונטערגעגאנגען!... אויף איינע אנדערע זאגע וואס זאל מיר אמאל אויפשיינען האפע איך!.. אבער דיזע האפנונג איז אזוי ווייט נאך... די נאכט נאך אזוי לאנג אונ ביז עס וועט ליכטיג אונ טאג ווערן קלויבען זיך דערווייל זארג אונ אנגסט אין מיינעם הערצען, אונ דוא מוזט דיין רחל'ען ענטשולדיגען וואס זי שרייבט צו דיר ניט אזעלכע פראהליכע בריוועלעך ווי זי פלעגט צו איהר פאטער אמאל שרייבען!.... ווען ניט פאר דיר, ליעבער משה'לע, וועט מיין הערץ צו פאל ווערן אונ איך ווייס ניט ווי לאנג עס וועט אין מיר נאך געזונד זיין אונ פון דעם וואס פרעסט עס ניט צוריסען ווערן!... — מיינע קליינע ברידערלעך, זענען נאך יונג, פון זיי מוז איך — ניט נור מיין הערץ, אבער אויך מיינע טהרערן — בעהאלטען, מיינע ליבע מוטער איז שוין דעם אנדערן חדש ווייט פון מיר; זי וויינט געווים דארט וואו מיין טייער פאטער — איהר ליעבער מאן — רוהט אין זיין קבר... אונ מיין איינציגער טייער פעטער ברויך יעטצט מעהר מיין טראסט אלס איך זיינעם....

ער ווייס שוין משה'לע, דאס דוא ביזט שטודירן געפאהרן!.. אין די לעצטע עטליכע טאג איז ער, איבער דעם עגמת נפש, נאך א מאל אזוי אלט אונ גרוי געווארן. געכטען איז ער דא ביי מיר ביז שפאט ביי נאכט געוועזן, איך האב איהם געפראגט:

– פעטער, וואס גערט איהר ניט אהיים? עס איז שוין נאך צוועלף. אייערע אויגען זענען שוין אזוי אויך רויטה אונ אנגערינפען, אז איהר וועט ניט דערשלאפען קאן נאך חלילה ארגער ווערן.

„ווייסטו מיין קינד, האט ער געאנטווארט, ווייסטו פון וואס זענען מיינע אויגען רויטה אונ אנגערינפען? פון טהרערן זענען זיי רויטה, פון וויינען זענען זיי אנגערונפען. יונגע קינדער, אז זיי וויינען זיך אויס, ווערן זייערע אויגען קלארער אונ ליכטיגער; אלטע לייט האבען זייערע טהרערן שוין לאנג אויסגעוויינט, אויסגעגאסען. – וויינען זיי נאך, וויינען זיי מיט זייער בלוט, דערפאר ווערן זייערע אויגען רויטה אונ אנגערינפען!....

„אבער וואס דארפט איהר וויינען, פעטער? האב איך געפרעגט; אפשר וואר עס נארעש פון מיר, ווייל איך האב גוט געוואוסט די אורזאכע איבער וואס ער וויינט, נור דיזע פראגע האט זיך ביי מיר ארויס געריסען אונ איך האב ניט געוואוסט ווי זיא צוריק צו גענעמען.

„וואס דארף איך וויינען? האט ער איבערגערעדט, איך האב נאך דיין פאטער מיין ליעבען ברודער געוויינט, אבער דיזע טהרערן האבען א מאס געהאט, שטארבען מוז מען אונ מיט טהרערן א געשטארבענעם לעבעדיג מאכען קאן מען ניט; דיא טהרערן האבען זיך אויסגעשעפט אונ איך האב צו וויינען אויפגעהערט. האטש אין הארצען איז נאך די וואונד פריש אונ ניט פערהיילט; איצט וויין איך אבער אויף א לעבעדיגען, וואס לעבט אונ וועט נאך לעבען, נור ווי לאנג ער וועט לעבען וועט ער אלץ דיא קוועלע זיין פון מיינע טהרערן! א, איך מיין משהלען דאס טהייער קינד, וואס איז אבגעקעהרט געווארן פון רעכטען וועג, אונ וואס האט פון דעם יצר הרע זיך געלאזט איבערדען צו פאהרן שטודירן, אויסבייטען די היילינע תורה וואס ער האט אזוי פיעל געלערנט אויף ווילדע חקירות, אויף נאררישע חכמות וואס וועלן איהם, סוף כל סוף, אין גיהנם, אין כף הקלע פערשלעפען, ער וועט חרטה האבען עס וועט שוין אבער קיין צייט ניט זיין!... ער האט ביי די רייד אנגעהויבען וויינען. אין מיר איז דאס הארץ פערקלעמט געווארן אונ איך האב געשוויגען...

„וואס ווייסטו, מיין טאכטער, האט ער, דורך טהרערן קוקענדיג אויף מיר, ווייטער געזאגט, וואס ווייסטו ווי ליעב איך האב איהם געהאט, ווי גרויס איז די שמחה מיינע געוועזן איהם צו זעהן אזוי שאן אויסגעוואקסען ווי א יונג בוימעלע, וואס טראגט שאנע פרוכט אויף זיך! ווי גליקליך האב איך מיך געפיהלט, אז איך האב זיין דרשה געהערט אונ אז דער רב אונזערער האט מיר געזאגט: אייער פלעמעניק וואקסט א גדול בישראל, אחריך א גרויסער איז ער שוין", איצט? איז פון גדול געווארן נאר א שטודענט, אפושע ישראל, וואס טהוט דארט אין טייטשלאנד אלץ וואס זיין זינדיג הארץ געלוסט. ניט איך אליין נור, אבער אלע יודען ברויכען וויינען אונ קלאגען! אלע האבען מיר אין איהם א גרויס ליכט פערלארן אונ ווי זאל איך ניט וויינען אז דאס ליכט איז ביז איצט מיינס געוועזן?...

„שלאפען הייסטו מיך גיהן? קאן איך דען שלאפען? גאנצע נאכט, מיין טאכטער גיסען זיך מיינע טהרערן אויף מיינע קישענס, איך שלאף ניט, איך רוה ניט, מיין

קאס האט ער מיר אראפ געגומען !..." איך האב מעהר זיינע טהרערן ניט געקאנט צוזעהן, איך האב איהם צו טראסטען אנגעהויבען און האב איהם מודה געוועזן, דאס דוא האסט צו מיר געשריבען און האב איהם ערצאהלט וואס דוא שרייבסט, דיינע צופרידענהייט דערמיט וואס דיינע גוטע לעהרער זענען פרומע יודען, וואס זאגט איז זיי ליעב און זיין תורה און זיין פאלק זענען זיי טהייער. איך האב איהם געפרעגט: וויא קאן א מענש וואס שרייבט אזעלכע פרומע און קלוגע רייד, א יוד וואס ווייזט ארויס אזא ליעבע און ליידען פאר אונזערע צושפרייטע ברידער, א יוד וואס טראגט אים הערצען אזעלכע גוטע און פרומע האפנונגען, ווי קאן אזא יוד גאר זיין אבגעקעהרט פון גאטעס וועג? ווי קאן מען אזא יודען פערגלייכען צו אנדערע שטודירטע, וועלכע זענען טאקי גרויסע אפיקורסים?

„פערענטפער איהם ניט! האט ער אין כעס אויף מיר א געשריי געטהון, ווער עס זוכט צו פערענטפערן א אפיקורוס איז אליין פון אפיקורסית ניט ווייט! דער יצר הרע איז קיין נאר ניט, ער האט אנגעשליפען צינגעל זיך צו פערענטפערן. אז דוא וועסט רעדען מיט א אפיקורוס, וועט ער אלע מאל גערעכט בלייבען; דאריבער איז וועה צו דעם מענשען וואס לאזט זיך מיט זיי אין הקירות אריין! גלייבער איז צו אנטלויפען פון זיי, מען זאל זיך מיט זיי ניט בעגעגנען!... אזוי ווי דער שיינאין האט געווים א מאל אויך אונזער דאקטאר און אונזער אפטייקער געזאגט, און אז זיי האבען אויסגעשטודירט? זעהסטו דאך דעם סוף פון זיי; נאהרע גוים, איך וויים ניט: פאר וואס רופט מען זיי נאך מיט'ן נאמען יוד? אזוי זאגען אין אנהייב אלע גוטע קינדער אונזערע וואס ווערן אין די שטודירענעש פערפיהרט, און דער סוף, בעונותינו הרבים, האבען מיר אין היינטיגע צייטען פיעל אזעלכע יודען, וואס שאמען זיך מיט דעם נאמען „יוד", פיעל פון זיי ווערן גלאט הולטאיעס און פיעל — ווערן אונז שונאים און שרייבען אויף אונז מסירות, אדער שפאטען און לאכען פון אונזער ריינער אמונה, פון אונזער רבין זאל לעבען, פון אונזערע תורה און מצות, און וואס ווייסטו וויפיעל שלעכטס מהוען זיי דערמיט אונזער ארעם פאלק .... וויפיעל זענען זיי מעכב דיא גאולה אין דעם לאנגען פינסטערן גלות? ! גלויב איהם ניט, וואס ער זאגט דיר, וואס ער שרייבט און שווארט דיר! צעבריס זיינע בריוועלעך! זיי זענען סם המות, אזוי איז שאן די טבע פון דער כפירה: מיט צושלעפען מיט זיך אין גיהנום אריין נאך אונשולדיגע פרומע נפשות; פערגעם זיינע רייד, קעהרצו דיין הארץ צו אונזער בורא יחיד, דאווען און בעט גאט פאר זיין נשמה, ער זאל חסד טהון און איהם צוריק ארויף פיהרן אויף דעם אמת'ן וועג פון וועלכען ער איז געביך פערפיהרט געווארן!"

מעהר האט ער ניט גערעדט, ער האט זיך נור אויפגעוויינט פון דאס ביי און איז אהיים געגאנגען.

א, ליעבער משה'לע, וויפיעל געזונד און טהרערן געהמען א זעלכע ווערטער צו ביי מיר! ווי מישען זיך מיינע געדאנקען אין מיין שוואכען קאפ, וויפיעל נאכט דער שלאף איך ניט און זוך די וואהרהייט און גערעכטיגקייט צו געפינען: ווער פון אייך ביידע איז גערעכט, און ווער איז פערפיהרט? ניט אלע מאל, ליעבער פריינד, זענען דיינע פעטער'ס רייד גארישע, עקשנית'ע רייד! זעהן דען מיינע אויגען ניט ווירקליך.

דאס נור די געשטודירטע און געבילדעטע טהוען אוים פון זיך זייער יודישקייט? מאנכע פערגעסען און מאנכע פערלייקענען אונזער גאט אין הימעל!.. וויפיעל איך גלויב דיר אויך, אז דוא מיינסט ניט — מיך איינפאלטיגע, ניט געבילדעטע, צו נאררן, אבער טאמער ב״ז ט״ו גאר פערנארט? פערבלאנזעט, ליעבער משה'לע? דוא מיינסט אפשר דוא געהסט אויף דעם גראדען וועג. און דו זעהסט ניט און דו ווייסט ניט צו וועלכען אבגרונד דער וועג פיהרט? ווי ערשראקען אבער וועסטו אליין ווערן, אז דו וועסט צו דעם אבגרונד קומען צו וועלכען ער פיהרט און איינזעהן ווי וועניג צייט און כח דיר איז געבליבען צוריק צו לויפען, אהין יענעם וועג און היים צו געפינען פון וואנען דוא ביסט פערפיהרט געווארן!...

און ווען איך טראכט אזוי און ווען איך בעט און רופע צו גאט, ער זאל מיינע אויגען אפענען, איך זאל דעם אמת דערזעהן—דאן ווייגט זיך מיר אזוי לייכט, ביז מיר ווערט צום מוחות גרינגער און איך העב צוריק אן צו האפען און צו גלויבען. אז דוא נאררשט מיך ניט, דו ווילסט ניט, משה'לע מיין ריינע אמונה אין גאט פון מיר צו נעהמען—ווי אונזער פעטער זאגט עס מיר—א, ווי ארעם, ווי עלענד וואלט איך חלילה אהן מיין גלויבען בלייבען! אפט מיין איך, נאך מיין אויסוויינען זיך, דאס איך הערע א שטימע וואס שרייט צו מיר: זיי רוהיג! משה'לע האט דיך אמת ליעב, ער וויל דיך נור גליקליך מאכען, ער וויל פיעל מעהר צו דער אמונה דיר צו געבען, זי שטארקער מאכען, אלס זי פון דיר רויבען אדער זי שוואך מאכען; דו און ער, ביידע זייט איהר פרומע יודישע קינדער, ווי גאט פערלאנגט, ווי עס האבען זיך אייערע אלטערן מיט אייך געוואונשען!" אויך איצט, וועהרענד איך שרייב דיזע צייליען, הערע איך דיזע שטימע, זי דיקטירט מיר די ווארטער און איך ווייס ניט: צו שרייב איך וואס איך הערע, אדער צו הערע איך נור וואס איך שרייב? זאל עס אמת זיין וואס דער פעטער זאגט, דאס דיינע רייד האבען שוין מיך אויך פערגיפטעט, און מיין נשמה אין מיר איז שוין בעפלעקט פון דער טומאה, דערפאר גלויב איך אז דו נארשט מיך ניט?...

היינט אין דער פריה, אז איך האב מיין סידור אין האנד גענומען זענען מיר די ווארטער מעהר אין הערצען אריין אלס א אנדערש מאל: „מיין גאט, דיא נשמה וואס דו האסט געגעבען מיר, איז א ריינע נשמה, איך האלט זי ריין, איך לאז זי ניט בעפלעקען; דוא גאט, האסט זי אין מיר בעשאפען, דוא בילדעסט זי אין מיר, דוא היטעסט זי אין מיר זי זאל ניט בעפלעקט ווערן, און דוא וועסט זי פון מיר צונעהמען און אויך זי מיר צוריק געבען אין קינפטיגען לעבען אויף יענער וועלט. ווי לאנג דיזע נשמה איז אין מיר ערקענע איך דיך. מיין גאט, איך דאנק דיר, גאט פון מיינע אלטערן. הערשער איבער אלע בעשאפענישען, הערר פון אלער זעלען!"

ווי האבען מיך דיזע ווארטער געטראסט און געשטארקט! אבער באלד איז דער פעטער ווידער געקומען און האט א נייעם שטיין אין מיין שטיל טייכעלע אריינגעווארפען, דאס קלאר וואסערל ווידער מוטנא געמאכט, און איך בין צוריק אין דעם פיינליכען צווייפעל ווי געוועזן! אזוי ליעבער פריינד, צערייסט זיך מיינע זעלע אין מיר צווישען צווייפעל און האפנונג, צווישען טראסט און טרויער; אזוי נוארט איך און באנק נאך דיר. דוא זאלסט מיר אויך א צווייטער פאטער ווערן און מיינע אלע

אנגעקליבענע אונאנגענעהמליכקייטען מיט דיינע קלוגע און טרייע רייד צערשטרייען, ווי עס פלעגט טהון מיין טרייער פאטער בעת ער האט נאך געלעבט!...

אך, ווי וויל איך דיך אין גיכען זעהן! ווי ווילט זיך מיר אויף דיין האלז פאלען זיך גוט גוט אויסוויינען פאר דיר! דיזע שווערע שטיינער וואס פרעסען מיין ברוסט איצט אזוי שווער, וואלטען ווי פעדערן אראפ פליהען פון דיין איין טרייען הויך!... האב איך נאך לאנג צו ווארטען, ליעבער פריינד, אויף אזא גליק?...

אונזער וואנד זייגער שלאגט שוין דריי. הערסטו ניט זיין טרויעריגען קלאנג און זיין קראנקען הריפען, וואס בעגלייטעט יעדען קלונג?... ער זאגט מיר: איך זאל מיין בריף ענדיגען און שלאפען געהן; ער דערמאנט מיר, אז איך קאן שוין איצט ניט שלאפען לאנגער ווי אלע. מיינע יתומים'לעך מוזען מיך שוין א וואכענדע וואס זארגט פאר זיי געפינען, אז זיי אפענען זייערע אויגעלעך יעדען פריה מארגען.— א, גוטער זייגער! אלטער פריינד פון דעם הויז אין וועלכען דוא געהסט שוין אזוי לאנג, דו האסט נאך אונזער גוטען זיידען די שעות אנגעזאגט און זיי געצאהלט, דו האסט אויך מאנכען פרייטאג צונאכט מיט דעם איינענעם קלאנג צוגעשטימט צו יענער הייליגער ברכה, וואס ער האט זיינע ליעבע אייניקלעך אויף זייערע יונגע קאפעלעך געבענטשט! דו האסט דעם גוטען אלטען בעל הבית דיינעם איבערגעלעבט, דו האסט אויך דיין נייען ווירטה, מיין טרייען פאטער איבערגעלעבט. אזוי וועסטו געוויס אויך מיך איבערלעבען!... דו ביזט ניט אזוי זינדיג ווי מיר לעבעדיגע וואס האבען פון עץ הדעת פערזוכט און דערמיט אונזערע טאג און יאהרן אונז אבגעקירצט... זאג טהייערער פריינד, וויפיעל מאל וועסטו דיינע ווייזער אויף דיזעם ציפערבלאט נאך ארום דרעהען, ביז איך וועל דעם ווידער זעהן וואס מיין הערץ בענקט נאך איהם אזוי פיעל? וויפיעל וועסטו נאך טאג און יאהרן צאהלען ביז יענע ברכה דעם זיידענס וועט אמאל אויף אונז מקוים ווערן?...

אך! ער שווייגט, ער געהט זיך זיין וועגס ווייטער און בעקימערט זיך וועניג אב יעמאנדען איז זיין גאנג צו גיך אדער צו לאנגזאם! אזוי, משה'לע, דרעהט זיך אויך די וועלט שטיל און שטום. די זאנע מאכט איהר ראד ווידער אמאל און ווידער אמאל און בעקימערט זיך גאר ניט פון מענשען און דורות גאנצע וואס קומען אויף און געהען אונטער — ... א אנגעצויגענער זייגער איז די וועלט אונזערע. דיא ראדער זעהען מיר, קאנסטו מיר ניט זאגען וואו איז איהר ציפערבלאט?.. ווער האט עס גע- זעהן?.... ווער קאן מיר אויף דיזען ציפערבלאט ווייזען וויפיעל צייט איז שוין פון מיין לעבען אבגעלאפען, און וויפיעל האב איך נאך דא צו ליידען און צו בענקען?! איין גאט נור, דער גרויסער מייסטער פון דיזעם וועלט-גרויסען זייגער, פערשטעהט די שעות און מינוטען אויף איהם צו צאהלען, נור ער ווייס וואס מארגען וועט זיין! א, איך בעט דיך גאט, ציהע דיזען זייגער אן, ער זאל ריכטיג און רעגעלמאסיג מיר דיא שטונדע אנזאגען וואו איך האלט אין דער וועלט, און ריכטיג און רעגעלמאסיג זאל קומען דאס, וואס דוא האסט פאר מיר פארבעשטימט!.. אין דיין האנד, גאט, בעהאלטע איך מיינע זעלע, דו ערלאזט זיא, גאט דער וואהרהייט, מיט מיר ביזט דו און איך פירכטע ניט מעהר!

א גוטע נאכט, ליבער פריינד, איך האב מיין קריאת שמע אבגעלייענט אנטפער גוטע נאכט אונ גוטען טאג, דיין רחל'ען!"

אויף מארגען פריה האט רחל'ע דעם בריף געהאריג צוזאמענגעלעגט, פערזיגעלט, די נויטהיגע פאסטמארקען ארויפגעקלעבט אונ אליין אין פאסט קאסטען אראפ געלאזען. אז זי איז צוריק צום שטוב צוגעקומען האט זי ביי דער טהיר א פוהר דערזעהן, אין א מינוט ארום איז זי שוין געלעגען אויף דער מוטערס האלז. טאכטער אונ מוטער האבען זיך צוקושט אונ מיט טהרערן איינע די אנדערע בענאסען.

חיילע איז געקומען אונגעריכט, דיא טעלעגראמע וואס האט דאס אונגליק פון מאנס טויט אנגעזאגט אונ די פיין וואס זי האט דאן געפיהלט בעת מען האט איהר ליעב קינד ניט געקאנט דערמינטערן, האט אויף איהר א איינדרוק געמאכט אז זי האט אהנע שרעק א טעלעגראמע ניט געקאנט זעהן, ווי זי וואלט גאר אין זיך קיינמאל ניט קאנען ענטהאלטען א גוטע בשורה, וועלכע קאן מאנכען גליק אונ פרייד אנזאגען מיט א פאר שעה פריהער. דאריבער האט זי ניט טעלעגראפירט ווען זי איז ארויסגעפאהרן דיא קינדער אומזיסט ניט צו דערשרעקען אונ איז אנגעקומען פלוטצלונג.

מיט א שווערן זיפץ האט זי איהרע קליינע יתומים בעגעגענט, וועלכע בערעלעספאק האט באלד פון חדר געבראכט; אבער נאך שווערער איז איהר שעפעט געוועזן וואס בערעלע האט ערשט פון וואגען אראפ גענומען אונ מיט די לעצטע כוחות קוים אין שטוב אריינגעטראגען.

רחל'ע האט זיך געפרעהט, וואס די מוטער זעהט אויס, אונבעשריען, גוט אונ געזונד, די מאדיש געגאהטע קליידער וואס זי האט אויף זיך געהאט אין דער מינוט האבען זי יונגער געמאכט מיט צעהן יאהר, דאס האט איהר געטריי קינד א הנאה געטהון, ווייל זי איז אלין אונרוהיג געוועזן איבער דער מוטערס געזונד אין אזא ווייטען וועג, וואס זי איז דערצו קיינמאל נאך ניט געפרובט געווארן; נור אז אין א פאר שעה ארום איז זי צוגעקומען צו דער מוטערס שעפעט אונ האט איהרע זאכען אנגעהויבען פאנאנדער פאקען אונ דא געפונען דעם געשטארבענעם פאטערס גילדערנעם זייגער, זיינע גאטיץ ביכלעך, זיין זיגעל אונ טינט אונ פעדער, האט זי איהרע טהרערן ניט געקאנט איינהאלטען אונ האט זיך גוט אויסגעוויינט. דעם זייגער מיט די איבריגע זאכען דעם פאטערס ביי זיך אין איהר צימער אוועק געלעגט, אנגעקושט זיינע גאטיץ ביכלעך, אין וועלכע זי האט מאנכע מערקווירדיגע בעמערקונגען אונ געדאנקען דעם ליעבען פאטערס דורך געלעזען, זי האט באלד איהרע טהרערן אבגעווישט אונ איז געגאנגען ענדיגען פאנאנדער נעהמען דעם פאלען טשעמאדאן. דא איז איהר אבער ווידער שווער געווארן צום געמיטה, ווארום זי האט דא געפונען שטיקער טהייערע האללאנדער ליינוואנד, שטיקער סאמעט, זייעדנס אונ אנדערע טהייערע זאכען, וואס זי האט ניט געקאנט בעגרייפען: וואצו האט די מוטער דארויף אזוי פיעל געלד אויסגעגעבען? איהר האט איבערהויפט פערדראסען: ווי קאן איהר נאר אין זינען ליגען קויפען, אין אזא טרויעריגער רייזע, אזעלכע שטאפען אונ מאטעריע, וואס פאסען נור פאר יענע וואס פעהלט זיי מעהר ניט ווי דאס? צו מיינט ניט די מוטער מיך אבצוקויפען דערמיט? צו מיינט זיא ניט אז צו ליעב אזעלכע שאנע

זאָבען װעל איך דעם ליעבען פאָטער פערגעסען? אָ, ניין, ניטאָ קיין ברייכטהום אין דער װעלט װאָס זאָל קאָנען מיר בעצאָהלען דעם דימאַנט װאָס איך האָב אין איהם פערלאָרען!״...

— װי געפאַלט דיר מיין טאָכטער, דיא שטאָפען? האָט די מוטער געפרעגט צו געהענדיג העלפען רחלע'ן אַלעס פאַנאַנדער פאַקען.

— װיא עס קאָן געפאַלען אַ גוטע זאַך. האָט רחלע אונרוהיג און קורץ געאַנטפערט.

— דאָ ביי אונז איז אַזעלכע סאַמעט פאַר קיין געלד ניט צו בעקומען, האָט די מוטער בעמערקט געהמענדיג אַ שטיק סאַמעט אין האַנד.

פאַר געלד, ליעבע מוטער, האָט רחלע געאַנטװערט, קאָן מען אַלעס בעקומען, אַז ניט דאָ בעקומט מען עס ערגעץ אין אַ אַנדער שטאָדט. אָבער פאַר קיין געלד קאָן מען ערגעץ ניט אָבקויפען דעם װאָס איז געשטאָרבען!...

— בודאי אַזוי מיין קינד, האָט די מוטער מיט אַ שװערען זיפץ צוגעשטימט, װאָס געשטאָרבען איז פערלאָרען, ניט נור מיט געלד קאָן מען אַ געשטאָרבענעם ניט לעבעדיג מאַכען אָבער מיט װיינען און קלאָגען אויך ניט; איך האָב אויך מיינע אויגען אויסגעװיינט, און װאָס װייסטו מיין קינד װאָס איך האָב דאָרט איבער געליטען? אָבער איין טראָסט איז מיר געבליבען, װאָס אין זיין טויטט קאָנען מיר קיינעם ניט שולדיג מאַכען. װי עס האָבען מיר דאָרט די מענשען ערצאָהלט, װאָס זענען דערביי געװעזען פון אָנהייב קראַנק ביז זיין כשרה נשמה איז אַרויס, האָט ער אַלץ מיט דעם פאַלען פערשטאַנד גערעדט װעגען אונז. און האָט אַ צוואה געלאָזט שרייבען אין רוסישען פאָרמאַלנאַ. װי ער װאָלט אַליין געװאוסט אַז ער האָט מעהר קיין יאָהרען ניט. טעלעגראַפירן צו אונז האָט ער ניט דערלאָזען, „זיי װעלן ביז מיין טויטט ניט אויספּעיען צו קומען, זאָלען זיי זייער אונגליק מיט אַ פּאָר טאָג שפּעטער דערװיסען, זיי װעלן צייט האָבען צו קומען אויף מיין קבר. אַז זיי װעלן זיך שוין אויסװיינען אין דערהיים!״ דאָס זענען אַלץ זיינע װאָרטער געװעזען. און ער האָט דערמיט באמת זיינע לעצטע טרייהייט בעװיזען; װאָרום איך װאָלט גאָר אין איילענעם ניט געקאָנט דערפאָהרן אַהין אַ לעבעדיגע. פוהר און באַהן, װאָגען און שליטען, איך האָב מיינע ביינער צובראָכען פאָהרענדיג, אַכט טאָג נאָך איינאַנד! אַז איך האָב מיך שוין גוט אויסגעװיינט, האָב איך געלאָזט שטעלען אַ טהייערע מצבה אויף זיין קבר און האָב אָבגעצאָהלט איבער צװיי הונדערט רובעל? נאָט האָט חסד געטהון און איך האָב מיט מיין פאָהרן גאָר ניט שלעכט געמאַכט: מיין הוצאה האָב איך פערדינט, איך האָב נאָך ריוח גענומען פאַר די קאָנטראַקטען װאָס ער ע"ה האָט געמאַכט פאַר זיין טויטט, איך האָב מציל געװעזען אַלץ װאָס איז געבליבען אין פרעמדע האַנד. אומעטום, מיין טאָכטער, איז דאָ אַ גאָט אויף דער װעלט און גוטע מענשען װאָס האָבען יושר אין האַרצען; אַלע, די גראָסטע לייט פון קריסטען אַפילו האָבען אויף מיר רחמנות געלעגט און מען האָט מיר אַרויסגעהאָלפען אין אַלץ. — צוריק פאָהרענדיג בין איך אין מאָסקװא געשטאַנען עטליכע טאָג. איך האָב געװאָלט אויסרוהען, נאָ, אַז מען איז שוין אין אַזאַ שטאָדט, װאָס מען קאָן באמת בעקומען װאָס נור אַ אויג זעהט, אַט

האב איך מיר געלאזט איינרעדען און האב געקויפט אביסעל לייוואנד, א שטיקעל סאמעט, זיידענס און אטלעס און נאך אזעלכע זאכען וואס וועלען, אם ירצה השם, צו נוטץ קומען. — דער טוידטער, דארף שוין גאר נישט, אבער דער זינדינער לעבעדיגער מענש, מוז נאך אלץ האבען, און פריהער שפאטער וועסטו אליין מיר א דאנק זאגען וואס איך האב בעצייטענס אלס בעזארגט.

עס זענען געקומען דער פעטער מיט דער מוהמען שלום געבען חיעלען און האבען אויך געזאגט, דאס זי זעהט אוים, אהן עין הרע, געזונד און שטארק.

— דער וואס האט יאהרן קומט צוריק, האט זי ערקלארט, נאט גיט די קאלט נאך די קליידער נאך! אין גוטען מוטה וואלט איך ניט דערלעבט, דאכט מיר, אפילו אהין צו דערפאהרן, נור דער זכות פון מיינע יתומים איז מיר ביינעשטאנען און איך בין שטארקער ווי אייזען געוועזן, עס האט מיר ניט געשאט גיט קיין ווינדט און ניט קיין קאלט, דער געדאנקען: איך פאהר צו ליעב מיינע יתומים, האט מיך אין קאלט געוואר עמט, איך האב נור ביים לעבעדיגען געבעטען, ער זאל מיך צוריק מיט גאנצע ביינער אהיים ברענגען זיין א מוטער מיינע ארעמע יתומים!

— איצט, מיין שוואגערן, האט ר' שלמה טריי ארויסגערעדט, איצט זאלסטו טאקי א מוטער און א פאטער זיין דיינע קינדער! זיי דארפען דיך נאך!.. ניטא נאך אזא טרייער פריינד ווי א אייגענע מאמע! זיי זיי נור א מוטער א געטרייע און דוא וועסט נאך פון זיי פיעל נחת דערלעבען! זיי וויסען, אז כל זמן א מענש האט קיין קינדער גיט לעבט ער פאר זיך, אז מען האט אבער קינדער טאהר מען אויף זיך מיט איין אויג אויך ניט קוקען און ביידע אויגען אפען האלטען אויף די קינדערלעך, וועלכע קאנען נאך פאר זיך ניט זארגען און אויף זיך ניט אכטונג געבען; דערפאר, אז די קינדער וואקסען אויס און זענען געראטהענע זאגט מען: „געבענשט זאל זיין די מוטער וואס האט אזעלכע קינדער געבוירען!"

נאהענטע שכנות, וועלכע זענען געקומען חיעלען שלום געבען, האבען אויך דאס זייעריגע געזאגט און געהייסען חיעלען האפפען אין גיכען געטראסט צו ווערן מיט פיעל גליק און נחת פון איהרע קינדער, ווייל עס בעטען גאט פאר איהר אלע, וואס דערמאנען איהר געשטארבענעם מאן צום גוטען.

— הלואי זאלט איהר אמת זאגען, מיינע טהייערע, האט חיעלע געאנטווערט, איך דאנק אייך פאר אייערע גוטע רייד, איך וויים, איהר ווינשט מיר גוטס פון גאנצען הערצען, אבער מען דארף אין זיך ניט גענארט זיין, מיינע טהייערע!... מיט וואס קאן איך שוין געטראסט זיין? א אלמנה איז א אלמנה, האטש איהר מאג גוט זיין ווי דיא וועלט! אז מען נעהמט דעם קאפ אראפ פון די פלייצעס, קאן שוין קיין גליק און קיין נחת ניט איינגעהן, אלע אונזערע שונאים ווינשע איך צו בלייבען אלמנות אין רעכטען אנהייב לעבען אויף דער וועלט!..

זי האט צוגעטראגען איהר טאשענטוך צו איהרע אויגען און האט געחליפעט.

— קיין יודישע טאכטער, חיעלע, זאל דערצו ניט געפרובט ווערן! האבען דיא ווייבער צו געשטימט, אבער אויף וועמען דער גזר איז שוין אויסגעגאסען, זאל א דווין אייער שאדען, ניט בלייבען אין א ארגערע לאגע, אלס איהר! האפט צו גאט, זיין

משפט פערשטעהן מיר ניט, זיין חסד איז אין אלין, ער קאן איך נאך טראכטען און איהר וועט נאך פיעל גליק און נחת דערלעבען!

ר' שלמה'ן זענען די לעצטע רייד זעהר דער ווידער געוועזן, זיין עהרליך געפיהל האט זיך אין איהם אויפגעכאפט און אום צו מאכען א סוף פון דיא רייד האט ער געזאגט:

— ווייסטו וואס מיין שוואגערין, פאלג מיר, לעג זיך אויסרוהען א ביסעל, געזונד דיר אומוואנלען, גאט האט דיך א היים געבראכט צו דיינע קינדערלעך, זאלען געזונד זיין, צו דיין היים, דאנק איהם און לויב איהם פאר דעם חסד! רוה זיך אויס, דוא וועסט אויפשטעהן א פרישע א געזונדטע, דוא וועסט דיינע קינדערלעך זעהן און דו וועסט זיי א מוטער זיין, דוא וועסט דיינע פיער ווינקעלעך זעהן זיי זענען ליבטיגע און דו וועסט דערמאנען, אז עס זענען דא אלמנות געבליבן אויף דער וועלט — פינסטערע און ביטערע, וואס האבען ניט וואו מיט זייערע ארעמע יתומים זיך צו צוטולען אפילו. — געה, רוה אויס, מיט די ווייבער וועסטו אין איין טאג און אין איין נאכט זיך ניט אויסרעדען; ניין מאס רייד שיט זיך אזוי גיך ניט אויס! איך האב רחמנות אויף דיר, איך זעה דוא דארפסט אויסרוהען און איך געה אהיים האטש איך האב נאך צו רעדען און צו רעדען מיט דיר. א גוטע נאכט, מיין שוואגערין! קום אהיים דבורה! ...

געהענדיג אהיים מיט זיין דבורה'ן האט ר' שלמה געזאגט מיט א זיפץ:

— איצט ווייס איך, אז מיין ברודער לייזער איז געשטארבען. האסטו דבורה? לייזער איז געשטארבען! געשטארבען איז ער, ער אליין איז געשטארבען און דער וואס לעבט איז ניט געשטארבען, פערשטעהסטו וואס איך רעד?

— איך פערשטעה, אודאי פערשטעה איך וואס דו רעדסט, האט זי געענטפערט, נור וואס פאר א נייעס דערצאהלסטו מיר?

— דו ביזט א נארישע אשה, זיי מיר מוחל! א אשה פערשטעהט ניט אפילו וואס זי פערשטעהט ניט, האט ער ערקלארט, איך אבער בין ניט קיין אשה און איך פערשטעה אז איך פערשטעה, און ווייל איך פערשטעה, פערשטעה איך, אז א אשה איז ניט מעהר ווי א אשה, א זינדיגע אשה, א עס לא היה, חוץ'ס א טאכטער און האט א קירצערן זכרון פאר א קאטץ אפילו. פע, מאוס, איך וויל שוין אזוי ווייט ניט רעדען!

— דוא רעדסט פון כעס, האט זיך דבורה אנגערופען, א אשה צו א אשה איז ניט גלייך, איך בין אויך א אשה און אז זי וואלט היינט ניט א נאסט געוועזן וואלט איך איהר בעצאהלט פאר איהר זינדיגען; עס פאסט גאר ניט פאר חייעלען, דער קאפ איז מיר אויסגעטריקענט, איך פערשטעה גוט וואס דוא פערשטעהסט? ווי קומט עס צו איהר? סיידען עס איז אמת וואס לייטישע צינגער האבען גערעדט. —

— אפילו, ווען עס זאל אמת זיין, האט דער פעטער צו געלעגט, האט זי אויך בעדארפט קלוגער זיין און נאך צייט האבען א ביסעל, אלא זי איז א אשה, היינט געה רעד מיט א אשה, אז זי איז פארט א אשה! זי מאג זיין א חכמה, א לאנגער פירהערן קוים מאכט זי א ברכה: שעשני כרצונו, איז זי ניט מעהר ווי א זינדיגע אשה — ניט

אומזיסט האט מען זיי נור דריי מצות געגעבן, אויף מעהר האבען זיי קיין כח, קיין שכל און קיין דעת ניט!...

ו.

אויף מארגען איז ר׳ שלמה פון דאוונען גלייך צו חיה׳לען געגאנגען, ער איז צו גלייך צום בופעט ארויסגענומען א פלאשעל שפירט, זיך אנגעגאסען א גוטען רביעית, א ברכה געמאכט, אויסגעטרונקען און פערביסען מיט א שטיק פרישען קאז וועלכע פייגע האט ערשט פון קיך אריינגעטראגען.

איצט מאג איך שוין פאסטען ביז מיטאג! האט ער צו חיה׳לען געזאגט, ווילסטו, קאנען מיר איצט רעדען אלין וואס מיר האבען צורעדען? האסטו דיא צואה לייזערס דא ביי זיך? גיב אהער וויל איך זי דורכליינען.

חיה׳לע האט אנגעזאגט: טאמער קומט דא ווער זי פרעגען, זאל מען זאגען אז זיא שלאפט נאך, זיא איז מיט ר׳ שלמה׳ן אריין אין קאבינעט און צו געשלאסען די טהיר. איך וויל ניט, האט זי ערקלארט, אז אפילו רחלע זאל די צואה הערן, ביז איהר וועט אליין זאגען, צו דארף זי שוין וויסען וואס איהר געשטארבענער פאטער שרייבט וועגען איהר צו ניט!

— דעם אמת זאגענדיג, האט ר׳ שלמה געאנטפערט, האט —על פי דין און על פי יושר—רחלע געמאגט וויסען פון דער צואה נאך פריהער פאר מיר, ווייל איהר טאטע האט זי געשריבען פון איהרעטוועגען ניבער ווי פון מיינעטוועגען, נור אזוי ווי זיא איז א קינד און וועט דאך געוויס וויינען בעת זי וועט איהר טאטענס לעצטע רייד הערן, אגב ווייל פון יענער צייט, זייט ער איז א געזונדטער פון דאנען אוועג געפאהרן זענען א סך ענינים אין גאנצען נשתנה געווארן, וואס ער האט בשום אופן וועגען דעם ניט געקאנט וויסען בעת ער האט די צואה געשריבען, איז טאקי אפשר גלייכער, איך זאל פריהער וויסען וואס ער מיינט אין דער צואה, און דערנאך וועלן מיר ישוב הדעת האבען איהר צו ווייזען זי, אדער ניט.

חיה׳לע האט ר׳ שלמה׳ן א זיידענע טוך דערלאנגט פון וועלכער ער האט די צואה ארויסגענומען. ער האט זיינע ברילען פון שיידעל ארויסגעצויגען, זיי גוט אויסגעווישט מיט א ברעג טישטוך, ארויף געזעטצט זיי אויפ׳ן נאז און האט אנגעהויבען לעזען; נור קוים האט ער דעם פערשטארבענעם ברודערס האנדשריפט ערקענט, זיך דערמאנט וואס פאר א ספרא רבה ער איז געוועזען און ער ליגט שוין איצט אין דער ערד, זענען איהם טהרערן אנגעלאפען און האבען פערגאסען זיינע ברילען, ער האט א ווארט ניט געזעהן און ניט געקאנט לעזען. חיה׳לע האט אויך די זיידענע טוך צוגעטראגען צו איהרע אויגען און אזוי זענען זיי שטיל געזעסען א פערטעל שעה. ר׳ שלמה׳ס טהרערן האבען זיך געגאסען שטיל און לייכט, חיה׳לע האט איהם ניט געשטארט, זי האט די זיידענע טוך פריהער ניט אראפ גענומען פון איהרע אויגען ביז ער האט אויסגערעדט: „נו, לאז זיין גענוג, מען דארף א מענש זיין!" ביי די רייד האט ער די ברילען אראפ גענומען, נאך אמאל זיי אויסגעווישט, מיט דער האנד די אויגע

אויסגעריבען, אנגעטהון דיא ברילען צוריק אונ האט צו לייגען אנגעהויבען:

„אז חזקיהו דער מלך פון יהודה איז געפאהרליך קראנק געווארן, דערצאהלט דער פסוק, איז געקומען צו איהם דער נביא ישעיה אונ האט איהם געהייסען אנזאגען זיין הויזגעזינד זיין לעצטען רצון, דאס הייסט: ער האט איהם געהייסען שרייבען א צוואה פאר די נאהענטע זייניגע וועלכע בלייבען נאך איהם.

„אונזערע חכמים ווידער ערצאהלען אונז, אז די וואס פלעגען פארצייטען ארויס געהן אין א מלחמה מיט פארצייטיגע יודישע פיינד, פלעגען מוזען לאזען זייערע ווייבער א תנאי גט: טאמיר קומען זיי פון דער מלחמה ניט צוריק, צו זיי ווערן דארט געפאנגען פון דעם שונא, אדער זיי ווערן צוטרעטען אויפן פעלד, זאלען זייערע ווייבער אין דערהיים ניט בלייבען אייביגע עגונות, וואס דאס איז פאר יעדער אשה גליך ווי א לעבעדיגע מקובר צו ווערן.

דיזע ביידע געשיכטען בעווייזען אונז יודען, אז בעת מיר לעבען נאך זאלען מיר פערשטעהן, אז מיר מענשען דארפען זיך ניט איינרעדען אז אלע לעבען צו ליעב אונז, אונ בעת מיר הערן אויף צו לעבען הערט מיט אונז אלעס אויף, אונ מיר זענען פאר אונזער טויט ניט מחויב גאר צו זארגען פאר די וואס בלייבען נאך אונז! —

מיר זעהן דערפון, אז דער מענש האט נאך א חוב אונ א מצוה צו טהון זעלבסט אין דער לעצטער מינוט פון זיין דא זיין: מיט זיך אין קבר אריין טאהר ער קיינעמ'ס פרייהייט אונ קיינעמ'ס גליק ניט מיטנעהמען, ער מוז זארגען, אז נאך זיין טויט זאל דיא פרוי מיט איהר מאן איהר פרייהייט אויף זיך ניט פערלירן, אונ אזוי וויא צו איהר דארף ער ערהליך אונ גוט זיין אין דער לעצטער שעה, אזוי טאהר ער אויך זיינע קינדער ניט פערבינדען מיט א שטרענגער צוואה אונ ווילען, וואס קאן זייער פרייהייט שטערן אונ זייער גליק חלילה היגדערן.

אלס יוד, וואס מיר איז ליעב אונ הייליג יעדעס ווארט, יעדער אות פון אונזערע הייליגע ספרים, הייליג אונ ליעב אויך יעדער דין אונ מנהג ביי אונז יודען, בעט איך שטאנדיג ביי גאט וואס לאזט מיך לעבען, אז אין מיין לעצטען טאג זאל איך ביי מיין קלארן זינען זיין אונ זיין צווישען מיין פאמיליע, אדער חאטש צווישען יודען, איך זאל קאנען א ערהליכע אונ א געטרייע צוואה שרייבען פאר מיין הויז אונ קינדער ווי אונזער תורה וויל אונ ווי ערהליכע קלוגע יודען האבען געטהון פון אייביג אן!

איין טאג פאר אונזער טויט, הייסט אונז דער חכם ר' אליעזר תשובה טהון אונ אזוי ווי מיר ווייסען ניט זיכער אויב מארגען וועלן מיר נאך לעבען, איז די עצה: תשובה טהון טאקי היינט; אז מיר זאלן איהם נור פאלגען וואלטען מיר אין תשובה אונ אין מעשים טובים אבלעבען אונזערע יאהרן. דער מענש אבער זעהט דעם טויט ניט נאהענט ווי לאנג ער לעבט, דערפאר לעגט ער אב זיין תשובה אויף שפעטער ביז ער שטארבט אפט גאר אהן תשובה. נור דער ליעבער גאט אבער וואס ווייס דעם מענשענס נאטור, זייגע שוואכהייט אונ זיין הערץ אין איהם, נעהמט צו א הרהור תשובה א מינוט פארן טויט אויך פאר א תשובה גמורה, אונ קיין יוד שטארבט ניט אהן תשובה!

ניט אזוי אבער קאן זיין מיט דער צוואה וואס יעדער איז מחויב צו לאזען זיין

הויז און קינדער: דאָ האָבען מיר אונזער רצון איבערצוגעבען מענשען, וואָס פערציפ... ערשט דאַן אונזערע געדאַנקען אַז מיר שפּרעכען זיי אַרויס. דאַריבער קאָן מען עס ניט אַבלעגען אויף שפּעטער. ווער ווייס אויב שפּעטער וועט אונז גאָר מעגליך זיין אונזער לעצטען רצון מגלה צו זיין? מיט הרהור אַליין קאָן מען דאָ ניט יוצא זיין על כן מוזען מיר יעדען טאָג אונזערן בעטראַכטען וויא דעם איין טאָג פאַר אונזער טוידט, און אויב מיר האָבען אַ רצון אָנצוזאָגען אונזער ווייב און קינדער זיי זאָלען דיזען רצון ערפילען נאָך אונזער טוידט — דאַרפען מיר דעם רצון פון געדאַנקען אויף פּאַפּיער אַרויפבּרענגען טאַקי נור היינט און אַ גרייטע צוואה האָבען שטענדיג ביי זיך.

דאָס לעבען אונזער איז פאָל מיט סכנות, אונזער פּרנסה צו ערהאַלטען דאָס לעבען איז די אייביגע מלחמה, וואו מיר קומען אין אַ געפאַהר גאָר אונגעריכט, און נור דורך נסים וועלכע מיר בעמערקען ניט ווערן מיר נצול און לעבען אויף דער וועלט. האָטש דער מענש איז מיט זיין לעבען אין דער היים ניט זיכערער אַלס אין וועג, נור זיין אונזיכערהייט בעמערקט ער ערשט דאַן וואו ער זעהט די אָפענע געפאַהר. אין וועג האָט מיר אַליין שוין געטראָפען כמעט דעם טוידט פאַר די אויגען צו זעהן; דאַריבער, מיינע ליעבע, שרייב איך איצט פאַר מיין אַוועקפאָהרן פון אייך מיין לעצטען רצון, איך שרייב עס ניט אַלס צוואה אָבער אַלס בריף, אַלס בקשה, איהר זאָלט וויסען וואָס מיר איז ליעב און נחת אין לעבען און איך ווינש אַז נאָך מיין טוידט זאָל אויך אַזוי זיין. אַ צוואה געפינט זיך אַחוץ דעם אַ פאָרמאַליטאָ וויא עס דאַרף זיין. האָרט זשע מיין רצון!:

אַלץ וואָס איך לאָז דאָ אויף דער וועלט נאָך מיין טוידט, לאָז איך אויף אייביג אויף אַלע מאָל, אין קבר איז אַלץ איינס צו מען האָט דאָ פיעל אוצרות נאָכגעלאָזען צו מען האָט ניט געהאַט אפילו בעת מען האָט געלעבט אַ אייגענע פּרוטה. אין תכריכים פון ליינוואַנד וויקעלט מען איין דעם עני שבישראל פּונקט ווי דעם יודישען עושר, און אין דעם פייכטען ענגען קבר ליגט אַזוי רוהיג דער אָרעמאַן ווי דער נגיד! נור אַ גרויסער אונטערשייד, ליעבע היילע, איז אויך דאָרט וועלכע קינדער איין יעדער האָט אויף דער וועלט נאָכגעלאָזען.

מיר זענען יודען מאמינים בני מאמינים; מיר גלויבען אַז הינטער דעם קבר עפענט זיך פאַר אונז, דער עולם האמת, דאָרט קומען מיר אונז צוריק צוזאַמען מיט אונזערע ליעבע געשטאָרבענע עלטערן און דאָרט וואַרטען מיר, צו אונז זאָלן אויך אונזערע קינדער קומען, — אַז זיי וועלן זייערע יאָהרן דאָ אויסלעבען, ווי מיר ווינשען זיי, — וואָס קאָן פאַר אונז, גלויביגע עלטערן, אין יענער מינוט, ווען אונזערע קינדער שטעהען מיט פערוויינטע אויגען אַרום אונזער שטאַרבע בעט, בעת מיר שיידען אונז מיט אַלץ וואָס מיר האָבען דאָ געקליבען און אָנגעזאַמעלט, וואָס קאָן אין אַזאַ מינוט אין אונז שטאַרקער זיין וויא דער רצון: דיזע וויינענדע קינדער זאָלן ניך געטראָסט ווערן נאָך אונזער טוידט? חי דער רצון: זיי זאָלען לעבען און זיין ווי מיר ווינשען זיי און אַז זייער שעה וועט קומען אַהין צו אונז צו געהן — זאָלן זיי מיט זייער קומען צו אונז, אונז דאָרט ניט פערשאַמען, מיר זאָלען זיי דאָרט עמפּפאַנגען קאָנען

מיט דערזעלבער טרייהייט וואס מיר שיידען זיך פון זיי. און וויא מיר ווינשען אליין עמפפאנגען צו ווערן פון אונזערע עלטערן צו וועלכע מיר גרייטען אונז צו צוקומען באלד?

דאריבער איז מיין ערשטער און לעצטער רצון, חייעלע, אז אונזערע קינדער זאלען אונזערע קינדער זיין און בלייבען. נאך מיין טוידט ווי אין מיין לעבען, און ווען גאט וועט דיר מעהר יאהרן צוטהיילען דו זאלסט זייער לעבענדע מוטער נאך זיין בעת איך וועל שוין ניט מעהר זיין אלס זייער געשטארבענער פאטער, זאלסטו דעם חלק ליעבע און טרייהייט. וואס דיין הערץ האט אמאל פאר מיר געפיהלט — פיהלען פון איצט פאר אונזערע קינדער. איך מיין מיט דעם: דו זאלסט זיי נאך מיין טוידט דאפעלט ליעבען — ליעבען זיי ווי א מוטער פערשטעהט איהרע קינדער צו ליעבען: אכטונג געבען זיי זאל ניט פעהלען קיין זאך, קיין עסען, קיין טרינקען און זיי זאלען געזונד זיין, אבער אויך ליעבען זיי ווי דו האסט מיך געליעבט, דאס הייסט: קוקען אויף זיי ווי אויף גאנצע מענשען, וועלכע האבען זייער אייגענעם ווילען, זייער אייגענעם שכל און האבען רעכט זייער גליק אליין אויסצוקלויבען .... גאט זאל דיך אבהיטען צו וועלען אנהענגען אויף זיי אזא גליק וואס זיי זעהן עס ניט מיט אייגענע אויגען!....

קאנסטו זייערע שמערצען פיהלען בעת זיי ליידען? ווי גערן אויך דו ווילסט, זיך געהמען זייערע יסורים נור זיי זאלען געזונד זיין, ווערן זיי מיט דעם ניט געהיילט, זיי קראנקען און זיי ווארפען זיך און זיי איז ביטער; אזוי קאנען זיי רעכט הונגריג זיין און א גוטען אפעטיט האבען בעת דוא האסט דיר דעם מאגען פערדארבען און קאנסט אויף עסען ניט א קוק טהון. בעזאנדערע מענשען זענען זיי און בעזאנדער איז אויך זייערע וואונש און פערלאנגען! פערשטעה דאס, חייעלע, זיי עהרליך מיט זיך און ניט רעד וויא אנדערע ווייבער, אהן שכל, וועלכע בע יהמען זיך, דאס בעת זיי זענען קינדער געוועזען האבען זיי גאר קיין אנדער וואונש און ווילען ניט געהאט, אלס דעם וואונש און ווילען פון זייערע עלטערן צו טהון. זאגען זיי אמת, איז דאס נור א סימן, ווי קליין זייער שכל איז דאן געוועזן, ווי פראסט און נארעש זיי האבען דאן געמוזט לעבען — זאגען זיי א ליגען, איז נאך מעהר צו בעדויערן אזעלכע מוטערס וועלכע ווילען מיט נארישער בעריהמעריי און מיט ליגען זיך אלס ביישפיעל שטעלען ווי זייערע קינדער זאלען זיך פיהרען!....

עלטערן קאנען אין קינדער ניכער פערנארט זיין און זייערע פעהלער ניט בעמערקען אלס קינדער אין עלטערן, און וויל דיזע קינדער זענען שטאנדיג צוזאמען מיט זיי זעהען זי אפט אין די עלטערן אזעלכע פעהלער וואס קיין שונאס אויג אפילו איז ניט אים שטאנד צו זעהן; דאן טרעפט אפט, אז די קינדער ווערן דורך דעם פערדארבען אזוי ווי זייערע פערדארבענע עלטערן — אין בעסטען פאל, וואו די קינדער זענען מיט א גוטער עהרליכער נאטור געבוירן און די עלטערנס פעהלער ווירקען ניט אויף זייערע זיטען און אויפפיהרונג פערדארבען צו ווערן — פערלירען אבער די עלטערן זייערע די וואהרע אכטונג און ליעבע פון זייערע קינדער, האטש די קינדער בלייבען זיי קיין שונאים ניט, אבער גענוג אז אין טיפען הערצען שאמען זיי זיך מיט זיי

און פערלירן די ריינע אכטונג פון קינדער צו עלטערן! ... דאן, ליעבע חייעלע, איז בעסער גאר קיין קינדער צו האבען, איידער זיי האבען און זיי זאלען זיך חלילה שאמען מיט אונז איבער אונזערע שלעכטע מדות. איך וויל אבער, דאס מיינע קינדער זאלען זייערע מוטער ניט נור ליעבען אבער אויך אכטען; ליעבען קאן מען גאר אהנע אורזאכע, נור פון דעם אנגעבארענעם געפיהל: די מוטער צו ליעבען וועלכע עס האט אונז געבוירן, אכטונג אבער קאן נור דארט מעגליך זיין, וואו עס איז דא א גרונד אויף וואס די אכטונג זאל געבויט זיין: מען מוז די אכטונג פערדינען! .... ליבע חייעלע, אכטונג אהנע פערדינסט איז נור חנופה, פאלשקייט, אזא אכטונג פון איינענע קינדער ווינשע איך דיר ניט ... דו קאנסט אבער די ריינע נאהרע אכטונג פערדינען, אז דו וועסט דיינע טרייהייט און גוטסקייט מיט שכל, מיט איבערלעגונג זיי לאזען מערקען, זיי זאלען אליין דיזע טרייהייט בעגרייפען און דאס גוטס ערקענען, זיי זאלען פערשטעהן און מיט איינענעם ווילען אננעהמען דיין גוטס. דאן וועט זייער דאנק ממילא קומען און דוא וועסט באמת געליעבט און געאכטעט זיין!

אונזער רחל'ע איז, גאט צו דאנקען, א גוט קינד, א געראטהען קינד, פיעל האב איך מיט איהר געלערנט. איהר הערץ איז גוט און ריין, איהר קאפ איז יונג און פריש, איהר שכל איז געזונד און ליכטיג און איהרע געזינונגען אין ריינעם יודישען גלויבען, אין פרומקייט און גוטסקייט ענטוויקלען זיך אלץ שענער און בעסער פון טאג צו טאג; מיין הארץ זאגט מיר, דאס זי וועט אימער ביי איהר גוטען פרומען הערצען בלייבען. דיך בעט איך, לאז זי וואקסען ווי א שאנע בלום אין גאטעס גארטען, לאז איהר פריי זיין, שטערע ניט איהרע האפנונגען, מיש זיך ניט אריין אין איהרע שטילע פרומע געדאנקען; פרעג זי ניט דאס וואס זי אליין ערציהלט דיר ניט, און גיט וויל זי מעהר גליקליך זעהן אלס זי וויל עס זעלבסט! דאן וועט דיין קינד דיך ליעבען, דיר אלעס ערצאהלען, זעלבסט וואס דו פראגסט ניט, און גאט און לייט וועלן מיט אונזער רחל'ען צופרידען זיין! דאן, ליעבע דייעלע, וועט רחל'ע א גוטער משל קאנען זיין פאר אונזערע קלענערע קינדער, זי וועט זיי פיהרען אין דעם זעלבען וועג וואס איך, איהר פאטער, האב זי געפיהרט ביז אהער. דאן וועלן אונזערע קליינע קינדער, האפע איך, קיינע יתומים'לעך ניט זיין זעלבסט ווען זיי וועלן שוין קדיש זאגען נאך זייער פאטער! ...

אז די געווינשטע צייט וועט קומען, און דו וועסט, אהן מיר, פאר רחל'ען א שדוך דארפען טהון, זאג איך דיר אויסדריקליך: מיין גאנצע דעה וואס איך האב אין דעם אלס פאטער, לאז איך איינציג און אליין מיין רחל'ען, ניט דיר, און ניט מיין ברודער שלמה'ן — אויב גאט וועט אייך מעהר יאהר געבען לאנגער צו לעבען אלס איך — דאריבער וועט רחל'עס דעה אין דעם זיין אויך מיין דעה, און דיין דעה. אויב זי וועט חלילה אנדערש זיין אלס אונזערע, זאלסטו מבטל זיין אויב דו ווילסט נור מיך אין קבר צורות לאזען! ...

זיכער בין איך אז ניא וועט רחל'ען יענער געפאללן, וואס וואלט אין מיין לעבען מיר ניט געפאלן און דער, וועלכער געפאללט מיר שוין איצט, האט שוין זיין חן געפונען אין איהרע אויגען. מיין זעליגער פאטער, דיין גוטער און קלוגער שווער, האט

שוין דאס פארגעזעהן, בעת זיי זענען נאך קליינע קינדער געוועזען און האט זיי זיין ברכה געגעבען, איצט האט נאט אויך זייער הערץ צוזאמענגעבונדען; ווער עס וויל אין נאט ליינענען און איהם דערוויידער זיין זאל דיזען בונד צוריסען!....

אין דער פארמאילגער צואה וואס איך שרייב אין רוסישען פאר עדות, בעשטעטיגע איך אלע אופנים פון ירושה, איך פערבינד דיך ניט, אבער בעטען בעטע איך: אויב דוא ביזט מיר טריי און אויב מיין אנדענקען וועט ביי דיר האטש פיעל ווענינ טהייער בלייבען — זאלסטו די קינדער אונזערע איינציג און אליין א מוטער און אויך א פאטער זיין, ווענינסטען, אזוי לאנג זיי קיין נייעם זארגער און מדריך ניט געבען, ביז רחלע וועט אים שטאנדע זיין מיין שטעלע אין דעם צו פערטרעטען....—ווי לאנג זיי דארפען נאך דיין מוטער ליעבע, ווי לאנג זיי קאנען אהן דיינע טרייהייט ניט אויסקומען, זא לאנג נור בלייב דוא זייער מוטער, שפעטער ביזטו פריי. און דארט וואו איך וועל דאמאלס זיין וועל איך פאר דיר נאט בעטען דיר זאל גוט זיין!

אויך דיך, מיין ליעבער ברודער שלמה, בעט איך דער אפעקון און טרייעסטער פריינד מיינע קינדער צו זיין, איך קען דיין גוט הערץ, דיין ווייך יודיש הערץ, שלעכט זיין קאנסטו גאר ניט; אבער אום גוט צו זיין, די גוטסקייט זאל ניט ארונע גוטע בלייבען מוז מען אויך קלוג זיין.... דוא קאנסט דענקען אבער דו ווילסט ניט. דו ווייסט א דין און א יושר, אבער צו ווענינ איז דיין דעה א דעה וואו אנדערע זענען דיר נענען, דאס קומט נור דערפון ווייל דו ביזט דיין שכל מבטל און א דעה אהן שכל איז קיינמאל קיין דעה ניט!

צו ליעב מיינע יתומים, שלמה, צו ליעב זיי וועק דיין שכל אויף און אלץ וואס דו וועסט נור טהון פאר זיי זאל מיט שכל און מיט דעת זיין!

ווער ווייס: צו ליעב וואס האט דיר נאט מעהר יאהרן געגעבען אלס דיינע יונגערע ברידער און האט דיר קיין קינדער צוגעטהיילט זיי מגדל צו זיין? אפשר מיינט דער רבונו של עולם: דיך צו ווירדיגען דערמיט וואס דו וועסט מיינע יתומים מגדל זיין, גלייך ווי דו וואלסט אייגענע קינדער ערציהען? איז דען ניט גלייך דער וואס ערציהט פרעמדע קינדער אין גוטער יודישקייט ווי ער וואלט אייגענע קינדער האבען און זיי ערציהען?

פיעל תורה, מיין ברודער, ברויך איך דיר ניט זאגען, דוא לערנסט די תורה מעהר פאר מיר און דו קאנסט וויסען וואס נאט פערלאנגט; נור ביטען מאג איך דיך, דוא זאלסט, אנשטאט מיר, מיינע קינדער תורה לערנען, רחלע וועט זיי דרך ארץ ווייזען און ביידע זאלט איהר איינע דיא אנדערע ניט שטארן!

מיין רצון וועגען אונזער פלעמעניק משה'לען דארף דיר בעוואוסט זיין, דוא ווייסט אויך אז דאס וואר דער לעצטער רצון פון אונזער זעליגען פאטער. אז דיא גליקליכע שעה וועט קומען וואס דוא וועסט אונזער רצון אויספיהרן און דוא וועסט דיינע האנד אויף זייער קאפ ארויפלעגען זיי אונטער דער חופה אלס חתן כלה צו בענשען, מאנסטו זיכער זיין, אז צוזאמען מיט דיר וועלן אויך מיר: אונזער פאטער און איך — אונזערע הענדט אויפהויבען און אונזערע קינדער בענשען און נאט פון אין הייליגען הימעל וועט אויף אונזער ברכה אנטפערן אמן!

„די איבריגע ענינים און חשבונות וועסטו געפינען אין דער פארמאילנער צוואת איך האפע דוא וועסט אלעס אזוי פונקטליך אויספיהרן און ניט לאזען חלילה, אז יעמאנד זאל נאך מיין טוידט מיין נאמען ניט צום גוטען דערמאנען.

זייט איך געזונד. איך וינשע נאך אייך אלעמען אלעבעדיגער לעבעדיגע און געזונדטע צו זעהן, ווארום בעת איך שרייב בין איך נאך רעכט געזונד און שרייב נור: על כל צרה שלא תבא; אבער דעם רצון וואס איך האב דא געשריבען וועל איך ניט משנה זיין אין קיין אופן. גאט וואס האט מיר געהאלפען דעם רצון מיינעם פון מחשבה אויף פאפיר אין ווארטער ארויס צוברענגען, זאל אייך, מיינע טהייערע, העלפען אזוי מקים צו זיין פונקט ווי דא איז געשריבען. דערמיט וועט איהר טהון א חסד של אמת מיט דעם געשטארבענעם אליעזר בן אברהם הכהן!"

חבל על דאבדין! וועה אויף אונז וואס מיר האבען אזא טהייערע כלי פארלארן! האט ר' שלמה אויסגעזיפצט מיט טהרערן אז ער האט די צוואה געענדיגט. זיין צוואת ווייזט אונז וואס פאר א חכם א עמקון ער איז געוועזן, ווי טיף און ווי הויך זיין קוק איז געוועזן! מען מאג דרוקען יעדעס ווארט פון אזא צוואה. הייעלע, דוא מאגסט וויינען, אלץ קאן דיר דער רבונו של עולם אוועג געבען, אבער נאך אזא מאן, אזא ספרא רבה. אזא מושלם בתכלית השלמה, אזא גוטער און בעל מדות טובות וועסטו שוין ניט האבען!... על האי שופרא דבלי בעפרא. אויף אזא טהייערע שאנקייט וואס איז אין דער ערד אריין מאג מען וויינען און קלאגען. נור טענות צו גאט טאהר מען ניט האבען. אונז בלייבט נור דיא וואונד אין הארצען, וואס ניט אזוי גרינג וועט אונז זיין דיא צוואה זיינע מקים צו זיין!...

— א פנים, אז דער מענש האט מעהר טהרערן אין זיינע אויגען אלס ער ווייס אליין! האט הייעלע אנגעהויבען רעדען. ניטא דא אין דער צוואה אזוי פיעל אותיות איינציגע וויפיעל טייבען טהרערן איך האב שוין צוגאסען זיא לעזענדיג; נור איין טראסט איז מיר נאך געבליבען. וואס איך וועל קאנען מיט גאטעס הילף זיין צוואת אויספיהרן און טהון זיין רצון פונקט ווי ער פערלאנגט! ער בעט מיך: דיא קינדער מיינע ליעב האבען. בעטען דארף ער מיך? אז ער וואלט געבעטען זיי פיינדט האבען, ווייס איך ניט צו וואלט איך געקאנט זיין בעטען מקים זיין, אבער אז ער בעט מיך זיי ליעב האבען. בין איך דען זיי א פרעמדע? האב איך זיי דען וועגען פיינדט געהאט? גאט זאל מיך אזוי ליעב האבען וויא איך ליעב מיינע קינדער! איהר מאנסלייט קאנט גאר ניט פיהלען דיא ליעבשאפט וואס א מוטער ליעבט איהרע קינדער; איך טהוט דער בויך גאר ניט וועה בעת מיר געבוירן דיזע קינדער מיט שמערצען און מיט פיין, וואס זאל איך אויף איהם פאראיבעל האבען?

— ער בעט דיך אבער נאך אזאך, האט ר' שלמה דערמאנט, ער בעט דיך: דו זאלסט א חוץ איינענע ליבשאפט זיי ליעב האבען ווי ער עליו השלום האט זיי ליעב געהאט. ער מיינט מסתמא: דו זאלסט ניט וועלן אויף זיי צו פיעל רחמנות האבען, ווארום דאריבער זאגען מיר: „כרחם אב על בנים" און ניט „כרחם אם על בנים", וייל א מוטער מאכט מיט איהר רחמנות אמאל קאליע דאס קינד; פערשטעהסטו? דיא גמרא אונזערע זאגט: א קינד זאל מען מיט דער לינקער האנד אבשטויסן פון זיך און מיט דער

רעכטער זאל מען עס צוריק מקרב זיין; א מוטער אבער איז שטענדיג דאס קינד מקרב מיט ביידע הענדט, דאריבער קומט אויס אז איהר רחמנות איז אן אכזריות ... ווידער פערלאנגט ער: דוא זאלסט דיין דעה, פערשטעהסטו מיך, מבטל זיין פאר זייער דעה, דאס הייסט: דוא זאלסט אין א סך זאכען זיי לאזען וואקסען ווי זיי ווילען. דעם אמת זאגענדיג, איז עס מיר קשה, איך פערשטעה ניט וואס ער מיינט דערמיט? א קינד ווייס גאר ניט וואס עס וויל; נור דאס מוז ער מיינען געגען א שידוך פאר רחל'ען. אמת, רחל'ע האט שכל, איז א גוט קינד אונ עס וואלט טאקי גרינג געוועזען מסכים צו זיין צו דעם וואס איהר געפאללט; אבער, „דער מענש טראכט אונ גאט לאכט!" לייזער, עליו השלום, האט נאך ניט געוואוסט, בעת ער האט די צוואה געשריבען — וואס פון דעם משה'לען איז געווארן ... א גרויסער נסיון איז זיין צוואה איצט פאר אונז! גאט זאל אונז צו הילף זיין מיר זאלען זי קאנען אויספיהרן, יוצא צו זיין פאר איהם.

— וואס רעדט איהר, שוואגער? האט חייע'לע ערשראקען אויסגעשריען, וואס איז דען מיט משה'לען געשעהן? פאר וואס זאל ער באמת רחל'עס חתן ניט קאנען זיין? פון מיינטוועגען, זאג איך אייך, איז קיין מניעה האטש באלד תנאים צו שרייבען; טאקי פאר וואס ניט? זיי זענען שוועסטער קינדער, ביידע יתומים נעביך, וואס דען? לאנג וועל איך זי האלטען קאנען? איך בין דאך פארט אן אלמנה, וואו וועל איך פאר איהר אנדערע חתנים געהן זוכען? אונ אז מען זוכט געפינט מען שוין, וואס?...

— אוים משה'לע, פארפאלען מיין טהייער קינד! האט ר' שלמה אויסגעקראכצט אונ טהרערן האבען זיין שטימע פערשטיקט. משוגע, ניט דא געדאכט, איז ער געווארן! שטודירן האט זיך איהם פערגלוסט אונ איז בשתיקה אונז אלעמען אוועק־געפאהרן אין טייטשעלאנד אונ איז א שטודענט געווארן; נו קאן ער שוין רחל'עס חתן זיין?... ניין, גאטעס דרכים ווייסען מיר ניט, מען טאהר ניט זאגען: ניין! ער וועט נאך ארויסקומען, אט הערסטו, חייע'לע, וואס איך זאג דיר? מיין פאטער, זכר צדיק לברכה, וועט ניט דערלאזען זיין עניקעל זאל אזא מופקר ווערן ווי אונזער דאקטער, ער וועט קומען, וועסטו זעהן, ער וועט חוזר בתשובה זיין אונ ווערן רחל'עס חתן, אזוי האט מיין פאטער אונ איהר פאטער געוואלט, מיר טאהרן זייער רצון אזוי גרינג ניט אריבער געהן, נור גאט ווייס ביז וואנען וועט דער טירוף איהם האלטען?

— איהר האט איהם גאר ניט געשריבען? האט חייע'לע געפרעגט.

— איך האב איהם געשריבען, איהם רחמים געבעטען ער זאל רחמנות האבען אויף מיינע אלטע יאהרן, אויף זיין זיידען געביך, וואס וויינט אונ קלאגט אויף איהם; איך האב איהם דאס אויך דערמאהנט אז רחל'ע איז שוין א יתומה אונ איהר פאטערס רצון איז געווים געוועזן ער זאל איהר חתן זיין; אבער די טומאה, רחמנא לצלן, האט זיין שכל ביי איהם אבגענומען אונ ער אנטפערט: ער וועט ניט צוריק קומען ביז ער וועט אויסלערנען אלע חכמות ו' נארעשקייטען, בנאמנות, וואס מען לערנט דארט מיט איהם, היינט גיב זיך א עצה!...

חייע'לע האט זיך שטארק פאנאנדער געוויינט. אלע איהרע פלאנער זענען פון דער שרעקליכער נאכריכט צופלויגען געווארן.

— ר' פנחס'ל דעם רבינ'ס זאל לעבען האט שוין לאנג געזאגט אז פון איהם וועט קיין גוטס ניט זיין! האט חייע'לע מיט א בעס געזאגט. איך וועל מיט גאטעס הילף פאר מיין רחל'ען א שאנערן און א בעסערן חתן געפינען. איך וויל נור פאר גאט ברוך הוא יוצא זיין!

— גיין, מיין שוואגערין, האט ר' שלמה לאנגזאם אויסגערעדט, ניט אזוי גיך טהוט זיך ווי עס רעדט זיך! איך האב מורא, אז רחל'ע וועט אויף אנדער חתן גאר ניט וועלן א קוק טהון...

— וואס רעדט איהר, שוואגער? מיין פרומע רחל'ע, וועט וועלן א חתן א געשטודירטען? האט זיך חייע'לע ווי א פערצווייפעלטע א האפ געטהון, מיידען ער האט איהר א כשוף אבגעטהון. מיידען זי איז מיין קינד ניט מעהר! איך בין נאך אבער ניט געשטארבען. מיין דעה איז אויך א דעה!... איך האב נאך קליינע קינדער. איך וועל זיך און די איבריגע ניט דערטרענקען צו ליעב איהר!

— ועהסטו אז עס איז ניט אזוי גרינג די צוואה מקיים צו זיין? ער הייסט דיך ניט צווינגען דיין קינד; דו ביזט א פרומע אשה, חייע'לע, דו מוזט און דארפסט מקיים זיין די צואה, גאט זאל דיך איינהיטען פון אנא מכשל עון וויא א מאנס צואה צו צערייסען! האב געדולד. האף צו גאט. ער וועט א עצה צו שיקען מיט דער צייט.

— אבער, ע"ר. עליו השלום. האט דאך ניט געוואוסט אז משה'לע איז געווארן א מופקר? האט זי געטענה'ט. פון זיין הייליגער רוהע וועט ער מיר דאנקען אז איך וועל זיין ליעב קינד געבען א פרומען יודען א מאן און ניט א מופקר! — אז דוא וועסט דיין קינד געבען א מאן א יודען? האט ר' שלמה איבער געזאגט, פרעג פריהער צו וועט דאס קינד וועלן נעהמען וואס דו גיסט איהם?

— א קלאג צו מיינע יאהרן! האט זי א געשריי געטהון און האט זיך א חאפ געטהון פארן קאפ. מיין רחל'ע איז פון וועגן אראב מיידען. איך לויף צו איהר. איך וויל עס פון איהר מויל הערן, זעט וועל איך וויסען אז מיין קינד האט א דונער איינגעשלאגען.. גיין, גיין, איך וועל ניט פרעגען, לאז זי מיר פרובען נור מעיז זיין!

— האר חייע'לע, האט דער פעטער ערענסט און ענטשיידען אויסגערעדט, האר, דוא ביזט א אשה! איך בין א מאנספערשוין און בין עלטער פאר דיר, מיט באזען וועסטו גאר נישט מאכען, פאלג זשע בעסער מיר און לאז דערווייל שטיל זיין, גאר שטיל זאג איך, ניט רעד מיט איהר וועגען משה'לען, וויא ער וואלט גאר ניט זיין; איך האב אויך אלע רייד וועגען איהם אויפגעהערט, אז מען וועט אין שטוב זיין נאמען ניט דערמאנען וועט זי איהם פערגעסען. געדענק וואס איך זאג דיר, זי וועט איהם פערגעסען. וועסטו זעהן זי וועט איהם פערגעסען! דו אדרבה, ווייז איהר דיין טרייקייט, מיט אלץ וואס דוא קאנסט; איהר טאטע איז שוין געשטארבען, זעה, זי זאל ווערן צו דיר אזוי צוגעטהון ווי צו איהם. דיר צו לאנגער יאהר. דערנאך, אז עס וועט אריבער א צייט און דו וועסט איינזעהן אז רחל'ע איז דיינע, וואס הייסט דיינע? טאקי דיינע ווי איך מיין, וועסטו קאנען אנהייבען רעדען מיט איהר מכח א חתן. דערווייל וועט זי טאקי אלטער ווערן, דער יאהר פון אבלות וועט אריבער געהן. און אפשר וועט דער רבונו של עולם זיך מרחם זיין און משה'לע וועט זיך

ארומקוקען, וועט צוריק א מענש ווערן, און עס וועט געשעהן, דער רצון פון מיין פאטער און דער ווילען פון לייזער'ן עליו השלום! נור איל ניט. קיינער ווייס נאך דערנייל ניט אז ער שטודירט, צום שדוך וועט איהם ניט שאדען, הלואי זאל ער נור וועלן קומען, ווי קיינער וועט איהם ניט האבען וואס אויפצווארפען! — הערסטו? דער זכות פון מיין פאטער, וועט אונז ביישטעהן, און משה'לע וועט א כשר'ער, פרומער יוד בלייבען ווי מיר ווינשען איהם פון גאנצען הארצען, געדענק מיינע בייד חייעלע, האף צו גאט, זיין חסד איז גרויס גענוג!

— הלואי זאלט איהר אמת זאגען! האט זיא צוגעוואונשען און האט איהר שוואגער פערשפראכען: משה'לעס נאמען ניט דערמאגען,ווארטען א האלב יאהר און וועגען א שדוך פאר רחלען גאר ניט טראכטען. אז זיא האט זיך פון דאס ניי אויסגעוויינט האט זיא געוואונשען אלע איהרע שו[illegible]ם — וואס טראכטען אויף שלעכטס — זאלען בלייבען אלמנות פון זייערע מאנען, מיט א זעלבע זארג און קאפדרעהעניס ווייא איהרע!...

ז.

עס זענען אריבער א פאר וואכען און ר' שלמה האט ווידער געזאגט צו זיין ווייב: „געשטארבען מיין ברודער ו" הערסטו דבורה, לייזער איז געשטארבען, חבל על דאבדין!

דבורה האט א שווערען זיפץ געטהון, און געפרעגט: וואס איז, עפיס א נייעס געשעהן

— נייעס, ווילסטו נאך? ניט גענוג דיר דאס אלטע, מסתמא! האט ער אויס־גערעדעט אין כעס. גלייך ווי זיא וואלט שולדיג געוועזן אין דעם וואס איז געשעהן.

זיא האט געשוויגען, ווארום זיא האט פערשטאנען, אז דאס איז א הקדמה נור, איהם דריקט דאס הארץ, ער זוכט זיך אויסרעדען א ביסעל און ווייס ניט ווי עס אנצוהעבען.

— יא, דבורה, האט ער נאך אמאל זעהר טרויעריג ארויס גערעדט, ער איז געשטארבען, פארפאלען! מיר מוזען זיך איינגעוואהנען לעבען אהן איהם; נור איך פרעג דיך: זאג מיר, ווייא געוואהנט מען זיך? ווייא פערגעסט מען איהם, אז אויף יעדען טריט מוז איך איהם דער מאנען? אייביג וועל איך איהם ניט פערגעסען, ווארום אייביג, זאג איך דיר, וועט ער אונז פעהלען! נעכטען למשל: איז א אסיפה געוועזן אין שטאדטעל, שקצים, יונגע שנעקעס האבען זיך מיט א דעה ארויס געהאפט; זיי וואלטען דאס מויל געהאלטען, אז ער וואלט אויף דער אסיפה געוועזען. אלע האבען איהם דערמאנט, אלעמען פעהלט ער: אונזער בית המדרש איז אבגעלאזען אהן איהם, דער תלמוד תורה מלמד האט מיט די יונגלעך צו לערנען אויפגעהערט, ניטא לייזער און ניטא ווער עס זאל צאהלען שכר למוד, ניטא ווער עס זאל אכטונג געבען, אלעמען פעהלט ער, אבער חייעלען, דאכט מיר, פעהלט ער גאר ניט... זי האט איהם אין גאנצען פערגעסען און טהוט גוט און נאהט זיך קליידער, קויפט זיך צירונג, ווי זי וואלט גאר קיין אלמנה, קיין מוטער פון יתומים ניט געוועזן. הלואי זאל איך

לינען זאגען: חייעלע וועט קוים דאס יאהר אויסהאַרן, זי וועט נעהמען א מאן און אויף איהרע יתומים זיך גאר ניט אומקוקען!...

— דו האסט א טעות, מיין מאן, האט דבורה געטראַסט, ווער וועט זי נעהמען מיט פיער קינדער? אבי וועמען וועט זי ניט געהמען, און א לייטישער יוד וועט זיך ניט איילען חתונה צו האבען מיט א אלמנה פון פיער יתומים.

— דו ביזט א יודענע! האט ער געאנטווערט, הונדערט מאל מוז מען דיר זאגען. אז דו ביזט א יודענע! וואס איז טייטש, אבי וועמען וועט זי ניט געהמען? זי וועט חופה האבען האטש מיט אבי וועמען, געדענק מיינע רייד! א אשה וויל בעסער זיטצען אין דעם רשות פון איהר מאן, זי קוקט ניט אויף גרוים יחוס, אבי א מאן!... אזוי זאגט דיא גמרא אין קדושין און אין יבמות, דיא גמרא פערשטעהט אייך בעסער! אט זעהסטו דאך, חייעלע וועט חופה האבען מיט דעם ערשטען מאן וואס א שדכן וועט איהר רעדען אבי קיין אלמנה ניט צו זיין. ווידער זאגט דיא גמרא: א אשה האט אלע מאל איהרע תכשיטין אויף זיך, דאס מיינט מען: דעם חן, דאס געשליפען צינגעל.. א חוץ דעם זאגען לייט: זי האט כמה אלפים אייגען געלד א חוץ איהר כתובה, הארסטו, איך גלויב, ווייל דיא ביכער זאגען מיר: עס דארף זיין פיעל מעהר וויפיעל עס איז געבליבען... פערשטעהסטו, זי איז קלוגער ווי פרומער, זי האט ניט געוואַרט ביז מען וועט צושניידען די חלה און מען וועט איהר א „המוציא" איינטהיילען, זי האט די חלה אליין צו שניטען, די גראסטע המוציא האט זי פאר זיך אראבגענומען, און וואס איז געבליבען האט זי איהרע יתומים צוטהיילט, און דאס האט זי געטהון נור צו ליעב דעם ווייל זי האט באלד ארויסגעקוקט חופה צו האבען.

נאך גוט, וואס רחלע בעקלאגט זיך ניט, אבער דאס הארץ זאגט מיר אז זיא פערשטעהט און פיהלט און טראגט דעם וועהטיג אין הארצען, נעביך. משהלע משהלע, ווי האסטו מיין עלטער בעטריבט! וויא בעטריבסטו דאס יונג הערץ פון דעם ארעם קינד! אנדערש וואלט זיין אז דוא וואלסט דא געוועזן... דיר מיט רחלען וואלט דאס הויז בירושה בלייבען, די קליינע יתומים וואלטען ביי אייך זיך האדיווען, און ניט דארפען חלילה אנקומען צו א שטיפפאטער, גאט וויים וואס פאר א מענש ער וועט נאך זיין?!...

— צו אונזער אונגליק האט נאך משהלע צוגעגעבען, האט דבורה מסכים געוועזען, אז רחלע וועט חתונה האבען מיט איין אנדערן וועט מען דאס הויז מוזען פערקויפען. אונגליקליך האט ער זיך געמאכט און אונגליקליך מאכט ער אונז אלעמען! אבער זאג מיר, דוא האסט דאך גענומען א בריוועל מקבל געוועזען, וואס שרייבט ער? דער קאפ איז מיר אזוי דערשלאגען, אז איך האב גאר ביז איצט פערגעסן צו פרעגען וואס ער שרייבט. מיר גלויבט זיך גאר ניט: ער זאל אויף רחלען קיין רחמנות האבען, זאג אדרבה וואס אנטפערט ער? וואס שרייבט ער?

וואס שרייבט ער? האט ר׳ שלמה איבערגערעדט, דאס הארץ איז מיר פערקלעמט געוועזן נעכטען לייענדיג זיין בריעף, פון זיין פערפידרטקייט, פון זיין בלינדקייט רחמנא לצלן! נא, זעה וואס ער שרייבט! ער האט איהר דאס בריוועל דערלאנגט.

דאס איז דאך אויף לשון הקדש! האט זי געזאגט איהם דאס בריעוועל צוריק אבגעבענדיג, לייען אונ פערטייטש מיר.

ער האט די בריוו אנגעטהון אונ געלייענט:

טהייערער ליעבער פעטער, ר' שלמה!

אייערע רייד האר איך בעת איך לייען אייער שרייבען. איך ווייס: זיי זענען מיט טהרערן געשריבען.. איך פיהל אייער טרייהייט צו מיר זעלבסט אין אייערע קללות וואס איהר שעלט מיך איבער מיין פערפיהרטקייט—ווי איהר רופט אן מיין הייליגען רצון, דיא הייליגע תורה מיט דער ליבטיגער חכמה צוזאמען צובינדען—איך קאן אייך פיעל ניט שרייבען, מיין הערץ בעגיסט זיך מיט בלוט פון דעם געדאנק אליין, אז מיין איינציגער טייערער פעטער פערשטעהט ניט דעם הייליגען רצון פון זיין פרומען פלעמעניק! ניין, איהר קאנט דעם רצון פערשטעהן, נור איהר ווילט ניט, ווייל איהר גלויבט מיר ניט... וואלט איך קאנען — אנשטאט דאס בריוועל שרייבען — איצט מיין הארץ פון מיר אויסרייסען אונ אייך צו שיקען, איהר זאלט עס אנזעהן, זיך גוט איינקוקען וויא ריין, וויא פרום עס איז, וויפיעל רחמנות אונ פיין אין איהם אנגעקליבען זענען, וואלט איך די יסורים פון אזא אפעראציאן ניט אכטען אונ דאס טהון, אבער א מענש וואס זעהט דעם אמת ניט אין די ווארטער וואס אזא הארץ גיסט אוים אויף דאס פאפיער, וועט אין דעם רויהען שטיק פלייש נאך ווייניגער זעהן, אונ איך דארף נאך מיין הערץ ביי זיך האבען, ליעבער פעטער!.. איך דארף נאך לעבען אונ דאס הערץ א געזונדטעס צוריקברענגען מיין טהייערען שוועסטער קינד רחלען וועמען עס געהאר. איין זאך קאן איך אייך נור זאגען: ניט געלד אונ רייכקייט, ניט ירושה אונ גליקען קאנען מיך פון מיין ענטשלוס אבברייסען מיין רייכקייט איז מיין ריינער גלויבען אין אונזער איינציגען גאט, מיין ירושה איז זיין הייליגע תורה אונ חכמה וועלכע איך לערן איצט! ניט טהרערן, עלענד אונ רחמנות קאנען מיך בעוועגען צוריק צו קומען פאר דער צייט. רחלע דאס גוט קינד, איז מיין גליק אונ האפנונג אונ זי איז צופרידען מיט דעם וואס איך קום נאך ניט צוריק. פעטער. כלבא שבוע'ס טאכטער איז ניט די איינציגע בת ישראל וואס האט מיט פערגניגען גויטה אונ פיין געליטען נארטענדיג אויף איהר טהייערן חתן, וואס האט זי אין עלענד געלאזען אונ איז געגאנגען תורה לערנען!.. נאך אין היינטיגע צייטען זענען דא ביי יודען בנות ציון טהייערע, וואס זענען צופרידען פיין אונ עלענד צו ליידען זייערע בעשערטע זאלען קאנען תורה אונ חכמה לערנען! רחלע נוארט מיט געדולד אונ בטחון אויף מיר: כלבא שבוע'ס טאכטער נוארט אויף איהר ר' עקיבא'ן!... זייט איהר נור ניט אזוי שלעכט צו אייער פלעמעניצע ווי דער רייכער כלבא שבוע צו זיין טאכטער!... לאזט דיא פרומע רחלען, דיזע, גאטעס פארכטיגע טאכטער. לאזט זיא ווארטען אונ האפען אויף מיר; איהר ליידען אונ באנגען וועט זי אייך קייגעס ניט ערצאהלען... פריי לאזט זי, פעטער געטרייער, שטארט ניט איהרע הייליגע האפנונגען, לאזט זי שטיל אונ פרום גאט בעטען אונ צו גאט האפען, ער וועט איהר מוטה אונ טראסט צו שיקען דעם געהאפטען טאג צו דערווארטען!... לאזט זי מיט די יתומים לערנען, זאל זיא איהרע פרייע שעות אין גוטער ערציהונג דיא עלענדע קינדער

געשאפטיגט זיין, ווילט ניט זי גליקליך מאכען פריהער אלס עס וויל איהר אייגען הערץ!.. אויך מיך לאזט רוהיג לערנען, אייערע בריוועלעך מאכען מיר נור יסורים אונ ברענגען אונז קיינעם קיינע נוטצען. ניט די טומאה האט מיך פערפיהרט, ניט דער יצר הרע האט מיך איבער גערעדט. איך ווייס פון קיין אנדער תאוה, פון קיין אנדער לעבען. אלס מיין הייסען ווילען תורה אונ חכמה צו לערנען! נפשי חשקה בתורה, לערנען בין איך געבאהרן אונ ניט א הולטיי צו ווערן! איך בעט גאט פאר אייך, ליעבער געטרייער פעטער, אונ זעלבסט ווען איהר שעלט מיך, בענש איך אייך! איך קוש אייערע בריוועלעך בעת איך קאן אייערע האנד ניט קושען. — אלעס וואס איהר ווערט געגען מיר טהון בין איך אייך פון פריהער אן מוחל. נור רחל'ען לאזט רוהיג זיין!... מאכט ניט טריב איהר שטיל וואסער, וואס קוועלט קלאר ווי קריסטאל אין איהר ריינעם הערצען. זאל זי לעבען ווי זי לעבט, לאזט איהר גליקליך זיין ווי זי איז! צו גאט האפע איך, פעטער, עס ווערט קומען די שעה, אונ איהר ווערט אייך פרעהען אונ ריהמען מיט אייער פלעמעניצע רחל'ען אונ אויך מיט מיר אייער פלעמעניק משה בן ראובן הכהן. — איך גערים אייך ליעבע מוהמע! דאס הארץ זאגט מיר, אז איהר גלויבט מיר מעהר אלס מיין טרייער פעטער. מוהמע טהייערע, ניט לאזט אייער ליעבען מאן פערשעלטען אומזיסט זיין גוטען פרומען פלעמעניק. איך שוואר אייך: איך בין ניט פערפיהרט אין שלעכטס, איך בין פרום ווי גאט האט געבאטען אונ איך פיהר מיך ווי איהר ווינשט מיר. זייט געטריי אייער ליעבע פרומע פלעמעניצע, נימא קיין פרומערעס הערץ ווי רחל'עס אונ ווען זי גלויבט מיר מאגען מיר אלע גלויבען. קאנט איהר אייך גאר פארשטעלן, איך זאל שוין אזוי פערדארבען זיין אבצונארן אט דעם ליעבען מלאך, אט די טהייערע יודישע טאכטער אונ איהר זאגען איך בין פרום בעת מיין הארץ פיהלט אז איך זאג ליגען?... ניין מוהמע. האב איך פערדינט מען זאל מיך פעראכטען פאר מיינע מעשים וואלט רחל'עס הארץ מיך פריהער פעראכט פאר יעדען. ליעבט זי מיך נאך אונ גלויבט מיר, מאג מיר יעדער גלויבען. זייט גוט צו איהר, פערשטעהט זיא, זיא איז א מלאך פון הימעל. אונזערע יודישע טאכטער צו לערנען ווי יודישע טאכטער צו זיין! פערשטעהט זיא מוהמע. מעהר בעט ניט אייער פלעמעניק משהלע.

— אוי לי מיוצרי וְאוי לי מיצרי! האט ר' שלמה אנגעהויבען. איך האב פאר גאט ברוך הוא מורא אונ איך קאן אויך מיין ווייך הארץ אין מיר ניט גובר זיין! וואס הערץ וויל איהם זעהר גלויבען. אבער איך האב מורא צו רעדט עס ניט דער יצר הרע אין איהם? זאג אדרבה. וואס זאגסטו מיט דיין ווייבערשען שכל?

מה נאמר ומה נדבר! האט זיא געאנטווערט, וואס קאן א זינדיגע אשה זאגען? נור זאגען זאג איך: ווען אן מיר וואלט זיך דאס נור ווענדען וואלט איך איהם אלע גלידער אויסקושען פאר אזא בריוועלע, עס איז דאך צוקער יעדעס ווארט. לעבען זאל ער מיין זיס קינד!

— א אשה בלייבט א אשה, מיט א גרינגער דעה! זיא איז שוין פארטיג, ביי איהר איז שוין רעכט אונ קלארט גאר ניט אז דער יצר הרע האט אנגעשליפען צינגעל, זי גלויבט איהם שוין! אבער זאג מיר; וואס וועט זיין מיט רחל'ען!

— וואס פרעגסטו מיך, אז איך בין נ׳ אשה? האט זי מיט פאראיבעל געאנטפערט, און אירע טרערן וועלכע האבען זיך אין אירע אויגען געקליבען כעת לייגען דאס בריוועל האבען זיך איצט א גאס געטהון. פינסטער איז דער אשה, ביטער איז איהר! זי מאג בעסער פערשטעהן פאר דעם מאנסביל, זאגט מען אלץ: זיא איז א אשה׳ נור וואס פרעגסטו ביי א אשה?

— דוא ביזט א נארר, האט ער זיך אנגעבאזערט. איך פרעג, איך רעד, דאס הארץ איז פאל, אז דיא וואנדט וואלט האבען א מויל און מיר קאנען אנטווערן וואלט איך ביי איהר אויך פרעגען; מיר איז ביטער, זעהר ביטער, קיינער פיהלט מיין ווייטיג ניט, דוא אויך ניט!

זי האט אויף איהר מאן רחמנות געהאט און איהם צו טרייסטען אנגעהויבען:

— פאלג מיר, האט זיא געזאגט, טהו גאר ניט, טהו משה׳לעס רצון, ער איז א ערליך קינד זאג איך דיר! געדענק מיינע רייד, א פרומער בחור, הלואי אויף אלע יודישע קינדער געזאגט געווארן! עס איז דאך צו דרוקען זיינע רייד! אז ער איז אביסעל פערפיהרט? לאז איהם, ער וועט צום שכל קומען! מיט רחל׳ען האב קיין דאגה ניט, זיא בליהט, אהן עין הרע, אז עס איז א נחת אויף איהר א קוק צו טהון; דערוויל האט נאך חיי׳עלע קיין חופה ניט, איידער איהר רחל׳ע וועט א כלה ווערן וועט זי בשום אופן קיין מאן ניט געהמען, אזוי נארריש און שלעכט וועט זי ניט זיין. און אז עס וועט קומען די צייט אז רחל׳ע וועט דארפען ווערן א כלה, האסטו נאך אויך א שטיקעל דעה, — דו פערגעסט גאר אז זי איז א יתומה און דוא ביזט דער איינציגער פעטער איהרער, אפשר וועט גאט געבען אין דער צייט וועט משה׳לע ארויסקומען, וועט א ודאי גוט זיין, חלילה ניט, ווייסטו דוא דאך, אז עס לעבט נאך ברוך השם אונזער רבי זאל געזונד זיין און דו וועסט קאנען איהם פרעגען. פאלג מיר, מיין מאן, גענוג דיר די אומזיסטע קאפדרעהענעש; גענוג אויך משה׳לען מיט דיינע בריוועלעך זיין לעבען צו פערביטערן, לאז רחל׳ען אויך צו רוה, א בי זי דאווענט, און איז פרום און געזונד, וואס דאגה׳סטו וואס שפעטער וועט זיין? —

— הערסטו דבורה, האט ער צופרידען געאנטפערט, איך פערשטעה דיינע ווערטער א סך בעסער וויא מיינע אייגענע. א ודאי הונדערט מאל האב איך צו מיר אליין גערעדט אט די אייגענע ווערטער, נור ווי זאל איך דיר עס זאגען, עפיס האבען זיי גאר דעם טעם ניט געהאט וואס זיי האבען איצט אז איך הער זיי פון דיין מויל. דו האסט א כח דיינע ווערטער מיר אין הארץ אריין צו ברענגען, ומה׳ מענה לשון, פון גאט איז דאס אזא כח אין צונג אז דער אנדערער זאל פערשטעהן וואס מען רעדט צו איהם; איצט פערשטעה איך טאקי אז דוא ביזט גערעכט, אויף נאמנות גערעכט! דו ביזט אפילו א אשה און ניט אלץ פערשטעהסטו וואס מיר מאנסלייט פערשטעהען, נור אז דוא רעדסט ביזטו א קלוגע אשה, גאר אהן חנופה זאג איך דיר א קלוגע אשת, זאלסטו מיר טאקי געזונד און שטארק זיין! גלייבער אזוי, זיך גאר ניט מישען, לאז גאט טהון ווי איהם געפאלט.

פון דעם טאג האט ר׳ שלמה אויפגעהערט צורעדען וועגען משה׳לען. חיי׳עלע האט אויך זיין נאמען ניט דערמאנט און עס האט אויסגעוויזען אז רחל׳ע זעלבסט האט

איהם אויף פערגעסען, וואריז זי איז געזונדטער, שענער אונ מונטערער געווארן אונ קיינער האט פון איהר א זיפץ ניט געהערט.

— ווי מיינט איהר, שוואגער, האט א מאל חיה'לע ר' שלמה'ן געפרעגט, וויא מיינט איהר, האט רחל'ע שוין פערגעסען משה'לען? ווי מיר דאכט וויל זי שוין גאר דעם נאמען פון דעם מופקר ניט דערמאנען.

— האר נור, וואס איך וועל דיך בעטען, האט ער געאנטווערט, כל זמן מיר האבען נאך פון משה'לען קיין שלעכטעס ניט געזעהן זאלסטו איהם מיט דעם נאמען מופקר ניט אנרופען! פערשטעהסטו, זיין געשטארבענער פאטער וועט עס דיר ניט מוחל זיין; מיר ווייסען נאך ניט, טאמער האט ער שוין זיין הארץ געבראכען אונ איז צוריק א פרומער יוד וועט ער נאך דיין איידעם זיין, חיה'לע! דו ווייסט נאך ניט וואס זכות אבות בעדייט!....

— ווייס איך! וואס איך ווינש איהם מאג עס מיר אנקומען, האט חיה'לע זיך פעראנטווערט, אז ער וואלט מיין אייגען קינד געוועזן, וואלט איך ניט געזאגט דאס וועלבע? זאל ער נור פרום אונ גוט ווערן אונ קיין טרייערע מוהמען פאר מיר האט ער ניט; נור איך וויל וויסען צו האט רחל'ע נאך א זכר פון איהם צו ניט? איך מיין: זי וויל שוין גאר זיין נאמען ניט דערמאנען, אנאר איז זיא? זיא ווייס גאר ניט וואס א געשטודירטער איז?

— איך וועל עס געוואהר ווערן, האט ער פערשפראכען. — אין דעמזעלבען אבענד האט ער רחל'ען געפרעגט:

— זאג מיר, מיין טהייער קינד, דו גלויבסט נאך אין דעם, וואס דער נארישער חתן משה'לע האט זיך איינגעשמועסט, אז א וואלקען האט ניט קיין מויל אונ טרינקט זיך אין ים ניט אן?

— ניין פעטער, האט זיא געאנטווערט. איך גלויב עס שוין ניט מעהר, מען גלויבט נור דאס וואס מען פערשטעהט ניט מיט איינעגעם שכל, וואס מען קאן מיט איינענע אויגען ניט זעהן; אבער דאס וואס דיא אויגען זעהען, וואס דער שכל בעגרייפט גלויבט מען ניט, נור מען ווייס עס. בעדארף איך גלויבען אין דעם וואס איז איצט נאכט? קיינער קאן עס מיר ניט אבלייגענען! דאס וואס משה'לע האט מיר ערקלערט פון וואלקען אונ רעגען איז מיר אזוי קלאר ווי איצט איז נאכט אויף דער וועלט, איך זעה עס מיט מיינע אויגען, איך בעגרייף עס מיט מיין שכל, אונ וואצו ברויך איך נאך גלויבען?

— פאר וואס זעהען דאס מיינע אויגען ניט? האט ער געפרעגט, פאר וואס בעגרייפט דאס מיין שכל ניט?

— ווייל איהר ווילט עס ניט זעהן, פעטער, ווייל איהר פולט אייך זיך צו צוקוקען אונ צו בעגרייפען, ווייל אייך איז ליעב אונ לייכט נור גלויבען, א גרויסע אונטערשיד וואס פאר א גלויבען, אבי געגלויבט!

אונ אין גאט גלויבסטו? האט ער מיט א האלבען כעס געפרעגט אונ א פראבי־רענדען קוק געטוהן אויף איהר, טאמער איז ביי דיר דאס אויך רעכט אז עס איז גאר קיין גאט ניטא?

— אין גאטעס גוטס, אין זיין אמת, חסד אונ רחמים גלויב איך, ליעבער פעטער:
האט זי זאנפט מיט שטראהלענדע אויגען אויסגערעדט, צו איז דא א גאט אויף דער
וועלט? ברויך איך ניט גלויבען, דאס איז מיר אזוי קלאר אונ געוויס, ווי געוויס מיר
איז אז עס איז דא א וועלט אונ איך לעב אין איהר! איהם, דעם ליעבען גאט אונזערן
זעה איך, פעטער, האטש איך זעה איהם ניט מיט מיינע אויגען, אבער איהם פיהלט
אונ זעהט מיין הערץ אין מיר! מיין שכל בעוואונדערט איהם אין זיינע גרויסע מעשים,
אין דעם קלענסטען שטויב ווי אין די גרויסע וועלטען וואס מיין אויג זעהט!... אהנע
איהם איז קיין וועלט ניטא, אהנע איהם זענען מיר קיינער ניטא! דער גראסטער
וואונדער איז מיר: ווי קאן א מענש, וואס לייגענט ניט אז עס איז דא א וועלט, הימעל
אונ ערד, שטערן אונ מיליאנען ברואים, וואס לייגענט זיך אליין ניט אב, אז ער איז
דא, אז ער לעבט אונ עקסיסטירט, ווי קאן אזא מענש נאך דעם אין גאט לייגענען?....
גאט איז אלע מאל געוועזען, דען פאר מיר איז אויך דיא וועלט א וועלט געוועזען,
גאט איז איצט, ווארום אהנע איהם איז די וועלט אונ לעבען ניט מאגליך, גאט וועט
אויך אייביג זיין, דען נאך אונז וועט דיא וועלט נאך א וועלט בלייבען ווי זי איז. —
דאס אלץ, פעטער, איז מיר אזוי געוויס, אז קיין געוויסערע זאך איז גאר אין דער
וועלט ניטא; נור אין זיין חסד אונ משפט מוז איך גלויבען, גלויבען ווי א פרומע
יודישע טאכטער איז צו גלויבען געבאטען, אבער אויך מיט פערשטאנד אונ מיט
הבטחה גלויבען. איך בין ניט אזוי קלוג אומעטום אונ אלע מאל דיזען חסד אונ
משפט צו בעגרייפען, איך זעה אפט: עס טהוען זיך אין דער וועלט מעשים וואס מיט
מיין שכל קאן איך ניט פערשטעהן פאר וואס זיי טהוען זיך אזוי? איך האב למשל:
מיין גוטען אונ געטריען פאטער פערלארן אהן א צייט, איך ווייס ניט דורך וועמעס
שולד אונ זינד; איך זעה עהרליכע לייט, זעלבסט יונגע אונשולדיגע קינדער ווערן
געפלאגט מיט נויטה, הונגער אונ קאלט, איך זעה אונשולדיגע ווערן איבער
א פאלשען חשד געפייניגט אונ פערפאלגט, איך זעה ענדליך דאס ארעמע יודישע
פאלק אונ שוין צוויי טויזענד יאהר אז עס האט קיין רוה אונ שנאה אונ נקמה
פלאגען אונז אונשולדיג. — ווי צונעהט מיר דאס הארץ לייענדיג די ענויים קשים וואס
אונזערע יודישע עלטערן האבען אויסגעליטען פאר זייער האלטען זיך פעסט אן זייער
ליעבען גאט, אן זייער ריינער אמונה!— אונ אז איך זעה דאס אלץ, אונ איך טראכט
מיט א שווער געמיטה איבער דיזע אלע אונרעכט וואס טהוען זיך אין דער וועלט—
רייסט זיך ניט וועלענדיג ארויס די ווערטער פון מיין ברוסט: „גאט, וויא קאנסטו עס
צו זעהן אונ שווייגען? גאט, וואו איז דיין חסד, וואו איז דיין משפט?" דאן ליעבער
פעטער, קומט די היילינע אמונה וויא א מוטער א טרייע צו איהר קינד אונ טרעסט
מיך אונ בערוהיגט מיין בעקלעמטע הערץ. ליעב אונ געלאסען רעדט זיא צו מיר,
„גלויב מיר, זאגט זי. גאט איז גערעכט אונ זיין משפט איז גערעכט! דער זינדיגער
מענש קאן גאטעס חכמה אונ חסד אין אלץ ניט פערשטעהן, עס וועט קומען א צייט,
דוא וועסט צו איהם קומען וועלן אלע דיינע שאלות אונ קשיות פערענטווערט ווערן
נור ביז דאנען מאנסטו דעם רייכען אונ קלוגען מייסטער פערטרויען אלץ וואס דוא
האסט אונ אלץ וואס דוא ביזט..." קוק זיך צו, נארישער מענש, זאגט צו מיר דיא

חכמה, קוק זיך צו צו דער זאננע ווי זיא שיינט אונ ווארעמט אלעס וואס עס לעבט אונ וואס עס וואקסט, זעה דארט דיא וואלקען וועלכע בעפייכטען טויזענדער מיילען פעלדער אונ וועלדער, עס זאל ברויט אונ גראז וואקסען פאר מענשען אונ בהמות, בעטראכט אויך די ווינדטען וואס בלאזען אהנע אויפהאר דיא לופט אונזערע אפצופרישען, זאט אונ לעבען אין דער וועלט צו פערשפרייטען; צו וואס האט דער מייסטער דאס אלעס אזוי קלוג בעשאפען? איז דען מאגליך, אז דער וואס האט אזא אייביגע גוטע ארדנונג אין זיין וועלט געלאזט הערשען זאל קוקען ווי אונשולד ווערט בעפלעקט, ווי שלעכטס פערדארבט גוטס אונ איהם זאל ניט קימערן א דין אונ א משפט צו טהון? ... ניין, זיין דין אונ זיין משפט זענען דא, נור מיר מענשען האבען צו וועניג שכל, מיר לעבען צו וועניג יאהרן אום דיזען דין אונ דיזען משפט צו זעהן אונ איהם צו בעגרייפען!..."

אזוי ליעבער פעטער, רעדט צו מיר די היילינע אמונה צוזאמען מיט דער חכמה אונ איך ליעב זי ווי א קינד וואס ליעבט זיין טרייע קלוגע מוטער. איך לעג זיין קראנקען אונבערוהטען קאפ אויף איהר שויס, זיא דריקט מיך טריי צו צו איהר ברוסט אונ זינגט מיר איהרע ליעבע זיסע לידעלעך, לידעלעך פון יענער וועלט, וואו עס איז אייביג גוט, וואו אונגערעכט ווערט שוין ניט געטהון.. א, דאן ערשיינען מיר אלע פיין אונ ליידען נור אויף א ווייליע, אויף ניט לאנג, באלד, האפע איך דאן, וועלן אלע געהיילט ווערן, באלד וועט אויך מיר אלעס פערענטווערט ווערן אונ מיר וועט שוין גוט זיין! אך, פעטער, ניטא נאך אזא טרייע מוטער ווי די מוטער אמונה, גאט האט זי פאר זיינע מענשליכע קינדער בעשאפען ווי אלע גוטע זאכען וואס ער האט אין זיין וועלט בעשאפען!...

רחל'ע האט די גאנצע צייט גערעדט מיט בעגייסטערונג, איהרע אויגען האבען פון א הייליגען אינערליכען פייער געשטראהלט, איהר שטימע איז טיף פון איהר הערצען ארויס אונ האט געקלונגען ריין ווי זילבער; דער פעטער האט זי פערוואונדערט אנגעקוקט אונ איהר געלאזט רעדען, איהם איז א פערגניגען געוועזען אזוינס פון איהר צו הערן.

— זאג מיר מיין טאכטער, האט ער ליעב אונ טריי געפראגט, זענען דאס דיינע אייגענע רייד, אדער דוא רעדסט דאס נור איבער וואס משה'לע האט דיר געזאגט אדער געשריבען?

— איך לייגען ניט, ליעבער פעטער, האט זיא געאנטווערט, משה'לע האט דיזע ווארטער מיט מיר גערעדט אונ אין זיינע בריוועלעך שרייבט ער זיי צו מיר. בעת דער ליעבער פאטער איז געשטארבען, האט ער מיט דער ערקלארונג מיך מעהר געטראסט ווי אלע אנדערע; איך לייען אבער זיינע בריוועלעך אזוי גערן אונ אזוי פיעל מאל, ביז די ווארטער זיינע ווערן מיר אין הערצען איינגעוואקסען. ביז איך פערשטעה זיי אזוי גוט אז איך פערגעס שוין אז ער האט זיי צו מיר געשריבען, אונ אז איך רעד זיי איבער זענען זיי שוין ניט זיינע נור מיינע אייגענע רייד. נור וואס איז דער אונטערשיד פון וועמען די ווארטער שטאמען? אבי זייא זענען גוטע אונ קלוגע ווארטער, אבי מיין הערץ פיהלט זייער גוטס! האט ניט משה דער הייליגער

בִּיא אוּנְזֶערֶע, דִיא תּוֹרָה מִיט זַיין מוֹיל אִין גָאטֶעס נָאמֶען אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן פָאר גֶעלַייעֶנְט? קוֹים אָבֶּער פֶערְשְׁטֶעהְן מִיר זִיא, וֶוערְט זִיא אוּנְזֶער תּוֹרָה, שְׁרַייבְּט דֶען דֶער טַייטְשׁ חוּמָשׁ אֲפִילוּ נִיט אַזוֹי?

אַי, מַיין טָאכְטֶער, הָאט דֶער פֶעטֶער אוֹיסְגֶעקְרַאבְּצְט, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער, אַ גַאנְץ גְרוֹיסֶער חִלּוּק! ... משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן גָאט אַלֵיין, אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּנ אוּנְזֶערֶע גְרוֹיסֶע חֲכָמִים הָאבֶּען זִיא מְקַבֵּל גֶעוֶועזֶען פוּן אִיהם, אוּנ מִיר, אַז מִיר זֶענֶען זִיא מְקַבֵּל פוּן זֵיי מָאגֶען מִיר זֵיי גְלוֹיבֶּען; משֶׁהלֶע אָבֶּער הָאט דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פֶערְלָאזֶען, נַייעֶ תּוֹרוֹת אוּנ נַייעֶ חָכְמוֹת לֶערְנְט עֶר אִיצְט פוּן בֶּערְלִינֶער סְפָרִים, פוּן יוֹרְעֶן נִיט קֵיין גְרוֹיסֶע לַייט. דֶערְפַאר אִיז אַ סַכָּנָה אַ גְרוֹיסֶע אִיהם צוּ גְלוֹיבֶּען. ... דְּבַשׁ וְחָלָב תַּחַת לְשׁוֹנוֹ, דַאכְט זִיךְ מִילךְ אוּנ הָאנִיג זֶענֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער עֶרְשְׁט פִיהלְט מֶען אַז זֵיי זֶענֶען גִיפְט, וֶוערְמוּטה, סַם הַמָּוֶת! משֶׁהלֶע זָאגְט: עֶר וֵוייס אַלְץ, שׁוֹטֶה שֶׁבְּעוֹלָם, בְּהֵמָה בְּצוּרַת אָדָם, וָואס ווייסְטוּ? אַ וָואלְקֶען אִיז בַּייא דִיר אִין דַיין פוּסְטֶען מוֹחַ! מַיין לִיבֶּע טָאכְטֶער, מַיין טַהַייעֶר קִינְד, גְלוֹיבּ אִיהם נִיט! נִיט לָאז זִיךְ פֶערְפִיהרֶן פוּן אִיהם, זַיי פְרוּם אָהן חֲקִירוֹת, גְלוֹיבּ אִין גָאט אִין זַיין דִין אוּנ מִשְׁפָּט אָהן קוּנְטְצֶען; וָואס דַארְף אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער מֶעהר וִויסֶען וִוי אִיהרֶע דְרַיי מִצְוֹת? פָאלְג מִיר אוּנ וַוייס, אַז מִיר וַוייסֶען גָאר נִישְׁט, לַחֲלוּטִין גָאר גִישְׁט וַוייסֶען מִיר! אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז אַ וַודַּאי גֶעוֶועזֶען אַ פְרוּמֶער יוּד, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעזָאגְט: וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר: עֶרְד, אַשׁ אַ בִּיסֶעלֶע זַיינֶען מִיר זִינְדִיגֶע מֶענְשֶׁען, גָאר נִיט זַיינֶען מִיר, קֶענֶעכְט לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא. אִיךְ בִּין עֶלְטֶער פַאר דִיר, קְלִינֶער, אוֹיף גֶאֱמָנוֹת קְלִינֶער אוּנ גֶעלֶערְנְטֶער אוֹיךְ פַאר דִיר, אוּנ דֶער קָאפּ הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁווינְדְלֶען פוּן דַיינֶע חֲקִירוֹת, פוּן דַיינֶע רֵייד! אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, מַיין קִינְד, דָאס וֶועט דִיךְ צוּ גוּטֶס נִיט פִיהרֶן, הַלְוַאי זָאל אִיךְ לִיגֶען זָאגֶען!

בַּיי דִי רֵייד אִיז עֶר צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּם שַׁאנְק הָאט זִיךְ אָנְגֶענָאסֶען אַ גְלָאזֶעל שְׁפִּירִיט, אַ בְּרָכָה גֶעמַאכְט אוּנ הָאט אוֹיסְגֶעטְרוּנְקֶען.

— חֲלָשׁוֹת אוֹיף גֶאֱמָנוֹת אִיז מִיר אוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען הֶערְנְדִיג דַיינֶע רֵייד! הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט, פֶּע, גְלַייבֶּער טְרַאכְט מֶען גָאר נִיט; אֶט, אַזוֹי טְהוּ אִיךְ אַלֶע מָאל וֶוען מִיר וֶוערְט דֶער קָאפּ צוּ מִישְׁט פוּן חֲקִירוֹת, פוּן סְפֵקוֹת — אַ טְרוּנְק בְּרוֹינְפֶען אוּנ גִיט גֶעקְלֶערְט! דוּא מַיין טָאכְטֶער, בִּיזְט דֶערְצוּ נִיט בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארְן. דַארִיבֶּער דַארְפְסְטוּ אִין אַ לֶעדִיגֶער שָׁעָה לֵייעֶנֶען דֶעם טַייטְשׁ חוּמָשׁ, זָאגֶען עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דוּא מָאנְסְט נִיט וִויסֶען אַלֶע כַּוָּנוֹת אוּנ סוֹדוֹת פוּנ׳ם תְּהִלִּים אַבִּי דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פֶערְשְׁטֶעהְט אוּנ וֶועט דִיר פַאר אַ מִצְוָה פַארֶערֶענֶען; רַחֲמָנָא לִיבָּא בָּעִי, גָאט בָּרוּךְ נוּר דָאס גוּט הֶערְץ, אַבִּי מֶען דַאוֶוענְט, הָאטְשׁ נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען, נִיט אַלֶע לוֹמְדִים׳שֶׁע יוֹדֶען אֲפִילוּ, פֶערְשְׁטֶעהְן דִי סוֹדוֹת אוּנ כַּוָּנוֹת פוּן תְּהִלִּים אוּנ פוּן דַאוְונֶען. זָאלְסְטוּ נוּר אַזוֹי פִיעל וֶועלְן לֵייעֶנֶען, וִויפִיעל טְהַייעֶרֶע מוּסָר סְפָרִים עֶס זֶענֶען פַאר אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער דָא צוּ לֵייעֶנֶען! נוּר דַארִין אִיז דָאךְ דֶער חִסָּרוֹן: משֶׁה׳לֶעס בְּרִיוְולֶעךְ וֶועסְטוּ לֵייעֶנֶען הוּנְדֶערְט מָאל, אוּנ דֶעם שֵׁבֶט מוּסָר וֶועסְטוּ אֵיינְמָאל אוֹיךְ נִיט וֶועלְן נִיט דוּרךְ לֵייעֶנֶען. וַוייסְטוּ פַאר וָואס? ווייל דֶעם שֵׁבֶט מוּסָר הָאט גֶעמַאכְט אַ יוּד אַ צַדִּיק אוּנ וָואס פוּנ אַ אוֹיפְגֶעקְלֶערְטֶער מַאמְזֶעלְכֶע אַ יוּד

צדיק! א געשטודירטער איז היינט אלייט, אי דער געשטודירטער איז מעהר קיין יוד ניט. דאס איז ניט דיין דאגה, פאלג זשע מיר, מיין ליעב קינד, ווארף אוועק אלע קלערעכצען און חקירות, נעהם זיך צו משה רבינו'ס חומש'ל, אונ פערגעס אן דעם שוטה'ס בריוועלעך!

— אבער, פעטער ליעבער, האט דאס מאדעל אויסגערעדט טיף בעטריבט, אין זיינע בריוועלעך הייסט אויך משה'לע: נור משה רבינו'ס חומש'ל אונ דוד המלך'ס תהלים'ל אין האנד האלטען, ווי קאנט איהר זאגען, אז זיינע בריוועלעך זענען סם המות? זאגט ער דען אנדערש אלס איהר?

— נאר גישט! גלאט אזוי! האט דער פעטער געאנטווערט. איך האב פיינדט חקירות, זיי פרום גלאט אזוי, זאג איך דיר, וועל איך דיך ליעב האבען, וועסטו מיין טהייערע טאכטער זיין, פון חקירות וועט קיין גוטס ניט ארויס!....

נאך א לאנגע צייט האט זיך רחל'עס בעוועגט הערץ ניט געקאנט בערוהיגען, זי האט נאך מיט דעם פעטער געוואלט רעדען, איהם ערקלארן אונ אויפווייזען וויא געקעכט זי איז, ווי פארנארט מען איז אז מען האט מורא טאמער זענען דאס זינדיגע חקירות, אבער ר' שלמה איז שוין לאנג אין זיין היים געוועזן אונ זי איז דא מיט איהרע געדאנקען אליין געבליבען. ניטא פאר וועמען אונ מיט וועמען צו רעדען! האט זי מיט אנגסט פאר זיך אויסגערעדט, מיין מוטער וויל נאר ניט הארן, פאר איהר קאן איך זיך ניט אויסרעדען זעלבסט ווען זיא זאל וועלן; מיינע ליבע ברידערלעך וואס הארן מיך גערן צו — זענען נאך צו יונג, דער איינציגער קלוגער געטרייער פעטער, וואס וואלט יא פערשטעהן אונ קאנען מיך גליקליך מאכען, מיט מיר פרייד אונ לייד טהיילען — וויל קיין געדאנק אונ קיין תרוץ, טיפער ווי אין זיין חסידיש גלאזעל משקה ניט זוכען... דארט ביי א דעק גלאזעל געפינט ער א תרוץ אויף אלץ. אונ מיין ליעבער פאטער, אך, ער ליגט שוין אין דער ערד... נור דו משה'לע, ביזט נאך מיט מיר, נור דו פערשטעהסט מיך אונ נור איך פערשטעה דיך, ליעבער פריינד! צו דיר ציהט מיין הערץ, ניטא קיין ווייטקייט צווישען אונז. צו דיר לויף איך זיך ערקוויקען ווען מיר ווערט אין מיין איינענער שטוב ענג, צו דיר קום איך זיך אויסרעדען ווען איך פיהל מיך עלענד אונ פרעמד צווישען איינענע!... א, ווי גוט איז גאט וואס האט מיר דיך, מיין פריינד, צוגעשיקט, ווען אלעס אלעס איז פון מיר אבגענומען געווארען מיט דעם ליעבען פאטערס טוידט!

מיט די ווארטער האט זי פון איהר שרייב טיש'ל ארויסגענומען משה'לעס לעצט בריוועלע אונ האט געלייענט:

„מיין ליעבע זיסע רחל'ע!

„מיין שאנער גוטער מלאך! דארף איך זאגען, דען ווי א מלאך שאן אונ גוט זעט איך דיך אין דיינע ריינע שאנע געדאנקען פון דיינע בריוועלעך, אבער איך זאג עס דיר ניט, ווייל ווי איך פערשטעה דיא בעדייטונג פון דעם ווארט: „מלאך" — איז דער נאמען צו ווענינ דיר אויסצודריקען ווי מיין הערץ פערעהרט אונ ליבט דיך! א מלאך איז נור אזא מין ווארט וואס בעדייטעט נאט'ס געוויסען רצון ער זאל געשעהן ווערן. ער איז ניט עפעס מיר קאנען אונז פארשטעלן אין א בעשעפעניש וואס לעבט, וואס

פיהלט. וואס טהוט וואס איהם געפאלט. ער איז אהן א ברירה אנדערש צו זיין אלס ער איז; מיר ליעבען אונ פערעהרן איהם אין זיין היילינגען נאמען. ווייל ער איז גאטעס אונבעדינגטער רצון וועלכען מיר עהרן אונ ליעבען ווי גאט דעם גוטען זעלבסט. דער מענש אבער, ווי קליין אונ נידריג ער איז אויך, וויא וועניג זיין צייט אונ מאכט זענען אויף דער וועלט — שטעהט ער דענאך העכער אונ איז געליבטער פון ליעבען גאט אלס דער העכסטער מלאך. איהם, דעם מענשען, אונז, הייסט עס, זיסע רחל'ע, האט גאט מעהר בעשאנקען אלס זיינע מלאכים. אונז האט ער א פרייען גייסט אונ ווילען געגעבען פריי צו זיין אונ פריי צו טהון וואס אונז געפאלט. מיר קאנען גוט זיין אונ מיר קאנען שלעכט זיין; יא, מיר קאנען זיין וויא מיר ווילען ניט אזוי וויא מיר זענען בעשאפען געווארן. דאריבער, רחל'ע, איז דער גוטער פרומער אונ געזיטעטער מענש העכער פון א מלאך, אונ דער שלעכטער פערדארבענער — ערגער אלס א שד! אונ טאקי דאריבער, רופע דיך נור, „מיין ליעבע זיסע רחל'ע!...” פרעג ניט, וואס דארף איך דיר א טויזענדען מאל ערצעהלען ווי ליעב, ווי הייליג דוא ביזט מיר? וואצו איבריגע צייט, מיה אונ פאפיער פערברענגען אויף פוסטע ווערטער? דאס קאן נור יענער פרעגען וואס זיין הערץ איז ווי דער אייביגער אייז פון דער שטראהלענדער זאננע ניט בעלייכטעט אונ ניט ערווארעמט געווארן, דער וואס ליעבט אזוי גליקליך אזא שאנעם ליעבען אידעאל ווי איך. ווייס אז דיזע ווערטער האבען איין גאטליכען כח אין זיך — אלע ליידען, באנגען אונ ענטבעהרן צו דולדען אונ זעלבסט אין עלענד גליקליך צו זיין! ווי פינסטער אונ קאלט וואלט די וועלט אהן א זאננע אין הימעל זיין! גאט האט דאס גרויסע ליכט אין הימעל אונ די היילינע ליעבע אין מענשענס הערצען בעשאפען! ווי די זאננע אין דער גאנצער נאטור אזוי שפיעלט די ליעבע די גראסטע ראלע אין מענשענס לעבען. דאריבער רחל'ע רעדען די ראמאנען פון ליעבע. דער ראמאן איז א בעשרייבונג פון מענשליכען לעבען אונ צום לעבען אונ שטרעבען איז די ליעבע די ערשטע פעדער וואס בעוועגט די אלע איבריגע ראדער פון דעם לעבענס מעכאניזם.. דאריבער רחל'ע געפינסטו ליעבע זעלבסט אין יענע ערענסטע בעלעהרענדע ראמאנען וועלכע איך כאטש דיר צו לעזען. דאס לעבען קאן אהן זיין הויפט אורזאכע ניט פארגעשטעלט ווערן... איך מוז פון מיין ליעבע רעדען אונ „מיין ליעבע זיסע רחל'ע” דיך רופען... פערצייהע מיין גוטע, וואס איך שרייב דיר היינט ניט מעהר ווי דאס — נעהם עס ניט אן פאר א בריף, נור פאר א גליקליכע ערהאלונגס שטונדע נאך א גאנץ טאגיגער ארבייט — איך ארבייט פיעל אונ מוז מיר דיזע ערקוויקענדע ערהאלונגס פערגינען. זיי מיר געזונד, עס גריסט דיך אונ קושט דיך מיט אלער ליעבע

דיין משה'לע.

ענדע פון דעם צווייטען טהייל

אֶבֶן נֶגֶף

אדער

א-שטיין אין וועג

וחיה למקדש ולאבן נגף
ולצור מכשול לשני בתי ישראל
(ישעיה ח׳ יד)

ראמאן אין 4 טהייל

פון

יעקב דינעזאהן

דריטע און פירטע טהייל

וואַרשא

פערלאג פון י. לידסקי בוכהענדלער

ווארשא נאלעווקי 32 №

תרס"ג

ЭВЕНЪ НЕГЕФЪ

т. е. КАМЕНЬ СПОТКНОВЕНIЯ. РОМАНЪ.

соч. **ЯКОВА ДИНЕЗОНА**

Въ Тип. А. Глинка, Варшава, Гусья № 20.

ВАРШАВА 1902.

Дозволено Цензурою Варшава 5 Февраля 1902 г.

חלק ג

א.

דער ווינטער איז אריבער, שניי און אייז זענען צוגאנגען און צורונען געווארן, ליכטיגער האט דיא זאננע אנגעהויבען ארויפצוקוקען אויף קליינער איינוואהנער, וועלכע האבען שוין לאנג געהארט און געווארט אויף איהר ווי אויף משיחן, איהרע ווארימע שטראהלען האבען אנגעווארעמט אביסעל דאס פערקיהלטע בלוט פון קליינער יודען און מען האט לעבעדיגע מענשען אנגעהויבען זעהן, ניט פערוויקעלטע, פערפרארענע נשמות אהן בלוט אהן לעבען, וויא אין שטרוי איינגעוויקעלטע בוימער—אהן בלעטער און אהן זאפט. שימעלע מלמד'ס ווייב דאנקט שוין אויך גאט פאר די ווארימע טאג: זיא דארף שוין ניט ברעכען איהר ארעמען קאפ וואו גענומען מען אויף א וואגעל האלץ די פערפרארענע נשמה'לעך פון איהרע קליינע קינדערלעך צו דערווארימען? ביי - נאכט איז נאך אפילו קאלטליך אביסעל צו שלאפען אין איהר ניט געהייצטען חדר, אבער זי דעקט זיי אין מיט איהר שבת'דיגען מלבוש זי טארעמט אן זייערע פיסעלעך מיט איהרע מאגערע אויסגעטריקענטע האנדט, ביז זיי ווערן ענטשלאפען און אז זיי שלאפען פיהלען זיי ניט אז עס איז קאלט און ווייגען ניט און שרייען ניט, און זייערע צאנדעלעך טרעסלען זיך ניט אין מויל, וויא עס פלעגט זעהר אפט טרעפען אין דיא טרויעריגע קאלטע ווינטער טאג. איצט אז זיי שטעהען אויף שיקט זי זיי אויפ'ן גאס ארויס זיי זאלען זיך אנווארימען געגען דער ליכטיגער ווארימער זונן, און קיינער בעט ניט דערפאר אין קאפעקע געצאהלט... און זי דאנקט דעם רבונו של עולם פאר זיין חסד, פאר זיינע ווארעמקייט און פאר דעם וואס ער האט איהר צער צוגעזעהן און האט די וועלט לכתחילה אזוי בעשאפען, אז דער ארעמאן זאל אויך א שטיקעל תקומה האבען און געניסען די ווארעמקייט פון זיין ליכטיגער זונן גאר אהן קאפדרעהעניש.

אויך שימעלע האט זיינע אויגען געאפענט, גרויסע לאנגע טאג און ער דארף שוין ניט קוועלען ביז האלבע נאכט, ניט בלענדען זיינע דונקעלע אויגען געביך פאר א צווי גראשענעם ליכטעל וואס די תלמידים זיינע פלעגען א גאנץ ווינטער ברענגען אין חדר אריין. אבער נאך מעהר צופרידען איז ער געוועזען מיט דעם ראש חדש ניסן וועלכער איז פון אייביג אן א מאניפעסט פאר דעם רבין אזוי ווי פאר זיינע תלמידים. נאך האלבען טאג איז ער פראנק און פריי, מאג געהן זיך אין בית המדרש אריין, דארט דאווענען מנחה מיט'ן מנין, דארט זיצען נאך מעריב וויפיעל דאס הארץ געלוסט. און אין בית המדרש איז אזוי גוט. אזוי אנגענעהם ווי אין גן עדן!...דא

דערצאהלט מען וואס עס טהוט זיך בחדרי מלכים, דא ווערט גערעדט אונ ווערן געשעט די גרויסע מלחמות פון פרס אונ מדי, פון דעם תוגר, וואס מוז האפען א קלאפ פון דעם מלכות פון רומא ביז עס וועט זיך אנהייבען די גרויסע מלחמות פון גוג ומגוג אונ משיח וועט קומען אונ עס וועט ווערן א וועלט אויף דער וועלט! דא אין בית המדרש, ווערט אויך צווישען עלטערע חסידים ערצאהלט אונ געשמועסט פון האכערע ענינים: פון דעם שר של עשו אונ פון דעם שר של ישראל, פון דעם שר של ים אונ פון דעם שר של שלג ווי זיי זענען, ביי איהם זאל לעבען אין האנדט, אונ אז ער זאל לעבען זאל נור חשק האבען קאן ער דורך זיי מאכען וואס ער וויל, נור ער זאל לעבען טהוט נור וואס ער פערשטעהט אונ מען טאהר קיין קשיות ניט פרעגען: פאר וואס זענען נאך יודען אין גלות אונ ער וויל נאך ניט אז משיח זאל שוין קומען. דיזע אלע געשיכטען האטש מען האט שוין זייא הונדערטען מאל געהערט, פון דעסטוועגען דערצאהלט מען זיי אונ מען הערט זיי מיט דער אייגענער פרישקייט ווי צום ערשטען מאל; אין דעם זענען די חסידים ווי די קליינע קינדער, קינדער ליעבען אויך צו הערן פון דאס ניי די אלטע מעשהלעך וועלכע זיי האבען שוין הונדערטען מאל פון זייער ניאנקע דערצאהלענדיג געהערט.

נור נאך מעהר הנאה וויא פון די פאליטיקעס מיט דיא ספורי מעשיות האט ר' שימעלע איצט דא אין בית המדרש פון דעם ביסעל משקה מיט אייער קיכלעך אונ א מאל קאז אונ אייער צום פערבייסען, וואס דא אין בית המדרש מאכט זיך איצט כמעט יעדען טאג.

זונטיג איז געקומען שמואל באלאוויצער אונ האט געבראכט זיין פסח'דיג שמאלץ צו פערקויפען דא אין קליניץ, דער רב האט איהם ארויסגעגעבען א כתב ההכשר אונ געהאפט ביי איהם דריי קערבליך, יאסעל דער סופר האט איהם אויפגעשריבען כתיבה'ס צעטלעך אונ אויך געהאפט א האלב קערבעל, אז ער איז צו מעריב געקומען דאווענען אין בית המדרש, האט ער א צעטעל צוגעקלעבט צום סטאלב פון דער בימה אונ דערפאר געשטעלט א שטאף שפירוט אונ האט געגעבען פערבייסען טאקי דיא גריבען פון דעם אייגענעם שמאלץ, די משקה האט שימעלען מודה געווען, אונ אויף די גריבען האט ער געזאגט: הפלא ופלא!

מאנטאג איז געקומען ר' בער'ל דער מילנער אונ האט בעוויזען שווארץ אויף ווייס, אז ער זאל לעבען האט ביי איהם גענומען א זעקעל שמורה אונ האט דערוויל געמאכט א קליין וועטשערינקא פאר חסידים, מרבה רעים צו זיין וואס זאלען האלטען זיין זייט אונ צורעדען קויפען קמח פסח ביי איהם אונ ניט ביי נואלף חיים'ס, וואס קויפט, אמת, מיט א נילדען וואלוועלער אויפן פוד, אבער דערפאר ניט אזוי בהכשר ווי זיינע. ר' בער'ל האט שמעונ'ן צו געזאגט געבען מעהל אויף מצה ער זאל זיין מעהל פערלויבען ביי זיינע בעלי בתים חשובים אונ דערצאהלען, אז ער זאל לעבען האט ביי איהם אויך גענומען מעהל אויף מצה אונ אויף שמורה, ר' שימעלע איז אויף מארגען דאס גאנצע שטאדטעל ארומגעלאפען אונ האט ר' בער'לס מעהל פערלויבט גאר הפלא'דיג. ר' בער'ל האט זיינע מעהל פערקויפט אונ שימעלע האט געהאט מעהל אויף מצה, גאנצע צוויי פוד אהן קאפדרעהעניש.

אזוי האט שמעון נחת געקליבען פון דעם ראש חדש ניסן און איז געשעבט געוועזן; נור איצט איז נור דריי טאג צו יום טוב, אויף להכעיס, איז היינט צו מעריב קיין משקה געוועזן, דאס ווייב זיינס, האט איהם נאך פאר מנחה דערמאנט, אז מיט מצה אליין קאן זי נאך דעם יום טוב אין שטוב ניט אריינברענגען. וואס טהוט מען, ווי נעהמט מען אהיים?... ער האט זיך געאפּענט דעם „רב'ס שולחן ערוך“, אריינגעקוקט אין די דינים פון הלכות פסח, נור די ווערטער זענען איהם אין קאפּ ניט געקראכען. „געוואלד“ האט ער געקלערט, וואו נעהמט מען נאך א דריי פיער קארבען! עפּיס האט זי מיר היינט אנגערעכענט א צעטעל, בנאמנות אויף א קארבען דריי, און איך? האטש דערהרגע מיך, א קאפּעקע אפילו ביי מיין נשמה האב איך ניט און האב טאקי ממש גאר ניט וואו צו נעהמען! היינט ליגט זיך נאך מיין בגד עליון ביי לייבקע דעם מלוה, ימח שמו, פאר ישבעט אין ארבע וחצי, לעבען זאל ער אזוי ווי ער וועט מיר איהם וועלן געטרויען ביז איבער פּסח, ביטער אויף נאמנות, צו זיין אבגענו! ביטער זאג איך, הא? ווארט אקארשט, מען טאהר ניט זינדיגען, מען מוז זיך פער־לאזען אויף דעם בורא יתיד וואס שפּייזט די וועלט מיט חסד, און באמת, פאר וואס זיך ניט פערלאזען אויף איהם? אויף מצה האב איך געהאט א אנהייב? האט ער דאך צוגעשיקט וועט ער מסתמא ווייטער צושיקען אויס צופיהרן דעם פּסח וואס ער האט יודען געבאטען. אי וואס? מיין פלונית שרייט: פון מארגען בסך הכל נור צוויי טאג צו יום טוב און איך האב נאך א קאפּעקע ניט! לאז זיא שרייען, א נאר בין איך וואס איך הער מיך גאר צו. אט זיצן איך אין בית המדרש, טאמיר וועט זיך דא עפּיס מאכען, אז ניט וועל איך אריינגעהן צו חייעלען, דארט האפען א גלאזעל טהיי, און אז רחל'ע וועט זיין, וועט זיא מיר ניט זשאליעווען א טרונק ברונפען אויך; און פאר וואס טאקי חייע'לען ניט געבען אנצוהארנם, אז מיר פעהלט נאך אויף יום טוב דאס און יענס? זיא וועט פערשטעהן מיין כונה און וועט אפשר מיר לייהען א פאר קערבלעך. ער עליו השלום, וואלט א ווארט ניט איבער־גערעדט, נור זיא איז ניט ער. איך וועל איהר ווייזען דאס בריוועלע וואס ר' פנחס'ל דעם רבינ'ס שרייבט מיר איך זאל זוכען פאר איהם א שידוך, אפשר וועט נאט מיר צושיקען און איך וועל האפען עטליכע קארבען שדכנות וועל איך איהר אוועג געבען, אויף נאמנות אוועג געבען! פשוט, עס זאל צו ניטץ קומען פון נאך אמאל וועגען. וואו געפינט מען אבער פאר איהם א אשה חשובה וואס זאל באמת ראויה זיין צו זיין ר' פנחס'לס ווייב? און טאמיר וואלט איך פרובען א רעד טהון מיט חייעלען? הא? א טאפ אין וואגען מאכט גאר ניט קאליע, איך וועל איהר זאגען, אז איך רעד זיא מיט ר' פנחס'לען, אי וואס? ר' פנחס'ל וועט ניט וועלן? נאך אמאל, ר' פנחס'ל וועט ניט וועלן? האט ער א ברירה גיט צו וועלן, זאל ער ניט וועלן א בי חייעלע וועט וועלן און וועלן וועט זי דאך בודאי, ווארום וואו וועט זיא נעהמען א גראסערן לייט פאר ר' פנחס'לען און דערצו א בעל מטופל מיט א איינענער אומעניע און מיט שאנע עטליכע טויזענד קערבלעך. וויא לייט זאגען? וועט זיא זיך טאקי אנחאפען, וועט זי מיר שוין לייהען עטליכע קארבען, נמצא, ווערט געפונען: וועל איך שוין האבען מיין פּסח אויסצופיהרן, היינט וואס דאגה איך? זאל דאגה'ן יענער וואס האט

ניט קיין בטחון אין דעם הזן את העולם. זאל דאגה'ן א פערד וואס האט א גרויסע קאפ אונ אין דעם קאפ א בנעקעל מוח ניט, אבער איך שמעון, וואס איך האב אויף מיינע פלייצעס א קאפ דווקא א קליינעם, אבער א מוח אין איהם א גרויסען דארף איך נור א קנייץ טהון דיא שטערן אונ עס ווערט א קערבעל, אונ אז עס איז דא א קערבעל וועט שוין ווערן א מאסטעל קארטאפלעס, א ביסעל בוריקעס, א נייע פסח־דיגע כלי אויף וואסער אונ וויין אויף כוסות; א כלל, עס וועט שוין ווערן פסח וויא עס איז. אונ טאקי פאר וואס ניט א שמועס טהון וועגען א חתן פאר רחל'ען? א שאן מאדעל איז זי, וואויל געלערנט אונ קלוג אויך, געלד אויף נדן האט איהר טאטע עליו השלום איהר מסתמא גענוג געלאזען, הלואי האב איך א צענט חלק וואלט איך שוין ניט דאגה'ן מיט מיינע ביידע בנות. איך וואלט זיי ביידען אין איין יאהר פטר'ן. בודאי, מען מוז א זוך טהון, אז מען זוכט געפינט מען, נמצא: וועל איך זאגען: איך גיב זיי ביידען חתנים, אותה ואת בתה, הייע'לען אונ רחל'ען, האטש עס הייבט זיך גאר ניט אן, אבער עס וועט מיר שוין זיין א שטיקעל ישועה אויסצופיהרען דעם פסח גאר קונטציק!

ביי אזעלכע געדאנקען האט ער פערמאכט דעם שולחן ערוך, אונ מען קאן ניט זאגען אז ער האט די הלכות פסח ניט גוט אויסגעלערנט.

אנגעלאדען מיט דער האפנונג אונ אנגעוואפענט מיט זיינע פלאנער איז ער פון בית המדרש גלייך צו חייע'לען אוועק.

חייע'לע איז זיך געזעסען גאנץ געמיטהליך ביי'ם טיש אין גרויסען עסענצימער, וואו רחל'ע האט איצט פון סאמאוואר טהיי אנגעגאסען. אין שטוב איז אפילו א ביסעל אונארדנונג געוועזן ווי ערב פסח, אבער דאס האט זיך ניט אנגעזעהן אויף דער ווירטהין וועלכע איז איצט רוהיג געזעסען. אנשטאט איהרע בריליאנטענע אויהרינגלעך אונ אנדערע ציערונג וואס זי פלעגט שטאנדיג טראגען בעת איהר מאן האט געלעבט — האט זיא איצט אויך געהאט אויף זיך גענוג אזעלכע פוטץ זאכען וואס האבען ניט שטארק עדות געזאגט אז די וואס טראגט זיי געפינט זיך אין א שווערן טרויער נאך איהר מאן וועלכען זי האט געליעבט אונ ניט לאנג פערלארן; איהר פרעהליך פנים, איהר אונבעזארגטעס לאכען, בעת זי האט דא ביי'ם טיש מיט איהרע קליינע קינדער זיך אונטערהאלטען — האבען אויך ניט געוואלד געשריען: „אזוי זעהט אויס אונ אזוי וויינט א ביטערע פינסטערע אלמנה, א מאמע, געביך, פון פינף יתומים!...."

ר' שמעון איז אריינגעקומען אונ אבגעהענדיג עטליכע טריט פון טהיר נאהענטער צום טיש איז ער שטעהן געבליבען אונ זעהר מיט כבוד געזאגט: גוט־נאבענד!

— גוט יאהר! האט חייע'לע געאנטווערט, דער רבי דאכט זיך? האט זיא צו געלייגט זיך איינקוקענדיג אין דעם גאסט, ווי זי וואלט איהם אין אנהייב גאר ניט ערקענט, רבי, איהר וועט רייך ווערן, איך האב אייך ניט ערקענט.

— אונ איהר חייע'לע, וועט דערהויבט ווערן! האט שימעלע געאנטווערט צו געהענדיג נאהענטער, איך האב אייך אויך ניט ערקענט, איהר זעהט אויס אהן עין הרע מיט צעהן יאהר יונגער!

— צרות, רבי, מאכען שטארק אונ געזונד, האט חייע'לע מיט א זיפץ ערקלערט.

אין גוטע יאהרן וואלט איך נאר מיינע וועהטיגע און מיין טרויער ניט אריבער געטראגען, נור אז דער וואס לעבט אייביג האט מיך געשטראפט און איך בין ניט פאר.קיין יודישע טאכטער געדאכט—געבליבען א אלמנה מיט יתומים.זאלען געזונד זיין. און איך האב שוין ניט פאר וועמען זיך איבער צו געהמען, אט ניט ער די קאלט נאך די קליידער נאך און מען מוז געזונד און שטארק זיין. וואס ווייסט איהר, רבי קרוין? א מאל טהוט מען זיך א קניפ אין באק כדי דאס פארב זאל זיין... רחל'ע, וואס שטעלסטו דעם רבין ניט א שטוהל? זיצט רבי!

ר' שמעון האט זיך אנידער געזעצט.

— זאגט מיר רבי, פאר וואס זעהט מען אייך אזוי זעלטען? איהר זייט דאך ניט צליך צו אנדערע, וואס קומען נור בעת עס איז פרעהליך. חלילה אז עס ווערט אונמוטהיג זעהט מען זיי קיינעם אין די אויגען ניט.

— דיא מעשה דערפון איז פשוט, האט שמעון געאנטווערט, א גאנצען זמן, ווייסט איהר דאך, איז מען צוגעבונדען צום חדר, מען נעהמט שכר למוד, חיי'לע, ניט אומזיסט. גלויבט מיר ניט אומזיסט! בין הזמנים בין איך שוין דוקא א ביסעל פרייער. נעהמט אבער אזא פסח, זעהר א שווערע דאגה פאר א ארעמאן, עס פעהלט דאס און יענס, א כלל, מען קרענקט אוים די עטליכע פרייע שעות אין טאג! א גאנצען זמן, ווייס איך, איז מען ווי דער אקס אין דער מאכע, מען ציהט וויפיעל די כוחות דינען, איצט אבער אז מען איז פריי הייבט זיך אן מצה, בוריקעס, קארטאפעל, פלייש און א שטיקעל בגד אויף יום טוב, נו וואס זאל מען פריהער טהון?

ווידער וועל איך זאגען דעם גאנצען אמת, וואס זאל איך קומען א הערצו? שכר למוד האט איהר מיר שטאנדיג אין שטוב אריינגעשיקט— איהר לאזט ניט ווי אנדערע דעם ארעמען מלמד הונגערן ביז זייא דערמאנען זיך איהם זיינע פאר קערבליך צו געבען—די קינדער, פערהאארן? זאל גאט מאריך ימים זיין אייער טרייען שוואגער ר' שלמהן, ער קומט אין חדר אריין א פאר מאל אין וואך אכטונג געבען אויף אייערע יונגלעך ווי זיי לערנען, אט פערגעסט מען אמאל אפילו אריינצוקומען פון כבוד וועגען; נור איצט בין איך גלאט אזוי אריינגעקומען, ווייל איך בין לעדיג לגמרי, וואס מיינט איהר לגמרי? טאקי פשוט לגמרי לעדיג: אהן תלמידים, אהן געלד, אהן א אנהייב אויף פסח און געה מאך יום טוב! נייין, זינדיגען טאהר מען ניט, ניט גאר אהן א אנהייב, דער רבונו של עולם זעהט צו וויא יודען זאגען זיך ממית זיין יום טוב בכבוד צו האלטען, אט שיקט ער צו אויף מצה. איהר מיינט אז איך זאג: ער שיקט צו, מיין איך ער שיקט א מלאך אין שטוב אריין מיט א ביטעל געלד און ער זאגט: ר' שמעון, אדער שמעון, נא, דער רבונו של עולם האט דיר געשיקט אויף מצה כך וכך. אויף פלייש און בוריקעס ווידער כך וכך? נייין! אזעלכע צדיקים זענען מיר גאר ניט אין היינטיגע דורות, אט האט ער גוטע מענשען וואס זענען זיינע אמת'ע מלאכים אין דעם ענין און דער וואס קאן ניט צו פערדינען אויף מצה, דער וואס האט ניט צו געבען צו פערדינען האט מסתמא א גוט הארץ און אנטלייהט א פאר קארבלעך אויף די איבריגע הצטרכות און עס ווערט פסח. ניט אמת חיי'לע?

— אז ניט ער זאל צושיקען דעם ארעמען טא ווער זשע דען ? האט חיי׳עלע בעמערקט.

— קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף! האט שימעלע ווייטער אנגעהויבען, הערט נור, דיא גמרא זאגט, אז דעם מענשענס מזונות זענען שווער אזוי ווי צו שפאלטען דעם ים. איך האב מיך דערמאנט א תורה וואס ר׳ פנחס׳ל זאל לעבען האט געזאגט אמאל בעת איך בין געוועזן ביי איהם זאל לעבען, אין פלוג איז דאך די קשיא, האט ר׳ פנחס׳ל געזאגט, ווי אזוי זאגט דאס גאר די גמרא ? איז א יתכן אז ביי דעם מי שאמר והיה עולם: ביי גאט וואס מיט א זאג האט ער דיא גאנצע וועלט בעשאפען, דעם ים מיט דער יבשה, וועט איהם שווער זיין צו שפאלטען דעם ים ? דערפאר האט ר׳ פנחס׳ל ערקלערט: ניט פאר דעם רבונו של עולם איז שווער געוועזען, נור פאר אונזערע אבות וואס האבען מיט זייער אייגענעם זכות ניט פערדינט גאר אזא נס, אט איז זיי קשה געוועזן ביז משה האט פאר זיי תפלה געטהון. אונ אזוי איז מיט מזונות אויך, מיט אייגענע מעשים טובים פערדינען מיר גאר ניט געשפייזט צו ווערן, נור דער רבי זאל לעבען מוז פאר אונז מתפלל זיין, דאריבער קומט אונז אזוי שווער אן אונזערע מזונות, אונזער פרנסה. אונ אזוי מיינט דיא גמרא אויך מיט דעם וואס זיא זאגט: קשה לזונן כקריעת ים סוף, א מענשען א רעכטען שדוך אויסצופיהרן איז אויך ניט גרינגער וויא קנעלען ... נור ניט דאס גאר וויל איך זאגען, איך האב מיך דערמאנט וועגען ר׳ פנחס׳לען, איז מיר די תורה וואס איך האב פון איהם געהערט אריינגעפאלען. פאר אייך, חיי׳עלע, מאג מען זאגען א תורה, איהר האט זיך געגוג תורה אנגעהערט ביי אייערע עלטערן, איך האב זיי גוט געקענט, זייער זכות זאל אייך ביישטעהן; אז מיר זאל פארקומען אייך רעדען א שדוך אין א גוטער שעה וואלט מיר ניט שווער זיין אויסרעכענען דעם נוגע בדבר אייער יחוס ביז אבות אבותינו וואס זאגט איהר, חיי׳עלע ?

— רבי, אייער גלאז איז שוין קאלט, האט רחלע בעמערקט.

— ווייס איך, וואס האב איך פון דעם טהיי ? האט שמעון זיך אנגערופען, מיר ווילט זיך גאר א סך א בילכערע זאך ווי טהיי.

— איהר ווילט אפשר לייהען א גמילת חסד אויף יום טוב ? האט חיי׳עלע געפרעגט.

— וואס הייסט איך וויל לייהען ? האט ער איבער געפרעגט, לייהען איז עפּיס אזא גוטע זאך אז דאס זאל זיך גאך ווען ? ווילען וויל איך גאר פערדינען, נור אז צו פערדינען מאכט זיך איצט ניט, וועט זיך מסתמא שפעטער מאכען, אט אז מען האט דערווייל קיין ברירה ניט, ווארום פסח איז פסח אונ מען איז דאך א יוד, מוז מען בעטען לייהען ... נור זאגט מיר, חיי׳עלע, ווען קאן איך צו אייך אריינקומען איבער רעדען א פאר ווארטער מכח א ענין, ווי זאגט מען, אונטער פיער אויגען ?

— רחלע, האט די מוטער א זאג געטהון, נעהם די קינדער שלאפען, אט זייא דרעמלען שוין.

רחלע האט פערשטאנען אז די מוטער וויל אליין בלייבען מיט שימעלען, זיא האט גענומען די קינדער אונ איז מיט זיי פון סטאלאווע ארויס. אז שימעלע איז

סיי'לען אליין געבליבען האט ער ארויסגענומען א בריוועלע פון זיין בוזען קעשענע און האט אנגעהויבען לייענען.

„שלום וברכה וכל טוב סלה לכבוד הירא וחרד וכו' מוה' שמעון שדכן נ"י. אזוי ווי דיר איז ידוע שמעון, מיין צער, היינו: וואס הפלונית שלי (מיין פרוי) הלכה לעולמה (איז געשטארבען) און איך בין געבליבען א פלג גוף, בין איך דיר ראשית מודיע, אז ביי מיר איז א פלאן חופה צו האבען מיט א אשה חשובה כשרה וישרה, ממילא מובן (עס פערשטעהט זיך) נאך מיין ערך, על כן זאלסטו טהון „אריינברענגען דיין קאפ און דיין רוב" אין דעם ענין און זאלסט מציע זיין (פארלעגען), עפים א גלייכע זאך. איך שרייב צו דיר, כאטש דוא ביזט ניט א מוחזק פאר א גרויסען שדכן, אבער ווייל דוא ביזט מאנשי שלומנו. (פון אונזערע לייט) און דוא קענסט די נשים החשובות (די ווירדיגע פרויען) מאנשי שלומנו בפרט ממחנך (פון דיין שטאדט) וועסטו מסתמא מיין רצון פערשטעהן, און דוא וועסט קיין קרומע זאך ניט מציע זיין. ווייט פאהרן זוכען ברויכסטו ניט. חן מקום על יושביו (יעדען געפאלט זיין אייגען שטאדט) ודי לחכימא ברמיזא. (א קלוגען איז גענוג א וואונק) אז איך וועל זעהן אז דוא ווייסט מיין ערך און פערשטעהסט וואס איך מיין, וועל איך דיר מודיע זיין פרטים, וה' יצליח דרכך, מנאי הצעיר פנחס ברבי ישראל הלוי.

העיקר שכחתי. (דאס וויכטיגסטע האב איך פערגעסן) פורש בשלום צו זיין להגבירה המפורסמת האשה הצנועה והחשובה מרת חייעלע הא למנה שתחי', זאג איהר, אז ער זאל לעבען איז מתפלל בעדה ובעד בניה היתומים. (בעט גאט פאר איהר און פאר קינדער די יתומים) הנ"ל.

חייעלע האט פערלאנגט זעהן דאס בריוועלע מיט איהרע אויגען, שמעון האט איהר דאס בריוועלע דערלאנגט, זי האט א קוק געטהון און באלד אבגעגעבען שמעונען צוריק און א בעהאלטענעם שמייכעל געטהון.

— ראשית בעט איך אייך, חייעלע האט שמעון געזאגט, אז דאס זאל זיין ביי אייך א סוד, פערשטעהט איהר, איבער כמה טעמים ברויך דאס א סוד זיין, איינמאל: דארף א שדוך גלאט אזוי א סוד זיין, צווייטענס וויל איך פשוט, אז קיין אנדער שדכן זאל עס ניט וויסען און ביי מיר ניט אויסחאפען, נור אזוי ווי איהר זענט א אשה חכמה און איהר קענט ר' פנחסלען, זאלט איהר טאקי זאגען וואס זאל איך איהם מציע זיין?

— הארט איהר, רבי, האט חייעלע ווי גלייכגילטיג געאנטווארט, מיך ארט גאר ניט, אז ר' פנחס'ל, כאטש ער איז א פיינער יוד, מיר אזא יאהר, אז ער וועט זיצען צום סדר ווי א מלך אהן א מלכה; איך האב נאך דערווייל בילכערעס צו דאגה'ן און צו טראכטען, איך ברויך נאך מיין רחל'ען, זאל לעבען, א חתן געבען. וואס ווייטער וועט זיין וועט שוין גאט זארגען, ניט שוין איז מיין מזל ארגער ווי דער מזל פון אנדערע אלמנות? און ווידער פראג איך: וואס איז די אייל'ענעש אזוי גרויס? וואס האט ר' פנחס'ל אזוי קיין צייט ניט? די טייך אונזערע ברענט נאך ניט!...

— חייעלע, איהר זייט דאך א קלוגע אשה, האט שימעלע זיך אבגערופען, איהר ...ט דאך, אז ניט אזוי גיך טהוט זיך ווי עס רעדט זיך, ר' פנחס'ל מיינט איך

מיט הענדום פענדום חתונה האבען, ער שרייבט: האבען דאס נור אין זינען, אונ ער איז גערעכט! ווייסט איהר פאר וואס גערעכט? ווייל ער איז א יוד א למדן מופלג — אונ ווייס אז די גמרא זאגט: פירציג טאג קודם יצירת הולד, דאס איז טייטש: איידער דאס קינד ווערט נאך געבארן רופט שוין א בת קול אויס „בת פלוני לפלוני". ווערט איהר אפשר אויך פרעגען: וואס איז די איילעניש? וואס האבען זיי דארט אין הימעל קיין צייט ניט? פון דעסטוועגען ווערט טאקי דער זווג בעשטימט נאך איידער מען ווערט געבארן, ביז דער חתונה געהן דערווייל אריבער צוואנציג יאהר אדער מעהר; איז דאס אלץ גערעדט ביי דעם זווג ראשון, דער זווג שני אבער, וואס קומט דעם מענשען לפי מעשיו, נאך זיינע גוטע מעשים, איז דער שטייגער מען זאל טאקי א ביסעל צו איילען אונ מען מאג שרייבען צוליעב דעם תנאים אפילו אום חול המועד. פשוט, שמא יקדמנה אחר, טאמער וועט דערווייל זיא אויסחאפען איין אנדערער. זעהט איהר, חייעלע, ר׳ פנחס׳ל ווייס וואס ער טהוט. איך בין נור זיין שליח צו זוכען? געזוכט האב איך אונ גאט ברוך הוא, דאנקט מיר, האט מיר בעוויזען די אשת תשובה וואס ר׳ פנחס׳ל מיינט... איצט דארף איך נור וויסען אויב עס איז ניט קרום, וועל איך איהם שרייבען; ביז וואס ווען, מאג נאך עטליכע חדשים אריבער. נישקשה, מיינע שדכנות וועט ניט פערפאלען ווערן, אי וואס? מיר פעהלט נאך א פינף זעקס קערבליך דעם יום טוב אויסצופיהרען? בין איך נאך ביי חייעלען, זאל לעבען, א בטוח, אונ איהר וועט מיר טאקי לייהען וויפיעל איך דארף נאך.

— אויף פינף רובעל, רבי, זייט איהר אלע מאל א בטוח, בפרט אז ביי מיר איז געבליבען ביי אייך מיינע יונגליך ניט אבגעהמען אויף זומער אויך. נאט אייך דערווייל פינף רובעל. יוא, אז איהר וועט שרייבען צו ר׳ פנחס׳לען דאנקט איהם פאר זיין גערוס צו מיר, נור איך בעט אייך, קיין זייטיגע זאכען איהם ניט דערמאנען; איך האב א טעם דארינען, אגב רעכען איך, אם ירצה השם, תיכף נאך פסח אריבער פאהרן צו איהם זאל לעבען, איך וועל הערן וואס ער וועט זאגען, וועל איך וויסען וואס אייך צו ענטווערן.

— איהר רעדט ווי א פרומע אשה, חייעלע! האט ר׳ שמעון מסכים געוועזן, אדרבה, פאהרט טאקי תיכף נאך יום טוב, וועט איהר טאקי הערן; אהן זיין הסכמה וויל איך גאר קיין שדכן ניט זיין. אייגענטליך האב איך שוין געמאנט געהן א היים ווארום דעם גמילת חסד אייערן האט איהר מיר שוין געגעבען, נור פון א יודען ווערט מען דאך אזוי גיך ניט פטור, אט ווילט זיך מיר ביי אייך בעטען: איהר זאלט מיך מהנה זיין פון אייער זילבער מיט א זילבערנעם בעכער ביז איבער יום טוב. זינט איך בין א שטיקעל מענש איז ביי מיר צום סדר שטענדיג געוועזן א זילבערנער בעכער צו דעם כוס של אליהו זכור לטוב, איך האב איהם נאך בירושה געהאט פון מיין שווער עליו השלום. נור וואס איז די שאמעריי? איהר ווייסט דאך, שמעון איז ניט קיין גביר — מאכט זיך, מיין פלונית ווערט, ניט פאר אייך געדאכט, ניט געזונד היינטיגען ווינטער, מען מוז האבען א קערבעל פאר דעם דאקטאר אונ אין אפטייק אריין אונ אין קעשענע איז א קאפעקע ניטא. וואס האב איך געטהון, מיינט איהר? געחאפט דעם זילבערנעם בעכער אונ אוועג געטראגען צו לייבקע דעם מלוה, גענומען

אויף איהם ארובעל מיט פונפציג קאפעקעס אונ אזוי ליגט דער בעכער ביי איהם אונ ווערט נאך מסתמא ליגען ביז גאט ברוך הוא וועט זיך ערבארעמען, דערווייל איז מיר א בזיון פשוט, אין דער דאזיגער נאכט פון פסח צו שטעלען אליהו הנביא זיין כוס אין א פראסט גלאזעל; דערפאר, אז מען וועט ביי מיר פסח צום סדר די טהיר אפענען וועל איך זאגען: ברוך הבא, אליהו התשבי! זעהסטו אט דעם גביע של כסף? דאס האט האשה חיה בת רחל מיר געליהען נור פון דיין כבוד וועגען. בענש זיא מיט ברכה אונ הצלחה, אונ בטוח בין איך אז דיין ברכה וועט מקוים ווערן!

— פון אליהו הנביא'ס וועגען וואלט איך מיין גאנצען זילבער אויך גיט זשאליוועט האט זי געאנטווארט, זאל ער נור וועלן טרינקען געזונדערהייט, ווי איך פערגין איהם! שיטצט א ביסעל, איך וועל אייך באלד ארויסטראגען א בעכער.

חיי'לע איז ארויסגעגאנגען. שימעלע איז אליין געבליבען אונ האט אנגעהויבען בערעכענען וואו דיא פינף רובעל צו פערטהון.

א אקע (דריי פונט) שמאלץ, האט ער אנגעהויבען, קאסט א קארב מיט צעהן גראשען, אזוי האט זיא מיר היינט געזאגט. טא וויפיעל וועט מיר קאסטען א האלבע אקע? געווג וועט זיין א האלבע אקע; יע, וועט קאסטען א האלבען רובעל מיט פינף גראשען. בלייבט מיר נאך מזומן פיער קארבען מיט דריי גילדען מיט פינף גראשען. געדענק זשע! א כלי אויף פסחדיגע וואסער דריי גילדען? א מעסטעל קארטאפלעס, לכל הפחות א מעסטעל, אויך פיער גילדען, נאנץ שאנע קארטאפלעס האבען לייט היינט געקויפט פאר פיער גילדען. א ביסעל בוריקעס אויף פסח אויך בערך א גילדען אזוי, אונ אפשר טאקי פאר דיא גאנצע דריי, איך האב ליב א בוריקעס ראסעל, א בוריקעס צימעס, געהאקטע בוריקלעך מיט א ביין, אויף נאמנות א מחיה, אפילו ביי טאג נאך דעם שלאף אויך. אונ וואס עסט מען א גאנץ חול המועד? עס איז דאך פארט יום טוב אונ פסח דערצו? מסתמא, טאקי פאר די גאנצע דריי גילדען; היינט פלייש? אט דא איז דיא צרה! פלייש קאסט בודאי א גילדען מיט זעקס גראשען א פונט, לכל הפחות מוז מען נעהמען א פיער פונטלעך פלייש אויף די ערשטע טאג, היינט געה צאהל צו גילדען מיט זעקס גראשען א פונט, אונ פיער פונט איז טאקי פיער גילדען אונ פיער מאל זעקס גראשען איז דאס אויך א גילדען אהן זעקס גראשען. א איינעם א גאנצער! אונ דער סוף וועט זיין, אז דער קצב וועט נאך פון וואג אראפ נעהמען א האלב פונט. אט וועט אנקומען אויף א געזינדעל פון זעקס מענשען א פחות כזית פלייש... אונ פאר וואס איז דאס אלץ אזוי? ווייל א יעדער בעל טאקסע האט אויף דעם ארעמאן א ברעקעל רחמנות ניט. בן סירא איז געוועזען גערעכט וואס ער האט געזאגט: כל ימי עני רעים. אלע טאג פון דעם ארעמאן זיינען שלעכטע טאג, פערשטעהט איך דערפון, אז אין בן סירא'ס צייטען איז שוין געוועזען א טאקסע. אונ ער אליין האט בעדארפט צאהלען פאר פיער פונטלעך פלייש לכבוד יום טוב גאנצע פינף גילדען אהן זעקס גראשען, אונ ווי דער שטייגער איז, אז ער איז געוועזען א קבצן האט איהם מסתמא גאט געבענשט מיט א זעקס, זיבען אכט קינדער, איז ער מיט זיין פלונית דיא בן סירא'טע אין איינעם געוועזען א געזינדעל פון צעהן מענשען אונ פרוב ארבה איינטהיילען א פונטעל פלייש פון א יום טובדיגען טארימעס אויף א געזינדעל

פון צעהן מענשען, אט, אז ער האט פערזוכט וואס פאר א טעם דער קבצן פיהלט פון זיין שבת, יום טוב און וואך, האט ער א זאג געטהון: כל ימי עני: אללע טאג פון דעם קבצן זיינען איהם שלעכט. אי וואס? דיא גמרא פרעגט: והאיכא שבתות וימים טובים? איז דאך אין פלוג דיא משמעות אז שבת און יום טוב האט דער קבצן הנאה פון זיין לעבען? איז דאס אויך קיין קשיא ניט. ווארום דיא קשיא האבען נור געפרעגט די ישיבה לייט וואס האבען אויף פרעמדע טישען געגעסן און דעם קאס ניט געדרעהט: וואו געהמט א גילדען מיט זעקס גראשען אויף א פונטעל פלייש—האבען זייא טאקי די גזרה פון דער טאקסע ניט געפיהלט, אבער א טאקסע איז שוין דאמאלס אויך געוועזן, ווארום יודען זענען שוין דאמאלס אין גלות געוועזן און וואס פאר א פנים האט א גלות אהן א טאקסע? שמע מנה אז דערפון געדרונגען אז דאס האבען געזאגט נור די ישיבה לייט. אבער בן סירא איז גערעכט וואס ער האט געזאגט כל ימי עני רעים, אללע טאג דעם ארעמאנס זענען פינסטערע ביטערע טאג, אפילו שבת, אפילו יום טוב האט ער יסורים, בייגער און ניט פלייש!...

נור מחשבות'ן, וואו האלט איך מיט'ן חשבון? נור וואס בין איך מחויב צו ברעכען איצט דעם קאפ און רעכנען? איך וועל בעסער פאנאנדער בייטען דאס פינפערל, אראפנעהמען א ר"ך והצי, וועל איך דערפון קויפען ויין אויף כוסות און א האלב קווארט פסח'דיגען י"ש בסך הכל פאר פינף גילדען, בלייבט מיר נאך פינף גילדען, וועל איך פאר דריי גילדען מיר קויפען א נייע היטעל לכבוד יום טוב, וועט זיין א גילדען אויף חריין און חרסת מיט די איבריגע מכשירים, נמצא בלייבט מיר נאך א גילדען ריוח; נור פון יום טוב טאהר מען ניט פערדינגען, וועל איך קויפען פאר צעהן גראשען א הגדה א נייע, פאר צעהן גראשען איינגעמאכץ פון רעטעך מיט אינגבער—געזונד צום מאגען, און צעהן גראשען א פעקעל נייע ציצית אין מיין טלית לכבוד יום טוב, אט אזוי בין איך קווית. איהר וועל איך דערלאנגען די דריי ר"ך והצי און איהר זאגען: נא, איך גיב דיר וויפיעל איך האב, מאך יום טוב און גרייט אן חאמטש פון פויגעל מילך! זיא וועט מסתמא נעהמען דאס קריידטל און וועט אנהייבען רעכנען: קארטאפעל כך וכך, בוריקעס, שמאלץ, אייער, פלייש, זאלץ, ליכט, באד געלד, און וועט שרייען און ווארפען זיך: גיה דוא מאך יום טוב דערמיט! טא וואס זאל איך טהון? מעהר האב איך ניט, אפילו אויף באד געלד זיך ניט געלאזען, גאט איז מיין עדות, אז ווען איך זאל האבען וואלט איך איהר ניט זשאליעווען! אי וואס, זיא וועט שרייען? פארקאסער איך מיינע פאלעס און גיה מיר ווידער אין בית המדרש אריין, לאז זיא שרייען, אז עס וועט נאכט ווערן וועט מוזען ווערן א סדר און צום סדר וועט זיא אהן מיר ניט אויסקומען!"

אין דער צייט וואס שימעלע האט זיין קאפ געבראכען וויא צו פערטהון זיינע גליהענדע פינף רובעל—איז רחל'ע געוועזן בעשעפטיגט מיט איהרע ברידערלעך אין זייער צימער זיי שלאפען צו לעגען.

— עס איז אמת רחל'ע, וואס דער רבי זאגט, האט דאס עלטער יונגעל געפרעגט, אז איצט האט מען דעם טאטען פריי ארויסגעלאזען פון גיהנום? איצט געהט ער זיך אבקיהלען אויף די גרויסע בערג מיט שניי וואס זענען אויף יענער וועלט! אי, איך

האב אזא רחמנות אויף אונזער טאטען, איהם איז דארט אזוי שלעכט, זאג, רחלע איצט אז ער איז פריי איז איהם אויך שלעכט?

דאס קינד האט זיך צוגעטולעט צו זיין שוועסטער, ווי עס וואלט זיך בעהאלטען געוואלט פון דעם שרעק-בילד וואס זיין רבי האט איהם פארגעשטעלט. רחל'ען זענען ארויס טרערען פון דיא אויגען.

— האב קיין מורא, מיין ליעב ברודערל, האט זי דאס קינד געטראסט, אונזער ליעבען פאטער איז אויף יענער וועלט ניט שלעכט! נור רשעים וואס האבען שלעכטס געטהון אין זייער לעבען, וואס האבען גענגבעט, ליגען געזאגט, פאלש געשוואוירען אויף אן ארעמאן, קיין רחמנות ניט געהאט — נור אזעלכע קומען אין גיהנום אריין, אבער אונזער ליעבער פאטער איז געוועזען א גוטער מענש, ליבער מאטעלע, ער האט נור גוטעס געטהון, איהם האבען אלע ליעב געהאט, גאט האט איהם אויך ליעב געהאט ווי לאנג ער האט געלעבט, און נאך זיין טוידט האט ער איהם צוגענומען צו זיך אין גן עדן. זאג נור קדיש נאך איהם, מיין טהייער ברודערל, און האב קיין מורא ניט!

— אבער דער רבי זאגט, האט דאס קינד איינגעווענדט, אז אלע, אפילו א צדיק מוז אויך פריהער אין גיהנום זיין, נור אין דעם חודש ניסן, וואס גאט האט יודען פון מצרים ארויסגעפיהרט, זענען אלע פריי פון גיהנום, אפילו רשעים אויך, מען פער-לעשט דארט דאס פייער ביז נאך פסח, זאגט דער רבי.

— דיין רבי ווייס ניט, האט זיא געאנטווערט, זיי גוט און פרום, האב רחמנות אויף ארעמע, מוטו קיינעם קיין שלעכטס ניט, זאג קיינמאל קיין ליעגען ניט, שעלט קיינעם, און פאלג דער מוטער, דעם פעטער, אויך מיר, מיין טהייער ברודערל, וועסטו אויך פאר דעם גיהנום ניט ברויכען מורא האבען! זיי ווי אונזער ליעבער פאטער, וועלכער איז אין גן עדן איצט; ער בעט דיך מאטעלע, דוא זאלסט אזוי גוט זיין ווי ער!

דאס קינד האט זיך בערוהיגט, אבער עס האט אלץ מורא געהאט אין חדר אליין צו בלייבען; זי האט געגעבען איהם געמוזט זיטצען ביז עס איז אנטשלאפען געווארען. זיצענדיג אזוי האט זיא אנגעהויבען טראכטען, וועגען שימעלען, זיא האט איהם קיינמאל ניט ליעב געהאט. נור איצט האט זי געפיהלט ווי א ווערטיג אין הערצען.

צו וואס איז ער געקומען צו אונז אין שטוב? האט זיא זיך געפרעגט, איז ער ניט געקומען ווי אלע מאל, אוועק צו שלעפען מיינע אונשולדיגע ברידערלעך, ווי די ארעמע שאפעלעך צו איהם אין חדר אריין, דארט זיי שלאגען, זיי שרעקען מיט זיינע ווילדע מעשות ווי מען פייניגט אונזער ליעבען פאטער אין גיהנום. — איז ער געקומען אבנעהמען פון זיי זייער איינציגע שוועסטער וועלכע האט נאך א אפען אויג א מאל זיי פון זיינע האנד צו פערהיטען! יא, נור צו ליעב דעם איז ער געקומען, זאגסט וואלט דיא מוטער מיך ניט ארויסגעשיקט, זי האט קיין אנדערע סודות מיט שימעלען צו רעדען וואס מיר פאסט ניט זיין דערביי. אבער ניין, איך וועל מיך ניט לאזען אברייסען פון מיינע קליינע יתומים, גאט קאן עס אויך ניט דערלאזען. און אפשר מיינט ער גאר דיא מוטער? אך, דאס איז נאך ערגער! און איך האב מורא דאס וועט איהם אויך גרינגער זיין... ווי שלעכט, וויא זינדיג ביזטו, שימעלע!.... און

אפשר ביזטו ניט שולדיג, די נויטה טרייבט דיך. דער הונגער פערקרימט דיין צינג מיט ליגען אונ שווינדעל, דוא מיינסט נור א קארבעל, צו קאנען דעם יום טוב אויס פיהרן אונ נור פון א תרוץ וועגען, זאגסטו אז דוא מיינסט עטוואס אנדערש... גוט איך וועל דיר דאס קערבעל שטאנדיג אין שטוב אריינטראגען נור קום צו אונז אין שטוב ניט אריין, ניט פערשטאר מיינע ברידערלעך זייער פרייהייט אונ ניט רויב פון מיר מיינע זיסע האפנונגען !"

אז זיא האט בעמערקט די קינדער שלאפען שוין, איז זי באלד אין סטאלאוועע אריין. שימעלע איז נאך אליין ביים טיש געזעסען אונ געבאראבאנעט מיט די פינגער אויף דעם טאץ מיט די גלאזער. ווי רחל'ע איז אריינגעקומען, האט ער צו באראבאנען אויפגעהערט אונ האט אנגעהויבען פאנאנדער ציהען מיט א פינגער דאס פערגאסענע טהיי וואסער אויף דעם טאץ אין א מנורה מיט זיבען רעהרן, פונקט וויא דיא היילינע מנורה פון חומש מיט איהרע קנאפ אונ מיט איהרע בלומען.

— רבי, האט רחל'ע שטיל אויסגערעדט צוגעהענדיג צו איהם, וואצו ערצאהלט איהר די קינדער אזעלכע מעשות פון גיהנום? זיי שרעקען זיך איצט אליין אין צימער צו בלייבען. האט קיין פאראיבעל ניט, ליעבער רבי, איך וויים, איהר זענט ניט רייך. איהר ווילט פערדינען א רובעל, די נויטה טרייבט אייך, איך וועל זארגען דער רובעל זאל אייך ניט פעהלען, נור פערשטארט מיינע יתומים'לעך דעם יום טוב ניט, ער איז שוין אהנע אייך אויך גענוג פערשטארט... וואס עס מוז זיין, וועט זיין, וואס איז אבער די איילעניש?... זאלען דיא קינדער אונטערוואקסען, זאל אונזער טרויער חאטש א ביסעל פערגעסען ווערן, דאן זאל גאטעס ווילען געשעהן... וואצו ברויכט איהר אבער דער ניט געבעטענער שליח זיין, קליינע יתומים — עלענד אונ אנגסט צו ברענגען פאר דער צייט? איך מיין, איהר פערשטעהט מיך, רבי!?...

— צו איך פערשטעה? האט ער זיך אבגערופען, איך פערשטעה אויפ'ן וואונק מיט מיר דארף מען א סך ניט רעדען... אדרבה, ווייל איך פערשטעה, וויים איך, אז איך טהו דיר קיין שלעכטס ניט; נור ווייל דוא פערשפרעכסט מיר א גמילת חסד צו לייהען, ווען נור איך וועל ברויכען, ביזטו א גוט מאדעל! פיעל וועל איך ניט בעטען, איך ברויך נור פאר מיינע יונגלעך א פאר היטעלעך לכבוד יום טוב, האסטו דיינע ברידערלעכס היטעלעך מיר אוועג צו שענקען איז מה טוב, אז ניט לייה א קארבעל, וועסטו מיך אין דיא אויגען ניט אנזעהן ווי לאנג דוא ווילסט אליין! איך פערשטעה דיך רחל'ע, אזא יאהר מיר וואס פאר א גוט מאדעל דו ביזט, חאטש א ביסעלע ניט קלוג!

— נאט אייך א רובעל אונ קומט ניט פריהער, ביז איהר וועט נאך א מאל וואס ברויכען! האט זיא געזאגט. אין דער מינוט איז חייע'לע אריין מיט אגרויסען זילבער נעם בעכער.

— איך גיב אייך, רבי, דעם בעכער. האט חייע'לע, געזאגט איהם דעם בעכער דערלאנגענדיג, א אלט מאדישער אפילו, נור איך בעט אייך, תיכף נאך יום טוב איהם אבברענגען; אם ירצה השם, אז איך וועל זוכה זיין מיין ערשט קינד צו דער חופה פיהרן, וועל איך געבען דעם בעכער מסדר קדושין צו זיין אונ דערנאך איהם אוועק שענקען אין שול צו קידוש אונ הבדלה.

— אליהו הנביא מאג עס הארן! האט שימעלע א זאג געטהון, ארדרבה, זאל ער זיסען פון וואס פאר א בעכער ער וועט טרינקען זיין כוס, אין דער דאזיגער נאכט פון פסח, נור זאגט מיר, חייעלע, מען דארף איהם כשרן?

— ער ליגט שוין אין קאמאר ביי מיר אפשר צעהן יאהר ניט געניטצט, — האט חייעלע געאנטווערט, וואס קאן עס שאדען, כשר'ט איהם, קאליע מאכט עס ניט.

— איך וועל איהם כשרן און תיכף נאך יום טוב ברענג איך איהם אייך אין שטוב אריין מיט דאנק. האט אייך א גוטע נאכט, א גוטען יום טוב! האט שימעלע צוגעוואונשען און שוין געוואלט ארויסגעהן.

— ביז יום טוב, וועט איהר שוין ביי אונז ניט זיין, רבי? האט חייעלע געפרעגט.

— וויפיעל בלייבט דען נאך ביז יום טוב? האט ער געאנטווערט, קיין צייט ניטא, מען מוז מיין אלטער א ביסעל צו העלפען, א קלייניגקייט אזא יום טוב!

— לאזט אייך ניט בעטען חאטש יום טוב אויף כבוד, רבי קרוין, איהר ווענט ביי מיר א גאנץ טהייערער גאסט. — שימעלע האט צוגעזאגט צו קומען און איז אהיים אוועק.

„גאט שיקט צו און פערלאזט קיין יודען ניט, וואס איז זיך ממית זייגע מצות אפצוהיטען, — האט שימעלע זיין ווייב געזאגט תיכף ווי ער איז אין זיין שטיבעל אריינגעקומען, — איך האב שוין א מעלקענדיגע קוה מיט א קאלב... עס וועט שוין אם ירצה השם ניט פעהלען א קערבעל אז מען וועט דארפען!

— ווער דען וועט צו שיקען אז ניט ער? האט דאס ווייב געאנטפערט פרום און צופרידען. ביידע האבען זיך געזעטצט בעקלארן ווי איינצושפארן עטליכע קאפעקעס עס זאל בלייבען א פאר גילדען, וואס מען מוז האבען אויף צוויי ארשין וואלאטלעס איינצוזאהען א פאר נייע ארבעל אין ר' שמעון'ס לאסטינגענער קאפאטע, דיא אלטע ארבעל זענען שוין צו פאלען און דאס איז דער איינציגער בגד וואס ער האט נאך יום טוב אנצוטהון.

ב.

דעם גאנצען טאג האט דאס שטאדטעל געקאכט. פון שייערן און כשרן, פון וואשען און שאבען טישען, שטוהלען און שקאפעס; אין דער פריה האט מען דעם חמץ פערברענט. דיא ווינטער פענסטער ארויס גענומען, דיא שויבען אויסגעוואשען, די שטרויא און היי ארויסגעטראגען, אויסגעשאטען אויפ'ן גאס, ניט ווייט פון דיא טהירין, וואו קלייניצער ציגען און חזירים האבען בשותפות געגאסען און געזוכט. קיינער האט קיין צייט געהאט, זיי אוועג צו טרייבען; מאנסלייט זענען מיט דיא קלענערע יונגלעך געגאנגען מיט בוטלען לעדיגע צו ר' שמואל'ן אין זיין קעהלער קויפען וויין אויף ארבעה כוסות, אנדערע האבען טעלער, גלעזער און טאצען געטראגען צום שטאוו טובל זיין. די ווייבער האבען די אייוועגס און די טאפ געברענט אין דער היים און דארט האט זיך זייערע אויסגעהארוועטע געזיכטער אנגעברענט און געברענט ביז דאס חמצ'דיג ביסעל זאפט, וואס דארין ווער נאך איז אין גאנצ

און האבען כשר'ע און פסח'דיגע דעם אבענד דערנאך, צו האלטען די הגדה פון זייערע מאנען ביי א שאנעם, מיט כוסות און מיט נייע כלים בעדעקטען טיש, ווי פאר יאהרן, ווי פאר פיעל הונדערטען יאהרן צוריק.

עס איז נאכט געוואָרן, ר' שלמה מיט זיין פרוי האבען דעם סדר געפראוועט ביי חיה'לען; ער האט געוואוסט אז אהן איהם איז דארט ניטא ווער עס זאל דעם סדר פראווען און האט נאך עטליכע טאג פריהער אנגעזאגט, אז ער וועט דיא סדרים אבריכטען צוזאמען מיט חיה'לען און מיט די יתומים. קומענדיג פון שול איז דיא שטוב צוגעפוצט געוועזן, ליכטיג און שאן, דער גרויסער טיש אנגעשטעלט מיט זילבערנע שאנע לייכטער, שאנע קריסטאלענע גלאזער און כוסות, אזוי ווי אלע יאהר; נור א טיפער און א פרעסענדער אונמוטה איז געלעגען אויף רחל'ען, זי האט צו ליכט בענשען זיך גוט אויסגעוויינט און זיך פארגענומען ניט מעהר א טהרער ארויס צולאזען, קיינעם דעם היילינגען שאנעם און ריינעם יום טוב ניט צו פערשטערן.. חיה'לע איז אויסגעפוצט געוועזען, האלב אלמנה'דיג האלב פראנטיכע, וואס האט איהר צוגעגעבען נאך מעהר חן ווי געוועהנליך. מען האט זיך צום סדר געזעצט, בערעלע שפאק און פיינע דיא אלטע זענען אויך ביים טיש געזעסען. בערעלע האט שטארק געקוקט ווי ר' שלמה פלאנירט דיא קערה, זיין קאפ האט אבער פארט ניט געטראגען פון קוקען אליין צו בעגרייפען ריכטיג, וואו עס דארף ליגען די זרוע, וואו דער מרור און וואו די חרסת; ר' שלמה האט צוגעזעהן זיין צער און האט בערעלעס קערה געמאכט פונקט ווי זיין איינענע, ער האט געהייסען אנגיסען דיא כוסות און האט געמאכט קידוש, נאך איהם האבען די ביידע יונגלעך אויך געמאכט דעם קידוש פון דער הגדה ארויס, און בערעלע האט בענוטצט די געלעגענהייט און האט אויך זיין כוס גענומען אין האנד אריין, נאכגעזאגט קידוש און זיך אויסגעדרעהט היינטיגס מאל פון דיא ניט בעקענטע עברי, בפרט אין יענע ערטער וואו מען מוז איינענע ווייסענשאפט האבען וועלכע פון דיא אבגעצוימטע קלעטקעס ארויס צו זאגען, נור טרינקען האט ער דווקא אליין געטרונקען און האט אין א רוב כוס קיין טעות געהאט.

מען האט באלד אזא דערלאנגט מיט א זילבערנע קרוג ר' שלמה האט דעם „ורחץ" געמאכט, אלע האבען דיא האנד געוואשען אהן דער ברכה על נטילת ידים. בערעלע האט זיך ניט געלאזט בעדינגען און איז פון טיש אוועג וואשען דיא האנדט אין פארהויז, ר' שלמה האט איהם אויסגערעדט:

— הרי אתה בן חורין! היינט ביזטו א פרייער יוד, ווי איך, ווי אלע יודען! האט ער געזאגט, און וואס פערשטעהסטו ניט, אז די וואס טראגען צו דאס וואסער, פערדינען אויך א מצוה? געדענק דאס בערעלע, פון נאך א מאל וועגען, פסח זענען אלע יודען פרייע לייט, פערשטעהסטו?

— איך פערשטעה, האט בערעלע געאנטווערט פערשאמט.

מען האט די הגדה אנגעהויבען זאגען, און דאס עלטערע יונגעל האט אנגעהויבען צו זאגען „מה נשתנה"; נור אזוי ווי זיין רבי האט איהם צוזאמען מיט דיא איבריגע חדר יונגלעך געלערנט — האט ער פערגעסען איהם בעזונדער אנצוזאגען, ער זאל ניט זאגען: „טאטע". דאס קינד האט דעם נוסח געזאגט ווי פאר יאהרן: „טאטע

איך וועל ביי דיר פרעגען פיער קשיות״, רחל׳ע, וועלכע איז געבען קינד געוועסן האט אנגעהויבען וויינען נאך איהר דיא מוחמע דבורה, אויך חייעל׳ע האט געוויינט; ר׳ שלמה האט אויך ניט געקאנט די טהרערן אבהאלטען און זיי זענען איהם איבערן בארד אויף דער הגדה געפאלען. דאס קינד האט זיין גרייז ניט בעמערקט, און האט ווייטער דעם מה נשתנה ניט געקאנט זאגען.

ר׳ שלמה האט זיך גוט אויסגעוויינט, אבגעווישט די טהרערן, א קלאפ געטהון מיט זיין האנד איבער דער הגדה, און האט געזאגט:

— נו, זאל זיין גענוג! גענוג, זאג איך אייך! איהם האבען מיר זיין כוס פאל מיט טהרערן אבגעגעבען... איצט איז יום טוב, זמן גאולתנו, היינט דארפען מיר יודען זיך פרעהען, ערצעהלענדיג די גאולה פון אמאל. און האפען צו גאט אויף דער גאולה וישועה וואס וועלן נאך קומען! ווייסט איהר, ווי שווער דער גלות מצרים איז געוועזן, ווי מען האט דארט אונזערע אבות געפייניגט, מיט ליים און ציגעל און שווערע ארבייט? מען האט יודישע קינדער אין דיא ווענט איינגעמויערט. מען האט זייא לעבעדיגע אין טייך אריינגעווארפען, די שוטרים און די נוגשים האבען זיי געשלאגען, מאנער האבען זיך מיט זייערע ווייבער צושיידט, ווייבער זענען אלמנות—און קינדער זענען יתומים—געבליבען, יעדער האט בעסער שטארבען געוואלט איידער צו לעבען אין אזא ביטערן גלות; נור גאט האט אונזער פיין און ליידען צו געזעהן און האט אונז א גאולה צוגעשיקט דורך זיין קנעכט משה׳ן, מיט נסים און מופתים אונז פון לאנד מצרים בעפרייט, פאר אונז דעם ים געשפאלטען, אין דער מדבר אונז מיט מן געשפייזט, פון א שטיין אונז וואסער געלאזט טרינקען, וועל כלם אונז דיא תורה הקדושה געגעבען אויף דעם בארג סיני. אין דער תורה הייסט ער גלויבען אין איהם און מיר מאגען איהם גלויבען! מיר דארפען האפען ער וועט אונז אויך אויסלייזען פון היינטיגען גלות, און יעדען אייגציגען פון אונז טרעסטען און מלא זיין וואס אונז פעהלט. מען טאהר ניט וויינען, יום טוב, נור צו גאט האפען!...

און דוא מיין קינד, הייב אן דעם „מה נשתנה" נאך אמאל און זאג: „פעטער, איך וועל אייך פרעגען פיער קשיות!". דיין טאטע איז שוין געשטארבען און איז שוין איצט א גוטער מליץ פאר אונז אלעמען, זאג זשע „פעטער"!

דאס קינד האט די פיער קשיות געפראגט מיט דעם נייען נוסח. ר׳ שלמה האט געאנטווערט: איז דער תרוץ, „עבדים היינו לפרעה במצרים", מיט דעם אלטען נגון הויך אויפ׳ן קול. בערעל׳ע האט נאכגעצויגען, אויך א יודישער סאלדאט און א פאר בטלנים. וואס האבען דא פסח געגעסען האבען זיך צולאזט אין דער הגדה אריין און מען האט קיין וויינען מעהר געהערט. ר׳ שלמה האט ניט געלאזט אונמוטהיג זיין, און בערעל׳ע, וועלכער איז ערשט אריין אין רעכטען טאן האט זיך אויפגעהערט שאמען מיט זיינע עברי און האט מיט ר׳ שלמה׳ן מיטגעזונגען. ווי ביטער עס איז אויך צום מוטה געוועזן האט מען געמוזט אפט א שמייכעל טהון פון בערעל׳עס עברי און פון זיין קול נגינה. אז דער פעטער האט בעמערקט דאס מאכט דעם עולם לוסטיג האט ער בערעל׳ען אונטערגעגעבען חשק ער זאל ניט קוקען וואס מען לאכט, און זאגען ווייטער מיט דעם נגון און איהם מבטיח געוועזען, אז דער רבונו של עולם

האט א הנאה פון איהם אונ בערעלע האט געזאגט אונ געזונגען, געטרונקען דיא כוסות אונ געשלונגען דיא פסחדיגע האלקעס ביז נאך דעם אפיקומן, ביז נאך חד גדיא אפילו שיר השירים האט ער ניט פערפעהלט.

אויף מארגען איז ר׳ שימעלע געקומען ברכה מאכען, אויסגעפוצט איז ער געוועזן אין בגדי מלכות. א אלטער טוכענער וואטאווער מאנטעל איז נור אויפ־געהאנגען געוועזן אויף זיינע פלייצעס אונ די ארבעל האבען אומגעשוואומען אין די לופטען פון ביידע זייטען. אריינקומענדיג האט ער דעם מאנטעל ניט אויסגעטהון. ערשט דאן אז חייעלע איז אריינגעקומען אונ ער האט איהר דעם „גוט יום טוב" אפגע־געזאגט אונ מען האט איהם וויין מיט כבודים צוגעטראגען — האט ער דעם מאנטעל אראפ געווארפען פון זיך אונ איז געבליבען אין זיין גרינער לאסטינגענע קאפאטע מיט א פאר שווארצע וואלאטלעסענע ארבעל. אויך זיין נייע היטעל האט כמעט אזא פנים געהאט ווי די קאפאטע, ווארום נאך אלע גליקען איז איהם מעהר ווי צוויי גילדען ניט געבליבען אונ פאר צוויי גילדען האט דער קירזנער איהם אריינגערוקט א היטעל פון עטליכע שטיקער געניצעוועטע געוואנט. וואס האבען דיא מראה געהאט פון זיין קאפאטע אונ פון זיינע ארבעל.. אזוי שווארץ אונ גרין ווי די קאפאטע איז אויך זיין מאגער געזיכט געוועזן. רחל׳ע האט איהם דערזעהן אין זיין ארעמען פוטץ, אונ זיין עלענדעס אויסזעהן האט אין איהר הערצען א רחמנות אויפגעוועקט. זיא האט איהם זעהר פריינדליך „גוט יאהר" געאנטווערט אויף זיין „גוט יום טוב".

ר׳ שימעלע האט ברכה געמאכט, צוגעוואונשען לחיים חייעלען אונ האט פערביסען מיט א שטיק טארט, וועלכע ער האט געטונקט אין וויין. ער האט אבגע־בראכען א שטיק טארט אונ האט דערלאנגט זיינע תלמידים. די קינדער האבען ניט געוואלט צונעהמען.

— געהמט נארן! האט ער געזאגט, איצט בין איך ניט אייער רבי, האט קיין מורא, איך האב אייך אלע מאל מעהר ליעב וויא אנדערע קינדער. ווייל איהר זענט גוטע, קלוגע קינדער! ביי דיא רייד האט ער מיט זיינע אויסגעטריקענטע האנדט זיי געגלעט אונ א קוש געטהון אין קאפ. חייעלע האט די קינדער געהייסען צונעהמען ביים רבין, וואס ער גיט; ער האט זיי אויך וויין געגעבען אונ געזאגט א דין: וויין איז א חשובע משקה אונ מען מוז א ברכה מאכען פריהער אויף דעם וויין: בורא פרי הגפן אונ דערנאך אויף דעם טארט: בורא מיני מזונות, איז דאס אלץ גערעדט, האט ער ערקלארט, אז מען האט וויין, אבער אז עס איז ניטא קיין וויין אונ מען מאכט ברכה אויף בראנפען, מאכט מען פריהער א ברכה אויפ׳ן טארט אונ דער נאך אויפ׳ן בראנפען: שהכל נהיה בדברו. געדענקט זשע קינדער! ער האט זיין תורה נאך א מאל איבער געפראגט אונ די קינדער האבען דעם עקזאמען פון די ברכות אויסגעהאלטען, דערנאך האט ער פערזוכט פון די אנדערע כבודים, אונ האט זיך נוט ערקונדיגט פון וואס זיי זענען געמאכט געווארן, אלץ צו ליעב דער ברכה. מעהר ווי אלעס האט ער געלויבט דיא איינגעמאכטס, אונ האט דאקטארישע געזאגט אז איינגעמאכטס זענען געזונד צום מאגען אונ אז משיח וועט קומען וועלן אלע ימים טובים בטל ווערן אפילו פסח נור פורים וועט בלייבען, אזוי וועלן דאמאלס אויך אלע כבודים בטל ווערן נור דער

אינגעבערלעך כבוד וועט בלייבען, ווייל אינגעבערלעך פאלירט דעם מאגען.

— רבי, בלייבט ביי אונז אויף מיטאג! האט חייעלע זעהר פריינדליך געבעטען, שימעלע האט א אויג געוואָרפען אויף רחלען אונ האט באלד פערשטאנען אז איהר איז דיזע איינלאדונג ניט לרצון.

— איך וואלט וויסען פריהער וואלט איך אנגעזאגט דער אלטער מיינער, אז זי זאל ניט ווארטען אויף מיר מיט מיטאג, האט ער געגעבען צו פערשטעהן, איצט ווארט זי מיט די קינדער אונ עס איז א רחמנות אויף זיי.

— קומט אריין האטש אביסעל ביי טאג, האט חייעלע געבעטען, איך וויל נאך איבעררעדען מיט אייך וועגען דיא קינדער אויף דעם נייען זמן; ווייסט איהר, איך וויל ניט אז ביי אייך זאל בלייבען אונזער שבנ'ס יונגעל, א שאנער מענש איז זיין טאטע! ער זיטצט שוין ברוך השם פאר א גנבה'לע געביך, דער מאמען זייגער האט מען געמוזט אויף יום טוב פון מעות חטים אריינשיקען, מיר שטעהט גאר ניט אן אז מיינע קינדער זאלען לערנען אין איין חדר מיט זייער קינד.

— א שאד אפילו, האט שימעלע בעדויערט, דאס יונגעל איז א שטיל קינד, אונ לערנט ניט שלעכט, נור אז איהר ווילט ניט, וועל איך אייער רצון ניט אריבער; חול המועד, אם ירצה השם, שיק איך אריין זיינע ספרים אין שטוב אריין אונ דאס איז גלייך וויא מען שיקט אב א חתן כלה דיא תנאים... זיין טאטע וועט זיך שוין שטויסען וואס מען מיינט... א נוטען יום טוב!

חול המועד איז שימעלע אפאר מאל נאך מעריב אריינגעקומען טהיי טרינקען אונ האט מיט חייעלען גערעדט פעסט מכח דעם ענין הידוע, ער האט איהר מבטיח געוועזען אז דאס איז א גליק פאר איהר אונ פאר איהרע קינדער, צו ליב דעם וועט זיא קאנען מיט רחלען דעם שאנסטען שידוך טהון, חייעלע האט איהם אבער אלץ בעוויזען, דאס זיא טאהר פריהער קיין שידוך טהון מיט זיך איידער זיא וועט איהר רחלען חתונה מאכען. קיינער ווייס ניט, וואו וועמען דער שוך קוועטשט האט זיא ערקלערט.

שביעי של פסח ביי טאג איז רחלע געוועזען מיט איהרע ברידערלעך אונ שוועסטערל ביים פעטער ר' שלמה'ן צו גאסט; דיא מוהמע דבורה האט זיי מכבד געוועזען מיט איהרע בעסטע כבודים, ר' שלמה האט זיך מיט די קינדער קינדעריש געמאכט אונ האט מיט זיי אין ניס געשפילט, מיט זיי געשטיפט, אונ געלאזט זיך פערבלענדען די אויגען בעת זיי האבען געשפילט אין "בלינדע קוה". דאס האט דיא קינדער זעהר אמוזירט, זיי האבען געלאכט אונ געפרעהט זיך פון גאנצען הערצען. רחלע וואר אויך גליקליך צו זעהן דאס פערגניגען פון דיא קינדער אונ דעם פעטערס ליעבע אונ טרייהייט צו זיי, זי איז צו איהם צוגעגאנגען, אנגענומען זיין האנד אונ קושענדיג זי האט זיא געזאגט:

— ווי ניט עלענד זענען מיר אז מיר זענען ביי אייך, ליעבער פעטער! אז איהר רעדט מיט מיר, האר איך מיין זעליגען פאטערס שטימע, אז איהר שפילט מיט זיינע יתומים'לעך פיהל איך זיינע טרייהייט צו אונז אין אייך, לעבט אונז, ליעבער פעטער, נאך הונדערט יאהר!

— מײַן ליעב קינד, האָט ר׳ שלמה געאַנטװאָרט, דו זאָגסט אמת. איך לעב נור צו ליעב אײַך. איך װײס ניט װי עס װאָלט דאַמאָלס געװעזן װען איך װאָלט געהאַט אײגענע קינדער װעמען צו ליעבען אונ טרײַא צו זײַן. נור איצט איז מיר קלאָר װי דער טאָג, אַז נור צו ליעב אײַך, איך זאָל אײַך קאָנען טרײַ זײַן, האָט גאָט ברוך הוא מיך לעבען געלאָזט לענגער פון מײַנע יונגערע ברידער. דאַריבער טאָהר איך גאָר ניט קלאָרען אַז איהר זענט ניט מײַנע קינדער... מײַנע אײגענע זענט איהר, אײַערער בין איך. צו ליעב אײַך לעב איך!.. זײַ זשע מיר, מײַן ליעב קינד, אַ גוטע, אַ פרומע טאָכטער. איך זאָל נאָך פיעל נחת פון דיר אונ פון דײַנע ברידערלעך דערלעבען. װי איך װינש אײַך אונ װי איך בעט בײַ גאָט פאַר אײַך!

— טהײַערע פעטער, האָט זיא אויסגערעדט זעהר גערירט פון זײַנער טרײַיהײט, זײַט אויך אַזוי גוט אונ אַזוי טרײַ צו משה׳לען, װעלכער איז נאָך מעהר עלענדער יתום װי מיר! ער איז אויך אײַער קינד, זײַט איהם אויך אַ פאָטער, זאָל אײַער גוט האַרץ ניט צוטהײלט זײַן: אונז ליעב — אונ איהם פײַנט — צו האָבען.

— נײן, מײַן טאָכטער, האָט דער אַלטער מיט אַ זיפץ געאַנטװאָרט, איהם טאָהר איך ניט ליעב האָבען, ער איז װײַט פון מיר, אונ איך מוז װי אַ פרומער יוד אויך מײַן האַרץ פון איהם דערװײַטערן! ער פערדינט עס כשר, ער איז אַ שׂונא!

— ער איז װײַט פון אונז? אמת, האָט זיא אויסגערעדט, אָבער נאָהענט צו אונזער ליעבען גאָט, אַזוי נאָהענט װי מיר! ער איז נאָהענט צו אונזער הערצען... פעטער, איך מוז אײַך דעם אמת זאָגען: פערדינט ער, איהר זאָלט איהם פײַנדט האָבען, פערדין איך עס נאָך מעהר, דען איך ליעב איהם אונ װעל איהם צו ליעבען ניט אויפהערען זעלבסט װען צו ליעב דעם װעט איהר מיך פײַנדט האָבען! האָט איהר איהם פײַנד, האָט מיך אויך ניט ליעב!.. איך װיל ניט אונ קאָן ניט — גליקליכער אונ געליעבטער זײַן אַלס ער!... איך װיל אַ י ך אויך ניט פאַלש זײַן: ביז איצט האָב איך פון אײַך מײַן האַרץ האַלב פערשלאָסען בעהאַלטען, ניט אַזוי װאָלט געשעהן װען דער ליעבער פאָטער װאָלט נאָך געלעבט, איהם האָב איך אַלעס ערצעהלט נאָך אײדער ער האָט געפרעגט. נור עס װאַר מײַן ערצעהלען איבריג, ער האָט עס געװוסט אונ מיר גליק צוגעװאונשען, איצט אַז איהר זאָגט מיר אונ איך גלויב אײַך, אַז איהר לעבט צו ליעב אונז אונ איהר זײַט דעם פאָטערס יתומים דער צװײטער טרײַער פאָטער — דאַרף פון אײַך קײן סוד זײַן, דאָס װאָס איז פאַר איהם קײן סוד ניט געװעהן... איך האָב משה׳לען בײַ אַלץ װאָס מיר איז הײליג צוגעשװאָרן, אַז איך װעל זאָ לאַנג אויף איהם װאַרטען װי לאַנג איך װעל לעבען.... גאָט אין הימעל איז מײַן עדות װיא טרײַ אונ ריין איך האַלט דיא שבועה אונ װעל זיא אויך האַלטען אויף אימער! דאַריבער איז אַ זינד אַ גרויסע איך זאָל אײַערע טרײַיהײט געניסען, בעת ער האָט דיזע געעהרטע טרײַיהײט ניט!....

דער פעטער האָט אַ בעדויערנדען קוק געטהון אויף זײַן פלעמעניצע אונ האָט געזאָגט:

— איך האָב עס געװוסט! דײַן מוהמע װעט דיר זאָגען װיפיעל איך האָב מיר שוין מײַן קאָפּ צובראָכען אַ עצה צו געפונען װיא יוצא צו זײַן פאַר גאָט אונ פאַר

איך בײדען מײנע ליעבע קינדער. דו מײנסט, אז איך זאג: איך האב איהם פײנדט בין איך איהם א שונא חלילה? נײן, מײן הארץ ליעבט איהם אזוי הײס ווי דיך. אײן כעס נור בין איך אויף איהם!... ער שרײבט: ער לערנט תורה, ער איז פרום און היט אב יודישקײט, צו וואס נארט ער מיך נאך? צו וואס גנבעט ער מײן הארץ? דערפאר בין איך אין כעס. ווארום בעט איך לײען זײנע בריוועלעך. מוז איך אין כעס זײן. גלײבער זאל ער מיר זאגען אז ער איז א מופקר ווי אלע געשטודירטע. אט וואלט איך וויסען, אז איך האב מעהר קײן פלעמעניק ניט. דאן וואלט איך קאנען זיך מיאש זײן פון איהם. איהם פײנט האבען ווי איך האב פײנט אלע מופקרים; איצט אז ער שרײבט אבער אז ער איז פרום, ער איז א יוד, איז מיר דאס הארץ אויסגעריסען און צובראכען פאר וואס זאל ער אזוי פערבלאנזעט זײן? איך ווײס גאנץ גוט, אז ניט איצט וועט ער שפעטער א הולטײ און א גוי ווערן; ער איז אבער מײן אײגען בלוט איך האב אויף איהם רחמנות און איך האב אויף דיר אויך רחמנות וואס דוא גלויבסט איהם. אזוי איז מיר מײן לעבען ביטער. ביז גאט וועט זיך ערבארעמען און בעווײזען מיר דעם אמת! — מיט דײן מוהמען רעד איך אלע נאכט פון מײן בעט אראפ, בעט מײנע באגות, לאזען מיך ניט עגטשלאפען ווערן, גאט זאל אײך יאהרן געבען פאר אײער גוטער עצה. זיא הײסט דערווייל קוקען און שווײגען און שפעטער אז עס וועט קומען די שעה, וואס מײן דעה וועגען דעם וועט מוזען א דעה זײן און דער רבונו של עולם וועט זיך חלילה נאך ניט דערבארעמען איהם אהײם צו ברענגען, אט דאן, זאגט דיא אלטע מײנע, וויא א פרומע און קלוגע אשה — זאל איך פאהרן צו איהם זאל לעבען, און ער זאל לעבען זאל זײן עצה געבען ווי דא זיך נוהג צו זײן. איך האפע, אז דוא, מײן קינד, וועסט אויך מיט זײן עצה צופרידען זײן, ניט אמת, דוא ווײסט אלײן אז זײן עצה איז גוט און קלוג?

— איך האב ניט קײן אורזאכע צו זאגען, אז זײן עצה איז ניט גוט, האט רחלע געאנטווערט, עס גלויבען דאך און פאהרן צו איהם אזוי פיעל יודען, מסתמא ווײס מען דאך, אז ער איז ווירקליך קלוגער און בעסער פאר אלעמען; איך וואלט איהם אלעס אויסדערצעהלען, איהם ערקלערן אלעס וואס משה'לע האט מיר ערקלערט, ער זאל מיך נור אויסהערן וועט ער געוויס קײן אנדער עצה ניט געבען, און ער וועט הײסען ווארטען אויף משה'לען; אבער דערווייל, פעטער, זײט צו איהם גוט וויא א פאטער. שרײבט איהם גוטע בריוועלעך. ווײזט איהם, אז איהר זענט איהם טרײ און בײדע וועלען מיר גאט בעטען פאר אײך. ער זאל אײך געזונד און יאהרן געבען. איהר זאלט לעבען נאך הונדערט יאהר און נחת דערלעבען פון דיא יתומים וואס איהר זענט זײ טרײ און ליעב! זאגט מיר, פעטער, אז איהר ליעבט משה'לען, זאגט מיר, אז איהר וועט איהם פון איצט נור ברכות געבען און לאזט מיך אײער האנד קושען מיט ליעבע און דאנק פאר מיר און פאר אײער פלעמעניק!...

— אזעלכע מליצים טובים זאל גאט אונז אלעמען צושיקען, אויסצובעטען בײ איהם פאר אונז און פאר כלל ישראל אלל דאס גוטס! האט די מוהמע זיך אבגערופען, וואס פאר א טהײערער מליץ טוב דו ביזט, מײן קינד, פאר איהם! שלמה, איך זאג דיר: זיא איז געראטען, א הארץ א הארץ פיהלט! ער איז א גוטער און א פרומער.

זאָג איך דיר, אַז ניט וואָלט אונזער גוטע און פרומע פלעמעניצע ניט בעטען אזוי שטאַרק פאַר איהם!... גיב איהר נאָך, און בענטש משה׳לען אויך אזוי ווי דוא בענטשט זי; האָט ער זיך בעגאַרעשט אַ ביסעל איז ער נאָך אַ יונג קינד. גאָט ברוך הוא וועט איהם מוחל זיין, אַט געדענק מיינע רייד, דוא וועסט נאָך נחת האָבען פון איהם.

רחלע איז דער מוהמען אויפען האַלז געפאַלען און האָט איהר דאַנק מיט הייסע קושען אויסגעדריקט און אַ וואָרט ניט גערעדט.

— נו, זאָל גאָט געבען איהר זאָלט אמת זאָגען! זאָל גאָט איהם אזוי ליעבען און בענטשען ווי איך ליעב און בענטש איהם. ווען איך דערמאָן נור זיין נאָמען! האָט דער אַלטער אויסגערעדט און אַפּאַר טהרערן האָבען זיך בעוויזען אין זיינע אויגען. זיי געטראָסט, מיין ליעב קינד, האָט ער צו רחלען געזאָגט זיין האַנד אויף איהר קאָפּ אַרויפלעגענדיג, איהר זענט מיר ביידע גלייכע ליעבע קינדער. איהם קאָן איך נאָך מעהר ליעב האָבען אַלס דיך, נייל ער וועט אַ מאָל מיין קדיש זיין. קיין נאָהענטערן האָט גאָט מיר ניט געגעבען. הלואי זאָל ער נור אין גיכען קומען וויא איך וועל איהם וויא אַ אבן טוב האַלטען! גאָט זאָל פאַר אונזער צער און טהרערן אונז נחת אָבגעבען!...

— אמן! האָט דיא מוהמע געאַנטוואָרט. אמן! האָט אויך רחלע שטיל און פרום אויסגערעדט. דער פעטער איז געגייגט געוועזן זיך פאַנאַנדער צו ווייגען, דבורה האָט דאָס בעמערקט און האָט איהם דערמאָנט, אַז עס איז שוין מנחה צייט און איהם געשיקט אין בית המדרש אַריין. ער האָט נאָך אויסגעטרונקען אַ ביסעל וויין, זיך געזעגענט מיט רחלען און איז אַוועק מיט ביידע יונגלעך מנחה דאַווענען.

אין אַ ווייליע אַרום איז אויך רחלע מיט איהר שוועסטערל אהיים געגאַנגען. אין ווען האָט זיא שימעלען בעגעגענט, ער האָט איהר פריינדליך „גוט יום טוב“ געזאָגט.

— איך בעט דיך, רחלע, האָט ער התנוגים׳דיג אויסגערעדט, זיי ניט אין כעס וואָס איך קאָן מיין הבטחה ניט מקים זיין און איך געה צו אייך אזוי אָפט; דוא ביזט דאָך קיין נאַר ניט און דוא ווייסט, אַז הרבה שלוחים למקום. דאָס איז טייטש: דער רבונו של עולם האָט פיעל שלוחים זיין ווילען אויסצופיהרן אַ חוץ מיר אויך... וואָס וועט דיר בעסער זיין, אַז ערגעץ אַ אַנדער יוד, אפשר גאָר ניט אַזא נצרך ווי איך — וועט אויספיהרן דעם ענין הידוע און וועט פערדינען דיא עטליכע רובעל וואָס איך קאָן זיי פערדינען? ווייסטו וואָס איך וועל טהון מיט דעם געלד? באמונות, זיך ניט בויען אַ הויז! פשוט, איך וועל זעהן איינע פון מיינע בנות חתונה צו מאַכען...איך זאָל נור אַ פופציג קאַרבלעך האָבען, אויף קליידער און חתונה הוצאות. וועל איך שוין בעקומען אין בית המדרש פאַר איהר אַ אָרעם בחור, נאָך דער חתונה וועט ער אויך קאָנען זיין אַ מלמד וויא איך; גאָט ברוך הוא שפייזט אַלעמען, עס וועט פאַר איהם זיך אויך געפינען מסתמא. הייגט פערשטעהסטו שוין פאַר וואָס איך קאָן מיין הבטחה ניט מקים זיין?...

די שטימע זיינע מיט וועלכער ער האָט זיינע רייד גערעדט איצט, די קנייטשען אויף זיין שטערן, און זיין אָרעמע האַפנונג אויף אַזא טרויעריגע צוקונפט פאַר זיין

טאכטער, האבען איהר גוט הארץ בעוועגט אונ זיא האט איהם אין הערצען אלעס מוחל געוועזען.

— רבי, האט זי געזאגט, ניט האט קיין פאראיבעל אויף מיר, איך בין ווירקליך ניט קלוג געוועזען בעת איך האב אייך געבעטען, צו אונז ניט אריינקומען. זייט מיר מוחל, איך וועל שוין מעהר אזא נארישקייט ניט טהון, איהר זענט גערעכט: גאט האט פיעל שלוחים, זיין ווילען מוז געשעהען, איז ניט דורך דעם וועט עס דורך איין אנדערן אויסגעפיהרט ווערן... נור אייער טאכטער, גלויבט מיר, רבי, ווינשע איך בעסערע גליקען, אלס איהר זעהט פאר איהר... האפט צו גאט, ער קאן אייך פאר אייערע קינדער נאך פיעל גליק צושיקען! מיר זענען גוטע פריינד רבי, איא איהר האט מיר מוחל געוועזען?

— זיי נור דוא מיר מוחל, האט ער געזאגט, איך בין דיר מוחל במחילה גמורה, גאט זאל מיר אזוי אלע מיינע זינד מוחל זיין! דוא מיינסט איך פערשטעה ניט דעם צער פון קינדער ביי אזא ענין? איך פערשטעה, אונ דערפאר טהוט מיר ממש דאס הארץ וועה, נור אויך דיא איינענע מעשה, פאר וואס זאל איך ערגער אדער בעסער זיין פאר איין אנדערן? א גוטען יום טוב, אבי מיר זענען שלום!

רחלע האט דעם טאג נאך א צייט געקאמפפט מיט זיך ניט צו קלארן שלעכטע מחשבות אויף איהר מוטער... בעת זיא האט מנחה געדאוונט, האט איהר הערץ געשריען: לערן מיך גאט, אזוי גרינג אויך מיין מוטער מוחל צו זיין ווי גרינג איך האב דיזען עלענדען שימעלן מוחל געוועזען! ניט זי איז שולדיג, שולדיג אין דעם איז דאס אונגליק וואס דער ליעבער פאטער איז געשטארבען!....“

ג.

צוויי וואכען נאך פסח זענען אריבער געגאנגען, רחלע האט גענוג געהאט צו טהון אונ צו קאמפפען מיט זיך. זיא זאל קיין כעס אונ פעראיבעל אין איהרעם הערצען ניט פיהלען אויף איהר מוטער, וועלכע איז בעשאפטיגט גאנצע טאג מיט שניידערס אונ מיט נייע קליידער אנמעסטען; אבער נאך מעהר אין כעס איז רחלע אויף זיך אליין געוועזען, „איך בין א שלעכט קינד“ פלעגט זי זיך זאגען, „איך בין אונגערעכט, איך דארף פון דער מוטער גיט פערלאנגען זי א זאל דעם פאטער ליעבען נאך זיין טויט אזוי ווי איך ליעב זיין אנדענקען, זי האט ניט דאס זעלבע געפיהל וואס איך, זיא איז ניט שולדיג אין דעם, נור איך בין א שלעכטע, א אונגערעכטע! אנשטאט זיך צו פרעהען מיט דעם וואס מיין מוטער לעבט אונ וויל לעבען, פערדריסט מיך וואס זי מאכט זיך א שאן קלייד, וואס זי פוטצט זיך, אזוי ווי מיט דעם וואלט זיא אויסען זיין חלילה מיר להכעים צו טהון“.

איינמאל האט זיא אין דער אלטער רוססישער געשיכטע געלעזען אז ביי דיא סלאווען איז א אכזריותדיגער מנהג געוועזן: מקבר צו זיין די לעבענגעבליבענע פרוי מיט איהר געשטארבענעם מאן, דאס האט אויף איהר א שטארקען איינדרוק געמאכט. וואס פאר א שרעקליכער מנהג דאס איז געוועזן!“ האט זי מיט א שוידער איבער

איהר גאנצען קארפער אויסגעדערט, האבען דאס יענע פרויען אליין פערלאנגט, דארפען איצטיגע פרויען זיך לערנען פון זיי ווי טבייו, ווי איבערגעבען צו ליעבען זייערע מאנען אז זעלבסט דער טוידט האט זיי ניט בעדארפט צו שיידען; האבען דאס אבער נור די מאנען פערלאנגט, זענען זיי ווילד אונ גרויזאם געוועזען, אזוי ווילד ווי יענע אפריקאנער וואס נאך דעם הערנס טוידט טוידעט מען אויך אלע זיינע סקלאפען!...
א, כמעט אזוי שלעכט איז מיין הערץ געגען מיין איינענער מוטער!... פרעהען דארף איך מיך וואס די מוטער לעבט אונ וויל לעבען נאך דעם פאטערס טוידט, אונ דענ-נאך שמערצט עס אין מיר, ווען איך זעה ווי זיא פערגעסט איהם!... וויא זאנדערבאר איז דער מענש, ווי שוואך איז זיין קלארער פערשטאנד פינסטערע ווילדע געפיהלע פון זיך ארויסצוטרייבען!... גיב מיר גאט כח אלץ וואס דו לאזט געשעהן פאר גוט אונ ליעב אנצונעהמען!...“

נאך דיזער איבערלעגונג איז זיא רוהיגער געווארן אונ האט אנגעהויבען דער מוטער צוהעלפען ביים אנמעסטען איהרע נייע קליידער, פרעהליך צו זיין אונ ניט לאזען מערקען אז ביי איהר אים הערצען פיהלט זיך א וועהטיג, וואס נאך אלע איבערלעגונגען שמערצט איהר פארט אונ זי איז ניט אים שטאנדע ניט צו פיהלען. —

דער פריהלינג האט שוין אין דער צייט געהערשט אויף דער וועלט, די בוימער נעבען דיא פענסטער פון חייעלעס הויז האבען שוין זייערע בלעטלעך פאנאנדער גע-לאזען, אונ די ערשטע גרינקייט פון גראז האבען צוגעפוטצט דעם גרויסען סאד הינטער איהר שטוב. דא אין סאד פלעגט רחלע, צוזאמען מיט איהר קליין שוועסטערל-פערברענגען איהרע לעדיגע שטונדען צו צופיטצען, ארומצושערן אונ אויסצוגלייכען דיא צווייגען, וויא עס האט איהר א מאל דער הויפשער סאדאווניק געלערנט. דא פלעגט זי זיך אויסוויינען בעת דער קאמפף אין איהר פלעגט צו שטארק ווערן אונ איהרע טהרערן פלעגען אויף דיא יונגע בלימעלעך פאלען... דא פלעגט זי אויך גאט בעטען: ער זאל איהר שלעכט הערץ אין איהר אויסבעסערן אונ שטארקען עס מיט געדולד, זי זאל קאנען א טרייע טאכטער זיין איהר מוטער אין יעדעם פאל...

איינמאל פאר נאכט איז מיט איהרע ברידערלעך פון חדר מיט געקומען שימעלעס עלטער יונגעל, ווי דאס יונגעל האט רחלען דערזעהן איז עס צוגעגאנגען צו איהר אונ דערלאנגט איהר א בריוועלע. רחלע האט דאס קינד געהייסען ווארטען ביז זי וועט איבערלעזען, זי האט אנגעהויבען לייענען:

„להבתולה היפה כפני חמה וכפני לבנה, צנועה וחכמה במדת החסד והרחמים מרת רחל בת אליעזר הכהן ז״ל תחי׳ עד בלי ירח אמן נצח סלה ועד!...“

גוטע רחלע, מיר האבען כידוע איינע דיא אנדערע מוחל געוועזען. דוא אליין האסט מיר געזאגט מיט גרויס חכמה, אז איך מאג צו אייך אריינקומען בכל עת ובכל זמן: ווען נור איך וועל דארפען אריינקומען, ניט אמת אפשר? ובכל זאת (פונדעסט-וועגען) זעהסטו דאך אז איך קום ניט, ווייסט דוא אבער איבער וואס? פשוט! דיא מעשה איז גאר פשוט: דיין טהייערע מוטער חייעלע שתחי׳ האט מיר געליהען א גביע של כסף, (א בעכער א זילבערנעם) לכבוד די פיער כוסות צום סדר, אונ מיין פלונית קענסטו דאך. וואס האט זיא געטהון? האט זיא גענומען דעם בעכער אונ האט איהם

אָפּגעקנעטראָגען צו לייבקע דעם מלוה, זאָל איהם קיין גוטער יוד ניט קענען. — אונ געליהען אויף איהם א׳ רובעל וחצי; נאך יום טוב, איז מיר דאך אבזיון געוואָרן פאר דיין מוטער, איך האב געוואָלט איהר אברענגען דעם בעבער בתשואת חן (מיט דאנק אונ ווי עס איז מאליו מובן (ווי עס פערשטעהט זיך), איז דאך אפילו א קאָפּעקע וחצי ביא מיר אין מיין גבול אויך ניטא, וואָרום ביז מען לערנט ניט אריין מיט מיינע תּלמידים א דריי פיער וואָכען קאָן מען קיין שׂכר לימוד ניט בעטען — בין איך אויף א עצה געפאַלען אונ האב גענומען מיין בגד עליון, — אט טאקי דעם איינעגעם וואָס איך בין אין איהם געוועזען ביי אייך יום טוב, אונ בין געקומען צו לייבקען. ער זאָל צונעהמען במשכּון דעם בגד עליון מיינעם תּחת הגביע, (אנשטאט דעם בעבער) אָבער גם הוא חכם, ער זאָגט: ער איז אויך קיין שוטה ניט אונ האט מיר געאַנטוועֶרט: אָבער גאָר לא. לא מיט אַ אלף, ווייסטו וואָס לא מיט אַ אלף בעדייט? פּשוט גיין גיין אונ גיין!... אַנאַרר, זאָגט ער, וועל איך זיין, אייך אַוועק געבען אַ בעבער וואָס ער איז אַ מציאה כ״ח קערבלעך אונ צונעהמען אייער בגד עליון וואָס איז ניט ווערטה מען זאָל איהם אין האנד אריינגעהמען. דער היוצא מדבריו איז דאָס: דער ווייל ליגט נאך דער בעבער ביי איהם, ימח שמו, מיין בגד עליון ביי מיר. אונ מיר איז ביטער משני הצדדים, איינמאָל: אַז מיין בגד עליון ליגט אין דער היים איז פאר איהם אַ גרויסער חסרון, פערשטעהסטו: ער וואַלגערט זיך, אונ אַז ער וואַלגערט זיך, חאַפּט אַ מאָל דאָס ווייב מיינס אונ דעקט צו אַ קינד מיט איהם, אַז ניט חאַפּען איהם דיא בנות מיינע אונ בעטען איהם גאָר אונטער, אונ עס ווערט אַ תּל פון איהם. שנית: מוז איך דיר מודה זיין, אַזוי וויא מיר איז ידוע אַז אַמך שתּחי׳ פאָהרט דיא טאָג צו איהם זאָל לעבען, ער זאָל לעבען וועט בודאי מסכּים זיין אויף דעם שדוך מיט ר׳ פּנחסל׳ן יחי׳, וואָס איך האָב מציע געוועזען — וועט דאך מכּתּמא דער ענין נגמר ווערן בכי טוב, אונ אַז איך זאָל זיך חלילה ניט זעהן מיט איהר פאַר איהר אַוועק פאָהרן וועט זיא דאך גאָר פערגעסען אַז איך האָב געהאָריוועט וועגען דעם. אונ אַז איך בין דער ערשטער שדכן בזה הענין, נמצא ווערט געפונען אַז איך וועל דערפון אַ קאָפּעקע ניט האָבען, אונ מיין טאָכטער וואָס פאַר איהר מיין איך צו פערדינגען דיא עטליכע קערבלעך, וועט נאך ווייטער מוזען וואַרטען אויף איהר זיווג ווי זי האָט געוואַרט, אונ דוא אַליין האָסט דאך מיר געזאָגט, אַז דוא האָסט רחמנות אויף איהר. היינט טאקי פאַר וואָס זאָלסטו ניט זעהן מיר צו צוהעלפען, איך זאָל טאקי פערדינגען אַ כ״ת קערבליך אויף נדן אונ תּכשיטין פאַר איהר;

אט איבער אלה הטעמים איז ביי מיר געבליבען בעטען ביי דיר אַ טובה: דוא זאָלסט צונעהמען מיין בגד עליון צו זיך במשכּון אונ זאָלסט מיר לייהען אויף איהם שני רובעל כּסף, וועל איך אַ רובעל וחצי אָבצאָהלען לייבקע דעם מלוה קרן אונ אַ חצי קערבעל פּראָצענט, ימח שמו, זאָל ער עס אויסקרענקען! אט אַז איך וועל קאָנען אָבבּרענגען דעם בעבער וועל איך שוין קאָנען זיך זעהן מיט דיין אמך שתּחי׳ פאַר איהר אַוועק פאָהרן בשעה צלחה אונ איך וועל איהר שוין קאָנען בעטען זיא זאָל קיין אַנדער שדכן דאָ ניט לאָזען גאָר אַ יד האָבען. מיין טאָכטער וועט דורך דעם

געהאלפען ווערן און בשכר זה וועסטו געבענשט ווערן בברכות כל טוב סלה. נאום שמעון מלמד.

זיא האט דאס בריוועל דורכגעלעזען, דעם יונגעל געגעבען צוויי רובעל און איהם געהייסען זאגען זיין פאטער אז זיא ברויך ניט זיין בגד עליון.

איז דאס מעגליך? האט זיא זיך געפרעגט א גאנצע נאכט, ניט קאנענדיג ענטשלאפען ווערן איבער די נייעס וואס שימעלעס בריוועלע האט איהר אנגעזאגט. קאן עס זיין, אז דער רבי, וואס צו איהם פאהרט מען פון נאהענט און פון ווייט, זיין עצה אויסהארן און זיין ברכה נעהמען, קאן עס זיין ער זאל א עצה געבען א פרוי. א מוטער פון קליינע יתומים, זי זאל פערגעסען איהר חוב צו איהר געשטארבענעם מאן און צו זיינע לעבעדיגע יתומים און נעהמען אויף זיך א נייעם חוב. א חוב פון א פרוי צו א צווייטען מאן, א חוב פון א שטיפמוטער צו שטיפקינדער? גיין. איז ער א חכם וועט ער מיט שכל איהר ערקלערן, אז דאס בעסטע גליק פאר א מוטער איז טריי צו ערציהען איהרע קינדער. איז ער א צדיק וועט ער איהר זאגען אז גאט זעלבסט איז ניט צופרידען ווען א פרוי פערגעסט אזוי גיך איהר געשטארבענעם מאן... נור ווער ווייס אויב זיין חכמה איז אזוי גרויס ווי זיין תורה און אויב זיין תורה איז אויך מיט חכמה?...

אז די זאגע האט אנגעהויבען אריינשיינען דורך איהרע פערהאנגענע פענסטער איז זי אויפגעשטאנען, זיך איינגעוואשען און ארויס אין סאד. דער פרישער אנגענעהמער גערוך פון דיא יונגע גראז און בלאטער האט זיא ערפרישט. ערגעץ פון א ווייטען בוים האט זיא דערהערט צום ערסטען מאל אין דעם פריהלינג דאס ליעבליך געזאנג פון א זינג פויגעלע, וועלכעס האט אין קלאנגליכע און פרעהליכע טרעלען זיין מארגענס לידעלע געזונגען. רחלע האט זיך שטיל נאהענטער צוגעצויגען, דאס פויגעלע צו צוהארכען, אז ויא האט דעם קליינער זאנגער דערזעהן האט זיא געזאגט:

„שלום עליכם דיר, ליעבער גאסט! זיי מיר ווילקאמען, מיין ליעב פויגעלע! אך, ווייסטו שוין דאס דיין גוטער ווירטה, וואס האט דיך און דיינע חברים שטאנדיג אזוי ליעב געהאט, אזוי גערן אייערע לידעלעך צוגעהערט און אייער רוהע און פרייהייט דא אין זיין גארטען קיינמאל געשטארט — ווייסטו שוין, אז דיזער גוטער ווירטה איז שוין אויף דער וועלט ניטא?..."

„ערצאהל מיר, פויגעלע, פון וואנען קומסטו? ביזטו, אין דיין ווייטען וועג איבער יענעם פעלד אריבער געפלויגען, וואו מיין פאטער רוהט איצט? האסטו אפשר אויף זיין קבר זיך אבגעשטעלט? זאג, וואקסען גראזעלעך, בליהען בלימעלעך אויף יענעם הייליגען בארגעל? וועלכען גערוס האט דער גוטער פאטער דורך דיר זיינע קינדער געשיקט, וועלכע גוטס און האפנונג זאגסטו מיר אן אין דיין לידעלע?... א, ווי וויל איך דיין שפראכע קענען! מיר וואלטען זיך איינאנדער בעסער פערשטעהן אלס א מענש א מענשען פערשטעהט, אלס א קינד זעלבסט זיין מוטער און אלס א מוטער איהר קינד קאנען זיך פערשטעהען!....

זינג פויגעלע, אונבעזארגט, אונשולדיג בעשעפעניש! זינג דיין לידעלע מיר ווייטער! דוא מאנסט זינגען, דוא זעהסט פיעל מעהר. אלס מיר שטאלצע מענשען.... פון דער הויך קוקסטו אויף אונז אראפ וויא מיר קריכען דא אין שטויב און זעהן ניט

וואס פאר אונז איז וויא דאס וואס טהוט זיך הינטער אונז... דוא ביזט גליקליכער א פרייער פאר אונז. גרינג האט דיך גאט בעשאפען, דוא ברויכסט קיין פערד אונ וואגן נים. דוא ווייסט אויך אלע וועגען וואו גוט איז בעסער פאר אונז! אומעטום בליהען בלומען פאר דיר. וואכסען הויכע בוימער דיר א נעסט אויף זיי צו לאזען בויען. דיין דירה. דיין עסען געפינסטו וואו דיין הערץ געלוסט. פאר וואס זאלסטו ניט זינגען!...

דיינע פליגעלעך, ליעב פויגעלע, לייה מיר אונ איך וועל פליהען אהין א קוק טהון אויף יענעם בערגעל וואס דעקט מיין ליעבען פאטער צו! ווי ווילט זיך מיר איהם א גערוס ברענגען פון זיינע יתומימלעך, זיך אויסוויינען פאר איהם, איהם אויס ערצעהלען אלץ וואס אין מיר מיין הערץ פרעסט!... דיינע פליגעלעך לייה מיר, שיין פויגעלע. אונ איך וועל ווייטער פליהען א קוק טהון ווי מיין משה'לע זיצט איצט פערטיפט אין תורה אונ חכמה וואס ער לערנט. איך וועל איהם פון זיין לערנען ניט שטערן, נור פון ווייטען איהם צו שרייען: משה'לע, פערגעס ניט אן אונזער גוטען נאמען, בלייב א פרומער ערהליכער יוד ווי דו האסט דיין רחל'ען געשווארען! דאן וואלט איך צוריק קומען, דיר דיינע פליגעלעך צוריק אבגעבען אונ דא ביי מיינע יתומימלעך טארטען אויף דיר איבער א יאהר נאך א מאל אזוי צו טהון. א, טאמער ווייסט וועלכע נייעס וועט מיט אונז געשעהן ביז איבער א יאהר?....

נײן, דוא קאנסט מיר דיינע פליגעלעך ניט געבען אונ איך קאן דיין שפראכע ניט פערשטעהן!... זינג, מיר איז דיין געזאנג ליעב חאטש איך פערשטעה ניט וואס דוא זאגסט דארין, דו מאנסט אויך דאן זינגען ווען דוא זעלבסט ווייסט ניט פון דעם וואס דוא זינגסט. דוא ווייסט אויך פון אונזערע מענשליכע דאגות ניט אונ דיין קאפעלע טהוט דיר ניט וועה קלארנדיג: צו איז אונזער רבי קלוג אונ פרום, אדער ער איז אויך קליגער אלס פרימער!....

מיט דיא ווארטער האט זיא איהר פאל הערץ אויסגעגאסען. ניט פאר דעם שפאבלאזען נאסט, אבער פאר זיך זעלבסט. אונ דא אונטערן בוים איז זיא זיטצען געבליבען אונ זיך צוגעהארט דאס זינגען ביז דיא זונן האט מיט אידרע שטראהלען גלייך אין איהר געזיכט אריינגעשיינט. זי האט מיט איהרע האנד דאס געזיכט פערשטעלט אז ניט געוואלט אוועג געהן פון דעם אנגענעהמען ארט. ענדליך האט זיא זיך דערמאנט: עס איז שוין צייט דיא קינדער אויפצווועקען זיי זאלען קדיש אין שול ניט פערשפאטיגען; זיא האט זיך אויפגעהויבען ארומגעקוקט א ביסעל דעם גארטען, שאנע בלימעלעך האבען זיך פון א שטיל ווינטעל איינגעבויגען, אזוי ווי זיא וואלטען געוואלט פריינדליך גריסען די וועלכע זארגט פאר זיי: אלעס וואר דא אזוי יונג אונ פריש, צופרידען אונ זאפטיג. זי האט זיך פון קיין זאך ניט געקאנט אבוואונדערן.

דא איז אלעס גוט אונ ליעב, האט זי פאר זיך געזאגט, אלעס איז מיר ליעב אלעס איז מיר דא פריינדליך, איך קאן מיט אלץ וואס מיין אויג זעהט דא צופרידען זיין. גאטעס פרידען זעה איך אין דיין שאנער נאטור! וויא ווילט זיך מיר פון דעם גן עדן ניט ארויס! ווי ווילט זיך מיר גיט אהין צוריק אין שטוב אריין, וואו די נאטור פון א מוטער איז זעלבסט צו אידרע קינדער ניט מעהר טריי! גאט, דא ביזט נאהענטער... דא בעט איך דיך דוא זאלסט דער מוטערס ליעבע צו אידרע קינדער

ערהאלטען אונ ניט לאזען אבגעהילט ווערן פון אנדערע ווינדט וואס בלאזט איבער איהר!... א גאט אין הימעל, שענק אונז אונזער מוטערס טרייע הערץ אויף אימער! דא, וואו איך בעוואונדערע דיין חסד אונ גוטסקייט צו יעדען גראזעלע אונ בלימעלע, לאז דא אויך די קליינע יתומים וואקסען אונ געדייהען, זיי זאלען דא בליהען אונ אימער פריש זיין אונטער דיין שוטץ, אונטער דיין שאטען!..." אז זי איז אין שטוב אריין, איז שוין דיא מוטער וואך געוועזען, רחל'ע האט איהר צום בעט נאגעל וואסער צו געטראגען, איהר א ווייסע געהאפטענע מארגען יאקע דערלאנגט, דיא מוטער האט פערלאנגט טהיי טרינקען זיטצענדיג אין בעט. רחל'ע האט דיא אויבערשטע פון דיא איינגעבריהטע מילך אראפגענומען, אין א גלאז אריינגעגאסען אונ צוגעטראגען דער מוטער אויף א ריין טאצעלע א גלאז טהיי צום בעט.

— ווייסטו ניט, מיין טאכטער, האט חייעל'ע געפרעגט, וואס קאן עס זיין וואס דער קינדערשער רבי זעהט זיך גאר ניט? אט דאס האט מען פון די קבצנים אז מען לייהט זיי עפים, לא די וואס זיי ברענגען ניט אב וואס מען לייהט זיי, זעהט מען זיי שוין אין די אויגען ניט מעהר אפילו ווען מען דארף זיי?

— ער וועט היינט דעם בעכער אבברענגען, מוטער, האט רחל'ע פערזיכערט, ער האט זיך געשאמט צו קומען, ווייל דאס ווייב זיינס האט אהן זיין וויסען, וויא ער זאגט—דעם זעלבען בעכער אין משכון געלעגט; נור איצט, ווייס איך, האט ער שוין דאס געלד אויסצולייזען אונ וועט היינט קומען.

— איך האב בעדארפט מיט איהם וועגען עפים איבערעדען, האט חייעל'ע ערקלערט, זאג אן דיא קינדער, אז זיי וועלן איהם צום דאווענען אין בית המדרש זעהן זאלען זייא איהם זאגען, ער זאל באלד אהער קומען נאך איידער ער געהט אין חדר אריין.

רחל'ע האט דיא קינדער אנגעטהון, זייא טהיי געגעבען אונ פאר זייער אוועג געהן אנגעזאגט זיי זאלען זאגען זייער רבין אז דיא מוטער בעט איהם ער זאל באלד קומען.

— דוא ווייסט, מיין טאכטער, האט די מוטער געזאגט פון איהר שלאפצימער ארויסגעהענדיג, איך רעכען נאך היינט אריבער צו פאהרן צו איהם זאל לעבען. אין וועג פון דער פינסטערער נסיעה, ניט איצט געדאכט, האב איך א נדר געטהון צו זיין ביי איהם זאל לעבען אונ איהם א מתנה אוועק פיהרען פאר זיין גוטער ברכה, איך זאל קאנען אהיים קומען א מוטער מיינע קינדער צו זיין. מיר דארפען זיין ברכה אונ זיין עצה אויף ווייטער אויך, זאל דער צדיק פאר אונז גאט בעטען!

— מוטער, האט רחל'ע שטיל אבער פייערליך אויסגערעדט, גאט איז דא אויך מיט אונז אזוי נאהענט ווי דארטען, דא קאנען מיר איהם אויך בעטען! קום אין סאד אריין, בעטראכט זיין חסד אונ זיין רחמים צו יעדען גראזעלע, זיין ברכה אונ גוטס צו יעדען בוימעלע אונ זעה, אז ער איז דא אויך אזוי נאהענט ווי דארט ביים רבין!... וויא שטיל דו וועסט איהם דא ניט בעטען וועט ער דיין תפלה צו הערן, וואצו ברויכסטו אהין פאהרן, דער רבי זאל פאר דיר תפלה טהון? איך פערגין דעם רבי'ן גערן דיין מתנה אונ פדיון וואס דוא גיסט איהם, אבער דאס קאן מען דורך איין

אנדערן צושיקען; בלייב דוא ביי דיינע קינדער, וועלכע עס באנגען נאך דיר בעת דו פאהרסטו אוועק! אז איך וואלט א רבי זיין אונ צו מיר זאלען יודען קומען מיט א פדיון איך זאל פאר זיי גאט בעטען, וואלט איך זיי זאגען: מיינע ליעבע יודען, גאט דער איינציגער איז אייער גאט אזוי גוט וויא מיינער, בעט איהם אליין מיט'ן גאנצען הערצען, זייט איך אליין פרום אונ גוט, וואצו פערלאנגט איהר איך זאל פאר אייך מתפלל זיין בעת יעדער קאן איהם אזוי גוט בעטען וויא איך? וויים איך דען בעסער פאר אייך וואס אייך פעהלט?...

— דערפאר, מיין טאכטער, האט דיא מוטער ערקלערט, ביזטו קיין רבי ניט. דוא ביזט נור א זינדיגע אשה, א קינד ביזטו אונ וואס ווייסטו וואס א רבי איז? אט דאס איז די גאנצע זאך וואס ער וויים בעסער פאר אונז וואס אונז פעהלט! פאר וואס שיקסטו נאך דעם דאקטאר בעת א קינד ווערט חלילה קראנק, אונ גיסט אליין קיין רפואה ניט? דו דערצאהלסט דעם דאקטאר, אז דאס אונ יענס טהוט דיר וועה, אונ דער דאקטאר וויים שוין אז ניט דארט וואו דיר טהוט וועה איז די קראנקהייט, נור ערגעץ אין מאגען אדער אין הארצען, אזוי איז דער רבי זאל לעבען אויך: מיר פשוטע מענשען מיינען אויך: דאס פעהלט אונז, יענס דערגעהט אונז ניט, אין אמת'ן אבער זענען מיר גרויסע חולאים. מיר ווייסען אליין ניט ווי קראנק מיר זענען, מיר ווייסען גאר ניט ריכטיג וואס אונ וועגען וואס ביי גאט דעם לעבעדיגען צו בעטען, דאריבער ערצאהלען מיר דעם רבי'ן זאל לעבען אונזער הארץ אונ ער פערשטעהט שוין וואס אונז פעהלט אונ ער זוכט דיא רפואה פאר אונז, חאטש מיר ווייסען אליין ניט וויא קראנק מיר זענען חלילה... פערשטעהסטו, מיין טאכטער צו ליעב וואס יודען פאהרן צו איהם זאל לעבען.

— אבער, ליעבע מוטער, פערשטעהסטו דען ניט, האט זי זיך אבגערופען, אז גאט איז ניט אזוי אונוויסענד ווי אונזער אפטייקער, וועלכער וויים נור דיא רפואה צו געבען, וועלכע דער דאקטאר פארשרייבט? ניין, גאט איז דער דאקטאר אונ אליין אויך דער אפטייקער, ער פערשטעהט פון אונזער בעטען אונזערע אמת'ע פעהלער אונ שיקט אונז צו דיא אמת'ע רפואה וועלכע ער וויים, חאטש מיר בעטען עפים אנדערש. דער רבי קאן איהם בעסער ניט ערקלערן אלס ער פערשטעהט אליין, אונ צו וואס ברויכסטו איצט דיינע קינדער דא לאזען אונ צום רבי'ן פאהרן? איך האפע, דו ביזט אויך ניט ליידענד, אונ גאט צו דאנקען, אונז פעהלט נישט; לייט זענען אונז מקנא אונ ווינשען זיך א העלפט צו האבען אלץ וואס איז, ברוך השם, ביי אונז צו זעהן; אונזער זאוואד טראגט אונז פרנסה בכבוד, אויך פרעמדע האבען זייער חיונה ארום אונז אונ זיי זענען אונז געטריי. איך אליין אונ דער גוטער פאטער גיבען אכטונג עס זאל אלץ אין ארדנונג געהן וויא עס איז געגאנגען. מיר האבען אונזער אייגען הויז, אייגענעם גארטען, אויך אסאך אשאנעם, אייגענע קיה, מילך אונ פוטער, אונ ברויכען ניט קויפען פארן גראשען ווי אנדערע... איך קוק זיך אפט צו ווי אנדערע לעבען, ווי זיי קוועלען זיך נעביך, מיין איך: קיין רייכערע אונ גליקליכערע פאר אונז זענען גאר ניטא! איך זעה חאסע די אלמנה נעביך מיט איהרע ארעמע יתומים, וויא זיי וואהנען אין א האלב איינגעפאלענעם שטיבעלע, אונ לידען געווים הונגער אונ נויט

יעדען טאג אונ האסע וויים קיין אנדער דאגה אין דער וועלט ניט נור א מוטער איהרע קינדער זיין... פאר זיי זארגט זי, פאר זיי הארעוועט זי געביך טאג ווי נאכט. אז איך זעה זיא. לויב איך גאט פאר זיין חסד, וואס חאטש איך בין אזא יתומה וויא האסעס טאכטער — פעהלט מיר גאר נישט, אונ מיין מוטער קאן רוהיג אונ צופרידען זיין קוקענדיג אויף איהרע קינדער אונ גאט דאנקען פאר זיין חסד! ליעבע מוטער, וועלכע אנגסט אונ זארג האסטו חלילה, וואס איך וויים פון זיי ניט אונ דוא ווילסט זיי נור דעם רבין ערצאהלען ער זאל פאר דיר גאט בעטען?

— איך זינדיג חלילה ניט, מיין קינד, האט חייעלע געטרויסט, געגען אנדערע בין איך אמת א גליקליכע, אבער איך בין פארט אַאלמנה. אלע וואס ווינשען מיר באז זאלען אלמנות בלייבען אין זייערע יונגע יאהרן חאטש אין מיין שטאנד!...

— מוטער, האט רחלע אויסגערעדט, דער רבי וועט דיר דעם פאטער מיינעם ניט לעבעדיג מאכען אונ דיינע קינדער א טרייער פאטער איז גאט אליין, איהם בעטען מיר פאר דיר, איהם דאנק דוא פאר אונז!

— ניין, מיין קינד, מיין נדר מוז איך מקיים זיין, האט דיא מוטער ענטשידען געאנטווערט, דיא גאנצע וועלט פאהרט צום רבין זאל לעבען. קלוגערע, פרומערע, אונ אויך רייכערע פאר מיר, מסתמא דארף מען פאהרן, מסתמא איז דאך דא צו וועמען צו פאהרן! פאר דיר מיין קינד, פאהר איך איצט... דו מיינסט אלץ אז דו ביזט א קליין מאדעלע, צייט שוין פאר דיר צו זארגען, זיך אַ עצה פרעגען, ניטא מעהר דיין טאטע, וואס זאל זארגען פאר דיר... האב שכל, דיין מאמע וויים וואס זי טהוט!....

— גאט אליין זארגט פאר מיר, ליעבע מוטער, ער ברויך קיינעם ניט וועד עס זאל איהם העלפען זארגען! האט רחלע געאנטווערט אונ איהר געזיכט האט פון אינערליכע בעוועגונג געברענט ווי א פייער.

— אמת, מסתמא זארגט גאט פאר דיר אונ פאר אונז אלעמען. האט די מוטער מסכים געוועזען, אבער גאט אליין רעדט ניט מיט אונז זינדיגע; דאריבער פאהרן מיר צו דעם צדיק, ער זאל אונז גאטעס רצון זאגען צום גוטען צו טהון!

די מוטער האט מעהר אויף איהר אנטווארט ניט געוואַרט, אונ איז אין קיך אריין אנזאגען וואס צו צוגרייטען פאר איהר אין וועג אריין.

אין א שעה ארום איז שימעלע געקומען, אונ האט דא פרישטיק געגעסען, אונ נאך דעם מיט חייעלען זעהר א ערענסטען געשפרעך געהאט. אז ער איז אוועג גע־גאנגען האט חייעלע רחלען געזאגט: איך האב איהם מיט א כבוד געשיקט רופען איך זאל איהם אליין אנזאגען, אז ער זאל די קינדער אין חדר ניט שלאגען אונ ניט קוקען אויף זייא, ווי זיי וואלטען חלילה ניט האבען וועד עס זאל אויף זיי אכטונג געבען. א פינגער, אז ער וועט אויף זייא ארויף לעגען אין דער צייט וואס איך וועל אין דער־היים ניט זיין, וועט ער זיך ניט קאנען אויסצאהלען. איך וועל זייא ביי איהם אין מיטען זמן אבנעהמען, ער איז ניט איינער ביי אונז אין קליינין; אונב האב איך אנגעזאגט, ער זאל היינט דיא קינדער אין גאנצען פריי לאזען. איך זאל זיך געזעגען קאנען מיט זיי.

מיטאג האט מען היינט געגעסען פריהער וויא אלע מאל. זיא האט געשיקט

בעטען צום געזעגען וו׳זרימעס ר׳ שלמהן מיט זיין פרוי. „זאג איהר, האט ר׳ שלמה צו בערעלען געזאגט, אז איך שיק איהר מיין ברכה זי זאל פאהרן געזונד און קיסען געזונד, דבורה קאן אויך ניט געהן, ווייל איך וויל אליין אין שטוב ניט בלייבען!

פיער א זיינער איז בערעלע צוגעפאהרן מיט א פאר גוטע פערד געשפאנט אין א שאן בריצקעלע, און האט דערווייל א ביסעל די קינדער אומגעפיהרט ארום שטוב. מען האט ארויסגעטראגען א גרויסען שעפעט פאל מיט קליידער. אויך קערב און קערבלעך מיט עסענשפייז און ווין און מען האט עס גוט איינגעבונדען און איינגעפאקט; פאר א שוכר אין וועג האט חייעלע מיטגענומען א יונג ווייבעל וואס לעבט שוין צוויי יאהר מיט איהר מאן און גאט האט זי נאך מיט א קינד ניט בעגליקט. חייעלע האט זיך מיט די קינדער צוקושט, די מענשען אין שטוב א שאנע אטיעזענע געלאזען, בערעלע האט די פערד א שמיטץ געטהון און ביז נאכט זענען זיי געקומען צו דער רויטער קרעטשמע, וואס איז אין מיטען וועג געוועזן צווישען קליינץ און ווינגאראדקא, דעם רבינ׳ס סטאליציע —.

ביי נאכט איז ר׳ שלמה געקומען מיט דבורה׳ן און האבען רחל׳ען געטראסט. האטש זי האט זיך ניט בעקלאגט. „זארג ניט מיין קינד, האט ער געזאגט, גאט וועט אונזער צער צוזעהן און אונז טראסטען, עס וועט אם ירצה השם אלעס גוט זיין!...“

ד.

חייעלע האט זיך גוט געלאזט ערקענען היינטיגס מאל אין רבינ׳ס הויף. איהר זענען גוט צו ניטץ געקומען דיא אלע טהייערע שטאפען פון זייד און סאמעט וואס זיא האט אנגעקויפט אין איהר גרויסער נסיעה דורך פאהרענדיג מאסקווא. זיא האט איצט פון דיא טהייערע זאכען מתנות געטהיילט דעם רבינ׳ס שנור און טאכטער, וועלכע עס האבען עס צוגענומען מיט דאנק און האבען זיא היינט מקרב געוועזען מעהר ווי אלע מאל. פאראפאהרן איז זיא צום רבינ׳ס עלטערע טאכטער ניטעלען. ניטעלע האט איהר אבגעגעבען א שאנעם חדר און געמאכט צו ליעב דעם גאסט זעהר א פיינעם מיטאג; צום מיטאג וואהרן געלאדען אלע קינדער דעם רבינ׳ס און אלע האבען בעוויזען ווי זיי פרעהען זיך מיט אזא ליעבען גאסט.

אז חייעלע האט זיך שוין א ביסעל אויסגערוהט, איז אריינגעקומען ר׳ פנחס׳ל צו איהר, אויך אויסגעפוטצט פאראדנער ווייא געוואהנליך; נאך דיא געוואהנליכע פראגען: וואס מאכט איהר? וואס מאכט אייער כלה נאה, רחל׳ע? וואס מאכען דיא קליינע קינדער און וואס מאכט ר׳ שלמה? האט ר׳ פנחס׳ל ארויסגענומען א ביינעלע פאפיער און האט אנגעהויבען שרייבען א קוויטעל צום רבי׳ן פאר חייעלען.

— ר׳ פנחס׳ל, האט חייעלע געזאגט, אז ער האט איהר דאס קוויטעל דערלאנגט. איהר האט דאך גאר ניט געפרעגט וועגען וואס צו שרייבען, זייט אייך מטריח. איך בעט אייך, לייענט מיר פאר און פערטייטשט וועגען וואס איהר האט געשריבען!

— פערלאזט אייך אויף מיר, חייעלע, איך האב געטראפען וועגען וואס צו שרייבען, פאלגט מיר און געהט שוין אריין צו איהם זאל לעבען, עס זענען היינט

דָא װעֶדר פִיעל אוֹרְחִים ,כֵּן יִרְבּוּ, אוּנ נַייל איהר זֶענְט הַייעֶ'לֶע, אַ חֲסִידָה וָואס פָארְט צוּם רֶבִּ'ין נִיט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל — וַויל אִיךְ, אִיהר זָאלְט דַוְקָא אִיצְט צוּ אִיהם אַבּייגֶעהן, אַיידֶער עֶס קוּמְט דִי שָׁעָה, וָואס עֶר זָאל לֶעבֶּען, הַייבְּט אָן פְּרַאוֶוען.*)

— נִיט גֶעהמְט פַאר אוּמְגוּט, ר' פִּנְחָס'ל, הָאט הַייעֶ'לֶע אִיבֶּער גֶעבֶּעטֶען זַיין כָּבוֹד, אִיךְ גְלוֹיבּ אַייךְ, אִיהר ווייסְט מִסְתָּמָא מַיין לַאגֶע, נוּר ווִי זָאגְט מֶען: יֶעדֶער פִיהלְט זַיין אֵייגֶען וואוּנְד, אִיךְ וויל אִיהם בֶּעטֶען וֶועגֶען מַיין רָחֶל'ען אוּנ מִיט אִיהם זִיךְ אַ עֵצָה הַאלְטֶען וִוי יוֹצֵא צוּ זַיין דִי צַוָואָה וָואס עֶר עָלָיו הַשָּׁלוֹם, הָאט גֶעלָאזֶען.

— הַייעֶ'לֶע, זַייט זִיכֶער, אַז נִיט הַיינְט שְׁרַייבּ אִיךְ דָאס עֶרְשְׁטֶע קְוִויטְל, אִיךְ הָאבּ אִיהם רֵאשִׁית דֶערְמָאנְט אַז אִיהר זֶענְט אַ אַלְמָנָה, גָאט זָאל אַייךְ טְרַאסְטֶען, בְּיִחוּד הָאבּ אִיךְ אִיהם דֶערְמָאנְט מִכֹּחַ אַייעֶר בְּתוּלָה שֶׁתִּחְיֶ', זָאל עֶר נִיט דֶערְלָאזֶען דִי סִטְרָא אַחְרָא אָנְרִיהרֶען אִיהר טַהַייעֶרֶען נֶפֶשׁ... הַייעֶ'לֶע, אִיךְ הָאבּ נִיט פֶערְגֶעסֶען, נָאךְ תְּחִלַּת ווִינְטֶער, בְּעֵת אִיךְ בִּין בַּיי אַייךְ גֶעוֶועזֶען הָאבּ אִיךְ אִין אַייעֶר כַּלָּה גָאר סִימָנֵי עַצְבוּת בֶּעמֶערְקְט, עַצְבוּת בְּרֶענְגְט צוּ קֵיין גוּטֶעס נִיט, עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ אִין קְוִויטְל עֶר זָאל לֶעבֶּען, זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין: עֶס זָאל אִיהר צוּגֶעשִׁיקְט ווערֶען אִיהר אֶמֶת'ר בֶּן זוּגָהּ, וֶועט מְמֵילָא דִיא עַצְבוּת אִיהרֶע פוּן אִיהר אַרָאפּ. הֶערְט אוֹיס, דִיא תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה דֶערְצֶעהלְט: בְּעֵת אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז מִיט זַיין טַהַייעֶרֶען בֵּן יָחִיד פוּן דֶער עֲקֵדָה צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּנ יִצְחָק הָאט גֶעפוּנֶען אַז זַיין מוּטֶער, דִיא צַדֶּקֶת שָׂרָה אִמֵּנוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען — הָאט עֶר זֶעהר פִיעל גֶעוֵויינְט אוּנ גֶעקְלָאגְט; פוּן וֵויינֶען אִיז עֶר אַרַיינְגֶעפַאלֶען אִין עַצְבוּת רַחֲמָנָא לִצְלַן, דִיא שְׁכִינָה, הַייעֶ'לֶע, אִיז נִיט שׁוֹרָה מִתּוֹךְ עַצְבוּת. דָאס הֵייסְט: פוּן אוּנְמוּטִהִיגְקֵייט קָאן מֶען צוּ רוּחַ הַקֹּדֶשׁ נִיט קוּמֶען; אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אָבֶּער גֶעוָואלְט אַז אוֹיף זַיין טַהַייעֶר קִינְד, וָואס אִיז עֶרְשְׁט פוּן דֶער עֲקֵדָה גֶעקוּמֶען, זָאל דִי שְׁכִינָה דַוְקָא רוּהֶען, הָאט עֶר פוּן אַ סְגוּלָה וֶועגֶען, גֶענוּמֶען פַאר אִיהם אוּנְזֶער מוּטֶער רִבְקָה דִיא צַדֶּקֶת אוּנ נְבִיאָה. דַארִיבֶּער דֶערְצֶעהלְט אוּנְז דִיא תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה: וַיִּנָּחֶם יִצְחָק אַחֲרֵי אִמּוֹ, אוּנ יִצְחָק אִיז גֶעטְרֶעסְט גֶעוָוארֶען נָאךְ זַיין מוּטֶער, דָאס הֵייסְט: דִיא שְׁכִינָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּרִיק שׁוֹרָה זַיין אוֹיף אִיהם וִויא זִיא הָאט שׁוֹרָה גֶעוֶועזֶען בְּעֵת שָׂרָה אִמֵּנוּ הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט. אִיז דָאס אַלְץ גֶערֶעדְט בַּיי אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע אָבוֹת, וָואס מִתּוֹךְ עַצְבוּת הָאבֶּען זֵיי נוּר צוּ רוּחַ הַקֹּדֶשׁ נִיט גֶעקָאנְט קוּמֶען, אָבֶּער מִיר, וָואס אֲפִילוּ מִתּוֹךְ שִׂמְחָה אִיז אוּנְז נִיט גְרִינְג צוּ קוּמֶען לִידֵי רוּחַ הַקֹּדֶשׁ, קָאנֶען מִיר טַאקִי פוּן עַצְבוּת קוּמֶען חָלִילָה לִידֵי טוּמְאָה, דָאס מֵיינְט מֶען, פָּשׁוּט: מֶען קָאן חָלִילָה פוּן זִינֶען אַרָאפּ; דַארִיבֶּער אַז מִיר זֶעהן, אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט, זֶענֶען מִיר יוֹדְעִין וָואס הָאבֶּען דִיא תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה גֶעלֶערְנְט, אוּנ מִיר פֶערְשְׁטֶעהן דֶעם רֶמֶז צוּ טְהוּן דִי טַהַייעֶרֶע סְגוּלָה, וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטְהוּן פַאר זַיין בֵּן יָחִיד יִצְחָק אָבִינוּ, אוּנ דָאס טַאקִי בֶּעט אִיךְ אִין קְוִויטְל, פַאר אַייעֶר טָאכְטֶער וָואס אִיז אִיצְט בְּעַצְבוּת. וְגַם אֶת נֹחַ בְּאַהֲבָה זָכַרְתִּי, מִכֹּחַ אַייךְ גוּפָא, וָואס אִיהר זֶענְט גֶעבִּיךְ אוֹיךְ בְּעַצְבוּת, הָאבּ אִיךְ אִיהם אוֹיךְ דֶערְמָאנְט, עֶר זָאל פַאר אַייךְ מִתְפַּלֵּל זַיין, אִיהר זָאלְט אוֹיךְ גֶעטְרֶעסְט ווערֶען מִיט אֶמֶת'ער נֶחָמָה צוּזַאמֶען מִיט אַייעֶר לִיבּ קִינְד!....

— אִיךְ דַאנְק אַייךְ, ר' פִּנְחָס'ל הָאט הַייעֶ'לֶע צוּפְרִידֶען גֶעאֶנְטְפֶערְט, נוּר אִיךְ מוּז

*) פראווען הייסט: אויפנעהמען דיא אורחים אונ צונעהמען דיא פדיונות וייערע.

אייך נאך עפּיס דערצאהלען : ווי ער, עליו השלום, האט אין זיין צוואה געשריבען איז זיין רצון געוועזען רחל'ען חתונה צו מאכען מיט זיין פּלעמעניק, איך האב אייך דערצאהלט, אויב איהר געדענקט, זיינע ווילדע נאנגען און נארישע חקירות; דאמאלס וואלט נאך א האלבע צרה געוועזען, אז דער משוגע זאל ווערען מיין קינדס בעשערטער. אבער איצט האט זיך פון איהם א תל אויסגעלאזען, זיין משוגעת האט איהם אין גאנצען פון וועג אראפּגעפיהרט און ער איז אוועקגעפאהרן אין טייטשעלאנד שטודירן און איז מסתמא א מופקר, א שאלטאק; וואס זאל איך איצט טהון? איך האב מורא, צו האט ער ניט מיין קינד א כשוף אבגעטהון .... און וואס טהוט מען מיט ר' שלמהן, ער איז דעם משוגענעם אויך א פעטער, און האט אויך א שטיקל דעה צו זאגען ווען דעם ענין? איך מוז און וויל אבער פאר גאט דעם לעבעדיגען אויך יוצא זיין און געבען מיין קינד א מאן א פרומען יודען ניט א משוגע א שאלטאק, א גע־שטודירטען מופקר, ווען צו מיינע יאהרן!....

— ניט זארגט, איך וועל מכה דעם אליין רעדען מיט איהם זאל לעבען, האט ר' פנחס'ל מבטיח געוועזען, איהר דארפט וויסען חייעלע, אז איהר זענט א אשה חשובה, ניט פיעל אזעלכע נשים ווי איהר פערנעהמען ביי איהם זאל לעבען אזא ארט ווי איהר ... זייט עס וויסען, פאר אייך איז זיין טהיר אפען ווען נור איהר וועט ברויכען עפּיס רעדען. נייטער, בין איך פנחס זיין גבאי ... און פאר אייך וועל איך טהון אלץ וואס וועט נור בכוחי זיין צו טהון, איהר האט עס כשר פערדינט ביי מיר, חייעלע, און ניט זארגט! קומט נאך מיר.

ער האט זי אריינגעפיהרט אין א גרויסען חדר וואו עס האבען זיך אומגעדרעהט יונגע חנאקלעך, נארגעציקעס, און פליאסקעדריינעס. דאס זענען דיא דריי קלאסען חסידישע קינדער און יונגע לייט איידער זיי קומען צו דער מדרגה „חסיד". אויסער דיא זענען דא געוועזען חסידים יונגערע און אלטערע, וועלכע עס האבען גערעדט און געאמפּערט זיך. ביי יעדען טיש זענען געזעסען גאנצע־און האלבע־אויך פערטהייל־גבאים און האבען קוויטלעך געשריבען פאר דיא חסידים, וועלכע זענען געבען זייא געשטאנען, איינער אויף דעם אנדערן אנגעלעהנט, און האבען געגעבען, גאנצע־האלבע און פיערטהייל רובעלס פאר זייער וואויל שרייבען.

ביי דער טהיר, וואס פיהרט אין רבינ'ס יחידות־צימער אריין, זענען געשטאנען א גאנצע מאסע יונגע חסידימלעך איינגעבויגען אין דרייען און האבען געקוקט דורך'ן לאך פון שלאס. איינער האט דעם אנדערן געשטויסען און פעטש איבערן קאפּ זענען געפלויגען שטילערהייט, דיא געשלאגענע זענען אבער אזוי איינגעפרעסט געוועזען אין עולם און אזוי היינגעגעבען דעם, וואס זיי האבען דורכען שלאס געקאנט זעהן, אז זיי האבען גאר ניט געפיהלט און ניט געוואוסט פון דיא פעטש און קלאפּ וואס שיטען זיך איבער זייערע קאפּ, און האבען זייער ארט קיין אנדערן ניט געלאזען; מאנכע וואס זענען פון מיטען טאלפא ארויסגעדרענגט געווארן זענען פערשוויצט און אויסגעפארעט געוועזען וויא ערסט פון א הייסער וואנע. חייעלע האט עס געזעהן און אין הערצען האט איהר א הנאה געטהון, וואס דיא אלע וועלן באלד זעהן וויא פאר איהר וועלן זיך דיא טהירן ברייט פאנאנדער אפּענען און זיא וועט גאר אהן

מיה און אהן מאטערנעס אנקומען צו איהם זאל לעבען, בעט זיי אלע וועלן בלייבען פון דער זייט און מקנא זיין איהר גליק און איהר כבוד ...

וויא דיא חסידים האבען בעמערקט, אז ר' פנחס'ל פיהרט חייעלען צום רבי'ן אריין, האבען זיי זיך א לאז געטהון נאך איהר: א קוק טהון אויף איהם זאל לעבען, בעט דיא טהיר וועט זיך אפענען. אז זיי זענען צוגעקומען נאהענטער, האט ר' פנחס'ל געכאפט עטליכע בארגעציקעס פארן קאלנער, זיי א שלעפ און א געוואלדיגען שטויס געטהון פון זיך, אז יענע זענען זיך וויא אין די לופטען צו פלויגען, אויך דיא וואס זענען אין דרייען איינגעבויגען געשטאנען און דורכען שלאס געקוקט האט ער מיט כח א וועג געשמיצט פון אלע זייטען. דאן האט ער פון זיין בוזעם קעשענע ארויס־גענומען א שליסעל און האט אבגעשלאסען דיא טהיר, ברייט פאנאנדער געעפענט און חייעלען דורך געלאזען פריי אין רבי'נ'ס חדר אריין.

א פאר חנאקלעך האבען בדעה געהאט זיך אריינצוחאפען דורך דער אפענער טהיר, אבער ר' פנחס'ל האט זייא פארן קאלנער אנגעהאפט און אראפ געלאזען פון זיינע כפול שמונה'דיגע פעטש, אז דער גאנצער חדר האט געקלונגען, זיי האבען דיא פעטש צוגענומען און ניט איבערגעענדיגט א ווארט זענען זיי מיט געשוואלענע באקען שטעהן געבליבען, נור מיט קנאה צוגעקוקט וויא דיא טהיר האט זיך צוריק פערמאכט; דער עולם האט זיך אויך ניט געוואונדערט, ניט אויף די פעטש, ניט אויף די גלייכגילטיגקייט פון די געפאטשטע, ווייל דא איז גאנץ געוואהנליכעס געשעהן, וואס מען זעהט דאס עטליכע מאל אין טאג. מען ווייס, דאס ביז אזעלכע חנכלעך ווערן בארגעציקעס, ביז בארגעציגעס ווערן פלאסקעדריגעס און ביז פון א פלאסקע־דריגע ווערט א חסיד־מוזען זיי געגונג פעטש און קלאפ צונעהמען פון ר' פנחס'לס פאלער האנד, אדער אזוי פון ערגעץ א בגתן ותרש, האטש ניט סריסים אבער פון דיא שומרי הסף.

ער זאל לעבען האט ביי חייעלען צוגענומען דאס קוויטעל מיט א שאנעם פדיון און האט מיט איהר זעהר פריינדליך גערעדט, זיך נאכגעפרעגט וועגען געזונד און געשעפט, זיא האט איהם מיט טהרערן ערצאהלט דאס ביי אונגליק וואס משה'לע, איהר קינדס בעשערטער איז פערפיהרט געווארען אין שטודירעניש, און האט געבעטען: מגין זיין אויף איהר רחל'ען, זי זאל איהם אין גיכען פערגעסען.

— פאר אייער כלה נאה, האב איך נאך תחלת ווינטער אייער פדיון מקבל געוועזן דורך מיין גבאי ראשון ר' פנחס'ל, האט דער רבי געאנטווערט, ר' פנחס'ל איז א עהרליכער, א לייטישער יוד! הערט איהר, חייעלע? ר' פנחס'ל, מיין גבאי ראשון איז א יוד א לייטישער!... ער האט פון אייער כלה'ס וועגען מליץ טוב געוועזען, און איצט בעט ער פאר אייך און נאך אמאל פאר אייער כלה אויך... אייער בתולה, רחל בת האשה חייעלע שתחי' איז א כלה נאה וחסודה, אחוט של חסד איז אויף איהר, דער רבונו של עולם זאל טראסטען את האם על בתה. (די מוטער מיט איהר טאכטער) ר' פנחס'ל דאנה'ט פאר אייך, מיין ברכה זאל אייך בעגלייטען בכל אשר תפנו!....

— אמן! האט חייעלע אויסגערעדט, און האט געוואלט ארויסגעהן.

— איהר פאהרט נאך ניט אוועק! האט דער רבי געזאגט, בתי גיטעלע, וועט

נאך רעדען מיט איך; איילט ניט, חייע'לע. קיין זאך טהוט זיך ניט אהן ישוב הדעת. איך וויל איהר זאלט ביי מיינע קינדער שבת האלטען!

— איך בין נאר אייער חסד ניט ווערטה, רבי היילינער! האט חייע'לע באנקענד געאנטווערט און איז ארויסגעגאנגען.

מיט קנאה האבען אלע געקוקט אויף איהר, בעת זי איז איצט—ווי אמאל דער כהן גדול פון קדשי הקדשים—ארויסגעגאנגען, זיא איז שטאלץ דורכגעגאנגען דעם גרויסען חדר, דא האט זי בעגעגענט דאס ווייבעל וואס איז מיט איהר אלס שומר מיט געפאהרן און זי האט איהר געהייסען בעטען ר' פנחס'לען אין איהר נאמען, ער זאל זיא צו לאזען צו איהם זאל לעבען.

דאס ווייבעל האט עס תיכף געטהון, אין א פיערטעהייל שעה ארום האט זיא חייע'לען בעדאנקט פאר איהר חסד און פאר דער ברכה וואס זי האט זוכה געוועזען פון איהם זאל לעבען צו ליעב איהר.

— דערפאר וועל איך איבער א יאהר, אם ירצה השם — אז די ברכה וועט מקוים ווערן — אייער טאכטער רחל'ען מיט איהר חתן מכבד זיין געוואטער צום ברית וואס גאט וועט געבען. האט דאס ווייבעל מבטיח געוועזען.

אויך בערעלע שפאק האט חייע'לעס זכות גענאסען און איז צום רבין אנגע-קומען אין דעם זעלבען טאג. ער איז צופרידען געוועזען מיט דער ברכה וואס דער רבי האט איהם געגעבען און נאך מעהר מיט די „ברכות" וואס ער אליין האט געמאכט אויף וויין און שפירט וואס ער האט אומזיסטע געטרונקען מיט אלע חסידים, וועלכע פאסטען ניט פאר זייער זעהן זיך מיט איהם זאל לעבען און טרינקען אהן א מאס נאך דעם נאך מעהר!

אז בערעלע האט געפרעגט: בעל'ביתטע, ווען זאל איך שפאנען די פערד? האט זי געזאגט: ווען איך וועל דיך הייסען, וואס איילסטו מעהר פאר מיר.

פרייטאג פאר נאכט, אז דעם רבינ'ס שניר און טאכטער האבען זיך אנגעטהון אין שאנע קליידער, זיך אויסגעפוטצט מיט טהייערע צירונג, אין גאלד און ברילליאנטען, צו געהן צום רבינ'ס טיש ליכט בענשען לכבוד שבת — איז חייע'לע אויך ניט פער-שאמט געווארן, זי האט זיך אויך אנגעטהון און אויסגעפוטצט זעהר רייך און איז במעט דיא שאנסטע געוועזען צווישען אלע הויפדאמען.

פאר יעדער אשה פון רבינ'ס גרויסער פאמיליע — איז א זילבערנע מנורת געוועזען אנגעגרייט מיט גרויסע שטארין ליכט. חייע'לע האט אויך אין א זעקס-רעהרנ'דיגע זילבערנע מנורה ליכט געבענשט און דיא ליכט האבען געברענט און בעשיינט דעם טיש. פונקט וויא זייא וואלטען היינט געבענשט געווארן פון דעם רבינ'ס א טאכטער.

נאך'ן דאווענען, זענען צוגעגאנגען די טאכטער און שניר צו איהם זאל לעבען און האבען איהם „גוט שבת" געזאגט. חייע'לע איז מיט זיי צוזאמען אויך צוגעגאנגען און ער זאל לעבען האט אויך איהר, גלייך ווי זיינע אייגענע קינדער „גוט שבת, גוט יאהר!" געאנטווערט. נאך זיי האבען אנגעהויבען צו צוגעהן די חשובים פון די חסידים גוט שבת זאגען, און די צערמאני האט זיך געצויגען א האלב שעה. רעכטס

פון רבינ'ס שטוהל אויבענאן—האבען זיך צושטעלט דעם רבינ'ס זיהן און איידעמ'ס,
ליבקס—זענען געשטאנען אלע שניר און טאכטער. צווישען זייא איין חיע'לע אלס
פרעמדע אין דער הייליגער פאמיליע.

דער גאנצער עולם, וועלכער איז צום דאווענען געוועזען איז דא געבליבען
ווארטען אויף דעם רבינ'ס קידוש. מען האט דא געזעהן יונגעלייט אויסגעוויקטע
מאגערע און הויכע מיט לאנגע אויסגעשטרעקטע העלזער, אין שיך און אין ווייסע
זאקען, פאות לאנגע ווי דראט געדרעהטע, קליינע שפיציגע ציגענע בארדלעך. און אויך
יודען דיקע און פעטע, איינגעדעקטע אין אטלעסענע קאפאטעס, אונטערגעגארטעלטע
דיקע בייכער— מיט ברייטע זיידענע גארטלען, געזונדטע פלייצעס און אנשטאנדיגע
פנים'ער, שאנע בארד פון אלערליי פארבען, שווארצע, געלע גרויע און גאנץ ווייסע;
דער רבי אליין איז געוועזען אנגעטהון אין א ווייסער אטלעסענע קאפאטע, א טהייערע
סאבאל שטריימעל אויף זיין ווייסען קאפ, זיין לאנגער עבט ווייסער בארד און זיין שאן
פנים האט איהם פארגעשטעלט ווי איינעם פון די הייליגע אבות פון פארצייטען. אז
ער איז צו צום טיש, גענומען דעם בעכער אין האנד, איז דער גאנצער עולם שטיל
געבליבען און מען האט באימה וביראה געווארט אויף דעם קידוש. ער האט קידוש
געמאכט מיט זעהר א שאנעם קול נגינה. אזא קידוש מיט אזא פארעד האט נאך
חיע'לע אין איהר לעבען ניט געהארט. דער רבי האט אויסגעטרונקען א רוב כוס, און
האט דעם בעכער אווע געשטעלט אויפן טיש. ר' פנחס'ל האט צומישט דעם וויין
מיט וויין פון נאך א בעכער און האט איינעם דערלאנגט דעם רבינ'ס זיהן און דעם
אנדערן—גיטעלען דעם רבינ'ס עלטעסטער טאכטער. גיטעלע האט א זופ געטהון און
דערלאנגט חיע'לען. חיע'לע האט אויך פערזוכט און איבערגעגעבען די איבריגע
ליינדער. פון דעם מאנערשען בעכער האבען צו זופען איינציגע בעקומען אלע וואס
זענען דא געוועזען; כל זמן אין בעכער איז נאך א ביסעל געבליבען האט מען אלץ
דערגאסען מיט פרישען וויין. חשובים האבען בעקומען פון בעכער זעלבסט, ניט
חשובים האבען אויסגעשטרעקט לאפעל און מען האט זיי אריינגעגאסען א זופ וויין
וועלכען זיי האבען געחאפט און אויסגעלעקט מיט דער צונג. איינער האט אזא לאפעל
בעקומען, נור אריבערגעהמענדיג עם איבער יעמאנדס קאפ האט יענער א שטויס
געטהון זיין האנד און דער וויין האט זיך אויסגעגאסען ביי'ם חסיד אויפן פלייצע.
א פליאסקאדרייגע איז אונטערגעשפרונגען און האט די פלייצע אבגעלעקט און אז צו
לעקען איז שוין מעהר ניט געוועזען וואס, האט ער דעם חסיד א בים געטהון. דער
חסיד האט זיך אומגעקעהרט און איהם אראפ געלאזען א חסידישען פאטש; דער
פליאסקאדרייגע האט זיך גאר ניט אומגעקעהרט און איז געלאפען ווייטער חאפען
אזא גליק. ביים ברעג טיש נאהענטער צום טהיר האט געקאכט וויא אין א קעסעל.
דארט האט מען זיך געדראנגט און געשטויסען ארום בעכער און פעטש האבען זיך
געשאטען ווי פיילען אין א מלחמה. חיע'לע האט עס אלעס געזעהן און זיך גליקליך
געפיהלט, וואס זיא האט אזא זכות צו טרינקען פון רבינ'ס קידוש תיכף נאך זיין
עלטעסטער טאכטער, נאך פריהער פאר זיינע שניר און יונגערע טאכטער.

צום טיש איז דער רבי געזעסען אויבענאן, רעכטס-זיין עלטערער זוהן, ר' זלמוקע

און נאך איהם די אײדים׳ס און די איבריגע זיהן, ליַנקס—איז געזעסען ר׳ פּנחס׳ל, נאך איהם אלע אורחים און רײכע חסידים. די װײבער האבען זיך צוזעמעצט אין א װײטען צימער, װאס די מחיר איז נור מיט א דראפּיראװקא האלב פערהאנגען געװעזען. דארט איז חײעלע געזעסען נעבען ניטעלען און האט געקאנט צוזעהן אלץ װאס דער רבי און ר׳ פּנחס׳ל טהוען. זיא האט געהערט װי דער רבי האט ר׳ פּנחסלען מכבד געװעזען ער זאל זינגען „יה רבון עלם״ און ר׳ פּנחס׳ל האט געזונגען, אלע חסידים האבען איהם געהאלפען; זיא האט אויך געהערט דיא תורה װאס ר׳ פּנחס׳ל האט אין טיש געזאגט, און לאנגע שטראלען האט זיא געזעהן פון דיא שבת געבענשטע ליכט װעלכע באדעקען דעם רבינ׳ס קאפּ און בעשײנען אויך ר׳ פּנחס׳לען און דיא הײליגע שכינה רוהט אויף ביידען... „און דער ר׳ פּנחס׳ל״ האט זיא געקלערט „קאן באלד מײנער װערן, אז איך זאל נור זאגען „איך בין מסכים״. און דער כבוד און גדולה װאס איך האב דא איצט—װעט ניט אויף אװײלע זײן נור אויף אײביג!“ זי האט זיך פערלארן אין איהר׳ע געדאנקען און האט פערגעסען אז זי איז א אשה א אלמנה, װעלכע האט א מאל א מאן געהאט, און א ליבען געהאט, זי האט פערגעסען, אז זי האט א חיים, און דארט אין דערהײם זיטצען איצט איהר׳ע ליעבע קינדער — בײ דעם שבת׳דיגען טיש און קוקען פיליכט אויף די געבענשטע ליכט מיט פערװײנטע אויגען...

שכור, חאטש ניט פון װײן, אבער פון צופיעל כבוד און גדולה — איז חײעלע איצט געזעסען און איהר האט זיך פארגעשטעלט: זיא איז איונג מאדעל פון זעכצען יאהר, זי זיצט בײ איהר׳ע עלטערן, און קוקט צו װי איהר חתן דרשנ׳ט פאר א עולם יודען, אלע פרײען זיך מיט זײן תורה, אלע זענען מקנא איהר גליק, און זי שעמט זיך, די ארא‍פּגעלאזענע אויגען אויפהײבען א קוק טהון אויף דאס ליכטיג פּנים זײנס.

און דארט בײ די מאנסלײט, האבען אלע די פינגער געלעקט פון די תורה ר׳ פּנחס׳לס און פון די פעטע געריכטען װאס מען האט דערלאנגט. דער רבי האט פון אלץ פערזוכט און איבערגעלאזען דעם עולם שירײם, װעלכע מען האט מיט די הענט צו חאפּט און אײנגעשלונגען. מען האט „מי שברך׳ס“ געמאכט דעם רבין, זײנע קינדער, אויך ר׳ פּנחס׳לען, און יעדער האט נודר געװעזען װײן צום טיש, און דעם רבינ׳ס סארװער האבען תיכף ארױפגעטראגען טאקי פון רבינ׳ס קעהלער. חײעלע האט אויך נודר געװעזען א טוץ װײן און געלאזט מי שברך מאכען דעם רבין און דעם רבינ׳ס טאכטער ניטעלען און זײנע איבריגע טאכטער; זיא האט געהערט װיא א גבאי האט אויסגע-שריען: בעבור שהאשה חײעלע בת מרים. א.ז.װ. נאך דעם האט אויך ניטעלע געהײסען מי שברך מאכען דעם פאטער, ר׳ פּנחס׳לען, אויך האשה הגבירה והצנועה חײעלע בת מרים, און מען האט געגעסען געטרונקען, געזונגען און לוסטיג געװעזען װיא מען װאלט גאר פערגעסען: אז מען איז יודען ... יודען אין גלות... און אז דארט, אין יעדענס הײם װארטען דאגות און צרות, בעלי חובות און קאפּ-דרעהענעס און װײב און קינדער פערגיסען פיליכט איצט טהרערן מעהר אלס דער װײן װאס גיסט זיך דא....

אז מען האט חײעלען דערלאנגט דעם כוס װײן פון רבינ׳ס בענשען האט זיא געמײנט: דאס פערזוכט זיא דעם כוס פון דיא „שבע ברכות“ נאך דעם אז איהר ...

ליכטער חתן האט פון איהם פריהר געטרונקען... דער ווײן האט זי ערקוויקט, אבער איהר בלוט לײדענשאפטליך צוהיטצט.

נאך עטשערע האט זיא ניטעלע ארויסגעפיהרט זיך א ביסעל אפקיהלען אין רבינס סאד. דיא מאנסלײט זענען בײם טיש געבליבען, און האבען װײטער געזונגען און װידער געטרונקען. דער גארטען האט אין אלטע צײטען אמאל געהערט צו א רײכען גראף, אז ער איז איבערגעגאנגען צום רבינ׳ס עלטערן, האט מען איהם אפילו א ביסעל קלענער געמאכט. אבער ער איז נאך גענוג גרויס געבליבען און א ניט געניטער האט דא גרינג געקאנט פערבלאנזעט װערן. אלטע, דיקע און צװײגהאפטע בוימער זענען דא געװעזען ניט איבער צו צאהלען, שאנע בעסעדקעס דא טהײ צו טרינקען, אויך א ברײטע און א טיפע סאזעלקע, װעלכע האט אין חסידישען עולם א נאמען געהאט פאר איהר טהײער װאסער װאס איז א סגולה צו אלין.

נעבען דער א סאזעלקע איז דער שאנסטער פלאטץ געװעזען פון גאנצען גארטען, זעהר א ראמאנטישער ארט אין א שטילער נאכט דא אונטער די אלטע בוימער צו טרײמען. דא אויף א באנק, אונטער א בוים װאס האט שוין זײנע בלעטער געהאט פאנאנדערגעלאזען, האבען זיך די בײדע פרויען אברוהען געזעטצט. חײעלע האט געקוקט װיא דאס װאסער קנײצט זיך אין דורכזיכטיגע װאלען און שטראהלט אב צוריק דאס ליכט פון דער לבנה, װעלכע האט איצט אין פאלער פראכט געשײנט אין לויטערן קלארען הימעל. איהר האט געדאכט די לבנה באדט זיך דא און שװימט אום אין דעם הײליגען װאסער, װאו דער רבי זאל לעבען איז טובל, געװיס, זײן גוף יעדען פריה מארגען... פון רבינס שטוב האט זיך אין די לופטען צוגעטראגען א זיס געזאנג. זי האט שוין די חסידים פערגעסען און האט געמײנט: זיא הערט דאס געזאנג פון הײליגע מלאכים װעלכע זינגען שירה צו גאט אין גן עדן װאו אויך זי איז איצט.

א היבשע צײט זענען די בײדע פרויען שטיל געזעסען. ניטעלע האט בעמערקט, אז חײעלע חלומט א נוטען חלום װאכענדיג און האט געװאלט איהר זאל זיך װײטער חלומ׳ן, װארום זי האט אויך געװואוסט מיט װאס איהר חלום פותר צו זײן. ענדליך האט חײעלע א שװערן זיפץ געטהון.

— װאס זיפצט איהר, חײ׳עלע? האט ניטעלע געפראגט.

— װײסט איהר, ניטעלע, װאס איך טראכט? האט חײעלע זיך אבגערופען.

— איהר טראכט מסתמא, װעגען אײערע קינדער, װאס באנקען געװיס אין דער הײם נאך אײך, נור ניט זארגט, ליעבע חײעלע, גאט דער לעבעדיגער זארגט פאר זײ, אזא דאגה זאל זײן מיט אלע יודישע יתומים, װי איהר װעט דארפען באנג׳ן מיט אײערע קינדער, איהר זאלט נור װעלן דעם טאטענס זאל לעבען — עצה טהון...

זאגט אפען, חײעלע האט ניטעלע װײטער גערעדט, איך רעד מיט אײך װי מיט מײן אײגענער שװעסטער, פאר מיר ברויכט איהר קײן סודות האבען, איהר װעט זעהן, איך װעל אײך אלײן אויך מגלה זײן א סוד װאס פאר אבי װעמען װאלט איך עס ניט ארויסרעדען, זאגט אדרבא, מיט װאס איז ר׳ פנחס׳ל פאר אײך קײן גוטער מאן ניט, אז איהר זענט אײך נאך אזוי פיעל מישב און האט מורא דאס װארט ארויס צו לאזען אז איהר זענט מסכים?

— איך זאל אייך זאגען דעם אמת, האט חייעלע געאנטווערט, ווייס איך אליין ניט. וואס ר' פנחס'ל איז ווייס איך. מיינע אויגען זעהן זיין גדולה חאטש איך בין א אשה, הלואי גיב גאט מיין מינדסט קינד אזא מאן א צדיק צו האבען וויא ר' פנחס'ל איז! נור זאגען מוז איך אייך, איך ווייס אליין ניט: מיט וועלכע מעשים טובים מיינע האב איך ביי דעם רבונו של עולם אזא גדולה פערדינט? נור ניט דאס טראכט איך... איך קאן זיך קיין עצה געבען: וואס טהו איך מיט מיין רחל'ען? וואס וועט די וועלט זאגען, אז איך וועל פריהער חופה האבען, איידער מיין קינד וועט נאך א כלה ווערן? ר' פנחס'ל וועט נאר אזוי לאנג ניט וועלן ווארטען אויף מיר. א נויטה איז איהם? מען דארף אין זיך ניט געאנרט זיין, ניטעלע, אזא ווי סייעלען—קאן ער בעקומען אלע טאג. איך ווייס, אז מען רעדט איהם מיט א טאכטער פון גרויסע לייט!

— פאר וואס זאלט איהר דאס אזוי זאגען, חייעלע? האט דעם רבינ'ס טאכטער אויסגערעדט, גלויבט מיר, איהר זענט אויך ניט פון די, וועלכע מען קויפט פינף פארן גילדען, אזעלכע חייעלעך האבען מיר ניט פיעל צווישען דעם טאטענס זאל לעבען, חסידים. אמת, ר' פנחס'ל איז טאקי א לייט, גאט מאג לאנג און לייט בענשען מיט זיין תורה און זיין חכמה אבער וואס ווייסט איהר אייער מזל? אז דער טאטע זאל לעבען האט געזאגט: קיין גלייכערע זאך איז נאר אין דער וועלט ניטא, מסתמא ווייס ער דאך, אז עס איז בעשערט משמים... אייער מזל, אהן עין הרע, איז אזוי גרויס ווי זיין תורה און חכמה, אי דאס וואס איך שטעהט אין וועג וואס אייער רחל'ע איז נאך קיין כלה ניט? זאל אזוי גיך משיח קומען וויא גיך זיא וועט איהר בעשערטען האבען!... ווי מיינט איהר, אז דער טאטע זאל לעבען אליין וועט וועלן אייער קינדס שדכן זיין וועט ער קאנען אויספירן ארעכטען שדוך פאר איהר, צו ניט?

— איך בין נאר דעם חסד ניט ווערטה! האט חייעלע געאנטווערט. פאר וואס קומט עס מיר?

פרעגט קיין קשיות ניט, חייעלע, דער טאטע זאל לעבען ווייס מסתמא פאר וואס, ער פערגעסט ניט, חייעלע... אייערע צדקות וועגען ארעם די וואנשאל. אייער מזל זאל אלץ האבער און האבער שטייגען, צוליעב אייך וועט ער נוטם טהון אויך אייער קינד, געדענקט, וואס איך זאג אייך....

חייעלע האט געשוויגען.

— איך האב געזאגט: איך וועל אייך א סוד זאגען, האט ניטעלע ווידער אנגעהויבען, זעהט חאטש, אז פאר אייך זענען ביי מיר קיין סודות ניטא. איהר ווייסט דאך, אז דער טאטע זאל געזונד זיין, איז שוין א אלטער מאן, גאט ווייס וויפיעל מיר און די וועלט—וועלען זיך נאך פרעהען מיט איהם?... צווישען אונז זאל עס נור בלייבען. ר' פנחס'ל האט אין זיין האנד אלע חסידים, און נאך הונדערט און צוואנציג יאהר, אז מען וועט דארפען אויף דעם טאטענס שטוהל ארויפזעטצען מיין ברודער זלמנ'ן—ווייסען מיר ניט וואס מיט אונז, דעם טאטענס איבריגע קינדער, וועט זיין? דאס ווייסען מיר, אז וואס נור ר' פנחס'ל וועט וועלן דאס וועט זיין, דיא שוואגערין מיינע איז א רבינ'ס א טאכטער און זיא גרויסט זיך שוין אויף אונז. איצט רעדט מען ר' פנחס'לען, טיא פאר אייך זאגענדיג, מיט א נאהענטער קרובה דער איינעגער

שוואגערינס, פערשטעהט איהר דאך, אז אויב ר' פנחס'ל וועט מיט איהר חופה האבען וועט זי געווים נוטה זיין צו אונזער שוואגערין מעהר וויא צו אונז, האבען מיר מורא, אזוי ווי ר' פנחס'ל האט דאך איצט די גאנצע דעה ביים טאטען זאל געזונד זיין, אז זיא זאל ביי איהם ניט פועל'ן אז דער טאטע זאל לעבען, זאל אבזאגען אלץ פאר מיין ברודער און פאר אונז זאל ער נאך זיין פטירה, נאך הונדערט און צוואנציג יאהר, גאר ניט פערזארגען... איהר ווייסט דאך, חייעלע, ווי מיר זענען געצויגען געווארן, און ווי שווער און ביטער אונז קאן חלילה זיין, אז מיר וועלן דארפען דעם קאפ אראפ לאזען, זיך איינבויגען פאר אונזער שוואגערין וואס גרויסט זיך שוין אויף אונז... אט דאריבער לאזען מיר דערוייל ניט צו, אז דער שדוך ר' פנחס'לס מיט דער שוואגערינס קרובה זאל אויסגעפיהרט ווערן, פערשטעהט איהר? איך בעט אייך חייעלע, ניט שטויסט אב פון זיך אייער מזל. האט חופה מיט ר' פנחס'לען, איהר זענט א קלוגע אשה, אייער דעה וועט ביי איהם געווים א דעה זיין; אויף אייך מאגען מיר זיך פערלאזען, איהר וועט זעהן עס זאל נור שלום און מנוחה זיין ביי אונז אין שטוב און אין הויף!...איהר זענט דאך אונזערע, חייעלע, דעם טאטענס זאל לעבען לאנגעדיגע חסידה, וויא שוועסטער וועלן מיר אייך אלע זיין, איהר ווייסט וויא אונזער פריינד־שאפט צו שאטצען און מיר וועלן וויסען ווי אייך צו דאנקען און ליעב צו האבען פאר אייער פריינדשאפט צו אונז, און פאר דעם שלום אין אונזער משפחה צו ליעב אייך! מיט אונז צוזאמען וועט איהר דא אין הויף וואהנען, מיר וועלן אייך ניט אבטהיילען פון זיך און איהר וועט אמת גליקליך זיין און גליקליך מאכען ר' פנחס'לען, אייערע קינדער וועלן אויך גליקליך זיין דורך דעם!... צו ליעב אייערע יתומים, חייעלע, איך רעד שוין ניט צו ליעב אייער אייגענעם גליק, האטש איהר זענט נאך אהן א עין הרע, יונג און שאן גענוג און האט נאך כמעט צו לעבען גאר ניט אנגע־הויבען.. איידער איך געה אוועק פון אייך וויל איך אייער ווארט הערן, זונטיג איז ל"ג בעומר און מארגען ביי נאכט, קאן טאקי דא ביי אונז דער קנין זיין וואס זאגט איהר?

חייעלע האט אין איהר לעבען אזעלכע ווערטער ניט געהערט, וואס זאל איהרע איינגעליעבע און עהרגייץ אזוי שמייכלען, וויא דיא ווערטער וואס זיא האט איצט וואכענדיג, ניט אין חלום—געהערט פון רבינ'ס טאכטער, פון דער אשה וואס מאנכע חסידישע פרויען שאטצען זיך גליקליך מיט איהר א ווארט אויסצורעדען; און דיא רעדט עס מיט איהר און בעט זיך ביי איהר, און זאגט איהר צו גילדערנע בערג! אין איהר האנד וועט דאס גאנצע גליק און שלום זיין פון דער גאנצער פארנעהמער פאמיליע, איהר דעה וועט א דעה זיין, אלע וועלן איהר לאסקע זוכען, זיא וועט דא זיין א האפדאמע, און וועט שטאנדיג בענשען ליכט אין א זילבערנע מנורה... נאך דעם רבינ'ס פטירה וועט ר' פנחס'ל נאך גרעסער ווערן, און עס וועט ציטערן פאר איהם די יונגע רבי'צען, וועלכע בלאזט זיך שוין א ביסעל, און ווייזט איהר ניט אזעלכע התקרבות ווי גיטעלע...יא! האט זי געקלערט, גיטעלע איז גערעכט, אהן מיר וועט דא אלץ אנדערש ווערן, נור איך קאן אלעס פעריכטען!. אנייער שטאלץ האט זיך אויסגעגאסען אויף איהר גאנצעס וועזען, זיא האט זיך ניט וועלענדיג

מיט א שטאלץ אויסגעגלייכט, ווי זיא וואלט נייע כוחות אין זיך געפיהלט.

— וואס זאגט איהר חייעלע; האט ניטעלע איבער געפרעגט נאך א מאל.

— וואס זאל איך זאגען? האט זי געאנטווערט. דעם רבינ'ס זאל לעבען רצון, וועט קיין אשה ניט דערווידער זיין, זאל זיין רצון געשעהן, איך בין זיין חסד ניט ווערטה!

— מזל, חייעלע איז גראסער וויא אלץ! האט ניטעלע ערקלערט. וואס ווייסט איהר וואס פאר א מזל איהר האט, אהן א עין הרע? ווייסט איהר וויא ר' פנחס'ל ווארט אויף אייער ווארט. איהר זאלט איהם איצט רעדען מיט א בת מלכה, וועט ער ניט וועלן, „חייעלע איז מיין בעשערטע, זאגט ער, סיידען דעם איבערשטענס רצון וועט ניט זיין". האט ער מיר געזאגט. איך ווייס, ער ווארט אויף מיין תשובה, איך וויל איהם זיין שבת ניט פערשטערן און וועל איהם נאך היינט אנזאגען.

— מיט וואס זאל איך אייך דאנקען? האט חייעלע געפרעגט. סיידען גאט וועט ניט וועלן; ניטעלע, בעט גאט פאר מיר, איך וועל אייך א מאל אפדינען. איך וועל אייער גוטס און חסד ניט פערגעסען ווי לאנג איך וועל לעבען!

ביידע פרויען האבען זיך צוקושט, חייעלע האט אויך געוויינט א ביסעל און מיט טהרערן געזאגט:

— זאל זיין אזוי, פאר יאהרן האב איך מיר דאס ניט פארגעשטעלט, מסתמא דארף דאך אזוי זיין, אפשר איז מיר נאך בעשערט עפיס גוטס אויף דער וועלט? זאגט איהר, ניטעלע, אז דאס איז פאר מיר א גליק? גלויב איך אייך, חאטש דאס הארץ אין מיר איז שווער ווי א שטיין בעת איך קלער וואס איך טהו איצט. צום גוטען זאל עס זיין רבונו של עולם! זאגט ר' פנחס'לן איך: בין מסכים...

זיי האבען זיך נאך א מאל צוקושט, ניטעלע האט נאך מיט געטרייע רייד איהר גרינגער געמאכט דאס הארץ און זייא האבען זיך צו שיידט. — אין גליקליכע חלומות האט חייעלע דורכגעשלאפען די נאכט, אז זי איז אויפגעשטאנען האט זיא געפיהלט א נייען שטאלץ: „אוים נאסטו" האט זי זיך געזאגט, שונאים וועלן נאך בלינד ווערן קוקענדיג אויף מיין כבוד, מיין גדולה!.. וועמען האר איך?... אז איך בין פאר איהם זאל לעבען יוצא, בין איך פאר גאט ברוך הוא אוודאי יוצא. איצט מאגען לייט רעדען וואס זיי ווילען!..."

נאך'ן דאווענען האבען שוין אלע געוואוסט אז היינט ביי נאכט וועט א קנין זיין צווישען חייעלען און ר' פנחס'לען און מען האט זיך געריכט אויף משקה לרוב און מען וועט טרינקען עד דלא ידעי.

ה.

שימעלע איז געזעסען אין בית המדרש זעהר אונמוטהיג און פערטראכט, חאטש אין דער פריה צום דאווענען האט זיך געפונען דא א טרונק בראנפען און פערבייסען, אבגעקאכטע אייער לכבוד ל"ג בעומר אבער ער האט היינט פון זיין אלטער געהאט א פינסטערן טאג, און וואלט מוחל געוועזען דיא בראנפען מיט דיא אייער. עס

זאל בעסער היינט קיין ל"ג בעומר ניט זיין , ער זאל ניט דארפען אבצאהלען דעם גרויסען חוב : א גאנצען גילדען מזומן , וואס זיינע ביידע יונגלעך האבען ביי איהם אנגעקליבען פון זיינע הבטחות פאר זייער גוט לערנען , און נאך מעהר פאר זייער שווייגען , בעת זיי זענען הונגריג געוועזען .

„שווייגט קינדער", פלעגט ער זאגען , וואס וועט שוין זיין , אז איך וועל אייך קויפען א בייגעל און איהר וועט איהם שוין אויפעסען ? בעסער וועל איך דיא קאפעקע ביי זיך בעהאלטען ביז איהר וועט אזוי אנקלויבען ביי מיר א גאנצען גילדען , דערווייל וועט זיין ל"ג בעומר , וועל איך נעהמען דעם גילדען און וועל אייך קויפען אבגעקאכטע אייער , קיכלעך , מיט זיסע בראנפען , און מיר וועלן מאכען א סעודה כיד המלך ... אט וועט איהר וויסען וואס הייסט ל"ג בעומר און וואס הייסט א סעודה ו" דיא קינדער פלעגען אויף דעם מסחר בעשטעהן און שווייגען . אז אין א ווייל ארום פלעגט זיי דאס הערצעלע אנהייבען חלש'ן און פלעגען אנהעבען ווידער וויינען , פלעגט דער טאטע זאגען : זאג יאסעלע , דו ווילסט איך זאל דיר קויפען ל"ג בעומר א רויטע איי , אדער א גרינע ?

א רויטע , פלעגט דאס קינד אנטווערן הליפענדיג , „ני גוט , א רויטע מיט א גרינע ! פלעגט דער ארעמער טאטע טרייסטען , ווייל זשע ניט , זיי א גוט יונגעל און זאג דעם חומש ווייטער ! אזוי האט ער זיי גענארט און געלאזט חלש'ן , בעת ער האט אליין אויך געהונגערט . ענדליך איז געקומען דער פיעלפערשפראכענער טאג ל"ג בעומר . דיא קינדער זענען מיט דעם בעגינען אויפגעשטאנען און האבען אנגעהויבען מאהנען זייער גילדען און זייער סעודה . צום אונגליק זיינען זיינע רייכע תלמידים , חייעלעס קינדער , היינט אין חדר ניט געקומען , — די ארעמע האבען גאר גישט מיטגעבראכט , דאס ווייב זיינס האט געהייסען די קינדער ניט אבלאזען דעם טאטען איין מינוט ניט , זאל ער טאקי פאר זייא מאכען א סעודה וויא ער האט שטאנדיג פערשפראכען .

— ווייסט איהר וואס קינדערלעך , איז ער אויף א עצה געפאלען , ווארט א ווילע , דאוונט אב א פריהער , אט וועלען קומען מאטעלע און בערעלע וועלן זיי ברענגען , מסתמא , כל טוב , וועלן מיר מאכען די סעודה צוזאמען .

די קינדער אבער האבען ניט געוואלט ווארטען און האבען געוויינט : א סעודה , א גילדען !

— דוא ווייסט יאסעלע , וואס איז טייטש כל טוב ? האט שמעון געפרובט זייא פערשלאגען דיא טענה זייערע , כל טוב איז טייטש : אלל דאס גוטס , א סך בייגעל מיט פוטער , מיט קאז , מיט אייער צוגבראקטע אין זאלץ וואסער , אזוי וויא פסח בייא נאכט , א סך , א סך ! און באקשאר און ניסלעך , אט וועט איהר האבען א סעודה , ווארט נור , איך וועל ארויסנעהמען אין גאס בעקומען געלד און אלץ אלץ איינקויפען .

— שווייג זיך ! האבען די הונגריגע קינדער פערלאנגט , ער האט געשוואויגן . אזוי האט ער זיי גענארט ביז נאך האלבען טאג און איז ווירקליך געגאנגען זוכען , מאכען ערגעץ א פאר גילדען . דאס ווייב זיינס האט איהם אבער נאכגעשריען :

„שמעון , זאלסט בעסער גאר אהיים ניט קומען אהן געלד ! הארסטו , וואס איך זאג דיר ? ער איז צו רחל'ען אוועק און האט געקלארט בעטען לייהען א האלב קארבעל

נור רחל'ע איז ניט געזונד געוועזן, און ער האט-ניט, זי ניט די קינדער געקאנט זעהן מיט א בעטריבטען הערצען איז ער אוועק אין בית המדרש, טאמער וועט ער דא בעקומען צו לייהען עטליכע גראשען. מנחה צייט זענען אפילו געקומען א פאר בעלי בתים וואס קאנען לייהען א האלב קארבעל, אבער איינער פון זייא האט איהם שוין א מאל געליהען א רובעל און ער האט איהם נאך עד היום ניט אבגעגעבען, צו דעם אנדערן איז ער צוגעגאנגען און האט געזאגט:

— שואל, דו ווילסט פערדינגען א מצוה? בנאמנות א מצוה, לייה מיר א האלבען רובעל.

— איך וויל קיין מצוה און איך וויל איך קיין האלבען רובעל ניט לייהען, מעהר מצוה וועל איך האבען, אז איך וועל מיין פלוניתטע אוועק געבען אויף מארגען אין מארק אריין, האט דער גוטער ברודער געאנטווערט.

— טא לייה מיר חאטש פינף און צוואנציג קאפעקעס! האט שימעלע געבעטען.

— איך האב ניט! האט שואל זיך קאלט אויסגערעדט און האט אנגעהויבען זאגען קטרת צו מנחה.

— א גילדען אויך ניט? האט שימעלע געפרעגט.

— קח לך סמים נטף ושחלת וחלבנה סמים ולבונה זכה בד בבד יהיה! האט דער יוד ווייטער זייגע קטרת געזאגט און שימעלען אנגעקוקט אזוי, ווי די ווערטער וואלטען דיא ריכטיגע תשובה געוועזען אויף זיין בקשה.

— פאר הלבנה'ט זאלסטו ווערן, רבונו של עולם! האט שימעלע מיט כעס אויסגערעדט, אריבגעטהון דיא שפיצען פינגער אן שויב און אליין אויך אנגעהויבען זאגען קטרת. ער האט מנחה אבגעדאווענט, און צו מעריב אין שמונה עשרה האט ער כמעט אליין ניט געהערט וואס ער רעדט, אזוי אנגעפילט מיט געדאנקען און דאגות איז ער געוועזען. „חאטש איין גילדען שיק מיר צו, רבונו של עולם!“ האט זיין ארעם הארץ אין דער שטילער שמונה עשרה הויך געשריען, אז ניט קאן איך אהיים ניט קומען, חאטש דא געבטיגען.... האב רחמנות, טאטע פאטער, און שיק מיר האטש איין גילדען צו!“

געוויס האט דער רבונו של עולם זיין בקשה צוגענומען, ווארום וויא ער האט נור „עלינו“ אנגעהויבען זאגען, איז צוגעקומען צו איהם א ווינאגראדקער בעל-עגלה און האט איהם געפרעגט:

— דאס זענט איהר ר' שמעון מלמד?

— אני, אני הוא, ולא אחר! האט שמעון געאנטווערט אין לשון הקדש, ווייל ער האט נאך דעם „עלינו“ ניט געענדיגט.

דער בעל עגלה האט נאך א מאל איבער געפרעגט. — איך בין דאס, איך. וויא איהר זעהט מיך א יודען א כשר'ן און א פרומען! האט שמעון געשווארן, האלב אין כעס, האלב האפענדיג, טאמער וועט דא ווערן א גילדען ער זאל קאנען אהיים געהן.

— נו, אז דאס זענט איהר, האב איך טאקי צו אייך א בריוועלע מיט נאך עפיס, האט דער בעל עגלה געזאגט.

— ראשית, גאט אייך אוועק אייער „שלום עליכם“! האט ר' שמעון צופרידען אויסגערעדט און דעם בעל עגלה דערלאנגט זיין האנד. שנית זאגט מיר, פון וועמע

איז דאס בריוועלע ? פון וואנען קומט איהר ? יע, א״נ וואס איז טייטש : „נאך עפּיס״ !

— איילט ניט, ר׳ שמעון, איהר וועט זעהן פארטיגערהייט, דאס בריוועלע איז פון דעם רבינס זאל לעבען נבאי, איהר וועט שוין זעהען וואס ער שרייבט דארט.

— ניט זשע שוין דאס בריוועלע! האט שמעון געבעטען. — דער בעל עגלה האט ארויס גענומען א איינגעשמירט פאפיער, פאנאנדער געוויקעלט גאנץ רוהיג און געלאסען. דא איז געוועזען א גאנצער דוצענד בריף, ער האט ארויסגענומען איינס און האט שמעונ׳ן דערלאנגט. לייענט איבער, זייט מוחל, דיא אדרעסא. אין בית המדרש איז פינקטערליך געוועזען און שמעון האט געמוזט צוגעהן צום עמוד וואו עס האט נאך א יאהרצייט ליכט געברענט. למסור לכבוד הרבני הנגיד חיים פירשטיין, בק״ק ווינאגראדקא לק״ק קליינינץ שכר טרחה המשה קטנים.

— דאס איז ניט צו מיר, האט שמעון ערקלערט.

— צו וועמען דען ? האט דער בעל עגלה געפרעגט.

— צו חיים פירשטיין, איהר קענט איהם ניט ? האט שמעון אונגעדולדיג אויסגערעדט.

— וואו וואהנט ער ? האט דער בעל עגלה רוהיג און קאלט איבער געפרעגט.

— א עק שטאדט, העט ווייט הינטער דער באד.

— נו א זאגט זשע מיר, זייט מוחל, וויפיעל שטעהט דא אויפגעשריבען שכר טרחה ?

— פינף קאפעקעס!

— וועט ער ניט קראנק זיין קומען צו מיר, האט דער בעל עגלה מיט כעס א זאג געטהון און דעם בריף אריינגערוקט אין שטיוועל, ער האט ארויס גענומען פון פאק נאך א בריף און דערלאנגט שמעונ׳ן. אב צו געבען לבעלי מות׳ אברהם גרינער בק״ק קליינינץ, אויפן שולהויף שכר טרחה פינף קאפעקעס.

— וויא זאגט איהר ? ווי הייסט ער ?

— וואס איז דאס מיין דאגה וויא ער הייסט ? האט שמעון מיט כעס און אונגעדולד זיך אנגעבאזערט, אבי דאס בריוועלע איז ניט צו מיר, בפירוש ניט צו מיר.

— ר׳ שמעון, איהר זענט דאך א יוד וואס פערשטעהט אין דיא שווארצע פינטעליך, וויא קומט עס צו אייך ניט צו פערשטעהן וואס א פראסטער בעל-עגלה א שמייסער פערשטעהט ? האט דער בעל-עגלה קאלט וויא פריהער געפרעגט.

— וואס פערשטעהען ! וואס ווען ? גיט מיר דאס בריוועלע, איך האב קיין צייט, אין דערהיים ווארט מיין ווייב און קינד.

— ניט געאיילט, פון איילעניש קומט קיין נוטס ניט ארוס ! האט דער בעל-עגלה זעהר פילאזאפיש ערקלערט. אט שטעלט אייך פאר כדומה למשל : איך פיהר פון קליינינץ קיין ווינאגראדקא שטאנדיג, א פאסעל הערינג, א פאר פינטעליך ציר, א זעקעל זאלץ, א מאל אויך א קארב מיט גלאזער, טעלער, ליימענע טאפ, אפילו א שפיגעל האב איך דאס פארגאנגען מאל געפיהרט, נו, אז עס קומט צום איינפאקען דיא עגלה פערשטעהט אפילו מיין שמייסער, אז דיא שווערע משא לעגט

קײן אונטן און די גרינגערע פון אויבן, און זאָל קומען דער גראָסטער גַבְרָא לַמְדָן רעדן מיטן גראָבן פינגער און פרעגן: טאָמער פערקערט? וועל איך אים זאָגן: פרעגט זיט מוחל אייער קשיא אין דער גמרא. בײ מיר אין דער עגלה געהן די קונצן ניט אָן, דאָ מוז מען די שווערע משא לעגן אונטן און די גרינגע וואָס קאָן צוּבראָכן אָדער צעדריקט ווערן מוז מען לעגן אויבן. און אַזוי אַז עס קומט בײם אַרויספּאַקן — מוז מען פריהער אַראָפּנעהמען די גרינגע און דער נאָך די שווערע, כסדר... מאָג ברוך שאַנקער שרײַען חי וקים, ער מוז דאָס פּאַסעל בריינגען, אָדער ביר, מאַכן שוין האָבן, — ביז עס קומט צו זײַן פּאַסעל מוז ער וואַרטן, בודאי ער מאָג דאָ אַ כפּרה ווערן! פון אײַלעניש. ר׳ שמעון, וועט קיין גזלס ניט זײַן!...

— וואָס איז דאָס שייך צו מײַן בריוועל? האָט שמעון געפרעגט, הערינג, ביר גרינגע און שווערע משא, עס קריכט מיר גאָר אין קאָפּ ניט, גיט דאָס בריוועלע, איך האָב קיין צייט ניט!

— פערשטעהט איהר, דאָס מיינט דער פּסוק! האָט דער בעל-עגלה ווידער קאַלט בלוטיג געאַנטוועט, מען מוז געהן כסדר, איהר זעהט דאָך, אַ גאַנצער פאַק בריוו ליגט, מיר וועלן קומען צו איהם אויך.

ר׳ שמעון האָט קיין ברירה געהאַט און האָט ווייטער געלייענט די אַדרעסן: למסור צו מײַן מאַן יוסף הערינג, בייא הייעלע ר׳ לייזערס הויז, שכר טרחה צעהן קאָפּ׳ — אַט וועט איהר האָבן אַ סעודה צו מאַכן לכבוד ל״ג בעומר, האָט שמעון מיט קנאה געזאָגט:

— אַ סעודה וועל איך מאַכן פאַר מיינע סוסים, אַ פוד היי מיט אַ מעסטעל האָבער!... אַז מען מאַכט זיי קיין סעודה ניט, הייבן זיי די פיס ניט און אַז זיי הייבן די פיס ניט-דרעהען זיך די רעדער ניט; בײ זיי איז אַלע טאָג ל״ג בעומר.

— ווי דערלעב איך שוין מײַן בריוועל צו זעהן, אַ אַנשיקעניש, רחמנא ליצלן! האָט שמעון אויפגעזיפצט פון אונגעדולד.

— אַט אַזוי רעדען מיינע פערשוינען אויף מײַן עגלה, יאַלדעס זענען זיי! האָט דער בעל עגלה זיך אָפּגערופן, אָבער וואָס זאָגען מיינע חכמים, די סוסים מיינע, זאָלן געזונד זײַן? האָט צייט, מיר קאָנען זיך ניט צערייסן צו ליעב אײַך! זאָגען זיי און גערן זיך זייער ווענס מלה במלה, טריט בײַ טריט. וואָלט איך געהאַט דעם בעל-שם׳ס פערדיל וואָלט איך אין איין טאָג די גאַנצע וועלט אויסגעפאָהרן, אַ מכּה דעם אײַזן-באַנד אין זײַן פּיסק אַרײַן!

שמעון האָט געמוזט איבערלייענען אַלע אַדרעסן, דער בעל-עגלה האָט צו עטליכע מאָל איבערגעפרעגט: וויא, און וואו וואוינט יעדער, און האָט יעדעס בריוועל אין אַ בעזונדער אָרט בײ זיך באַהאַלטן, אין די שטיוועל, אין היטעל, אין אַלע קעשענעס, אַלץ מיט סימנים און זיך גוט אײַנגעצייכנט די נאָמען. אַז עס איז געקומען צום לעצטן און שמעון האָט דערזעהן אַז דאָס בריוועל איז אויך ניט צו איהם האָט ער שוין בדעה געהאַט דעם בעל עגלה צו שעלטן אין טאַטן אַרײַן. נור אין מיטן האָט ער אַ קלאָר געטהון איהם צו בעטן לייהען אַ גילדען, וואָרום

אין בית המדרש איז שוין דערווייל קיינער ניט געבליבען, אונ ווי געהט מען אהיים
אהן א גילדען? ער האט דאריבער מיט א געצוואונגענעם שמייכעל געזאגט: נו, זייט
איהר א קלוגער, אויסגעגאַרט א יודען אלמדן, — איך בין אייך מיין כבוד התורה מוחל.
נור איבער אייך האב איך א גילדען פרנסה אנגעוואָרן אונ דעם גילדען מוז איך
האבען, חאטשו עס מאג זיך קעהרען הימעל אונ ערד.

— איהר וועט שוין באלד האבען מעהר ווי א גילדען, האט דער בעל עגלת
געאנטווערט, אט באלד גיב איך אייך אייער בריוועלע, א טהייער בריוועלע! ער
ליגט בייא מיר גאר אין א בעזונדער ארט, איך האב איהם בעהאלטען אין מיין
בוזאזשניק. פערשטעהט איהר, דאס איז א געלד-בריף אונ מען מוז עס מעהר היטען
ווי אזוי א בריוועל וואס איז נור מיין היזיק אז איך פערליר א מאל אין וועג, דאס
הייסט: מיינע פינף קאפעקעס געביך, ווארום יענער איז ניט חולה נאך אמאל אזא
בריוועלע אויפשרייבען, עס קאסט איהם טהייער די שווארצע פינטעלעך וואס?...

— טא פאר וואס האט איהר איהם געזוכט צווישען דעם פאק בריף, אז איהר
האט מתחילה געוואוסט, אז מיין בריף איז דא ניטא?

— איהר זענט דאך עפיס א יוד א תלמיד חכם, אונ איהר פערשטעהט דאך
מסתמא אן אינטעלעס, האט דער בעל עגלה געאנטווערט, וועל איך אייך טאקי דעם
אמת זאגען: איך ווייס נור וואס טהוט זיך אין מיין וואגען, אבער אויף דיא שווארצע
פינטעלעך דא, בין איך לא עליכם, גאר קיין מבין ניט, אט האב איך געוואלט איהר
זאלט מיר איבערלייענען אלע אדרעסען איך זאל וויסען וועמען די בריף אבצוגעבען.
לאם מיר זיך ניט נארען, שכר טרחה וועט איהר ניט געבען, ניט איהר אונ ניט ר'
פנחס'ל, נייל, וויא זאגט מען: א נעהמער איז ניט קיין געבער. דאריבער האט איהר
אייך געמאגט מטריח זיין מיר איבערצולייענען דיא אדרעסען, א טרחה פאר א טרחת
אונ מיר זענען קוויט.

ביי די רייד האט ער פון זיין פערפעכטען בוזאזשניק ארויס גענומען א בריוועל
אונ דערלאנגט שמעונן, שמעון האט דיא אדרעסע איבערגעלייענט:

„למסור לעצם יד ר' שמעון שדכן המכונה שמעון מלמד בק"ק קליינץ בצירוף סך
עשרה רו"כ." שמעון האט מיט ציטערנדע הענדט דאס בריוועל צוגענומען אונ זיך גוט
געהיט ער זאל דעם קאנווערט חלילה ניט איינרייסען. ער האט דאס בריוועלע
ארויסגעצויגען, פון בריוועלע האט ער ארויסגענומען א נייען בילעט צעהן רובעל.
דעם בילעט ארום געקוקט פון אלע זייטען. איהם געהאלטען געגען יאהרצייט ליכט
אונ געקוקט מיט פערגניגען אויף די קליינע אותיות'לעך, „צעהן", „צעהן", „צעהן", וויא
ער וואלט דא געזוכט דעם געהיימען כח וואס ליגט אין דעם פאפיר'ל, וואס אלע יאגען
זיך אזוי נאך איהם אונ וואס האט איהם זעלבסט אזוי שטארק משמח געוועזען.
עגדליך האט ער דאס צעגערל געהאריג צוזאמענגעלעגט אונ האט פערגניגען געהאט
וואס עס איז דווקא א ניי'עס אונ קנאקט נאך אונטער דיא פינגער. אלע זיינע קעשענעס
האבען איהם ווענינ זיכער אויסגעוויזען דאס צעגערל צו בעהאלטען אונ האט צו זיך
געזאגט: „דער בעסטער ארט איז אין האנד!" אונ האט עס פעסט איינגעקרעמפט אין
זיין רעכטער האנד. ערשט איצט האט ער דאס בריוועלע אנגעהויבען לעזען:

*) אין פראסט יודיש איז דער בריף אונגעפעהר אזוי :

צו דעם פרומען אונ נאטספארכטיגען, וואס צווישען חסידים איז זיין כבוד איינציג. ה' שמעון שדכן, דאס איז זיין נאמען אונ זיין זכר צו מזל אונ ברכה אויף שטאנדיג. ערשטענס מעלד איך דיר שמעון דער גליקליכער, אז דיא געוויסע זאך וואס דו האסט מיר פארגעלעגט איז מיר געפאלען, א בעוויז דערצו איז. אז טאקי געכטען בעת אלע יודען פערלירן זייער נשמה יתירה, ד. ה. שבת'ע נאכט, האב איך דוקא געפונען א נייע נשמה, איך מיין: די נשמה פון דער אשה חייעלע וואס האט זיך פעראייניגט מיט מיין נשמה — אונ אז איך האב דאס מגלה געוועזן פאר איהם זאל לעבען האט ער אזוי געזאגט: „ארעכטע זאך קומט דורך ארעכטען מענשען. שמעון שדכן איז א רעכטער מענש אונ גאט וועט איהם בענשען מיט הצלחה, ער זאל בעגליקען אין אלע שדוכים וואס ער וועט פיהרן". פון מיין זייט שיק איך דיר פאר דיין טרחה צעהן רובעל, נור פאר דיין טרחה אבער ניט פאר דער מצוה, ווארום פאר א מצוה ווערט מען ערשט אויף יענער וועלט בעצאהלט... אונ אז מיר וועט זיך טרעפען שדכנות'ע זאכען וועל איך מסתמא שיקען צו דיר, ווארום דעם רבינ'ס ברכה איז קיין קליינינקייט ניט. איך בין זיכער אז פון היינט אן וועסטו שטאנדיג מיט גליק אויספיהרן יעדען שדוך וואס דוא וועסט דער שדכן זיין. אזוי גוט אונ אזוי וואהל צו דיר! דיין בעלאהנונג וועסטו האבען אויף דער וועלט אונ צוויי מאל אזוי גליקליך וועסטו זיין אויף יענער וועלט. איצט האר נור מיין עצה וועסטו גוט מאכען. האסטו עפיס שדוכים אויסצופיהרן. נעהם זיך אונ פיהר אוים. ווער איז צו א סוטער נאהענטער ווי איהר איינענע טאכטער ?.... א קלוגער שטויסט זיך פון איין וואונק א סך.....

---

*) לכבוד הירא והחרד בקהל חסידים יתד כבודו מוה' שמעון שדכן נ"י זה שמו וזה זכרו למזל ולברכה תמיד.

„ראשית אודיעך שמעון הזכאי, אז דער ענין הידוע, וואס דוא האסט מיר מציע געוועזן בעזרת השם יתברך האט געפונען חן אין מיינע אויגען, אונ א ראיה דערצו איז טאקי נעכטען בעת אלע יודען זאגען: „וי אבדה נפש", האב איך דוקא געפונען א נייעם נפש, כלומר: את נשמת האשה החשובה והצנועה מרת חייעלע שתחי' שנשמתי נתדבקה בשרש נשמתה, הדא הוא דכתיב: ורות דבקה בה, כו אין כתיב כאן אלא בה מלמד בשרש נשמתה. וכשגליתי את הדבר הזה לפני ארוננו ורבינו שיחי' ענני בזה הלשון: מגלגלין זכות על ידי זכאי, שמעון שדכן איז א זכאי, וה' יברכו בהצלחה. מצדי שיק איך דיר שכר טרחתה סך עשרה רובעל כסף, נור שכר טרחה, ווארום שכר מצוה בהאי עלמא ליכא כידוע. כשיבא לידי א ענין פון נכבדות, וועל איך שיקען צו דיר, ווארום ברכת רבינו זכותו יגין עלינו, לא קלה בעיני... מובטחני בך כי מהיום והלאה, וועסט ווערן א גרויסער מוצלח לגמור כל ענין נכבד שתהי' אתה הממוצע בכי טוב. אשריך וטוב לך שמעון הזכאי!... שכרך תקבל בעולם הזה וכפלים לתושיה בעולם הבא, ועתה שמעון הזכאי, שמע אלי איעצך וטוב לך, האסטו ענינים פון נכבדות, טהו אונ פיהר אוים, ומי קרוב לאם יותר מבתה?.... ודי לחכימא ברמיזא, והבן!.... אזר מתניך, טהו אנגירטלען דיינע לענדען, רכב וצלח, בעגליק אונ דייט עד שתקוים בך ברכת רבינו שיחיה, מברכך ברוך ואת אשר תברך יבורך, נאום הרוצה בהצלחתך פנחס הלוי„:

שימעלע האט זיינע אויגען ניט געגלויבט אונ האט דאס בריוועלע דריי מאל דורכגעלעזען, געלערנט, פערטייטשט אונ אויסגעלעגט יעדעס ווארט. ער האט דא קשטים סודות אונ רמזים געפונען.

זייט ער איז א שטיקעל מענש איז ער אויך שטאנדיג א שדכן געוועזן אונ איהם

האט זיך זעלטען איינגעגעבען ער זאל א שדוך אליין אזוי גרינג אויספיהרן, צום אויספיהרן פלעגען וויא פון דער ערד ארויסוואקסען נייע שדכנים און איהם פלעגט פון די שדכנות א קאפעקע זעלטען צופאלען. היינט האט ער אנגעהויבען גאר אונגערן, גיט וועלענדיג, מעהר ניט פון א תרוץ וועגען, חיעלע זאל איהם א פאר רובעל ליי־הען, ער זאל קאנען פסח מאכען און עס האט איהם אזוי מצליח געוועזען, דער שדוך איז שוין אויסגעפיהרט. מצד החתן האט ער שוין א נייע קנאקענדיג צענערל....

ר' פנחס'ל איז אליין א מקבל און א מקבל איז ניט א נותן, האט ער געקלערט. איז פון זיין זייט טאקי די והותיר עשרה ריך. אבער חיעלע וועט געבען כ"ח קארבען. וועל איך טאקי באמת האבען אויף נדן און תכשיטין פאר מיינע בנות! היינט וואס זארג איך? אבער נאך ניט דאס איז נאר, דער עיקר איז דאס טהייער בריוועלע! דאס בריוועלע וואס שטעהט אין איהם געשריבען שווארץ אויף ווייס, אז דער רבי זאל לעבען אליין האט געזאגט אז איך בין א זכאי, א מוצלח און האט מיך געבענשט איך זאל זיין א מוצלח.. אט דאס איז א חן יקר! טא וואס זשע זימען איך דא? פאר וואס געה איך ניט אהיים בעוויזען מיין פלונית, אז חאטש זי שעלט מיך מיט אלע קללות פון ביידע תוכחות—פון דעסטוועגען בענשט מיך דער רבי זאל לעבען? — לאז זיא פרובען מיך איצט שעלטען, גט'ן וועל איך זיך מיט איהר! זאל זי וויסען וועמען זיא שעלט... אבער ראשית מוז איך פערשדכן מיינע ביידע בנות שהגיע פרקן להנשא, (וואס איז שוין לאנג צייט זיי אונטער דער חופה צו פיהרן) און דערנאך? יא, און דער נאך? וואס. איך וועל זיך טאקי גט'ן מיט מיין פלונית? גיין, וויא קום איך דערצו? איך האב עס נור גלאט אזוי לצנות געטריבען, ווייל איך בין בדיחא דעתי, מלא שמחה פון דעם בריוועלע, אי וואס, זי שעלט מיך? שוטה, פאר וואס שעלט זי מיך? זי שעלט מיך כדומה למשל: עס קומט דער דאנערשטאג און זי האט נאך קיין אנהייב ניט אויף שבת, זי שעלט מיך ווידער, וואס זי האט קיין שיך ניט אין וואס ארויסצוגעהען און מוז זיטצען אין געהאקטע צרות א גאנצען טאג אין דער היים, ווייטער שעלט זיא מיך וואס איך שעלט זיא, בעת איך בלייב הונגריג פון דעם ווארימעס. וואס איין גרויס פון דעם אנדערן איז א מייל ווייט, ווידער שעלט זיא מיך וואס איך האפ א מאל איהר שבת'דיגען מלבוש און דעק מיך צו, אז מיר איז קאלט; וועל כלל שעלט זיא מיך, פאר וואס איך פערזארג ניט די טאכטער אונזערע, וועלכע ליגען איהר ווי א יאך אויף איהרע פלייצעס? איז דאס אלץ גערעדט געוועזען, עד עתה, ביז היינט, ביז איך האב מקבל געוועזען דאס טהייער בריוועלע, אבער מכאן ואילך. פון היינט אן און ווייטער בין איך שוין אויס קבצן, איך האב שוין די מזל ברכה ביי מיר אין בוזעם קעשענע, איך מיין: דאס טהייער בריוועלע... דאנערשטאג אויף מעהל, אויף היוועז, אויף ליכט און אויף פלייש וועל איך געבען איידער זיא וועט נאך בעטען וועט זיא מכילא ניט שעלטען; א פאר שיך, וועל איך בעשטעלען פאר איהר פאר גאנצע שלשה ר"כ און אז זיא וועט האבען וואס אנצוטהון וועט זיא טאקי געהן פערדינען אין מארק ארויין און אז זי איז אין דערהיים ניטא האב איך קיין מורא ניט פאר איהרע קללות. פון ווארימעס וועל איך ניט הונגריג בלייבען, ווארום איך וועל איהר טאקי געבען מיט עטליכע גראשען מעהר אויף פארקאכען, וועט טאקי

א גרויס צו א גרויס זיין א נאהענטער קרוב, אונ אמאל וועל איך מיך פערגינען א הערינג מיט ציבעלע פארן עסען. וועל איך ניט הונגריג בלייבען פון ווארימעס. וועל איך ניט שרייען: איך בין הונגעריג — וועט זיא מיך ניט רופען: עשו הלעיטני. מיט איהר שבת'דיגען מלבוש וועל איך מיך שוין ניט דארפען צודעקען. ווארום עס וועט זיין דער רובעל אין קעשענע. וועט מען קויפען א וואגעל האלץ אונ אז עס וועט קאלט זיין וועט מען אויסהייצען. אונ איך וועל מיר אויסבעטען אויפ'ן לעזאנקע אונ טאקי דורך ווארימען מיינע ביינער וועט זיין א מחיה נפשות ממש... דיא בנות וועל איך פערשדכן בעגלה בזמן קרוב. ווארום דערצו בין איך שוין ברוך השם א מוצלח דעם רבינ'ס זאל לעבען ברכה, איז א ברכה. די ביידע יונגלעך וועל איך אין א פאר יאהר ארום אוועקשיקען ערגעץ אין א ישיבה. וועל איך בלייבען דיעד דא באבע. היינט צו וואס זאל איך מיך גט'ן? גלאט אזוי געזאגט, וויל זיא האט מיר היינט געגעבען דיא וועלט צו זעהן; אבער באמת האב איך אויף איהר קיין שום כעס בלב ניט. זיא איז א טהייערע אשה, זאל איהר גאט יאהרן געבען. אהן איהר וואלט איך קיינמאל א גאנצע זאך ניט געטראגען אויף מיינע פיס, אהן איהר וואלט מיין לאסטינגענע קאפאטע נאך עד היום געווען מיט צוריסענע ארבעל; אדרבה, איך לויף שוין א היים איהר אנזאגען דיא בשורה טובה.

ביי די געדאנקען האט ער זיך א הייב געטהון אונ געלאפען גלייך אהיים. קוים אבער האט ער די טהיר געעפענט, איז איהם די אלטע זיינע ענטגעגען געקומען מיט דיא ווארטער:

— דוא האסט געבראכט עפיס? אז ניט גיה דיר ווייטער! די קינדער האבען מיר מיין קאפ פערוויינט. נאך דיין קאפ זאלן זיי שוין וויינען, רבונו של עולם!

איהם האט זיך געוואלט א ביסעל לוסטיג מאכען אונ האט געענטפערט: וואו זאל איך געהמען? ניטא, איז ניטא, חאטש שריי פון היינט ביז מארגען!

— א טאטע! א שאנער טאטע, האט דאס ווייב איבערגערעדט. אוועג געגאנגען א גאנצען טאג. מסתמא זיך גוט אנגעשטאפט מיט אייער, זיך אנגעזויפען גענוג מיט בראנפען אויך, ער מיינט איך דערקען איהם ניט! דו ביזט מיר צו לוסטיג שמעון, ווי האט מען דאס קיין גאט אין הארצען ניט אונ מען פערגעסט גאר. אז מען האט אהיים וואו עס האט ווייב אונ קינד? וואס איז, א עולה אפשר. אז דוא וואלסט געבראכט אהיים א פאר אייער, זיי מאכען א סעודה? א גאנץ יאהר עסען זיי זיך ביי דיר איבער? דאס הארץ צוגעהט אין מיר פון דעם עלענד פון דיא ארעמע קינדער! אפילו עטליכע גראשען אויף א ל"ג בעומר סעודה, זיי זאלען וויסען, אז זיי זענען יודישע קינדער אונ ל"ג בעומר איז א מצוה א סעודה מאכען — האט דער געטרייער טאטע אויך ניט געקאנט דערוויזען. וואס האסטו זיי צוגעזאגט? זאכען אונ קראנקען זאלסטו!

— טאקי א נארעשקייט, האט שמעון געענטווערט מיט א שמייכעל. א קבצן דארף גאר קיינמאל ניט צוזאגען.

— ניין, האט זי איהם איבערגעשלאגען זיינע רייד. א קבצן דארף גאר קיין קינדער ניט האבען, א קבצן דארף גאר ניט געבוירן ווערן, ארגער ווי דער טויט איז

אזא קבצנות לעבען ווי מיינס! רבונו של עולם, שיק דעם טוידט בעסער אויף מיר, ווי לאנג וועל איך מיך אזוי מוטשען אויף דער וועלט?

נו גענוג שוין, טרייבען לצנות! האט שמעון זעהר פריינדליך געאנטווערט, גענוג, אוים קבצנים! א דאנק דעם רבונו של עולם פאר זיין חסד און דעם רבין זאל לעבען, פאר זיין ברכה, איצט וועלן מיר שוין זיין מיט לייטען גלייך, וזה לך האות! אט האסטו א סימן, אז איך בין ניט שכור און משוגע מיינע שונאים. אויך ניט... — ער האט דאס ניי צעגעריל פאנאנדער גענומען מיט ביידע האנד און אויפגעהויבען פאר דעם לאמפעל און האט געזאגט:

— קוק זיך נור צו צו די וואסער אותיות, זעהסטו דיא וואסער אותיות? אט דיא דאזיגע אותיות זאגען בפירוש, אז דער וואס האט אזא בילעטעל איז בשום אופן ניט א קבצן, און אז איך האב איצט אט דיא רויטע אסיגנאציע בין איך ניט קיין קבצן. פערשטעהסטו? א האר אויך ניט! און אז איך בין ניט קיין קבצן האב איך געמאגט געבוירן ווערן, געמאגט האבען קינדער און מאג לעבען אויף דער וועלט!... קוק זיך נור גוט איין און זעה וויפיעל מאהל „צעהן" דא איז אנגעדרוקט געווארן אין די קליינע אותיותלעך, אזוי פיעל אזעלכע בילעטען רויטינקע וועט דיין מאן שמעון נאך האבען... מיר וועלן נאך רייך זיין, אונזערע טאכטער וועלן מיר אין א גוטער שעה במהרה אונטער דער חופה פירן, מיט דיין שבת'דיגען מלבוש וועל איך מיך שוין ניט מעהר צודעקען און דוא וועסט מיך שוין ניט שעלטען, די קינדער וועל איך אין דריי פיער יאהר ארום אוועקשיקען אין דער ישיבה. איך מיט דיר וועלן אונז ניט גוט, פערשטעהסטו: דאס האב איך נור לצנות געטריבען מיט זיך אליין. טאמיר מיינסטו, איך בין נאך אלץ שכור? קום האר וואס ר' פנחס'ל שרייבט צו מיר און זעה, אז דעם וואס דוא פלוכסט און שעלטסט — בענטשט דער רבי זאל לעבען און רופט מיך „שמעון הזכאי". דאס איז טייטש א גערעכטער, א יוד וואס האט א גרויסע זכות מאג מען אנרופען זכאי — היינט שעלט מיך וויפיעל דוא ווילסט!...

— מיינע קללות, מיין מאן, האט דאס ווייב אויסגערעדט זעהר ווייך און צופרידען — זאלען פאלען אין טיפען ים. רבונו של עולם! זעהסטו דאך, גאט ברוך הוא וועט נאך די קללות צו ברכות אומקערן. ווי ווילט זיך מיר באמת שוין אויסגעלייזט ווערן פון די ביטערע קבצנות, ניט דא געדאכט! ווי וויל איך שוין זוכה זיין דעם יאך פון מיינע פלייצעס אראפ פטר'ן און שוין זעהן די מיידלעך אונזערע אונטער זייער חופה! ניט זיי אין כעס אז איך שריי און שעלט א מאל, דער קבצן איז שוין אין זיין מאמעס בויך פערשאלטען, אז ניט וואלט ער דאך קיין קבצן ניט זיין!...

שימעלע האט פאר זיין ווייב דאס בריוועל פארגעלייענט, איהר פערטייטשט יעדעס ווארט און געגעבען צו פערשטעהן אז דאס וואס ער שרייבט: „ווער אין קרובר צו א מוטער פון איהר איינענער טאכטער" מיינט ער געווים: איך זאל מיין הצלחה אנהייבען פון מיינע אייגענע טאכטער, איך אליין זאל מאכן זייער שדכן און זייער מחותן זיין.

דאס העמד צום לייב איז נאהענטער", האט דאס ווייב צוגעשטימט, חאטש זי האט פערשטאנען, אז ר' פנחס'ל מיינט געווים: מען זאל זעהן א שידוך פאר היי'עלעס

דהלן . זיא האט עס איהם אבער ניט געוואלט זאגען, ״ארום זיא האט זיין הצלחת פערגינט איהרע קינדער.

דיא יונגלעך האבען דערסטוועגען געשריען: דער טאטע זאל א סעודה מאכען זיא ער האט פערשפראכען. שימעלן אבער האט זיך דאס צעהן רובעלדיגע ניט גע- וואלט פאנאנדער בייטען, און איז דערפאר אליין אין שענקעל אריינגעגאנגען, בעטען דערווייל בארגען אויף היינטיגער סעודה. ער האט דעם שענקער בעוויזען דאס נייע צעגערל און דער שענקער האט איהם אויף דעם סמך געבארגט: דריי אייער פאר ניין גראשען, א הערינג פאר זעקס גראשען און דריי בולקעס פאר צעהן גראשען; צום הערינג האט שימעלע געבעטען צו געבען בחינם א ביסעל פעפער. אויך א טרונק ברוינפען פאר פינף גראשען האט ער געבארגט, אין איינעם קרעדיט גענומען פאר א גאנצען גילדען. ער האט דעם שענקער ערצאהלט אז דער רבי זאל לעבען האט איהם זיין ברכה צוגעשיקט.

אין דערצייט זענען ר׳ שמעונ׳ס ערוואקסענע טאכטער געקומען. די מוטער האט זיי אנגעזאגט, אז גאט ברוך הוא האט זיך מרחם געוועזען און האט שוין אנגעהויבען טראכטען; זיא האט די טאָדלעך געבעטען: דעם טאטען היינט ניט דערווידער זיין, איהם כבוד אפגעבען. די טאכטער זענען אויך ערפרעהט געווארען. דאס ווייב האט דערווייל דעם חדר אויסגעקעהרט, ארויסגעדרעהט א ביסעל מעהר דעם קנויט פון לאמפ, געגרייט צום טיש מיט א ווייס טישטוך, און אז שימעלע איז אהיים געקומען האט ער כמעט זיין שטיבעל ניט ערקענט. זיא האט דעם הערינג צוגעריכט מיט ציבעלע מיט עסיג און פעפער. די קינדער האט זיא צו שטיקלעך איי מיט קיילעך געגעבען עד לחשבון, און דיא רויטע שאלעכץ פון דיא אייער צו שפילען דערווייל. שימעלע איז זיך אומגעגאנגען הין און צוריק, מיט איין האנד געגלעט זיין ציגענען בארדעל, מיט דער אנדערער — געקלאפט צופרידען אויף זיין איינגעזונקען בייכעל און האט זיך געטראכט: ״שישו בני מעי, שישו! פרעהט אייך מיינע איינגעווייטען, פרעהט אייך! איהר וועט שוין מעהר קיין הונגער ניט ליידען ווי ביז איצט! דו מאגסט זיך פרעהען שמעון, כי בשלך כל הכבוד הזה: נור פון דיינעטוועגען איז דא איצט דער גאנצער פאראד; אט. אז די הצלחה הייבט אן צו לייכטען ווי ליכטיג עס ווערט אין אלע פיער ווינקעלעך! מיין שטוב איז איצט א פאלאסט א וואהרער, עס האט שוין גאר אלץ א אנדער פנים בנאמנות!...

אז ער האט זיך צום עסען געוואשען, האט איין טאכטער איהם צוגעטראגען א קווארט וואסער מיט א שיסעל, די אנדערע — האט דערלאנגט א ווייסען האנדטוך. און ער האט מיט זיין פאלע, אדער מיט א בראָגע טישטוך ניט בעדארפט אבווישען די האנדט ווי אלע מאל. אויפן טיש איז געוועזען אנגעגרייט א מעסער און זאלץ און ער האט ניט בעדארפט שרייען: ״שכין! מלח!״ אלץ איז איצט אין ארדנונג געוועזען ווי צום סדר אין דער דאזיגער נאכט פון פסח. אלע קינדער האבען זיך ארום טיש צו זעצט. זעלבסט די אלטע זיינע האט א פרעהליך פנים היינט בעוויזען און די סעודה פון ל״ג בעומר איז געראטהען געוועזען כסעודת שלמה בשעתה.

ער האט קריאת שמע אבגעלייענט, זיך שלאפען געלעגט, און זעלבסט דיא

טאנצען אין זיין בעט האבען איהם ניט געביסען, גלייך ווי זיי וואלטען אויך פון דעם רבינ'ס זאל לעבען ברכה געוואוסט... אז ער איז אויפגעשטאנען אויף מארגען פריה האט ער אויף זיך דעם פסוק געלייענט: ,ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו. אז גאט בעגליקט א מענשען ווערן, אפילו זיינע פיינד איהם פריינד! מען דארף קיין ארגערע שונאים ניט, האט ער געזאגט, ווי מיינע איינענע טאכטער. מען דארף קיין גראםערע בלוטזייגערס ווי די אייגענע וואנצען אין מיין בעט כל ימי, היינט האבען אלע מיט מיר שלום געמאכט: די בנות מיינע גיבען מיר אב כבוד, די וואנצען האבען מיך געלאזט שלאפען, ושנתי ערבה לי, אונ מיין שלאף איז מיר זים געוועזען, אונ איך האב א גוטען חלום געזעהן. מיר האט זיך געחלומ'ט: איך זעה צובראכענע אייער אונ ווי די גמרא וויל האבען, איז דער פתרון דערפון, אז מיין תפלה איז אנגענומען געווארן, אונ איך וועל טאקי זוכה זיין בקרוב מיינע בנות אונטער זייער חופה צו פיהרן!

ו.

אז עס גליקט א מענשען גליקט עס מיט אלעמען, גראד איז מארגען, נאך דעם גליקליכען אבענד — א יונגער בעל הבית'ל געוועזען צום דאווענען, וואס געכטען ערשט איז זיין חתונה געוועזען, אונ מען האט צוליעב איהם קיין תחנון אונ קיין לאנגען „והוא רחום" ניט געזאגט; נאך דעם דאווענען האט דער חתן משקה געשטעלט, ר' שמעון האט א פאר גוטע טרונק בראנפען געטהון אונ האט דעם עולם געגעבען לייענען דאס טהייערע בריוועלע, מען האט פערלאנגט: שימעלע זאל געבען משקה אבצוגאטצען דאס טהייער בריוועל, אבער ר' שמעון האט ערקלערט: אז איך וועל שטעלען משקה טא וואס פאר א גליק וועט דאס זיין פאר מיר? עני אני באותא שעתא, דערווייל בין איך נאך שמעון מלמד, שמעון קבצן, האט ער געזאגט. אט אז חייעלע וועט מיר מיינע שדכנות בעצאהלען, אונ אז איך וועל, מיט דעם רבינ'ס זאל לעבען ברכה, אדריי פיער שדוכים אויספיהרן, — שטעל איך משקה וויפיל איהר ווילט דערווייל זאל שטעלן יעדער חסיד וואס גלויבט אז דעם רבינ'ס זאל לעבען ברכה מוז מקוים ווערן.

ר' הערש לייבעלעס, א הייסער חסיד א אלמן האט זיך אויסגערופען:

— איך שטעל א קווארט שפירעט, זאל ווער געבען אויף קיכלעך מיט קאז.

א טאטע פון דערוואקסענע טאכטער, אויך א מאמין א שטארקער אין רבין האט ארויסגענומען צוויי גילדען אונ געשיקט דעם שמש נאך קיכלעך אונ נאך קאז ר' הערש האט געשיקט נאך א קווארט שפיריט אונ שמעון האט ווייטער געטרונקען האט אויך א תורה געזאגט אין דעם ענין פון אמונת צדיקים, אין דעם ענין פון הצלחה אין שדכנות אונ דער האלב שכור'ר עולם האט בייטשיינפארליך געזעהן דעם כח פון דעם רבינ'ס ברכה, קיינער האט מעהר פון זיין תורה ניט געלאכט וויא ביז איצט. מען האט געזעהן, אז א רוח אלקים האט זיך אנגעטהון אויף איהם, אונ ער איז שוין היינט ניט דער איינענער שמעון וואס ער איז געכטען אין דערציים געוועזן... אז דיא משקה, קאז אונ קיכלעך זענען אויפגעגעסען אונ אויסגעטרונקען געווארן ביז

סוף האט יענער טאטע פון דיא דערוואקסענע טאכטער געבעטען ר' שמעון תזכאי — אזוי איז בהסכם כלם געבליבען זאל מען איהם רופען מהיום והלאה — ער זאל צו איהם אריינקומען אין אבענד אונ זאל זיין הצלחה אנהייבען פון איהם. ר' הערש לייבעלעס דער אלמן האט איהם אויך געבעטען זיין ביי איהם ווען ער וועט צייט האבען. ער האט איהם געזאגט: עס געהען שדכנים צו מיר אלע טאג אונ אז גאט ברוך הוא האט אייך געווירדיגט צו זיין א מוצלח, וועט איהר אפשר מיט איין ווארט מעהר מצליח זיין ווי אנדערע מיט הונדערט גאנג.

קומענדיג אהיים זעהר פרעהליך, האט ער געפונען די שטוב זעהר פיין צו געקליבען: די דילען זענען אויסגעשאטען געוועזען מיט געלן זאמד, א האלבער טיש איז געוועזען געגרייט, א צוזאקטער הערינג מיט ציבעלע אונ מיט עסיג איז געשטאנען אנגעגרייט, א פרישער האלב לעבעל ברויט, א מעסער, א גאפעל, אלץ ווי ער פלעגט געפינען קומענדיג פון דאווענען, מיט פינף זעקס אונ צוואנציג יאהר צוריק, בעת זיין שוויגער עליה השלום האט נאך געלעבט, ביי וועלבער ער האט א יאהר מיט דרייא הדשים קאסט געגעסען. איהם האט זיך איצט געדאכט: ער איז צוריק יונג געווארן אונ עסט נאך קאסט. דאס ווייב זיינס האט איהם א שיסעל קרופניק דערלאנגט, אונ דאס עסען האט א ליעבען ריח געהאט אונ ער האט מיט א פעטיט געגעסן, קוים האט ער דיא שיסעל אויסגעלעדיגט האט זיא איהם נאך איינע דערלאנגט.

— עס מיין מאן, האט זיא געזאגט, זאל דיר וואויל בעקומען! ר' שמעון האט געגעסען אונ מבינות געזאגט, אז אזא קרופניק מאג דער מלכות עסען, מען דארף א לב האבען ניט צו עסען. א טעם גן עדן! נור איך בין שוין זאט, האטש צעריים זיך, איך קאן מעהר ניט!

— איצט קינדער, האט ער צו זיינע חדר יונגלעך א געשריי געטהון, אז ער האט אבגעבענשט, איצט קומט לערנען!

— ווייסטו מאטעלע, האט ער צו הייעלעס עלטער יונגעל געזאגט, ווייסטו שוין האטש אז דיין מאמע איז א כלה געווארן?

— ניין, מיין מאמע איז ניט א כלה, האט דאס קינד געאנטווערט, זי איז שוין א יודענע.

— דו ביזט א טיפוש'ל, א שוטה'לע, נאר א פעטוך'ל! האט דער רבי געלאכט. דיין מאמע נעהמט פאר אייך א נייען טאטען, ר' פנחס'ל הייסט ער, ער איז א יוד א צדיק! ער וועט אייך שקצים שינדען דיא הויט, אי וועט ער שמייסען!... דאס קינד האט צו וויינען אנגעהויבען.

— וואס וויינסטו פעטוך איינער, ניט גוט צו האבען ר' פנחס'לען פאר א טאטען?

— ניין, איך וויל משיח זאל קומען אונ מיין טאטע זאל לעבעדיג ווערן, איך וויל קיין נייען טאטען ניט! האט דאס קינד ארויסגעהליפעט.

— שוטה, דיין טאטען ברענט מען אין גיהנום, האט דער רבי צו פערשטעהן געגעבען, מען שמייסט איהם נאך דארט אויף וואס דיא וועלט שטעהט. אבער ר' פנחס'ל איז א צדיק.

— רבי, האט דאס קינד אונשולדיג אַרויסגערעדט, אַז ר' פּנחס'ל וועט שטאַרבען וועט מען איהם אויך ברענגען אין גיהנום?

— ניין, האט דער רבי אויסגעשריען, ר' פּנחס'ל איז אַ איד אַ צדיק, אין איהם וועט ניט שולט זיין דאס פייער פון גיהנום. דאס לערנט דיא גמרא אָפּ אַ קל וחומר פון דעם מזבח הזהב.

— זאָל ר' פּנחס'ל שוין שטאַרבען, אויף יענער וועלט וועט איהם דאָך בעסער זיין. אַז ער וועט לעבען און מיך שלאָגען וועט ער ווערן אַ רשע. איך בין אַ יתום. איך וועל איהם ניט מוחל זיין און מען וועט איהם אויך ברענגען אין גיהנום!

— אַך דו הולטיי, דו בענקאַרט איינער! האָט שמעלע אויסגעשריען, ווזא וועסט מיר שעלטען ר' פּנחס'לען? אַ טויטס וועסטו בעטען אויף איהם? לעג זיך שייגאַץ, די הויט וועל איך דיר אָבשינדען! און ניט וואַרטענדיג ביז דאָס קינד וועט זיין בעפעהל טהון האָט ער עס אויפ'ן באַנקעל אַנידערגעלעגט, אָבגעשפּילעט זיין ריסען און געשמיסען אָהן רחמנות. דאס וייב ניינם איז אַריינגעלאָפען און האָט דאס עלענד קינד קוים אַ לעבעדיגס פון זיינע האַנד אַרויסגעריסען.

— אַזאַ שנעק, וועט שעלטען ר' פּנחס'לען? האָט ער געשריען, ער וועט בעטען אַ טויט אויף ר' פּנחס'לען, וואָס האָט מיר אַזאַ טהייער בריוועלע געשריבען. און איך וועל איהם שווייגען מיינסטו?

— אָבער דאס קינד איז ניט שולדיג, האט דאס וייב פערענטווערט, וואָס ווייס עס וואָס עס רעדט? מסתמא האט עס דאָך געהערט פון זיין שוועסטער; וואָס דיא גרויסע קיען טהוען די קליינע שפּייען.... זיא, רחל'ע, נור זי האט עס איהם געווים געלערנט! וויא דאס קינד ווייס ניט וואָס עס רעדט אַזוי וועט עס ר' פּנחס'לען ניט שאַדען!

— דאס וועט איהר ניט געשוויגען ווערן! האט שמעון צוהיטצט פון כעס געשריען, זאָל נור חייע'לע לשלום אַהיים קומען. וועל איך איהר דאס ערצאהלען; זאָל זי זיך אָבּרעכענען מיט איהר געטרייער טאָכטער... נישקשה, איצט דאַרף איך שוין פאַר דער מאַמזעלענטע ניט מורא האָבען! און ניט אַכטענד דאס ווייבס פערענטווערן, האט ער אויך דאס קלענערע ברודערל עטליכע שמיטץ געגעבען.

— רחל'ע האט עס געהייסען שעלטען ר' פּנחס'לען? האט די רביצין געפרעגט, נאָך דעם זיא האט דאס קינד פון רבינס האַנד מציל געוועזן.

— ניין. ניין, ווי איך בין אַ איד. רחל'ע האט קיינמאָל ניט געהייסען שעלטען ר' פּנחס'לען! האט דאס קינד געשוואָרן. דער רבי וועט האָבען אַ עבירה, ער האט געשלאָגען אַ יתום. איך בין איהם ניט מוחל, גאָט וועט איהם שטראָפען.

— דו דאַרפסט איהם נאָך פרעגען? האט שמעון זיך אַריינגעמישט, דער קאָפּ איז מיר אויס געדאַרט, איך פערשטעה ניט, מיינט זי? דאס זענען איהרע רייד, זאָל נור חייע'לע קומען!... זיא וועט ניט קוקען וואָס זי איז אַזאַ מאַמזעלענטע, זיא וועט איהר געבען אַ פּאָר פּעטש וועט זי קליגער ווערן. אייך שקצים, אַז איהר וועט נור איינמאָל אַ באָז וואָרט אַרויס רעדען, וועל איך אייך נאָך ניט אַזוי שמייסען, איך וועל איינווייקען דיא ריטער. אייך אַזוי לאַנג שמייסען און דאס בלוט וועט ביזן באַלקען

שפריצען; פאר מיר אין דיא אויגען וועט דיא מאמע אייך מוזען פון דאס נייע שמייסען, געדענקט וואס איך זאג אייך! איצט געהט עסען ווארימעס!

רחל'ע האט שוין געוואוסט פון דער מוטערס קרַנק. איהר פעטער האט איהר אנגעזאגט די בשורה, ער האט זיך גוט אויסגעוויינט.

— זיי א קלוגע אונ א גוטע טאכטער, מיין ליעב קינד, האט ער געזאגט, גאט וועט דיין צער צוזעהן, אבער דיין מאמע זאל פון דיר קיין צער אונ קיין פערדרוס ניט האבען... הארסטו וואס איך באטה דיר? בעוויז איהר א פרעהליך פנים, ליעב זי ווי א טאכטער ברויך ליעבען א מוטער, וועט זיא צו דיר אויך גוט אונ טריי זיין. דעם מענשענס הערץ איז א שפיגעל, וויא מען קוקט אריין אין איהם אזוי קוקט זיך צוריק ארויס, דאנק דעם לעבעדיגען וואס איז אזוי!... ר' פנחס'ל איז א טהייערער יוד, א יוד מיט תורה, מיט גדולה אונ חכמה, ער וועט דיר אונ די יתומים א פאטער זיין, גאטעס חסד איז אין אלץ!

— בלייבט איהר מיר נור דערזעלבער טרייער פעטער! האט זיא געבעטען, פערשפרעכט איהר נור, אונז ביי צושטעהן! איך האב אויף מיין מוטער קיין כעס ניט, זאל איהר גאט געבען אזוי פיעל גליק אונ גוטס וויפיעל איך ווינש איהר. איך וועל דעם זעליגען פאטערס אויסגעלייטערטע נשמה בעטען, ער זאל איהר אויך מוחל זיין וואס זי האט זיין לעצטע בקשה ניט געטהון, זיא איז אפשר ניט שולדיג אזוי פיעל, וויפיעל יענע וואס האבען איהר צוגערעדט עס צו טהון...

באלד נאך דעם האט זיא געהייסען דיא שטוב צוקלויבען. דער מוטער א פריינדליכע אויפנאהמע צו בעווייזען. דער אלטער פייגע נור האט זיא אנגעזאגט, אז אין גיכען וועט זי האבען א נייען בעל הבית.

— איך האב עס ניט געוואלט דערלעבען, האט פייגע איהרע טהרערן אב־ווישענדיג געזאגט. נור אז גאט וויל דווקא איך זאל דעם צער נאך צוזעהן זאל ער מיר כחות געבען, איך זאל אין מיין עלטער נאך מיין ערשטען בעל הבית אייניקלעך קאנען טריי דינען ווי טריי אונ ערהליך איך האב איהם אין מיינע יונגע יאהרן געדינט!..

רחל'ע איז מיט איהרע אייגענע געדאנקען פערנומען געוועזען אונ האט ניט בעמערקט וויא די ברידערלעך'ס אויגען זענען פון וויינען וויא אנגעשוואלען. פייגע אבער וואס האט זיי עסען געגעבען האט עס יוא בעמערקט. אונ ביי דיא קינדער אויסגעפארשט וואס אין חדר האט מיט זייא פאסירט היינט. זיא האט רחל'ען ניט געוואלט מצער זיין אונ האט די קינדער באלד צוריק אין חדר אוועק געשיקט. ביי נאכט ערשט, אז רחל'ע האט דאס עלטערע ברודערל שלאפען געלעגט אונ דאס קינד האט זיך ניט געלאזט צו זיין לייב צורירן האט זי אנגעהויבען נאכצופרעגען וואס איז געשעהן. דאס קלענערע יונגעל האט אלץ אויסדערצאהלט ווערענד דאס עלטערע — האט מורא געהאט אויסצוזאגען פון חדר, זי האט דאס העמדעל איהם אויסגעטהון אונ האט מיט שרעק דערזעהן די אנגעשוואלענע צייכענס פון דעם רבינ'ס רימען.

— וואס האסטו אזוינס געטהון? האט זי מיט אנגסט געפרעגט.

— גאר ניט, רחל'ע! האט דאס קינד מיט אנגסט זיך געשווארן, ווי איך בין א יוד, רחל'ע, אויף מיין עולם הבא, אז איך האב דעם נייען טאטען ניט געשאלטען!

זאל זיך מיין צונג דערהעון איבער דארגער און איבער פוסטע מיהלען אויב איך האב איהם געשאלטען! מיינע ביידע האנדט גיב איך דיר אז איך ווייס ניט, פאר וואס דער רבי האט מיך אזוי געשמיסען; און ער זאגט נאך, אז די מאמע וועט קומען וועט מען מיך נאך מעהר שמייסען. איך בין דאך א יתום, דער טאטע וועט קומען ווערגען אפילו מיין רבי׳ן וואס ער שלאגט מיך אומזיסט!

דאס קינד האט זיך שרעקליך פאנאנדערגעוויינט. רחל׳ע האט איהם צוגעזאגט אז קיינער וועט שוין אויף איהם אפינגער ניט ארויפלעגען. עס האט זיך אבער דענאך ניט געקאנט איינשטילען ביז עס איז חליפענדיג איינגעשלאפען געווארן.

אָ, עלענדע יתומים׳לעך! האט רחל׳ע אויסגערעדט פאר זיך בעת דיא קינדער האבען שוין געשלאפען, געשטארבען איז אייער טאטע, אבגענומען איז אייער מאמע.... שימעלע פלוטס איז אייער רבי, אייער מדריך!... ניין! נאך לעב איך!... פאר אייך וועל איך שטארקער זיין אלס איך בין עס פאר זיך.... פון דיין הייליגער רוה פאטער, קוק אראפ אויף דיינע קינדער, בעט גאט פאר אונז ער זאל אונז א פאטער זיין, אויסער איהם ברויכען מיר קיינעם ניט!....

צוועלף א זייגער ביי נאכט איז חייע׳לע געקומען, רחל׳ע האט זיא זעהר פריינדליך בעגעגענט. דיא מוטער האט זי היים געקושט, נור פון דיינעטוועגען, מיין ליעבע טאכטער, האט זיא געטראסט, נור פון מיינע יתומים׳ס וועגען האב איך מיך געלאזט איבערעדען און געפאלגט דעם רבי׳ן זאל לעבען און האב א קנין געמאכט מיט ר׳ פנחס׳לען. איך האף, ער וועט אייך א געטרייער פאטער זיין און איך וועל קאנען אייך פיעל גוטס טהון, מיט גאטעס הילף....

— זאל גאט געבען מיט מזל! האט רחל׳ע צוגעוואונשען און מעהר ניט גערעדט.

— טאכטער, דו האסט א גרויסען זכות, זאג איך דיר, האט די מוטער ווייטער פערציילט. וואס ווייסטו, וואס פאר א גדולה, וואס פאר א כבוד איך האב דארט געהאט! ר׳ פנחס׳ל האט ראשית מיר מבטיח געוועזן אז ער וועט דיר און די קליינע קינדער געטרייער זיין אלס א פאטער, דער רבי זאל לעבען אליין האט מיר געזאגט, אז ער דאנה׳ט פאר דיר, און איך וועל נאך אם ירצה השם פיעל נחת האבען פון דיר!... וואס מאכען דיא קינדער, רחל׳ע? וויא האב איך געבאנגט נאך אייך, מיינע בריליאנטעלעך!

— מאטעלע איז ניט אין גאנצען, האט רחל׳ע אויסגערעדט, קוים א ווארט געפינענדיג דער מוטער צו אנטווערן אויף איהרע רייד, זיין גוטער רבי האט איהם היינט אזוי שטארק געשמיסען אז דאס גאנצע לייבעלע זיינס איז אין פאסען צושניטען; ער קראכצט געוויך איצט פונ׳ם שלאף, מיין עלענד ברודערל!

— אלל די באזע הלומות צו זיין קאפ! האט חייע׳לע מיט כעס א געשריי געטהון. איך האב איהם הונדערט מאל געבעטען פאר מיין אווענ פאהרן, ער זאל אויף זייא א פינגער ניט ארויפלעגען, נו, נו, איך וועל איהם שוין ווייזען וויא מען שלאגט מיינע יתומים, איהם וועט עס טהייער קאסטען!....

זי איז אין קינדערשען צימער אריין און באלד צו צו מאטעלעס בעטעלע. דאס קינד האט געקרעכצט און גערעדט פון שלאף: אוי רבי, שלאגט מיך ניט! איך בין

א יתום. מיין טאטע וועט אייך קומען ווארגען! — חיע'לע האט איהר האנד צוגעלעגט צום קינדס קעפעלע, עס האט געברענט פון היטץ.

— וואס איז דיר, מיין טהייער קדיש'ל? וואס טהוט דיר וועה, מיין מאטעלע? האט די מוטער געפרעגט און דאס שלאפענד קינד צוגעדריקט צו איהר ברוסט. דאס קינד האט זיך אויפגעכאפט און דער מוטער אנגעקוקט ווי עס וואלט זי ניט ערקענט.

— מאטעלע, מיין טהייער קדיש'ל, האט דיא מוטער אויסגערעדט זעהר צארטליך, וואס איז דיר מיין ליעב קינד?

— אוי מאמוניא, טהייערע מאמוניא! האט דאס קינד מיט טהרערן אויסגעשריען, וואו איז מיין גייער טאטע? שלאג מיך ניט, איך האב איהם ניט געשאלטען, נא דיר מיין האנד אויף מיין חלק לעולם הבא, איך האב איהם ניט געשאלטען, דער רבי האט אלעס אויסגעטראכט און מיך געשמיסען. שלאג מיך ניט מאמוניא. איך בין א יתום. מיין טאטע וועט קומען ווערגען, ווער עס שלאגט מיך.

זאל יענעם א דונער איינשלאגען, ווער עס וויל דיך שלאגען!... איך וועל זיך שוין מיט דיין רבי'ן אפרעכענען! האב קיין מורא, מיין ליעב קינד! — דאס קינד איז צוריק אנטשלאפען געווארן. רחל'ע מיט דער מוטער זענען פון דער סצענע זעהר געריהרט געוועזן.

אויף מארגען פריה, תיכף נאך דעם דאווענען איז ר' שלמה געקומען, ער האט זיין וועהטאג אין הערצען פערשטיקט און האט חיע'לען א פריינדליכען מזל טוב אפגעגעבען, זי האט איהם איבערגעגעבען דעם רבי'נס פריינדליכען גערוס צו איהם, איהם אויך ערקלערט, ווי נאטהיג דער שדוך מיט ר' פנחס'לען איז, פאר דעם רבי'נס געזינד, און זיא וואלט קיינמאל ניט איינגעוויליגט, ווען דער רבי אליין וואלט איהר ניט געזאגט, זי זאל דאס טהון פון זיינע קינדערס וועגען און נאך מעהר פון וועגען דעם גליק פון איהרע אייגענע קינדער.

— אין אלץ איז דעם רבונו של עולם'ס השגחה, האט ר' שלמה אויסגערעדט דאס אלץ אויסהערענדיג, דער רבי זאל לעבען, וועט ניט באטהען דיך צו שלעכץ חלילה, און איך דאנק דעם רבונו של עולם פאר זיין חסד, וואס עס האט זיך אזוי געמאכט און ניט אנדערש... גאט זאל זיין חסד ווייטער פון דיר און פון דיינע יתומים ניט ארונטער נעהמען, זאלסט זיין דיינע קינדער שטאנדיג א געטריייע מוטער!...

פאר נאכט איז שימעלע געקומען, רחל'ע האט איהם אין דיא אויגען ניט געקאנט אנקוקען און איז פון שטוב ארויס, חיע'לע האט באלד ביים ערשטען שלום עליכם, שמעון'ן שטרענג אויסגערעדט וואס ער האט איהר מאטעלען אזוי געשמיסען.

חיע'לע, או איהר וועט וויסען פאר וואס איך האב אייער מאטעלען געשמיסען האט ער געאנטפערט, וועט איהר פאר מיר אין די אויגען איהם נאך מעהר שמייסען. קורץ וועל איך אייך זאגען: אייער רחל'ע, האט די קינדער אנגעלערנט זייא זאלען שעלטען ר' פנחס'לען, און בעטען ביי גאט א טויט אויף איהם, מילא א קינד ווייס דאך ניט וואס עס רעדט, נוא האט אייער מאטעלע פאר מיר אין דיא אויגען א העזה געהאט צו זאגען: רבי, זאל ר' פנחס'ל מיין נייער טאטע שוין שטארבען! נו, וויא געפאלט אייך אזוינס? האב איך איהם אויפ'ן באנקעל צוויי געלעגט און ארויס־

געצאהלט עטליכע קמיטין אין די וויכע. חלילה א ביין ניט צוברעכען, גישקשה, ער וועט געזונד זיין! איך וויים גאר ניט וואס איז מיט היינטיגער וועלט געווארן? איך בין אויך א חדר יונגעל געוועזען, אז דער דאנערשטאג פלעגט קומען, געדענק איך, פלעג איך מיט מיין לעבען ממש ניט זיכער זיין, א קליינקייט מיין רבינס שטעקען מיט דיא סוקעס, הרגן פלעגט ער מכות אכזריות, אונ עס האט ברוך השם ניט געשאדט. איך האב נאך היינט צייכענס פון יענעם שטאקען.

חיעלע האט זיך פערטראכט אונ די לעצטע רייד שמעונ'ס ניט געהערט.

— איך גלויב ניט אז רחל'ע זאל דאס טהון! האט זי געזאגט. פון וואנען ווייסט איהר, אז זי האט עס דאס קינד אנגעלערנט?

— אז איך וואלט ניט געוואוסט, האט שמעון געאנטווערט, וואלט איך ניט גערעדט. זייט וויסען, אז נאך ערב פסח, בעת איך האב אייך דאס ערשטע מאל מציע געוועזען דעם שדוך, איז אייער רחל'ע אונטערן טהיר געשטאנען אונ האט זיך צוגעהערט וואס איך האב מיט אייך גערעדט. דער נאך אז איהר זענט צום אלטער געגאנגען מיר אויסבעטען בעבער לייהען, איז זיא אריינגעקומען אונ האט מיר גילדערנע בערג צוגעזאגט נור איך זאל ניט קומען מעהר אייך שדוכים רעדען. זעהט איהר אז איך זאג אייך פון סדור ארויס? אז איך האב אייער קינד א ביסעל אבגעשמיסען האב איך נור אייער טובה געמיינט, אייער כבוד פערהיט, חיע'לע!.... ניט זאגט איהר נור אז איהר ווייסט עס פון מיר, וואס טויג מיר אומזיסטען שונא מיר קויפען ביי אייך אין שטוב?

— וואס האט איהר מורא פאר איהר? האט חיע'לע געפרעגט אין כעס.

— איך האב מורא זיא זאל דיא קינדער ניט איינרעדען זיי זאלען אין חדר ניט וועלן געהן, אט זענען זיי שוין היינט ניט געוועזען, א עבירה א טאג וואס מען לערנט ניט, אז מען לערנט ניט איין טאג פערגעסט מען אויף גאנצע צוויי.

— האט קיין מורא, ר' שמעון, דערווייל לעב איך נאך, ווי לאנג איך לעב נאך, בין איך די מאמע, ניט זיא. אויך ניט איהר מוהמע דבורה... נור איך בעט אייך, שלאגט זיי ניט, היינטיגע יאהרן זענען באמת ניט דיא פערצייטיגע יאהרן, שוואכע קינדערלעך, ציטריגע יתומים'לעך אונ זיי זיינען ביא מיר געגנג טהייער אויך. נאך א זאך בעט איך אייך, זאל דערפון קיינער ניט וויסען, עס פאסט ניט פאר דער וועלט אונ עס טויג ניט אז דאס זאל צו ר' פנחס'לען אנקומען, פערשטעהט איהר: זי שטעהט שוין אויך אין שדוכים, גאט זאל איהר נור איהר אמת'ן בעשערטען צושיקען, ווער וויים, אפשר וועט אייער הצלחה זיין פאר מיין קינד נאך מעהר ווי פאר מיר אליין!

ר' שמעון האט איהר פארגעלייענט ר' פנחס'לס בריוועלע מיט אלע פרושים. איהר בעוויזען אז זיין הצלחה האט שוין אנגעהויבען לויכטען ווי די זונן אין הימעל. אונ ער האפט אין גיכען וועט רחל'ע מיט איהם שלום מאכען, ווייל ער, נור ער וועט איהר געבען א לייטישען חתן, א טאטענס א קינד...

אז חיע'לע איז אליין געבליבען האט זיא געזאגט פאר זיך: נו, א געטרייע מאכטער, איהר האט זיך א פנים געוואלט איך זאל גלייך נאך איהר טאטען אין דער ערד אריין... אבער גיין, גאט איז מיט מיר, מסתמא איז מיר דאך נאך בעשערט צו

לעבען אונ פון אלעבען ערשט געוואהר ווערן. וועט זי מיר זיין א גוט קינד וועל איך איהר בלייבען א געטריייע מוטער, חלילה ניט, ווי זי וויל זיך. איך ברויך נור פאר גאט דעם לעבעדיגען יוצא זיין.

ז.

דאס בריוועלע ר' פנחס'לס צו שמעון הזכאי: "ער זאל אנגירטלען זיינע לענדען" בעגליקען אונ בייטען האט אויף דעם ארעמען מלמד אנגעהויבען צו ווירקען מיט א צויבערקראפט. אנשטאט וואס ער האט פריהער קיין גראסער גליק זיך ניט גע-וואונשען ווי קאנען זיין עלטערע טאכטער חתונה מאכען ערגעץ מיט א בחור פון בית המדרש, וועלכער וועט נאך דער חתונה אויך קאנען זיין א מלמד אונ אויך הונגערן מיט זיין טאכטער ווי ער מיט זיין פלונית, — האט ער איצט אנגעהויבען זוכען שדוכים מיט אנשטענדיגע בעלי בתים. אונ האט געהאפט מעהר: נדן צו נעהמען אלס צו געבען.

נאר א אפטער נאכט איז ער געווארן ביי דעם אלמן ר' הערש לייבעלעס, וועלכער האט א אייגען הויז אונ א קראם פון הערינג אונ פון אייזען אונ האט ניט מעהר ווי דריי קינדער פון זיין ערשטער פרוי. ר' הערש האט איהם אויסערצעהלט פון זיין פרנסה, פון זיין האב אונ גוטס, איהם ערקלערט, אז ער מיינט ניט נדן אונ תכשיטין, ער מיינט נור א כשרע יודישע טאכטער, א טאטענס א קינד, זי זאל קאנען א געטריייע מוטער זיין זיינע קינדער, אונ זיין א ווירטהין אין שטוב. זי זאל אויך טויגען א מאל צו צוהעלפען אין קראם אין א מארק טאג. ר' שמעון האט זיך פערטראכט אונ האט אנ-געהויבען ציהען אונ מעלקען זיין שפיציג בארדעל, ווי ער וואלט פון איהם געוואלט ארויס ציהען די כלה וואס ר' הערש פערלאנגט.

— וואס טראכט איהר ר' שמעון? האט ר' הערש געפרעגט.

— איך טראכט נאך אליין, האט שמעון זיך אבגערופען, צו איז דעם רבינ'ס זאל לעבען ברכה, אויך שייך צו מיר אליין ווי זיא איז שייך צו אלעמען?

— געגען וואס מיינט איהר? האט ר' הערש געפרעגט.

— פערשטעהט איהר מיך, האט שמעון צו ערקלערן אנגעהויבען, איך האב אליין א טאכטער בקרוב חתונה צו מאכען, א בתולה יפה זאג איך אייך, איהר קענט זי גאנץ גוט, נור וויפיעל איהר קענט זי הייבט איהר גאר ניט אן נאך זיא צו קענען. א בריה נפלאה אין נאהען, שטריקען, קאכען אונ באקען, הייגט איהר פרומקייט אונ גוטסקייט, אהן א נאל זאג איך אייך, אפילו צו משא ומתן וואלט זיא זיך אויך טויגען. עס פאסט ניט מיין אייגען קינד אזוי צו לויבען, נור וואס אמת איז, שאס איך מיך ניט אייך צו זאגען; זעהט איהר, אז מיין טאכטער וואלט חלילה א מום, אדער א שלעכטען נאמען געהאט, וואלט איך מוזען פערבייסען דיא ליפען אונ שווייגען, איצט אבער אז איהר גאנצער מום איז נור דאס, וואס דעם טאטען איהרן פעהלט עטליכע מאות אויף נדן אונ תכשיטין, שאס איך מיך גאר ניט אונ זאג אייך ר' הערש, אז מיין טאכטער וואלט באמת'נות זיין פאר אייך א גוט ווייב, איהר

וואלט וויסען פון אלעבען און אייערע קינדער וואלטען א אמת געטרייע מוטער האבען.

ר' הערש האט אנגעהויבען אומצוגעהן הין און צוריק.

— ר' הערש, האט שמעון ווייטער געזאגט, כל זמן, איך האב געמיינט, אז איהר ווילט נבן האב איך אייך וועגען מיין אייגען קינד ניט דערמאנט, נור איצט אז אייער רצון איז, נור א קרן א געזונטען ניט קיין ריוח, פרעג איך אייך: וואס פאר א חסרון געפינט איהר אין מיין קרן? איהר מיינט אז איך זאג אייך: איך בין א קבצן, בין איך טאקי חלילה גאר א קבצן? האט קיין טעות ניט, איך וועל מיין טאכטער קיין הונדערטער ניט געבען, אבער קליידער, בעטגעוואנד כמנהג בעלי בתים גבוהים האב איך נאך צו גאט א בטחון איהר צו געבען און טאקי בענשען זיא בכל טוב סלה!.... ניט פערגעסט, אז דער רבי זאל לעבען וועט זיא אויך בענשען, זיינס א ברכה, באכט זיך, איז עפּיס ווערטה ביי א יודען א חסיד וואס גלויבט אין איהם!....

אזוי לאנג האט שמעלע גערעדט ביז ר' הערש האט איינגעוויליגט.

ר' שמעון האט פערלאנגט מען זאל שוין אריינרופען עטליכע יודען האטש שכנים א ביי וועמען, און מען זאל א ראשי פרקים אויפשרייבען אויף פאפּיער ווי עס פיהרט זיך ביי יודען, דארויף האט ר' הערש געאנטווערט: אט האט איהר מיין תקיעת כף אז איך וועל קיין חרטה האבען. לראיה וועל איך אייך שוין א מתנה געבען פאר מיין כלה, מארגען אם ירצה השם, וועט איהר שיקען רופען קרובים און גוטע פריינד און מיר וועלן מאכען א תנאים כשר וישר מיט פאראד, דערוויל לאמיר געהמען צו ביסלעך משקה.

ר' הערש האט זיינס א קינד געשיקט צו שמואל דעם ווינשענקער נאך א פּאר בוטעל וויין, מיט לעקעך, בראנפען האט ער געהאט ביי זיך. ביז צוועלף ביי נאכט האט דער חתן מיט זיין פרישען מחותן געגעסען און געטרונקען, און דערמאנט דעם רבין זאל לעבען און ר' פנחס'לען צום גוטען מסתמא.

אז דער פריש געבאקענער מחותן האט בעדארפט אוועג געהן, האט ר' הערש ארויסגענומען פון קאמאד זיין ערשטען ווייבס בריליאנטענע אויהרינגלעך, און האט געזאגט:

— אט האט איהר א סימן, אייער ווייב און קינד זאלען אייך גלויבען. ער האט איהם אויך א פלאש רויטען וויין מיט א האלבען לעקעך מיטגעגעבען, זאלען זיין געזינד אויך עפּיס האטש געניסען פון היינטיגען קנין.

פון יענעם אבענד וואס שמעון האט דיא מזומנ'ע צעהן רובעל מיט דעם הצלחה בריוועלע געבראכט האט מען פאר איהם זעלבסט אין זיין היים גרוים דרך ארץ גע-האט און מען האט זיך ניט פערגינט צו עסען וועטשערע פריהער פאר איהם.

— הלעבען, שמעון דו האסט גאר קיין יושר ניט! האט דאס ווייב געזאגט ווי ער איז נור אין שטוב אריינגעקומען. דו ווייסט דאך אז מען ווארט אויף דיר, דאס הארץ האט אונז אלעמען איבערגעחלשט ווארטענדיג.

— אבער אז מען ווארט דערווארט מען זיך!... האט שמעון מיט א פיעל-בעדייטענדען שמייכעל געאנטווערט. אט האט איהר זיך דערווארט און איך האב

איך געבראכט א מזל טוב. זאגט זשע מיר: מזל טוב! ציפע, דו ביזט א מחותנת'טע אונזער זלאטקע איז א כלה געווארן היינט ביי נאכט מיט ר' הערש לייבעלעס!

— שמעון, דוא ביסט שכור, האב קיין פאראיבעל ניט, האט דאס ווייב מיט א האלבען כעס א זאג געטהון. משוגע וועט ר' הערש ווערן זיך משדך צו זיין מיט אונז קבצנים? וואס איז, ער קאן ניט נעהמען טויזענד רובעל נדן אונ א מאדעל פון א גבירישען הויז. חאטש ער איז א אלמן? צו הויך פליהסטו מיין מאן, פאלן מיר. לעג זיך שלאפען, אז מען חלומט ניט א הארר, שטעהט מען ניט אויף א נארר.

— הארסטו ציפע, האט שמעון שטאלץ א געשריי געטהון, דוא ביזט אין אמונה ארגער פאר פרעה מלך מצרים, מילא ער איז געוועזען א רשע, ער האט זיך געזאגט: ער איז אליין א גאט, אונ האט ניט געוואלט גלויבען אהן א מופת, אבער דוא ביזט דאך א טאכטער פון אונזערע היילינע אמהות שרה רבקה רחל לאה, גלויבסטו אויך ניט אהן א אות אונ אהן א מופת? אז איך זאג דיר גלויב, זאלסטו גלויבען, הארסטו וואס איך זאג דיר?!

— איך קאן ניט גלויבען וואס קיינער וועט ניט גלויבען! האט זיא זיך געהאלטען ביי איהר אפקורסית, בפרט אז דו ביזט איצט בעשוואכט א ביסעל, זיי מיר מוחל.

— נוא זאל איך דיר בעווייזען א אות ומופת, אז איך זאג אמת? אט באלד; נור וואס פאר א מופת ווילסטו? אט גיב איך א וואַרף מיין שטעקען אונ ער ווערט א שלאנג?

דיא קליינע קינדער האבען אנגעהויבען מורא האבען אונ דיא עלטערע האבען זיך פאנאנדער געלאכט.

— לאכט, לאכט, האט ער געזאגט, איהר וועט שוין באלד ניט לאכען! זעהט זיך מיין ווייב אויבענאן, ווי פרעה מלך מצרים, זאל מיר דאכטען; איהר, מיינע טאכטער, שטעלט אייך פוןביידע זייטען נעבען דער מאמעס שטוהל, זאל מיר דאכטען איהר זענט די חרטומי מצרים, נור גיט מיר פריהער א הערצו א פאר גלאזער אבער ווישט אוים ריין, איך וועל וויא משה רבינו מאכען פון וואסער דם, גיכער זאג איך! האט ער געקאמאנדאוועט אונ מען האט אלץ געטהון ווי ער האט בעפעהלן. זעהר שטאלץ האט ער א הייב געטהון זיין שטעקען אונ אויסגעשריען: דם! אונ האט מיט דער לינקער האנד פון בוזעם ארויסגענומען די פלאש רויטען ויין אונ האט אנגעהויבען גיסען אין די גלאזער —

— נו, איצט גלויבט איהר שוין? האט ער מיט נצחון א פרעג געטהון.

— מיר גלויבען! האט דאס ווייב געאנטווערט.

— נו, ווייל איהר גלויבט, וועל איך אייך ניט שטראפען מיט מכות, ווי משה רבינו עליו השלום האט געשטראפט פרעהן במצרים, מכות וועלן האבען אונזערע שונאים, איהר טרינקט דעם וויין, זייט אייך משמח. נו, טרינקט, האט קיין מורא ניט, דאס איז ניט דם.

— דאס איז טאקי וויין באמת? האט דיא ארעמע יודענע געפרעגט, ניט גלייבענדיג איהרע אויגען.

— יין נפן, כשר'ער וויין! איהר מאגט א ברכה מאכען: בורא פרי הגפן! האט

שמעון מבטיח געווען, טרינקט אויס זאג איך אייך, וואס קוקט איהר?

דאס ווייב האט איהר עצה געזאגט, בעסער עס בעהאלטען אויף קדוש און הבדלה, ר' שמעון האט אבער מיט כעס און מיט גאוה געזאגט: טרינקט זאג איך אייך, דאס האט דער חתן א סימן געשיקט; איך האב שוין גענוג געטרונקען, נאט אייך לעקעך אויך, טרינקט, זאגט לחיים און מזל טוב!...

לחיים שמעון, מזל טוב! זאל גאט געבען מיט מזל מיט ברכה און מיר זאלען שאקי אויפגעריכט ווערן, רבונו של עולם! האט דאס ווייב מיט טהרערן אין די אויגען געזאגט און א ברכה געמאכט „בורא פרי הגפן". זי האט די גלאז וויין צוגעטראגען צו איהרע בלאסע ליפפען א זופ געטהון, און באלד אוועק געשטעלט צוריק, „א טעם גן עדן!" האט זיא געזאגט, עס קאסט אודאי, פינף גילדען א בוטעל. די קליינע קינדער זענען צוגעלאפען צו דער מוטער און נאך דעם אז זיי האבען א ברכה געמאכט האט זי זיי אויך צו זופען אייניגע געגעבען. די קינדער האבען די פערשמאכטע ליפעלעך מיטן צינגעל אבגעלעקט. אויך די טאכטער האבען צו זופען געטהון און דער טאטע האט לעקעך געטהיילט און איבער געלאזען א שטיקעל פאר זיך אויף מארגען נאך א טרונק בראנפען צו פערבייסען. דאס ווייב האט מעהר ווי א האלב בוטעל מציל געווען און בעהאלטען אויף קידוש לכבוד שבת. נאך גראסער איז די שמחה געווארן אז ער האט די אוהרינגלעך ארויסגענומען און דערלאנגט זיין טאכטער. נא דיר, דיין חתנ'ס מתנה, האט ער געזאגט, דוא זאלסט געזונדערהייט פערניטצען, נאך בעסערע וועט ער דיר שענקען נאך תנאים.

די ברילאנטען האבען א בליטץ געטהון אין דעם שטיבעלע וואו זייער שטראהל האט נאך קיינמאל ניט אריינגעשיינט און אלעמענס אויגען האבען א שיין געטהון פון פרייד און גליק. שמעונס ווייב האט געשאטצט, די יונגערע טאכטער האט געזאגט, זיי זענען שוין איצט ניט מאדיש, די כלה האט געגעבען צופערשטעהן אז מען קאן זיי לאזען איבער מאכען, און שמעון האט געזאגט: א דאנק פאר דעם א געשענקטען פערד קוקט מען ניט אין די ציין — וועלבסט די קליינע קינדער האט מען געמוזט געבען א קוק טהון.

אויף מארגען צו האלבען טאג האט שימעלע פריי געלאזען זיינע תלמידים און איז אליין אוועג געלאפען אנזאגען די בשורה חייעלען און בעטען זיא אויף תנאים.

— פריהער גאט דער נאך אייך, חייעלע, האב איך צו דאנקען מיין הצלחה, האט שימעלע געזאגט, אז ניט דורך אייער זכות, וואס אייך איז בעשערט צו ווערן ר' פנחס'לס עזר כנגדו, וואלט איך נאך ניט געבענשט געווארן מיט אזא ברכה. איהר וועט קומען מיין שמחה בעשאנען, חייעלע, אויף נאמנות, זאג איך אייך, דאס איז אייער שמחה, אייער ר' פנחסל זאל לעבען, אייער בריוועלע, אייער ברכה, אלץ אייערס!...

— האט איהר שוין אלץ צוגעגרייט צו די תנאים? האט זי געפראגט, איהם צו בעווייזען אז זי אינטערעסירט זיך מעהר ווי מיט געוואהנליכער איינלאדונג אויף א בי א שמחה ערגעץ.

— צופרידען ? וואס זאל איך צופרידען? האט ער געענטפערט. דער חתן ווייס אז איך בין ניט ראטהשילד, ער מאכט די תנאים ביי זיך.

אין די רייד איז ארײנגעקומען א יונגעל שמעונס און האט דעם טאטען געזאגט א סוד אין אויער אריין, שמעון האט דאס קינד געהייסען ווארטען. אז רחל'ע איז ארײנגעקומען איז שמעון צוגעגאנגען צו איהר, מיט פרייד איהר אנגעזאגט די בשורה: ביי זיין טאכטער וועט היינט תנאים זיין מיט ר' הערשען.

— זאל גאט געבען מיט מזל! האט רחל'ע צוגעווינשען פון גאנצען הערצען. ער האט אויף איהר א קוק געטהון מיט אזעלכע אויגען וואס האבען איהר קלאר צו פערשטעהן געגעבען, אז ער וויל ביי איהר עטוואס בעטען.

— וואס פערלאנגט איהר, רבי? האט זיא פריינדליך געפרעגט.

— איך שעם מיך אויסצוזאגען, נור וואס טויג די שאמעריי? ארעמקייט, זאגט מען, איז קיין שאנד ניט! מיין אלטע האט מיר געשיקט אנזאגען דורך מיין יונגעל וואס זיצט דא און ווארט אויף מיין תשובה, אז דיא כלה וויל צום תנאים ניט געהן, ווייל זי האט פשוט א רעכט קליידעל ניט אויף זיך וואס אנצוטהון. זייא א גוטע רחל'ע, זעה צו איהר צער און מיין צער און לייה איינס פון דיינע שבת'דיגע מלבושים אויף דער נאכט פון איהר תנאים.

וואס דארפט איהר אזוי בעטען, רבי? האט די גוטמוטהיגע רחל'ע אויסגערעדט. געהט א היים, איך וועל באלד אליין קומען צו אייך און מיטברענגען אלץ וואס אייער טאכטער בראויך.

גאט זאל דיר גוטס טהון, טהייערע רחל'ע! האט שמעון אויסגערעדט פון גאנצען הערצען, דו ביזט טויזענד מאל בעסער פאר מיר. איך פערגעס באלד דאס גוטס וואס איך האב פון דיר, און איך בין ניט ווערטה דיין חסד... ער האט זיך אין דער מינוט דערמאנט די שלעכטע ווערטער זיינע וואס ער האט פאר הייעלען אויף איהר אנגערעדט. רחל'ע האט איהם ערקלערט, אז איהר טובה איז נאר א קלייניגקייט יעדער אויף איהר ארט וואלט ניט אנדערש טהון.

— ניין, ניין! האט ער מיט הארץ געזאגט. לב יודע מרת נפשו, מיין הארץ ווייס, וואס מיין צונג רעדט, און איז מיט די ווערטער וויא א בעל תשובה ארויסגעגאנגען ווייטער בעטען אויף זיין שמחה.

אין א האלב שעה ארום איז רחל'ע צו ר' שמעונען געגאנגען, איהר דינסטמאדעל האט איהר נאכגעטראגען א גאנצען בונד קליידער איינגעבונדען אין א סערוועט. זי האט אליין געהאלפען די כלה אנטהון, זיך געבויגען און געמיהט און אויסגעפוטצט שיפעלעס טאכטער ווי א בת מלכה. אז די כלה איז שוין אין גאנצען אויסגעפוטצט געוועזען האט רחל'ע אליין זיך פערוואונדערט, ווארום זי האט איצט פאר זיך א שאן פנים, א שאנעם וואוקס דערזעהן וואס זיא האט אין שמעונס טאכטער קיינמאל ניט בעמערקט.

אך, ארעמקייט, ארעמקייט, ווי מאוס ביזטו דארט וואו דו ביזט נור! האט איהר הערץ אין זיך גערעדט. אט דאס שאן פנים האסטו שטאנדיג חשך געמאכט.

קאן ניט דאס ארעם קינד אזא שאן קלייד אונ ציערונג טראגען ווי איך? נור דיא ארעמקייט מאכט די מענשען מאוס!...."

שמעון איז אנגעקומען אונ אז ער האט זיין טאכטער דערזעהן, האט ער זיא במעט ניט ערקענט. רחל'ע האט איהם געפרעגט: וואס זאגט איהר, רבי, איז אייער טאכטער ניט א שאנע כלה? "די היילינע גמרא איז גערעכט!" האט ער געאנטווערט אונ טהרערן זענען איהם אין זיינע אויגען געשטאנען. רחל'ע האט איהם ניט איבער געפרעגט וואס ער מיינט דער מיט, נור אז זיין בעוועגט הערץ איז רוהיגער געווארן האט ער צו רחל'ן געזאגט: ווייסטו, גוטע רחל'ע, וואס אונזער גמרא זאגט? דיא גמרא דערצעהלט אזא געשיכטע: א חתן האט זיך ארומגעזעהן אז זיין כלה איז ניט שאן האט ער זיך א נדר געטהון מיט איהר ניט צו לעבען. דער כלה'ס עלטערן וואס זענען געוועזן גרויסע קבצנים, אזוי ווי איך למשל, האבען דעם חתן ניט מוחל געוועזן זיין וואָרט, אונ ער האט שוין געוואלט חתונה האבען מיט איהר. וואס טהוט מען אבער מיט דעם נדר וואס ער האט אויף זיך גענומען מיט אזא מאוסקייט. רחמנא לצלן, ניט צו לעבען?... א נדר, מיין טאכטער, איז א נדר, אונ וואס א מענש נעהמט זיך פאר בתורת נדר מוז ער מקיים זיין. אט זענען זיי אוועגגעלאפען צום תנא ר' ישמעאל אונ האבען איהם דערצעהלט זייער צער אונ געבעטען ער זאל דעם חתן מתיר נדר זיין. דער תנא ר' ישמעאל האט געהייסען ברענגען צו זיך דיא כלה, אז מען האט זיא צו איהם געבראכט, האט ער איהר געגעבען גוט צו עסען אונ צו טרינקען פון כל טוב מסתמא, ער האט איהר געגעבען שאנע קליידער אונ ציערונג, מען האט זיא אויס געפוטצט אונ זיא איז שאן געווארן וויא א בת מלכה. דער נאך האט ר' ישמעאל געהייסען ברענגען דעם חתן. ר' ישמעאל האט איהם אריינגעפיהרט אין חדר פון זיין כלה אונ געפרעגט: זאג מיר, מיין זוהן, אז דיין כלה וואלט געוועזן אזוי שאן אט ווי די וועלכע דא זיטצט וואלסטו זיך אויך אזא נדר געטהון? ניין! האט דער חתן געאנטווערט, די איז דאך א שאנע, — פערשטעהסטו רחל'ע, ער האט זי ניט ערקענט, אזוי שאן אונ ליכטיג איז געווארן איהר פנים פון די גוטע שפייז אונ טהייערע קליידער.

אויב אזוי, האט ר' ישמעאל געזאגט, נעהם דיין כלה אונ לעב גליקליך מיט איהר! דאס מאדעל איז דיין כלה, דיין נדר איז געוועזן בטעות, ווייל דיין כלה, זעהסטו דאך, איז גאר א שאנע. דער חתן האט זיך דערפרעהט אונ מתמא ר' ישמעאל'ן געדאנקט וואס ער האט איהם מתיר נדר געוועזן אונ נאך מעהר וואס ער האט זיינע אויגען געאפענט צו זעהן אז זיין כלה איז גאר א יפת תואר. נור דער היילינער תנא ר' ישמעאל האט צו וויינען אנגעהויבען אונ האט געזאגט: בנות ישראל נאות הן אלא שהעניות מנוולתן! דאס איז טייטש: יודישע טאכטער זענען באמת שאנע, נור די פינסטערע ארעמקייט — וואס ביי אונז יודען איז מעהר שכיח, ווי ביי כל אומה ולשון, — מאכט זיי נעביך מאוס, אונ אזוי פלעגט ר' ישמעאל שטאנדיג טהון, וואו עס פלעגט קיין שלום אונ קיין אהבה ניט זיין צווישען יודישע מאן אונ ווייב, איבער דעם, וואס זי איז ניט אזוי שאן וויא איהם ווילט זיך. דערפאר, אז ר' ישמעאל איז געשטארבען, דערצעהלט די גמרא האבען די יודישע טאכטער געזאגט: בנות ישראל על ר' ישמעאל בכינה! יודישע טאכטער, וויינט וואס ר' ישמעאל, אייער מלמד זכות אונ

געטרייער פאטער איז געשטארבען! איך דערצאהל דיר דאס רחל'ע, ווארום מיר איז כל ימי די גמרא קשה געוועזן; פשוט, איך האב ניט פערשטאנען, וואס איז דאס פאר אזא גרויסער ענין וואס ער האט געטהון? איז די כלה ניט שאן, וואו שטעהט דען אין דער תורה אז מען מוז דוקא האבען א שאנע כלה? נור איצט אז דוא, מיין תלמידקע, האסט כמעט מיט מיין טאכטער געטהון אזוי ווי ר' ישמעאל. אונ אז איך האב מיין איינען קינד כמעט ניט דערקענט — אזוי שאן איז עס געווארן אין דיינע טהייערע קליידער — האט זיך מיין הארץ דערפרעהט. אמת דערפרעהט. אזש מיר האבען זיך טהרערן געשטעלט אין דיא אויגען פון שמחה. אונ מיר האט זיך פלוצלונג דערמאנט דיא געשיכטע פון ר' ישמעאלן. מיין הארץ האט ערשט פערשטאנען וואס פאר א טהייערער גומל חסד ער איז געוועזן פאר יודישע ארעמע טאכטער אונ וואס פאר א מרבה שלום ער איז געוועזן בין איש לאשתו!

איך זאג דיר, טהייער רחל'ע, אז אין דיר איז דא א נצוץ, א פונק א הייליגער פון דעם הייליגען תנא ר' ישמעאל. חאטש דוא ווייסט אפשר גאר ניט פון איהם, נור אז דו וועסט אויסלעבען דיינע הונדערט אונ צוואנציג יאהר אונ טהון טובות יודישע טאכטער, זיי ניט לאזען פערשעמט ווערן אויף זייערע שמחות מיט זייער ארעמקייט, וועט ר' ישמעאל דיר ארויסקומען ענטקעגען אונ דיך זעטצען מיט איהם אין איין מחיצה אין גן עדן!

רחל'ען האבען דיא ווערטער אזוי גערירט, אז זיא איז בעריט געוועזן דעם ארעמען שימעלעס האנד צו קושען. מיט א בעוועגטער שטימע האט זי נור אויסגערעדט: טהייערער רבי, איהר האט מיט מיר אייער תלמידקע, איצט פיעל געלערנט. א, וועלכע טהייערע געשיכטען האט דיא הייליגע גמרא אונז צו לערנען ווי גוט אונ פרום צו זיין! ווי בין איך מקנא דיא, וואס לערנען גמרא אונ ווייסען ווי אונזערע הייליגע חכמים אונ תנאים האבען זיך געפיהרט! איך דאנק אייך רבי, בעלידיגט מיך ניט אונ דאנקט מיר ניט, אויף עדרן ווארט זאג איך אייך. איך האב ניט געטהון אזוי פיעל וויפיעל דיזע געשיכטע איז פאר מיר ווערטה!

— האב קיין מורא ניט, רחל'ע, האט איהר שמעון געטראסט. נעהם צו מיין דאנק, איך וועל דיר נאך ברענגען לעקעך אויך פון תנאים, אבער פון דיין שכר אין גן עדן, — נאך הונדערט צוואנציג יאהר, — וועט דיר ניט זיין צו ליעב דעם געמיינערט. ווארום ניט צוליעב מיין דאנק האסטו מיר אונ מיין ארעם קינד גומל חסד געוועזן, אפילו ניט צוליעב דעם לעקעך וואס איך וועל דיר ברענגען!....

דיא כלה האט אויך פריינדליך רחל'ען געקושט, אונ די מוטער האט זי ביז דער שהיר בעגלייט. אז רחל'ע איז ארויסגעגאנגען, האט שימעלעס ווייב געזאגט:

— נאט מאנ אלע מאמעס מיט אזא קינד בענשען! אונ דוא מיין מאן, מוזט זעהן צו פעריבטען דיינע שלעכטע רייד, וואס דוא האסט פאר איהר מוטער אויף איהר אנגערעדט!... דוא וועסט זיך פאר גאט ניט קאנען אויסצאהלען, דוא האסט אומזיסט אומגישט אויף איהר א רכילות אנגערעדט!

— אמת, אמת, א רכילות, א שקר מוחלט האב איך אויף איהר אויסגעטראכט! האט ער זיך מתודה געוועזן אונ זיך א שטארקען קלאפ געטהון מיט זיין פויסט אין

דארצען. צדקה ממני, זי איז גערעכטער פאר מיר, זיא איז מיר מוחל. נאט אין הימעל זאל מיין חרטה זעהן אונ ער זאל מיר אויך מוחל זיין!

ח.

חאטש שמעון האט חרטה געהאט אויף די רכילות וואס ער האט פאר חיע'לען אויף רחל'ען אנגערעדט, האט ער זיין אונרעכט געפיהלט נור אין דעם מאמענט וואס ער איז רחל'ען דאנקבאר געוועזען פאר איהר חסד, קוים איז ער אויף תנאים אוועק, דערזעהן זיין נייע גדולה, ווי אלע האבען איהם פאר א מחותן צוגענומען אונ ער האט א כוס'ע געמאכט, האט דיא הייסע משקה אין איהם צוריק אבגעקיהלט דאס ווארימע מענשליכע געפיהל וואס האט איהם מיט א שעה פריהער צוגענומען, אונ האט רחל'ען פערגעסען אונ זיין אונרעכט מעהר ניט דערמאנט.. אויף מארגען נאך די תנאים האט ער – מיט דעם כח פונ'ם הצלחה בריוועלע – אויסגעפיהרט נאך א שדוך אונ געהאפט עטליכע רובעל שדכנות, אונ אזו איז ער געגאנגען ווייטער מחיל אל חיל אונ דער עולם האט איינגעזעהן בחוש אז דעם רבינ'ס ברכה ווערט אויף איהם מקוים וואס ווייטער אלץ מעהר.

ניט פערגעסען שימעלעס רכילות האט אבער חיעלע, איהר הערץ האט גע־קאכט אונ געזידט, איהר האט זיך געוואלט חאטש גוט אנשעלטען רחל'ען פאר דער עולה וואס זיא האט דיא קינדער אנגערעדט צו שעלטען ר' פנחס'לען, איהר טהייערן ר' פנחס'לען, וואס האט איהר הערץ מיט אזוי פיעל כבוד בעגליקט אונ מיט אזוי פיעל האפנונג אויף נאך גראסערן כבוד דערפרעהט. איהר האט זיך געוואלט ווייזען דעם נארי'ש קינד, וויא שלעכט, וויא זינדיג עס איז אונ ווייזען טאקי אז זיא, חיעלע האט פאר קיינעם קיין מורא ניט אונ וועט טהון וואס איהר געפאלט – וויפיעל מאל האט זיא איהר זי שוין צוגערופען צו זיך מיט א שטרענגען קול. וויפיעל מאל זענען שוין איהרע קללות אויף איהר שפיטץ צונג גרייט געוועזן, אט אט זיא רעכענט זיך שוין אב מיט איהר אויף קלאר, נור קוים איז רחלע צו איהר צוגעגאנגען, איהרע שאנע אויגען אויפגעהויבען, איהר בליק האט זיך מיט דער מוטערס צאר־דיגען בליק בעגעגענד, האט חיעלע איהר מוטה פערלארן, איהרע קללות האבען זיך פערפלונטערט אונ די צונג איז שטום געווארן אונ ניט די זינדיגע רחל'ע נור זי, חיעלע, די גערעכטע, איז ווי די פערברעכערין געשטאנען פאר דעם גריכט פון דין.

האט אפשר חיעלע אין דער נאהענטקייט פון רחל'ען געפיהלט אונ ערקענט די אונרעכט איהרע, וואס זיא איז אזוי ניך א כלה געווארן? ניין. צו פאל איז איהר דארץ געוועזען מיט כבוד אונ גאוה, זייט דעם זי איז אלס כלה צוריק אהיים געקומען, אין איהר איז גאר קיין לעדיג ארט ניט געבליבען, וואו א געדאנק פון בעקענונג אונ געוויסענסביסען זאל זיך קאנען אריינגעבן אין איהר – אבער עס זענען דא אונער־קלארליכע כחות אין מענשענס זעעלע וואס מאכען גאר אהן געוועהר אונ אהן וואר־טער דעם גבור שוואך.. ער פערלירט זיין גבורה, אונ ווייס ניט ווי. ער האט אויף אין כעס צו זיין אונ ווייס ניט פאר וואס...

אזא כח האט — גאנץ אומבאוואוסט — רחל'ע אין זיך געהאט און דאס האט זי ניט איינמאל געשיטצט און פערהיט פון א שלעכטע מחשבה וואס יעמאנד האט אויף איהר געטראכט... עטוואס הייליגעס, געטליכעס איז אין איהרע שאנע אויגען געוועזן און זעלבסט די מוטער איהרע האט ניט געקאנט בעגרייפען, פאר וואס ווירקען אזוי געוואלטיג דיזע אויגען אויף איהר און זיא קאן איהר א שלעכט ווארט ניט זאגען זעלבסט דאן ווען זי האט, נאך איהר מיינונג, כשר פערדינט? דער ליכטיגער שטראהל פון רייגער אונשולד דרינגט גאר ניט געציעלט אין דעם שולדיגענם הערצען אריין און מאכט דארט ליכטיג אויף א ווייל'ע חאטש, יענער זאל זיין אייגענע פינסטערניש דערזעהן. און חאטש הייעלע האט איהר שולדיגקייט נאך אלץ ניט איינגעזעהן, אבער איהרע פארגענומענע שלעכטס האט געמוזט ענטלויפען פון דער גוטסקייט וואס אין רחל'עס קוק איז געוועזן, ווי עס ענטלויפען פינסטערניש און שאטען, ווען דיא זונן שיינט ארויס.

אין נאהענטען, אונטער פיער אויגען, ווי מען זאגט, האט הייעלע איהר כעס ניט געקאנט אויסלאזען אויף איהר קינד, דערפאר האט זיא איהר דעם כעס און אונצופרידענהייט געלאזט מערקען פון א זייט, היינטען ארום: „זאל זי וויסען, אז איך האב פאר איהר קיין מורא ניט" זיא האט עטליכע מאל דיא קינדער אויף א שטרענגען דאפראס גענומען, מיט גוטען און מיט באזען זיי געהייסען ערצאהלן אלץ וואס רחל'ע רעדט מיט זייא, זיא האט אויך איהרע האנדט און ריטער ניט אויסגעגעלאזען נור איין קללה חאטש פון זיי ארויסבעקומען וואס רחל'ע האט זייא געלערנט, אבער אומזיסט, די קינדער האבען ניט געוואוסט וואס וויל דיא מוטער, ניט געוואוסט וואס צו אנטפערן, זיי האבען נור געוויינט און געשריען מיט אנגסט און ענטלאפען צו רחל'ען, זיך צוגעטולעט צו איהר און אפט איהרע האנד מיט זייערע ריינע טהרערעלעך בעגאסען.

רחל'ע האט קיין אורזאכע געהאט צו קלערן, אז די קינדער ליידען איצט נעביך צו ליעב איהר און פלעגט רעכענען: מסתמא האבען זיי עפיס פערזינדיגט, די מוטער וועט זיי דאך ניט פייניגען גלאט אזוי, און זי פלעגט די קינדער ערקלערן מיט גוטע רייד אז מען טאהר אויף א מאמען ניט אין כעס זיין און זיי שיקען א קוש טהון דער מאמעס האנד פאר איהרע שמיץ. די אונשולדיגע קינדער פלעגען עס טהון מיט דער גרעסטער אנגסט; איהר הארץ אבער האט שרעקליך געליטען, ווארום זיא האט געזעהן ווי פרעמד דיזע קינדער ווערן שוין בעצייטענס צו דער מוטער. דענאך האט זיא זעלבסט הייעלע'ן נור צארטליכקייט און צופרידענהייט געוויזען ביא יעדער געלעגענהייט, ביז הייעלע האט איהר כעס פערגעסן און אלץ איז זיך צוריק געגאנגען ווי פריהער.

אזוי זענען אריבער עטליכע וואכען ביז נאך שבועות, פון משה'לען האט זי אין דער גאנצער צייט איין בריוועלע ערהאלטען, און אויך זעהר קורץ, ער האט איהר נור געשריבען אז אין גיכען וועט ער א עקזאמען האבען, ער לערנט איצט זעהר פיעל, און האט זעהר געבעטען זי זאל איהם אפטער שרייבען און אויסשרייבען איהר לעבען, איהר הערץ און געפיהל אין גאנצען, ווייל איהרע בריוועלעך זענען פאר

איהם ניט געוואהנליכע ליעבעס בריוועלעך פון א כלה צו א געליבטען חתן. אבער א בוך פון וועלכען ער לערנט א מענשענס הערץ ערקענען. א הערץ א אידעלעס וואס איז ווערטה זיך צו צוקוקען צו איהם. יעדעס בריוועלע איהר'ס איז איהם א נייע לעקציע זי בעסער צו ערקענען און איהרע געדאנקען מעהר צו בעוואונדערן. זי האט איהם געפאלענט און ווירקליך אנגעהויבען שרייבען ווען נור זיא האט צייט געהאט. אין איין בריוועל האט זי איהם פאלגענדעס געשריבען:

„ליבער משה'לע!"

„איך בעט דיך, לאך ניט פון מיין שרייבען און פון מיינע געדאנקען. דוא שרייבסט מיר: פון מיינע בריוועלעך ערקענסטו מיין הערץ בעסער. אדרבה, ערקען מיך ווי איך בין, ווי איך טראכט און לערן מיך בעסער טראכטען, און בעסער ווערן, אלס איך בין איצט!... גלויב מיר, איך האב אויפגעהערט זיך זעלבסט צו געפעהלען: איך בין א שלעכטע זינדיגע טאכטער געווארן נעגען מיין מוטער! — ניט מיט דעם וואס איך טהו חלילה נעגען איהר, אבער נור מיט דעם — וואס אין הערצען ביי מיר, טראכט זיך, נעגען מיין אייגענעם ווילען, ניט אזוי ווי דאס זעלבע הערץ פלעגט א מאל פון איהר טראכטען...

פאר דיר אליין עפען איך דיזעס הערץ און ווייא וויל איך דוא זאלסט מיר ערקלערן צו בין איך זינדיג צו ניט? — בין איך זינדיג — בעט איך דיך משה'לע, שאנע מיך ניט, נור לעהרן מיר ווי בעסער צו זיין, און ווי בעסער טראכטען צו קאנען!...

מיין ליעבע מוטער איז א כלה געווארן מיט ר' פנחס'ל דעם רבי'ס גבאי. לייט זאגען: ער איז א יוד א צדיק, א חכם איינער אין דער מדינה. זיי זאגען, אז חייע'לע, מיין מוטער, מוז א גרויסען זכות האבען אזוי ערהויבען צו ווערן, וואס קיינער האט זיך גאר ניט געקאנט ריכטען אויף אזא גדולה.

אז איך הער דיזע שבחים — חאטש די וואס זאגען זיי מיינען דערמיט מיך מעהר צו טרעסטען אלס צו קרענקען, פיהלט מיין הערץ דאן דאס זעלבע. וואס עס וואלט פיהלען, ווען די אייגענע מענשען וואלטען זאגען: „ר' פנחס'ל איז מעהר לייט פאר דיין פאטער, דוא דארפסט דיך איצט מיחס זיין מיט זיין גרויסען כבוד און גדולה מעהר אלס מיט דעם קליינעם כבוד פון דיין פאטער!..." איך קאן מיט דיא מענשען ניט רעדען און ניט קריגען זיך מיט זיי, אבער דיר זאג איך: ווען ר' פנחס'ל זאל נאך הונדערט מאל גרעסער און בעסער זיין אלס ער איז, מיין פאטער וואר געווים בעסער און ביי גאט ליעבער און טהייערער אלס ער! זיין עהרע וועט מיין יחוס זיין און בלייבען ווי לאנג איך וועל לעבען, ר' פנחס'לס טרייהייט און זארג וויל איך ניט, און גאט זאל מיך אבהיטען צו איהם אנצוקומען!....

מיינע מוטער, משה'לע, פיהלט ניט אזוי, ניט גענוג וואס זי אליין האט דעם ליעבען פאטער פערגעסען, פערלאנגט זי אבער דאס מיר, זיינע קינדער — זאלען איהם אויך ניט דערמאנען... זי זאגט און שווארט אפט, אז נור צו ליעב דעם, זיא זאל אונז, איהרע יתומים, קאנען גוטס טהון, האט זי דעם רבי'נס רצון נאכגעגעבען און איינגעווילינט ר' פנחס'לס כלה צו ווערן. פאר וואס זאל איך איהר עס ניט גלויבען? איז דען דא א מוטער אין גאנצער וועלט, וואס וויל ניט איהרע קינדער

גליקליך מאכען! איך קען מוטערס, וועלכע אפפערן זיך פאר זייערע קינדער, און טהוען אמאל אזוינס וואס זיי וואלטען עס פאר זיך זעלבסט ניט געטהון. פאר וואס משהל'ע, זאל איך ניט גלויבען, אז מיין מוטער מיינט מיט דעם ווירקליך נור אונז גוטס צו טהון?

איך גיב מיר מיה צו גלויבען אזוי, און מיר געלינגט אפט; דאן וויל איך אויף איהר האלז פאלען מיט טהרערן און מיט קושען זיא מחילה בעטען פאר מיינע זינדיגע געדאנקען, קוים אבער קום איך צו צו איהר און זיא הייבט אן מיר צו ערצאהלען פון דעם גרויסען כבוד און גדולה וואס זי האט שוין געהאט און האפט נאך צו האבען אין רבינ'ס הויף, ווי ער, ר' פנחס'ל איז דארט מעהר תקיף ביי דיא חסידים ווי דעם רבינ'ס קינדער אפילו, ווי אלע וועלן מוזען איהר דעה אננעהמען; דאן דאכט מיר, פיהל איך אקאלטען ווינד וואס בלאזט פון מיין מוטערס הערץ אין מיין הערצען אריין, מיינע טרייע אוןווארעמע קינדערפפליכט אין מיר אבצוקיהלען, — און די טרייע ווארטער, וועלכע איך האב אין דער מינוט געוואלט איהר זאגען פאלען צוריק פון מיין צונג אין מיין הערצען אריין און דארט פרעסען זיי מיין ברוסט ווי שטיינער שווערע. איך קאן קיין צארטליך ווארט אויסרעדען און בלייב א שלעכט קינד, אאונגעטרייע טאכטער צו מיין טרייע ליעבער מוטער!.....

צו אונז קומט נאך אן די רוסישע צייטונג, דיזעלבע וועלכע דו פלעגסט מיט מיר לעזען. ווען איך לעז די צייטונג ווילט זיך מיר אפט דו זאלסט דא געבען מיר זיין און מיר ווידער ערקלארן פיעל זאכען וואס איך פערשטעה ניט אין זיי, חאטש איך לעז איבער צו עטליכע מאל. ניט לאנג האבען די צייטונג ערצאהלט פון א געוויסען דאקטאר פעלדמאן וועלכער קאן מיט זיין קוק, אדער מיט זיין האנד א שלאף ארויפווארפען אויף א מענשען, און דער שלאפענדער מוז אלץ טהון וואס נור פעלדמאן הייסט איהם. מען שרייבט: ער קאן מאכען אז דערזעלבער אויב ער איז קראנק — זאל אלע זיינע קראנקהייטען פערגעסען, ער שטאכט דורך א נאדעל דורך דעם קראנקענס פלייש און דיזער פיהלט ניט, ער הייסט אויך א אלטען מאן גלויבען אז ער איז נאך א קליין קינד, און דער אלטער פערגעסט אז ער איז אלט; ער גיט איהם א שטעקען, שרייבט מען, און הייסט איהם רייטען וויא אויף א פערד, און דער אלטער מיינט ווירקליך אז דאס איז א פערד און רייט דארויף מיט אלע בעוועגונגען ווי מען רייט אויף א ווירקליכען פערד, מיט איינעם ווארטע, איך לעזע איצט גרויסע וואונדער פון דעם וואונדערליכען פעלדמאן. איך וויים ניט ריכטיג, אויב אלץ וואס מען שרייבט וועגען דעם איז אמת, מיר ווילט זיך גלויבען. בעטראכטענדיג יעטצט ווי די ליעבע מוטער איז געווארן צו מיר און צו איהרע קליינע, נאך גאר אונשולדיגע יתומימלעך זייט דעם זי איז אלס ר' פנחסלס כלה פון רבינ'ס הויף געקומען, דערמאנט זיך מיר ניט וועלענדיג די וואונדער פון דעם פעלדמאן. זאג דו מיר, משהל'ע, ווי קאן א מוטער פלוצלונג קאלט ווערן צו איהרע קינדער וועלכע ליעבען זי ווי אלע מאל? ויא קאן א פרוי אזוי גיך פערגעסן איהר טרייען ליעבען מאן וועלכער איז ערשט ניט לאנג געשטארבען?

זאג זיך דיר וואס דוא ווילסט, איך גלויב, אז דארט ביים רבין אין הויף האט

עפּים וואס גלייך איז דערצו מיט מיינער מוטער געטראָפען: אָהן איהר איינגענע־ווילען געווים, האָט מען אויף איהר אַ שלאָף אַרויפגעוואָרפען. איהר געהייסען פערגעסען איהר ערשט געשטאָרבענעם מאַן, איהר שטרענג פערזאָגט, זי זאָל זעלבסט איהרע נאָך לעבעדיגע יתומים ניט דערמאָנען, מען האָט איהר אַ ר' פּנחסלען בעוויזען אונ איהר געהייסען גלויבען, אַז ער איז שאָנער, בעסער אונ ליעבער אַלס דער, וועמען זי קלאָגט... יאַ, דאָס וואַר נאָך פאַר זיי ווייניג האָבען זיי איהר איינגערעדט, אַז זי איז נאָך אַ יונג קינד אונ זיא מאָג נאָך מיט קינדער אין לאַלקעס שפּילען... דען זייט זי איז פון דאָרט געקומען פערברענגט זיא געלד אונ צייט אויף ניט נויטהיגע קליידער אונ צירונג, אויף חסידים וואָס עסען אונ טרינקען ביי איהר, אויף מתנות דעם רבינ'ס שניר אונ טאָכטער. איהר ליאַלקע איז: דער ניכטס ווערטהער כבוד וואָס חסידים אונ שכורים זאָגען: "חיע'לע איז אַ לייטישע אשה, זי איז ווערטה ר' פּנחס'לס ווייב צו ווערן!"

גוט, משה'לע, וואָס איך ערקלער מיר אַזוי, ווייס גאָט וועלכע שלעכטע געדאַנקען עס וואָלטען זאַנסט מיין הערץ פּייניגען. איצט אָבער, אַז איך טראַכט אַזוי, איז דיא מוטער מיינע אונשולדיג. מענשען וואָס האָבען אַזאַ קראַפט איינצו־שלעפערן אונזער פערשטאַנד, אונז איינצורעדען אַזעלכע זאַכען וואָס נוטצען צו זייער פּלאַן, האָבען אויף איהר געווירקט אונ זי טהוט איצט אַלץ וואָס זי טהוט ניט מיט איהר איינענעם ווילען, אָבער מיט דער מאַכט פון רבינ'ס הויף אונ זיא ווייס זעלבסט ניט וואָס זיא טהוט. איך האָב מיטלייד מיט איהר, איך זעה זיא שלאָפט אונ חלומט פּילייכט אַ שווערען חלום, איך בין אָבער איהר קינד, אונ מען האָט מיך געלערנט אַ מאָל: מען טאָהר אַ מוטער ניט אויפוועקען ווען זי שלאָפט.....

אָ, איך קאָן נור גאָט בעטען, דיזער שלאָף זאָל זיך גיך ענדיגען, אונזער מוטער'ס הערץ זאָל צוריק ערוואַכען פאַר איהרע עלענדע יתומים'לעך... דאַס דיזעס הערץ וועט אַ מאָל ערוואַכען אונ צוריק אַוועק געגעבען ווערן וועמען עס געהער, בין איך אַזוי זיכער, ווי זיכער איך בין, דאָס נאָך נאַכט מוז ווידער טאָג ווערן, אָבער נור גאָט ווייס וויא לאַנג דיזע נאַכט וועט זיך נאָך ציהען אונ וואָס וועט אין דער פינסטערער צייט מיט אונז געשעהן? וויפיעל טאָג אונ טייבען, וואַסערן אונ צייטען וועלן ביז איהר ערוואַכען אַריבערגעהן, אַוועקשווימען, אונ וואָס וועלען דיזע טאָג אונ טייבען מיט זיך אַוועקטראָגען דאָרט אַהין פון וואַנען זיי קומען שוין ניט קיינמאָל צוריק?...

זאָג מיר, משה'לע, דו פערשטעהסט דאָך דאָס בעסער פאַר מיר, איז דאָס טאַקי אַלץ אמת וואָס דיא צייטונגען ערצעהלען פון דער וואונדערליכער איינ־שלעפערנדע קראַפט וואָס מאַנכע האָבען אין זיך?

איך גלויב אין דעם אונ איך מוז גלויבען, ווייל איך ווייס נאָך זעהר ווייניג וואָס עס טהוט זיך מיט אונזער הערץ, מיט אונזער זעעלע אָדער נשמה, וואָס זיצט אין אונז. בעת דער ליעבער זעליגער פאָטער איז אַוועקגעפאָהרן, גלויב עס מיר, האָט מיין הערץ געפיהלט אַזאַ אַנגסט, וואָס איך האָב ניט געוואוסט, ווי זיך צו ערקלערן, איך האָב מעהר ווי אַלע מאָל נאָך איהם געבאַנגט, צייטענווייז פלעג איך

אויך וויינען, אונ פלעג זיך פרעגען: וואס וויין איך? אונ צו וויינען פון דעסט־וועגען ניט אויפהערען. משה'לע, האט דען מיין הערץ דאמאלס ניט געוואוסט, דאס דער ליבער פאטער וועט ניט צוריק קומען? איך גלויב: דאס הערץ, אדער די זעעלע מיינע האט געפיהלט אונ געוואוסט. נור איך זינדיגע האב די שפראכע דער זעעלע ניט פערשטאנען אונ האב ניט געוואוסט וועלכע שלעכטע בשורה זיא זאגט מיר אן. יעטצט פיהלט דאס הערץ, נעגען מיין ווילען, איינע דריקענדע קאלטקייט אונ פרעמדקייט צו מיינער מוטער, חאטש זי האט מיר נאך קיין שלעכטעס ניט געטהון, זעלבסט מיט א שלעכט ווארט ניט בעליידיגט אונ איך פרעג מיך אפט: וואס וויל מיין הערץ פון מיין מוטער? בין איך דען באמת אזוי שלעכט דער ליבער מוטער איהר גליק ניט צו פערגינען? ניין! איך פערגין איהר אלע גליקען פון דער וועלט. אונ דענאך רוהט דאס הערץ מיינס ניט אין מיר!... ניט אנדערש, דאס הערץ מיינס מוז פיהלען, דאס דער מוטערס הערץ איז איהם ניט אזוי ווארעם, ניט אזוי טריי וויא פריהער דאריבער איז עס אזוי אונרוהיג, אזוי אונצופרידען...

דו וועסט זאגען: מיין פערשטאנד האט דא שולד אונ ניט דאס הערץ, אונ וועסט מיר ערקלארען: ווייל איך ווייס דאס דער מוטערס הערץ איז יעטצט פערנומען מיט ליעבע צו דעם כבוד פון רבינ'ס הויף, אונ אפשר מיט פרויען ליעבע צו ר' פנחסלען, אונ איין ארט אייפערזוכט פייניגט מיך, מיך פערדריסט וואס מיין געליבטער פאטער איז פון איהר אזוי גיך פערגעסען געווארען; אבער מיט וואס וועסטו מיר ערקלארען, וואס זעלבסט די קליינע קינדער, וועלכע האבען נאך קיין בעגריף ניט פון דער אונגערעכט וואס אונזער מוטער טהוט אונז, ווי קומט עס, אז דיזע אונשולדיגע קינדער בעפרעמדען זיך פון איהר איצט, שאמען זיך כמעט פאר איהר, ענטלויפען פון איהרע קושען אונ פרעהען זיך ניט מעהר מיט איהרע מתנות? אונ וואס מעהר זיי דערווייטערן זיך פון איהר דאס נאהענטער קלעבען זיי זיך צו מיר. זיי קושען מיינע האנד אפט מיט שטומע טהרערן אונ איך מוז מיינע טהרערן פון זיי בעהאלטען אום מיט מיין וויינען זיי ניט נאך מעהר צו בעאנגסטיגען?

יא, משה'לע, דעם מענשענס הערץ, אדער זעעלע אין איהם האט איין אייגען צארט געפיהל אונ ווייס פריהער פאר אונזער פערשטאנד, פאר וואס זשע זאל איך ניט גלויבען אז עס גיבט אזא זעעלען קראפט וואס קאן דעם צווייטענס פערשטאנד איינשלאפערן ער זאל מעהר ניט האבען א אייגענעם ווילען נור ער זאל אלץ טהון וואס יענעם געפאללט?...

אז איך וואלט אט דיזע מענשען זעהן, וואלט איך ביי זיי בעטען: זיי זאלען אלע אונגליקליכע איינרעדען, דאס זיי זענען גליקליך, אלע אונצופרידענע — צופרידען זיך פיהלען, א, איך וואלט פאר זיך נור בעטען: דאס זינדיגע אונ פיינליכע געפיהל פון מיר ארויס טרייבען וואס מיין הערץ פיהלט יעטצט נעגען מיין מוטער... זאג ניט, אז דאס איז א ליגען, איך זעה דיזע מענשען אפט פאר מיינע אויגען, אונ נאך מעהר צו בעוואונדערן איז, דאס זייערס א ווארט ווירקט ניט נור אויף איינעם אבער אויף גאנצע טויזענדער מענשען, זעלבסט פון ווייטען פערלירט זייער ווארט זיין כח ניט אונ טהוט וואס זיי ווילען!...

יז געדענקסט דאך משה'לע, דעם קינדערשען מלמד, דאס ארעם אונ עלענד יודעלע שימעלע קבצן, אדער שימעלע פלוט ווי מען האט איהם ביז איצט געקענט. דיזער שימעלע האט אויסגעפיהרט דעם שדוך פאר ר' פנחס'לען מיט מיין מוטער. מען זאגט, אז דער רבי זאל לעבען איז מיט דעם זעהר צופרידען געוועזען אונ האט דערפאר שימעלען געבענשט: ער זאל זיין א מוצלח אין אלע שדוכים וואס ער וועט דער שדכן זיין, אונ ווייסטו ווי דיזע ברכה איז אן איהם מקוים געווארן? ביי אונז וועט שוין באלד קיינער אהן א חתן אדער אהן א כלה ניט בלייבען. ער דארף נור אריינגעהן פארלעגען עפים א שדוך אונ מען מאג שוין זיכער זיין עס וועט אויך באלד א תנאים ווערן, זעלבסט זיין אייגען קינד האט ער גליקליך פערשדכנט; קיין משוגענער אפילו וואלט ניט געוואגט צו קומען צו א יוד א נגיד חאטש א אלמן, א בעל משפחה ווי ר' הערש לייבעלעס. אונ איהם פארלעגען הופה צו האבען מיט ר' שימעלעס טאכטער. וואס האט אפילו קיין גאנצע שיך ניט געהאט אויף איהרע פים; איהר פאטער שימעלע, פערזיכערט מיט דעם רבינ'ס ברכה, אז ער איז א מוצלח, האט דאס געוואגט אונ האט ווירקליך מצליח געוועזען. מען זאגט, אז ר' הערש לייבעלעס שאצט זיך גאר גליקליך מיט דעם שדוך, איך זעלבסט בין האכטס צופרידען וואס דאס ארעם מאדעל וועט מעהר ניט אזוי פיעל ליידען דארפען ווי ביז איצט, נור מיר איז נאך אלץ א פראגע: האט ווירקליך דעם רבינ'ס ברכה געווירקט, ווייל א ברכה פון אזא צדיק מוז מקוים ווערן, אדער די אמונה פון זיינע חסידים אין איהם האט געווירקט אויף דער ברכה, זיא זאל ניט בלייבען א פוסט ווארט ארויסגערעדט, וויא ערגעץ א ברכה פון א בי וועמען?...

איך וואלט אויך וועלן וויסען: צו ווירקט דעם רבינ'ס ברכה נור אויף שימעלען, ער זאל זיין א מוצלח? דאס הייסט: זיין גוט געשאפט זאל איהם מצליח זיין אונ די שדוכים וואס ער האט אויסגעפיהרט אונ וועט אויספיהרן מאגען דערנאך זיין ניט גליקליכע אונ ניט פאסענדע, אבי ער זאל זיינע שדכנות האבען, אדער זעלבסט דיא שדוכים זאלן אויך געבענשט זיין מיט דער זעלבער ברכה וואס ער, שימעלע, איז מיט איהר געבענשט?

אויפריכטיג זאג איך דיר, דאס מיך בעאונרוהיגט זעהר דיזע פראגע: דער זעלבער ר' שימעלע האט שוין פון מיין מוטער זיינע שדכנות אבגענומען, ער האט שוין מצליח געוועזען, אונ ווי אויך ביטער מיר איז, וואס זי וועט איינעם פרעמדען אנגעהארן אונ די ליעבע עראינערונג פון מיין זעליגען פאטער וועט דורך דעם ביא איהר פערגעסען ווערן, איז זי דענאך מיינע ליעבע מוטער, אונ איך וויל, זיא זאל זעלבסט פאר איהר צווייטען מאן גליקליך זיין.. איך וויל אויך: דעם רבינ'ס ברכה זאל ניט זיין א ברכה פאר דעם ארעמען שימעלען אונ חלילה א קללה פאר פיעל יונגע קינדער וואס זיין קרומער שכל אונ פלוטישע צונג וועט זיי צוזאמענפארן ... אט פאר וואס מיך בעאונרוהיגט אזוי דיזע פראגע!.....

יא, ליעבער פריינד, דער שימעלע האט שוין מעהרערע מאל מיר געזאגט, ער וועט מיר אויך איינטהיילען א שטיק פון זיין הצלחה אונ מיר געבען א חתן איינעם אין גאנצער וועלט, אבער דער איינער אין גאנצער וועלט ביזטו, מיין ליעבער

משה'לע... און קיין צווייטען צו דיר ווי' איך גיט קענען, ניט וויסען!... אומזיסט שימעלע, וועט דיין רייד זיין! מיין פרייער ווילען אויף זיך איז פיעל שטארקער אלס דעם רבינ'ס ברכה... א, ליבער משה'לע, דאס הערץ זאגט מיר: איך וועל פון איצט ניט נור מיט מיין מוטער אליין מוזען קאמפפען אבער אויך מיט דעם רבי'ן, זאל לעבען, מיט זיינע לייט און מיט זיין ברכה!...

ניט זארג, לערן אונגעשטארט, גאט איז מיט מיר! איך האב נאך ניט געהארט, מען זאל א יודישע טאכטער און נאך א יתומה איבער געוואלד צו דער חופה פיהרן!...

מיין ברודער מאטעלע, פרעגט מיך כמעט יעדען טאג: ווען וועט שוין משיח קומען? א מאל אנטווער איך איהם: ווען גאט וועט וועלן! א מאל — איך וויים ניט!... אבער דיזע אנטווארט בעפרידיגט איהם ניט און פרעגט אויף מארגען ווידער: רחל'ע, ווען וועט שוין משיח קומען?" וואס ווארטסטו אזוי אויף משיח'ן? האב איך היינט געפרעגט אז איך האב שוין ניט געהאט וואס איהם אויף זיין דרינגענדע פראגע צו אנטווערן — אז משיח וועט קומען, האט דאס אונשולדיג קינד געאנטווערט, וועט דאך זיין תחית המתים וועט אונזער גוטער טאטע לעבעדיג ווערן. אך, רחל'ע, ווי וויל איך אז משיח זאל שוין קומען!..." וואלסטו נור געהערט, ליעבער משה'לע, מיט וועלכע הערצענספיין און באנגען דאס עלענד קינד האט עס געזאגט, א, דוא וואלסט דאמאלס, ווי איך — דיינע מוהרערן געשלונגען, דיא פערוויינטע אויגען אויפגעהויבען צום הימעל און דיינע ליפפען וואלטען די ווארטער ארויסגעשטאמעלט: גאט, ווען וועט שוין משיח קומען?!....

ענטשולדיגע, משה'לע, וואס איך האב מיין ברודער'ל ניט געוואלט טראסטען מיט א לאנגער, לאנגער האפנונג... און האב איהם געזאגט: משיח וועט קומען, מאטעלע, ווען אונזער ליעבער שוועסטערקינד משה'לע וועט צו אונז צוריק קומען. דאן וועט אויך אונזער געשטארבענער פאטער לעבעדיג ווערן און דוא, מיין ברודער'ל, וועסט צוריק דיין טאטען האבען!... ווארט איך דען ניט אויף דיר, וויא אויף משיח'ן? וועסטו דען ניט א טרייער פאטער וועלן זיין דיזע עלענדע יתומים'לעך, וואס מיין גאנצעס לעבען העננט אן זיי?... ניט נור איך האף און ווארט און בעט גאט דו זאלסט גיכער קומען אבער אויך מיין ברודער מאטעלע, האפט און בעט גאט ער זאל דיך וואס פריהער ברענגען אהיים. ווי קאן גאט דיזע אונשולדיגע פרומע געבעט ניט צוהארן? ווייס זשע, משה'לע, אז ווען דוא וועסט קומען צו מיר, וועסטו אויך א משיח זיין, א פאטער א טרייער צו דיא, וועלכע זענען אהן דיר, חאטש ניט ארעמע אבער דאך עלענדע יתומים'לעך... דערנאך, בעשוואר איך דיך, ניט פריהער צו קומען איידער דו קאנסט און מאנסט קומען. יא, איך פערשטעה ערשט, וויא נאטהיג דיין שטודירן איז זעלבסט צוליעב דעם, די עלענדע יתומים א טרייער פאטער צו זיין...

איך האב דיר אזוי פיעל אין דעם בריף דיין קאפ אנגעדולט, און האב דיר כמעט גאר ניט ערצעהלט, ניט פון מיינע ברידערלעך און ניט פון מיין ליעבען שוועסטערל, ניט פון אונזער פעטער, ניט פון דער מוהמען אונזערע, כמעט פון איינעם לעבען און אנגעלעגענהייטען גאר ניט ערצעהלט; אבער דו אליין האסט

מיך געבעטען איך זאל דיר נור אויסשרייבען וואס ביי מיר אים הערצען געהט פאר. אונ דיזעס הערץ קאן נור אפען זיין פאר דיר, אונ איך קאן וועגען אנדערע זאכען מיט דיר ניט רעדען!... פערצייהע מיין פיעל שרייבען, איך שוויינ פיעל מעהר אלס איך רעד. איך שרייב נור דאס וואס רייסט זיך זעלבסט פון מיין צוריסענעם הערצען ארויס.. נעהם צו מיין בריוועלע אזוי ווי עס איז געשריבען, איבער צושרייבען האב איך אזוי פיעל צייט ניט אונ גערולד נאך וועניגער. אנטוועהר ליבער פריינד, ערקלאר אונ לערן גוט זיין דיין רחל'ען".

— צו וואס, מיין טאכטער בלענדסטו דיינע אויגען אונ שרייבסט אזוי שפאט ביי נאכט? האט די אלטע פיגע געפרעגט, אז זי האט זי שרייבענדיג געפונען אין דעם אבענד.

— זאגט מיר פיגע, האט רחל'ע זעהר פערטראכט אויסגערעדט, זאגט מיר, בין איך ווירקליך אלטער געווארן זייט דעם מיין ליעבער פאטער איז געשטארבען?

— אודאי מיין קינד ביזטו עלטער אונ ניט יונגער געווארן, האט דיא אלטע געאנטווערט, אז מען לעבט איבער א טאג ווערט מען עלטער מיט א טאג, מיין ליעב קינד!. אזוי רוקען זיך אונזערע יאהרן אוועק. דאכט זיך איין טאג. וואס איז א טאג?

— ניין פיגע, אין יאהרן גאנצע פיהל איך מיך עלטער איצט, האט רחל'ע ערקלארט, איך פיהל מיך ניט מעהר אזוי קינדיש אונ נאכגעגעבען וויא איך בין ביז איצט געוועזן. ניט אמת פיגע, א מענש קאן גאר פלוצלונג אלט ווערן?

— יא מיין טאכטער, האט פיגע אויסגעזיפצט, אפט מאכען צרות א מענשען אלט פאר דער צייט. זייט דיין ליעבער פאטער עליו השלום, איז אונז אבגענומען געווארן, האסטו פיעל אויסצושטעהן, דוא בעקלאגסט דיך ניט אבער דיין יונג הארץ פיהלט אונ ווערט געפרעסט אלע ווייל'ע, גלויב מיר. ווי איך וויין אונ טראג יסורים פון דעם וואס דיין הארץ ליידט, דאנק איך פונדעסטוועגען גאט דעם לעבעדיגען, וואס ניט דיר א טראסט אין דיין אייגענעם שכל אלץ צו קאנען אריבער טראגען אונ פאר גוט אנגעהמען, איך פרעה מיך אז איך רעד איצט מיט דיר אונ איך זעה אז דוא ביזט א צייטיגער מענש — ניט א קינד, ניט א נאכגעגעבען אין וואוילטיג אויפגעצויגען קינד, וויא דער טאטע דיינער האט דיך געלאזען... פערלאז זיך, מיין טאכטער, אויף גאט, נעהם אן פאר גוט אלץ וואס עס קומט פון זיין האנד! ער ניט דיא קאלט נאך די קליידער נאך!....

— אונ ער גיט אויך די קליידער נאך די קאלט נאך!... האט רחל'ע צוגעלעגט. אך, וואלט איך נור ריכטיג וויסען, אז אלץ וואס עס טהוט זיך איז עס מיט זיין ווילען!... ווי אפט אבער בעגעהען מענשען א זינד, וואס זייא פערשטעהן זיין גוטען ווילען ניט אונ טהוען פונקט פערקעהרט!... פיגע, זינדיגען דען מענשען אויך מיט גאטעס ווילען....

— דעם זינדיגען שטראפט ער, האט פיגע געאנטווערט. זיי, מיין קינד, פרום אונ גוט, גלויב איהם, אז ער טהוט דיר גוטס אפילו בעת דוא זעהסט די גוטס ניט... וואס ווייסען מיר זינדיגע, איהם קשיות צו פרעגען? פרעג ניט, נור האב אמונה אין איהם אז ער איז גערעכט!...

קום אריין צו מיר אין קיך וועסטו זיך א מוסר אראפנעהמען, אז דוא וועסט זעהן ווי ער פיהרט זיך מיט רחמים אפילו מיט חיות אונ עופות אויך: דיא הוהן מיינע האט הינדעלעך אויסגעזעסן, ווי לאנג זיי זענען נאך קליינע געוועזען, איז די אלטע הון זיי א געטרייע מוטער געוועזען, זי פלעגט מיט איהר שנאבעל די ברעקלעך ברויט זיי צוברעקלען זיי זאלען מיט זייערע קליינע פיסקעלעך קאנען אראפ שלינגען, אונטער איהרע פליגלען פלעגט זיא זיי ווארימען אונ שלאפען לעגען, איצט, אז זייא זענען אונטער געוואקסען אונ קאנען זייער חיונה אליין זוכען אונ געפינען, לאזט זי זיי שוין גאר צו זיך ניט צו; עס איז א רחמנות צו צוקוקען, ווי זי פיקט זיי אין קאפעלע, אז זייא געהן צו נאהענט צו איהר. נו, זעהט מען דען ניט דעם רבונו של עולם'ס השגחה דארין ווי אין אלץ? וויא לאנג זיי האבען נאך אליין זייער וועלטעל ניט געקאנט בעשטעהן, האט דער, וואס איז א נותן לחם לכל בשר, א געפיהל פון טרייהייט אין זייער מוטערס הערץ אנגעצונדען, זי זאל פאר איהרע קליינע פיסקלאטעס זארגען, זיי זאלען קאנען א תקומה האבען, איצט אז זיי קאנען שוין זייער וועלטעל כמעט אליין בעשטעהן האט ער דאס געטרייע געפיהל צוריק אויסגעלאשען אונ דיא קינדערלעך מוזען זיך אליין זוכען יעדעס ברעקעלע, יעדעס גרייפעלע.

יא מיין טהייער קינד, האט דיא אלטע ווייטער גערעדט, ווער קאן וויסען צו וואס האט ער, דער וואס איז גוט אונ גערעכט, צוגענומען פון דיר דיין געטרייען טאטען, דיין פארזארגער? ניט אומזיסט האט ער איצט דיין שכל אין דיין יונגען קאפעלע אלט אונ געניט געמאכט! ער מיינט דערמיט: דוא זאלסט אליין פון איצט אנהייבען דיין וועלט צו לעבען, אליין זיך זוכען אונ געפינען וואס דיר טויג!... דו האסט, מיין טאכטער, פון איצט אויף קיינעמ'ס הילף ניט צו ווארטען, נור פריהער אויף גאטעס חסד דערנאך אויף דיין אייגענעם שכל!... צו איהם, צו דעם וואס לעבט אייביג האף איך, אז דיין שכל וועט דיך ניט ראטהען טהון וואס איהם געפאלט ניט חלילה; טהו מיין קינד, וואס דיר געפאלט, נור דערפאר ביזטו אין שכל, אהן א עין הרע, מיט צעהן יאהר עלטער געווארן וויא דו זאגסט!

אז די אלטע איז ארויס געגאנגען, האט זיך רחלע טיף פערטראכט, יא איז ווירקליך קיין אונטערשיד ניטא פון א עוף ביז א מענשען? האט זיא זיך געפרעגט. דארף איך פון פייגעס הוהן א משל אראבנעהמען וויא ווייט דיא ליעבע פון א מוטער דערגרייכט צו איהרע קינדער? ניין, א מענש דארף האבער, בעסער אונ קלוגער זיין אלס ערגעץ א חיה אדער א עוף. אז ניט, טא וואס זשע איז דעם מענשענ'ס יחוס? מיט וואס שטעהט ער זאנסט האבער פון יעדער חיה אונ עוף? ניין, אזא מיינונג וויא פייגע, האב איך פון מיין מוטער ניט!....

חלק ד׳

א.

אין ווינאגראדקע איז פרעהליך. אין ווינאגראדקע איז יום טוב׳דיג. אין ווינאגראדקע איז א אורח געקומען! א אורח אין רבינ׳ס הויף איז קיין נייעס ניט אפילו. נור א אורח צו א אורח איז ניט גלייך זעלבסט אין ווינאגראדקע וואס האט אורחים גענוג אונ זעלבסט ביי חסידים וואס ביי זיי זענען אלע גלייך... עס קומען צעהנדליגער אורחים יעדען טאג. קיינער ווייס ניט פון זיי. קיינער פרעהט זיך מיט זיי. זיי קומען, לאזען אנשרייבען א קוויטעל ביי ערגעץ א גבאי, גיבען עטליכע גילדען, געהען צום רבי׳ן אריין, לעגען זייער פדיון, הערנאוים זיין עצה אדער זיין ברכה, געהען ארויס, כאפען עטליכע טרונק בראנפען אדער עטליכע פעטש אונ פאהרען אוועק מיט דער זעלבער וועג אונ ארעמקייט ווי זיי זענען געקומען; נור עס זענען דא אזעלכע אורחים וואס אויף זייער קומען ווארט מען, אז זיי קומען ווערט פרעהליך אונ זעלבסט זייער אוועקפאהרן איז א יום טוב. אזא אורח איז איצט געקומען, אזא אורח איז ר׳ העניך בארסקי געוועזען אלע מאל אונ היינט נאך מעהר.

אמאל איידער ר׳ העניך האט זיין גרויסער אומעניע (גוט) געקויפט, איידער ער האט צום רבי׳ן אנגעהויבען פאהרן אונ איידער ער איז ביי איהם א גרויסער חסיד געווארן, האט ר׳ העניך געהייסען: „העניך חלאפ״. נור דאס איז אמאל געוועזן, שוין גאנץ לאנג צוריק. איצט איז ער רייך, איצט איז ער א חסיד, איצט האבען פון איהם א גרויסע הנאה, דער רבי מיט זיינע קינדער, ר׳ פנחסל מיט זיינע אונטער גבאים, אונ עס פרעהען זיך מיט איהם זעלבסט אלע אורחים חסידים וואס געפינען זיך צו דער צייט אין ווינאגראדקע, ווארום ר׳ העניך האט אויסער געלד א סך, אויך א האנד א אפענע אונ עס פעהלט קיין משקה ניט, מען גיסט זיך מיט וויין פון א סימן ברכה וועגען, ר׳ פנחסל איז פרעהליך, דער רבי איז אויפגערוימט אונ חסידים זענען שכור, מען זינגט, מען טאנצט אונ ווינאגראדקע איז פרעהליך יום טוב׳דיג...

איצט הייסט ער: „ר׳ העניך בארסקי״ אונ זיצט ביים רבינ׳ס טיש א דריטער פון איהם זאל לעבען. ער האט דעם ארט זוכה געוועזען ניט מיט דעם זכות פון זיין תורה, וועלכע ער האט קיינמאל ניט געלערנט, ניט מיט זכות אבות וואס ער האט זעלבסט אויפן בית עולם ניט געהאט, נור דורך דעם זכות פון שאנע עטליכע הונדערטער רובעל וואס ער האט א געפאלענעם חסיד געצאהלט פאר זיין חזקת

אַדריטער צו זיטצען פון איהם זאל לעבען. ר' פנחס'ל איז דער מעקלער געוועזן אין דער קניה און האט מעקלעריי פערדינט אַ גראָב קערבעל פון ביידע צדדים. פון יענעם טאג איז ער טאקי רייכער און רייכער געוואָרן און האט געגלויבט אַז דער אָרט האט איהם זיין הצלחה גורם געוועזן און פאר וואס זאל ער זיך ניט לאָזען ערקענען?

ניט שטאַנדיג אָבער פלעגט וויגאַראַדקע דאס גליק האָבען דעם טהייערן אורח ביי זיך צו האָבען. ר' העניך האט גרויסע עסקים געהאט און נור ביי אַ גיט געוואָהנליכער געלעגענהייט האט ער זיך געקאנט אָבבייסען צו פאָהרן און זיין טהייערן אָרט, אַדריטער פון איהם זאל לעבען צו פערנעהמען; נור ר' פנחס'ל פלעגט זעהר אָפט אריבער פאָהרן צו איהם, אין זיין אימעניע אָבזיטצען עטליכע טאג, תורה זאָגען, עצות געבען, צונעהמען אַ פדיון און קומען צוריק אַ פולער פון כל טוב.

מיט אַ יאָהר צוריק איז ר' העניך'ס געפדיונ'ט בן יחידל מענדעלע געפאהרליך קראַנק געוועזן. ר' העניך האט ר' פנחס'לען—וועלכער איז דאמאלס ביי איהם געוועזן—דערלאַנגט אַ פדיון, ער זאל תיכף אַוועק פיהרן צום רבי'ן, ער זאל מתפלל זיין מענדעלע זאל לעבען. ר' פנחס'ל האט איבערגעצאָלט דאס געלד און אַז ער האט דערזעהן אַז מעהר ווי אַכצעהן רובעל פדיון האט ר' העניך ניט געגעבען, האט ער דאס געלד צוריק אויפן טיש אַוועקגעלעגט און אַ ביטערן קראַכץ געטהון. וואס קראַכצט איהר, ר' פנחס'ל? האט העניך מיט שרעק געפרעגט, ער האט געמיינט: ר' פנחס'ל זעהט שוין דעם מלאך המות איבער מענדעלען און דערפאר וויל ער זיין פדיון ניט נעהמען.

אַ טעות גמור, אַ מעשה שטן האט עס געמוזט זיין, האט ר' פנחס'ל געאַנטוואָרט: וואס מען האט די הנחה געלעגט אַז "חי" איז טייטש לעבען און "מות" איז טייטש טויט — באמת איז נאָר פערקעהרט על פי קבלה, מות איז טייטש: לעבען, און חי איז—טויט. אַ פדיון צום לעבען מוז זיין כמספר "מות", וואס דאס איז תמ"ו קערבלעך, טאקי פיער הונדערט זעקס און פיערציג רובעל, און טאקי דאס מיינט דער פסוק: וצדקה תציל ממות. ווען איז די צדקה מציל ממות, דאס הייסט: ווען העלפט דער פדיון? אַז מען גיט צום לעבען: ניט ממספר חי וואס דאס איז בסך הכל אַכצעהן נור ממות וואס דאס איז פיערהונדערט זעקס און אַכציג קערבליך. נור אייך ר' העניך, זאג איך עס, און אויך בסוד, אַז טאקי נור דאריבער טרעפט אַז מענשען שיקען פדיון חי קערבליך צום לעבען און דער פדיון העלפט ניט, ווייל חי קאן ניט העלפען צום לעבען ... ממות, אָט דאס איז דער אמת'ר פדיון צו לעבען!... איך קראַכץ דאריבער, ר' העניך, ניט ווייל איך רעכען אייך חלילה פאר אַ קאַרגען, איך ווייס אַז פון אייער מענדעלעס וועגען וועט אייך ניט צו טהייער זיין אַ פדיון פון תצ"ב קערבלעך ווי דער מספר ממות בעטרעפט, אָבער איך קראַכץ, וואס ניט אַלע ווייסען דעם טעות און שיקען נור ח"י אַזא פדיון וואס קאן ניט העלפען. דערפון קומט אַרויס וואס דער עולם ווערט שוואך אין אמונת צדיקים. זיי ווייסען ניט אַז דער רבי זאל לעבען איז גאָר ניט שולדיג וואס יענער שטארבט חאָטש ער האט אַ פדיון ח"י קערבלעך צוגענומען צום לעבען. דער איינציגער טעות איז, וואס מען טייטשט: בן אַ זוהן און בת אַ טאָכטער. — באמת איז פונקט דער הפך. בת איז בקבלה טייטש: אַ זוהן, און בן איז

אַ טאָכטער. ווייל מען זוכה זיין האָבען אַ זוהן מוז מען געבען ת"ב קערבלעך אונ דאָס מיינט דיא גמרא: בת תחלה סימן יפה לבנים, אז מען גיט אַ פדיון אויף האָבען אַ זוהן דאַרף מען געבען כמספר בת, פיער הונדערט צוויי קאַרבלעך אונ מספר תחילה: פיער הונדערט דריי אונ פופציג, טאַקי תחילה מיט אַ יוד, כדי דער בן הנולד זאָל טאַקי זיין אַ יוד, אַ יוד אַ כשר'ר מיט אַלע מעלות המשובחות.

ר' הענך האָט געגעבען כמנין ממות זיין בן יחיד זאָל געזונד ווערן, ר' פנחס'ל האָט דעם פדיון צום רבי'ן זאָל לעבען אַוועק געפיהרט. דער רבי האָט מסתמא מתפלל געוועזען אונ דעם דאָקטאָרס רפואות האָבען געהאָלפען, מענדעלע איז ברוך השם געזונד געוואָרן. דאַן איז ר' הענך אַליין געקומען צו איהם זאָל לעבען אונ האָט איהם פאַר זיין מתפלל זיין געבראַכט אַ מתנה יפה אונ אָנגעהויבען פערלאַנגען פון איהם זאָל לעבען ער זאָל פאַר זיין מענדעלען אויסבעטען זיין בת זוגו אַ בתולה יפה, אַ כשרה יודישע טאָכטער פון אַ פיינעם הויז, זי זאָל איהר חן געפינען אין זיין בן יחידס אויגען, זי זאָל איהם געפאַלען, אונ ער זאָל מעהר פון איהם קיין צער האָבען, וואָס ער פיהרט זיך ניט אַזוי גוט אונ פרום, אונ האָט אפשר צו טהון מיט דעם לעסניצעס טאָכטער.

— האָט קיין דאגה, ר' הענך, האָט ר' פנחס'ל געטרייסט, האָטש איהר האָט מיר ערצאָהלט פון אייער מענדעלען אַזעלכע זאַכען, וואָס אַ מחותן למשל, ברוך פון זיי ניט וויסען... פונדעסטוועגען הלואי האָב איך אַ טאָכטער, היינטיגען טאָג וואָלט איך גאָר אָהן ישוב הדעת מיט אייך מקבל קנין זיין!

אַזאַ געשפרעך איז צווישען זיי פאָרגעקומען מיט אַ האַלב יאָהר פריהער, אונ ר' פנחס'ל האָט באמת אָנגעהויבען טראַכטען וואו געפינט מען פאַר איהם אַ כלה אַ שאָנע אונ פון אַ פיינער פאַמיליע? דורכפאָהרענדיג קליינין האָט ער דאַמאָלס מיטעלען אָנצוהאָרכען געגעבען, אַז ער האָט פאַר איהר רחל'ען אַ חתן אַ גרויסען גביר'ס אַ זוהן; נור צו יענער צייט האָט נאָך ר' לייזער געלעבט אונ ר' פנחס'ל האָט קיין קלאָרע תשובה ניט בעקומען. ער האָט פאַר הענכ'ן אַנדערע שידוכים אָנגעהויבען זוכען, עס האָט שוין געהאַלטען ניט ווייט הענכ'ס מענדעלע זאָל אַ חתן ווערן, נור מענדעלע האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַ גרויסען אויסקלויבער אונ האָט ר' הענכ'ן אָנבאַוועט: דיא כלה געפעלט איהם ניט, אונ אַז זיא געפעלט ר' פנחס'לען, האָט ער געזאָגט, אָדער אַפילו דעם רבי'ן אַליין, זאָלן זיי מיט איהר חתונה האָבען, איך וויל אַ כלה דווקא אַ שאָנע!..

פון יענעם טאָג אָן, האָט ר' הענך פון זיין בן יחיד גרויסע צרות געהאַט, מענדעלע האָט אָנגעהויבען גאַנצע טאָג פערפאַלען צו ווערן אונ ר' הענך האָט איינ-געזעהן וויא נויטהיג עס איז וואָס גיכער איהם חתונה צו מאַכען... מיט יעהר אַ צו-בראָכען האַרץ איז ער איצט געקומען צו איהם זאָל לעבען אונ האָט בעשלאָסען, ניט אַוועקצופאָהרן אָהן אַ תנאים, עס מאַג איהם פדיון קאָסטען האָטש מי יודע וויפיעל.

— געוואַלד ר' פנחס'ל האָט ער געטענה'ט. איהר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט אַ בת פון מיין בן יחיד. ווען וועט שוין אייער הבטחה מקוים ווערן? דערווייל האָב

איך נור צער און צער פון איהם...? גלויבט מיר, איך זיצן דא איצט ביי אייך און דאס הארץ טיינט איז מיר, ווי מען זאגט, אונטערן אייז.

— זארגט ניט, האט ר' פנחס'ל געאנטווערט. נאט אייך אייער קוויטעל און געהט אריין צו איהם זאל לעבען, איך האב מכה אלץ דערמאנט, געהט אריין טאקי שוין, עס איז איצט א שעת הכושר, א עת רצון, איך זעה בחוש די בת זוגו פון אייער בן יחיד!

ר' העניך האט צוגענומען דאס קוויטעל און איז אריין צום רבין. דער רבי האט איהם דערלאנגט זעהר א פריינדליכען שלום עליכם, און האט דאס קוויטעל מיט א שאנעם פדיון צוגענומען.

טהיילט צדקה, ר' העניך! האט ער אויסגערעדט מיט א שווערן זיפץ. צדקה איז א סגולה צו אלץ, צו אלץ... אין דעם ענין פון זווג בודאי. צדקה טהיילט, איך וועל מתפלל זיין און קומט צו מיר מארגען פריה אריין!

ר' העניך האט געטהיילט צדקה, אלע ארעמע און קראנקע אין ווינאגראדקא האבען אזא גליקליכען טאג שוין לאנג ניט געהאט. ר' פנחס'ל האט העניך'ן ערקלארט דעם ענין, וואס פאר א שווער שטיקעל ארבייט דער רבי זאל לעבען האט אבצוטהון אין דער נאכט: פון איין זייט דארף ער גובר זיין דעם שטן, וואס האט שוין א שטיקעל שליטה אויף אייער בן יחיד, ווייל איהר וואהנט צו לאנג וואו די ניצוצות הטומאה זענען מעהר ווי אין שטאדט, צווייטענס דארף ער זאל לעבען מנין ומזכה זיין אייער בן יחיד. אז די אויסגעלייטערטע זיידעס און באבעס פון אייער מעדעלעס כלה, זאלען פאר דעם רבונו של עולם ניט מתרעם זיין אויף דעם שדוך. פערשטעהט איהר, דער רבי וויל אייער בן יחיד א בת טובים געבען, א דעה האט ער דארט און אז ער וועט גוזר זיין וועט דער רבונו של עולם אליין מוזען מקיים זיין.

אויף מארגען פריה, אז ר' העניך איז אריינגעקומען צו איהם זאל לעבען, האט דער רבי איהם בעגעגענט זעהר מיט א פרעהליך פנים און האט איהם געזאגט:

— איצט, ר' העניך, פאהרט קיין קלייניץ.

— וואס וועל איך דארט טהון, רבי? האט העניך תמעוואטע געפרעגט.

— דער וואס האט געפיהרט אליעזר עבד אברהם, בדרך הישר, האט דער רבי פרום אויסגערעדט, ער זאל אונזער מוטער רבקה באלד געפינען זיא צו נעהמען פאר אונזער פאטער יצחק'ן פאר א ווייב, דער זאל מצליח זיין אייער וועג. איהר זאלט אויך אנטרעפען אייער קינד'ס אמת'ע בעשערטע!... נעהמט נור מיט מתנות שאנע פאר דער כלה נאה וחסודה. פאהרט, וואס פריהער, ווארום איך האב מורא, שמא יקדמנה אחר.

— שטעלט משקה, ר' העניך! האט ר' פנחס'ל געהייסען אז ר' העניך האט איהם דעם רבינ'ס ווערטער דערצאהלט, אז ניט וועל איך שטעלן, ווארום דער רבונו של עולם האט מיין רצון ממלא געוועזן!... געדענקט איהר, איך האב אייך א מאל געזאגט: הלואי האב איך א טאכטער חתונה צו מאכען וואלט איך וועלן ווערן אייער מחותן. איצט ר' העניך, בין איך אייער מחותן... דער רבי זאל לעבען הייסט אייך פאהרן קיין קלייניץ, איז ער דערמיט מרמז אויף חייעלעס טאכטער דיא יפה

תואר. חייעלע וועט אם ירצה השם בקרוב מיין פלונית ווערן, אט בין איך אייער מחותן, דיא בתולה איהרע איז ביי מיר נאך טהייערער ווי מיין אייגען קינד. ר׳ העניך, ווען ניט דער רבי זאל לעבען אליין וואלט אייך געהייסען פאהרן קיין קלייניץ, אונ אייך מרמז געוועזען אויף חייעלעס טאכטער שתחי׳, וואלט איך פאר איהר א שדוך געטהון מיט אייגעם פון דעם רבינ׳ס זאל לעבען עניקלעך. נור אז ער האט אייך געהייסען פאהרן קיין קלייניץ אונ האט אייך געהייסען מיטנעהמען פיינע מתנות, מסתמא זעהט ער דאך אז הבתולה רחל בת חייעלע איז אייער מענדעלעס בעשערטע, טא פאהרט אין אגוטער שעה אונ מאכט קיין שיהות ניט.

ר׳ העניך האט געשטעלט משקה אונ ר׳ פנחס׳ל האט אנגעהויבען ערקלערן דעם גרויסען ענין וואס דער רבי האט פאר איהם היינט געטהון.

— פערשטעהט איהר, ר׳ העניך, האט ר׳ פנחס׳ל אנגעהויבען ווי א נביא איהם אויסצוזאגען די אלע מניעות וואס וועלן זיך נאך מאכען אין דעם ענין פון אנהייב תנאים ביז דער חתונה מיט מזל, מיינט ניט, אז אזוי גרינג טהוט זיך ווי עס רעדט זיך, איהר דארפט וויסען אז די פלונית אייערע איטע שתחי׳ איז על פי דין געוועזען א עקרה, ממילא האט פאר איהרס א קינד ניט געקאנט בעשאפען ווערן א בת זוגו, איהר אבער האט צדקה געגעבען, פדיונות געשיקט, אייך האט זיך געוואלט האבען א זוהן א קדיש, אונ איהר האט רעכט געהאט, א ערהליכער יוד מוז לאזען נאך זיך א קדיש, אט האט דער רבי זאל לעבען מיט זיין תפלה נעפועלט מען זאל אויבען מבטל זיין די גזרה, וואס איז נגזר געווארן מששת ימי בראשית אז האשה איטע בת מרים זאל זיין א עקרה.

— ר׳ פנחס׳ל, האט העניך איבערגעשלאגען דעם שמועס, ווי אזוי זאגט איהר. אז מיין איטע איז א עקרה געוועזען, שטייטס, זי האט דאך נאך פאר מענדעלען עטליכע מאל מפיל געוועזען? ניט פאר קיין אשה געדאכט.

— אז איך זאג אייך א עקרה, מסתמא וויים איך וואס איך רעד, האט זיך ר׳ פנחס׳ל אבגערופען, דארין ליגט א סוד, איך וועל דעם סוד אייך מגלה זיין, נור איהר זאלט איהם קיין אנדערן ניט מגלה זיין, ווארום דער פסוק זאגט: כבוד אלקים הסתר דבר, דער כבוד איז פאר דעם רבונו של עולם מען זאל זיין גבורה אליין וויסען אונ פערבארגען זיין שבח. פערשטעהט איהר: מבטל זיין א גזרה פון הימעל איז גאר ניט אזא גרויסע זאך, דאס קאנען אלע צדיקים איצט אונ דאס האבען אונזערע צדיקי הדור תמיד געקאנט, ווי דיא גמרא זאגט: הקדוש ברוך נוזר גזרה וצדיק מבטלה. דער צדיק הדור קאן מבטל זיין דעם רבונו של עולם׳ס גזרה. אונ מבטל זיין אזוי א גזרה איז קיין דבר גדול ניט, מען דארף נור זיין א צדיק. עס איז אבער א גזרה צו א גזרה ניט גלייך, למשל: אז עס איז אויף אייגעם נגזר געווארן: ער זאל שטארבען, דארף מען נור די גזרה מבטל זיין וועט ער ממילא לעבען, מבטל זיין א גזרה א אשה זאל קיין עקרה ניט זיין, איז אויך גרינג, אבער דא איז די שאלה: וואו נעהמט מען נשמות פאר קינדער פון א עקרה? דאס איז ידוע, אז אלע נשמות וואס זענען געבארן אונ וועלן נאך געבארן ווערן עד סוף כל הדורות זיינען גלייך בעשאפען געווארן מיט אדם הראשון, דאס רופט די קבלה אן: הנשמות שבגוף.

זײַנע נְשָׁמוֹת קאָנען ניט בַּעשַׁאפֿען װערן, װאָרום אין כָּל חֹדֶשׁ תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ: פֿון שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית איז קיין נײַע בְּרִיָּה נאָך ניט בַּעשַׁאפֿען געװאָרן, דיא אַלע נְשָׁמוֹת זֶענען בַּעשְׁטימט פֿאַר יעדער אִשָּׁה װאָס בּרױך קינדער האָבּען אױף דער װעלט; פֿאַר דער אִשָּׁה אָבּער, װעלכע דאַרף זײַן אַ עֲקָרָה האָט מען לְכַתְּחִילָּה קיין נְשָׁמוֹת ניט בַּעשַׁאפֿען, דאַריבּער איז קיין פְּעוּלָּה ניט געװעזען װאָס ער זאָל לעבּען האָט מְבַטֵּל געװעזען די גְּזֵרָה, זי זאָל ניט זײַן קיין עֲקָרָה, און אײַער פְּלוֹנִית האָט געהאַט נור נוֹפְלִים רַחֲמָנָא לִצְלַן. כּדי ער זאָל לעבּען האָט זיך מִסְתַּכֵּל געװעזען אין די האָבערע עוֹלָמוֹת און האָט דערזעהן אַז ערגעץ אַ אִשָּׁה חֲשׁוּבָה אָבּער אַ אָרעמע דאַרף האָבּען אַ בֶּן זְקוּנִים און שטאַרבּען מִלֵּידָה, האָט ער דעם סוֹד מְגַלֶּה געװעזען דער דאָזיגער אִשָּׁה און האָט איהר צוגעזאָגט זי װעט ניט שטאַרבּען אַז זי װעט איהם מוּתָּר זײַן דעם זְכוּת אױף דעם בֶּן זְקוּנִים װאָס זי דאַרף האָבּען און האָט איהם אָװעק געגעבּען אײַער פְּלוֹנִית, און דאָס איז אײַער מענדעלע שֶׁיִּחְיֶה!... און טאַקי דאָס איז דער סוֹד פֿון דעם פָּסוּק: "הָבָה לִּי בָנִים וְאִם אַיִן מֵתָה אָנֹכִי": רָחֵל האָט בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ געזעהן אַז זי איז אַ עֲקָרָה און קאָן עַל פִּי גְּזַר דִּין קיין קינדער ניט האָבּען, האָט זיא געבּעטען יַעֲקֹב אָבִינוּ, װאָס ער איז געװעזען דער צַדִּיק הַדּוֹר, ער זאָל מְבַטֵּל זײַן די גְּזֵרָה. הָבָה לִּי בָנִים: זײַ מְבַטֵּל מיט תְּפִלָּה די גְּזֵרָה! האָט ער געאַנטװערט: הֲתַחַת אֱלֹקִים אָנֹכִי? דאָס מײנט מען אַזױ: נו גוט, איך װעל די גְּזֵרָה מְבַטֵּל זײַן, דוא װעסט טאַקי האָבּען קינדער, אָבּער װאָס איז די פְּעוּלָּה? פֿאַר די קינדער האָבּ איך קיין נְשָׁמוֹת ניט, װאָרום הֲתַחַת אֱלֹקִים אָנֹכִי, בּין איך דען דער בּוֹרֵא נְשָׁמוֹת שֶׁבַּגּוּף? דיא נְשָׁמָה קומט נור פֿון דעם בּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ אַלײן. דאַרױף האָט זי איהם צוריק געאַנטװערט: וְאִם אַיִן, אױבּ דו קאָנסט ניט מיר געבּען אַ נְשָׁמָה פֿאַר מײַנע קינדער מֵתָה אָנֹכִי, װעל איך מְקַבֵּל זײַן אױף זיך צו שטאַרבּען אַנשטאַט ערגעץ אַ אַנדער אִשָּׁה װאָס דאַרף שטאַרבּען מִלֵּידָה. וְכֵן הֲוָה: אונזער מוטער רָחֵל דיא צַדֶּקֶת איז טאַקי געשטאָרבּען תֵּיכֶף װי זיא האָט געבּױרן בִּנְיָמִין. פֿערשטעהט איהר, װיפֿיעל מַעֲלוֹת טוֹבוֹת האָט דער רֶבִּי זאָל לעבּען געטהון פֿון אײַערטװעגען! די גְּזֵרָה מְבַטֵּל געװעזען, אַ נְשָׁמָה בּעקומען פֿאַר אײַער מענדעלען, מִתְפַּלֵּל געװעזען אײַער פְּלוֹנִית זאָל לעבּען און געזונד זײַן, און איצט האָט ער אַ נײַ שטיקעל אַרבּײט פֿאַר אײַך אָבּצואַרבּײטען ... האָרט נור צו און האָט אֱמוּנָה אין דעם װאָס איך בּין אײַך מְגַלֶּה עַל פִּי סוֹד: דאָס װײסט איהר דאָך, אַז פֿיערציג טאָג קוֹדֶם יְצִירַת הַוָּלָד געהט אַרױס אַ בַּת קוֹל און רופֿט אױס: בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי, בַּת פְּלוֹנִי, בַּת ר' אֱלִיעֶזֶר, האָט מען טאַקי אױסגערופֿען לִפְלוֹנִי: צו איהר שװעסטער קינד, אָבּער אײַער צְדָקָה האָט דאָך דאָרט עפּיס אױך אַ שטיקעל װערטה, דאַרף זיך מאַכּען, אַז דער פְּלוֹנִי פֿאַר דער בַּת ר' אֱלִיעֶזֶר איז אַראָפּ, ניט דאָ געדאַכט, פֿון יודישען װעג און ער איז געװאָרן אַ מוּפְקָר, פָּשׁוּט, אַזאַ װאָס שעמט זיך ניט צו פֿאָהרן שטודירען, רַחֲמָנָא יַצִּילֵנוּ, װי באַלד ער איז געװאָרן אַ מוּפְקָר האָט מען אױבּען מַפְקִיר געװעזען אַלע זײַנע זְכוּתִים און זײַן בַּת זוּגוֹ איז אױך געװאָרן הֶפְקֵר, וְכָל הַקּוֹדֵם בָּהּ זָכָה, אַט האָט דער רֶבִּי זאָל לעבּען זוֹכֶה געװעזען דיא בְּתוּלָה רָחֵל בַּת אֱלִיעֶזֶר מִן הַהֶפְקֵר און ער שענקט זי איצט אײַער בֶּן יָחִיד!.. איהר זאָלט גאָר ניט קוקען לְמָשָׁל, װאָס די כַּלָּה װעט זאָגען: איך בּין אַ יְתוֹמָה, איך װיל דעם חָתָן ניט, זיא װעט

ווייגען, זי וועט אפשר גאר ניט וועלן צונעהמען אייערע מתנות, דאס זאג איך אייך אלץ א פריהער. זיא איז אבער גאר ניט שולדיג אין דעם, דאס קומט אלץ, ווייל זי איז פון אנהייב אן בעשאפען פאר יענעם מופקר... מיינט ניט חלילה, זי איז א שלעכט קינד, אזא יאהר אויף מיר ווי גוט ווי פרום זי איז, נור דאס דארף אזוי זיין... איהר זאלט נור דעם כלל געדענקען, אז מהיום איז זי די בת זוגו פון אייער מענדעלען, און סוף כל סוף וועט זי מיט איהם חתונה האבען בחופה וקדושין כדת משה וישראל. נור ניט מיינט חלילה, איך בין א נביא, איך פערלאז מיך נור אויף דעם צדיק, אויף אונזער רבין זאל לעבען, ער ווייס און איך בין נור זוכה פון איהם די השפעה צו האבען און צו פערשטעהן וואס ער זאגט מיר.

— זאגט מיר, ר' פנחס'ל, האט העניך געבעטען, צו וואס האט דאמאלס דער רבי זאל לעבען, מיך געהייסען פאהרן מיט מיינער קיין קיעוו צום פראפעסאר מאטוויייעוו, וועלכער האט איהר אזעלכע טהייערע רפואות געגעבען, אז מען האט בייזיינפערלעך געקאנט איינזעהן, אז זי ווערט גאר גאך יעדען רעצעפט אן אנדער מענש, ווי באלד דיא אלע זאכען האט ער זאל לעבען אליין געטהון, צו וואס האט ער בעדארפט, איך זאל דעם פראפעסאר אזוי פיעל געלד אוועג געבען?

— ר' העניך, האט ר' פנחס'ל געאנטווערט, דער רבי זאל לעבען וויל, די וועלט זאל ניט געוואהר ווערן אין גאנצען פון זיין גרויסקייט, מען דארף ניט וויסען אז ער ווייס דיא סודות התורה, דאריבער הייסען זיי דאך „סודות", על כן הייסט ער תמיד פאהרן צום דאקטאר, אבער מיר ווייסען אז די רפואה ברענגט ער זאל לעבען און דער דאקטאר ווייס פון חיות ניט. דער דאקטאר איז נור א שייד וואס ער זאל לעבען וויקעלט איין אין דעם זיין מאור הגדול, דעם אור הגנוז בו, אז דער עולם וועט וויסען וואס ער קאן וועט מען פון איהם פערלאנגען אזעלכע זאכען וואס קאן דערפון חלילה ארויסקומען א עכוב צו דער גאולה.... איך בין אייך דאס מגלה, ר' העניך, ווייל איך האלט אייך פאר א בעל סוד, געדענקט מיינע רייד, און ניט פרעגט מעהר!...והיה: און עס וועט זיין, אז אלץ וואס איך זאג אייך וועט מקויים ווערן, וועלען מיר דאמאלס מחותנים זיין און מיר וועלן משקה טרינקען. פאהרט איצט בשעה צלחה! נעהמט נור מיט מתנות שאנע, ניט פערגעסט, איך בין אייער מחותן, ר' העניך!...

ב.

שימעלע איז אמאל פארנאכט זיך געזעסען רוהיג אויף א קלאטץ נעבען זיין שטיבעלע און האט צוגעקוקט, בעת די בהמות געהען פון פעלד, ווי איטליכע פון זיי טרעפט פונקט צום טהויער פון איהר בעל הבית, ער האט זיך א פסוק פון דער הפטרה דערמאנט און האט פאר זיך איבערגעחזרט: ידע שור קונהו, א אקס ווייס זיין קויפער, וחמור און א איזעל אבוס בעליו, און א אייזעל אפילו ווייס די קאריטע פון זיין בעל הבית, ברוך: געלויבט איז ער, שחלק וואס ער האט איינגעטהיילט מחכמתו, פון זיין חכמה אפילו לחיה ולבהמה, אפילו א חיה און א בהמה האבען

אויך שכל צו קומען אליין אהיים פון פעלד און צו טרעפען זייער ארט !. אזוי קלארנדיג האט ער דערקענט זיין טאבטערס חתנ'ס קוה, וועלכע איז איצט געגאנגען מיט א פולען אייטער און זיין הערץ איז פאל געווארן מיט פרייד אז ער האט זיך דערמאנט. אז דאס איז ער זוכה באלד ביי זיין קינד צו זעהן. דיא קוה האט זיך דא א ביסעל אבגעשטעלט. ווארום דא זיינען זיך צוויי גאסען פאנאנדער געגאנגען, און אלע קיה פלעגען זיך דא וויא געוואהנליך צושטעלן, נור אויף אלע אנדערע קיה האט שמעון ניט געקוקט, ער האט נור געזעהן זיין חתנ'ס קוה. ווי זי האט זיך אבגעשטעלט פונקט געגען זיין שטוב. א מרוקע געטהון און זיך געלאזט געהן ווייטער. „די קוה פיהלט". האט ער געקלארט, זי פיהלט אז זי האט א שייכות צו דעם ארט!

— ציפע, האט ער א געשריי געטהון צו זיין פלונית, קום נור אהער און האב נחת!

— וואס איז? האט ציפע געפרעגט ארויסגעהענדיג פון קיך וואו זיא האט זיך געפארעט מיט דער וועטשערע.

— וואס זאגסטו צו יענער קוה וואס געהט דארט ליינקס? האט ער געפרעגט.

— א טהייערע קוה, האט זי געענטווערט, זי גיט אוודאי דריי טאפ מילך א מאל. צו פיעל פאר אונז, מיין מאן, איך וואלט צופרידען זיין האטש האבען א ציעג אן אייגענע. איך דארף נאך קיין ציעג אויך ניט, אונז פעהלט נאך, מיין מאן, א סך בילבערע זאכע. הלואי שיקט מיר דער רבונו של עולם צו וואס איך דארף נאך האבען דיא עטליכע קליידערלעך און בעטגעוואנד אויסצופידרן פאר אונזער קינד, זי זאל ניט פערשעמט ווערן אריינצוקומען צו איהר בעשערטען — א נאקעטע א בלייזע.

— גאט וועט צושיקען, האט שמעון מיט בטחון געטרעסט, זעהסטו, אט די בהמה וועט בקרוב אונזער זלאטקעס קוה זיין, זי וועט שוין אם ירצה השם פערזארגט זיין מיט קאז און פוטער, מילך און סמעטענע, און אז מיר וועלן קומען צו איהר אין גאנץ טאג אויף א מילכיגען נארימעס וועט זי אונז ניט זשאליוען אפילו אהיים אויך מיטצונעהמען.

— הערסטו מיין מאן, האט דאס ווייב איהם איבערגעשלאגען זיינע רייד, דו זאלסט זיך גאר אט די גליקען ניט איינרעדען, זאל אונזער קינד אין נחת געניסען פון אלעס גוטס וואס זי וועט געפינען ביי איהר מאן אין שטוב און מיר זאלען א הנאה האבען קוקענדיג פון ווייטען! וועט גאט ברוך הוא וועלן אונז דערקוויקען וועט ער אונז צושיקען מיר זאלען אליין בייך ווערן א ציעג צו קויפען און האבען אן אייגען ביסעל מילך, פון מיין קינד, זאל אונז גאט אבהיטען מעשר צו נעהמען!

— פאר וואס? האט שמעון געפרעגט.

— פאר דעם, ווייל איך פערגין איהר פון גאנצען הערצען איהר גליק, האט זי ערקלארט, זאל איהר מאן נאך איהר חתונה אם ירצה השם, ניט זאגען איהר אז ער מאכט אונז גליקליך, און א מאל, אז ער וועט אין כעס זיין, וועט ער זאגען, ווי דער שטיינער איז, אז זי שלעפט איבער זיין האב און גוטס צו איהר מאמען, לאז זיך דיר ניט וועלן, מיין מאן! וועט אונז בעשערט זיין וועלן מיר האבען אייגענע. ניט אמת?

— זאג מיר, מיין אשת חיל, האט שימעלע געפרעגט, אז גאט וועט געבען מיר וועלן בעגליקט ווערן אונ האבען א אייגענע ציעג. — דו מיינסט א ציעג קאסט אזא מטמון? פאר פינף זעקס רובעל, קאן מען האבען א ציעג. — זאג זשע מיר, איך וויל וויסען, אז מיר וועלן שוין האבען א ציעג, וועסטו וויסען ווי ארום צו געהען ארום א ציעג? וועסטו האבען קאז אונ פוטער אויך? אויף שבועות מילכיגע זעמעלעך מיט זיסע קאווע מיט מילך וואלסטו מיר אויך קאנען צוגרייטען, אט אזעלכע ווי איך האב היינטיגען שבועות טועם געוועזען ביי חיי'לען?

— וואלט נור זיין פון וואס, מיין מאן, ווי איך וואלט אלץ קאנען מאכען אונ צוגרייטען פונקט ווי ביי די גבירים, דוא מיינסט, זיי ווערן געבוירן קלוגער? פשוט עס איז דא א סך שמאלץ, א סך אייער אונ אנדערע גוטע זאכען אט איז ביי זייא א געבראטהענער קוגעל, חיי'לע האט אהן אעין הרע דריי אייגענע קיה וואס גיבען איהר מילך א סך אונ אויף גוטע מעהל אונ אייער צו קויפען דערעהט איהר אויך ווענינער דער קאפ פאר מיר, דאריבער זיינען איהרע פוטער זעמעלעך אזוי גוט, אונ דו מיינסט איך וואלט גאר ניט קאנען זיין א נגידה אונ ניט קאנען באקען אזעלכע זעמעלעך, זאל נור דער רבונו של עולם מיך וועלן אויספראבירן אונ דוא וואלסט זיך אליין וואונדערן פון וואנען קאן איך דאס אלץ?!

בעת דאס ווייב האט גערעדט פון חיי'לעס געבראטהענעם קוגעל, פון איהרע גוטע פוטער זעמעלעך, איז דעם ארעמען שימעלען אנגעלאפען שפייעכץ א פולער מויל, ער האט זיך דערמאנט דעם טעם גן עדן פון די ביידע גוטע זאכען וואס ער האט א פאר מאל דאס גליק געהאט ביי חיי'לען צו עסען.

— הארסטו מיין ווייב, האט ער אויסגערעדט, אז דער בורא ברוך הוא האט אונז שוין געהאלפען אין ניבען נחת צוהאבען פון אונזער קינד, וועט ער אונז נאך העלפען אויף א אייגענע ציעג, אט וועסטו זעהן, די ערשטע עטליכע רובעל וואס מיר וועט אריינפאלען פון א שדכנות, געהם איך אראפ, בלי נדר, פינף זעקס רובעל אונ קויף מיר א ציעג. אבער וואו וועלן מיר זיא האלטען?

— וועגען האלטען, האב קיין דאגה ניט, האט זי געאנטווערט, האלטען קאן מען א ציעג אין פארהויז, דערווייל אבער האבען מיר נאך א סך נויטהיגערע זאכען, מיין מאן, אויף וואס פינף זעקס רובעל צו פערטהון, דערמאן זיך נור, בעטגעוואנט, איך האב נאך קיין אנהייב ניט, היינט ווי ניט מען ניט א קינד, וואס קומט אריין אין א נגידיש הויז א האלב טוטץ העמדער, א האלב טוטץ האנדטיכער, א פאר טיש-טיכער? עס ווילט זיך זעהר ניט, מיין מאן, אז דאס קינד אונזערס זאל חלילה אמאל תארן פון איהר מאן אדער פון זיינער א קרובה, אז זיא האט איהם גאר ניט אריינגעבראכט. מיר מוזען זיך א כח אנטהון אונ וואו נור מען דערטאפט א רובעל מוזען מיר אויסגעבען פאר איהר, זאל איהר מאן וויסען, אז מיר האבען אונזער קינד געגעבען מעהר ווי אונזער כח איז, שפעטער אם ירצה השם, אז מיר וועלן דיא חתונה מיט מזל אויספיהרן ווי געוואונשען, וועט זיך אנהייבען א נייע חתונה מיט אונזער באסקען, נאך צו פריה צו זארגען וועגען א ציעג.

— דו לעבסט אהן בטחון, האט שמעון שמאלץ אויסגערעדט, דעם רבינס זאל

לעבען ברכה איז א פנים ביי דיר נאר נישט. שוטה שבעולם. זי הייסט מיר ווארטען א גאנצען יובל יאהרן! גיין, בלי גדר, איך מוז א ציגע קויפען נאך פאר די ניין טאג!

א יונגל איז פון שטוב ארויס און האט אנגעזאגט אז די וועטשערע לויפט אויס. זיא איז אריין דערהאלטען דיא וועטשערע אין טאפ און דערמיט האט א סוף גענומען צו זייער שטרייט.

קומענדיג אין בית המדרש, האט ער ביי ברוך דעם קצב געפרעגט: וויפיעל קאן קאסטען א גוטע ציגע? ברוך האט איהם געזאגט: פאר זעקס רובעל געהמט ער זיך אן איהם צו צושטעלן א ציגע וואס זיא וועט זיין איינע אין שטאדט.

דיא בית המדרש לייט וואס האבען דערהערט אז שמעון טראכט שוין וועגען א ציגע קויפען האבען אנגעהויבען רעדען, אז שמעון מוז שוין האבען דיא מטבע, אז ניט וואלט איהם זיך ניט וועלן אויסגעבען גאנצע זעקס רובעל אויף א ציגע, בעת מען דארף באלד א קינד אונטער דער חופה פירן. אנדערע האבען ערצאהלט, אז שמעונ'ס ווייב מאכט איהר טאכטער א גארדעראבע ווי פון די גאנץ פיינע בעלי בתים.

— שמעונ'ן האבען מיר שוין פערדאנה'ט, האט איינער געזאגט, און דער סוף וועט זיין ניט שמעון האפט דאס גליק וואס ר' הערש לייבעלעס געהמט זיין טאכטער אהן נדן אבער גאר פערקעהרט. ר' הערש האפט א גליק אריין, ווארום שמעון וועט מיט דערצייט נאך ווערן א נגיד. דעם רבינ'ס זאל לעבען ברכה איז ניט קיין קליינינקייט! אזוי האט דער עולם גערעדט פאר מעריב, אין מעריב און נאך מעריב.

ארויסגעהענדיג פון בית המדרש האט שמעון בעגעגענט דעם בעל עגלה וואס האט איהם דאס טהייער בריוועל געבראכט פון ר' פנחס'לען.

— גוט וואס איך האב אייך בעגעגענט, ר' שמעון, האט דער בעל עגלה געזאגט. איך האב צו אייך פון ר' פנחס'לען נאך א בריוועלע, אפילו אהן מעות אבער זעהר א נויטהיג'ס. ר' פנחס'ל האט מיר אנגעזאגט, אז נאך איידער איך שפאן אויס די פערד זאל איך אייך דאס בריוועלע אין האנד אבגעבען. נו, די פערד אויסשפאנען, דאס מוז מען, אפילו זיי אנפויען; ר' פנחס'ל מיינט: ער פאדערט עס אויף דעם רבינ'ס סוסים וואס שטעהן אין שטאל און פרעסען היי און האבער וויפיעל אין זיי געהט אריין, מיינע בידנע קלאטשעס פערשטעהט איהר מיך. הארעווען זיך אויס אין וועג גענוג, און האבען קוים כח ביזן שטאדט צו דערציהען. דאריבער איז ביי מיר ראשית חכמה: ווי איך קום נור אין סטאנציע אריין שפאן איך זיי אויס. איך לאז זיי א ביסעל אויסרוהען, דערנאך פיהר איך זיי צום טייך אנטרענקען, דערנאך ווארף איך זיי אונטער א ביסעל היי, און מאך מיר אליין לחיים און לעג מיך אויסרוהען א פאר שעה פערשטעהט איהר מיך. דערנאך עס איך מיר אפ אין אכסניא א ווארימעס איך זאל כח האבען צו הארעווען, אי וואס, ר' פנחס'ל האט אנגעזאגט דאס איז א מצוה זאך? טא זייט מוחל, ר' שמעון, און פרעגט מיינע סוסים צו עסען זיי מצות? מיט מצות זאל זיך קארמען ר' פנחס'ל פערשטעהט איהר מיך!... אבער טאמיר איז דאס באמת א נויטה'יג בריוועל גיב איך אייך איהם טאקי שוין און וועל מעהר ניט פערלאנגען איהר זאלט מיר איבערלייענען דיא אדרעסען פון פרעמדע בריוועלעך מיינע. דאס האט מיר שוין איינער געלייענט אין שניידערשען קלויז.

פערשטעהט איהר מיך, מייער איז קיין שוטה ניט און פערשטעהט א עסק!...

ער האט איהם דאס בריוועל דערלאנגט און שמעון איז צוריק אין בית המדרש אריין איבערלייענען:

„לכבוד החסיד המצליח דרכו תמיד ברוך ומבורך מוה' שמעון שדכן נ"י".

„אודיעך שמעון הזכאי, אז בזו הרגע איז געפאהרן למחנך קליינין הגביר המפורסם מוה' העניך בארסקי נ"י אודות שידוך בעד בנו המופלג ומשלם בכל המעלות המשובחות, עם הבתולה היפה רחל בת המיועדת לי מרת חייעלע שתחי'. דער רבי זאל לעבען האט איהם געהייסען פאהרן קיין קליינין, מסתמא האט ער מלמעלה געזעהן אז דער שידוך איז כשר וישר, און אזוי ווי איך האב דיר מבטיח געוועזען עס זאל אן דיר מקוים ווערן דעם רבינ'ס זאל לעבען ברכה, איז עצתי תיכף ומיד אריינצוגעהן צו ר' העניך הנ"ל און איהם מציע זיין דעם שדוך בעד בנו מיט מיין חייעלעס טאכטער, אבער נור מיט שכל, ניט דערצאהלען אז דו האסט פון מיר דאס בריוועלע, הדא הוא דכתיב וכבוד אלקים הסתר דבר, והבן... מובטחני בך שמעון הזכאי, אז דו וועסט אויספיהרן דעם ענין על צד היותר טוב. ומפני הנחיצות קצרתי מנאי פנחס הלוי".

„העיקר שבהתי, חייעלע שתחי' זאל אויך ניט געוואהר ווערן פון דעם בריוועלע וואס איך שרייב דיר איצט, הנ"ל".

ווי א פייל פון בויגען איז שימעלע אומגעלאפען פון איין סטאנציע צו דער אנדערער ביז ער האט זיך דערפראגט וואו ר' העניך איז פערפאהרן. ביי דער טהיר פון דער סטאנציע וואו ר' העניך איז איינגעשטאנען האט שמעון זיך אבגעשטעלט אויסגעשאפעט א ביסעל פון גיכען לויפען און האט דערווייל דעם פלאן בעטראכט ווי אנצוהייבען רעדען, ער האט דעם רבינ'ס ברכה דערמאנט און האט מוטה בעקומען, ער איז אריין.

— גוט נאכענד, א אורח! האט ער מוטהיג אויסגעשריען, דאכט זיך ר' העניך, גאט אייך שלום עליכם!

— עליכם שלום! האט העניך געאנטווערט, וואס גוטס וועט איהר זאגען?

— איך וועל זאגען וואס איך האב צו זאגען, האט שמעון אנגעהויבען, און דער מי שאמר והיה העולם, דער רבונו של עולם וואס האט בעשרה מאמרות דיא וועלט בעשאפען, און טאקי ווי דער פסוק ערצאהלט ווייטער: וירא אלקים, און גאט האט געזעהן את כל אשר עשה אלץ וואס ער האט געטהון בעשאפען והנה נון טוב מאד, עס איז זעהר גוט. אט טאקי ער, וואס ער איז דער מקור און אוצר כל טוב, זאל איצט אויך זאגען אויף אלץ וואס איך וועל זאגען, והנה נון טוב מאד!

— לאז זיין אזוי, ר' יוד, האט העניך צוגעשטימט, ווי זאגט מען: א ברכה איז קיין קללה ניט, גוט איז בודאי א ברכה, זאל גוט זיין אונז און כלל ישראל, נור זאגט מיר, זייט מוחל, ווער זענט איהר?

— איך בין בסך הכל דא א מלמד, שמעון הייס איך, אבער אזוי ווי פון שבר לימוד אליין ציה איך מיין חיונה ניט, האט דער רבי זאל לעבען, טאקי אונזער רבי פון ווינאגראדקא מיך געבענשט, איך זאל האבען א שטיקעלע הצלחה אויסצופיהרן

שידוכים רעכטע, און איך האף צו גאט אז זיין ברכה איז מיר לברכה ולא לקללה. איך, ר' העניך, האט ער געבענשט מיט אלפים אסך בן ירבו, און אלע קאנען איך. מיך האט ער געבענשט א שדכן צו זיין אט זוך איך דערפון א קערבעל צו־פערדינען.

— פון וואנען ווייסט איהר. אז איך בין געקומען אהערצו וועגען א שידוך?

— א שאלה. צו איך ווייס? בין איך א שדכן בין איך מחויב צו וויסען! האט שמעון געאנטווערט. אגב איז ר' העניך א יוד וואס הארט זיך אין דער וועלט... ווידער מוז איך אייך זאגען, דריבער האט דאך מיך דער רבי זאל לעבען געבענשט, ווייל ער האט איינגעזעהן, אז א קרומע זאך האב איך פיינדט און אז איך קום שוין רעדען א שידוך טרעף איך מיט מזל וואס גוט און וואס גלייך איז!

— אויב אזוי, האט העניך צוגעשטימט רעדט. וואס איהר האט צו רעדען.

— דער סדר העולם איז, האט שמעון אנגעהויבען, אז דער וואס פערלאנגט עפּיס זאל זאגען וואס ער פערלאנגט. איך וויל פריהער הארן פון אייך וואס זוכט איהר? צו תורה, צו גדולה, צו יחוס, צו א קרן אנוטען? און אפשר גאר דיא אלע מדות און מעלות צוזאמען?

— יעדער מענש וויל, מסתמא, וואס בעסער איז, האט העניך מיט א שמייכעל געאנטווערט, ווילען וויל איך אודאי די אלע מעלות. נור איך בין דאך א יוד א מאמין בעט איך נור: גאט זאל די בעשערטע זאך צושיקען פאר מיין קינד דורך זיין אמת'ן שליח! ווידער איז דאס ביי מיר א ערשט קינד און טאקי מעהר האב איך ניט, און אין נוטען מוטה וואלט איך באמת ניט וויסען וואס זיך גאר אנצומעסטען. נור איצט ווייס איך א ערך יא, איך האב אבער א טעם דאריגען צו הארן פריהער וואס פאר א ספאדיק מעסט איהר מיך אן.

— זעהר רעכט, איך וועל מיר מיינס זאגען, וועל איך טרעפען איז מה טוב. חלילה ניט, ווי זאגט מען: פאר דעם אנמוטהען קומט קיין פאטש ניט!

— זאגט מיר, ר' העניך, האט ער געפרעגט נאך עטליכע מינוט ישוב הדעת. איהר קענט אונזער גבירה, הייעלען?

— איך קען זי זעהר גוט! האט ר' העניך געאנטווערט, זיין אינערליכע פרייד און פערוואונדערונג בעהאלטענדיג.

— אויב איהר קענט זיא, קענט איהר מסתמא איהר בתולה, רחלע די יפת תואר? און איהר ווייסט שוין אפשר אז הייעלע איז א אלמנה און וועט בקרוב חופה האבען מיט ר' פנחסלען? אט טאקי מיט דער הייעלעס טאכטער רחלע שתחי' וויל איך אייך מציע זיין פאר אייער בן יחיד, שיחי'.

ר' העניך האט געשוויגען.

— ר' העניך? האט שמעון ווידער אזאג געטהון, איך זאג אייך קיין אנדער ענין קומט מיר גאר אויפ'ן זינען ניט ארויף, חאטש צוזייס זיך. איך קאן איצט קיין שאנערע און בעסערע כלה ניט געפינען! נור זאגען מוז איך אייך. וועלטען אז איהר וועט אויספאהרן זוכען, וועט איהר אפשר געפינען מעהר עשירות, ווייל צו עשירות איז דאך קיין שיעור ניטא, אבער א בעסערע כלה, גאך לא זאג איך אייך!.. וואס זאגט

איהר ר' העניך, זאל איך רעדען ווייטער, צו ניט? — וואס זאל איך אייך זאגען, ר' שמעון, האט העניך צופרידען אויסגערעדט אונ זיין פנים איז ליכטיג געווארן, איך מוז אייך מודה זיין: איהר זיינט אהן א עין הרע א מוצלח.

— דאס איז ניט מיין הצלחה, ר' העניך, האט שמעון ערקלערט. אבער דעם רבינ'ס זאל לעבען ברכה האט נורם געוועזן איך זאל טרעפען. איך בין נור א בליגדער שליח ביי דעם רבונו של עולם, זיין רצון ברענגט צו מיר די מחשבה אריין צו זאגען אזוי אונ ניט אנדערש.

ר' העניך האט געהייסען אריינברענגען משקה מיט פערבייסען, זיי האבען ביידע עטליכע לחיים'ס געמאכט, אונ העניך האט שמעלען אויסדערצאהלט זיין געשפראך מיט ר' פנחס'לען אונ איהם מוטה אונטערגעגעבען צו רעדען דעם שידוך מיט'ן ר' יאנקעל היינט אנציהייבען אונ מארגען איהם ברענגען תשובה. אז די משקה האט שמעלען שוין א ביסעל צונומען אונ ער האט געזעהן: ער רעדט מיט א חסיד פון זיין רבי'ן איז ער ניט פויל געוועזען צו בעטען דערווייל לייהען עטליכע רובעל.

— וויפיעל דארפט איהר, ר' שמעון? האט העניך נוטמוטהיג געפרעגט.

— איך דארף אזוי פיעל וויפיעל מען מוז האבען א רעכטע ציג צו קויפען. האט שמעון געאנטווערט, איך האב מיין אלטער פערשפראכען א ציעג צו קויפען אונ זי איז געגרעכט וואס זי מאהנט ביי מיר די ציעג.

— ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען, ר' שמעון, האט העניך א עצה געגעבען, איך וועל אייך דערווייל אויסלייהען עטליכע קארבלעך עד לחשבון, מיט א ציעג לאז נאך צייט האבען א ביסעל. אז איהר וועט מיר דעם שדוך אם ירצה השם אויספיהרען אונ איך וועל קומען אהיים מיט פארטיגע תנאים אין האנד, שיק איך אייך בלי נדר די בעסטע ציעג פון מיין אייגענער שטאדא, אבער א ציעג, זאג איך אייך וואס א ציעג הייסט!

— זייט זיכער, ר' העניך, די תנאים זענען שוין גלייך ווי ביי מיר אין האנד. די ציעג וועט איהר מיר דאך שיקען במתנה, ניט אמת במתנה האט איהר געזאגט? ניט פאר שדכנות.

— במתנה, במתנה! האט העניך צוגעשטימט, אונ שמעון איז מלא שמחה וששון אהיים אוועק. זעהסטו, מיין ווייב האט ער געזאגט, דער מענש וואס איז א מצליח דרכו דארף נור וועלן אונ דער רבונו של עולם ניט איהם שוין וואס ער וויל, וויא דער פסוק זאגט: ותגזר אומר ויקם לך, דו דארפסט נור גוזר זיין מיט א זאג אונ עס וועט שוין ווערן!

— אויב אזוי, האט דאס ווייב מיט א שמייכעל געאנטווערט, פערדריסט מיך וואס דו האסט זיך אנגעכאפט אן דער ציעג. הלואי וואלסטו בעסער געזאגט אז דו ווילסט האבען א אייגען קיהעלע. פון א ציעג, מיין מאן, וועלען מיר נאך קיין קאז אונ פוטער ניט האבען.

— ווארט! האב צייט, עס וועט נאך דאס אויך קומען! האט ער געטראסט אונ איז צופרידען אנטשלאפען געווארן.

ביי נאכט האט זיך איהם געחלומט: ער זיצט צום סדר, אונ זינגט דעם נגון

פוּן חַד גַּדְיָא מִיט מְתִיקוּת אוּנ אַלֶע וָואס הָארֶן הָאבֶּען הֲנָאָה פוּן אִיהם. אַז עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּנ הָאט גֶאנְגֶעלְוָואסֶער אָפְּגֶענָאסֶען הָאט עֶר תֵּיכֶף גֶענוּמֶען דֶעם סִדּוּר, אוֹיפְגֶעמִישְׁט דִיא הַגָּדָה אוּנ זִיךְ שְׁטַארְק צוּגֶעקוּקְט צוּ דִיא וֶוערְטֶער פוּן דֶעם חַד גַּדְיָא. וְאָתָא אוּנ עֶס אִיז גֶעקוּמֶען שׁוּנְרָא אַ קַאטְץ וְאָכְלָה לְגַדְיָא אוּנ הָאט אוֹיפְגֶעפְרֶעסֶען צוּ דִיא צִיגֶעלֶע. אַ יִמַּח שְׁמָהּ זָאל זִי וֶוערֶן! אַ חֲצָפָה אַ בִּיסֶעל. אוֹיפְצוּעֶסֶען מַיין צִיגֶעלֶע!..הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן אוּנ הָאט וַויטֶער גֶעזָאגְט: וְאָתָא אוּנ עֶס אִיז גֶעקוּמֶען כַּלְבָּא דֶער הוּנְד וְנָשַׁךְ אוּנ עֶר הָאט גֶעבִּיסֶען לְשׁוּנְרָא צוּ דֶער קַאטְץ, דְאָכְלָה וָואס זִיא הָאט גֶעגֶעסֶען לְגַדְיָא צוּ דִיא צִיגֶעלֶע. אָט אַזוֹי, מַאלָאדְיֶעץ כַּלְבָּ! אַ הוּנְד הָאט שְׁטַאנְדִיג מֶעהר יוֹשֶׁר אִין זִיךְ פַאר אַ קַאטְץ: צִיפֶּע, טְרַייבּ אַרוֹיס דִי קַאטְץ, הָאט עֶר אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטְהוּן צוּ זַיין וַויבּ. אִיךְ הָאבּ פַיינְט אַ קַאטְץ, זִי קָען נָאךְ אוֹיפְעֶסֶען אוּנְזֶער צִיגֶעלֶע! וְאָתָא הוּטְרָא וְהִכָּה לְכַלְבָּא, אוּנ עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטֶעקֶען אוּנ עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגֶען דֶעם הוּנְד, דְנָשַׁךְ לְשׁוּנְרָא פַאר וָואס עֶר הָאט גֶעבִּיסֶען דִי קַאטְץ. פַאר וָואס? צִיפֶּע, דֶער הוּנְד אִיז גֶערֶעכְט! הָאט עֶר גֶעשְׁרִיעֶן, עֶר הָאט זִיךְ דָאךְ אָנְגֶענוּמֶען פַאר אוּנְזֶער צִיגֶעלֶע?—עֶס קוּמְט אוֹיס לְהַבְדִיל וִוי דֶער עוֹלָם זָאגְט: זַא פְּרַאוְודָא בִּיוּט! הָאט צִיפֶּע גֶעאֶנְטְוָוערְט, נוּר זָאג מִיר מַיין מַאן, הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט, וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אִיצְט עֶפִּיס גֶענוּמֶען צוּ דֶער הַגָּדָה?

— אִיךְ הָאבּ אַ חָלוֹם גֶעזֶעהן, הָאט עֶר עֶרְצֶעהלְט, אוּנ אִיךְ וִויל מִיר פוּן דֶעם חַד גַּדְיָא טַאקִי פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין, נוּר דֶער חַד גַּדְיָא אִיז נִיט גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶן וֶועגֶען גְלַאט אַ צִיג, חַד גַּדְיָא מֵיינְט מֶען: דִי כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, דִיא שׁוּנְרָא מֵיינְט מֶען אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים, פֶערְשְׁטֶעהסְטוּ, אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים וָואס וִוילֶען יוּדֶען בָּאז טְהוּן!...

— וֶועמֶען מֵיינְט מֶען דֶעם הוּנְד? הָאט דָאס וַויבּ גֶעפְרֶעגְט.

— דֶעם הוּנְד מֵיינְט מֶען: אוּנְזֶערֶע גוּטֶע פְרַיינְד, הָאט עֶר עֶרְקְלֶערְט, אִין שְׁלֶעכְטֶע צַייטֶען, הָאבֶּען מִיר נִיט קֵיין גוּטֶע פְרַיינְד וָואס זָאלֶען זַיין בִּבְחִינַת אָדָם, זֵיי זֶענֶען גוּטֶע פְרַיינְד נוּר וואו זֵיי קָאנֶען וֶועמֶען בַּייסֶען.... בֶּאֱמֶת אִיז דֶער הוּנְד וֶוערְטְה דֶעם שְׁטֶעקֶען, וָוארוּם מִמָּה נַפְשָׁךְ: בִּיזְטוּ אַ הוּנְד, הָאסְטוּ בֶּעדַארְפְט דָאס צִיגֶעלֶע פֶערְהִיטֶען אוּנ נִיט צוּלָאזֶען דִיא קַאטְץ זִי זָאל עֶס אוֹיפְעֶסֶען, אָט טַאקִי דֶערְפַאר אִיז גֶעקוּמֶען דֶער שְׁטֶעקֶען אוּנ הָאט גֶעשְׁלָאגֶען דֶעם הוּנְד. פַאר וָואס עֶר אִיז נִיט אַ גֶעטְרֵייעֶר הוּנְד, אוּנ עֶס קוּמְט נִיט אוֹיס וִוי מֶען זָאגְט: זַא פְּרַאוְודָא בִּיוּט, נִיט זַא פְּרַאוְודָא, אָבֶּער פַאר זַיין שֶׁקֶר, פַאר זַיין הִינְטִישֶׁען סַאוִויעֶסְט יִמַּח שְׁמוֹ, וָואס צוּ אִיהם זַיינֶען גֶעגְלִיכֶען אַלֶע אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים עַד שֶׁיָּבֹא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ, בִּיז דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַלֵיין וֶועט קוּמֶען אוּנ אָבְּצָאהלֶען אַלֶע אוּנְזֶערֶע אֱמֶת'ע שׂוֹנְאִים, אוּנ פַאלְשֶׁע אוֹהֲבִים! אָט דָאס מֵיינְט דֶער חַד גַּדְיָא, אוּנ אַזוֹי וִויא דֶער סוֹף אִיז אַ גוּטֶער, אִיז אַ סִימָן אַז מִיר הָאט זִיךְ גֶעחָלוֹמְט אַ גוּטֶער חָלוֹם אוּנ מִיר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִיךְ זָאל אוֹיסְפִיהרֶן דֶעם שִׁידּוּךְ אוּנ בֶּעקוּמֶען פוּן ר' חֲנוֹךְ אַ טְהַייעֶרֶע צִיג בְּמַתָּנָה, לְבַד שַׁדְכָנוּת וִויפִיעל אִיךְ וֶועל אַלֵיין וֶועלֶן, פֶערְשְׁטֶעהסְטוּ. מַיין אֵשֶׁת חַיִל!

ג.

עס איז א שאנער ליכטיגער פריה מארגען געוועזן. ביי נאכט האט גערעגענט, געדונערט און געבליצט, אבער מיטן טאג פונקט צום מולד פון ראש חודש תמוז האט זיך דער הימעל אויסגעלויטערט און אז רחל'ע האט איהרע אויגען געעפענט האט זיא זיך דערפרעהט א ליכטיגען לויטערן בלאען הימעל צו זעהן, א ווארעמען אנגענעהמען פרישען וועטער צו פיהלען. נאך מעהר האט זי זיך פערגניגט אז זי איז אין סאד אריין און האט דערזעהן, אז דער רעגען און געוויטער האבען אלעס אבגע-געפרישט, די בלימעלעך דערקוויקט און זיי קעהרן זיך איצט געגען זונן און ווארעמען זיך און טריקענען זיך און בליהען און וואקסען אין ליכט און אין ווארעמקייט. ווי שאנע טהוי טראפענס אויף זייערע צארטע בלאטלעך האבען זיך איצט טהרערן טראפענס אין איהרע שאנע אויגען בעוויזען. דאס ווארן ניט טהרערן פון אנגסט, פון א געפייניגטען הערצען, אבער טהרערן פון צופרידענהייט, טהרערן פון גליק, וועלכע קומען פון א ליעבענד הערצען בעת א ערקוויקענדער פריה מארגען פיללט עס מיט ליעבע און האפפנונג און אין דער נאהענטקייט פון דער שאנער נאטור און דאס אויג ערפרעהט זיך מיט אלץ וואס עס זעהט. — צווישען טויזענדער בלומען איז זיא דא אויך ווי א בלום איינגעפלאנצט געוועזן און מיט זיי צוזאמען האט זי ליכט און ווארעמקייט אין זיך געשלונגען און גאט געדאנקט וואס ער איז אזוי גוט, וואס זיין ליעבע נאטור איז אזוי רייך און שאן. ווי די בלימעלעך קעהרן זיך צו דער זאננע, חאטש זי איז ווייט און הויך פון זייא, אזוי האט זיך איהר ליעבענד הערץ איצט געקעהרט צו יענער געגענד וואו איהר זאננע שיינט, וואו משה'לע איהר הערצענס געליעבטער לערנט איצט און זי איז גליקליך געוועזען נור מיט א שטראהל א ליכטיגען און א ווארעמען, וואס ער שיקט איהר אמאל פון זיין ווייטקייט אין זיינע ליעבע קלוגע בריוועלעך. — א לאנגע צייט איז זיא דא געזעסן און דיא זונן האט געלויכט און געשיינט, נור פלוצלונג איז דונקעל געווארן, א שווארצע שטיק וואלקען האט די זונן פערשטעלט, עס האט אבער פיעל ניט געדויערט, דער וואלקען איז אריבער און עס איז צוריק ליכטיג און העלל געווארן. אט אזוי לויפען אפט וואלקען פינסטערע פארביי מיין ליכטיגער זאנע, האט זי פאר זיך געזאגט. וואלקען פינסטערע, מיינע האפנונגען אין מיר צו פערדונקלען... א, איך בעט דיך גאט, היים מיינע הערצענס וואלקען אזוי גיך פארביי געהן, ווי יענע וועלכע האבען איצט דיא ליכטיגע זונן פון מיינע בלימעלעך פערשטעלט! האט עס ביז איצט נאך ווייניג גערעגענט? האב איך ביז היינט נאך ווייניג געוויינט און טהרערן ווי רעגען פערגאסען? זאל שוין גענוג זיין וויינען! איך בין שוין מיט אלעם געוואהנט, מיט אלץ צופרידען! זאלען מעהר קיינע נייע וואלקען ניט פערשטעלן מיר דיא זאנע וועלכע איך טראג הייליג אין מיינעם הערצען!.... אויף די אלטע פערוועלקטע בלאטלעך פון פאר יאהרן, וואקסען איצט פרישע יונגע בלומען, לאז אויך די קינדער דא וואקסען און געבייהען וואו זייערע עלטערן און עלטערנס עלטערן זיינען פערוועלקט געווארן!... ניט ארגער ווי די שטומע בלימעלעך. גאט אין הימעל. דארף ביי דיר דער מענש זיין, שיק דיין

מוטס אונ חסד אויף אונז, אויף מיר, אויף מיין משה'לען, אויף מיינע קליינע אונשולדיגע יתומים'לעך. מיר זאלן דא אין דעם הויז, אין דעם גארטען רוהיג אונ צופרידען בלייבען, קיינע גראָסערע גליקען פערלאנגט מיין הערץ ניט פון דיר!..."

אין דער זעלבער צייט ווען זיא האט דא גאט געבעטען אונ איהרע האפנונגען איהם פערטרויט, איז זיך דארט ביי איהר מוטער אין שטוב, דאס קליין מאגער יודעלע שימעלע געזעסען אונ צו ג'ישט געמאכט איהרע האפנונגען. ער האט זיך מיט געגעבען, עס זאל געשעהן ווי ער זאל לעבען וויל, ניט ווי עס וויל א ליעבענד הערץ פון א נארריש מאדעל. אונ זעלבסט גאט האט איהם געמוזט שווייגען. „גאט געוועלטיגט אויף דעם מענשען, ווער אבער געוועלטיגט אויף גאט?" „דער צדיק!" ווער איז דער צדיק? דער רבי זאל לעבען! מאג דער, וואס האט הימעל אונ ערד בעשאפען זיבען מאל גוזר זיין, אז דער צדיק וויל איז ער זיינע גזירות מבטל, מאג נאטור אונ ריינע ליעבע א הערץ צו א הערצען צובינדען, וויל דער רבי ניט — ווערן אלע בינט צעריסען... אומזיסט נארריש קינד, בעטסטו גאט פאר דיין ליעבען משה'לען! גאט קאן דיר ניט העלפען, דעם רבינ'ס דעה איז שטארקער אלס די דעה פון דעם אלמאכטיגען, אונ זיין דעה זאגט איצט שימעלע אין רבינ'ס נאמען, אז העניך'ס זוהן איז דיין בעשערטער ניט משה'לע וועלכען דוא ליעבסט.

אונ שימעלע האט מיט היטץ, מיט שטורעם גערעדט אונ איז ניט מיד געווארען רעדענדיג, האטש חייעלע האט זיך ניט שטארק געדונגען אונ האט באלד מודה געוועזען, אז אזא שדוך קאן זיין ווי אנגעמאסטען; אבער ניט דאס האט שימעלע געוואלט: ער האט ר' העניכ'ן צוגעזאגט צו ברענגען א קלארע ידיעה אונ איז ניט א בעל'ן געוועזען מיט א פוסטע תשובה אוועג צוגעהן, וויא יעדער שדכן ביי דעם ערשטען מאל א שדוך פארשלאגען.

— מיט וואס גייט איך אוועג פון אייך, חייעלע? האט שמעון געפרעגט אז איהם איז שוין טרוקען געווארן אין האלז רעדענדיג אונ מגזם זיין'דיג דאס גליק וואס איהר קינד שטעהט דא פאר. זאגט, יא, יא, אדער ניין, ניין! אהין אדער אהער; נור מיר גלויבט זיך ניט, אז די מניעה זאל נאר זיין פון אייך, חייע'לע...

חייע'לע וואלט איהם פאר די רייד בעצאהלט, וואס איז? ווער איז זיא דען פאר וואס טאקי ניט די מניעה פון איהר? ר' העניך איז רייך? זאל איהם מקנא זיין ווער עס איז ארעם, זי איז אבער ניט ארעם אונ קאן נאך אפשר בעשטעהן געגען אנדערע גבירים, חוץ דעם איז זי דאך עפיס חייע'לע, אונ איהר קינדס מאמע איז עפיס אויך ניט געוועזן א יוד וואס לאזט זיך אבקויפען אזוי גרינג מיט איין ווארט — זי וואלט שימע'לען בעוויזען ווי מיט דרך ארץ צו רעדען מיט איהר, נור צו זיין גליק האט זי גאר ניט געהארט וואס ער האט גערעדט, זי איז פערטראכט געוועזן. אלטע לאנג פערגאנגענע טאג האבען איהר זיך פלוצלונג דערמאנט. זי האט איצט יענע יאהרן געזעהן, ווען א שדכן איז צו איהרע עלטערן געקומען פאר איהר א שדוך רעדען, ער האט גערעדט, מען האט איהם געאנטווערט, וואס געאנטווערט? דאס האט זיא דאמאלס ניט געהארט, נור זי ווייס, אז אין א וואך ארום איז דער שדכן נאך א מאל געקומען, אונ האט ווידער גערעדט, מען האט איהם ווידער עפיס וואס

געאנטווערט. ער איז אוועג געגאנגען, אין עטליכע טאג ווידער געקומען און אז האט ער גערעדט, מען האט איהם געאנטווערט, ער פלעגט אוועג געהען, קומען, קומען און ווידער אוועג געהען ביז עס איז א גאנץ יאהר אריבער געגאנגען און זיא האט אפט דאמאלס געהערט זאגענדיג: זי, חייעלע שטעהט שוין אין שדוכים. דיא עלטערן פלעגען צווישען זיך סודות רעדען, אפט פלעגט זיא חאפען א ווארט און זי האט גוט געוואוסט, אז דער שדכן רעדט וואס דער שדוך געפאלט איהר טאטע מאמען זעהר. ער געפאלט אויך דעם חתן'ס צד, וועגען נדן איז אויך קיין מניעה ניט. אלץ געהט כשורה דאכט זיך, נאר קיין מניעה ניטא און פונדעסטוועגען ציהט זיך עס עפיס ווי פון פעך... זיא וואלט גערן וועלן וויסען ווער איז דער חתן? וואס איז ער? און נאר נישט. דער שדכן קומט און געהט אוועק שוין געוויס א הונדערטען מאל. זי האט זיך אויך דערמאנט ווי איינמאל איז דער שדכן צוגעשטאנען מען זאל איהם א קלארע תשובה געבען ער זאל שוין ניט ברויכען מעהר זיינע פיס ברעכען, זיינע שטיוועל רייסען, געהן און געהן און צו קיין טאלק ניט קומען, אט האט איהם איהר מוטער עליה השלום בעצאהלט. „ווי רעדט עס נאר אזוינס א יוד וואס האט גאט אין הארצען?“ האט זי דאמאלס געשריען פון כעס. „א וויטיג איז מיר, א קוה פון שטאל אז א בעלהבית'טע פערקויפט, פערקויפט זיא אויך ניט מיט אזא גרינגען געמיטה און איז זיך פריהער גוט מיישב. בפרט א קינד, א טהייער קינד אויסגעבען פון זיך... וויא רעדט מען נאר אזוינס? ווי טהוט מען דאס אפ אזא וויכטיגע זאך אויף איין פוס?... לאז צייט זיין, נישקשה, זיא וועט נאך צייט האבען אנצוקומען צו א שוויגער....“

און עס איז נאך א האלב יאהר אריבער, דערנאך איז זי א גאנץ יאהר א כלה געוועזען. ענדליך איז אויך די חתונה געוועזען און צוויי וואכען איז זי אומגעגאנגען, נאך דער חתונה, געזעגענען זיך מיט קרובים, מיט שכנים, מיט בעקענטע, נאהענטע און ווייטע, און וויפיעל האט זיא געוויינט און וויפיעל טהרערן זענען פערגאסען געווארן ביז דעם טאג וואס זי איז מיט איהר מאן אין איהר נייען היים געקומען — און איצט? אט איז דער ערשטער שדכן צום ערשטען מאל נור אריינגעקומען, קוים צוויי שעה גערעדט און ביי איהר איז שוין רעכט מסכים צו זיין און זאגען א קלארע תשובה? אך, ווי קאן מען עס? ווי פערלאנגט עס נאר זעלבסט דער מחותן וואס ער איז אויך געוויס א טאטע פון א קינד און ווייס ווי טהייער א קינד איז?...“ אין אזעלכע געדאנקען איז זי געזעסען און כמעט א צעהנט ווארט ניט געהערט פון אלץ וואס שימעלע האט דא מגזם געוועזן. שימעלע אבער האט זי לאנג ניט געלאזט טראכטען און האט איהר געוויזען, אז זי וועט חרטה האבען, ווארום אויב ניט היינט א קלארע תשובה פאהרט ר' העניך אוועק און מאכט א תנאים מיט א קיעווער גביר, וואס דער רבי זאל לעבען איז אויף איהם נאך מעהר מסכים אלס אויף דעם שדוך פון איהר רחל'ען.

— אבער ר' שמעון, האט חייעלע געפרובט חאטש אבלעגען די זאך ביז מארגען, ניט פערגעסט, די כלה איז א יתומה, זי האט א פעטער, איך בין בכך הכל ניט מעהר וויא א אשה.. וועה איז מיר ניט, וויא אזוי זאל איך עס? וויא אזוי טאהר איך עס נאר מסכים זיין צום ערשטען ווארט און ביי איהם נאר ניט פרעגען?

— עלי ועל צווארי, זאג איך אייך, האט שמעון אויסגערעדט, איהם וועט געוויס געפאללען, אבער זאגט איהר מיר נור, צו געפאללט נור דער יונג אייך?

— דעם אמת זאגענדיג, האט זי געאנטווערט, געפאלט מיר, מיר מוז געפאלן ווייל ער געפאלט איהם זאל לעבען. ווי זאל איך גאר פון מיין מויל ארויס לאזען אזא ווארט און זאגען: איך בין קליגער פאר איהם זאל לעבען, און מיר געפאלט ניט? בפרט ר' פנחס'ל וויל אזוי, אבער גאט ווייס צו וועט דאס דער כלה געפאלן, צו וועט חאטש מסכים זיין דערצו איהר פעטער?

— אייער רחל'ע אזא יאהר מיר, וואס פאר א קלוג קינד זי איז! האט שימעל'ע איינגעוויזען, זי וועט די טהייערע מתנות דעם מחותנ'ס דערזעהן, וועט זי פערשטעהן וואס פאר א גליק דאס איז פאר איהר; דערמאנט אייך נור, איינענע שטאדעס, ציענען שעפסען און קיה; איינענע פעלדער און וועלדער, מאיאנטקעס גאנצע איינענע? גאר א קלייניגקייט מיינט איהר איז ר' הענין! ר' שלמה איז א ייד א חסיד א מאמין, און ער וועט געוויס ניט געגען זיין דעם רבינ'ס עצה און דעם רבונו של עולם'ס רצון, אט וועט איהר זעהן, מיין הצלחה וועט זיין דארין אויך, עס זאל אויסגעפיהרט ווערן מיט מזל!

— הלוואי זאלט איהר אמת זאגען! האט חייעל'ע צוגעוואונשען, אייך איז גרינג צו זאגען ווייל איהר ווייסט ניט, ר' שמעון, וואו מיר מיין שוך קוועטשט....

— וואס מיר שוך, עס וועט גוט זיין! האט ער פערזיכערט, אבי איך האב ביי אייך פועל געוועזען, מאג איך בעטען היינט דעם מחותן ר' הענין קומען אהערצו אויף טהיי? זאל ר' שלמה אויך זיין, איהר וועט אייך דורכרעדען, וועט איהר הארן מסתמא וועט איהר זיך דאך ריכטען און צוגרייטען אפיינעם טראקטאמענט?

חייעל'ע האט נאך געוואלט עפיס איינווענדען, אבער שימעל'ע האט שוין ניט געווארט אויף איהר תשובה און איז אוועק גלייך צו הענין, איהם געזאגט, עס געהט אויף אלאד און מען בעט איהם אויף טהיי אין אבענד.

חייעל'ע איז זיטצען געבליבען ווי צומישט, איהר הערץ האט איהר באנג געטהון איהר ערשט קינד אזוי גיך צו פטר'ן און זיך גאר ניט דינגען א האלב יאהר וועניגסטען, ווי עס פיהרט זיך צווישען רעכטע מענשען. זי האט אויך א מינוט איהר געשטארבענעם מאן דערמאנט און אווארימער טהרער האט זיך ניט פיהלענדיג איבער איהרע באקען אראפ געקויקעלט און אויף איהר האנד אראפגעפאלען. נור די מינוט האט מעהר ווי א מינוט ניט געדויערט, נייע גליקען האבען זיך ווי פון אצויבערקראפט צוגעטראגען און האבען איהרע טרויעריגע געדאנקען צו-יאגט: דעם רבינ'ס הויף... ר' פנחס'לס ווייב... ר' הענין דעם גרויסען עושר מחותנת'טע... איהר רחל'ע זיצט אין כל טוב, איינענע פעלדער און וועלדער, פאהרט אין איינענע קארעטען, און אז זי וועט אמאל קומען צו דער מאמען צו גאסט, וועט קאכען דעם רבינ'ס הויף, זיא וועט שטאלצירען קאנען מיט איהר קינד נעגען דעם רבינ'ס שניר און טאכטער, ווער וועט צו איהר נאך גלייך זיין דאמאלס?

אין אזעלכע געדאנקען האט זיא געפאנטאזירט א האלב שעה, אז זי האט זיך אויפגעכאפט פון איהר פערטראכטקייט האט זיא זיך דערמאנט אז שמעון האט

געזאָגט: ער גערעט בעטען ר' הענידן אַ הערצוּ אוֹיף טהיי און זי האָט קיין צייט געהאַט אויסצורעדען ער זאָל עס ניט טהון... מסתמא דאַרף אַזוי זיין!' האָט זי גע-קלערט, מסתמא איז בעשערט אַזוי... לאָז דער רבונו של עולם חסד טהון און פיהרן ווי איהם געפעלט..."

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיא געהייסען צוקלויבען די צימערן. מען האָט אויף די פענסטער ווייסע גאַרדינען אויפגעהאַנגען, די ווייכע מעבעל מיט נייע ציכען איבערגעצויגען, און אַז יעמאַנד האָט געפרעגט: וואָס איז היינט פאַר אַזאַ יום טוב? האָט חייעלע געענטפערט: אַ מחותן דאַרף קומען, ער וועט אייך לאָזען אַ שאָנע אַטיעסטערען...

אין קיך וואו די אַלטע פייגע האָט געהערשט און געוועלטיגט האָבען אַלע, פייגען צו ליעב, שוין לאַנג מסכים געוועזען, אַז רחלע איז שוין אַ כלה פאַר משהלען, אויך בערעלע שפּאַק האָט נאָך עד היום משהלעס גנון פון דער הפטרה ניט פערגעסען, דאַריבער האָט זיי גאַר ניט געקאָנט איינפאַלען אַז חייעלע מיינט עס: אַ מחותן פאַר רחלען און אַז רחלע איז אַריינגעקומען, דערזעהן וואָס פאַר אַ איבערקערעניש דאָ אין שטוב איז געוואָרן און האָט ביי דער אַלטער פייגען געפרעגט: צו ליעב וואָס און וועמען מאַכט מען דאָ אַזאַ פּאַראַד? האָט די אַלטע איהר געזאָגט:

— מיין ליעבע רחלע, זאָל דיך ניט פערדריסען, דוא זעהסט דאָך, עס איז מן השמים אַזוי, מסתמא דאַרף אַזוי זיין! איך ווייס ניט קלאָר, צו ר' פנחס'ל אַליין אָדער אַ ברודער זיינער דאַרף קומען, די מאַמע האָט געזאָגט: "דער מחותן דאַרף קומען", זיי אַ גוט קינד, בעהאַלט דיין ווייטיג און געהם עס אָן פאַר גוט! איך האָב עס ניט געוואָלט דערלעבען. אָבער אַז מען לעבט דערלעבט מען אפילו וואָס מען וויל עס ניט!....

פייגע איז געערבט! האָט רחלע צו זיך געזאָגט, נאָך דעם זי האָט זיך אויס-געוויינט אין איהר צימער, איך מוז דער מוטער ווייזען, אַז איך בין צופרידען מיט אַלץ וואָס זי טהוט. איך פערלאַנג פון איהר זי זאָל מיר מיין גליק פערגינען, פאַר וואָס זאָל איך ניט איהר פערגינען איהר פרייד און גליק?

נאָך דיזער איבערלעגונג האָט זיא פערטריבען פון איהר פנים דעם טרויעריגען וואָלקען וואָס האָט איהר אָנפאַנגס בעדעקט און זיך מיה געגעבען צו ווייזען, אַז איהר איז ליעב און גוט אַזוי ווי עס מאַכט זיך. אַז חייעלע האָט בעמערקט ווי רחלע העלפט אויך צופוצען די שטוב, האָט זי געקלערט: מסתמא ווייס זי שוין ווער דער גאַסט וועט זיין און איז צופרידען, אַז ניט וואָלט זי דאָך ניט צוהעלפען אַזאַ פּאַראַד מאַכען.

איצט, מיין טאָכטער, זעה איך, האָט זי געזאָגט. אַז איך האָב נאָך דיין גוט האַרץ ניט געוואוסט אין גאַנצען, איצט ווייס איך, אַז גאָט האָט מיין צער צוגעזעהן און איך וועל נאָך פיעל נחת פון דיר דערלעבען...

— מוטער, גלויב מיר, האָט רחלע געריהרט אויסגערעדט, איך בין ניט שולדיג געוועזען, מיין הערץ איז פאַרט צובראָכען אין מיר, דוא ווייסט דאָך ווי טהייער ער איז מיר געוועזען, ווי ליעב איך האָב איהם געהאַט! עס פערגעסט זיך

אזוי ניך ניט... אלס יודישע טאכטער גלויב איך, אז מיט גאטעס ווילען טהוט זיך אזוי... פערציהע, איך וועל זיך מיה געבען דיר א טרייע טאכטער צו זיין און קיין פערדרוס און צער דיר חלילה ניט פעראורזאכען.

חיעלע, האט געמיינט: דאס רעדט זי פון טשהלען און האט געגלויבט אז דאס איז א בעשערטער שדוך פון גאט, ווארום נאך איידער זיא האט מיט איהר צוויי ווארטער איבערגערעדט, איז זי שוין צופרידען און נעהמט זיך נאך פאר שטאנדיג איהר צוגעהארכען און פאלגען ווי א טרייע טאכטער. זי האט זי צו איהר הערצען צוגעדריקט, ביידע האבען געוויינט, ביידענס טהרערן האבען זיך צומישט, ווי פערשידען אבער זענען די קוועלען געוועזן פון דיזע טהרערן!....

חיעלע האט איהר אליין איהרע שאנערע קליידער צוגעטראגען און געבעטען זי זאל זיך איבער טהון, ווי עס פאסט פאר איהר קינד בעת א מחותן אזא גביר ברויך קומען: רחל'ע האט אויף שלעכטס ניט געקלארט און האט דער מוטער צו ליעב זיך באלד איבערגעטהון; נור אז זי איז צום שפיגעל צוגעגאנגען האט זי פאר זיך זעלבסט זיך פערשאמט אזוי אויסגעפוצט זיך צו זעהן אין א מיטען מיטוואך.

פערציהע ליעבער פאטער, האט זי אויסגערעדט, פערציהע דיין טאכטער, וועלכע טהוט אוים אויף א וויילע איהרע טרויערקליידער וואס זי טראגט נאך דיר אום איהר מוטער געהארכזאם צו זיין!..... דוא אליין ווייסט ווי שווער דיזע שאנע קליידער היינגען יעטצט אויף מיר און מיין בעטריבט הערץ זעהסטו פאטער, זעלבסט אונטער דיזע צירונג...פערציהע פאטער, אויך מיין מוטער, בעט נאט פאר איהר, דען זי איז נאך די ליעבע מוטער פון דיינע עלענדע יתומים!...

חיעלע האט געשיקט רופען ר' שלמהן און האט איהם אויסדערצאלט אלע איינצעלנהייטען און איהם געבעטען: זיין א טרייער פעטער און פאטער איהר עלענדער יתומה איהר בייצושטעהן אין איהר נויטה, דאס הייסט: זיין הסכמה געבען דערצו. אז ר' שלמה, האט דערהארט אז די רעדע איז פון א שדוך פאר רחל'ען, האט איהם דאס הארץ פערקוועטשט און האט באלד זיין שטעקען אנגעהויבען צו זוכען צוריק אהיים צו געהען.

וואס זוכט איהר, שוואגער? האט חיעלע געפרעגט און האט אליין אויך אנגעהויבען זוכען, ניט וויסענדיג וואס זי זוכט.

— מיין שטעקען זוך איך, האט ער געאנטווערט קאלט און טרויעריג. איך וויל דערביי ניט זיין, ווי מען צושטערט דעם ווילען פון אויסגעליטערטען פאטער. טהו, חיעלע, ווי דו ווילסט. איך וויל דעם מכשל אויף מיין אלטען קאפ מיר ניט געהמען!...

— שוואגער, פאר וואס זאלט איהר אזוי זינדיג זיין נעגען רבונו של עולם! האט חיעלע אויסגעשריען, דער רבי זאל לעבען אליין האט ר' הענוך געשיקט אהער צו. און האט מבטיח געוועזן, אז איצט איז די מזלדיגע שעה דער שדוך זאל אויסגעפירט ווערן! זעהט אליין ווי היילינ זיינע ווארטער זענען, וואלט איך עס מיר נאר א מאל פארגעשטעלט אז רחל'ע וועט צום ערשטען ווארט מיך מחילה בעטען און מיר שווארן אז זי איז צופרידען! נאטס חסד איז מיט אונז און ער האט איהר היינט אזא

קלארע דעה און ריינע מחשבה צוגעשיקט, מסתמא איז איהר דאך בעשערט זי זאל קליינען א כשר קינד, א פרומע און א גוטע יודישע טאכטער!

— איך גלויב ניט, וואס איך הער. האט ער פערוואונדערט אויסגערעדט.

אין דער מינוט איז רחל'ע דורכגעגאנגען דורך דעם צימער וואו איהר מוטער מיט איהר פעטער זיינען געזעסען. זי האט זיך פאר איהם פערשעמט אזוי געפוטצט אין איהר טיפען טרויער זיך צו ווייזען און האט איהם נור פון ווייטען געגריסט און איז אין זאאל אריין.

— א עם לא היה, זעגט איהר נשים! האט ער מיט כעס אויסגערעדט. אייער דעה איז גרינגער פון קלייעו. „ניין" און „יוא" איז ביי אייך אלץ איינס. היינט ווייס איך א דעה צו זאגען!... הארסטו. די אייגענע רחל'ע האט געוויינט פאר מיר און האט געשוואוירן, אז גיכער וועט זי אין דער ערד א יונגע אריין, איידער משה'לען פערגעסען און חתונה האבען מיט איין אנדערן. און וואלט איך זיא איצט מיט מיינע אויגען ניט זעהן ווי אויסגעפוטצט זי איז צו ליעב דעם מחותן, וואלט איך דיר ניט גלויבען ווען דוא זאלסט מיר שווערן פון היינט ביז מארגען. זאג מיר, איך בעט דיך, זי האט דיר אליין געזאגט, זי וויל ר' העניך'ס זוהן?

— אזוי פערשייט איז מיין קינד נאך ניט, האט חייע'לע געאנטווערט. זיא וועט ניט זאגען: איך וויל דעם חתן. וועלכעס מיידעל לאזט אזא ווארט ארויס פון מויל? אבער איז ניט גענוג בעוויז אז זי וויל און איז צופרידען, דאס וואס זי האט מיך מחילה געבעטען היינט? זאל איך מיר אזוי ביי דעם רבונו של עולם אויסבעטען אלל דאס גוטס אויף זיך און אויף אלעמען וואס מיר איז ליעב! זעהט איהר נאך ניט קיין חסד אין דעם?

— איך קאן פון זינען אראפ פון אלץ וואס איך הער. האט ער אויסגערעדט. איז דאס אלץ אמת און גאט בעוויזט אונז אזעלכע גרויסע נסים האטש מיר זענען זיי גאר ניט ווערטה?

— דער רבי זאל לעבען, טהוט פאר אונז, האט חייע'לע ערקלארט. ער אליין האט מיר געזאגט, ער וועט צו מיינע קינדער בעסער ווי א לייבליכער פאטער זיין. וואס וואונדערט איהר אייך? מסתמא איז דאך דא זכות אבות אויך דערביי!

— יא, יא, נור זכות אבות! האט ער צוגעשטיכט, איך מוז קוקען און שווייגען, איך וועל ניט קיילע מאכען. ר' העניך איז באמת א נגיד א יוד, גליקליך וועט זיא זיין פאר זיין בן יחיד, דאס איז אמת, נור דאס הארץ טהוט מיר וועה אויף דעם בן סורר מיינעם: אויף משה'לען, וועלכער וועט שוין נאך דעם אוועק אין בריטען וועג און מיר וועלן איהם פערלירן אויף אייביג.... אפשר איז אזוי גלייבער, גאט איז גערעכט. איך מוז קוקען און שווייגען!

— ניין, איך וויל איהר זאלט אויך מסכים זיין! האט זי פערלאנגט, איהר זייט דער כלה'ס איינציגער פעטער, ווער דען וועט זיך מיט א דעה ארויסשטעלען אז ניט איהר?

— אז מעהר ווי מיין הסכם וועט ניט פעהלען, וועל איך מסכים זיין. האט ער שנעליך נאכגעגעבען זעהר אונצופרידען.

ער האט רחל'ען אפאר מאל געזעהן דורכגעהענדיג. אונ איינמאל האט זי אפילו געוואלט צוגעהן צו איהם; אבער זיין הערץ האט געקאכט פון כעס אויף איהר לייכטזיניגקייט, וויא ער האט געמיינט, אונ ער האט זיך פון איהר אבגעקעהרט. זי האט געפיהלט, אז איהם איז ניט צום מוטה רעדען איצט מיט איהר; זי האט אבער געקלערט: ער איז אזוי אונמוטהיג, וואס ער דארף א מחותן זיין אויף אזא טרויעריגע שמחה. זי האט איהם טראסטען געוואלט; אבער זי האט מורא געהאט, ער זאל ניט אנהייבען וויינען ווי זיין שטיינער איז. דאריבער האט זי פאר בעסער געפונען איצט מיט איהם ניט צו רעדען, דער סוטערס שמחה ניט צו פערשטערן.

ר' שלמה האט געהייסען אריינרופען די מענשען פון זאוואד צו א מנין, מען זאל דא מעריב דאווענען אונ די קינדער זאלען קאנען קדיש זאגען. שימעלע איז אויך געקומען, אין זיין לאסטינגער גרינגע קאפאטע מיט זיין שבת'דיגען היטעל. עס האט נאך געפעהלט א צעהנטער צום מנין, אונ ר' הענין איז אנגעקומען צו דער רעכטער מינוט. ר' שלמה האט איהם שלום עליכם געגעבען אונ האט עס פאר א סימן אנגענומען, אז גאט האט איהם געבראכט, משלים צו זיין דעם מנין אונ דאס ווייזט אויף גוטס.

בעת מען האט דא מעריב אבגעדאווענט, האט מען אין זאאל אונ אין גאסטינגע אנגעצונדען אלע ליכט אונ לאמפען. אז רחל'ע האט נאך מעריב דערזעהן ווי מען האט ר' הענין'ן אריינגעבעטען מיט כבוד אין גאסטינגע אריין, האט זי געמיינט: מסתמא איז ער א ברודער אדער א נאהענטער קרוב ר' פנחס'לס, אונ איז צופרידען געוועזען וואס ניט ר' פנחס'ל אליין איז געקומען. זיא האט זיך עפיס פרייער אנגעהויבען פיהלען.

ווי אין יענע אורזאלטע, אין וואונדער רייכע צייטען, האט אברהם קנעכט זיין וואונדער געשיכטע ערצאהלט פאר בתואל אונ לבן הארמי, ווי גאט האט זיין וועג בעגליקט אונ ער האט געפונען דיא וועלכע ער האט געזוכט — האט איצט, אין דער נייער, אין וואונדער, ארעמער צייט — ר' הענין אויך זיין געשיכטע דערצאהלט אונ דעם רבי'נס נביאות אונ מופתים בעוואונדערט פאר ר' שלמהן אונ פאר חייע'לען דאס ער איז אויף א בעשערטע זאך געקומען אונ גאט האט איהם אהערצו געפיהרט. אונ ווי יענע אלטע צייטען האבען די פערוואונדערטע צוהערער געאנטווערט: מה' יצא הדבר, גאט האט אזוי בעשלאסען, לא נוכל דבר אליך רע או טוב: מיר קאנען דיר דארויף ניט שלעכט ניט גוט זאגען. הנה רבקה לפניך קח ולך: אט איז רבקה, נעהם זיא אונ געה אונ זאל זיא זיין א פרוי דיין הערענס זוהן — האבען איצט די צוהערער פון ר' הענינ'ס געשיכטע אויך געאנטווערט: „דא זעהט מען א גאט זאך, זאל זיין ווילען געשעהן, מיר זענען בודאי מסכים..." נור וועהרענד מיט פיער טויזענד יאהר צוריק האט דער ברודער לבן הארמי אונ דיא מוטער פון דער כלה, אין דער ענטשיידענדער מינוט זיך פארט אן יושר דערמאנט אונ האבען געזאגט: נקרא לנערה, ונשאלה את פיה, לאמיר דאס מאדכען צורופען אונ פרעגען: צו וויל זיא אקארסט דעם שדוך — האט איצט, מיט פיער טויזענד יאהר שפאטער דער גוטער פעטער ר' שלמה אונ די טרייע מוטער אונ חסידה חייע'לע אן דיזען יושר פערגעסען אונ ניט דערמאנט, אז די כלה זייערע איז א יתומה אונ איידער מען שלאגט צו א האנד דער שדוך זאל ווערן געשלאסען, ברויך מען אויך איהר דעה

האָרן, און ווי האָבען מיט ר' הענֿיך'ן אַ קנין געמאַכט; נור איין זאַך האָט זיך דיא מוטער דערמאָנט, נאָמליך: בעת זי איז אַ מיידעל געוועזן און איהר מחותן איז געקומען זיא זעהן האָט די מוטער איהרע איהר דאַמאָלס מכבד געוועזן טהיי און כבוד צו דערלאַנגען צום טיש, ער זאָל געלעגענהייט האָבען זיא צו זעהן ווי שאָן, ווי געראָטהען זי איז; דאַריבער האָט זי באַלד רחל'ען אַריינגערופען, איהר די שליסעלעך געגעבען און געבעטען: זיא זאָל איהר אויך דאָס צוליעב טהון און אַליין צום טיש טהיי און כיבודים דערלאַנגען. רחל'ע האָט ניט געוואוסט וואָס דאָ איז ביז איצט גערעדט און אָבגעטהון געוואָרן, זי האָט זיך איינמאָל פאַרגענומען דער מוטער צופרידענהייט צו ווייזען האָט זי אויך דיזע געפעליגקייט געטהון, חאָטש איהר הערץ האָט פון מינוט צו מינוט אַלץ שווערער אָנגעהויבען צו פרעסען אין איהר און אָנגסטליכע אַהנונגען האָבען זיא אַלץ שטאַרקער געפייניגט... נאָך שווערער איז איהר געוועזן ר' הענֿיך'ס צופרידענע פריינדליכע בליקען צו פערטראָגען; אַזוי האָט נאָך קיין עלטערער פרעמדער מאַנסביל ביז איצט אויף איהר ניט געקוקט. זי האָט געזוכט אַ געלעגענהייט ווי אונבעמערקט אַרויסצוגעהען, דאָ איז איהר ענג און דושנא געוואָרן, זי האָט קוים דעם אָטהעם געקאָנט אָבכאַפען. ר' הענֿיך איז אויסער זיך געוועזן פון שמחה וואָס די כלה איז אַזוי שאָן, ווי אַ מלאך הייליג און פאַרנעהם האָט זיא איהם אויסגעוויזען און דער רבי איז אין דער מינוט נאָך הייליגער אין זיינע אויגען געוואָרן. „ער איז אַ נביא, אַ אמת'ר נביא!" האָט ער געקלאָהרט און איז פון גרויס התפעלות ניט נור זיינע מתנות און פערמאָגען זיין בן יחידס געראָטהענער כלה בעריית געוועזן אָנצושענקען, אָבער אויך זיין לעבען וואָלט ער איהר איצט ניט געזשאַלעוועט. „קום אַהער נאָהענטער, מיין טאָכטער", האָט ער אויסגערעדט כמעט מיט אַ אַרט דרך ארץ, „שאַם דיך ניט, מיין ליעב קינד, היינט זענען שוין די מאָדעס אויסגעגאַנגען וואָס אַ כלה מוז זיך שאַמען פאַר איהר מחותן. ניט דיך פערהאָרן רוף איך דיך; נור דיר דעם אמת אין די אויגען צו זאָגען, אַז דו געפעלסט מיר טויזענד מאָל מעהר ווי מען האָט מיר פון דיר דערצאָהלט. אַזוי זאָלסטו אויך דיין אמת'ן בעשערטען געפעלען און אַזוי זאָל ער אויך אין דיינע אויגען חן געפינען!" און ניט וואַרטענדיג אויף איהר תשובה, האָט ער אַרויסגענומען אַ טהייערן גאָלדענעם בראַסלעט מיט גרויסע בריליאַנטען איינגעפאַסט און איהר דערלאַנגט.

— נעהם עס מיין קינד, דאָס איז די ערשטע קלענסטע מתנה מיינע, וואָס איך שענק דיר. האָט ער זעהר געריהרט פון צאַרטליכע פאַטערגעפיהלע געזאָגט, איך האָב עס געקויפט נאָך איידער איך האָב דיך געזעהן, איצט אַז איך זעה דיך און דוא ביזט שאָנער וויא דער בריליאַנט וואָס דאָ איז איינגעפאַסט — זאָג איך דיר צו נאָך שאָנערע מתנות דיר צו געבען און געבען, מיין ליעב קינד!

רחל'ע איז ווי צומישט געשטאַנען, ניט געוואוסט וואָס דאָ געהט פאָר; נור איהרע אויגען האָבען איהר בעקלעמונג געגעבען צו פערשטעהן. צו האָט זי געוואוסט וואָס זי רעדט צו ניט, נור ניט אין דער מעגליכקייט וואָס אַנדערעס צו זאָגען האָט זי אויסגערעדט: איך דאַנק אייך פאַר אייערע גוטע רעד. אייער מתנה האָב איך ניט פערדינט, פאַר וואָס ניט איהר זיא מיר?

— אונזער מוטער רבקה איז געוועזן קליגער פאר דיר, מיין טאכטער! האט דער פעטער זיך אבגערופען, בעת אברהם אבינו'ס קנעכט האט איהר פאר א טרונק וואסער א טהייערן נאזבאנד און צוויי ארמבאנדער געשענקט האט זיא דיא מתנה צוגענומען און ניט געפרעגט: פאר וואס קומט עס מיר. דיין מחותן: דיין חתן'ס טאטע גיט דיר די מתנה פון א סימן וועגען, דו זאלסט געדענקען אז דו ביזט שוין א כלה מיט מזל!

איהר איז פינסטער געווארן אין די אויגען, די שטוב מיט די ליכט און לאמפען האבען זיך אנגעהויבען ווי א שווינדעל ראד דרעהען אין א נאלאפ ארום איהר. זיא האט נור א געשריי געטהון: „מוטער, וואס האר איך!" און איז דער מוטער אויפן האלז אין אונמאכט געבליבען.

— וואסער, וואסער! האט די מוטער מיט דעם פעטער געשריען. מען האט וואסער געבראכט זי אבגעמינטערט און אין איהר צימער אויף איהר בעטעל אוועק געלעגט.

ד.

מען האט ר' הענידן ווי עס איז בערוהיגט: „קיין באד", „נישט מעהר ווי א עין הרע", „א ריינע עין הרע", „שוין איבערגאנגען", „זייט רוהיג מחותן, אייער כלה וועט שוין געזונד זיין!" און ער איז רוהיג אהיים אוועק. דאס וואס די מחותנים זיינע, זוכען דעם צופאל צו פערגלעטען האט איהם נאטראסט מיט האפנונג, אז זיי וועלן זי מסתמא איבעררעדען און זי וועט צום שכל קומען. „נישקשה, איך האב א גוטען צד אין טיש און דער רבי זאל לעבען וועט מסתמא אויספיהרן וואס ער וויל!" האט ער געקלערט, „ר' פנחס'ס האט געוואוסט אז אזוי וועט זיין!" פונדעסטוועגען האט ער תיכף צום רבי'ן טעלעגראפירט, אז עס איז א קנין געוועזן און דיא כלה איז שלאף געווארן.

— לאז מיך חייעלע, צו איהר אריין, איך וויל וויסען וואס איז מיט איהר געשעהן, האט ר' שלמה געבעטען גלייך ווי ר' העניך איז אהיים אוועק.

— גאר נישט! דער קאלטון האט זיא ווידער פערדרעהט...

— לאז מיך צו צו איהר. איך וועל איהר צו פערשטעהן געבען ווי שטארק אומגערעכט זי איז. זי איז דאך פארט א גוטע און א קלוגע אלע מאל געוועזן.

— א גוטע קוה איז זי! גיט א פאלע דויניצע מילך און דערנאך בריקט זיא עס אוים מיט דער פוס.. אזא בזיון, אזא שאנד... צו הארט מען דאס נאר ביי לייטען?

— פעטער, האט רחלע אויסגערעדט מיט אריהרענדער שטימע, אז זי האט ר' שלמה'ן ביי איהר אין צימער בעמערקט.

— זייט איהר עס געוועזען וואס האט מיך אזוי שאנדליך, אהן מיין וויסען פערקויפט? האט איהר פאר גאט קיין מורא געהאט אזוינס צו טהון? ניין, ניט איהר זענט עס דארט אין נאסטינע געזעסען, אן אנדערער האט מיר אנגעזאגט אז איך בין א כלה געווארן, מיין איינציגער פעטער קאן אזוי זינדיג. אזוי פאלש ניט זיין!...

— הא? איך בין פאלש? איך בין שולדיג? ניט דוא אליין? אונפערשאמט ביזטו, א דבוק זיצט אין דיר! טאג און נאכט, יוא און ניין איז ביי דיר אין איין מינוט,

אָדער דו מײנסט מיט מיר קאָמעדיעס צו שפּילען? אַ הולטײקע ביזטו אַז דו קאָנסט נאָך זאָגען אַז איך בין שולדיג און ניט דו אַלײן!

מיט די װאָרטער האָט ער זיך אַװאָרף געטהון צו דער טהיר און געװאָלט אַרױסגעהן.

— רחמנות פּעטער, רחמנות האָט און האָרט מיך אױס! האָט זי איהם נאָכגעשריען און איז פון בעט אַראָפּגעשפּרונגען, איהם פאַר'ן האַנד אָנגענומען און געװאָלט די האַנד קושען; ער האָט אָבער מיט צאָרן זיך אַרױסגעריסען און געשריען: אױס רחמנות! אַ שטן, אַ יצר הרע איז רחמנות אױף אַזעלכע! אַ מוסר עון זאָל עס מיר זײן, רבונו של עולם!" אַז ער האָט חיעלען דערזעהן האָט ער געשריען:

— האָרסטו, חיעלע, מיט איהר איז ניט גלאַט, אַ דבוק זיצט אין איהר, זי װײס גאָר ניט װאָס זיא רעדט! זאָל פײגע פון איהר בעט אַ גאַנצע נאַכט ניט אָבטרעטען. איך האָב מורא צו זאָגען די מזוזות דאָ אין שטוב ניט פּסול געװאָרן, זאָל מען אַ פּאָר תּפילין אַבײנגעהמען אין איהר חדר. מיט די װאָרטער איז ער אַהײם אַװעק. חיעלע איז אין רחלע'ס צימער מעהר ניט אַבײן. נור די אַלטע פײגע איז געבען איהר בעט געזעסן. רחלע האָט מיט איהר אײן װאָרט ניט געװאָלט אױסרעדען; אָבער אַז זי האָט פײגעס טהרערן דערזעהן האָט זיך איהר פערשלאָסענער כעס געאָפענט. איז דאָס אײער טרײהײט געװעזן צו אײער געשטאָרבענעם בעל הבית, װעלכען איהר האָט װי מיך אױף אײערע האַנד אױסגעהאָדעװעט? האָט זיא אָנגעהױבען, איז דאָס גוט אַזױ פײגע? אַנטװאָרט, האָט איהר אױך פאַר גאָט קײן מורא ניט? מאָג מען אַ יתומה פערקױפען?

— בעסער װאָלט איך טויב געװאָרן מיט אַ מינוט פריהער, אײדער איצט פון דיר, מײן טהײער קינד, אַזעלכע װאָרטער צו האָרן! האָט פײגע געאַנטװאָרט. גאָט װײס מײן האַרץ, ער זאָל דײן צער צוזעהן און מײן אמת דיר בעװײזען! איך האָב ניט אָנגעהױבען צו װיסען װאָס דאָ טהוט זיך, ביז דער מינוט װאָס דו האָסט געחלשט!

— האָט מען אײך אױך גענאַרט. אָ, װי קאָן אַ מוטער אַזױ שלעכט זײן!? האָט רחלע געשריען מיט כעס.

— דײן װײטיג רעדט עס פון דיר אַרױס און גאָט זאָל דײנע װאָרטער דיר פאַר קײן זינד ניט רעכענען! האָט פײגע געזאָגט. דײן מאַמע מײנט דײן טובה, ר' העניך איז אַ גביר, הלואי אױף אַלע יודען געזאָגט! זײן בן יחיד, קאָן אפשר באמת פאַר דיר אַ גוטער חתן זײן. װאָס ביזטו איהר חושד? װאָס מײנט דען דײן מאַמע דערמיט?

— אָ, װי ביטער איז מיר אַצונד. אַז אַפילו איהר װילט מיך ניט פערשטעהן? האָט רחלע מיט אַ נײעם נוס טהרערן אױסגערעדט.

— איך פערשטעה דיך מײן קינד, מסתּמא איז דאָך אַזױ בעשערט!

— נײן, פײגע, איהר װײסט, נור דער חתן איז װעלכען מײן גוטער זײדע האָט נאָך פאַר מיר בעשטימט. איהר קענט משה'לען.. איהם, מײן ליעבען שװעסטער־קינד געהאָר איך װי לאַנג איך װעל לעבען! איך האָב איהם אַזױ צוגעשװאָרן און אַזױ שװאָרט איהם מײן האַרץ יעדע מינוט! ... איך גלױב איהם אײגעם מעהר װי איך

אלעמען! מיין הערץ גלויבט איהם אונ זיינע בין איך, חאטש ער שטודירט! איצט געהט אונ העלפט אויך מיך פערקויפען!....

פייגע האט זי געלאזען זיך אויסרעדען, אויסוויינען, וויפיעל דאס הארץ געלוסט. אז זי האט בעמערקט דאס ליידענד קינד איז שוין אביסעל רוהיגער געווארן האט זי אנגעהויבען:

— איצט, מיין קינד לאז מיך רעדען, איך וויל דיר ניט זאגען צו דוא טהוסט רעכט צו קרום, איך ווייס ניט. איך בין ניט מעהר וויא דיין טרייע דינסט, וואס וואלט זיך לאזען פון דיינטוועגען אפילו דאס פלייש שניידען. ווילסטו גלויב עס מיר, ווילסטו ניט — האב איך אויך קיין פאראיבעל ניט. נור האר חאטש איינמאל מיין עצה: געה שוין אונ בעט איבער דיין מאמען! רעד מיט איהר אזוי ווי דו רעדסט מיט מיר; נור קריג זיך ניט, מיט טהרערן וועסטו איהר הערץ ווייך מאכען. זי איז דיין מוטער, זי וועט רחמנות האבען, ערקלער איהר אז דוא האסט ניט געוואוסט. אין ערגסטען אופן האסטו אויף זיך די גאנצע דעה, אונ צוויי מאל לאזט מען זיך ניט נארען... איבער געוואלד וועט מען דיך צו דער חופה ניט פיהרען! זאג איהר דאס, זיי א גוט קינד, בעצווינג דיין כעס, מיט גוטען איז אלע מאל בעסער. זיי יוצא פאר גאט אונ פאר זיך אליין, מיין ליעב קינד!

— איהר זייט גערעכט, איך געה! האט זי ווי א צומישטע אויסגערעדט אונ איז באלד צו דער מוטער אין שלאף צימער אריין. חייעלע איז אויפן בעט געזעסען זעהר א אויפגערעגטע פון כעס. רחלע איז צוגעגאנגען אונ האט זיך אויף דער ערד אראפגעלאזען, דעם קאפ אויף דער מוטערס קניא ארויפגעלעגט אונ פון וויינען אונ טהרערן ניט אים שטאנדע געוועזען איין איינציג ווארט אויסצורעדען.

— ביזטו געקומען מיך א לעבעדיגע בעוויינען? האט חייעלע געפראגט מיט צארן. שאן, זעהר שאן האב איך אויסגעפיהרט!... ווי לעב איך די בזיונות איבער! פאר וועלכע שלעכטס מיינע קומט עס מיר, אז מיין אייגען קינד זאל מיך אזוי אין פנים פאטשען, פאר א פרעמדען מענשען אין די אויגען?....

— מאמוניא, ליעבע מאמוניא! האט רחלע קוים ארויסגעשטאמעלט. א, איך בין ניט שולדיג! איך האב דעם סקאנדאל ניט געוואלט. פאר וואס האסטו מיר ניט געזאגט, אז א מחותן וועט קומען מיך זעהן? איך האב ניט געוואוסט, גאט איז מיין עדות!

— עס איז משוגע צו ווערן!... האט די מוטער אויסגעשריען, כטייטש איך האב דיר ניט געזאגט? אוועק פון מיינע אויגען! איידער אזא קינד וואס קאן מיר אזוי לייקענען אין די אויגען בעסער א שטיין האבען, רבונו של עולם! האב איך פון דיר וועגן אזעלכע עזות חצופות געזעהן? מיידען א דבוק איז אין דיר. פייגע, קומט אריין, נעהמט זי צו פון מיר! איך האב מורא מיט איהר אין איין חדר צו זיין אליין.

— מוטער ליעבע, האט רחלע אויסגערעדט אונ האט דער מוטער די פיס געקושט, האב רחמנות אונ האר מיך אויס!...

— ניין, ניין, דו ביזט פון זינען אראפ! עס איז ניט גלאט מיט דיר! האט דיא מוטער אלץ האבער געשריען, דו ווייסט ניט וואס דו רעדסט, וועה צו מיינע יאהרן!...

נעהמט זי צו, פייגע, איך האב מורא פאר איהר! זאל מען אריינרופען א פאר מענשען פון זאוואד דא נעכטיגען די נאכט! — מיט די ווערטער האט זי איהר קינד א שטויס געטהון פון זיך און איז א צושראקענע פון צימער ארויסגעלאפען שרייענדיג: „שומר ישראל איז מיט מיר!“

און דאס איז קיין אנשטעל געווען. אויסהערענדיג העניק'ס ספור, וואס פנחס'ל האט איהם נביאות געזאגט, האט זי ווירקליך געגלויבט, אז מיט רחל'ען איז עפיס ניט נאטירליכעס געשעהן. זי האט ניט געקאנט דערמאנען, אז זי האט איהר ניט געזאגט, אז דער מחותן וואס דארף קומען, וועט קומען נור זי צו זעהן און האט דעם טעות זיך ניט געקאנט ערקלארן; זיא האט נור געדענקט, אז זי האט מיט איהר גערעדט, רחל'ע האט זי מחילה געבעטען און א ווארט געגעבען: צופרידען צו זיין ווי עס מאכט זיך, און איצט לייגענט זי איהר אפ אין די אויגען!? ניט אנדערש, זי ווייס אליין ניט וואס מיט איהר טהוט זיך. אדבוק זיצט אין איהר!

— איצט פייגע, ווייס איך באמת ניט צו בין איך משוגע צו ניט. האט רחל'ע שווער אהנע כוחות אויסגערעדט, אז פייגע האט זי צוריק אין איהר צימער אריינגעפירט. איך בעט אייך, אויב איך וועל ווירקליך פון זינען אראפ, זאלט איהר מיך ניט איבערגעבען, ניט צו מיין מוטער, ניט צו מיין פעטער. גאט האט זייער הארץ פערשלאסען פון מיר, א, לאזט מיך ניט אליין!...

מעהר האט זי ניט גערעדט און איז מיט אפענע אויגען שטום אויף איהר בעט געלעגען. פייגע האט אויך מורא געהאט א אויג צו צוטהון, און האט איהר טהייער קינד אבגעהיט דיא גאנצע נאכט. אז עס איז טאג געווארן איז רחל'ע אנטשלאפען געווארן; נור אז זי האט זיך אויפגעכאפט, האט זי שוין פון איהר בעט ניט געקאנט אראפ.

ר' שלמה האט די נאכט אויך ניט געשלאפען. און ווי האט ער געקאנט שלאפען נאך אזא אבענד, וואס האט זיין הערץ אין שטיקער צוריסען!... דער קאפ איז איהם שווער ווי בליי געווארן ווען ער האט נור א טראכט געגעבען וואס אין היינטיגען אבענד איז געשעהן און ער האט בעסער גאר ניט געטראכט; אבער פון זיין דבורה'ס טרערען האט ער זיך ניט געהאט וואו צו בעהאלטען, און דבורה האט צו וויינען ניט אויפגעהערט פון דער מינוט אן וואס ער האט איהר אנגעזאגט אז ביי רחל'ען איז היינט א קנין געווען. „משה'לע, מיין עלענד קינד!“ האט זי געקלאגט, „גאט מאג דיין צער און עלענד צו זעהן!...“ מעהר האט זי ניט גערעדט; נור איהרע טרערען האבען זיך וואס ווייטער אלץ מעהר געגאסען. ער האט זי געטרייסט, ערקלארט אז גאט בעווייזט איהם נסים אזעלכע, וועלכע ער איז מיט זיינע מעשים גאר ניט ווערטה!... נור דבורה האט איהרע טהרערן גאך אלץ ניט געקאנט איינהאלטען זיי זאלען פון איהרע אויגען זיך ניט גיסען. ר' שלמה האט שוין זיין געדולד פערלארן און האט מיט כעס א געשריי געטהון:

— נו, געה דו זינדיגע נארישע אשה און זאג דעם רבונו של עולם א דעה, אז דיר געפעלט ניט וואס איהם איז יוא געפעלען!... האב פאראיבעל אויף איהם, וואס

ער האט פאר רחל'ען אאנדער חתן געפונען ניט דעם וועלכען זי וויל און וועלכען מיר האבען געוואלט... אדרבה, העלף זיך אז דו קאנסט!

— אבער וואס איז דא גאט שולדיג? האט זיא געטענה'ט, דוא מיט חייעל'ען האבען דעם קנין געמאכט און ניט גאט...

— א ליגען זאגסטו, ווי דו זעהסט מיך א יודען, אז א ליגען זאגסטו! האט ער געשוואָרען, איך האב געוואלט? זאל איך קיין גוטס ניט וויסען אויב איך האב גאר געוואוסט צוליעב וואס האט מען מיך געבעטען קומען! נור גאט ברוך הוא האט אזוי געוואלט, און עס איז געוואָרען א קנין. פשוט: אזוי איז בעשערט מסתמא משמים און גאר ניט בייא אונז...

— זכות אבות, זכות אבות! האט דבורה געטענה'ט, זאלען די אויסגעלייטערטע נשמות פון די יתומים דארט ניט שווייגען! אז איך וואלט קאנען וואלט איך שוין לויפען אויפן רייגעם ארט, און בעטען דעם שווער עליו השלום ער זאל מיט זיין זכות ניט דערלאזען זיינע עלענדע ענעקלעך פערפרעמדט ווערן... איך וואלט משתלעם מאטען פון זיין שלאף אויפוועקען, זאל ער חאטש דארט אין הימעל טענה'ן פאר זיך; מיר וועגען זיינע לעבעדיגע מענשען, וואס ווייסען מיר, וואס קאנען מיר!...

— גוט חאטש וואס דוא ביזט צום שכל געקומען און דוא פערשטעהסט אז מיר לעבעדיגע קאנען גאר ניט. האט ר' שלמה זיך אבגערופען, זיי, נור זיי קאנען א דעה זאגען, מסתמא שווייגען זיי ניט, און מיר גלויבט זיך, דאס וואס רחל'ע האט אונז אועלכע בזיונות אנגעטהון, איז דאס אויך נור זייער ארבייט; אבער מיר לעבעדיגע מוזען קוקען און שווייגען.

אז עס האט צו בעגינען אנגעהויבען איז ר' שלמה ענטשלאפען געוואָרען; אבער דבורה האט איהם אין טאג אריין פיעל ניט געלאזט שלאפען. גערה, מיין מאן, א קוק טהון וואס מאכט רחל'ע, דאס הארץ רוהט אין מיר ניט, צום גוטען זאל עס זיין!

— פאר וואס זאלסטו ניט געהען? האט ער געפרעגט, גערה דו, איך בעט דיך.

— איך דארף ניט געהן, האט דבורה זיך אבגערופען, חייעלע האט זיך אפילו גאר דערמאנט מיך צו בעטען אויף דעם קנין? ווי פערגעסט מען דאס. אז מעהר ווי די אייגענע מוטמען האט ניט איהר קינד דא? ניין, איך טאר ניט געהן, זאל זי חאטש וויסען, אז זי איז אונגערעכט און זאל זי זיך שאמען.

ר' שלמה האט מודה געווען אז דבורה איז גערעכט און איז אליין אוועק צו חייעל'ען; נור ביי דער טהיר האט איהם שוין חייעל'ע בעגעגענט מיט די ווערטער: „אט נור וואס האב איך געוואלט זיין ביי אייך, בעטען מיין שוואגערין זי זאל קיין פאר-איבעל האבען וואס איך האב קיין צייט געהאט נאך איהר צושיקען. גאט איז מיין עדות, אז איך האב אליין ניט געוואוסט אז דער קנין וועט אזוי גיך ווערן“.

— גערה טאקי, פערשטעהט זיך, האט ער געהייסען איך וועל דא דערוויל מיט רחל'ען אריינרעדען. חאטש רחל'ע איז אזוי שוואך געווען, אז זי האט פון בעט ניט געקאנט אראפ בשלום ווי זי האט אין דער פריה איהרע אויגען געעפענט; נור קוים האט זי דעם פעטערס שטימע דערהערט האבען זיך אין איהר נייע כוחות געפונען, און אז זי האט איהם דערזעהן... ווי ביי אייגעם וואס טרינקט זיך אז ער דערזעהט א רעטענדע האנד נאהענט פאר זיך.

ניך האט זי א קליידעל אויף זיך ארויפגעווארפען אונ ניט אויספעיענדיג איהרע שיך צו געפינען איז זי אזוי צום פעטער אין זאאל אריינגעלאפען. מיט א שטימע וועלכע קאן זעלבסט א שטיין ריהרען האט זי אויסגערעדט: „פעטער ליעבער גוטער פעטער!" אבער באלד האט זיך די שטימע איבערגעריסען אונ זי איז אהן ווארטער דעם פעטער אויפ'ן האלז געפאלען.

— וואס ווילסטו? האט ער געפרעגט אונ איהרע האנד פון זיין האלז אראפּגעריסען. אין כעס בין איך אויף דיר. פערשטעהסטו. אונ איך וויל דיינע קושען ניט! אזעלכע חרפות ביושים. ניט דאס האב איך גערעכענט!....

— ערקלערן אייך, ליעבער פעטער, אז איך בין ניט שולדיג! האט זיא קוים אויסגערעדט. הערט מיך אויס. פעטער, מעהר ווי אייך איינעם האב איך גיט ווער זאל מיך הערן!

— אז דו האסט חרטה, זאג, וועל איך דיך אויסהערן!.קיין אנדער תרוץ וויל איך ניט צוהערן; ווארום צוהערן אלץ וואס דיין נאררישע צונג רעדט איז גלייך ווי זיך צוהערן צו דעם ווינדט וואס פייפט. האט עס א ממשות? אזא ממשות האבען דיינע ווארטער. אזא קיום האבען דיינע שבועות!... ווי לאנג האסטו מיר געשוואוירן אז נור דער שיינאץ משה'לע איז דיין חתן, אונ קוים איז דער ערשטער מחותן געקומען א קוק טהון אויף דיר, האסטו דיך אויסגעפוצט, זיך משמח געוועזן, גלייך ווי דוא וואלסט גאר קיינמאל וועגען א אנדער חתן ניט געקלערט! וואס אמת איז אמת, איך האב בעת מעשה געוואלט א שפּיי טהון אויף דיר. — ווי האט מען דאס אזא גרינגע דעה? נור אין מיטען האב איך מיך בעקלערט: טאמער איז דאס דיר פון גאט אזוי בעשערט, ווארום והראיה, דוא האסט גאר משה'לען פערגעסען; נו, אז אזוי, קלער איך מיר, לאז זיין אזוי, ווער קאן גאט ברוך הוא א דעה זאגען? פלוצלונג חאפּסט דיך ווידער אן א טירוף אונ ווערסט משוגע, אונ שרייסט: מען האט דיך גענארט אונ מאכסט אונז אזעלכע חרפות ביושים. היינט געה הער זיך צו וואס אזא רעדט? דוא ווייסט אליין גיט וואס דו ווילסט!

— ווי קאנסטו גאט, דיזען טעות צולאזען!? האט רחל'ע מיט א בעקלעמטען הערצען ארויסגערעדט, דו ווייסט דאך, אז איך האב נאך מיין משה'לען איין מינוט גיט פערגעסען; וואס פערשליסטו דאס טרייע הערץ פון מיין איינציגען פעטער?....

זי האט דיזע ווארטער צוגאט גערעדט; אבער זיי זענען דערנאך דעם פעטער אין הערצען אריין. ער איז שוין געניינט געוועזן מיט איהר ווייטער צו רעדען; אבער חייעלע, וועלכע איז ארויסגעגאנגען, ווי זי האט רחל'ען דערזעהן, איז איצט צוריק אריינגעלאפען.

— מען קאן משוגע ווערן פון אזא קינד! האט זי מיט אימפּעט געזאגט. איך האב געוואלט ביי אייער דבורה'ן זיין, אבער דער קאפּ איז מיר אזוי פיעל פערשלאגען אונ איך האב גאר פערגעסן, אז איך בין עפּיס א מחותנת'טע מיט מזל געווארן אונ אז דער מחותן איז נאך דא אונ קאן מיך בעגעגענען. אין א טוך איינגעהילעט עפּיס ווי א מארק יודענע, האט ער מיך אנגעקוקט. גוט וואס איך האב איהם אבגעהאלטען. ער וואלט די קלוגע כלה זיינע איצט געפונען אין זאקען, ווי א משוגענע, גיט דא

געדאכט! נעהט ארויס ר' שלמה, ער ווארט אויף אייך." ר' שלמה איז נאך איהר ארויס געגאנגען. אין עסענציממער האט ר' העניך ערצאהלט: ער האט א גאנצע נאכט ניט געשלאפען איבער דעם געכטיגען עגמת נפש אונ האט קוים טאג דערהארט צו קומען זיך נאכפרעגען וואס מאכט די כלה; נור איצט איז ער רוהיג: ער האט פון ר' פנחס'לען א טעלעגראמע בעקומען. "נאט זייט מוחל, לייענט!" ר' שלמה האט די ברילען אנגעטהאן אונ שווערליך איבער געלייענט: "טעלעגראמע רבין געוויזען, זייט רוהיג, געזונד ווערן. מזל טוב! זייט רוהיג, פנחס". ר' שלמה איז געשטארקט געווארן. אונ אום ר' העניך'ן א נייעס צער ניט צו פערזארגען האט ער איהם א תירוץ געזאגט. ער קאן איצט די כלה ניט זעהן, ווייל זי שלאפט זיך, זיא ווייס אליין ניט וואס מיט איהר איז געכטען געשעהן. "דערפאר מחותן, וועט איהר מיר צוליעב טהון אונ זיך ניט לאזען בעטען ביי מיר היינט אויף א מיטאג צו קומען. איך מוז דאס מיין אלטער אויך מפצה זיין: געכטען איז דער קנין אזוי אונגעריכט געוועזן, אז אפילו דאס ווייב מיינס איז דערביי ניט געוועזן, זי איז גערעכט אז זי האט דערפון יסורים, ניט אמת?

ר' העניך האט צוגעזאגט א זייגער דריי צו קומען, אונ האט זיך פריינדליך צו-זעגענט. חייעלע איז אוועגגעלאפען צו דבורה'ן אונ מיט רייד אונ ענטשולדיגונג פועל געוועזן: דבורה זאל א שאנעם מיטאג צוגרייטען. דריי א זייגער איז ר' העניך געקומען. אויך שימעלע האט זיך ניט געלאזט בעטען אונ איז געקומען ניט געבעטען. ר' העניך האט איהם שטילערהייט א זאג געטהון: ער שמעון, וועט קיין חרטה האבען אז ער וועט פועל זיין: עס זאל טאקי היינט א תנאים זיין, "זאל מען טאקי זעהן שווארץ אויף ווייס, אז מיין זוהן איז א חתן געווארן." שמעון האט אבגעווארט דעם פלאן פאר-צולעגען ביז ער האט בעמערקט, אז ר' שלמה איז שוין פון דער משקה א ביסעל אנגע-ווארעמט געווארן. — וואס וואלטען די מחותנים זאגען, האט ער א זאג געטהון, אז איך וואלט כדומה למשל זאגען: מען זאל טאקי איצט מאכען תנאים?... פון מיינער זייט איז קיין מניעה ניט!" האט ר' העניך געאנטווערט, אדרבה, מיר איז טאקי דאס ניחא.

— אונ וואס זאגט איהר חייעלע? האט שמעון געפרעגט, ווען העניך איז מיט א כבוד ארויסגעגאנגען, — די מחותנים צו לאזען זיך מישב זיין. — וואס זאל איך זאגען? האט זי געאנטווערט, דער פעטער איז אלטער אונ קליגער פאר מיר, זאל ער זיין דעה פריהער זאגען.

— אונ איך זאג, האט ר' שלמה זיך אבגערופען, עס האט נאך צייט!

— זאגט איהר אליין, איז שמעון אריינגעפאלען אין די רייד, איז ניט גלייכער פאר אייך, אז עס זאל אלץ אבגעשריבען זיין שווארץ אויף ווייס? נור הרבו עלי מאד מהר ומתן: בעט וואס מעהר, ר' העניך זאל זיך מתחייב זיין, איהר וועט אלץ אויס-פירען. פאלגט מיר אונ זאל מען שרייבען די תנאים.

— איך בעט אייך ר' שמעון, איז ר' שלמה מיט זיין דעה ארויס, רעדט ניט אומזיסט! געכטען האב איך פון דער כלה קיין בפירוש ווארט ניט געהערט, אז זי איז ניט צופרידען, האב איך גערעכענט פאר אמת, אז זיא איז אליין אויך מסכים.

— אזוי אמת, זאל מיר גאט בעגליקען מיט אלץ וואס איך ווינש מיר! האט חייעלע געשוואוירן, א גוטה איז מיר געוועזן אייך א ליגען צו זאגען? איך האב עס

נאר פון אייך ניט פעדערדיגט שוואגער . עס ווייזט אויס.. ווי איך וואלט מיין אייגען קינד זיין א שטיפמאמע אונ איך האב עס געוואלט פערקויפען פאר מי יודע וועמען!... ביי די רייד האט זי אנגעהויבען וויינען .

— ניט האב קיין פאראיבעל! האט ר' שלמה איבערגעבעטען . איך בין דיך חלילה ניט חושד דאס וואס אפילו א שטיפמאמע וואלט עס אויך ניט טהון ; נור איך זאג , אז היינט איז פארט ניט גלייך צו געבעטען, ווייל היינט האב איך פון אידר בפירוש געהארט אז זיא וויל דעם שדוך ניט.— עולם במנהגו נוהג . היינטע, מען דארף זיך נוהג זיין ווי דער מנהג איז אין דער וועלט : אמאל איז דער מנהג געוועזן אז חתן כלה זאלען זיך זעהן ערשט צו בעדעקענס ; איצט אבער איז מען זיך אין פיעל מקומות נוהג, אז חתן כלה זעהען זיך נאך קודם תנאים , בפרט ביי א יתומה, וואס מיר האבען דארויף א סמך פון פסוק : פריהער , בעת בתואל הארמי האט נאך געלעבט , דערצאהלט דער פסוק : „ויען לבן ובתואל ויאמרו מה' יצא הדבר : מיר זעהען דא א גאט זאך , לא נוכל דבר אליך רע או טוב , מיר קאנען געגען א גאט זאך גיט שלעכט ניט גוט זאגען , הנה רבקה לפניך קח ולך : נעהם זי ! " דער נאך , ווי דער מדרש וויל האבען , אז א מלאך איז געקומען אונ האט בתואל'ן געהרגעט אונ די כלה איז געווארן א יתומה, דערצאהלט שוין דער פסוק: „ויאמר אחיה ואמה: איהר ברודער אונ איהר מוטער ; ווארום דער פאטער איז שוין ניט געוועזן". „תשב הנערה אתנו ימים או עשר:" זאל נאך דאס מיידעל זיין ביי אונז האטש א צעהן טאג ; ווארום זי איז שוין א יתומה אונ אין א שדוך פאר א יתומה טאהר מען ניט איבעראיילינ זיין ; אבער אז אברהמ'ס שליח האט זיי געזאגט : וואס האלט איהר מיך אויף ? איהר זעהט דאך אז גאט האט מיין וועג מצליח געוועזן! האבען זיי געזאגט „פון דעסטוועגען איז דער יושר, נקרא לנערה ונשאלה את פיה : לאמיר פרעגען די כלה אליין, ווארום מען טאהר א יתומה ניט נויטהען." פערשטעהט איהר ? האטש איך זעה אין דעם שדוך א גאט זאך אונ איך קאן ניט זאגען : איך בין ניט מסכים ; אבער אונזער רחל'ע איז א יתומה אונ איידער זי וועט אליין איהר חתן זעהן אונ אונז ניט זאגען, אז ער געפאלט איהר, וועל איך בפירוש צו א תנאים אהן איהר הסכם ניט מסכים זיין !

— ר' שלמה, האט זיך שימעלע ארויסגעהאפט מיט גרויס היטץ, איך וויל אייך איבערזאגען א שטיקעל תורה, וואס איך האב א מאל געהארט פון ר' פנחס'לען, טאקי אין דעם אייגענעם ענין . „עולם כמנהגו , טייטשט ר' פנחס'ל, ניט כמנהג המקום והמדינה ; נור כמנהגו של מקום ברוך הוא: ווי דער מנהג פון דעם קודשא בריך הוא אליין!.. לאם מיר זעהן, זאגט ר' פנחס'ל, ווי האט דער כביכול זיך נוהג געוועזן בעת ער האט בעדארפט חתונה מאכען זיין ערשט געבארענעם יצור כפיו וואס ער איז שקול כנגד כל הנשמות שבגוף ? האט ער איהם געפרעגט : וועלכע כלה ווילסט דו ? האט ער איהם געזאגט : זאג מיר , מיין אדמ'ל , ווילסטו א כלה א ביסעל א פערצייטיגע אפילו , אבער דווקא א פרומע יודישע טאכטער; אדער דו מיינסט דווקא א היינטוועלטיגע מיט פראנצויזמעריש , מיט ליעבע וכדומה ? צו האסטו ליעב א ברויגע-עטע , ווי די מופקרים רופען אן די שווארץ חנוודיגע בתולות ; אדער עס וועט אפשר ניט שאדען א בלאע-דיגע" (בלאנדיגע) מיט ווייסליכע שערות , מיט אויגען בלאע ווי דער הכנף

פּתיל תּכלת ?" ווי די תּורה הקדושה דערצעהלט אונז, האט נאר דער רבונו של עולם דעם חתן דן געהייסען זיך שלאפען לעגען, „שלאף מיין קינד, אויף א כלה בין איך א מבין, ניט דיין זאך, די וועסט צונעהמען וועלכע איך וועל דיר געבען!" וכך הוה, אדם האט זיך רוהיג געשלאפען און איז אויפגעשטאנען, און באלד טאקי צו דער חופּה געגאנגען. און געלויבט איז ער, דאס יונגע פּאר פּאלק האט קינדער און קינדס קינדער געהאט און מיר אלע זענען זייערע אייניקלעך. אפשר ניט אמת? אי וואס? איהר ברענגט א ראיה פון דער תורה, וואס זיי האבען געזאגט: לאָס מיר פרעגען די נערה? זאג איך אייך, איהר האט א טעות. זאגט מיר, איך בעט אייך, האט אדם הראשון וואס ער האט דאך בודאי קיין פאטער ניט געהאט, ניט געהאט דעם דין פון א יתום? פאר וואס האט דער רבונו של עולם קיין מורא געהאט טאמער וועט אדם האבען אויף איהם תרעומות, פאר וואס ער האט איהם חתונה געמאכט מיט חוה איידער ער האט זי נאך געקענט און געזעהן? אלא מוזען מיר זאגען, אז דער מנהג פון פרעגען א כלה און פון זעהן זיך פאר די תנאים איז דאס נור געוועזען א מנהג לבן הארמי און ניט א מנהג ישראל חלילה, על כן פערגעסט ניט רבותי, אז דער רבי זאל לעבען האט געהייסען ר' הענידן פאהרן קיין קליינין און איהם צוגעזאגט אז פון קליינין וועט ער שוין אהן א תנאים ניט אוועק פאהרן, מסתמא האט ער דאך עפּיס מבון געוועזען!... סיידען, ר' שלמה, איהר זענט א מתנגד און איהר האט קיין אמונת צדיקים ניט?

— א מתנגד זייט איהר אליין! האט ר' שלמה ברוגז זיך אפגערופען, אייך געהט דא אום אייערע שדכנות, מיר אבער געהט דא אום לעבען, אום לעבען זאג איך אייך! קיין קלייניגקייט ניט טהערען פון א יתומה... בהמות, וואס פערשטעהט איהר ניט, אז מיר איז דער שדוך געפאלן? וואס זאל איך אבער מיט איהר טהון?

חייעלע האט איהר שוואגער גוט געקאנט און דאריבער האט זי געזעהן אנצו-ווענדען דאס לעצטע מיטעל.

— ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען, האט זי א עצה געגעבען, דער פעטער איז גערעכט, לאָס מיר אריינרופען ר' הענידן און א פּאר גוטע פריינד און מען זאל שטעלען א ביסעל משקה און האטש זאגען איינע די אנדערע מזל טוב. אט וועט ר' העניך באמת האטש וויסען, אז עס איז א קנין געוועזען!

— אויף א ביסעל משקה, זעהסטו, בין איך מסכים נאר אהן ישוב הדעת. האט ר' שלמה צוגעשטימט. חייעלע האט שימעלען געבעטען זיך מטריח זיין און צו-זאמענבערענגען אלע נאהענטע קרובים, און דערווייל האט ר' שלמה מיט ר' העניך דורכגערעדט פערשידענע פּרטים. דבורה איז בעשאפטיגט געוועזען צו צוגרייטען א פיינעם מזל טוב. און זי האט זיך פערגעניגט אז דאס אלץ טהוט זיך ביי איהר אין שטוב. עס זענען צוזאמענגעקומען געסט, מען האט מנחה און מעריב אפגעדאוונט, און מען האט זיך ארום טיש געזעצט.

— כהן מברך! האט שימעלע אלס סארווער אויסגעשריען, אז ער האט ר' שלמה'ן צוגעטראגען דאס ערשטע גלאז וויין. ר' שלמה האט א ברכה געמאכט לחיים געזאגט און האט אויסגעטרונקען, נאך איהם האט ר' העניך געטרונקען, די

מחותנים האבען זיך מזל טוב געזאגט און זיך היים צוקושט. חיה'לע האט מזל צוגעוואונשען דבורה'ן, דבורה איהר — אויך דאס אייגענע. און אז ר' שלמה האט געהאלטען ביי דעם כוס רביעי איז ער שוין געוועזן גאר א אנדער מענש. ר' העניך האט זיך אויסגערופען מיט א נדבה הונדערט רובעל אויף בקור חולים אין קליינינצער חברה, אז מען וועט היינט שרייבען תנאים. אלע מחותנים און קרובים זענען באלד אריבער אויף ר' העניך'ס צד און ר' שלמה, וועלכער האט שוין קיין כח מעהר געהאט אויף זיינע פיס גלייך איינצושטעהן, האט זיך שוין זעלבסט אויף זיין דעה ניט געקאנט האלטען און האט אויך נאכגעגעבען. מען האט תנאים געשריבען און געחתמעט. מען האט טאפ און טעלער צובראכען און געטרונקען ביז רעכט בעגינען. דעם צד המשנה האט מען איינגעשריבען א העלפט פון דעם נדן קנס און אזוי האט מען לפנים געשריבען עשרת אלפים נדן מצד הכלה, חאטש באמת האט מען העניך'ן אפען געזאגט אז האכסטען קאן דער כלה'ס נדן און חלק ירושה בעטרעפען ביז פינף טויזענד. פאר דעם פונקט האט זיך ר' שלמה דערשראקען; אבער ער האט זיך רעכט שכור געפיהלט און זיין צונג האט זיך אבגעזאגט ארויס צו רעדען וואס זיין הערץ פיהלט.

ה.

ר' העניך האט זיין ווארט מקיים געוועזן און האט צוגעשיקט שמעונ'ן א טהייערע ציעג. אז שמעון האט חיה'לען אנגעזאגט וואס פאר א מתנה ער האט פון איהר מחותן ערהאלטען, האט זי איהם געוואונשען: פערניטצען געזונדערהייט, און האט געהייסען ארויסגעבען פון היינוען זאוואד, בהאהע, וויפיעל זיין ציעג וועט נור קאנען אויסטרינקען, און האט צוגעזאגט קומען א קוק טהון אויף זיין ציעג.

ר' שמעון אליין איז דערביי געשטאנען בעת מען האט דער ציעג דעם ערשטען טרונק געגעבען, און בעת זי האט איהר ציעגענע מארדע מיט איהר בארד צוזאמען אין דעם קלייענטרונק אריינגערוקט און געזופט מיט אפעטיט, האט שמעון נחת געקליבען און האט פאר איהר א טעם געפיהלט ווי ער וואלט אליין אין דער מינוט דעם בעסטען וויין געטרונקען. אז מען האט די ציעג פאר נאכט אויסגעמאלקען האט ער געפרעגט: וויפיעל גלאז מילך בערך ניט אונזער ציגעלע?

— איך ווייס ניט, וואס דארף איך מעסטען?

— דו ביזט גערעכט! האט ער צוגעשטימט, דאס איז א בפירושע גמרא, די גמרא זאגט: מזל ברכה איז נור שולט אין אזאך וואס איז פערהוילען פון אויג, דאס הייסט: וואס מען צאהלט ניט, וואס מען מעסט ניט און וואס מען וועגט ניט. איצט פערשטעה איך צו וואס דו האסט די דוניצע מיט דיין פארטוך אריבערגעדעקט תיכף ווי דו האסט אונזער כשר ציעגעלע אויסגעמאלקען.

— זעהסטו, חאטש איך האב ניט געלערנט קיין גמרא און חאטש איך האב ניט געהאט אייגענע קיה און ציעגען צו מעלקען, פון דעסטוועגען ווייס איך ברוך השם ווי א בעל הבית'טע צו זיין, האט דאס ווייב זיך בעריהמט פאר איהר מאן.

זי האט די מילך דורך א האנדטוך דורכגעזייעט און איהם געגעבען צו פערזובען

א האלבע גלאז. ר' שמעון האט א ברכה געמאכט: שהכל נהיה בדברו, א זופ געטהון און די גלאז אויפגעהויבען, זיך שטארק איינגעקוקט אין מילך אריין, ווי א גענייטער טרינקער, וואס האט א הנאה צוקוקען אויף דעם ווין וואס קאלירט זיך אין ווייןגלאז.

— פאר וואס טרינקסטו ניט? האט דאס ווייב געפרעגט.

— איך קלער: צו מאג איך מאכען א ברכה שהחינו בשם ומלכות צו ניט? דערמאן זיך נור, וואס מיר האבען זוכה געוועזען צו דערלעבען! א קינד אויסצוגעבען פאר א פיינעם בעל הבית אהן א עין הרע, און מיר האבען נאך א אייגענע ציעג אייגע אין שטאדט. ליטווישע ציעגען זיינען נעגען איהר ציעגעלעך.

— מיר מאגען שהחינו מאכען און דאנקען און לויבען דעם רבונו של עולם פאר זיינע חסדים, האט דאס ווייב אויפהייבענדיג האנד און אויגען צום הימעל אויסגערעדט.

ר' שמעון האט „שהחינו" געמאכט. ווי ער וואלט זיך ניט פערגונען מיט אמאל די טהייערע משקה אראפצושלינגען, האט ער יעדען זופ געהאלטען אין מויל דעם טעם וואס לאנגער צו פיהלען.

— וואס זאגסטו אויף די מילך? דו דארפסט דאך א מבין זיין אויף אזעלכע זאכען, האט דאס ווייב מיט א חניפה געפרעגט.

— א משקה, בעסער ווי דער יין הטוב! האט ער געאנטווערט, א מאכל מלכים. זאג איך דיר; מיך פערדריסט נור וואס אונזערע חכמים ז"ל האבען אויף מילך ניט קובע געוועזען א ברכה בפני עצמה ווי אויף ווין, און האבען געהייסען מאכען „שהכל", עפים גאר ווי אויף וואסער; נור דאס איז אויך רעכט, דאס האבען זייא געמיינט: אין ארץ ישראל, וואס זי איז געוועזען א ארץ זבת חלב ודבש, מילך און האניג האבען דארט טייכענווייז געפלאסען, איז קיין חדוש וואס זיי האבען מילך ניט געהאלטען פאר אזא חשובע משקה; אבער ביי אונז אין חוץ לארץ, איז טאקי מילך זעהר א חשובע משקה און מיר מאגען דאנקען דעם רבונו של עולם פאר דאס ביסעל מילך און בעטען איהם געזונד און יאהרען פאר אונזער ציעגעלע זאל לעבען! פערזוך דוא אויך א ביסעל, איך בעט דיך. האט שמעון צארטליך זיין פרוי געבעטען. דו מאגסט זיך פערגינען, נישקשה, אונזער ציעגעלע וועט אונז מארגען געבען אנדערע.

זי האט אויך פערזוכט און אוועגגעשטעלט די גלאז מיט א שווערן זיפץ.

— וואס זיפצסטו, שטיא? האט ער טריי און צארטליך געפרעגט.

— איך מוז דיר זאגען מיין מאן, האט זי איהר פאל הארץ פרייד אויסגעגאסען. איך האב מורא: צו וועלן די גרויסע חסדים וואס דער רבונו של עולם טהוט מיט אונז, חלילה ניט זיין אונז, נאך הונדערט און צוואנציג יאהר, א אפרעכענונג פון אונזער חלק לעולם הבא אין גן עדן? איך וויים גאר ניט פאר וועלכע מעשים טובים מיינע ניט עס מיר דער רבונו של עולם אזוי פיעל נחת מיט א מאל?

— דו ביזט א יודינע! האט ער געזאגט, דו ווייסט גאר ניט, אז אמאל איז דא זכות אבות, אמאל איז גורם א ברכה פון א צדיק. — האב קיין מורא, אונזער שכר אין גן עדן וועט אונז ניט געמינערט ווערן; ווארום דער שכר פון א מצוה איז גאר אויף דער וועלט ניטא, אזוי זאגט די גמרא און אזוי שרייבט ר' פנחסלו אין דעם ברכת

בדיוועל בפירוש, אז דאס שיקט ער מיר נור שבר טרחה; אבער ניט שכר מצוה! פערשטעהסטו נור וואס מען רעדט צו דיר?

פון דעם טאג האט שמעונ'ס ציפע נושא חן אונ קונה שם געוועזען אין גאנץ שטאדט. אלע האבען זי געקענט אונ מען האט זי קיין אנדער נאמען ניט גערופען, נור די מזל ברכה ציפע. די חדר יונגלעך. פלעגען איהר זייער פריהשטיקס אונ חדר מיטאגן אוועג געבען אונ האבען זי גערופען: „דעם רבינ'ס ציפע!" זיי האבען אויף איהר געקוקט, עפיס ווי אויף א היילינע זאך אונ האבען מורא געהאט זיך צו זעטצען ביי איהר; אפילו דער פאסטוך פון דער טשערעדע האט פאר איהר דערך ארץ געהאט אונ האט איהר א נאמען געגעבען „ראבבינא מאשקא".

ר' שמעון האט באלד נאך דער ציפע אויך זיינע שדכנות בעקומען פון ביידע צדדים נאך מעהר וויפיעל ער האט געהאפט אונ ער האט שוין געקאנט אנהייבען צו ריכטען זיך אויף דער חתונה ביי זיין טאכטער, וועלכע ער האט געוואלט מאכען, — אז גאט האט איהם שוין יוא געהאלפען, — מיט גרויס פאראד. קליידער, בעטגעוואנדט אונ אלע איבריגע הצטרכות האט שוין זיין ווייב צוגעגרייט. אונ געהאריוועט טאג אונ נאכט איהר ערשט קינד אויסצוגעבען אויף דעם פיינסטען אופן. עס האט ניט מעהר געפעהלט, ווי א מאל א גרויסער וואו די חתונה אבצושפילען. ר' שמעון האט איהר געזאגט, אז ער וועט נור מיט חייעלען איין ווארט איבערעדען, וועט זי לאזען די חתונה מאכען ביי איהר אין שטוב. „אונ דאס פערשטעהסטו, מיין ווייב, וועט פאר אונז קיין חסרון זיין, חייעלע וועט וועלן אונזער שמחה בעשאנען אונ וועט מסתמא זעהן אז עס זאל קיין זאך ניט פעהלען!"

— דאס פערלאנג איך גאר ניט, האט דאס ווייב געזאגט, איך האב ברוך השם אלץ צוגעגרייט, מיר דארפען חלילה איהרע ניט! ביז דער חתן וועט קומען פון יריד, וואו ער איז מיט מזל געפאהרן וועט נאך געוועהרן געוויס א פאר וואכען; נור דערווייל שאדט ניט דו זאלסט מיט חייעלען איבערעדען אונ זי זאל דיר צוזאגען. געה טאקי היינט אריין, מיין מאן, צו איהר.

ר' שמעון האט זיין ווייב געפאלגט אונ איז אין אבענד נאך דעם זעלבען געשפראך אריינגעגאנגען צו חייעלען. חייעלע האט איהם געאנטווערט: איך וואלט עס טהון מיט דעם גרעסטען פערגניגען, אונ איך בין טאקי מחויב דאס צו טהון, נור עס מוז נאך געוועהרן א ביסעל, ווייל איצט איז נאך רחלע ניט גאר געזונד.

אונ רחלע איז ווירקליך קראנק געוועזען. די קרענקונגען אונ פערדרוס פון די לעצטע עטליכע טאג האבען זי אזוי אבגעשוואכט, אז זי האט געמוזט אין בעט זיך לעגען. די מוטער פלעגט צו איהר אריינקומען עטליכע מאל אין טאג, רחלע פלעגט איהר אנטווערן אויף אלע איהרע פראגען; אבער זיא האט דער מוטער ניט אנגערעדט. אז דער פעטער ר' שלמה, איז אויף מארגען נאך תנאים געקומען איהר אבגעבען מזל טוב אונ זיך פערענטווערן א ביסעל מיט דעם וואס ער איז שכור געוועזן, האט זי איהם רוהיג געאנטווערט:

— ניט מיך, פעטער, בעט מחילה, מיר האט איהר נאך גאר ניט געטהון. אייערע תנאים בינדען מיך ניט. אבער מחילה בעט ביי אייער זעליגען פאטער אונ

בּרידער! זיי האט איהר בעליידיגט. פאר א טרונק ברוינפען, פעטער.. האט איהר זייער לעצטען הייליגען רצון צושטארט אונ זייערע קינדער לייד אנגעטהון! א, ווי דארף איך מיך שאמען דיזען אמת אזוי אפען אייך צו זאגען! נור איך נעהם די זינד אויף זיך, ווייל איך וויל איהר זאלט אייך אויסניכטערן!...

ער האט זיך שרעקליך בעליידיגט געפונען פון איהרע ווערטער אונ זיך באלד מיט בעם אבגערופען: זעהסטו, דו נאריש קינד, חאטש דיין פעטער איז א שכור פונדעסטוועגען האט דיר צום שדוך ניט געשאדט אונ דו ביזט א כלה געווארן. א כלה, דוקא אזוי!...איך שרייב שוין צו משה'לען אז דו ביזט א כלה, ווער הערט אייך בײדען? אזוי איז אייך בעשערט פון גאט אונ נעהט העלפט אייך!

זי האט איהם מעהר ניט געאנטווערט אונ ער איז מיט צארן אהיים אוועק. זי האט באלד פאפיער אונ טינט גענומען אונ זיך געזעטצט שרייבען א בריף צו משה'לען; אבער איהרע שמערצען אונ בעם האבען אזעלכע בּאזע גיפטיגע ווארטער דיקטירט אז זי האט זיך זעלבּסט פאר זיך פערשאמט איבערלייענדיג דעם בריף וואס זיא האט אויפגעשריבען, אזוי שלעכט זיך אויסצודריקען געגען איהר מוטער אונ פעטער. זי האט דעם בריף צוריסען אונ אנגעהויבען א אנדערן צו שרייבען, אבער דא האט איהר פעדער ווידער צו שלעכט געשילדערט אונ זי האט דעם ניט געענדיגטען בריף ווידער אין שטיקלעך צוריסען, ענדליך האט זי זיך בערוהיגט אונ געשריבען קורץ:

„ליעבער משה'לע!"

„איך קאן אין דער מינוט מיינע געדאנקען ניט צוזאמענעהמען דיר אויסצושרייבען וואס מיין הערץ פיהלט איצט. נור טאמיר טהוט דאס ווער אהן מיין ווילען אונ זאהן מיין וויסען, שרייב איך דיר בעסער אליין אונ שווער דיר, אז עס איז א ליגען, וואס זיי שרייבען דיר! גלויב זיי ניט, לאך זיך אוים דערפון, עס איז גאר נישט געשעהן.. זיי האט זיך נור א חלום געחלום'ט אונ זיי מיינען אז דאס איז אויפן וואהר געוועזן. דו האסט מיר ניט געהייסען גלויבען אין חלומות, גלויב דו אויך ניט זייערע חלומות. אמת, איך האב א ווילע געשלאפען, אבער מיר האט זיך גאר ניט געחלום'ט אפילו. איצט בין איך וואך אונ אויפן וואהר זאג איך דיר, שווער איך דיר, אז דיינע בין איך, משה'לע, דיין איז מיין הערץ אונ לעבען, וואכענד אונ שלאפענד דיינע! דיינע משה'לע בין איך אין געדאנק אונ ווארט אונ האב נאך ניט אויפגעהערט דיינע צו זיין אפילו איין רגע, פון דער מינוט וואס דיין איז מיין הערץ געווארן!..ביז מיין צונג וועט נאך רעדען קאנען, ביז דאס הערץ אין מיר וועט נאך פיהלען וועל איך נאך דיינע זיין!..איך בעשווער דיך: דו זאלסט קיינעם ניט גלויבען; נור גאט אין הימעל וועלכער ווייס, וויא ליעב האט דיך אונ ווי טריי איז דיר דיין רחל'ע."

חאטש ר' שלמה האט איהר אזוי מיט כעם געאנטווערט, אבער איהרע ווארטער האבען ביי איהם אין הערצען א ארט געפונען. „זי איז גערעכט!" פלעגט דאס הערץ זיינס שרייען, „מיין פאטער, מיינע ברידער עליהם השלום, האב איך בעליידיגט!" פלעגט ער וויינענדיג קלאגען פאר זיין ווייב. אונ דו דבורה, האסט עס צוגעקוקט ווי איך קיילע זיך אונ דו האסט מיך דערלאזען? — דו ביזט שולדיג, דו, זאג איך! דו האסט געוואוסט מיין שוואכע נאטור, האסטו מיך ניט בעדארפט לאזען טרינקען.

דאס ווייב האט איהם געטרעסט און געהייסען א פדיון שיקען צו איהם זאל לעבען. חייעלע אבער האט געבראכטען ער זאל פאהרן און רחלען אויך מיטנעהמען צו איהם זאל לעבען. איך שוואר אייך, ר' שלמה, האט זי געזאגט, אז דארט וועט זי געהאלפען ווערן, וואס ווייסט איהר. איך האב עס אויף זיך זעלבסט געזעהן. זאל איך אזוי צייט מיין לעבען קיין באז ניט קלארן ווי איך האב ניט געקלארט אזוי גיך חופה האבען; נור אז איך בין דארט געוועזן און דער רבי אליין האט מיר געזאגט אז אזוי איז מיר בעשערט, איז ביי מיר רעכט געווארן... איך ווייס אליין ניט וואס מיט מיר איז געשעהן, אן אנדערע בין איך דארט געווארן. אט וועט איהר מיך נארר און שלעכטע אנרופען אויב רחלע וועט דארט ניט צום שכל קומען! זאל זי נור פאהרן, זאל זיא מיט איהרע אויגען זעהן ווער אונזער רבי זאל לעבען איז, זאל זי דארט זיך אנהערן די גדולה איהרע, אז זי וועט ר' הענוך'ס שנור זיין, וועט זי אונז מחילה בעטען, ווי איצט איז טאג אויף דער וועלט!

נאך דעם געשפרעך האט ער שוין זיין דבורה'ן א גאנצע נאכט ניט געלאזען שלאפען. איך זאג דיר דבורה האט ער געזאגט, א הארטער שטיין ליגט אויף מיין הערצען, איך וויל, איך מוז פאר דעם רבין זאל לעבען זיך אויסרעדען, איך וויל פון זיין אייגען מויל הערען, אז דער שדוך איז א בעשערטע זאך. ער האט ברייטערע פלייצעס פאר מיינע, זאל ער דעם עול נעהמען אויף זיך. דער יתומה'ס טהרערן בריהען מיך ווי פייער, רעדט זי מיר אווארט אוים, לעבערט עס מיר דורך מיין הערץ, רעדט זי ניט און איז ברוגז איז מיר נאך ערגער! .... איך מוז פאהרן, וואס זאגסטו דבורה?

דבורה האט איהם מסכים געוועזען. עס איז קוים טאג געווארן איז ער אוועק צו חייעלען. שטיל און פארזיכטיג, ווי א פערזינדיגטער האט ער רחל'ס טהיר געעפענט זי האט געדאווענט און ניט בעמערקט ווי די טהיר האט זיך געעפענט, און האט פון סדור איהרע אויגען ניט ארויס גענומען. ער האט געמיינט זי איז ברוגז און וויל איהם זעלבסט א קוק ניט שענקען. ער איז שטעהן געבליבען ווי פערשטיינערט אויף זיין ארט ביי דער טהיר, ניט געוואגט א טריט ווייטער צו שטעלען. ער האט געזעהן ווי איהרע טהרערן קויקלען זיך ווי פערל איבער איהרע באקען און פאלען אויף דעם סדור; נור דיזע טהרערן זענען פון סדור גלייך אין זיין הערצען אריין און האבען דארט אויפגעוועקט די צארטעסטע טרייע געפיהלע זיינע. איהם האט געדאכט: זיא בעט ביי גאט א שטראף אויף איהם, ער האט געפיהלט עס דריקט איהם, ער וויל זי מחילה בעטען, ער וויל זיין פרומע פלעמעניצע צודריקען צו זיין ברוסט, איהר ווייזען, אז זיין הערץ איז ניט פון שטיין, אז ער פיהלט, ער ליידט דערפון אפשר נאך מעהר פאר איהר; ער האט עס אבער ניט געוואגט און איז אזוי געשטאנען ביז זי האט דעם סדור פערמאכט.

— מיין ליעבע פרומע טאכטער! האט ער אויסגערעדט און זיינע אויגען זענען פול געווארן מיט טהרערן.

— אך, מיין, גוטער פעטער? האט זי געאנטווערט בעמערקענדיג זיינע טהרערן, וואס האט אייך געבראכט אזוי פריה אהערצו?

— מיינע דאגות, מיינע צרות, ליעב קינד, ברייבען מיך! האט ער מיט א פער-

שטיקטער שטימע אויסגערעדט, שטייגער שוועדע ווי בליי ליגען דא אין הערצען ביי מיר .... בעט ביי גאט וואס דו ווילסט; נור בעט קיין שטראף אויף מיר! איך האב מורא פאר דיינע טהרערן .... די גמרא הייסט אונז זיך היטען פון ווייבערשע טהרערן, אלע טהויערן פון הימעל זענען פערשלאסען, אבער די טהויערן פון טהרערן זענען שטאנדיג אפען.

— ניין, פעטער! האט זיא געאנטווערט, ניט א שטראף חלילה, בעט איך ביי גאט; נור ער זאל אייערע אויגען אפענען, איהר זאלט זעהן וואס איהר טהוט! איהר זאלט זעהן, פעטער, דאס נור אומזיסט זייט איהר אויף אייער טהייערן פלעמעניק אזוי אין כעס. איהר זאלט אויך פערשטעהן, אז אלע אנדערע גליקען וואס איהר ווינשט מיר, וועלן מיין אונגליק זיין, ווען איהר וועט מיך מיט דעם צושיידען, וועמען איך ליעב מיט מיין גאנצען לעבען. א, פעטער, פאר וואס ווילט איהר מיין הערץ, מיין אונשולד ניט וויסען?

— איך האב דיר ניט וואס צו אנטווערן, מיין טהייער קינד, מיין קאפ טראגט ניט אויף הקירות, איך בין קיין יודע מחשבות ניט; נור איין עצה האב איך, ווילסטו מיר צו ליעב טהון, ווילסטו רחמנות האבען אויף זיך אונ אויף דיין אלטען שוואכען פעטער, פאהר מיט מיר צו אונזער רבין זאל לעבען! רעד זיך אוים פאר איהם, ערצאהל איהם דו אלץ וואס דו טראכסט אונ וואס דו ווייסט, איך שוואר דיר, וואס ניט גלייך אונ ניט אמת איז וועט ער דיר ניט זאגען חלילה! א אנדער מענש, זאג איך דיר, א געהאלפענע וועסטו אהיים קומען...איך בעט דיך מיין קינד, אז מיר קאנען באמת קומען צום שכל דורך א קליינער נסיעה צו איהם, פאר וואס זאלסטו עס ניט וועלן?

— צום שכל קומען ... האט זי איבערגערעדט, ווי בעדויערנסווירדיג זענען יענע וואס פערלירן זייער שכל אונ מיינען אז דער רבי קאן איהם זיי צוריקגעפינען! ניין פעטער, איך האב נאך מיין שכל, גאט צו דאנקען, ניט פערלארן, איך ברויך צום רבין ניט פאהרן. אז טאג איז נאכט וועט ער מיר ניט איינרעדען אונ א נייע הערץ אין מיר וועט ער מיר ניט בעשאפען! ...

— צו ליעב מיר, מיין קינד, מיר טהו דעם חסד! האט ר' שלמה געבעטען, איך גלויב, איך וויים ווער אונזער רבי איז, דערפאר האף איך אויף זיין עצה. מיר, דיין קראנקען פעטער טהו צו ליעב, מיין ליעב קינד! דוא ווייסט ניט מיינע עגמת נפש, מיינע וואונדען וואס איך טראג אין הארצען ביי מיר .. איך וויים: נור דער רבי זאל לעבען קאן מיר העלפען, טהו מיר צוליעב, מיין ליעב טהייער קינד! ...

ער האט צו וויינען אנגעהויבען, רחל'ע האט נור מיט פערדרוס איהם געאנטווערט:

— מענשען מאכען זיך אליין עגמת נפש. ווער האט אייך געבעטען מיר טרייער זיין ווי מיין אייגענער פאטער איז מיר געוועזן? ווער האט אייך ערלויבט מיר אזא גליק ארויפצווארפען וועלכעס איך קאן ניט דערטראגען? רחמנות בעט איהר, ביי מיר וואס איהר האט מיר קראנק געמאכט מיט אייער טרייהייט. דענאך בין איך ניט אזוי בלינד ווי איהר, אונ זעלבסט אין אייער שלעכטס וואס איהר האט מיר געטהון זעה איך אייער טרייהייט וואס איהר האט מיר געוואלט טהון אונ איך בין

אײַך מוחל. איך בעט נאָר פֿאַר אײַך ער זאָל אײַך אויך מוחל זײַן. נעהמט אײַך נור פֿאַר מיך פֿרײַ צו לאָזען, מיך ניט צווינגען צו אַזאַ גליק וואָס איז מײַן אומגליק און פֿײַניגט מיך מעהר ניט מיט אײַערע טרעהרען.

ר' שלמה איז אַהיים אַוועק מיט גאָר נישט; נור אויף מאָרגען איז ער ווידער געקומען און טאָג און נאַכט האָט ער געוויינט פֿאַר איהר ביז זי האָט פֿון זײַן עלענד קיין אָרט ניט געהאַט און האָט איהם צוגעזאָגט מיט איהם מיטצופֿאָהרען.

אין עטליכע טאָג אַרום האָט בעריעלע שפּאַק דעם פֿעטער מיט זײַן פּלעמעניצע אַוועקגעפֿיהרט קיין ווינאַגראָדקאַ צום רבין.

גרויס כבוד האָט מען איצט ר' שלמהן אָפּגעגעבען אין רבינ'ס הויף. ר' פּנחס'ל האָט זיך מיט איהם אומגעפֿיהרט ווי מיט אַ ליבליכען מחותן. דער רבי אַליין האָט איהם צום ערשטען שלום עליכם אָנגערופֿען: „מחותני" און האָט מיט איהם פֿערבראַכט מעהר ווי אַ שעה אין זײַן יחידות חדר.

ר' שלמה האָט איהם זײַן ביטער האַרץ אויסדערצאָהלט און געפֿרעגט: וואָס טהוט מען מיט דער יתומה וועלכע וויל בשום אופֿן איהר חתן ניט?

— זאָל אײַער כלה דאָ זײַן עטליכע טאָג. האָט דער רבי געאַנטוואָרט, זאָל זי זעהן יודען און יודישקייט זעהן וועט זי וועלן אַ יודישע פֿרומע טאָכטער זײַן! מײַנע קינדער זענען גוטע, זיי וועלן זי מקרב זײַן, זי וועט צום שכל קומען... זאָרגט ניט!

און דעם רבינ'ס קינדער האָבען זי ווירקליך מקרב געוועזען מיט וואָס נור זיי האָבען געקאָנט. זיי האָבען פֿאַר איהר זעהר פֿיעל געלויבט איהר מחותן און איהר חתן. בעוואונדערט איהר מזל אָהן עין הרע, אַז ווער עס זעהט זי מוז זי ליעבען און אַכטען און האָבען איהר געשוואָרן, אַז זיי זענען צו איהר אַזוי צוגעקלעבט געוואָרן און פֿון איהר גליק וועגען וועט זיי ניט שווער זײַן צו טהון וואָס נור זיא וועט פֿערלאַנגען; נור רחל'ע האָט גאָר נישט פֿערלאַנגט. זי האָט נור אויף זיך אַכטונג געגעבען און זיך געהיט מיט אַ וואָרט, ווי זי וואָלט פֿון שפּאָנען אַרומגערינגעלט געוועזען. ניטעלע דעם רבינ'ס עלטסטע טאָכטער האָט אַלעם אָנגעווענדעט זי איבער־צורעדען זי זאָל מיט איהר גליק צופֿרידען זײַן. זי האָט איהר געוויזען ווי גליקליך און פֿערגניגט מען קאָן לעבען האָטש מען האָט אַ חסיד אַ מאַן, און אפֿילו אין רבינ'ס הויף פֿיהרען די פֿרויען אַ לעבען פֿראַנק און פֿרײַ ווי דאָס האַרץ געלוסט. זי האָט איהר ערצאָהלט פֿון איהרע לוסט רייזען אַלע יאָהר קיין אויסלאַנד אין די נאַרעמבאַדער און דאָס פֿערגניגען וואָס זי האָט דאָרט. די איבריגע דאַמען האָבען איהר זייערע טהייערע קליידער און צירונג בעוויזען, אַלע טאָג מיט איהר אין זייערע אייגענע קאַרעטען שפּאַצירען געפֿאָהרען און וואו נור זיי פֿלעגען קומען האָט מען זיי אומעטום ערוואַרטעט מיט כבוד. רחל'ע האָט פֿאַר אַלעם דעם בעדאַנקט; אָבער פֿון איהרע אייגענע אַנגעלעגענהייט ניט גערעדט. מיט ר' שלמה'ן האָט זי נור זעלטען בעקומען צו רעדען, ר' פּנחס'ל האָט געזאָרגט ר' שלמה זאָל אַ מינוט ניכטער ניט זײַן און זאָל גאָר קיין צייט האָבען זיך צו דערמאָנען וואָס האָט איהם געבראַכט אַהערצו. אַזוי איז כמעט אַגאַנצע וואָך אַריבער. עס איז אויך שבת געוועזען און רחל'ע האָט צוגעזעהן דעם פּאַראַד פֿון אַ שבת'דיגען טיש און טאָג אין רבינ'ס הויף; נור דאָס אַלעם האָט

אויף איהר געווירקט אזוי שלעכט, אז זי האט די מינוטען געצאהלט ווען זי וועט שוין קאנען צוריק אהיים פאהרן; דאריבער האט זי זונטיג געבעטען ניטעלען זי זאל זי שוין אריינפיהרן צו איהם זאל לעבען, זאל שוין זיין וואס עס וועט זיין.

— מיט אזא צדיק, ווי דער טאטע זאל לעבען איז, האט ניטעלע געאנטווערט, איז א גרויסע סכנה צו רעדען ווען דאס הארץ איז ניטא דערביי. ער רעדט ווייניג, אבער ער ווייס פיעל... זיין ברכה איז א ברכה וואס ווערט באלד מקוים; זיין קללה אבער פאר די וואס זענען איהם דערוויידער—איז הייסער ווי פייער. דאריבער האב איך נאך מורא, דיך צו צולאזען. טאמער איז נאך דיין הערץ ניט גענוג צוגעגרייט איהם צו פאלגען אין אלץ.

אין דעם זעלבען טאג האט זי איהר פעטער ר׳ שלמהן געזאגט: פעטער, איך בעט אייך, פיהרט מיך צום רבי׳ן זאל לעבען אריין, לאם איך שוין אויסהארן מיין גזר דין אונ פאהרן אהיים; אז ניט וועל איך צופוס פון דאנען אנטלויפען.

— וואס זאל איך דיר טהון, מיין ליעב קינד? האט דער פעטער געטראסט, עס איז די שעה נאך ניט געקומען, וואס ער זאל לעבען זאל וועלן אויסהארן דיינע טענות. היינט האב איך איהם געבעטען מכח דעם, האט ער מיר קורץ געאנטווערט: „איך האב זי ניט פערגעסען!״ דו מאגסט אין זיינע הייליגע רייד גלויבען, מסתמא טהוט ער איצט גענוג פאר דיר, דו מוזט ווארטען!

זיא האט נאך אטאג לאנג ווי א יאהר איבערגעווארט. דינסטאג פריה האט ניטעלע איהר דעם קאפ מיט א טיכעל ארומגעבונדען, עס זאל זיך חלילה אין אייניגע האר ניט ארויסזעהן אונ אריינגעפיהרט זי צום רבי׳ן. זיין שאן געשטאלט אונ הייליגעס אויסזעהן, זיינע ווייסע האר פון זיין לאנגער בארד אונ פאות אונ דיא ווייסע אטלעסענע בגדים מיט דער סאבאלענער היטעל אויף זיין קאפ, דערצו דיא מענגע אלטע אונ פערראכטע ספרים — אין פארמעט געבונדען — האבען אויף איהר א אימה געווארפען, זי האט געמיינט: זי געפינט זיך ווירקליך פאר א געטליכען מענשען אדער א נביא. פיעל חסידים זענען דא אויך געשטאנען אונ האבען מיט א פינגער ניט בעוועגט אונ דאס האט די ווירקונג אויף איהר נאך שטארקער געמאכט.

— זאל זי צוגעהן נאהענטער, האט דער רבי געזאגט אויפהייבענדיג זיינע גרויסע ברעמען אויף איהר. זי איז צוגעגאנגען, ערשראקען אונ בלאס, ווי א זינדער צום טיש פון געריכט. ר׳ שלמה האט בעמערקט, דאס זי איז ערשראקען.

— ווילסטו מיין טאכטער, וועל איך פאר דיר רעדען, האט ער געזאגט.

— זאל זי אליין זאגען וואס זי פערלאנגט האט דער רבי געהייסען. זאג מיין טאכטער, וואס איז דיין בעגעהר? האב קיין מורא, איך בין א איד ווי אלע יודען. נור עלטער פון לייטען, דערפאר ווייס איך אפשר מעהר פון איין אנדערן. וואס פערלאנגסטו?

— איך פערלאנג גאר נישט, טהייערער רבי, האט זי אויסגערעדט קלאר אונ דייטליך. זאל מען נור פון מיר ניט פערלאנגען וואס איך קאן ניט אונ וועל ניט קאנען ווי לאנג איך וועל לעבען! — רבי, נור איין הערץ האט גאט דעם מענשען געגעבען, נור איין הערץ האב איך געהאט. דיזעס הערץ האב איך פרום אונ מיט

נאטעס ווילען, אזוינע געגעבען מיין שוועסטער קינד, וועלכער איז א פרומער יוד האט'ש ער שטודירט. איך בעט אייך, רבי, זאגט מיין מוטער און מיין פעטער, אז איך בין א יתומה און מען טאהר מיך ניט נויטהען חתונה האבען מיט דעם וואס איך וויל ניט!

— פאר וואס מיין טאכטער, ווילסטו ניט? האט דער רבי זעהר ווייך געפרעגט.

— ווייל איך ליעב מיט מיין גאנצען הערצען מיין שוועסטערקינד; אויף איהם רבי, וויל איך ווארטען מיין גאנצען לעבען.

— ווייל דו האסט איהם ליעב!... האט דער רבי איבערגעזאגט פאנאנדער־ציהענדיג יעדעס ווארט. ווייל דו האסט איהם ליעב!... נו? און דו שאמסט דיך דאס ניט צו זאגען פאר א עדה יודען? הארסטו וואס דו רעדסט? אי, אי, מיין טאכטער!....

רחל'ע האט געשוויגען; נור דאס גאנצער בלוט האט זיך אין איהר געזיכט אריינגעגאסען. דו שאמסט דיך! האט דער רבי מיט א שמייכעל ווייטער געזאגט, גוט אזוי! ווייל דו שאמסט דיך איז א סימן אז דו האסט חרטה וואס דיינע ליפפען האבען ערשט ארויסגערעדט. אז א יוד טהוט א עבירה און שאמט זיך באלד, איז מען איהם מוחל, איך בין דיר אויך מוחל מיין קינד; נור ווייטער זאלסטו אזא נארישקייט ניט זאגען!

— נייז רבי, האט זי מוטהיג געאנטווערט, איך שאם מיך ניט, איך האב ניט מיט וואס זיך צו שאמען, איך ליעב דעם וואס איז מיר ליעב, און איז ווערטה געליעבט צו זיין! גאט הייסט מיין הערץ איהם ליעבען... זאל איך גאט ניט פאלגען? קאן א מענש גאט ניט פאלגען?

— גאט האט קיינמאל ניט געהייסען א יודען א עבירה טהון. האט דער רבי מיט א קרעכץ אויסגערעדט, א ליגען זאגסטו! זעהסטו, וויא א עבירה איז גוררת עבירה: צו ליעב דער עבירה פון דער אהבה האסטו שוין נאך א עבירה פון שקר!

— איז דען אמת'ע און פרומע ליעבע א עבירה? האט זי דרייסט געפרעגט. האב איך דען ניט געלערנט אין הייליגען חומש וויא יעקב אבינו האט ליעב געהאט זיין שוועסטערקינד רחל'ען? פאר וואס, רבי גוטער, זאל מיר — א עניקל פון יענער פרומער מוטער רחל — פאר א עבירה זיין גערעכענט געליבט צו זיין פון מיין שוועסטערקינד און מיט דערזעלבער פרומע ליעבע איהם ליעב צו האבען?

— אין הייליגען חומש, זאגט זיא, האט זי געלערנט... האט דער רבי זעהר בעטאנט איבערגעזאגט צו דעם עולם זיך ווענדענדיג — אט דאס איז דער חסרון וואס מען לערנט מיט א יודישער טאכטער חומש!... זי מיינט, אונזער תורה דערצאהלט נור מעשיות ווי א בחור האט ליעב א בתולה. א ליגען אבער זאגט זי, נור אפיקורסים וואס זוכען א התיר, זייער זינדיגע תאוה דעם יצר הרע נאכצוגעבען — זאגען אז אונזער תורה דערצאהלט מעשות!... אונזער תורה וועט ניט דערצאהלן חלילה אזא גנאי אויף יעקב אבינו, אז ער האט ליעב געהאט רחל'ען לשם אהבה און לשם תאוה, רחמנא יצילנו. תורת ה' תמימה: אונזער תורה הקדושה איז אין גאנצען תורה און ניט קיין פשוט'ע מעשיות! יעדער אות, יעדע נקודה האט טויזענד סודות און רמזים. זאל זיך צוהערן דאס נארי'ש קינד א רמז פון דער תורה! ויאהב יעקב את רחל: האט

דען יעקב רחל׳ען ליעב געהאט? חלילה! ער האט זי ניט ליעב געהאט. ווי קומט יעקב אבינו, דער בחיר האבות ליעב צו האבען א בתולה וואס דאס איז גאר א זינד! נור דאס דערצאהלט דער פסוק, וואס פאר א צדיק ער איז געוועזן. יצחק אבינו׳ס א זוהן, אברהם אבינו׳ס א אייניקל, אונ אליין איז ער אויך געוועזן גאר א וואהלער חתן אונ האט געקאנט טהון א שדוך מיט אבת מלכה; אבער אז ער האט דערזעהן זיין בעשערטע משמים, אונ זי איז א פראסטע פאסטוך מאדעל אונ נאך דערצו לבן הארמי׳ס א טאכטער, אזא רמאי אונ טומאה׳ניק, אזא עובד אלילים, האט איהם זעהר פערדראסען וואס ער דארף טהון אזא פראסטען שדוך, ווי דער פסוק דערצאהלט: וישא את קולו ויבך. פון עגמת נפש פשוט האט ער געוויינט וואס ער דארף ווערן לבן הארמי׳ס א איידים אונ חתונה האבען מיט אזא וועלכע איז ניט נאך זיין ערך; אבער ער איז געוועזן יעקב אבינו, א צדיק תמים, אונ האט געגלויבט, אז דער רבונו של עולם טהוט איהם מסתמא קיין אונגערעכטיגקייט ניט, איז ער עומד בנסיון געוועזן אונ האט ניט געשריען: איך וויל די כלה ניט! נור ויאהב יעקב את רחל: ער האט זיא מקבל באהבה געוועזן: ער האט זי פאר ליעב אונ גוט אנגענומען, א שטייגער ווי איינער געהמט פאר ליעב אן אפילו די יסורים וואס דער רבונו של עולם שיקט אן אויף איהם. ווידער לערנט אונז דער פסוק א דרך ארץ: ויאהב יעקב את רחל, שטעהט: אונ יעקב האט ליעב געהאט רחל׳ען, פאר וואס דערצאהלט ניט דער פסוק פארקעהרט: ויאהב רחל את יעקב? בודאי האט רחל בעדארפט ליעב האבען אזא צדיק תמים וויא יעקב אבינו, נור דער פסוק שווייגט מכח איהר אהבה צו איהם, מרמז צו זיין אז עס א חציפות אונ א זינד אז א יודישע טאכטער זאל אזא ווארט ארויסלאזען פון איהר מויל, אז זי האט ליעב... אונ דו נארישע בתולה, פערגעסט אז דו ביזט א יודישע טאכטער אונ שאמסט דיך גאר ניט צו זאגען אזא ווארט וואס איז א חרפה אונ א בושה? דיין חתן וועלכער איז דיר משמים בעשערט איז א גאנץ וואהלער חתן, דיין טאטע זכרונו לברכה איז געוועזן א ערליכער יוד אפילו; אבער ניט אזא צדיק אונ אזא א קצין וויא יצחק אבינו; דיין מחותן ר׳ הענך איז חלילה ניט אזא נחות דרגא, אזא שווינדלער ווי לבן הארמי. א גאנץ פיינער יוד. א גביר א יוד איז אהן א עין הרע דיין מחותן, געפעלט נאך דיר דער שדוך ניט? אי, אי מיין טאכטער, ווי דו זינדיגסט געגען דעם רבונו של עולם!.. אונ מיט וואס נעהמסטו דיך איבער? מיט דעם ביסעל חן וואס דער רבונו של עולם האט דיר געגעבען? קינד איינע, ניט דיין איז דער חן! דעם חן האט דיר דער בעשאפער געגעבען דו זאלסט געפאלען זיין דיין אמת׳ן בעשערטען וועלכען ער גיט דיר, ניט דעם וועלכען דו ביזט זיך אליין בוחר... שקר החן, אזא חן וואס איז שקר — והבל היופי: איז די שאנקייט אויך נור הבל! הייגט ביזטו שאן אונ מארגען קאנסטו מאוס ווערן, אשה יראת ה׳ היא תתהלל, די אשת וואס האט פאר גאט מורא לויבט אונ דאנקט איהם פאר אלץ אונ איז מקבל באהבה אפילו דעם חתן וואס דאס הארץ איהרס וויל איהם ניט. ווי די תורה הקדושה דערצאהלט: ויאהב יעקב את רחל, אונ יעקב האט רחל׳ען מקבל באהבה געוועזן. האטש זיין הארץ האט פריהער געלוסט א גראסערע יחסנ׳טע א כלה. פערשטעהסטו האטש ווי זינדיג דו ביזט?

רחלע האט שוין מעהר ניט געאנטווערט, זי האט שוין געזעהן עס איז ניטא וועמען צו אנטווערן, נור איהרע טהרערן האבען זיך שטיל געגאסען, אונ זי איז אויף זיך אין כעס געוועזן, פאר וואס גיסען זיי זיך פון איהרע אויגען. ניט דעם רבינ'ס אורטהייל האט איהר באנג געטהון, זי האט פון אנהייב אן וועניג געהאפט אויף זיין משפט; אבער זי איז אין כעס געוועזן אויף די מענגע צוהארער וועלכע זענען דא געוועזן אונ האבען זייערע התפלאות בעוויזען אין פערשידענע תנועות, פונקט ווי זיי וואלטען איצט געהערט משה רבינו'ן אזוי שאן דרשנ'ן פון בארג סיני אראב.

— גוט אזוי וואס דו ווייסט, האט דער רבי געזאגט, אז ער האט איהרע שטילע טהרערן בעמערקט, איך וועל גאט ברוך הוא בעטען ער זאל דיר דיין טעות מוחל זיין, מיין טאכטער, איצט מזל טוב דיר! זאגט איהר, יודען: מזל טוב!

— מזל טוב! מזל טוב! האבען צענדליגער קולות געשריען, דער טומעל איז גרויס געווארן, ר' שלמה האט זוכה געוועזן, דער רבי האט איהם זיין האנד געגעבען אונ מזל טוב געזאגט, ר' פנחס'ל האט זיך מיט איהם צוקושט. אויף ר' פנחס'לס א וואונק האט גיטעלע רחלע'ן אונטער די האנד ארויסגעפיהרט פון רבינ'ס חדר. ביי דער טהיר האבען זי ערווארטעט דעם רבינ'ס הויפדאמען, אונ רחלע איז שיר ניט דערשטיקט געווארן פון די טויזענדער קושעי אונ אומארמונג פון יעדער בעזונדער.

אין גרויסען זאל דעם רבינס האט מען אויף די טישען משקה אנגעשטעלט אונ ר' שלמה האט געטרונקען לחיים צו ר' פנחס'לען אונ ר' פנחס'ל האט געטרונקען לחיים צו ר' שלמה'ן, אונ אלע חסידים האבען לחיים געטרונקען דער זווג זאל עולה יפה זיין; נור רחלע האט איהרע טהרערן געשלונגען אונ זיך אכח אנגעטהון ניט ארויסצורעדען דאס וואס אין איהר הערצען האט געקאכט אונ געזידט, ר' פנחס'ל האט געבאטהען מען זאל תיכף קלאפען א דעפעשע צו חייעלען אונ צו ר' העניך'ן, זאלן זיי קומען מיט דעם חתן אונ מען זאל טאקי דא די חתונה מיט מזל אבשפיעלען, אבער ר' שלמה האט דאס אזוי גיך ניט געקאנט רעשען אונ האט געבעטען ישוב הדעת ביז דער קאפ וועט איהם אביסעל קלארער ווערן, ווארום ער פיהלט זיך שכור'ליך היינט. נור ר' פנחס'ל האט איהם זיך אויסגיכטערן ניט געלאזן. "וויל מען האבען גאר א קלארן קאפ, האט ער געזאגט, זאל מען נאך אונ נאך טרינקען, לחיים ר' שלמה!" אונ ר' שלמה האט ווייטער געטרונקען אונ האט זיין רחמנות, אין דעם ים שפירוט דער טרונקען, וועלכען ער האט אין זיך היינט אריינגעגאסען. רחלע האט קוים געפועל'ט מען זאל זי צום פעטער צולאזען אין דער מינוט וואס ער איז נאך ניכטער, ד. ה. פאר דעם דאווענען אין דער פריה.

— איצט מיין טאכטער, ווייסטו שוין ווער אונזער טהייערער רבי איז? האט ער געפרעגט ווי ער האט זי דערזעהן.

— יא, פעטער, איצט ווייס איך, האט זיא מיט א בעוויינטער שטימע געאנטווערט, איצט ווייס איך ווער אייער רבי איז, ווער איהר זענט אונ ווער אונזער גאט אין הימעל איז.

ר' שלמה האט זיך דערפרעהט. זעהסטו מיין קינד, האט ער געזאגט, דו האסט קיין חרטה ניט! ער האט צוליעב דיר א שאנע תורה אונ א אמת געזאגט!

— פעטער, גענוג אייך לעבען אין טעות, האטש איך האב די תורה וועניגער פאר אייך געלערנט פונדעסטוועגען זאג איך אייך: ווען משה רבינו אליין זאל קומען איצט אונ אזוי פערטייטשען דעם פסוק פון זיין תורה, וואס ער האט אונז געגעבען, אזוי ווי אייער רבי פערטייטשט אייך, וואלט איך איהם זאגען: משה, גאט איז אמת אונ זיין תורה איז אמת, נור ניט אמת איז אזא ערקלארונג פון דער אמת'ר תורה! גאט, דו האסט אונז א אמתע, א היילינע אונ א קלוגע תורה געגעבען, נור פאלשע מענשען בענוטצען זי, זייער פאלשקייט אויסצופיהרן!... אין דיר גאט, גלויב איך, ניט אין די פאלשע צדיקים וואס רופען זיך אין דיין היילינען נאמען! איצט פעטער, קאנט איהר מיך בינדען, האטש אין וואסער אריינווארפען; אבער ר' העניך'ס שנור וועל איך ניט זיין!

וויא א שכורן אז מען גיסט אב מיט קאלטע וואסער האבען די שרעקליכע ווערטער ר' שלמה'ן אויסגעצוכט. א קאלטער שווייס האט איהם אויף זיין שטערן ארויסגעשלאגען אונ עס האבען איהם געציטערט האנד אונ פיס. „שמע ישראל!" האט ער א געשריי געטהון, וועה צו די אויהערן וואס הארן אזעלכע דבורים פון א יודיש קינד!... אין חרם ביזטו! א קליפה זיטצט אין דיר דו הולטייקע!

— בערוהיגט אייך פעטער, האט זי געבעטען, איהר האט מיך דערצו געבראכט איך זאל דעם אמת אפען זאגען; נור ברענגט מיך ניט צו נאך ערגערע בזיונות!.. פיהרט מיך שוין אהיים צוריק, האט רחמנות, אויף אייער כבוד. אין מיר פלאצט מיין הערץ פון ערביטערונג. איך האב מורא, אז איהר וועט מיך ניט היינט אהיים אבפיהרען וועלן אלע חסידים דא הארן פון מיר ווי איך פערשעלט אונ פעראכט אייער פאלשען רבי'ן! אהיים פיהרט מיך, פעטער, זאל דאס אייער איינציגער אונ לעצטער חסד זיין, ווייטער בין איך אייך אלץ מוחל!

— זי איז מיר מוחל! האט ער מיט א ביטערן געלעכטער איבערגעזאגט. אייביג וועל איך דיר ניט מוחל זיין!... אויס פעטער בין איך דיר מהיום והלאה... אונ ביז דו וועסט ניט חתונה האבען מיט ר' העניך'ס זוהן, זאל מיר אסור זיין דיך איבער מיין שוועל אריבער צו לאזען!

מיט די ווערטער האט א ווארף געטהון די טהיר אונ איז גלייך צו ר' פנחס'לען אוועק, איהם דערצאהלט וואס ער האט געהארט אונ האט די האר אויף זיך געריסען. ר' פנחס'ל האט איהם געהייסען שווייגען: „האט קיין מורא, חתונה וועט זיין... האט ער געזאגט, זעהט האטש, אז מען טאהר ניט קוקען אונ ניט הארן וואס זי רעדט. נאך דער חופה וועט זי גאר א אנדער נגון זינגען. זייט זיך פון איהר נור ניט מרחיק. זאגט איהר: חתונה מוז זיין, ווארום דער רבי זאל לעבען זאגט: בעסער פארמעט איידער פאפיער צו רייסען. וועט זי ניט קאנען לעבען מיט ר' העניך'ס זוהן, זאגט איהר וועט זי זיך מיט איהם גט'ן, דאמאלס וועט זי זיין אין איהר אייגענעם רשות וועט קיינער ניט דארפען דין וחשבון אבגעבען פאר איהרע מעשים. איצט טאהר מען זי ניט לאזען קריכען אין דער טומאה וואס ציהט זי צו זיך..." דאס זעלבע האט אויך דער רבי געזאגט: „פאהרט אהיים אונ לאז זיין חתונה, רייסט זי אפ פון דער טומאת האטש איבער געוואלד!"

ר' שלמה האט בערעלען געהייסען שפאנען די פערד. רחל'ע האט פונדערסווענע בעדאנקט דעם רבינ'ס קינדער פאר זייער פריינדשאפט און איז מיט איהר פעטער אהיים געפאהרן.

ו.

אין דער צייט וואס רחל'ע איז ביים רבי'ן געוועזען האט שימעל'ע אבגעשפילט זיין טאכמעוערס חתונה דא ביי חייעל'ען אין זאאל. חייעל'ע איז געוואהנט געוועזען ביי איהר אין שטוב אויף פרעמדע חתונות א מחותנת'טע צו זיין; נור אויף קיין חתונה איז זי נאך אזא מחותנת'טע ניט געוועזען וויא אויף דער חתונה. זי האט זיך אויס-געפוטצט מיט די שאנסטע נייע קליידער און צירונג איהרע און האט בענוצט די געלעגענהייט א פראגע צו מאכען, ווי ארויסצוגעהן דעם ערשטען פרייטאג צונאכט צום רבינ'ס טיש, ליכט בענשען, באלד נאך איהר חופה מיט ר' פנחס'לען, אין א גוטער שעה. זי האט א צייט אין שפיגעל געקוקט און בעוואונדערט איהר שאנקייט און יוגענד וואס ליגט נאך אויף איהר געזיכט, „ניששקשה, איך וועל דארט ניט פערשעמט ווערן! האט זי פאר זיך געזאגט, ניטא דארט קיין שאנערע און פארנעהמערע פאר מיר!"... זי איז שוין פון שפיגעל געוועזען אוועג געגאנגען; נור איהר האט זיך געוואלט נאך א מאל א קוק טהון. זיך נאך בעסער איבערצוציינגען צו איז זי טאקי ווירקליך אזוי יונג ווי זי האט זיך נור וואס געזעהן און איז צו נאך א מאל, צוגעלעגט איהר געזיכט נאהענט צום גלאז, און ווי האט זי זיך דערשראקען, אז זי האט געזעהן די ווינקלען אויגען קליינע קנייטשען בעמערקט. זי האט זיי געפרובט אויסגלייכען, געריבען מיט דער האנד, אבער אידער זי איז נאך פונ'ם שפיגעל אוועק האבען זיי זיך צוריק איינגעפאלבט און האבען זיך איצט נאך מעהר ארויסגעזעהן ווי פריהער. זי איז אין כעס און אומטוטהיג געווארן.

„דאס האב איך פון מיין טרייער טאכטער! האט זי פאר זיך איבערגערעדט. נור אין די לעצטע עטליכע וואכען האב איך זיי בעקומען. אט וועל איך איהר א טרייע מוטער זיין, יונגערהייט איבער איהר פון דער וועלט אוועק געהן?... אבער גאר ניין, מיין קינד! איך ווייס גאר ניט צו געפינט זיך ערגעץ אין דער תורה אז א מאמע איז מחויב צו ליעב טהון א קינד און זיך לאזען א לעבעדיגע בעגראבען? אזוי לאנג קרענקט ער דארט דער משוגע, דער מופקר משה'לע, ווי לאנג איך וועל איהר ניט נאכגעבען, און ווער עס וועט אויף מיר ברוגז ווערן אין רבינ'ס הויף זאל מיר אויפ-ווארפען, מיין געשטודירטע אידים.... וועט זי קומען און פאלגען דעם רבינ'ס עצה איז מה טוב, חלילה ניט — וועל איך מיר טהון דאס מייניגע: די גארדאראבע איהרע מאכען אויף דעם פיינסטען אופן, עס וועט קומען די צייט, וועל איך בעטען אויף חתונה. ער דארף איהר נור דאס פינגערל אנטהון, ווייטער וועט שוין זיין ניט מיין דאגה... אזוי האט זי איהר הערץ אויסגערעדט פאר דער צווייטער חייעל'ען וועלכע האט אויף איהר געקוקט פון שפיגעל ארויס ווי זי אויף איהר אריין. אז זי איז אין זאאל אריין האבען זי די מחותנים פון ביידע צדדים בעגעגענט מיט כבוד און מיט

ברכות און איהר מרת שחורה איז פערשוואונדען געווארן. די כלי־זמר האבען פון איהר כבוד אויפגעשפּילט. זי האט זיך געלאזט גוט ערקענען מיט איהר דרשה געשאנק דער כלה און איהר משמח זיין די מחותנים און האט ברכות בעקומען מעהר וויפיעל זי האט זיך געוואונשען.

אויף מארגען נאך דער חתונה איז רחלע אנגעקומען צוריק פון רבין. ר׳ שלמה איז גלייך צו זיך אריין און רחלע איז צוגעפאהרען אליין. זי האט דער מוטער רוהיג איבערגעבען די פריינדליכע גריסען פון רבינ׳ס געזינד און מיט איין ווארט ניט געגעבען צו פערשטעהן איהר אונצופרידענהייט פון דער נסיעה. פון וועג און פון אינערליכע בעוועגונג, האט איהר געזיכט געבערענט און איהרע אימער ליכטיגע אויגען זעגען איצט נאך ליכטיגער און שטראהלענדער געוועזען. חייעלע האט זי קיינמאל אזוי הערליך ניט געזעהן ווי אין דער רגע און זי האט געגלויבט דאס שיינט זי אזוי פון גליק אונד צופרידענהייט אין רבינ׳ס הויף.

— זעהסטו מיין קינד, האט זי צארטליך אויסגערעדט, גאר אן אנדערע ביזטו געקומען און דו שיינסט אהן עין הרע. דו דארפסט מיר גאר ניט ערצאהלען, מיט מיר איז אויך אזוי געוועזען, מיט אזא דעה ווי דו בין איך אויך אהין געפאהרען, אפילו אויפ׳ן זינען איז מיר ניט ארויפגעקומען דער שדוך מיט ר׳ פנחסלען נור אז איך בין שוין דארט געוועזען, ווייס איך ניט וואס מיט מיר איז געשעהען, איך בין ווי פון שלאף אויפגעשטאנען און אין איין רגע אן אנדערע געווארן. אזוי זעה איך דיך אויך, מיין ליעב קינד, דער רבי זאל לעבען האט דיין הערץ אין דיר געלייטערט און דיינע אויגען זעהן איצט ווי פארנארט דו ביזט ביז איצט געוועזען. נור וואס געוועזען בין איך דיר מוחל, נאט זאל מיר שוין טראסטען פאר מיין צער!..

— יא מוטער, האט זי געאנטווערט, א אנדערע בין איך ווירקליך געוועזען, אז איך בין אהין געפאהרען, עס איז ווערטה צו זעהן און צו הארען וואס איך האב דארט געזעהן און געהערט... אבער ווי מיד בין איך איצט, מוטער!... ווי ווילט זיך מיר שלאפען, אויסרוהען זיך ביי מיר אין מיין צימער... אויף מיין בעט!... ענטשולדיגע, איך האלט מיך קוים אויף מיינע פיס... דער פעטער וועט דא מסתמא באלד זיין און געוויס דיר אלעס ערצאהלען...

חייעלע האט רחמנות געפיהלט און געהייסען איהר קינד זיך אויסרוהען פריהער, זי וועט נאך צייט האבען נחת פון איהר צו הארען מארגען, דעננאך איז איהר צולאנג געוועזען האטש ר׳ שלמה׳ן צו ערווארטען ביז ער וועט אהער קומען און איז באלד צו זיהם אוועק. רחלע האט איהרע ברידערליך און שוועסטערל גוט גוט אנגעקושט און איז באלד צו זיך אין צימער אריין. פייגע האט די קינדער פאר די האנדטלעך ארויסגעפיהרט און זיי אנגעזאגט זייא זאללען ניט שרייען. חייעלע איז צוריק געקומען פון ר׳ שלמה׳ן מיט זעהר א בעזארגטען פנים. זי וואלט רחלען איצט גוט מכבד געוועזען, ווי זי פערדינט פאר אזא העזה דעם רבין זאל לעבען אליין אזוי דערווידער צו זיין, נור ר׳ שלמה׳ן האט איהר אין ר׳ פנחסלס נאמען אנגעזאגט: למען השם, נור מיט גוטען מיט איהר אומצוגעהן און נור פריינדשאפט און טרייהייט איהר ווייזען און חייעלע האט איהר בעם פערשטיקט און איהר זינדיגע טאכטער געלאזט רוהיג שלאפען. אז רחלע

איז אויפגעשטאנען איז זי די ערשטע זאך אין סאד אריין און ווי איז זי נידערגעשלאגען שטעהן געבליבען, אז זי האט דא א תאוס געפונען פון אנגעווארפענע בית המדרש טישען און בית המדרש באנק! די שאנסטע ארטער פון סאד אויסגעטרעטען און פערוויסט, דיא בלומען אבגעריסען און פערוועלקט. — די חסידים וואס האבען אויף שימעלעס חתונה געטאנצט האבען אויך דעם סאד ניט אויסען געלאזען, און דיא סארווער האבען די באנק און טישען אין סאד אריינגעווארפען. „אונשולדיגע, ליעבע בלימעלעך! האט זי פאר זיך געזאגט. נור אויף עטליכע טאג האב איך מיין וואכענד אוינ צוגענומען פון אייך און ווי האב איך אייך איצט געפונען! מענשען אהנע געפיהל, האבען אייך מיט די פיס צוטרעטען. אייך אייער קורצע בליהענדע צייט נאך קירצער געמאכט?... נור טהוען זיי מיט זייערע בליהענדע קינדער בעסער? דוא גאט, ביזט דאך דער גוטער גארטנער פון דיין וועלט. פאר וואס לאזט דו דיין גארטען אזוי אפען און פריי? וואס שווייגט איהר, שטומע צוטרעטענע בלימעלעך מיינע? פאר וואס בעט איהר ניט א שטראף פאר די מוטהווילינע מארדער אייערע. פון גאט דעם גוטען וואס דארף אזא אונרעכט ניט צו זעהן אין זיין ליעבער נאטור? ניין, איך פערשטעה נור די שפראכע אייערע ניט? מיינע אויהערן נור הערען ניט אייער קלאג געשריי איצט אויף דאס אונרעכט וואס איז אייך געשעהן!... אויך אויף מיין האלז פיהל איך איצט די שווערע פוס וואס וויל מיך צוטרעטען. גאט, אנטווער אונז, ניט לאז מעהר אונגערעכטיגקייט אונז געשעהן!

זי האט עטליכע צוטרעטענע רויזען אויפגעהויבען, און געהויבט אויף זיי וויא זי וואלט געוואלט א נייע לעבען אין זיי איינהויכען.

„ווער קאן מיר זאגען אויב אין אבעסערן צושטאנד וועט מיין משהלע מיך געפינען ווען ער וועט צוריק קומען פון דארט וואו ער איז איצט? האט זי זיך געפרעגט. בליהט דען דער מענש ניט אין זיין יוגענד ווי א בלום? מיט וויפיעל איך בין שטארקער געבויט פאר דיזע צארטע גראזעלעך מיט אזוי פיעל שטארקער איז די פוס וואס טרעט אויף מיר... אך. ניט פון שטאל און אייזען איז מיין הערץ אין מיר. איך פיהל וויא עס פוילט, ווי עס ווערט אויפגעצעהרט און דורכגעגעסן פון פערדרוס, פון רחמנות און עלענד און איך הייב אן וועלקען פאר דער צייט!... ווי בעט איך דיך גאט, ווען מיר איז ווירקליך בעשערט אזוי יונג פערוועלקט צו ווערן, זאל מיך מיין משהלע חאטש א וועלקענדע, אבער ניט א פערוועלקטע געפינען. איך זאל איהם חאטש נאך איינמאל קאנען זאגען, אז צו ליעב איהם האב איך געלעבט און אז מען האט מיך איבערגעוואלד פון איהם אבגעריסען איז מיר דער טויט מעהר נייחא אלס א לעבען אהן איהם!" — אין אזעלכע געדאנקען האט זי ניט בעמערקט ווי די מוטער איז צו איהר צוגעקומען ביילע איז אויך ערשטוינט געווארן, אז זי האט דא דעם תאוס דערזעהן. „וואס זאגט מען צו זייער קאפ, האט זי מיט כעס געזאגט. אט די טובה האט מען שטאנדיג אז מען לאזט אריין חזירים אין גארטען! זיי האבען דאך תל געמאכט פון גאנצען סאד. די שטוב איז זיי ווענינ געוועזן די קבצנים האבען זיי מיר נאך דעם סאד אויך חרוב געמאכט. א חורבן אויף זייער קאפ, האסטו געזעהן א ביסעל וואס פיאניצעס קאנען!

— מוטער, פאר וואס זאגסטו פיאניצעס? האט רחלע זיך אבגערופען, זענען זיי

גיט דעם רבינ'ס הייסע חסידים? מאג דען א חסיד ניט. טרינקען ביז משוגע ווערן אונ דעם אנדערן שאדען טהון פון גאטס וועגען?...

— עס איז טאקי א שאד אונ א עולה אויך, מיין קינד, האט די מוטער געטראסט נור קיין גראסערן שאדען זאלסטו צייט דיין לעבען ניט האבען. איך פערהאף צו גאט, דו וועסט ביי דיין בעשערטען שאנערע גראסערע סאדען אונ גארטענער האבען גאר אין גיכען, אם ירצה השם. עס איז איצט טאקי דא איינער וואס וויל אבקויפען דאס הויז מיט דעם זאוואד, זאל ער נור געבען דעם מקח וואס איך פערלאנג וועל איך איהם פערקויפען. וואס זאגסטו מיין טאכטער?

— וואס זאג איך, פרעגסטו? א, ווען נור אן מיין זאגען זאל זיך ווענדען, ליעבע מוטער, — וואלט איך זאגען אז פאר קיין געלד אין דער וועלט זאלסטו עס ניט פערקויפען! ניט נור ליעב איז מיר דאס הויז וואו איך בין געבוירען געווארן; אבער אויך הייליג איז מיר דער ארט וואו מיין געעהרטער זיידע האט אזוי מיט עהרע זיינע יאהרן אויסגעלעבט אונ וואו מיין ליעבער פאטער האט אין פריעדען געלעבט, האטש איהם איז ניט בעשערט געוועזן דא זיין לעצטען טאג צו פערלעבען.... נור איך זאג דיר קיין דעה ניט, דו מאגסט אלעס פערקויפען, טהו וואס דיר געפאלט. איך וועל מיט אלץ צופריעדען זיין. דאס הויז וועט א הויז בלייבען ווער נור אין איהם וועט וואהנען, דער סאד וועט א סאד זיין אונ די בלומען וועלן ווידער בליהען גאר ניט בעקימערט ווער עס וועט זיך פערגניגען מיט זיי... פערקויף ליעבע מוטער, אלץ וואס דו ווילסט... נור איינם פערקויף ניט!.. פערקויף מיך, דיין קינד ניט!.... אלעס קאן א מענש פערקויפען, מוטער, אבער ניט זיין הערץ! קאנסטו מיין הערץ פון מיר ארויסרייסען? קאנסטו אויסלעשען דאס פייער וואס גאט אליין האט אין דעם הערצען אנגעצונדען? ניין! דאס קאנסטו ניט, מוטער, דאס קאן איך אויך ניט, זעלבסט ווען איך זאל עס אויך וועלן, בפרט אז איך וויל עס ניט, אז איך בין אזוי גליקליך ווי איך בין! א, לאז מיך גליקליך זיין מיט דער האפנונג נור משה'לעס צו זיין! צעבריים דיא תנאים וואס איהר האט פאר מיר געשריבען, זאג דאס איינציג ווארט, אז נור משה'לע איז די איינציגע ליעבע ירושה מיינע, וואס איז מיר פון מיין ליעבען זעליגען פאטער געבליבען... מעהר בעט איך ניט, מעהר פערלאנג איך ניט. אונ אייביג אייביג וועט דיין קינד דיינע פיס קושען אונ דאנקען דיר!....

הייעלע האט זיא אנגעקוקט וויא א צומישטע, אין איהרעם הערצען האבען אנגעהויבען זיך אויפצוועקען געפיהלע פון רחמנות, אבער אנטווערן אין דער הייסער רגע האט זי ניט געקאנט, רחל'ע האט זיך אויף די קניא אראפגעלאזען, ארומגענומען דער מוטערס פיס אונ געקושט. האב רחמנות, מוטער! האט זי נאך ריהרענדער ווי פריהער געבעטען, דא צווישען די בוימער וואס זיי האבען געפלאנצט שפאצירן אפשר די אויסגעלייטערטע נשמות פון מיין זיידען אונ פון מיין פאטער אונ הארן געוויס מיין בעטען דיך. מוטער, טהו צו ליעב דיין געשטארבענעם מאן, דעם ווער עס וועט אייביג מיין ליעבער פאטער בלייבען... דאס וואס איך בעט דיך, איז זיין הייליגער ווילען געווען ביז די לעצטע רגע פון זיין לעבען. א מוטער, פיעל האט ער דיך אין זיין

צָרָה געבעטען, טהו חאטש דאס אַליין נאך זיין טוידט פאַר אַזוי פיל טרייהייט, ווי לאַנג ער איז דיין מאן געוועזען!...

חייעלען איז אַ קעלט אַריבער איבערן גאַנצען קערפער. זי האט די אויגען אַראָפּגעלאָזען און טהרערן זענען געפאַלען איבער איהר קינד וואס איז ביי איהרע פיס איצט געלעגען. שווייג ניט, מוטער! האט רחל'ע מיט אַ ערשיטערנדע שטימע ווידער אָנגעהויבען, רעד אַרויס דאס וואָרט אַז דו טהוסט דעם ליעבען פאָטער מייגעם צו ליעב, זאָל ער פאַר דיר גאָט בעטען דו זאָלסט לעבען און גליקליך זיין!... פאָטער! האט זי פלוצלונג ווי פון פערצווייפלונג אַ געשריי געטהון ווענדענדיג איהרע אויגען צו די בוימער דאָ נעבען איהר. ביזטו דאָ, וואס שווייגסטו און העלפסט ניט דיין קינד דאס הערץ עפענען וועלכע די אייגענע מוטער האט פאַר איהם פערשלאָסען? העלף מיר פאָטער, העלף מיין מוטער איהרע אויגען עפענען, די אויגען וואס נור שלעכטע מענשען האבען זיי בלינד געמאַכט דעם אמת ניט צו זעהן....

ביי די ריד האט זי מיט אַ קראַמפּף צוגעדריקט איהר קאָפּ צו דער מוטערס קניא און איז פון ערשיטערונג שוואַך און אָהן לשון געבליבען.

חייעלע האט אָנגעהויבען צו ציטערן מיט אַלע גלידער. זי האט מורא געהאט אַ קוק צו טהון אין דעם ווינקעל וואו רחל'ע האט צום געשטאָרבענעם פאָטער גערופען. זי האט הינטער זיך טריט דערהערט און האט געמיינט דאס נעהט איהר געשטאָרבענער מאַן. באַלד וועט זי איהם זעהן איהם. נעגען וועלכען זי איז אַזוי זינדיג... אָבער פלוצלונג האט זי דערהערט אַ קול: „גוט מאָרגען אייך חייעלע, גוט מאָרגען, שלום עליכם דיר רחל'ע! וואס מאַכסטו, מיין תלמידקע? מיר קומט דאָך מזל טוב, רחל'ע!" פון צושראָקענקייט האט זי ניט דערקענט די שטימע און האט נאָך אַלץ געציטערט, ביז זי האט איהרע אויגען אויפגעהויבען און שימעלען דערזעהן. „די נשמה האט איהר מיר אַרויסגענומען, האט זי געזאָגט און אַ שפּיי געטהון, ווי געהט עס אַ מענש אונטער אַזוי אונגעריכט?!

— אין שטוב איז קיינער ניטאָ, האט ער זיך פערענטוועררט, האטש צוטראַג בכל של הכל, אָט בין איך אַהער געקומען, אייך נאָך אַ מאָל דאַנקען וואס איהר האט מיין שמחה בעשאַנט, און זאָגען רחל'ען, אַז האטש זי איז אויף מיין שמחה ניט געוועזען, וועל איך פונדעסטוועגען טאַנצען אויף איהר חתונה אי"ה, גאַר אויף אַ אַנדער אופן

— וואס זאָגט מען דערצו, האט חייעלע מיט אימפּעט אויסגערעדט און זיך אַריסגעטהון פון איהר קינד, איך האָב די שליסעלעך אין קאָמאָד געלאָזען. זייט דאָ מיין טאָכטער, איך געה נור אַ קוק טהון צו איז ניט חלילה אַ היזיק געוועזען, און מיט די ווערטער איז זי פון סאַד אַרויס.— אָנגעטהון אין זיינע בגדי מלכות ווי אַ מחותן איז ער דאָ מיט רחל'ען אַליין געבליבען. אין האַנד האט ער געהאַלטען אין זיין רויטער טאַשענטוך איינגעבונדען אַ גרויסע שטיק לעקעך.

— שלום עליכם דיר רחל'ע, נאָך אַ מאָל! האט ער געזאָגט, צוגעהענדיג.. באַהעטער צו איהר? ווען ביזטו לשלום אַהיים געקומען? וואס מאַכט אונזער רבי זאָל לעבען? אַיאָ, אַ שאַנער יוד איז אונזער רבי? אָט דאס הייסט אַ יוד, מיט'ן פולען מויל אַ יוד. ניט אמת, רחל'ע, דוא פערשטעהסט דאָך אַ אינטערעס האטש דוא ביזט

א בתולה! ער האט דיך מסתמא געבענטשט דו זאלסט זיין לאלפי רבבה, דאס איז טייטש: צו טויזענדער און צו צעהנטויזענדער. זאלסט האבען געלד א סך! א סך, וויא שטערן אין הימעל ווי זאמד אם מעער, אבנים טובות, דאס איז טייטש: דימאנטען ברילאנטען און מרגליות, דאס איז טייטש: פערל, הארסטו, רחל'ע, פערל זאלסטו האבען, און אז איך וועל קומען צו דיר לייהען א גמילת חסד, זאלסטו מיר ניט זשאליעווען און מאקי לייהען א סך. ווארום צו ליעב מיין טאכטערס חתונה בין איך לא עליך א גרויסער בעל חוב געווארן, מען רייסט מיר די פאלעס אב... דאס איז אלץ מיין אלטע'ס שולדיג: ביי מיר וואלט רעכט געוועזן געבען מיין זלאטקען א צוויי דריי העמדער, א מלבוש אויף דערוואכען און א מלבוש אויף שבת, אבי חתונה געמאכט; וועט איהר מאן וועלן וועט ער איהר מאכען קליידער חאטש זיידענע. וואס ארט עס מיך. ניט אמת רחל'ע, מיין אלטע איז אונגערעכט?

זי האט געשוויגען. שימעלע איז צוגעגאנגען נאך נאהענטער. וואס שווייגסטו רחל'ע, האט ער געפרעגט, וואס ביזטו ברוגז? יוא, איך פערשטעה, דו האסט פאר איבעל וואס איך האב אהן דיר די חתונה מיט מזל אבגעשפיעלט, דו וואלסט בודאי געטאנצט, מאקי א עולה, אויף נאמנות א עולה; אבער דערפאר האט דיין מאמע זאל געזונד זיין געטאנצט פאר דיר אויך. זיי ניט ברוגז רחל'ע, געדענקסטו דעם עברדיגען חול המועד פסח האבען מיר אונז מוחל געוועזן און כורת ברית געוועזן אויף אייביגען שלום. נא, זעה חאטש אז איך האב דיך ניט פערגעסן: דעם ערשטען חלק לעקעך האב איך ארויסגענומען און לכתחילה פאר דיר בעהאלטען. נעהם עס צו, זאג מיר מזל טוב און עסס געזונד!

שימעלע האט זיינע גוטע רייד נור פאר די בוימער גערעדט. רחל'ע איז אזוי בעקלעמט געוועזן דאס זי האט זיינע ווערטער כמעט גאר ניט געהערט. שימעלע האט איהר ווי דער שטן אויסגעוויזען וואס האט איהר געבעט אין די לופטען אנגעהאפט און ניט צוגעלאזען דער מוטערס ווייך געווארן הערץ צו איהר קינד זיך צוקלעבען. ער איז צוריק אין שטוב אריין און האט פייגען זיינע לעקעך איבערגעגעבען רחל'ען איבער צוגעבען. פייגע איז אריין אין סאד א קוק טהון וואס איז דארט געשעהן.

— דו ביזט גאר אליין, מיין טאכטער? האט פייגע געפרעגט, אז זי האט זי אזוי פערשטיינערט געפונען.

— אליין, פייגע, עלענד און אליין! האט רחל'ע געאנטווערט, מיין מוטער האט איהר הארץ פון מיר פערשלאסען, איך ווייס שוין קיין שליסעל ניט ווי עס צוריק צו אפענען... מיינע טהרערן זיינען טראפענס רעגען וואס זי בעהאלט זיך פון זיי. מיין בעטען זיך וועקט איהרע פערשלאפענע מוטערליכע געפיהלע ניט אויף, מיין טרייער פעטער האט זיך אין גאנצען פון מיר אבגעזאגט. און גאט אין הימעל אך פייגע, ער הערט מיך אויך ניט!... זייט איהר מיט מיר אין מיין נויטה, פערשפרעכט מיר: מיך אליין ניט צו לאזען בעת אלע וועלן זיך פון מיר אבזאגען.. די מוטער פערקויפט דאס הויז און אלץ וואס אונז איז דא ליעב, זי וועט באלד חופה האבען און אוועקפאהרן אהין, וואו עס לעבט זיך ווי אין א גן עדן... איך וועל דא בלייבען, בלייבט איהר אויך מיט מיר, און איך וועל אלץ פאר גוט אננעהמען.

— מיין ליעב קינד, האט פייגע אויסגערעדט אונ איהרע טהרערן היבען זיך געגאסען, מיין גאנץ לעבען וועל איך אוועג געבען פאר דיר, איך זאל נור וויסען אז גאט וועט מיך צוגעהמען אנטשטאט דיך! וועמען האב איך א חוץ דיר? ווער, אז ניט דו וועט אין דער גוטער שעה מיט מיר ודוי זאגען אונ נאך מיין טוידט פאר מיר א קדיש דינגען? — זאג דו מיר צו, ליעב קינד, מיך ניט אהנעקצולאזען ביז מיין לעצטע שעה וועט קומען. מיך דארפסטו ניט בעטען, איך בין דיינע ביזן קבר!...

ז.

פון יענעם טאג אן, וואס חיעלע איז דעם נסיון בייגעשטאנען אונ איהר קינד ניט אבגעגעבען איהר זינדיגע תאוה, האט זי אויסגעווייכט יעדע געלעגענהייט וואס קאן זיא חלילה נאך אמאל צו אזא שווערן נסיון ברענגען. רחלע האט אויך מעהר קיין געלעגענהייט געזוכט די מוטער אין אזא נסיון צו שטעלען, זיא האט ערקענט אז זיא האט ניט מיט וועמען צו רעדען, ווארום זי האט געזעהן אז די מוטער גרייט זיך צו דער חתונה אונ קלארט גאר ניט, אז עס איז נאך דא ווער וואס וויל די חתונה ניט. אין דער צייט האט זי צו משהלען זעהר פיעל געשריבען. אין איין בריוועל האט זי איהם איהר לאגע מיט פאלגענדע ווארטער אויסגעדריקט:

„וויפיעל מוז א מענש געפרובט אונ געלייטערט ווערן ביז זיין שכל קומט צו א רעכטער איבערצייגונג! וויפיעל האב איך געליטען, ליעבער פריינד, ביז מיין שכל האט מיך איבערצייגט, דאס איך בין שוואך ווי א פליג נור יענעם ווילען גובר צו זיין, אבער שטארקער ווי אייזען בין איך מיין אייגען הערץ אונ ווילען צו בעשיטצען! ערשט איצט, נאך אזוי פיעל שמערצען, נאך אזוי פיעל ווייגען אונ בעטען אונ נאך אזוי פיעל טהרערן פערגאסענע אומזיסט בין איך צו דער פעסטער איבערצייגונג געקומען אז זיי האבען מיר גאר גאר ניישט געטהון, ניט מיט זייער תנאים שרייבען, ניט מיט זייער נאמען „כלה" וואס זיי האבען מיר געגעבען. זיי האבען נאך דאס מינדעסטע וואס מיר טהייער אונ ליעב איז, פון מיין הערצען ניט אויסגעריסען. יא, משהלע, עס האט נור א ווינד, א שטורעמווינד געבלאזען; אבער קיין בוימער, קיין בלומען פון מיין גארטען ניט אויסגעריסען... ניט איינגעבויגען, אפילו אויף איין מינוט... אלעס אין איהם בליהט נאך, אלעס וואקסט אונ געדייהט, אטהעמט ליכט אונ לופט וויא גאר ניישט געשעהן!... איך קאן איצט זיי גלייך אין די אויגען קוקען, זיך ניט איבריג בעקימערן מיט די חתונה קליידער אונ חתונה צוריכטונג, וואס זיי גרייטען צו. מיט מיין לעבען, מיט אלץ וואס מיר היילינג איז, בין איך דיר ערב אז די חתונה וועט קיינמאל ניט זיין. דיינע בין איך, משהלע. דיינע ביז דעם לעצטען אטהעם־צוג פון מיין לעבען. גאט אין הימעל הארט אונ איז מיין עדות, מיט וועלכער פייערליכקייט אונ געוויסהייט איך שוואר עס דיר. יא, נור ער האט מיר דיך געגעבען אין דער מינוט וואס ער האט בעשטימט מיין ליעבען פאטער פון מיר צו צונעהמען. דו ביזט מיין פאטער, משהלע אין דיר האב איך איהם א לעבענדע, א געטרייען זעלבסט נאך זיין טוידט אונ מיר איז גענוג ביין נאטען צו דערמאנען אונ זיך שטארק צו פיהלען מיט דער גאנצער וועלט צו

קאמפפען מיין וואונש אונ ווילען צו בעהויפטען! איך גלויב אין גאט, איך רופע איהם אונ בין איבערצייגט אז ער הארט מיך אונ אנטווערט מיר, דען נור איינע גאטליבע מאכט איז די ליעבע אין מיינעם הערצען, מיט איהר גליקליך צו זיין זעלבסט אין אונגליק. איינע גאטליכע האנד פיהל איך וואס שיטצט מיין שוואך הערץ געגען דעם בלינדען ווילען פון מיין מוטער אונ, זאגסט אימער געטרייען פעטער. יא, נור גאט קאן מיר אזא מוטה געבען זיך אויסצולאכען פון דעם רבינ'ס געוואלדיגער מאכט. אונ ניט מורא האבען פאר זיינע קללות, אונ ווען גאט איז מיט מיר, פאר וועמען האב איך מורא?

דעננאך מהו איך אלין וואס מאגליך איז צו א סקאנדאל ניט צו ברענגען אונ ווי בעט איך גאט ער זאל זיי זייערע אויגען אפענען, זיי זאלען זיין ווילען אויך אזוי בעגרייפען ווי איך! נור ווען פון מיינער זייטע וועט אלעס, וואס קאן צו א פרידליכען גוטען סוף פיהרען — זיין אבגעטהון אונ זיי וועלן נאך ניט איינזעהן מיין רעכט וואס איך האב אויף זיך, דאן זאל מיר גאט פערצייהען, איך בין אויף דאס אייסערסטע בערייט אונ גפאסט, אונ וועל מיין חתן אונ מחותן אין דיא אויגען זאגען: זיי מאגען פאהרען מיט דעם זעלבען וועג וואס זיי זענען געקומען, מען האט זיי גענארט, פערקויפט דיא פעל איידער מען האט נאך דעם האז דערשאסען... אונ ניט אמוטער מיט אפעטער, נאר ער רבי מיט זיינע חסידים קאנען דעם בונד צורייסען וואס גאט זעלבסט האט מיט ליעבע פערבונדען... פון מיינע ליעבע צו דיר וויסען איצט אללע, זעלבסט דעם רבין האב איך פון איהר ערצעהלט אין געגענווארט פון א מענגע חסידים. אונ וייל דער רבי האט געזאגט אז איך זינדיג מיט אזעלכע ווארטער אונ וייל אללע ווייסען דאס נור מיינע ליעבע צו דיר מאכט מיך פאר אזא זינדיגע יודישע טאכטער וואס וויל דעם רבינ'ס אויסדריקליכען ווילען ניט טהון, האב איך מורא דיך צו רופען מיר אהאנד צו געבען אין מיין נויטה. אין רבינ'ס הויף האב איך זיין געוואלדיגע מאכט בעמערקט, אונ ניט אומזיסט, מיין איך, האט מען מיר דארט פיעל משלים דערצאהלט פון דעם שלעכטען סוף וואס האט זיך אויסגעלאזען פון יענע יונגע קינדער וועלכע האבען א העזה געהאט, איבער זייער נארישער ליעבע, דעם רבינ'ס רצון אונ ברכה דערווידער צו זיין... איך בין אפשר זינדיג פאר גאט חושד צו זיין מיין מהייער פאלק אין אזא זאך וואס יודען זענען דערצו ניט פאהיג, אבער מיר, משה'לע, ווערטו נור אנגסט אונ זארג מיטברענגען, ווען דו וועסט קומען איידער איך וועל דיך רופען!... זיי זיבער, ווען די נויטה וועט גרויס זיין אונ איך וועל איינזעהן אז מיין איינענער כח איז צו שוואך מיין ווילען צו בעהויפטען וועל איך דיך רופען אונ דוא וועסט נאך יעדענפאלס צייט האבען דיין רחל'ען צו רעטען, זי זאל דייניגע זיין. דייניגע, משה'לע, פאר גאט אונ פאר דער וועלט!... לערן אונגעשטערט. נור איצט ווייס איך אונ פערשטעה איך וואס דו לערנסט אונ ווי נויטהיג דיין לערנען איז א פרומער אכתר יוד צו זיין. אין רבינ'ס הויף האב איך פיעל געלערנט, אונ איך ווייס איצט אז פון טויזענד מענשען איז נור קוים איינער דא, וואס גלויבט ניט, אז שווארץ איז ווייס אונ פון אזוי פיעל יודען איז אפשר אויך מעהר ווי איינער ניטא, וואס איז באמת ווערט מיט דעם אמת'ן נאמען „יוד“ אנגערופען צו ווערן... איך ווייס ניט צו איז די וועלט

נאך אזוי פינסטער, אדער צו זענען דא אין דער וועלט מעהר בלינדע אלס זעהענדע? נור מיר איז מער קיין וואונדער ניט פאר וואס זיך אנאנצע שטאדא שעפּשען טרייבען פון איין קליינעם פאסטוכ'ל אונ פאר וואס גלויבען טויזענדער יודען אין נאך א יודען, וועלכער איז אייגענטליך ניט בעסער, ניט קליגער אונ ניט פרימער פאר זיי!....

אזוי האט רחל'ע זיך רוהיג געפיהלט אונ זיך ווייניג בעקימערט מיט אלץ וואס טהוט זיך ארום איהר.

נור דער געדאנק האט זיא געפייניגט, וואס די מוטער פערקויפט דאס הויז אונ וואס זי וועט באלד חופּה האבען, ארויספאהרן פון דאנען אונ נעהמען די קינדער מיט זיך. "ווי וועל איך מיך מיט זיי צושיידען? פלעגט זי זיך פרעגען, ווי וועלן די אלענדע קינדער קאנען לעבען אהן מיר אונ וואס וועט פון זיי ווערן?" דיזע פראגען זענען איהר איין מינוט פון זינען ניט ארויס; זיא האט זיך אבער געשטארקט אונ ביסלעכווייז אנגעהויבען די קינדער אבגעוואהנען פון זיך. זי האט אויפגעהערט זייא אנטהון אונ אויסטהון, ווי זי איז געוואהנט געוועזען. זי פלעגט אויך אויסמיידען מיט זיי אליין ניט צו בלייבען אונ פלעגט אוועג געהן ערגעץ, בעת די קינדער פלעגען פון חדר קומען; נור ביי נאכט ווען די קינדער פלעגען שוין שלאפען, פלעגט עס זי פון איהר בעט ארויסציהען אונ זי פלעגט שטיל ווי א גנב אין זאקען, אין קינדער צימער אריינגעהן, זיי אנקושען שלאפענדיגע, זיך אויסוויינען אונ צוריק מיט א בעקלעמטען הערצען אויף איהר בעט זיך אוועקלעגען. אז די קינדער פלעגען זי אמאל טרעפען, זיך צוצעפען צו איהר אונ וועלן וואס דערצאהלען פאר איהר, פלעגט זי זיך אגעוואלדרים טהון אונ זיך ארויסרייסען פון זיי; אדער זיי אוועקטרייבען פון זיך אונ אין איהר האט דאס הערץ געבלוטעט זעהענדיג ווי די אונשולדיגע קינדער ווערן בעקלעמט אונ פערשטעהן ניט פאר וואס איז זי צו זיי אזוי קאלט געווארן. אזוי זענען עטליכע שווערע פינסטערע טאג אריבער; נור דא האט זיך געמאכט, דאס קליין שוועסטערל איז ניט געזונד געווארן אונ זי האט ביי אזא געלעגענהייט ניט געקאנט מעהר פון ווייטען זיין. זי איז דריי טאג אונ דריי נאכט אין קינדס צימער געבען זיין בעטעלע געזעסען. נור פון איהר האנד האט דאס קראנק קינד דיא רפואה גענומען. אין דער צייט האבען אויך די ברידערלעך געקאנט זיך צוטולען צו איהר אונ זי האט איינגעזעהן אז איהר טרחה זיי פון זיך אבצוגעוואהנען איז אומזיסט.

איינמאל האט דאס עלטערע ברודערל זיך צוגעטולעט צו רחל'ען, גענומען קושען איהר האנד אונ פון זיינע אויגען האבען זיך טהרערן געגאסען.

— וואס וויינסטו? האט רחל'ע געפרעגט.

— האב אונז ניט פיינדט, רחל'ע! האט דאס קינד אויסגעכליפעט, די מאמע זאגט דו האסט אונז אלעמען פיינד אונ ווילסט ניט וויסען פון אונז...

רחל'ען זענען טהרערן אין די אויגען אנגעלאפען אונ האט ניט געוואוסט דעם קינד וואס צו אנטווערן.

— וויין ניט, רחל'ע, האט דאס קינד געבעטען, איך וועל שוין אויך ניט וויינען, קיינמאל ניט וויינען, רחל'ע; נור האב מיך ניט פיינדט, טרייב מיך ניט אוועק פון דיר! איך האב דיך אזוי ליעב רחל'ע, אזוי ליעב, אפילו מיין חלק לעולם הבא וואלט

איך דיר אוועקשענקען!... מיר וועלן דיך פאלגען, רחלע, און טהון אלץ וואס דו הייסט אונז. אפילו מירעלע וועט אויך ניט וויינען אז דו וועסט זאגען אז דו האסט אונז ניט פיינדט.

— איהר וועט מיר אלע פאלגען? האט זי געפרעגט.

אלע, אלע! האבען דיא קינדער אויסגעשריען.

— האט מיך פיינדט, קינדערלעך, עלענדע! האט מיך פיינדט, איך בין ניט חערטה איהר זאלט מיך ליעב האבען!....

— ניין רחלע, האט דאס ברודערל זיך אבגערופען, אלץ וועל איך דיר פאלגען, נור פיינד האבען דיך קאן איך ניט, ווי איך בין א יוד, איך קאן ניט, רחלע! אז דו רעדסט ניט מיט מיר טהוט מיר אין הארצען אזוי וועה, און אז איך קום אין חדר און הייב אן לערנען, ווין איך תאטש איך וויל ניט וויינען. דער רבי שלאגט מיך און די מאמע זאגט: דו האסט אונז אלעמען פיינדט!..

— ניין, מאמעלע, האט זי אויסגערעדט מיט א שמערצליכע שטימע, איך האב אייך ליעב, ווי מיין לעבען ליעב! ווער קאן אייך, מיינע ברידערלעך, פיינד האבען? נור אבגעוואהנען אייך פון מיר וויל איך, אט באלד וועט איהר מיט דער מאמען אוועקפאהרן צו אונזער נייען מאמען, איך וועל דא בלייבען, איך וויל, קינדערלעך איך בעצייטענס אויסלערנען ניט באנגען נאך מיר.

— ניין רחלע, האט דאס קינד מיט א נייע געוויין געאנטווערט, מיר וועלן דא מיט דיר בלייבען! אי, לאז אונז ניט פאהרן צום נייען מאמען, דער רבי זאגט: ער איז א באזער און וועט אונז שלאגען און שמייסען אלע טאג!....

די קלענערע קינדער האבען אויך אנגעהויבען וויינען, רחלע זעלבסט האט זיך פון וויינען ניט געקאנט צוריק האלטען, זי האט די קינדערשע קאפעלעך צו איהר ברוסט צוגעדריקט, זיי געקושט און וויינענדיג צוגעזאגט, זיי ניט צו לאזען לאנג ביי דעם נייען מאמען. אויף מארגען פריה האט זיא שוין זיי ווידער אליין אנגעטהון ווי אמאל, זיי טהיי געגעבען און אין בית המדרש קדיש זאגען אוועקגעשיקט. אז די קינדער זענען נאך דעם דאוונען אהיים געקומען האבען זיי רחלען געזאגט, אז דער פעטער ר׳ שלמה האט זי געבעטען זי זאל ניט אוועק געהן, ער וועט דא באלד זיין און וויל מיט איהר רעדען.

דאס איז ביי איהר א נייעס געוועזן. זייט זי איז מיט איהם צוריק פון וויגאנראדקע געקומען האט ער מיט איהר ניט גערעדט, האטש ער פלעגט דא אויך אין דער צייט אזוי אפט ווי פריהער זיין. עס האט זי ניט פערדראסען וואס ער רעדט מיט איהר ניט, אבער דאס הערץ האט איהר שטאנדיג וועה געטהון קוקענדיג אויף איהם, ער איז פון יענער צייט, מיט צעהן יאהר עלטער געווארן. זי האט געוואוסט, אז ער האט חרטה וואס ער האט זיך מיט א שבועה ארויסגעהאפט: זי אויף זיין שוועל ניט ארויפצולאזען ביז נאך איהר חופה מיט ר׳ העניך׳ס זוהן, און אויסער זיין איינגע חרטה, האט ער נאך אויסצושטעהן פון זיין דבורה׳ן, איהר קלוגע מוהמען, וועלכע ווייגט און קלאגט וואס ער האט איהר ליעבע פלעמעניצע פערטריבען פון איהר שטוב. זי האט אויך דאס געוואוסט, אז צו אלע זיינע עגמת נפש, איז איהם איצט צוגעקומען א נייער צער, וואס איהר מוטער האט אנגעהויבען ערגסט צו רעדען און צו טהון וועגען פער-

קויפען דאס הויז. זי האט געוואוסט ווי עלענד ער וועט דא בלייבען אויף דער עלטער. דאריבער האט זי אליין אויך געזוכט א געלעגענהייט מיט איהם זיך דורכרעדען און האט איהם איצט מיט אונגעדולד ערווארטעט. אין א האלב שעה ארום איז ער געקומען. רחל'ע האט זיך ערשראקען, אז זי האט איהם דערזעהן, אזוי איינגעחושב'ט קראנק איז זיין פנים געוועזן.

— וואס איז אייך, פעטער? האט זי געפרעגט איהם ענטגעגענגעהענדיג.

— דו ביזט פארט מיין גוט קינד! האט ער געאנטווערט מיט א צארטליכער שטימע, אין דיר איז נאך פארט דא מיין ליעבען ברודערס גוט הארץ, דו האסט רחמנות אויף מיר, ניט אמת, דו ווילסט ניט איך זאל שטארבען אהן א צייט!

— פעטער, שטארבען אהן א צייט ווינש איך אפילו א שונא ניט! האט זי זיך אבגערופען, „קיין שונא זענט איהר מיר געווים ניט. איך האב אין אייער אמת'ע טרייהייט צו מיר אלע מאל געגלויבט און אויך איצט בין איך איבערציינגט, אז איהר מיינט נור מיין גליק; איך בעט נור גאט, ער זאל אייך די אויגען אפענען, איהר זאלט פערשטעהן אז ניט דאס גליק, וואס איהר ווינשט מיר איז פאר מיר א גליק.

— רעד ניט דערפון, האט ער געבעטען, איך וועל שוין שטארבען אזא נארר ווי איך בין, האר מיך בעסער אויס! דו ווילסט דאך ניט, איך זאל שטארבען זאגסטו. הער=זשע וואס מען רעדט צו דיר: זיי וויסען אז די מאמע דיינע פערקויפט גאר אין גיכען דאס הויז מיט בכל של הכל. מיר איז דער עגמת פון דעם אזוי גרוים, אז מיר איז ליעבער דער טויט איידער דאס צו דערלעבען. וועמען האב איך דא? עלענד ווי א שטיין בלייב איך מיט מיין עלטער, איך בין צו דעם הויז וואו איך בין געבוירען געווארען אזוי צוגעוואהנט, צוגעוואקסען פשוט, אז ניט וועלענדיג אפילו מוז איך דא יעדען טאג זיין... וואס ליעבע טאכטער, וועל איך טהון אז דאס וועט אבקויפען דער פריץ וועלכער דינגט זיך איצט מיט דיין מאמען?

— וואס=זשע קאן איך דערצו העלפען? האט זי געפרעגט, מיר אליין איז אויך שווער זיך צו שיידען מיט דער שטוב וואו איך בין געבוירן און האב ביז הייגט געלעבט; נור ביי מיר פרעגט מען ניט... זעלבסט ווען איהר האט מיך פערקויפט האט איהר מיך ניט געפרעגט און אפילו ניט געהערט מיין וויינען און מיין שרייען, אז איך וויל ניט פערקויפט זיין, וואס=זשע ווילט איהר איצט פון מיר? וואס קאן איך טהון?

— דו זאלסט נור וועלן, מיין קינד, קאנסטו מיט איין ווארט מאכען, אז דאס הויז זאל דיינע בלייבען אויף אייביג. ברעך נור דיין יצר הרע און זאג, אז דו ווילינגסט איין חתונה צו האבען מיט דיין אמת'ן בעשערטען, מיט ר' העניך'ס זוהן!

— ניין, פעטער! האט זי אויסגעשריען אנגעצונדען פון כעס, ווי ער וואלט זי מיט זיינע רייד אם שמערצליכסטען אנגעגריפען, טהוט וואס איהר ווילט, פערקויפט אייך דאס הויז, פאהרט אייך צום רבין, אלץ וואס איהר קאנט טהוט, נור לאזט מיך צורוה! איך האב רחמנות אויף אייך, מיר איז טהייער גענוג מיין פאטערס הויז, נור איך זאל מיין גליק אפפערן פאר די טויטע ציגעל און האלץ פון דעם הויז, קאנט איהר פון מיר ניט פערלאנגען!

— פאר וואס עפיס פאר די טוידטע ציגעל און האלץ? האט ער געפרעגט, פאר

די לעבעדיגע יתומימלעך. רחלע!... פאר די אויסגעליטערטע נשמות פון דיין קליינע זיידען און ליעבען פאטער, וועלכע קומען נאך אמאל אין זייער נחלה וואס זייערע האנד האבען מיט מיה און עהרליכקייט געבויט און געפלאנצט!... זיי טהו צוליעב, אויף דיינע עלענדע ברידערלעך און שוועסטערל האב רחמנות, זיי זאלען זיך ביי דיר, אונטער זייער מאטערנם דאך אויסהאדיווען און ניט מוזען שטאנדיג זיין ביי זייער שטיפמאטען!... איך מוז דיר זאגען דעם אמת, דאס הארץ מיינס זאגט מיר, אז ר׳ פנחסל, וועט קיין געטרייער פאטער פאר זיי זיין, דיין מאמע האט זיך מעהר אין זינען ווי אייך אלעמען, איצט זעה איך עס ערשט. א, רחלע, טהו דיין טהייערן פאטער צו ליעב, ער זאל אין זיין קבר ניט דארפען וויינען אויף דאס עלענד פון זיינע יונג פערלאזענע יתומימלעך, טהו עס מיר צוליעב און ברעך דיין הארץ!... אמת, דו ליעבסט משהלען, אבער דו זעהסט דאך אז גאט וויל ניט. שווער מיר אז דו וועסט דערנאך ניט חרטה האבען. שרייב איך באלד א בריוועל צו דיין מחותן אין דיין נאמען, אז דו זאגסט איהם: עס קאן פריהער קיין חתונה ניט זיין ביז ער וועט ביי דיין מאמען דאס הויז מיט אלץ אבקויפען פאר דיר. מאכי אויף דיין אייגענעם נאמען, אנדערש ווילסטו ניט און אויב ער וועט ניט איינוויליגען איז א סימן אז עס איז ניט בעשערט דער שידוך; נור ער וועט איינוויליגען. וועסטו זעהן ער וועט א וואָרט ניט איבערעדען און דאס הויז וועט דיר בלייבען, דיינע ברידערלעך און שוועסטערל וועלן זייער היים ניט פערלירען, וועסטו וועלן וועסטו דא וואהנען מיט דיין בעשערטען, און פאר וואס מאכי ניט? די קינדער וועלן אויך דא בלייבען. רחלע, גאט ברוך הוא אליין האט מיר די עצה צוגעשיקט, די עצה איז פאר דיר א נסיון, זיי א פרומע יודישע טאכטער און דערמאן דעם נסיון וואס אברהם אבינו איז בייגעשטאנען, ער האט געוויס זיין טהייערן בן יחיד אזוי ליעב געהאט ווי דו האסט משהלען ליעב, פונדעסטוועגען האט ער איהם אליין צום מזבח געפיהרט. זיי דו אויך מקריב היינט דיין יונגע אהבה און מיט גאנצעם ווילען מיט אמונה! דערמאן דיין פאטער, דיין זיידען און, זיי צו לענגער יאהר — זייערע עלענדע יתומימלעך... אין דיין האנד איז זייער גורל. שטארק דיך, שטארק דיך, מיין ליעב קינד און שווער מיר אז דו וועסט מיט דעם פלאן צופרידען זיין!

— פעטער, האט רחלע מיט א העפטיג וויינען אויסגעשריען און איהם אויפן האלז געפאלען, האט ניט אברהם אבינו פריהער געבונדען זיין איינציג קינד איידער ער האט זיין האנד צום מעסער אויסגעשטרעקט? א, טהוט מיט מיר אויך דעם חסד און בינדט מיך פריהער, נעהמט צו מיין שכל פון מיר, רייסט אויס מיין הערץ פון מיין ברוסט און איך וועל אלעס טהון וואס איהר פערלאנגט!... איך קאן זיך אליין אין שטיקער ניט צו רייסען! האט רחמנות פעטער, רעדט מעהר ניט מיט מיר, דאס עלענד פון די קינדער פילט שוין אזוי אויך גענוג מיין הערץ אויס, ניט שיט מיר זאלץ אויף מיינע וואונדען וועלכע איך קאן ניט היילען!...

— ניין, איך וועל ניט אוועקגעהן ביז די וועסט מיר שווערן, אז דו האסט דיין הארץ געבראכען! האט ער מיט הערץ געזאגט. שוואר, ליעב קינד! דו וועסט אליין זעהן אז באלד וועט דיר א שטיין אראפ פון הארצען און דיינע אויגען וועלן אייגזעהן.

אז נור א שטן, א.י.' הרע האט דיך צו דיין גליק ניט צוגעלאזען.

— שווארן הייסט איהר מיך! האט זי איבערגעזאגט, וועט ניט אזא שבועה א שאנדע זיין פאר גאט. וועלכער האט געהערט ווי איך האב מיין ליעבען שוועסטער קינד געשוואוירען זיינע צו זיין ווי לאנג איך וועל לעבען? ניין פעטער. מיר זענען ליעבער אלע פיין און אנגסט אלס דער שבועה פאלש צו זיין!

— איך בין דיר ערב, אז משה'לע וועט דיר מוחל זיין! האט ר' שלמה פערזיכערט; ער האט מעהר שכל פאר דיר, ער האט געלערנט און ווייס אז אזא אהבה איז כופה בטלה, אז באלד ווערטו איהם פיינד האבען... ער האט אויך א בעסער הארץ פאר דיר און צוליעב די יתומים זיי זאלען ניט פערוואגעלט ווערן ביי א שטיפמאטען, וועט ער זיך אליין אבזאגען פון דיר; נור א שלעכטע, א זינדיגע ביזטו אז דו ווילסט דעם קליינעם קרבן ניט ברענגען.

— א, פייניגט מיך ניט, פעטער! האט רחמנות און רעדט ניט מעהר! מיין הערץ ווערט אין שטיקער צוריסען. האט זי אויסגעשריען און איז ווי א פערשטיינערטע ליגען געבליבען אין דער קרעסלא אויף וועלכער זיא איז דא פאר איהם געזעסען. נור ער האט זיך ניט אומגעקוקט און איהר שרעקליכע בילדער פארגעשטעלט; וואס עס וועט זיך אויסלאזען פון איהר, פון די קליינע יתומים און פון דער גאנצער פאמיליע, אויב זי וועט איצט ניט גובר זיין דעם יצר הרע און איינוויליגען ר' הענעך'ס שנור צו זיין און א בעלהבית'טע צו בלייבען אויף די נחלה פון איהרע עלטערן. ער האט מיט הערץ גערעדט און זיינע הייסע טהרערן זענען אויף איהרע קאלטע הענדט געפאלען, זי האט ניט געקאנט ענטווערן, איהר הערץ האט פון שרעקליכע שמערצען געקראמפט און זי האט נור פון וויטיג געחליפעט. חייע'לע איז אריינגעקומען און האט זי מיט וועהר א צארטליכקייט צוגענומען פון איהם. רחל'ע האט נאך דעם טאג א וואך א גאנצע צוגעקראנקט.

אין דער צייט אבער האט ר' שלמה — גלויבענדיג, אז זיינע תחנונים און ערענסטע רייד האבען געווירקט — אבריף אוועקגעשיקט צו ר' הענעך'ן וועגען אבקויפען דאס הויז אויף זיין כלה'ס נאמען. חייע'לע האט איהם מוטה צוגעגעבען און האט געשווארן, אז זי וועט מעהר צו איהר קינד קיין טענות ניט האבען אויב ר' הענעך וועט זיך אבזאגען פון דער קניה און ביידע האבען ווי אויף משיח'ן געווארט אויף ר' הענעך'ס תשובה.

— זעהט זשע, שוואגער, האט חייע'לע ר' שלמה'ן אין די טאג געזאגט, איך טהו אלץ יוצא צו זיין פאר גאט און פאר אייך, איך האב דעם פריץ היינט אבגעזאגט אז איך פערקויף שוין דאס הויז אין גאנצען ניט. וואס אבער וועט איהר דערנאך זאגען, אז דער מחותן וועט שוין איינוויליגען און דיא כלה וועט נאך אלץ בלייבען ביי איהר טרוף?

— זאל די שעה גאר ניט קומען! האט ער געענטווערט. דאמאלס וועט זיין אסור לרחם! איך אליין וועל זי האטש מיט געוואלד אונטער דער חופה פיהרן, דאמאלס וועל איך וויסען, אז א שטן, א כשוף רחמנא לצלן איז אויף איהר, אונז אלעמען אין דער ערד אהן א צייט אריינצולעגען. דאמאלס וועל איך וויסען, אז א מצוה טהו איך וואס איך

װעל זיין אַ אַבֵר אויף איהרע טרערען... איצט קאן איך ניט. האָרסטו, חיעלע, איצט װיינט דאָס האַרץ אין מיר מעהר פאַר איהר. מיט צעהן נסיונות איז אברהם אבינו געפּרובט געװאָרען; מיר זינדיגע מוזען מיט הונדערט נסיונות געפּרובט און געלייטערט װערען ביז מיר קומען צום אמת'ן שכל דעם אויבערשטענס רצון צו טהון.

נאָך די רעד זענען אריבער נאָך אַ פּאָר טאָג און פון ר' הענידל'ן איז אַ בריף אָנגעקומען אַז תיכף נאָך תשעה באָב װעט ער אַליין זיין אין קלייניץ און ער װעט מסתמא ברענגען צו אַ טאַלק די קניית אויך. ער האָט געבעטען: איהם למען השם מודיע זיין בפּאָסט התוזר, צו ראַטהען זיי איהם מיטנעהמען דעם חתן און דאָס װייב ציגם, מען זאָל מאַכי צו שבת נחמו אָבשפּילען די חתונה מיט מזל?

חיעלע האָט זיך מיישב געװעזן מיט ר' שלמה'ן אַ גאַנצע שעה און מען האָט ר' הענידל'ן געאַנטװאָרט: ער מאַג קומען ניט נור מיט דעם חתן אפילו מיט אַלע קרובים און גוטע פריינד, מען איז צו דער חתונה צוגעגרייט און די איינציגע מניעה איז: די כלה װיל, אַז נאָך פאַר דער חתונה זאָל זי זיכער זיין אַז איהר פאָטערס הויז זאָל בלייבען ביי איהר אויף איהר נאָמען דווקא.

ח.

אַשװערע, אַ פינסטערע צייט האָט שמעון מלמד איבער געלעבט אין די דריי װאָכען פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באָב. די טאָכטערס חתונה האָט זיין גאַנצען אָנפּערדינטען קאַפּיטאַל אויסגעשעפּט און ער איז נאָך אין קלייניצער קראָמען אַ בעל חוב, און דאָ ציהען זיך לאַנגע פינסטערע דריי װאָכען אין װעלכע מען קאן קיין שדוך ניט אויספיהרען, קיין חתונה ניט שפּילען און אַ קאָפּעקע מן הצד ניט פערדינען. ער האָט זיך פון דעסטװעגען געטרייסט: אַט באַלד װעלן קומען די מילכיגע ניין טאָג, און ציפּע װעט מסתמא מאַכען מילכיגע קרעפּלעך און בלינצעס געפּרעגעלט אין פּוטער, אַ מחיה נפשות. אַזעלכע װי ער האָט זוכה געװעזן צו זעהן אַמאָל ביי די גבירים אין „ניין טאָג". מען האָט געבענשט ראש חדש מנחם אָב, די ניין טאָג האָבען זיך שוין אָנגעהויבען, אָבער די קרעפּלעך זעהן זיך נאָך ניט. װי אויף להכעיס איז די ציג תולה געװאָרען און האָט דאָס ביסעל מילך אויפגעהערט צו געבען. אַז דאָס װייב האָט איהם דעם ערשטען „ניין טאָגיגען" װאָרימעס דערלאַנגט אַ פאַרװע, דאָס הייסט: ניט פליישיג, ניט מילכיג, איז שמעון שרעקליך אין כעס געװאָרען און האָט אַ געשריי געטהון: װאָס איז דאָס פאַר אַ מין געריכט? איך קאן אַזוינס ניט עסען!

— זעה נור דעם גרויסען גראָף, האָט דאָס װייב זיך אָבגערופען, דער אַנדערער װאָלט באמת מיינען: ער איז פון זיין געבוירן טאָג אויף מילך און פּוטער געהאָדיװעט געװאָרען, ער דערקענט שוין גאָר דעם אָרעמען מיטאָג ניט!... פע, שאָמען מאָנסטו דיך אין דיין װייטען האַלז אריין, װי פערגעסט מען דאָס אַזוי גיך? קיין פּאַדריאַד האָט דער רבונו של עולם זיך ניט אָנגענומען דיר צו צו שטעלן, װי לאַנג דאָס ציגעלע האָט דאָס ביסעל מילך געגעבען האָב איך דיר ניט געזשאַליעװעט, איך האָב זיך ניט פערגונען; אָבער דיר מיט די קינדער האָט, דאַנקען גאָט, ניט געפעהלט; איצט אַז זי איז תולה

און ניט מעהר קיין מילך ניט. וואו זאל איך דיר נעהמען? דאנק גאט פאר קרופניק און פאר ברויט וואס אונז פעהלט ניט!

— איך וועל געהן צו זלאטקען! האט שמעון א עצה געגעבען, איך דארף איהר נור דערצאהלען אז אונזער ציעג זאל געזונד זיין, גיט קיין מילך ניט. וועט זי שוין אריינשיקען, זיא האט ברוך השם גענוג, וואס ביי איהר בלייבט איבער וועט אונז גענוג זיין!

— זאל דיר אסור זיין, הארסטו שמעון, וואס איך זאג דיר?! איך וויל ניט דו זאלסט גאר א דרך וויזען אז דו פערלאנגסט עפיס פון איהר! זי איז א מאמע געווארן אויף שטיפקינדער, זאל די באזע שעה ורגע ניט זיין, אז זיי וועלן דערזעהן אז זי גיט דיר נור איין גלאזעל מילך, וועלן זיי אויסטראכטען אז זי גיט דיר איבער איהר מאגס האב און גוטס. א מאנספערשוין איז טאקי א בהמה, ניט צוגעקומען זאל עס ווערן! ווי קומסטו צו וויסען ווי א אשה מאכט זיך א גוטע מערכה פאר איהר מאן? זאל זי עסען און טרינקען און לעבען אין כל טוב. ביזטו א געטרייער פאטער, דארף דיר א הנאה טהון פון ווייטען. נישקשה, מיר האבען אבגעלעבט, ברוך השם, מעהר וויא א העלפט יאהרען און גאט האט אונז געשפייזט, ער וועט אונז ווייטער מסתמא אויך שפייזען אהן מיין קינד! און אז עס פעהלט אמאל אויף דאס און יענס, טא איז וואס? בעסער פון זיין האנד א ביטערע בלאט איידער פון מענשענס האנד א זיסע!... ווער איז מיר ניט, א נארישע טויב האט דאס יוא געוואוסט און א איד א למדן ווייס עס ניט און וויל געניסען פון קינדער!

שימעלע האט אויסגעהערט זיין ווייבס מוסר און ניט געהאט וואס צו אנטווערן. מיט כעס האט ער דעם ארעמען קרופניק אויסגעזופט און מיט א שווערן זיפץ האט ער געבענטשט. ער האט איינגעזעהן, אז נאך אלע גליקען איז ער דער איינגער קבצן ווי געוועזען, און האט ר' פנחסלען א בריוועל אויפגעשריבען און איהם מגלה געוועזען זיין צער, וואס זיין ציעג איז געביך הולה. ער האט געבעטען, אז דער רבי זאל לעבען זאל זי און איהם אין זינען האבען און חאטש א קרעכץ טהון, זי זאל טאקי געזונד ווערן און איהם זאל ווייטער דאס ביסעל מילך ניט פעהלן. נור ביז פון רבי'ן איז דיא ישועה געקומען האט ער געחושבט דריי טאג און איז אין כעס געוועזען אויף טיטוס הרשע וואס האט דעם בית המקדש פערברענט און האט אזעלכע פינסטערע ניין טאג געלאזען אבצוקומען אין זיא מיט אבגעקאכטע קארטאפלעס אין א פאלען טאפ גרויפען מיט וואסער.

טיטוס הרשע, ימח שמו, פלעגט ער זאגען, איז טאקי געוועזען א גרויסער צורר, קיין תקומה זאל ער ניט האבען! איהם איז נאך וועניג געוועזען וואס ער האט דאס הייליג שטאדט ירושלים חרוב ומוחרב געמאכט האט ער נאך דעם בית המקדש פערברענט און געלאזען א בכיה לדורות. לא די וואס ער האט מיר מקפח פרנסה געוועזען און אין די גאנצע דריי וואכען האב איך איין שדוך ניט אויסגעפיהרט, האט ער נאך אנגעמאכט ניין מרה שחורה טאג און איך דארף אבקומען מיט קרופניק פאראנוען און דיא נשמה געהט מיר פשוט אויס פון פערשמאכטקייט! פאר איהם איז וועניג בנאמנות, דער פסק, וואס די גמרא האט איהם ארויסגעגעבען: וואס מען פערברענט איהם אלע טאג און מען צושפרייט זיין אש אויף שבעה ימים. איך וואלט

איהם א בעסטערפסק געגעבען: ער זאל טאקי לעבען און זיין א מלמד און א שדכן, אקבצן כל ימיו; אללע טאג פון א גאנצין יאהר זאללען ביי איהם נור ניין טאג זיין, ער זאל האבען א איינענע ציעג און זי זאל חולה זיין און קיין רבי און קיין טאטער זאל זי ניט העלפען. אט וועלן איהם זיינע כחות ביסלעכווייז אויסגעהען פון די וואסערדיגע קרופניקעס און ער וועט קיין כח האבען די פיס זיינע צו שלעפען פונקט ווי איך איצט.

פונדעסטוועגען פלעגט ער בשתיקה, דאס ווייב זיינס זאל ניט וויסען, זיך אמאל אריינכאפען צו זיין טאכטער און אבעסען א מילכיגען ווארימעס מיט קרעפלעך, אדער אזוי א רינגעלע קאשע מיט אסך מילך און האט זיין כעס אויף טיטוס הרשע אויסגעלאזען נור אין דערהיים אויף זיין ווייב. אויך ביי חייעלען איז ער אין די ניין טאג אפטער נאכט געוועזען און דא האט ער זיין מאגען גאר ניט קיילע געמאכט. חייעלע האט מיט איילעניש צוגעגרייט צו דער חתונה און דיא קיך האט געקאכט און געפרעגלט פון כל טוב. שמעלע האט אזעלכע זאטע ניין טאג אין זיין לעבען ניט געהאט. אויך זיין אויג איז זאט געוועזען און דאס הערץ איז פאל געווארן צו זעהן ווי מען ריכט זיך אויף דער חתונה, וואו ער וועט געוויס זיין א מחותן און נאך דער חתונה וועט מסתמא ר' הענעך זיין הבטחה מקיים זיין און איהם אריינשיקען א טהייערע קוה. „א כלל, איך לעג צו די ניין טאג גאר ניט צו!" האט ער צו זיך גערעדט. דעם רבינ'ס זאל לעבען ברכה איז א ברכה אפילו אין ניין טאג אויך!"

רחלע פון איהר זייט האט א מאל דער מוטער אפען און קורץ געזאגט: "אומזיסט, מאמע, גרייטסטו צו צו דער חתונה, מען וועט מיך איבערגעוואלד צו דער חופה ניט פיהרן!". דארויף האט חייעלע געענטווערט: „איך בין מחויב צו טהון דאס מייניגע. איבריגענס וועלן מיר זעהן: צו וועט גאט דעם לעבעדיגענס רצון אויסגעפיהרט ווערן, אדער דער ווילען פון דיין טרוף וואס זיצט אין דיר...."

תשעה באב נאך קינות האט איהר פייגע צו ליעב געטהון און איז מיט איהר טהייער רחלען אויפן בית עולם געגאנגען זיך אויסוויינען. געגען זיידענס קבר, רעכטס איז דער קבר געוועזען פון משהלעס פאטער, ליבקס — איז נאך א ליידיגער פלאטץ געבליבען. דעם פלאטץ האט ר' לייזער באלד נאך זיין פאטערס טוידט ביי א חברה קדישא אבגעקויפט פאר זיך. רחלען איז גענוג געוועזען א קוק צו טהון אויף דאס לעדיג געבליבען שטיקעל ערד זי זאל יענעם עלענדען קבר דערמאנען וואו איהר ליעבער פאטער רוהט איצט ווייט פון איהר. דאס הערץ איז איהר אזוי פערקלעמט געווארן אז זי האט א ווארט ניט געקאנט אויסרעדען. זי האט נור צוגעשפארט איהר צארטען שטערן צו דער מצבה און איהרע טהרערן האבען שטיל און שטום ווי פון א קוואל זיך געגאסען. פייגע האט ווי פון א מענה לשון אויף א הייזעריגען קול געטענהט. ר' אברהם, גוטער בעל הבית! האט זי אנגעהויבען, האט ניט פאראיבעל, וואס אייער דינסט פייגע קלאפט אן אויף אייער קבר. איך אייער הייליגע רוה היינט צו שטערן, ניט פאר זיך בעט די דינסט אייערע, נור פאר די ליעבע ענקלעך אייערע, וועלכע איהר האט אויף איהרע הענדט נאך ניט דערהאדעוועטע געלאזען. זעהט צו היינט פון אייער הייליגער רוה דאס עלענד פון די יונגע יתומים'לעך, וועלכע האבען אהן א צייט זייער גוטען פאטער פערלארן. די עלענדע פייגעלעך געביך, וואס א שטורם ווינד האט זייער

מעהר האט זיא א ווארט ניט געקאנט אויסרעדען אונ אנגעשפארט איהר צארטען שטערן צו איהר זיידענס קאלטען מצבה שטיין, איז זיא שטום אונ פערקלעמט געשטאנען, נור די טהרערן האבען געגאסען אונ אנגעטרענקט דיא בלימעלעך וועלכע וואקסען אויף דעם ליעבען קבר. פייגע אבער האט ניט געשוויגען, זיא האט א גאנצען מענה לשון אויסוועניג אויסגעטענה'ט, זיא האט דעם זיידען, דא פון זיין רוה געוועקט אונ צום פאטער פון וייטען גערופען: ער זאל אויך צואיילען אונ פאר זיין גוט קינד רחלען אונ פאר זיינע קליינע יתומים'לעך גאט בעטען.

— שטעה אויף מיין טאכטער, האט פייגע געבעטען, אז זי האט אבגעטענה'ט אונ דערזעהן ווי רחל'ע האלט נאך די מצבה פעסט ארומגענומען, גענוג, דיינע טהרערן האבען גענוג געטענה'ט פאר דיר, גאט פערשטעהט זיי. ער ווייס פון וועלכע אויגען אונ פון וואס פאר אריינעם צובראכענעם הערצען זיי קומען... גענוג, לאס מיר די טויטע אין זייער הייליגער רוהע לאזען, היינט איז ביי זיי יום טוב אונ עס איז גאר ניט רעכט פאר זיי אזוי פיעל צו וויינען היינט; נור דאס הארץ טהוט וועה אונ דער זינדיגער מענש קאן זיינע טהרערן ניט איינהאלטען ווען זיי גיסען זיך פון די פיין וואס ער טראגט אין זיך. אט האב איך אויך דעם זיידענס רוהע געשטארט אונ ער וועט אונז מוחל זיין!

— א, פייגע טהייערע, האט רחל'ע חליפענדיג קוים ארויס גערעדט, קוקט אייך צו אויף דאס שטיקעל פלאטץ, אט דאס האט דער געטרייער פאטער מיינער נאך אין זיין לעבען פאר זיך בעשטימט, געבען זיין טרייען פאטער צו קבר ישראל צו קומען, גאט האט איהם א אנדער ארט אנגעוויזען אונ וויית, וויית פון זיינע קינדער ליגט ער איצט! אויף יעדען קבר קומט א קינד, א קרוב אין היינטיגען טאג, נור זיין קבר איז עלענד, קיינער קומט ניט צו איהם, קיינער בעגיסט ניט דיא טרויעריגע בלימעלעך וואס וואקסען אויף זיין בערגעל מיט א הייסען טהרער!... רופט מיך ניט אהיים! דא איז מיין היים, מיין זיידע איז מיר ביז זיין לעצטען טאג טריי אונ גוט געוועזען... דארט, אין מיין טאטענס שטוב זענען מיר די וואנד צו ענג, מיין מוטערס הערץ איז קאלטער צו מיר אלס דיזער מצבה שטיין, אונ מיין פעטער העלפט צו, האטש ניט מיט זיין ווילען, מיר א יונגען קבר גראבען. א, ווען וועט זיך די גאלדענע טהיר דא פאר מיר אפענען! איך זאל שוין קיינמאל ניט דארפען פון דאנען צוריק געהן!

אהערצו וועלן מיר אלע קומען, האט פייגע ערקלערט. קוק זיך צו אויף די אלע לעבעדיגע וואס האבען זיך פערזאמעלט אונ געהן אום ג'זונדטע אונ פרישע אויף די קברים דא, עס וועט קומען א טאג אונ די וואס געהן נאך איצט אויבען וועלן אויך דא אונטען ליגען; אבער אלץ מוז א צייט, א שעה האבען! די טהויערן דא אפענען זיך נור פאר די געבעטענע גאסט... מען מוז געבעטען זיין, מען מוז זיך אויספוטצען פריהער אויף דעם גרויסען באל צו קומען... וועה צו יענעם וואס קומט א ניט גערופענער אונ איז ניט צוגעגרייט. וואויל אונ גוט איז אבער צו יענער נשמה וואס האט די גאנצע צייט פון לעבען געהאלטען אין צוגרייטען זיך, אין צירונג אנקויפען אונ אז מען רופט זי קאן זי געהן מיט שמחה! תשובה, מעשים טובים, זענען אונזערע צירונג, אונזערע פערל אונ בריליאנטען פון דער אמת'ר וועלט. קויף זיך, מיין טאכטער אט די טהייערע צירונג. גאט לאזט דיך לעבען, דו קאנסט נאך פיעל גוטס טהון,

פיעל מצוות און מעשים טובים דיר אנקלויבען, ביז הונדערט און צוואנציג יאהר וועסטו נאך דעם ארט ניט פערשפאטיגען, און דאמאלס וועלן דיינע מעשים טובים ווי גוטע מליצים דיר ענטגעגען קומען און פאר דיר א וואהרע מאכען דיך אין גן עדן צו זעטצען צווישען דיא היילינגע נשמות פון דיין טאטען און פון דיין זיידען, זייער זכות זאל דיר בייששטעהן ביז הונדערט און צוואנציג יאהר!...

ארויבגעהענדיג פון בית עולם, האבען זיי געזעהן ווי מען האט ערשט א פרישען בר-מנן געבראכט. דיא אלטע פייגע, וועלכע איז אין חברה קדישא איינגעשריבען געוועזען פאר א שמשטע האט זעלטען צייט און געלעגענהייט געהאט זיך מתעסק צו זיין ארום א טויטען. אז די שמשטעס האבען איהר געזאגט וועמען מען האט איצט געבראכט און האבען זי געבעטען בלייבען ביז נאך דער טהרה, האט זי איהרע שמערצען פערגעסען און איז געבליבען דא זיך מתעסק זיין. זי האט רחל'ען געבעטען אהיים געהן, אבער רחלע, וועלכע האט די געשטארבענע געקענט, האט געוואלט צוזעהן דעם גאנצען טרויעריגען פראצעס. און זי האט געזעהן ווי מען האט א יונג ווייבעל — וואס איז פון א קינפעט געשטארבען — מטהר געוועזען, אנגעטהון אין דיא ווייסע תכריכים, זי האט אויך געהערט וויא מען האט זי מחילה געבעטען פאר איהר מאן, פאר איהרע קינדער, פאר אלע קרובים און בעקאנטע, וויא מען האט איהר אבגעזאגט פון אלע חברות, אין וועלכע זי איז אין איהר לעבען פערשריבען געוועזען, און זי האט געזעהן ווי מען האט זי אין קבר אראבגעלאזען און איהר אנגעזאגט דריי מאל: זי זאל געדענקען און ניט פערגעסען אז זי איז געשטארבען... זי האט זי אין איהר פנים געזעהן שוין אין קבר ליגענדיג. דערנאך האט מען שארבליך אויף איהרע אויגען און מויל ארויפגעלעגט. איבער איהר א ברעט אריבערגעדעקט און דער שמש האט זיך מיט ביידע פיס אויפן ברעט אוועקגעשטעלט און האט געהייסען שיטען. מען האט עטליכע לאפעטעס ערד ארויפגעשאטען, דער שמש איז פון קבר ארויס און אין א פאר מינוט איז דער קבר פאל געווארען. אלע האבען די לאפעטעס אוועק געלעגט, זיך אבגעצויגען עטליכע טריט צוריק, און שטיל מיט שרעק עפיס געזאגט און אבגעווארט, ווי דארט אין קבר וואלט אין דער מינוט וואס איבערנאטירליכעס פאר-געגאנגען: מען האט ווידער געשאטען ביז דאס בערגעל איז פאל געווארען און א אלטער ייד, א פאטער פון דער געשטארבענער האט דעם ערשטען קדיש געזאגט. דאס אלץ האט רחלע צוגעזעהן און האט ניכער פערגעסען, אז זי לעבט אלס יענע האט געדענקט אז זי איז געשטארבען.

— קום, מיין טאכטער, א היים! האט פייגע זי אנגעהמענדיג פארן האנד געזאגט. איך פיהל מיך קראנק און שוואך. דיין פנים, מיין ליב קינד, איז אויך בלאס. קום, גענוג זיך דא אויסגעוויינט, גענוג זיך דא אנגעזעהן היינטיגען טאג!.... אהיים געהענדיג האט רחלע געזאגט:

— איך האב געזעהן פייגע, וואו דער הימעל מיט דער ערד בעגעגענען זיך. איך האב דעם סוף פון דער וועלט און דעם אנהייב פון יענער וועלט איצט געזעהן, טרויעריג און שרעקליך איז דער איבערגאנג!... אך און דעם איבערגאנג קאן קיינער ניט אויסמיידען, און אויך מיך וועט מען אזוי אין ענגען קבר אראפלאזען — שרעקליך

איז דאס לעבען, נאך שרעקליכער אבער איז דער טויט!...

— נאר ניט אזוי שרעקליך, ווי דו מיינסט! האט פייגע קראכצענדיג ערקלארט פאר אונזער לעבעדיג אויג איז דאס א ענגער קבר, א טיפע און אקאלטע גרוב; פאר דעם טויטען אבער, וואס קומט מיט א גיט בעפלעקטען גוף צהין ווערט עס ווי א פאלאסט ברייט און גערוים!... „אין ביטען ווען איז פייגען זעהר ניט גוט געוואָרן, איהר געזיכט האט זיך אין גאנצען פערענדערט. רחל'ע האט זי אונטער די האנדט קוים צוגעפיהרט ביז דער היים. „זיי רוהיג מיין טאכטער!" האט זי רחל'ען געבעטען, קיין באז! איך וועל געזונד זיין. א ביסעל האט מיך דער תענית צוגעדריקט. א ביסעל די היטץ און א ביסעל אט די פראהליכע חתונה, וואס איך בין נור וואס א מחותנת'טע געוועזען. איך וועל אויסרוהען וועל איך געזונד זיין!

רחל'ע האט נאך געענדיגט לייענען חורבן בית המקדש פון טייטש חומש. אז זי האט די אויגען פון ספר ארויסגענומען, האבען זיך טויזענדער טרויעריגע געדאנקען אין איהר קאפ געמישט. דיא גאנצע וועלט האט זיך איהר פארגעשטעלט ווי א פינסטערער וואלד, די מענשען זענען ווילדע אין איהם, אהן שכל און אהן רחמנות טהוט איינער דעם אנדערן שלעכטס, מען פערגיסט בלוט, מען גראבט קברים. דער וויינט און דער אנדערער פרעהט זיך און קיינער בעקימערט זיך ניט ווי דעם צווייטען איז

„און דאך ווילט זיך דעם נארישען מענשען לעבען אויף דער וועלט און דאס לעבען איז איהם טהייער! האט זי פאר זיך אויסגערעדט, ניין, ניט, טהייער איז דאס לעבען, אונזערע עלטערן האבען ביז זייער לעצטען טראפען בלוט געקאמפפט און זענען ווי גבורים אויף די מויערן פון אונזער היילינגער שטאדט געפאלען, ציון'ס איידעלע קינדער זעלבסט האבען זיך בעסער טויטען געלאזט איידער מיט שאנדע זיך פאנגען צו לאזען. אך, ווי וויינט מיין הערץ אין מיר איצט אויף יענע ליעבע קינדער וועלכע זענען אין די גאסען צוטרעטען געוואָרן אונטער די פיס פון די טיבאנישע שונאים און אונטער זייערע ווילדע פערד! זיי האבען פאר גאט, פאר אונזער אמונה און היילינג לאנד זיך געלאזט טויטען און צוטרעטען, און דארט וואו זיי זענען איצט ווערן זיי בעלאהנט. פאר וועמען אבער קאמפפע איך? נור פאר מיין „איך!" טרויעריג איז דאס, אבער פאר וואס בעסערעס זיך צו אפפערן האב איך ניט!

יא, עס איז גרינג א קרבן צו זיין פאר אמונה, פאר אמת, פאר א איינען לאנד און פאלק. שווער אבער איז פאר א קרבן צו פאלען צו ליעב א שקר, צו ליעב ערגעץ א ווילען פון פאלשע מענשען!...

און פונדעסטוועגען גערהט מיר יענם לעדיג שטיקעל ערד פון זינען ניט ארויס... וועט דארט א מאל ניט מיין ארט, מיין איביגע רוהע זיין? וויפיעל לעבט דען דער מענש אויף דער וועלט? מוזען אלע אלט ווערן? שטארבען אין דער וועלט וועניג יונגע? און אז מען לעבט נאך און נאך ווערט מען דען זאט מיט לעבען? א, איך בין מקנא יענע היילינגע טאכטער פון ציון, וועלכע זענען פאר זייער כבוד און לאנד שוין לאנג געשטארבען און נאך איצט וויינט מען נאך זיי — נאך מיר וועט נור טשה'לע אליין וויינען... אך, ווי וויל איך ניט שטארבען פריהער פאר איהם!

ט.

פיינגע האט אויף מארגען נאך תשעה באב ניט געקאנט מער פון בעט אראב, רחל'ע איז צו איהר באלד אין דער פריה אריינגעקומען פראגען: וואס מאכט זי. „מיר איז אלץ איינס, צו היינט צו מארגען! האט זי געאנטווערט. גלייכער מיט ווענינער יסורים שטארבען, איידער ליגען אסך און זיך אנמוטשען; אבער דו, מיין טאכטער, דארפסט מיך נאך, איך וויל דיר נאך דינגען אין דיין נויטה חאטש מיט מיינע לעצטע כחות. בעט גאט, ער זאל אויף מיינע פיס מיך האלטען ביז דו מיין קינד, וועסט דיר א טרייען פריינד, אדער חאטש א טרייע דינסט געפינען, וואס זאל פאר דיר דאס טהון, וואס איך וואלט זיך קיינמאל פון דיינעטוועגען ניט אבגעזאגט!

— גאט זאל נור מיין בעטען צוהערן! האט רחל'ע מיט טהרערן אויסגערעדט.

— ער וועט דיך צוהערן, בעט איהם נור! ניט פיעל יאהרן וויל איך, נור ביז די מהומה אין שטוב וועט אריבער, איך מיין: די חתונה, די מחותנים, וואס קומען היינט מארגען, ביז דו, מיין טאכטער, וועסט דעם אמת'ן וועג אין א גוטער שעה געפינען וואו זיך צו ווענדען, אהין אדער אהער!... זאג מיר, וואס קלערסטו? איך וויל אויף מיין קראנקער בעט חאטש רוהיג זיין.

— איך האב נאך איין מיטעל אנצווענדען, האט רחל'ע געזאגט, איך וויל דעם חתן זעהן, איז ער ווירקליך אזא קלוגער ווי מען לויבט איהם, וועל איך איהם אפען ערקלערן, איך קאן זיין כלה ניט זיין, איהר וועט זעהן פיינגע, ער וועט די תנאים צוריק אבגעבען, א, ווי וועל איך איהם דאנקען פאר דער טובה!

— אין מיינע יונגע יאהרן האט מען ניט געהערט, אז א כלה זאל אליין א העזה האבען דעם חתן אין די אויגען צו זאגען, אז זי וויל זיין כלה ניט זיין. האט פיינגע מיט א שווערן זיפץ אויסגערעדט. אין היינטיגע צייטען הערט מען עס אויך נור ביי פערשייטע לייט; דו מיין טאכטער, ביזט דאך אבער ניט קיין פערשייטע. פון וואנען וועט זיך אין דיר אזא העזה גענומען? איך בעט גאט דו זאלסט ניט זינדיג זיין מיט דער מחשבה, וואס פאסט ניט פאר א יודישער טאכטער. זאל איהם בעסער א אנדערער זאגען, איך וויל דיך ניט דערלאזען צו אזא פערשייטקייט. ר' לייזער'ס א טאכטער, ר' אברהם'ס א ענייקעל. וועה צו מיינע יאהרן!....

— פיינגע, דער וואס טרענקט זיך, חאפט זיך חאטש פאר א שארף פון א שווערד. כל זמן ער האפט נאך פון וואסער זיך ארויס צו האפען! האט רחל'ע ערקלערט. מיר וועט עס ניט אזוי גרינג זיין. גלויבט מיר, איך וואלט איהם ליבערשט מיין גאנצען נדן מוחל זיין און ניט דארפען מיט איהם א איינציג ווארט רעדען. גיט מיר א אנדער עצה, וואס דען זאל איך טהון? וועט בעסער זיין, אז איך וועל צו דער חופה ניט וועלן געהן, בעת כלי־זמר וועלן שפילען און דער חתן וועט אויפ'ן שולהויף אונטער דער חופה ווארטען אויף מיר? איינס פון די ביידע, פיינגע: אדער מען וועט מיך א מינוט פאר דער חופה א טויטע געפינען, אדער מען וועט מיך איבערגעוואלד צו דער חופה פיהרען, א, די שאנדע וויל איך בעסער ניט דערלעבען!....

— שלעכט, מיין קינד, וואס איך קאן מיך אויף מיינע פיס ניט שטעלן! האט די

אלטע אויסגעקרעכצט. איך וואלט איצט ניט אבטרעטען פון דיר איין טריט. איך האב זעהר מורא אונ איך בעט דיך, אויב דו ווילסט איך זאל שטארבען רוהיג, איך זאל אהין מיט קיין בעפלעקטער נשמה ניט קומען, שווער מיר, אז דו וועסט אהן מיין וויסען גאר נישט טהון, דו האסט קיין סודות וואס פייגע דארף ניט וויסען. רעד מיט דיין חתן, זאג איהם וואס דו ווילסט; נור דיין אייגען האנד זאלסטו חלילה אויף דיין לעבען ניט ארויפלעגען!... רחלע האט געשווארן ווי פייגע האט פערלאנגט אונ איז ביי איהר זיטצען געבליבען דעם גאנצען טאג. זי האט אויך דעם דאקטאר געלאזט ברענגען, ער האט פערשריבען ארצעפט, גענומען ארובעל אונ איז אוועק אהיים. חייעלע איז אויך אריינגעקומען געוואהר ווערן, אונ האט מיט א פריינדליכען שמייכעלע געזאגט: זעהט געזונד צו ווערן פייגע פערשטארט מיין שמחה ניט, איך האב א ידיעה געהאט אז די מחותנים מיט דעם חתן זענען שוין ארויס געפאהרן. מארגען פריה וועלען זיי אין א גוטער שעה אנקומען; ווערט געזונד פייגע, וועט איהר טאנצען אויף אייער רחלעס חתונה, זי איז דאך אייערע מעהר ווי מיינע, געדענקט איהר, אז איהר האט זי ביי מיר אבגעקויפט, בעת זי איז נאך דריי חדשים אלט געוועזען אונ ניט איצט געדאכט, קראנק געוועזען. איך געדענק ניט וויפיעל האט איהר מיר בעצאהלט פאר איהר?

— מיין רחלע, מיינע איז זי אונ וועט זיין מיינע! האט פייגע געאנטווערט. הלואי וואלט איך געהאט אויף איהר א דעה צו זאגען ווי אויף מיינם א קינד, ווי עס וואלט איצט גאר אנדערש געוועזען!

— אייך געפאלט אויך ניט? האט חייעלע מיט א כעס זיך אויפגעכאפט. איך פרעג ביי אייך ניט, נישקשה, די גאנצע וועלט גיט מיר גערעכט, אויב איהר ווילט מיך אין כעס ניט אריינברענגען זאל איך עס נאך אמאל פון אייך ניט הערען!

פאר נאכט אין דעם זעלבען טאג איז מען געקומען אנזאגען: די מחותנים זענען געקומען אונ זענען פערפאהרן צום פעטער ר׳ שלמה׳ן.

האטש חייעלע האט זיך אויף זיי פון פאר תשעה באב שוין גערייכט, אונ אלעס איז שוין גרייט אונ פארטיג געוועזען, האטש היינט די חתונה צו מאכען, פון דעסט־וועגען איז אין שטוב געווארן א טרעוואגע, מען האט אנגעהויבען צוגרייטען אונ צופוטצען פון דאס ניי, אונ אז חייעלע איז שוין איבערצייגט געוועזן אז אלעס איז אזוי וויא געוואונשען איז זיא אויסגעפוטצטע אוועק צו ר׳ שלמה׳ן מקבל פנים זיין איהרע מחותנים. זיא האט זיך מיט דער מחותנת׳טע צוקושט אונ איז האכמט צופרידען אונ גליקליך געוועזען אז מען האט איהר רחלעס חתן פארגעשטעלט. א יונגער בחור, הויך וויא א ריז, שטארק אונ געזונד, אנשטענדיג געקליידעט, אונ ער איז איהר פון רעדען נאך מעהר געפאלען.

— וואס זאגט איהר ר׳ שלמה, אויף דעם חתן? האט זיא געפרעגט, געפאלט ער אייך?

— קיין מופלג איז ער ניט, האט ר׳ שלמה וויא מיט פערדרוס געאנטווערט, א טאטענס א קינד, אין הויות העולם, ווייזט ער אויס: קיין נארר צו זיין,

— ווער דארף זיין תורה? האט חייעלע א זאג געטהון, איהר זעהט דאך וואס

פון דיא גרויסע לומדים לאזט זיך אויס! ווידער, האט דענן דיא תורה א גרונד? מיר ועט קיין תורה ברוך השם, ניט פעהלן.

— דיין קינד וועט אבער פעהלן! האט ר' שלמה איינגעוויזען.

— געפאלט ער אייך ניט? האט זיא קורץ אפגעגעבען.

— חלילה, ווער רעדט פון ניט געפאלן? האט ער זיך פערענטווערט. נאט זאל איהם נור זיין חן אין איהרע אויגען געבען, מיר געפעלט ער אסך מעהר וויא איך האב מיר פארגעשטעלט. איך האב געמיינט: ער מוז זיין א בעל מום, אז ניט וואלט זיין פאטער זיך אזוי שטארק ניט געהאלטען פאר דעם שדוך. נאט צו דאנקען, ער האט הענדט אונ פיס, א נאז אונ אויגען ווי אלע מענשען אונ באמת וואס וויל מען? די תורה האט טאקי ווי דער ים קיין ברעג אונ קיין גרונד ניט. מיר געפאלט ער חייעלע, זאל נאט געבען מיט מזל אונ ברכה!

— אז איהר וואלט מיר פאלגען שוואגער, האט חייעלע געזאגט, זאל מען שוין ארעד מאכען מיט דעם מחותן מכח קויפען דאס הויז. מען מאג רעדען, רחל'ע וועט צופרידען זיין; די גלייבסטע זאך איז געוועזען, וואס מיר האבען געטהון דאס אונזעריגע ניט געפרעגט ביי איהר, בנאמנות, שוואר איך אייך, אז זי איז אליין אויך צופרידען אז מען פרעגט זי ניט, איהר שטעהט ניט אן איהר עקשנות נאכצוגעבען; אבער זי וויל מען זאל די חתונה אבשפילען אונ עס זאל הייסען: מיר האבען עס אהן איהר ווילען געטהון', איצט האט זי זיך ווידער אנגעטהון, זי וויל פון דעסטוועגען איהר חתן געפאלן... געוואלד, איך קען זי בעסער, אין בין אליין אויך א מאל א מאדעל געוועזען אונ קען מיין קינד ווי איך קען זיך!...

— זאל זי זעהן פריהער דעם חתן, מיט דעם מחותן וועלן מיר רעדען, ער מוז זיין צופרידען, אז ניט וואלט ער ניט געקומען אזוי צוגעגרייט צו דער חתונה, אפשר צוואנציג קארב אונ קאסטענס פולע האט ער מיטגעבראכט, ער האט מיר געזאגט: עס איז אסברא: אז ר' זלמנקע דעם רבינ'ס מיט זיין שוועסטער גיטעלען וועלן אויך זיין אויף דער חתונה, ר' פנחס'ל וועט בודאי קומען.

אין א פאר שעה ארום זענען די מחותנים מיט דעם חתן צו חייעלען געקומען. רחל'ע האט זיך פון איהר מחותנתטע געלאזט קושען אונ האלזען. ר' העניך האט זיך געפרעגעלט פון נחת, אז ער האט דערזעהן ווי זיין אשת חיל איז צופרידען פון דער כלה אויף וועלכע ער איז דער מבין געוועזן. חייעלע האט אויך אנגעקוואלען קוקענדיג, ווי עס געהט אלץ בעסער ווי געוואונשען. דער חתן האט מיט דער כלה גערעדט אונ זי האט איהם קלוג אונ מונטער אויף אלץ געאנטווערט. ר' שלמה איז צוגעגאנגען צו איהר אונ געפרעגט:

— וואס זאגסטו איצט, מיין טאכטער? דיין פעטער איז דיר נאך אלץ אזא דם שונא ווי דו האסט געמיינט?

— איין בקשה האב איך נאך, האט זיא געאנטווערט. איך וויל זיך דורך רעדען מיט איהם, זאל ער מיך אויך קענען, טאמיר וועל איך איהם גאר ניט געפאללן?

— אדרבה, איך נעהם שוין דיא מחותנים צו זיך אונ לאז דיך דא אליין מיט איהם, רעד נור קיין נארעשקייט, פערלאנג פון איהם קיין הויכע חקירות, קוק נור

אויף זיין שכל, א מענש וואס האט שכל קאן אליין קלערען, אונ זו ער וועט דיך ליעב האבען וועסטו איהם שפעטער קאנען צולערנען דאס וואס קומט בייא דיר אויס אז איהם פעהלט עס נאך. די מחותנים האבען טהיי אבגעטרונקען אונ צוועק אהיים. אז זי איז מיט איהר חתן אליין געבליבען האט זי אנגעפאנגט מיט איהם גערעדט פון פערשידענע זאכען. ער האט איהר אויף אלין קלוג געאנטווערט אונ זי האט געמיינט: מען קאן מיט איהם אויך ערענסט רעדען.

— ניט נעהמט פאראיבעל. וואס איך ערלויב מיר אייך צו פרעגען, האט זי געזאגט אויסהערענדיג זיינע אויפגעקלערטקייט אונ פרייע געדאנקען וועלכע ער האט דא פאר איהר אויסגעשאטען. צו וואס לערנט מען אט די אלע זאכען? מיט וואס איז דער געבילדעטער בעסער פאר דעם ניט געבילדעטען?

— איהר פרעגט מיך ווי מען פרעגט א קינד. האט ער מיט א פריינדליך שמייכעלע געאנטווערט. דער אונטערשיד פון געבילדעטען צום ניט געבילדעטען איז דער זעלבער אונטערשיד וואס איז צווישען טאג אונ נאכט.

— אזוי זאגט דיא וועלט, האט זי מסכים געווען. אמת, דעם געבילדעטען איז ליכטיג, אבער אז איהם איז ליכטיג איז נור איהם גוט; וואס אבער האט דיא וועלט פון איהם? איז ניט בעסער אז מען איז ווייניג געבילדעט אונ מען איז גוט צום צווייטען ווי צו זיך זעלבסט?

— געוויס, פריילין, האט ער מיט פרייד געאנטווערט, דער ניט געבילדעטער ווייס אבער גאר ניט וואו גוטס איז נויטהיג אונ ווי גוטס צו טהון. דער געבילדעטער ווייס, דאריבער איז זיין גוטס מיט נוטצען.

— זעהר רעכט! זאגט-זשע מיר, ווי וואלט אייך אייער בילדונג הייסען טהון, ווען אייערע עלטערן וואלטען אייך צווינגען יעצט חתונה האבען מיט אזא כלה וועלכע איז אייך ניט ליעב?

— איך וואלט בשום אופן ניט וועלען!

— אבער, אז די כלה, למשל: וואלט אייך וועלען אונ זיין פערליבט אין אייך?

— ווען איך וואלט אין איהרע ליעבע ניט שולדיג זיין, וואלט איך נור רחמנות האבען אויף איהר, אבער געגען מיין ווילען מיט איהר ניט חתונה האבען!

— נו, אונ אז דער פאל וואלט זיין פערקעהרט? האט זיא געפרעגט אונ האט איהרע אויגען אויפגעהויבען א קוק צו טהון ווי דיזע פראגע האט אויף איהם געווירקט.

— דאס הייסט? האט ער בעשאמט אויסגערעדט.

— דאס הייסט: ווען איהר וואלט ליעב האבען אזא, וועלכע האט דאס אונגליק אייך ניט ליעבען צו קאנען, וואלט איהר אזוי שלעכט זיין צו וועלן זיא גוטהען זי זאל דווקא מיט אייך חתונה האבען?

— דאן וואלט איך ערשטענס פרעגען, האט ער געאנטווערט, פאר וואס קאן זי מיך ניט ליבען? אלע מיינע פעהלער, וואלט איך בעטען, מיר אפען אויסזאגען, איך וואלט באלד זוכען זיי צו פערריכטען... זאגט, ליעבע רחל'ע, געפינט איהר אזא פעהלער אין מיר וואס איהר קאנט מיך ווירקליך ניט ליעבען? איך ליעב אייך ווי מיין לעבען, זייט דעם ווען האט מיר אייער פאטאגראפי בעוויזען, יעטצט זעה איך אייך נאך טויזענד מאל

שאנער, ווי זאל איך אייך ניט ליעב האבען!?

— נור איין פעהלער בעמערק איך אין אייך און דער פעהלער לאזט מיך ווייטער ניט רעדען.

— וועלכער פעהלער? האט ער מיט שמחה געפרעגט, איהר מאגט מיר זאגען, איך וועל אויף אייך קיין פאראיבעל האבען!

— איז ניט א פעהלער, געעהרטער הערר, פערלאנגען פון דעם אנדערן דאס, וואס איהר אליין וואלט עס פאר זיך ניט טהון? האט זי געאנטווערט. דעם אמת אייך צו זאגען: נאך איידער איך האב אייער פאטערס נאמען געהערט, האב איך מיינעם א שוועסטער קינד ליעב בעקומען, ער ליבט מיך אויך אזוי ווי איך איהם, איך האב איהם געשוואוירן מיין לעבען לאנג אויף איהם צו ווארטען, און איך ווארט און וועל ווארטען. — גוטער מענש, ווילט איהר איך זאל אייער נאמען מיט אכטונג און מיט דאנק דערמאנען, זאלט איהר צו אייערע עלטערן געהן און זיי זאגען, אז אייך געפאלט די כלה ניט, דאן וועט איהר צוויי מענשען גליקליך מאכען אנשטאט דרייא א פיינליך לעבען פערזאכען!...

— האר איך דאס אין ערנסט פון אייך, רחל'ע, אדער איהר ווילט מיך נור פרובען צו האב איך אייך באמת ליעב? האט ער געפרעגט זיא אנקוקענדיג מיט פולע אויגען פון טהרען.

זי האט מיטלייד געפיהלט. "געעהרטער פריינד, האט זי געזאגט, ניט איך בין שולדיג אין אייער צער, אזוי ווי איהר זייט ניט שולדיג אין די לייד און פיין וואס איך לייד איבער אייך. די, וועלכע זענען שולדיג אין דעם, זענען אונזערע ליעבע עלטערן, פאר זיי מוזען מיר גאט בעטען ער זאל אונזער צער און טהרען זיי מוחל זיין. מיר זענען פון דער נייערער צייט, מיר דארפען זיי ניט בעסער מאכען ווי זיי זענען; אבער מיר מוזען זעלבסט פון אונזערע געפיהלע אפפערן כדי אליין בעסער צו זיין און וואס זיי האבען אין אונז קאליע געמאכט פעריכטען!... איך ווייס: איך פערלאנג פון אייך פיעל; אבער אויך פיעל איז ווערטה ווען א מענש קאן זיך זאגען: איך האב צוויא יונגע מענשען גליקליך געמאכט... א, זייט איהר דיעזער אויפריכטיגער מענש און איך און מיין שוועסטערקינד וועלן שטענדיג אייער נאמען מיט ברכות דערמאנען!

ער האט זיין גאנצען קוראז פערלארן און דאס געפיהל'ט בן יחידל אין איהם, האט זיך אנגעהויבען ארויס צו ווייזען.

— רחל'ע, האט ער מיט א וויינענדער שטימע אויסגערעדט, איהר זענט דאך אבער אויך א געבילדעטע, פאר וואס האט איהר אויף מיר קיין רחמנות ניט? וועט אייך גוט זיין, אז איך וועל איבער אייך שטארבען פאר א צייט? פאלגט מיר און זייט מיין כלה, איהר ווייסט ניט ווי רייך מיין פאטער איז, אבער איך ווייס, אז ער האט מעהר וויא הונדערט טויזענד רובעל, דאס וועט אלץ מיינס זיין, איך בין דאך א בן יחיד און איך וועל אלץ אייך אוועקגעבען נאך אונזער חתונה... אפילו אז איהר וועט מיר הייסען שטודירן וועל איך אייך אויך פאלגען, נור זייט מיינע, רחל'ע!

— זייט קליגער, געעהרטער הערר! האט זי געאנטווערט, פאלגט מיר און רעדט

ניט מעהר פון דעם וואס קאן ניט זיין! געהט אהיים און זאגט אייערע עלטערן, אז איך געפאל אייך ניט. איך ערלויב אייך אפילו אויסצוטראכטען אויף מיר וואס איהר ווילט. איך וועל אייך ניט אבלייקענען און נאך גאט בעטען ער זאל אייך א בעסערע און א שענערע פאר מיר צושיקען...

מיט די ווערטער האט זי זיך אבגעקעהרט און געוואלט פון שטוב ארויס, אבער ער האט זי אבגעהאלטען.

—רחל'ע! האט ער אויסגעשריען מיט א שטימע וועלכע האט זיין פערצווייפלונג אויסגעדריקט. איילט ניט אוועקצוגעהן, איך שוועהר אייך, אז דאס האט איהר אלץ מיך צו פרובען גערעדט. איהר זענט מיין כלה, איהר מוזט מיינע זיין, סיידען איך וועל ניט לעבען... איך וועל אייך די תנאים קיינמאל ניט מוחל זיין און אייערע פינף טויזענד רובעל וואס זענען איינגעלעגט וועט דער טאטע געוויס ניט מוחל זיין. זייט בעסער א רייכע א גליקליכע און געליעבטע פרוי פון א גבירס בן יחיד איידער א ארעמע כלה אהן נדן פון א ארעמען געשטודירטען. אויף נאמנות, אלע געשטודירטע מיינען אויך מעהר דעם נדן ווי דעם קרן!... איך דארף אייער נדן ניט, אבער איהר אליין זייט מיר טהייערער ווי מיין טאטענס גאנץ אייגענס.

זי האט מעהר ניט געענטפערט און איז באלד פון שטוב ארויס און אהיין צו פייגען. ער איז א היים אוועק און קיינעם זיינע בזיונות ניט ערצאהלט. ער האט זיך פשוט געשאמט. ער האט שוין ביז איצט מיט דריי כלות זיך געזעהן און ער האט יעדעס מאל געפונען א פעהלער אויסצוזעטצען ביז די מוטער זיינע האט איהם געזאגט: „דער־באר, אז דו וועסט שוין געפינען די כלה מיט אלע מעלות וועלכע וועט דיר געפאלען וועסטו איהר ניט געפאללען. איך ווינש דאס דיר ניט, מיין קינד, אבער גאט שווייגט ניט יענעמס בזיונות, געדענק מיינע רייד!" אט די ווערטער האט ער איצט דערמאנט און געשאמט זיך אויסצוזאגען אז דער מוטערס נבואה איז מקוים געווארן. אנב האט ער גערעכענט: טאמער איז דאס באמת נור א פראבע פון איהר. טאמער וועט זי בעסער ווערן, אז מען וועט איהר נאך רייכערע מתנות שענקען. איהם האט זיך ניט געגלויבט, אז איהם וועט ניט מעגליך זיין זי נאך איבערצורעדען; דערפאר, אז די מוטער זיינע האט איהם געפרעגט: נו מיין זוהן, ווי געפאלט דיר די כלה? האט ער געענטפערט:

— געפאלען געפאלט זיא מיר גראד, אבער.... ער האט ווייטער ניט געקאנט זיינע טהרערן איינהאלטען און האט זיך פאנאנדער געוויינט.

— וואס־זשע וויינסטו, מיין קרוין? האט די מוטער געפרעגט. פרעהען דארפסטו דיך מיין קינד, ניט וויינען!

— איך וויין דערפאר וואס דער טאטע איז נאך אלץ אזוי קארג און דינגט זיך וועגען דאס הויז אבקויפען. האט ער געענטפערט, און וועלכע מתנות האט ער איהר ביז איצט געשיקט? זי שאמט זיך אפילו זיי אנצוטהון.

— זעהסטו, דאס איז א סימן אז זי איז קיין נאר ניט, האט די פרומע מוטער איהר איינציג קינד געטראסט, זי ווייס אז איהר מחותן איז אהן א עין הרע א יודי א גביר, וויל זי ביי איהם ציהען נאך מתנות. פאר וואס ניט? א מענש דארף זיך געטריי זיין; אבער דו, מיין קינד, האסט איהר בעדארפט ערקלערן, אז זי איז פון

דֶעסְטְוֶועגֶען פָארְט נָאךְ אַ קִינְד מִיט אַ יוּנְגֶען שֶׂכֶל. דַיין מַאמֶע וֶועט שׁוֹין מֶעהר קֵיין קִינְדֶער נִיט הָאבֶּען אוּנ נָאךְ הוּנְדֶערְט אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר וֶועט דָאךְ אַלְץ זַיין דַיינֶע. מִיר מֵייגֶען דֶען חָלִילָה, דִיךְ אָבְּצוּטְהֵיילֶען פוּן אוּנְז?

— אָבֶּער בֶּעסֶער אִיז, אַז זִי זָאל אִיהר חָתָן'ס בַּייבְּקֵייט שׁוֹין זֶעהן, נָאךְ אֵיידֶער זִי הָאט מִיט מִיר חֲתוּנָה, הָאט עֶר צוּ פֶערְשְׁטֶעהן גֶעגֶעבֶּען, זָאל זִי ווִיסֶען, אַז זִי הָאט שׁוֹין אוּנ נִיט דַארְפֶען ווַארְטֶען בִּיז דֶער טַאטֶע וֶועט אִיהר שְׁפֶּעטֶער אַ מָאל אַ שֶׁאנֶע מַתָּנָה שֶׁענְקֶען.

— זָאג דֶעם אֶמֶת מַיין קִינְד, הָאט דִי מוּטֶער מִיט נַייגִירְדֶע גֶעפְרֶעגְט, דָאס הָאט זִי דִיךְ טַאקִי אָנְגֶעלֶערְנְט דוּ זָאלְסְט עֶס בֶּעטֶען, אָדֶער דוּ קְלֶערְסְט זִיךְ נוּר אַזוֹי?

— יוֹא, זִי הָאט עֶס מִיר טַאקִי גֶעהֵייסֶען; נוּר אִיךְ אַלֵיין פֶערְשְׁטֶעה אוֹיךְ אַז אַזוֹי דַארְף זַיין! הָאט עֶר גֶעאֶנְטְוֶוערְט אוּנ אָנְגֶעשְׁטֶעלְט דִי מוּטֶער זִי זָאל מִיט'ן פָאטֶער רֶעדֶען וֶועגֶען נַייע מַתָּנוֹת אוּנ וֶועגֶען דָאס הוֹיז אָבְּקוֹיפֶען.

דִי גַאנְצֶע נַאכְט נָאךְ דֶעם גֶעשְׁפְּרֶעךְ, הָאט דִי מוּטֶער צוּ טְהוּן גֶעהַאט מִיט אִיהר מַאן עֶר זָאל גֶעבֶּען פַאר דֶעם הוֹיז וִויפִיעל מֶען פֶערְלַאנְגְט, אוּנ טַאקִי זִיךְ לָאזֶען עֶרְקֶענֶען פַאר זַיין בֶּן יָחִיד'ס כַּלָּה. „זָאל זִי טַאקִי אוֹיסְפִיהרֶען אַלְץ וָואס זִי ווִיל! הָאט דָאס ווַייבּ גֶעטַעֲנֶה'ט, צוּ לִיעבּ וֶועמֶען הָארֶעוֶועט מֶען? אַלְץ צוּ לִיעבּ קִינְדֶער, אוּנ אַז גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט אוּנְז גֶעגֶעבֶּען נִיט מֶעהר וִוי אֵיין קִינְד, דַארְף עֶס טַהַייעֶר זַיין וִוי דָאס אוֹיג פוּנֶ'ם קָאפּ. אוּנ וָואס זָאלֶען מִיר זִיךְ נַארְן, הֶענִיךְ, הָאט זִי גֶעזָאגְט, מִיר מוּזֶען אוּנְזֶער קִינְד'ס חֶסְרוֹנוֹת צוּדֶעקֶען מִיט אוּנְזֶער גָאלְד... עֶס קָאן זַיין, דִי כַּלָּה ווֵייס שׁוֹין אוֹיךְ, פוּן זַיינֶע דְרָכִים מִיט דֶעם לֶעסְנִיצֶ'עם הֶעלְפֶען... קֵיין נוּטְס זָאל זִי נִיט ווִיסֶען, ווִיא זִיא הָאט אוּנְז קֵיין נוּטְס נִיט גֶעטְהוּן!...“ ר' הֶענִיךְ אִיז פֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן דֶער עֶרְאִינֶערוּנְג.

אוֹיף מָארְגֶען הָאט ר' הֶענִיךְ ר' שְׁלֹמֹה'ן מוֹדִיעַ גֶעוֶועזֶען, אַז עֶר קוֹיפְט דָאס הוֹיז, אוּנ נִיט דֶעם מֶקַח וִויפִיעל מֶען בֶּעט. „נוּר זָאל שׁוֹין אַ מָאל אַ סוֹף זַיין אוּנ אִיךְ זָאל מִיט מַיין חָתָן צוּרִיק נִיט דַארְפֶען פָאהרֶען אַהִין דֶער כַּלָּה“. ר' שְׁלֹמֹה הָאט נָאךְ אֲפִילוּ גֶעוָואלְט אִיבֶּערְרֶעדֶען מִיט רָחֵל'ֶען, „נוּר הַייעֶלֶע הָאט צוּגֶעטְרִיבֶּען מֶען זָאל קֵיין נַאוֶוענְדֶעס מֶעהר נִיט מַאכֶען. ווָארוּם זִי הָאט נָאךְ הַיינְט פוּן רָחֵל'ֶען ווִידֶער גֶעהֶערְט: זִי וֶועט מִיט הֶענִיךְ'ס זוּהְן קֵיין חֲתוּנָה נִיט הָאבֶּען, דַארִיבֶּער הָאט זִיא בֶּעסֶער גֶערַאטְהֶען מֶען זָאל שׁוֹין אַ תְּקִיעַת כַּף מַאכֶען עֶס זָאל שׁוֹין זַיין אַ אָבְּגֶעטְהוּעֶנֶע מַעֲשֶׂה. פוּן רָחֵל'ֶעס נֶעכְטִיגֶען פֶערְלַאנְגֶען צוּ בְּלַייבֶּען אַלֵיין מִיט אִיהר חָתָן, מִיט אִיהם זִיךְ דוּרְךְ צוּ רֶעדֶען הָאט ר' שְׁלֹמֹה גֶעגְלוֹיבְּט, אַז זִי אִיז שׁוֹין צוּפְרִידֶען. אוּנ אַז ר' הֶענִיךְ הָאט נָאךְ עֶרְצֶעהְלְט, וָואס זַיין בֶּן יָחִיד הָאט אִיהם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אַז דִי כַּלָּה הָאט אָנְגֶערֶעדְט דֶעם חָתָן, עֶר זָאל פַאר אִיהר נָאךְ מַתָּנוֹת בַּיי אִיהם צִיהֶען אוּנ עֶר זָאל נָאךְ פַאר דֶער חֲתוּנָה דָאס הוֹיז אָבְּקוֹיפֶען, הָאט ר' שְׁלֹמֹה זִיכֶער גֶעגְלוֹיבְּט, אַז דָאס אַלְץ טְהוּט זִיךְ מִיט אִיהר רָצוֹן, אוּנ הָאט נָאךְ אִין דֶעם זֶעלְבֶּען טָאג דֶעם קָאנְטְרַאקְט אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבֶּען, אַז דָאס הוֹיז מִיט דֶעם זַאוָואד, מִיט אַלְץ וָואס גֶעהֶער צוּם הוֹיז הָאט הַייעֶלֶע מִיט זַיין ווִילֶען פֶערְקוֹיפְט צוּ ר' הֶענִיךְ'ס זוּהְן. אַז

דאס אלץ איז שוין אבגעטהון געוועזן האט מען געמאכט א תנאים אחרונים אונ מען האט די חתונה בעשטימט אין א פאר טאג ארום.

ו.

מיט איהר חתן האט זיך רחל'ע שוין מעהר ניט געזעהן. ער האט זיך געהיט מיט איהר זיך מעהר ניט צו בעגעגענען ביז דער חופה. איהם איז ניחא געוועזען בעסער ברוגזהייט מיט איהר חתונה צו האבען איידער בשלום פון איהר נאכאמאל צו הערען אז זי איז ניט זיין כלה. ער האט געהאפט: די נייע מתנות אונ דאס הויז וואס זיין פאטער האט אבגעקויפט, וועלן נוטע מליצים זיין פאר איהם אונ זי וועט צו דער חופה געהן. ער האט זיך דערמאנט פיעל געשיכטען, וואס די כלה האט דעם חתן ניט געוואלט, נור אז די עלטערן איהרע האבען געוואלט איז פונדעסטוועגען ביי זיי חתונה געוועזען, מסתמא וועט דא אויך אזוי זיין.

ר' שלמה האט רחל'ען אנגעזאגט, אז דאס הויז האט שוין ר' העניך אבגעקויפט אונ אבגעשריבען אויף איהר חתנ'ס נאמען. „איצט, מיין טאכטער האט ער טריי געזאגט, איז שוין אלץ פערפאלען. איצט קאן שוין אנדערש ניט זיין, דו מוזט מיט דיין בעשערטען חתונה האבען!“ זי האט נור געוויינט דאס אויסהערענדיג.

— ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגען, האט ער געטרעסט, איך גיב דיר מיין ערהרענווארט: אין א יאהר צייט נאך דיין חתונה אז דו וועסט וועלן א גט וועט זיין א גט. דאס האב איך מיט ר' פנחס'לען נאך פריהער אבגעשמועסט. אבער חתונה מוז זיין. איז מאגליך עס זאל דיין געשטארבענער פאטער איצט פון זיין קבר אויפשטעהן? אזוי איז איצט מאגליך עס זאל קיין חתונה ניט זיין. אין דעם זעלבען טאג האט דער פאצטער איהר א בריוועלע דערלאנגט פון משה'לען. זי איז אין צאד אריין אונ האט עס איבערגעלעזען.

„ליעבע רחל'ע!

פון אלץ וואס דו אונ אונזער גוטער, אבער ניט קלוגער פעטער, האבען מיר אין איירע לעצטע בריף געשריבען, זעה איך אז די סכנה איז נאהענט, דער חלף ליגט דיר שוין אויפ'ן האלז, אונ די גראסטע שמערצען האב איך דערפון נור, וואס דו שרייבסט מיר אונ בעשווארסט מיך: איך זאל ניט קומען א האנד אויסצושטרעקען דער, וועלכע טרענקט זיך. איך זאל דיך, מיין טהייערע, מיין ליעבע רחל'ע, לאזען אין דעם ים טהרערן דערטרונקען ווערן? קאן איך עס? מאג איך עס?...

מען קאן מיינען, אז איך בין א שרעקליכער עגאאיסט. איך האב דיך א עלענדע געלאזען אליין צווישען מענשען, וועלכע פערשטעהן דיך ניט אונ קוועלן דיך אונ פייניגען דיך מיט זייער געטרייקייט בעת איך זיטץ מיר אין פערגניגען צווישען חברים חכמים אונ בין גליקליך נייע וויסענשאפט צו לערנען פון בעריהמטע לעהרער אונ קלוגע לייט. איך אליין, ליעבע רחל'ע, קום מיר פאר פאר א עגאאיסט אונ פיהל זיך אפט אזוי אונגערעכט ביז זיך זעלבסט צו פעראכטען. ווען מאך איך גליקליך מיט מיין לערנען? מיין טרייען זיידען אונ מיין באבען, מיין ליעבען פעטער אונ מוהמען

האב איך נור בזיונות און צער פעראורזאכט. אויך דיך מיין זעעלע, מיין ליעבער מלאך, האב איך אזוי אונגעטראסט, אזוי אונגליקליך געמאכט!.... אפשר וועט ווער אמאל נוטצען האבען פון מיין איצטיגען לערנען, דערוויל אבער האב איך נור איינער דאס פערגניגען: מיין לוסט אלעס צו וויסען און צו ערפארשען גיב איך נאך. און דו ליידסט, און דו וויינסט און ליעבסט מיך דענאך. בין איך דען דאס ווערטה? א, איך וואלט באמת ניט ווערטה זיין דיין ליעבען נאמען צו דערמאנען ווען אין מיר וואלט אזא שטיינערן הערץ געוועזען, מיך ניט צו בעקימערן וועגען דיינע לייד און שמערץ! איז ניט ראטעווען אמענשען די העכסטע פפליכט פון א מענשען? און ראטעווען דיך נור פון איין איבריגען טאג ליידען איז ביי מיר וויא מיין גאנצע וועלט געראטעוועט און איך קום פארט ניט! נור וויל דיין פערלאנגען איז מיר טהייערער און ליעבער אלס מיין רוהע און גליק. דוא שרייבסט מיר, אז נור אנגסט און זארג גייע וועל איך דיר מיטברענגען מיט מיין קומען איידער דו וועסט מיך רופען און איך וויל דיך ניט בעאנגסטיגען און קיין נייע זארג ניט צוגעבען האטש מיין אנגסט פון ווייטען צו זיטצען איז אפשר גראסער און פיינליכער.

אונזער פעטער ר' שלמה שילדערט מיר אין זיין לעצטען בריף דיין טרויעריגע לאגע איצט. דיינע עגמת נפש וואס די מוטער דיינע פערקויפט דאס הויז און אלץ וואס איהם און דיר איז טהייער און דו מוזט צוזעהן וויא דיין זעליגען פאטערס האב און גוטס ווערט פערפרעמדט און זיינע עלענדע קליינע יתומים מוזען באלד צו א שטיפפאטער אנקומען, וועלכער — ווי דער פעטער אליין איז מודה — וועט פאר זיי קיין געטרייער פאטער זיין. דער עלענד פון די קינדער און דיין טרויעריגע צוקונפט: אליין צו בלייבען ערגעץ אין א געדונגענעם חדר'ל, בעת דיין מוטער וועט מיט איהר ר' פנחס'לען חופה האבען, דאס אלץ, שרייבט אונזער פעטער, בעוויינט דיך פון אונזערע ליעבע זיך אבצוזאגען און חתונה צו האבען מיט דיין געוואלד חתן... נור איין זאך, שרייבט ער, שטעהט דיר נאך אין וועג: דיא שבועה דיינע וואס דו האסט מיר אמאל ווי א קינד געשווארן מיינע צו זיין און נור אויף מיר צו ווארטען. דאריבער בעט ער מיך: איך זאל דיר די שבועה מוחל זיין, דיך בעפרייען און ניט שטעהן דיר אין וועג, וועלכער קאן דיך און די עלענדע יתומים צום גליק פיהרען.... רחל'ע, איך פרעג ניט צו שרייבט דער פעטער דאס מיט דיין וויסען צו ניט. איך וויל גאר ניט וויסען צו איז דיר ווען ניחא געוועזען ער זאל עס מיך בעטען; נור איך רופע איצט גאט, דעם איינציגען עדות פון דער שבועה, ער זאל אויך איצט אונזער עדות זיין, אז איך בין דיר דיין שבועה מוחל! פון דער מינוט וואס דו וועסט דיזע ווארטער לעזען ביזטו פריי און דיך בינדט צו מיר ניט קיין שבועה קיין ווארט און פפליכט. איך האב קיינמאל אויף דער שבועה ניט געהאפט און ניט גערעכענט. ניט א שבועה קאן דער נוטער משכון זיין א מענשענס טרייע און ליעבע צו פערזיכערן, אבער די ליעבע היט דיא שבועה זיא זאל ניט געבראכען ווערן. בעדויערנסווירדיג איז יענע ליעבע וואס דאס הערץ איז פאר איהר קיין זיכערער ארט ניט און מוז נאך א שבועה האבען וואס זאל זי דארט איינהיטען. זיי זיכער, אז דיין משה'לע וועט דיך צו ליעבען ניט אויפהערן, זעלבסט דאן ווען דיין הערץ וועט מעהר קיינע ליעבע פיהלען פאר איהם!.... מע

ליעבט ניט. ווייל מען וויל ליעבען און מען הארט ניט אויף צו ליעבען ווייל מען וויל מעהר ניט ליעבען. ווי אונשולדיג דו ליעבסט מיך אזוי אונשולדיג קאנסטו אויפהארן מיך צו ליעבען. ניט אזוי איז אכטונג: דו אכטעסט מיך, ווייל איך פערדין פיללייכט דיין אכטונג און ווייל איך האפע קיינמאל, חלילה, ניט ארגער צו ווערן ווי דו קענסט מיך, וועסטו צו אכטען מיך קיינמאל ניט אויפהארן. זאל דאס אונז טראסטען און לאם מיר דאס הערץ און ליעבע אפפערן פאר אונזערע עלענדע יתומים־לעך! אויך דער יושר הייסט אונז אמאל: צו ליעב א ווילען פון עלטערן, און צוליעב עלענד פון קליינע עלענדע יתומים אויסברייסען אונזערע געפיהלע און טהון פונקט פערקעהרט ווי מיר האבען געהאפט.

נור איין זאך מוז איך דיר נאך דערמאנען: דו זאלסט פריהער זיך זעלבסט פרעגען, צו האסטו אזוי פיעל כח אין זיך אויסצורייסען דיא אונגליקליכע ליעבע דיינע ביז עס זאל פון איהר א שפור ניט בלייבען? שרעקליך איז יענעס לאגע, דער וואס מיינט: ער האט מיט זיין שטרענגען ווילען, די ליעבע אין גאנצען אויסגעריסען און האט זיך ניט ארומגעקוקט, אז ערגעץ אין א ווינקעל איז נאך א ווארצעל געבליבען און דער ווארצעל האט באלד צוריק נייע בלומען און צווייגען אנגעהויבען צו ענטוויקלען, ביז דאס הערץ איז ווידער מיט ליעבע פאלל געווארן. דאן רחל'ע, ווען דאס הערץ האט שוין א אנדער בעל הבית אויף זיך, איז יעדע ליעבע צו איין אנדערן ניט נור א זינד א שווערע פאר גאט, אבער אויך א האללנפיין פאר זיך... דאן איז דעם אונגליקליכען די זונן פינסטער אין מיטען טאג און ביי דער גרעסטער רייכקייט, איז מען ארעמער און אונגליקליכער אלס דער ארעמסטער אונגליקליכסטער אין דער וועלט!... דיזער געדאנק בעאונרוהיגט מיך יעטצט, ליעבע רחל'ע, מעהר ווי אלץ און די זארג איבער דעם וועט מיין זארג בלייבען, זא לאנג איך וועל לעבען!...

איך בעט דיך: שרייב מיר אנטווארט אויף דיזע פראגע מיינע און נור דאן זאלסטו מיך הייסען דא זיטצען בלייבען, ווען מיין בריף וועט שוין זיין צו שפאט און דער ענטשיידענדער שריט וועט שוין זיין געמאכט... אבער ווען דו וועסט מיין בריף ערהאלטען חאטש איין אויגענבליק פאר דעם שלום פון אונזער ראמאן, זאלסטו בעטען חאטש נאך א שטונדע צייט ביז דו וועסט דעם זעלבען בריף נאך אמאל דורכלעזען, און זיך גוט בעזינען וואס דו האסט צו טהון. איך שוואר דיר, איך וועל נור גאט פאר דיר בעטען, אז מיין זארג זאל א אומזיסטע זארג זיין און דו זאלסט פון יענע פיין און שמערצען ניט וויסען, וועלכע שרעקען מיך שוין איצט.

אים פאל אז דו וועסט איינזעהן, אז דו ביזט צו שוואך מיט אזא געוואלדרים פון דיינעם הערצען די ליעבע אויסצורייסען און די געפאהר וואס צווינגט דיך דאס צו טהון איז שוין צו נאהענט, בעשוואר איך דיך, דו זאלסט מיר טעלעגראפירן, אין דער מינוט ווען דיין טעלעגראמע וועט מיך טרעפען וועל איך, גאר אהן ישוב הדעת צו דיר לויפען. יעדענפאלס האט מען דיך אין קייטען נאך ניט געשמידט און הונדערט וועגען זענען פריי און אפען פאר דעם מענשען וואס וויל זיך רעטען... איך ווייס ניט פון מיטען דיר צו זאגען ווי זיך צו רעטען; אבער איך זאג דיר, אז שולדיג איז יענער פאר זיין איינען גליק און לעבען, ווען ער האט דעם מוטה ניט א געצוואונגענעם סקאנדאל

צו מאכען, וואו זיין גליק און לעבען פערלאנגען אזא פון איהם. — איין ארט ווייז איך דיר אן פאר יעדעם פאל: איך האב מיין מוטער פון אלץ געשריבען און זי וועט דיך ווי איהר קינד צונעהמען ווען נור דו וועסט צו איהר קומען. איהרע לאגע איז, גאט צו דאנקען, איצט בעסער ווי געוועזן. שרייב מיר נור אז דו ווילסט צו איהר פאהרן וועל איך קומען צוועק פיהרן דיך צו איהר. זארג נור ניט מיין טהייערע! דיא זונן פערגעהט ניט אויף אייביג, דיין ליכטיגער פריה מארגען וועט דיר באלד אויפשיינען. זאל מיינע ליעבע צו דיר דערווייל דאס ליכטעל זיין וועלכעס אין פינסטערניש דעם גראדען וועג צו געפינען.... זיי מיר געזונד, איך בלייב יעדענפאלס דיין משה'לע.

„און פאר העני'ס געבילדעטען זוהן זאל איך זיך פון איהם אבזאגען? האט זיא פאר זיך איבער געערדט אז זי האט דאס בריוועלע איבערגעלייענט. ניין, אזוי נידריג בין איך נאך ניט געפאלען. דיינע בין איך משה'לע, דיינע ווי לאנג איך לעב און וועל לעבען!..—"

ארויסגעהענדיג פון מאד האט זי אויפ'ן וועג בעגעגענט עטליכע פויגעלעך, וועלכע זענען זיך צופלויגען אז זי איז צו זיי גאהענטער צו. דאס האט זיא אויף נייע געדאנקען ארויסגעפיהרט. „גאט דער גוטער האט אין זיין קלוגער ארדנונג דיזע נאטור איינגעפלאנצט אין יעדער שוואכער בעשעפעניש, זיך צו רעטען פון דעם שטארקערן. האט זי צו זיך געזאגט, בין איך דען ניט שוואך ווי א פויגעלע איצט געגען דעם שטארקען ווילען פון דעם רבי'ן, פון ר' פנחס'לען און פון מיין אייגענער מוטער? פאר וואס זאל איך נארישער זיין פאר די קליינע פויגעלעך און מורא האבען פאר דעם ענטלויפען מעהר אלס פאר דער געפאהר זעלבסט? זעה איך דען ניט די גרוב אפען פאר מיינע אלע האפנונגען איינצושלינגען? וואס ווארט איך נאך? — דוא ביזט מיין עדות גאט אין הימעל, אז איך האב אלעס געטהון אויסצומיידען יעדען סקאנדאל וואס איז פאר א יודישער טאכטער ניט שאן. שטעה מיר ביי איצט אין מיין נויטה און שיק מיר דיין גוטען מלאך וואס זאל מיך אין מיין וועג בעגלייטען!

מיט די ווערטער איז זי צו דער קראנקער פייגע אריין און איהר אנגעזאגט אז זי רעכענט נאך היינט צו ענטלויפען צו משה'לעס מוטער. פייגע האט ניט געאנטווערט נור ביטער געקראכצט.

— וואס טהוט אייך וועה, פייגע? האט רחל'ע מיט אנגסט געפרעגט.

— דאס הארץ, דאס הארץ, מיין טהייער קינד! האט די קראנקע געאנטווערט. אבער ניט אויף דער קראנקהייט מיינער בעקלאג איך מיך: אהן יסורים לעבט מען ניט און אהן יסורים שטארבט מען ניט, עס דארף אזוי זיין און איך האב צו גאט קיין טענות ניט; דאס הארץ אבער צוגעהט אין מיר, וואס דו, מיין ליעב קינד, רעדסט פון ענטלויפען אין דעם טאג וואס האט געזאלט דיין שמחה זיין! וואלט איך חאטש ניט אזוי קראנק געוועזן, וואלט איך פאר דיין מאמען גאר קיין מורא האבען און דיך בעגלייטען אין דיין וועג. איצט אבער האב איך אפילו קיין כח ניט פון בעט אראפצוגעהן. וואו וועסטו לויפען אליין, מיין קינד? א מאדעל אליין אין אוועג איז ארגער ווי א קליין קינד אליין. ווארט נאך א ווייל'ע, לאז מיך בעטראכטען. טאמיר וועל איך פאר דיר געפינען א זיכערן ארט דא אין שטאדט וואו דיך צו בעהאלטען ביז א צייט.

אפשר וועט מיר דער וואס לעבט אייביג געבען כח, איך זאל קאנען פון בעט אראפ וועל איך פאר דיר א פורה דינגען און מיט דיר מיטפאהרן צו דיין משה'לעם מאמען.

רחל'ע האט זיך אויסגעוויינט און איז צוריק אין שטוב אריין. דא האט זי די מוהמע דבורה'ן געפונען, וועלכע איז געקומען זעהן ווי זי וועט אנמעסטען איהר חופה קלייד, וואס די שניידערקע האט איהר איצט אבגעבראכט. זי האט די חופה קלייד אנגעמאכטען, בעדאנקט דער מוהמען פאר איהרע ברכות צו דער געלעגענהייט און ניט געלאזט מערקען וואס אין איהר הערצען איז אין דער צייט פארגעקומען. נו, שוואגערין, האט חייע'לע צו דבורה'ן געזאגט, בין איך ניט קליגער פאר אייך אלעמען? ווער איז גערעכט? ווייסט חאטש, אז א מאמע קען איהר אייגען קינד בעסער פאר א אנדערן. אזוי זאל איך געהן אין אלל דאס גוטס ווי זיא וועט אם ירצה השם מארגען צו דער חופה געהן מיט איהר אייגענעם ווילען!"

— ניט אומזיסט זאגען די מאנסליט, אז ווייבער האבען צעהן דעות אין איין טאג! האט דבורה געאנטווערט און איז אהיים אוועקגעלאפען אנזאגען איהר אלטען.

ר' שלמה האט דבורה'ן אויך א גוטע בשורה אנגעזאגט: ער האט ערשט א דעפעשע ערהאלטען, ער זאל חדרים צוגרייטען פאר ר' זלמנ'קע דעם רבי'נס זאל לעבען און פאר ר' פנחס'לען, וועלכע זענען ארויסגעפאהרן אויף דער חתונה אהערצו. — דו וועסט זעהן דבורה, האט ער געזאגט זעהר געריהרט פון דעם כבוד, וואס ר' זלמנ'קע דעם רבי'נס וועט ביי אידם סטאנציע האלטען. דו וועסט זעהן, מיר וועלן נאך פאר אונזער צער פיעל נחת האבען פון רחל'ען! געוואלד, אונזער רבי זאל לעבען ווייס וואס ער טהוט! חייע'לע האט בעזונדער א דעפעשע ערהאלטען זי זאל א צימער אנגרייטען פאר גיטעלען, און האטש זי האט זיך שוין פריהער געריכט אויף איהר נור איצט איז זיא שוין זיכער אז גיטעלע וועט קומען און זי האט פון דאס ניי אנגעהויבען קאמאנדעווען: מען זאל א פאר צימער צוגרייטען פאר גיטעלן און האט אליין אויך גענוג צוגעהאריוועט. די קינדער היינט פריהער שלאפען געלעגט און אליין אויך פריהער ווי געוואהנליך צו בעט געגאנגען, זי זאל קאנען אויפשטעהן פריהער און זיין דערביי, בעת די פישער וועלן די פיש ברענגען און דערנאך קאנען גיטעלן מקבל פנים זיין א אויסגערוהטע, א צוגעגרייטע, גאר ניט ווי א מחותנת'טע אין דעם טאג פון א קינד'ס חתונה.

רחל'ע האט דעם גאנצען טאג נור גלייכגילטיגקייט בעוויזען. קיינער האט ניט געוואוסט ווי לאנג איהר איז דער טאג געוועזן און ווי גערן זי וואלט שוין געוואלט עס זאל ווערן נאכט. אז אלע האבען שוין געשלאפען איז זי שטיל צו פייגע'ן אריין. פייגע האט אויך געשלאפען.

שטעהט אויף, פייגע טהייערע! האט זי ריהרענד אויסגערעדט. געזעגנען זיך מיט אייך איינציגער בין איך געקומען.

— אך, רחל'ע! האט פייגע זיך אויפהאפענדיג אויסגעזיפצט. נוט וואס דוא ביזט געקומען!

— פייגע, וואהין זאל איך איצט געהן? מיר בלייבט נור איין וועג פון בריק אין וואסער... ביי די רייד האט זי שרעקליך געוויינט.

— זיין ניט מיין קינד, האט פייגע געטרייסט. גאט איז מיט אונז, ער ווייזט אונז נסים גרויסע: איך האב מיר דעם גאנצען טאג דעם קאפ געבראכען וואו פאר דיר א זיכערן ארט צו געפינען און האב פון שוואכקייט ניט געפיהלט ווי איך בין אין א זיסען שלאף אריינגעפאלן. און וואס פאר חלומות מיר האבען זיך אנגעפלונטערט געדענק איך גאר ניט דיר איבער צו דערצעהלען; נור איך געדענק איך האב דיין זיידען ר' אברהם'ן געזעהן, ער האט דיך פארן האנד געפיהרט און צוגעפיהרט צו א שטיבעלע. פון שטיבעלע איז ארויסגעגאנגען שרה'לע די אלמנה מיט א קאשיק פוטערזעמעלעך, ער האט פון קאשיק ארויסגענומען צוויי זעמעלעך און דיר דערלאנגט. „עס דו איינס, מיין טאכטער", האט ער געזאגט, און באהאלט דאס אנדערע פאר משה'לען, ער וועט באלד פון חדר קומען, מיין טהייער קינד!" אין דער מינוט האסטו מיך אויפגעוועקט. דאס איז א אמת'ר חלום מיין קינד: דער זיידע איז מיר געקומען אנזאגען דו זאלסט זיך באהאלטען ביי שרה'לען, ער האט דיך געטרייסט אז דיין משה'לע וועט באלד צו דיר קומען. הארסטו, געה צו שרה'לען, דו האסט איהר פיעל טובות געטהון, זי וועט דיך ווי דאס אויג פון קאפ אבהיטען. האב קיין מורא, זכות אבות בעגלייט דיך אין דיין וועג! — נור איידער דו געהסט אוועק פון מיר, מוז איך דיך נאך עפיס בעטען און דו זאלסט עס מיר פערשפרעכען. זיי וויסען מיין טאכטער, אז ניט לאנג נאך וועל איך מיך מוטשען דא אויף מיין קראנקער בעט. איך פיהל: מיין טאג איז אריבער, די פינסטערע לאנגע נאכט רוקט זיך אן און א קליין ווינטעלע וועט דאס לעצט פונק וואס ברענט נאך אין מיר באלד אין גאנצען אויסלעשען... רחל'ע, איך וויל דו זאלסט נאך ביי מיין לעצטער שעה דא זיין. איך האב קיין נאהענטערע און קיין ליעבערע פאר דיר, וואס זאל מיר העלפען מיינע אויגען צומאכען, אויף איביג דיך שוין ניט מעהר צו זעהן. גיב מיר דיין עהרליך ווארט, מיין כשר קינד, אז דו וועסט פון שרה'לעס שטיבעלע ערגעץ ניט אוועקפאהרן פריהער, ביז איך וועל דיך הייסען פאהרן, און אז איך וועל דיך שיקען רופען אין דער גוטער מינוט מיט מיר ודוי צו זאגען, זאלסטו קומען. נאך מיין טוידט, נאך מיר אליכטעל אנצינדען און א עהרליכען יודען דינגען וואס זאל נאך מיר קדיש זאגען. איך גיב דיר עטליכע רובעל. נא נעהם זיי, כשר פערהאריוועט געלד, פאר דעם זאלסטו מיר תכריכים קויפען, פאר א קבר אויפ'ן גוטען ארט בעצאהלען, וועט נאך עפיס בלייבען זאלסטו אין צדקה צוטהיילען וואו דו וועסט זעהן אז עס איז א צדקה. אזוי אז דו וועסט טהון, וועל איך שטארבען א צופריעדענע, איך האב מיין וועלטעל גאנץ שאן אויסגעפיהרט און ליג אין קבר חלילה ניט אין פרעמדע תכריכים. א, מיין קינד, בעסער'ס האב איך מיר אין מיין לעבען ניט געוואונשען!

— איך וועל אהן אייער וויסען ערגעץ ניט געהן, פייגע! האט רחל'ע א וויינענדע פערשפראכען, נור לעבט און זייט געזונד! א, ווי עלענד וועל איך אהן אייך זיין!... פערגעסט מיך ניט פייגע, איך וועל גאט בעטען ער זאל אייך נאך יאהרן געבען, זאגט קיינעם ניט וואו איך וועל זיין!

— זארג ניט מיין קינד. קיינער אויסער מיר וועט דיין ארט ניט וויסען! כל זמן איך וועל ניט שיקען נאך דיר מאגסטו רוהיג זיצען, אפשר וועט נאך גאט ברוך הוא

חסד טהון אונ מיך אויפהייבען פון מיין בעט. איך זאל מיט דיר צוזאמען צו משה'לעס מוטער פאהרן!

זיי האבען זיך ביידע גוט אויסגעוויינט אונ רחל'ע איז צוריק אין שטוב אריין. אלע האבען דא רוהיג געשלאפען, זיא האט נאך א קליין צעטעלע אנגעשריבען אונ אונטערן לאמפ בעהאלטען. אז זי האט איהר פאטערס טאשענאור אונ עטליכע רובעל געלד גענומען איז זי שטיל מיט הערץ קלאפען צו די קינדער אין צימער אריין, זייא שלאפענדיגע גוט אנגעקושט אונ זיך גוט אויסגעוויינט.

„פערצייהע פאטער, האט זי אין זיך גערעדט, פערצייהע מיר פאטער, טאמער וועט ווער דיין ליעבען נאמען צו שאנד דערמאנען וואס דו האסט אויף דער וועלט אזא שלעכטע יודישע טאכטער געלאזען! פערצייהע אויך דו, זיידע געטרייער, שטעה מיר ביי אין מיין נויטה, בעט נאט פאר מיר ער זאל מיר כח געבען מיינע הערצענס קלעמונג אונ צער אריבער צו טראגען... זייט געזונד, ארעמע יתומים'לעך, ביי אייך בלייבט מיין הערץ, מיין לעבען... א, זייט מיר געזונד, עלענדע ברידערלעך, אונגליקליכע שוועסטערל!..." מיט די ווערטער האט זי זיך ארויס געטהון פון צימער ארויס אונ דערביי זעהר געפיהלט אזא וועהטאג, ווי זי וואלט דאס גאנצע הערץ פון זיך ארויסגעריסען. ביי דער טהיר איז זיא שיר אין אונמאכט געבליבען, אזוי האט איהר דאס הערץ געקלעמט אונ זיא איז נוטע צעהן מינוט געשטאנען דעם קאפ צו דער וואנט אנגעשפארט ביז זי איז צו זיך געקומען. שטיל ווי א גנב איז זי א פערהילטע אונ איינגעוויקעלטע דורכגעגאנגען דעם לאנגען קארידאר. ביז זי איז אין האד אריין; פון דאנען איז זי מיט א הינטער טהירל אין א שטילע גאסעל ארויס אונ זיך געלאזט לויפען צום טייך וואו שרה'לע האט געוואהנט.

שטיל אונ טיף פערשלאפען איז נאך דאס גאנצע שטאדטעל געוועזן, נור איהר האט געדאכט: טויזענד אויגען קוקען אויף איהר אונ זעהן ווי זי לויפט. זי האט איהר געזיכט נאך מעהר פערוויקעלט מען זאל זי ניט ערקענען. פון א בוידעם ערגעץ האט א האן א קריי געטהון, נור זי האט אין דעם קול איהר ברודער'ל מאטעלעס וויינענד געשריי געהערט, אונ אזוי קלאר אונ דייטליך געהערט, אז זעלבסט זיין בעטען זיך האט זיך צוגעטראגען צו איהר אויער. „ניט ענטלויף רחל'ע, האב מיך ניט פיינד. לויף ניט אזוי גיך, איך האב שוין קיין אטהעם ניט נאכלויפענדיג!" — „געה צוריק אהיים, ארעם קינד!" אנטווערן איהרע ליפען אונ דאס הערץ צוגעהט אין איהר. דעם קינדס געוויין הארט אבער ניט אויף אונ רייסט איהר הערץ אין שטיקער. זי וויל זיך אומקעהרן אונ האט מורא. פון פארנט זעהט זי איז קיינער ניטא. נור הינטער איהר יאגען זיך אפשר די גאנצע שטאדט מענשען, אונ מאטעלע וויינט נאך אונ חליפעט שוין. „ניין, איך קאן ניט ווייטער!" האט זיא אויסגערעדט אונ איז אין מיטען לויפען שטעהן געבליבען, זיך צוגעהארט: צו וויינט עס טאקי מאטעלע, צו דאכט זיך איהר נור אזוי — „ניין, איך האב דאס קינד שלאפענד געלאזען רוהיג אין זיין בעטעלע, מיין בחמנות אויף דעם יתומ'ל שרייט עס אין מיין אייגענעם הערצען, עס איז שטיל, שטיל... שלאף מאטעלע, שלאפט ארעמע יתומים'לעך, וואס קאן איך אייך העלפען?" אונ זי איז ווייטער געלאפען, נור לויפענדיג האט זי ווידער געהארט ווי מאטעלע וויינט אונ

בעט זיך נאך ריהרענדער ווי פריהער: „איך וויל ניט, רחל'ע, אי, איך וויל ניט צום ציינען טאטען פאהרן!... האב רחמנות, נעהם מיך מיט רחל'ע!“ „מיטנעהמען דיך קאן איך ניט, ארעם ברודערל!“ אנטווערט איהר צעריסען הערץ, „לויף מיט דיינע יונגע שוואכע פיסעלעך, רעטע זיך, מאמעלע, דיין נייער טאטע יאגט אונז ביידען!“... און זי לויפט ווייטער, ווייטער... אויף להכעיס האבען זיך די שטילע גאסלעך אזוי לאנג אויסגעצויגען און זי זעהט שרה'לעס שטיבעלע העט ווייט, ווייט, און זי פיהלט שוין דאס הערץ ניט מעהר אין זיך, די פיס זענען שווער געווארן ווי בליי און דער אטהעם קאנצעט זיך, אט, אט, זי פאלט אין חלשות. „זיידע טהייערער!“ האט זי אין זיך געשריען — שטיין דיין קינד, וואס ענטלויפט פון דיין הויז! כח גיב מיר, לאז מיך ניט פאלען אין די האנד פון די וואס יאגען זיך נאך מיר! א, ווי מיד בין איך!“ א שטראם נייע כחות האבען זיך א גאס געטהון אין אלע איהרע גלידער און זי לויפט אהן א אטהעם ווייטער, ווייטער... נאך א פאר טריט און אט איז זי שוין ביי שרה'לעס שטיבעלע. דא האט זי זיך אבגעשטעלט און געהארכט. זי האט געהערט ווי שרה'לע נעהמט האלץ אין פארהויז, געווים דעם אויווען שוין איינצוהייצען. זיא האט דיא קלאמקע פון טהיר אנגענומען, נור די טהיר האט זיך ניט געעפענט. לאנגזאם און שטיל האט זיא אנגעקלאפט. „רטא מאם?“ האט זיך א קול פון אינווייניג אבגערופען. זי וויל זאגען: „אפענט, שרה'לע!“ אבער די צונג אין גומען איז איהר פון לויפען אזוי אויסגעטריקענט געווארן און מיט אלער אנשטרענגונג קאן זי אין איינציג ווארט ניט אויסרעדען. די האנד ציטערן נור זי האט נאך כח געהאט און נאך א מאל א קלאפ געטהון. שרה'לע האט א ביסעל די טהיר געעפענט, א קוק געטהון ווער דא קלאפט. אז זי האט אבער א פערוויקעלט טויט פנים פאר זיך דערזעהן האט זי זיך דערשראקען און געוואלט דיא טהיר צוריק צומאכען. „ראטעוועט, מיך שרה'לע!“ האט רחל'ע מיט א פערצווייפלונג ארויסגעשריען און אין דער רגע איז זי שוין אין אונמאכט געלעגען אין שרה'לעס ארעם. שרה'לע האט זי מיט וואסער אבגעשפריצט, מיט א ביסעל עסיג דיא שלייפען איינגעריבען און געגעבען ריכען איהר האנד, וועלכע זיא האט מיט עסיג בעגאסען. רחל'ע איז צו זיך געקומען.

— „וואס איז דיר געשעהן, רחל'ע? האט שרה'לע מיט אנגסט אויסגעשריען, וועה איז מיר, ווינד איז מיר, א כלה אין דער נאכט פאר איהר חופה!“ — זי האט געמיינט: מיט איהר האט עפיס ניט נאטירליכעס געטראפען.

— שרעקט אייך ניט, האט רחל'ע זעהר שוואך אויסגערעדט, בעהאלט מיך, שרה'לע, ראטעוועט מיין לעבען פון אונגליק! האט איהר ערגעץ א קעהלער, א גרוב א פינסטערע, בעגראבט מיך א לעבעדיגע, נור זאגט קיינעם ניט וואו איך בין! שפעטער וועט איהר אלץ וויסען און א ברירה האבען צו טהון מיט מיר חסד צו ניט; נור איצט לאזט מיך ניט שטארבען אויפ'ן גאס: צוריק אהיים וועל איך ניט געהן און ווייטער לויפען קאן איך מעהר ניט!

שרה'לע האט מעהר ניט איבערגעפרעגט. זיא האט זיא כמעט אויף זיך אין שטיבעלע אריינגעטראגען. דיא לאדענס זענען נאך צוגעמאכט געוועזן און אין דער פינסטער האט זיא זיא אויף איהר בעט אוועגגעלעגט. פאנאנדער געשפילעט

איהרע קליידער און ניט אויפגעהערט צו רייבען איהרע האנד און צו קושען זיא. רחלע איז ווייא א פערשטיינערטע געלעגען. שרה׳לע האט געוויינט קוקענדיג וויא דאס שאן קינד פייניגט זיך פון איהרע הערצענס קלעמונג. ענדליך האט זיך א קוואל טרערען געעפענט אין רחלע׳ס אויגען און זיא האט שטיל און ביטערליך געוויינט.

"איצט איז מיר גרינגער, אך שרה׳לע, וויא גרויס איז אייער חסד מיט מיר! האט זיא געזאגט. פון מיין אייגען היים און אייגענער מוטער בין איך ענטלאפען און צו אייך זיך בעהאלטען געקומען. נעהמט מיך צו, בעהאלט מיך. נייך, איהר ווילט ניט, איך זאל פון בריק אין וואסער לויפען!

— זייט רוהיג, רחלע! איך ווייס, איך פערשטעה שוין אלץ. האט שרה׳לע געאנטווערט, פייגע האט מיר נאך לאנג געזאגט, אז עס וועט ביי דיר קיין חתונה ניט זיין מיט דעם חתן וועלכען דיין מאמע האט פאר דיר אויסגעקליבען. אין שטעדטעל האט מען אויך פיעל זיך אנגערעדט. נור לעדיגע מיילער. וואס דען האבען זייא צו טהון אז ניט יענעמ׳ס דאגה צו פערדאגהן?

איך האב אפילו מורא פאר דיין מאמען און זיא וועט געוויס זיין וואס זיא וועט מיר ניט טהון; אבער איך בין דיר מעהר שולדיג וויא מיין לעבען! דוא האסט מיר דאס לעבען דערהאלטען און ניט איינמאל מיך און מיין קינד פון נויטה געראטעוועט. פאר וואס זאל איך דיר ניט אבדינען אין דיין נויטה? האב קיין מורא וויא אונזער מוטער יוכבד האט איהר טהייער קינד בעהאלטען פון דער גזרה פון מצרים ווען מען האט יודישע קינדער לעבעדיגע אין טייך אריינגעווארפען, אזוי וועל איך דיך בעהאלטען און וויא מיין אויג פון מיין קאפ דיך אבהיטען, און אזוי וויא משה רבינו האט זיין מאמעס פיער ווינקעלעך ליכטיג געמאכט, אזוי וועסטו מיין ארעם שטיבעלע ליכטיג מאכען וויא לאנג דוא וועסט נאר וועלן זיין ביי אונז... נעהם זיך נור ניט צום הערצען, אזוי גיך זאל איך אויפגעריבט ווערן וויא גיך דוא וועסט צוריק גליקליך זיין און אין פריידען דאס אלץ דערצעהלן!

רחלע האט געחליפעט און שרה׳לעס האנד ניט ארויסגעלאזען.

— לאז מיך רחלע, האט שרה׳לע געבעטען, איך וועל מיין מאמען אויפוועקען. מיר וועלן פאר דיר א חדר׳ל צופוצען. האב קיין מורא פאר מיין מוטער, זיא ווייס וויפיעל איך בין דיר שולדיג. ביידע וועלן מיר דיינע שומרים זיין, וויא לאנג דוא וועסט אונזער היטען נאך דארפען.

איהר צו בערוהיגען האט שרה׳לע זיא אויפן בוידעם דערוויייל ארויפגעפיהרט, אויפגעוועקט דיא מוטער איהרע, איהר אלץ דערצעהלט און נאך איידער דיא זונן איז ארויס האבען דיא ביידע פרויען א הינטער חדר׳ל, וואו זייא האבען שטאנדיג זייערע דייזעס און מולטערס געהאלטען — צוגעקליבען, א ריין בעטעלע צוגעפוצט און רחלען אין איהר זיכער ארט אריינגעפיהרט. פון זיכערקייט וועגען האבען זייא דיא טהיר פון זייער חדר וואס פיהרט אין דעם צימערל אריין, פערשטעלט מיט מולטערס און דעם אריינגאנג צו איהר געמאכט פון צווישען אויוען, וואו זייא האבען א ברעט פון שייד-וואנטעל אויפגעריסען. אויך די לאדען האבען זייא מיט א ברעט פערשלאגען און רחלע האט שוין מעהר דיא ליכטיגע שיין ניט געזעהן.

יא.

חייעלע האט רוהיג געשלאפען ביז נאך האלבער נאכט. נור פיער א זייגער האט זיא זיך אויפגעכאפט, איהר האט געדאכט: זיא האט טריט געהערט און ווער קאן עס אזוי שפעט אומגעהן? „ווער איז דארט?" האט זיא געפרעגט, אבער אזוי וויא קיינער האט זיך ניט אפגערופען האט זיא געמיינט צוריק, ענטשלאפען צו ווערן. ניטא אבער אזא להכעיס'ניק וויא דער שלאף: וויל מען זיך פון איהם בעפרייען און וואך זיין, ווארפט ער זיך אן וויא א שווערע לאסט אויף אונז, פערקלעבט דיא אויגען, פיינינט אונז, ביז מיר גיבען זיך איהם איבער, — זוכט מען איהם און מען וויל גערן זיך אין זיינע ארעמס ווארפען — ענטלויפט ער פון אונז און אומזיסט איז אונזער ווארטען און בענגען נאך איהם. חייעלע האט נאך גערן געוואלט שלאפען א פאר שעה; אבער עס שלאפט זיך ניט און געדאנקען מישען זיך, נור פון אלע געדאנקען שרעקט זיא זיך ניט אזוי, וויא פאר דעם געדאנק פון דעם קומענדען טאג. „וויא ווילט זיך מיר שוין מיט איין טאג עלטער זיין!" האט זיא אזוי ליגענדיג פאר זיך איבערגערעדט. א בארג א גאנצער וואלט מיר פון מיינע פלייצעס אראפ! וויא דערלעב איך, ער זאל איהר שוין דאס פינגערל אנטהון! ווער וועט צו מיר גליך זיין! איך וואלט ערשט וויסען אז איך לעב און מאג לעבען אויף דער וועלט! נור איצט איז מיר נאך דער קאפ ארומגענומען און איך ווייס גאר ניט, וויא וועל איך יוצא זיין פאר ניטעלען דעם רבינ'ס, איהר צו צונעהמען מיט כבוד, וויא זיא האט מיך מיט כבוד צוגענומען, אז איך בין ביי איהר א גאסט געוועזן? עס איז אבער קיין תרוץ ניט. איך מוז פאר ניטעלן פאראד מאכען, האטש כחות אוועקלעגען, זאל זיא צופריעדען זיין. — זאל זיא טאקי וויסען, אז נאך ביז מיין חופה, אין א גוטער שעה, בין איך עפים אויך ניט געוועזן א בי ווער! זאל זיא וויסען ווער חייעלע איז פון דער היים!"

אין אזעלכע געדאנקען איז זיא געלעגען און געהערט וויא דער זייגער האט פיער און פינף געשלאגען. האלב זעכס איז זיא פון בעט אראפ און באלד אין קיך אריין, דא האט זיא זיך גוט אנגעשריען, וואס דיא בעדינטע און סארווער האבען גאר קיין גאט אין הארצען ניט נאך צו שלאפען צו אזא צייט וואס יעדע מינוט איז טהייער. זיא האט אויך פייגען קיין גוטס ניט געוואונשען, וואס זיא האט קיין אנדער צייט געפונען ווערן קראנק צו זיין נור איצט, צו איהר רחל'עס חתונה, בעת זיא האט ניט אין קיך א טריי אויג אכטונג צו געבען האטש, מוז אליין אומעטום זיין, אליין אלץ דערמאנען. זיא איז פונדעסטוועגען צו פייגען אין שטיבעלע אריין א קוק טהון: טאמער וועט זיא קאנען זיך א כח אנטהון און אראבקריכען פון בעט, האטש ניט העלפען טהון נור אכטונג געבען; אבער פייגען איז היינט נאך ערגער געוועזן און חייעלע האט א רחמנות געפיהלט דער אלטערס שמערצען און עלענד צו צוזעהן.

— איהר פעהלט מיר, פייגע! האט זיא בעדויערנד אויסגערעדט. וויא אהן א האנד בין איך אהן אייך. זעהט האטש, איהר זאלט קאנען צו דער חופה זיין! אייער רחלע, פייגע! אייערע איז זיא דאך. איהר האט זיא דאך אלס קינד ביי מיר

אבגעקויפט פאר אבצעהן גראשען . ווערט געזונד און בענשט מיין קינד צו איהר חופּה אין אגוטער שעה!

— איך דאנק אייך, חייעלע! האט די קראנקע מיט טהרערן אין איהרע אויגען אויסגעקרעכצט. מיין גאנץ לעבען וואלט איך אוועקשענקען פאר היינטיגען טאג געזונד צו זיין, איך זאל קאנען דינען מיין רחלען וויא איך וויל... נור וואס העלפט א מענשענס וועלן, ווען גאט דער לעבעדיגער וויל ניט? איהם בעט איך: זאל ער איהר בּיישטעהן היינטיגען טאג און אלע מאל!..." אין דער צייט האבען די פישער לעבעדיגע קארפּען און העכט געבּרענגט און חייעלע איז ארויסגעגאנגען אנזאגען וויא עס איינצוטהיילען, וויא עס צו קאכען, מען זאל נור ניט זשלאווען און שניידען גרויסע חלקים. עס זאל שאן זיין און איז אין שטוב אריין טהיי טרינקען. איהר האט הנאה געטהון וואס רחל'ע שלאפט נאך און האט געבעטען די סארווער ניט קלאפּען און ניט רוישען. „מיין כּלה, זאל געזונד זיין, שלאפט נאך. זאל איהר מזל וואכען, רבונו של עולם! האט זיא צו טרייגע דער חתונה קאכין געזאגט. זיא דארף געוויך פאסטען אזא טאג א יאהר. גאט זאל איהר נור כּחות געבען, מיין פרום קינד!" טרייגע האט א עצה געגעבען: מען זאל די חופּה שטעלן פריהער און האט פערזיכערט אז פון איהר צייט וועט קיין מניעה זיין, אבער חייעלע האט ערקלארט אז מען קאן ניט אויסרעכענען: „גאט ווייס ווען די טהייערע גאסט, דעם רבּינס קינדער זאללן לעבען, וועלן אנקומען! אהן זיי וועט מען די חופּה געוויס ניט שטעלן". אז דער זייגער האט שוין אכט לאנג אבגעשלאגען און אין שטוב איז שוין אונמעגליך געוועזן איינצוהאלטען די שטילקייט, איז חייעלע זעהר פארזיכטיג צוגעגאנגען צו רחל'עס טהיר א קוק טהון טאמער איז זיא שוין וואך. זיא האט פארזיכטיג א ביסעל די טהיר געעפענט. דער פארהאנג פאר רחל'עס בעט איז אראבגעלאזען געוועזן. „דוא שלאפסט נאך, מיין קרוין?" האט די מוטער שטיל געפרעגט. עס איז קיין תשובה ניט געוועזן. „רחל'ע מיין גאלד", האט זיא זעהר צארטליך נאך א מאל געזאגט, שוין צייט אפשר אויפצושטעהן? מען האט זיך ווידער ניט אבגערופען. חייעלע איז אין חדר אריין, און זעלבּסט א אטהעם'צוג פון א שלאפענדע האט זיא דא אויך ניט געהערט, א באזע מחשבה האט זיך אונבעוואוסט אין איהר הערץ אריינגעהאפט. מיט ציטערנדע האנד האט זיא דעם פארהאנג פאנאנדער גענומען און אז זיא האט די בעט אין ארדנונג געפונען אזוי וויא קיינער וואלט זיך דיא נאכט גאר ניט צוגעריהרט, האט זיא מיט שרעק און אנגסט א געשריי געטהון: „ניט גוט איז מיר, א וועהטיג האט מיך געטראפען, געוואלד, ראטעוועט!"

מען איז אין צימער אריינגעלאפען חייעל'ען דערהאלטען זיא זאל ניט חלש'ן. וואס איז געשעהן? וואס האט געטראפען? האבען די מענשען געפרעגט ניט וויסענדיג די אורזאכע פון חייעלעס געשריי און שרעק. „מיין רחל'ע וואו איז?" האט זיא געשריען פון צימער ארויסלויפענדיג. „וואו איז מיין כּלה, מיין קינד, מיין קרוין פון מיין קאפּ?" די סומאטאכע איז גרויס געווארן, איינער האט ביי דעם אנדערן געפרעגט און קיינער האט ניט געוואוסט וואס צו אנטווערן. מען איז באלד צו די קינדער אין צימער אריין און מאטעלע האט דערצאהלט: „ביי נאכט איז רחל'ע געגאנגען מיין בעטעל געשטאנען און זיא האט אזוי געוויינט, מאמע, אוי. איך האב אזוי רחמנות געהאט, נור איך האב

אזוי געוואלט שלאפען אונ ניט געהערט וואס זיא האט געזאגט. מען איז געלאפען אין סאד זיא זוכען, מען האט פיינען געפראגט. נור פיינע איז זעהר קראנק געוועזען אונ האט געקרעכצט, מען האט נור געהערט וויא זיא רעדט צו זיך: „מיין רחל'ע איז מיט איהר זיידען ר' אברהם'ן אוועקגעגאנגען, אין גאטעס וועג האט ער זיא געפיהרט... נישקשה, ער וועט זיא פון וועג ניט ארויספיהרען!" אלע וואס האבען דיזע ווערטער געהערט האבען אנגענומען, אז פיינע רעדט פון היטץ אונ זיא ווייס אליין ניט וואס זי זאגט. מען איז צום פעטער געלאפען, טאמער איז זיא ביי איהם. חייעלע האט נאך געהאפט זיא איז געווים ביי איהם. נור עס זענען קוים צעהן מינוט אריבער האט זיא דערזעהן וויא ר' שלמה אונ זיין דבורה לויפען צושראקענע. פון זייער לויפען אונ צושראקענעם אויסזעהן האט זיא געמיינט: עס איז שוין געווים, מיט איהר קינד האט דיא נאכט א גרויס אונגליק געטראפען אונ זיא האט פון שרעק צו חלשן אנגעהויבען. אויף איהר קוקענדיג האט זיך ר' שלמה נאך מעהר דערשראקען אונ האט געמיינט: חייעלע ווייס שוין מסתמא אז דאס אונגליק איז גרויס.

„גיטא! ? האט ער ציטערענד אויסגערעדט. איך בין שולדיג! איך, איך! מיינע ווייסע האאר האב איך מיט איהר יונג בלוט אבגעפארבען!... פון מיר וועט זיא איהר טאטע מאהנען... דוא, חייעלע, ביזט א יודענע, א איינגעשפארטע זאך אט אזוי ווילסטו אונ קיינער טאהר דיר קיין דעה זאגען; אבער איך אלטער יוד האב בעדארפט קליגער זיין אונ זיך צוהערן צו איהר געוויין אונ בעטען זיך... נו האבען מיר ביידע שאן אויסגעפיהרט. אט בין איך א מחותן... אונ נא דיר טאטע, א חתונה!... זיא האט זיך א מיתה אנגעטהון, דאס איז ביי מיר ברור כשמש!"

חייעלע האט דיא הענד געבראכען אונ געוויינט, ר' שלמה האט וויא משוגע, די האר פון קאפ אונ פון בארד געריסען אונ ביא אלעם וואס האבען דיא שרעקליכע סצענע צוגעזעהן איז שוין געווים געוועזן, אז רחל'ע האט זיך דאס לעבען גענומען. מען איז צום טייך געלאפען, אונ איין וואסערטראגער האט דערצאהלט: געהענדיג מיט פולע עמער פון טייך האט ער פיער א זייגער פאר טאג געזעהן, ווי א פערוויקעלטער מענש האט זיך לויפען געלאזט צום טייך. דערנאך אז ער איז צוריק מיט די לעדיגע עמער צום טייך געקומען האט ער געזעהן, וויא א בויער האט פון ברעג צוגענומען א פעקעל זאכען אין זיין וואגען אריין אונ איז גיך אוועקגעפאהרן". דעם וואסער־טראגער האט מען באלד צו חייעלען געבראכט. אנפאנגס האט ער אויף קיין שלעכטס ניט געקלערט אונ האט דערצאהלט אפשר וואס ער האט טאקי געזעהן. אבער אז ער האט דערזעהן וואס פאר א יללה דא איז, האט ער מורא געהאט, מען זאל איהם ניט שולדיג מאכען, אז ער האט געקאנט ראטאווען אונ האט ניט געראטאוועט האט אנגעהויבען אבצולייקענען; אבער וואס מעהר ער האט געלייקענט דאס איז ביי אלעמען קלאר געווארן, אז ער ווייס אונ וויל ניט זאגען, אונ מען האט גוטען אונ מיט בייזען פערלאנגט ער זאל זאגען. אז מיט גוטען אונ מיט בייזען האט פון איהם מעהר א ווארט ניט ארויסבעקומען האט מען איהם מיט געוואלד אנגעש אונ שכורדהייט האט ער דערצאהלט: „איך האב געזעהן ווי רחל'ע האט זיך געטרונ איך האב זי געוואלט ראטעווען. נור ביז איך בין צום ברעג צוגעלאפען איז זיא

צום גרונד אראפ". הונדערטער מענשען זענען נאכגעלאפען נאך איהם בעת ער האט געפיהרט וויזען דעם ארט וואו רחל'ע האט זיך דערטרונקען. מען האט מיט שיפלעך און מיט לאנגע שטעקענס דעם גאנצען טייך דורכגעזוכט, אבער אלץ אומזיסט. מען האט אויפן מארק ביי אלע בויערן די וועגען בעזוכט, און קיין זכר פון דער דער־טרונקענער נים געפונען. ר' העניך האט דאס אונגליק דערהערט און איז מיט זיין ווייב און קינד געקומען צו לויפען און דאס געוויין אין שטוב איז נאך גראסער געווארן. שימעלע האט עס איז בית המדרש דערהערט און איז אין מיטען דאווענען געקומען צו־לויפען. „דאס הארץ זאגט מיר" האט ער געזאגט. רחל'ע לעבט, זי מוז לעבען און וועט לעבען! דער רבי זאל לעבען וועט ניט זאגען אזאך, וואס עס קאן ניט זיין! עס איז נור א עולה א גרויסע וואס מען האט דיא גמרא פערגעסען, אז מען דארף היטען א כלה אין די טאג פון דער חתונה... זאל מען קלאפען א דעפעשע צו איהם זאל לעבען, זאל ער טהון, פאלגט מיר, קלאפט שוין א טעלעגראף!"

שימעלעס טראסט האט דעם עולם אביסעל אויסגעצוכעט. יעדער האט זיך געוואלט טרעסטען, מען האט באלד טעלעגראפירט. דער חתן אבער האט זיך ניט געלאזט טרעסטען, ער האט געשווארן, אז אויב די כלה וועט זיך ניט געפינען, וועט ער זיך הענגען אדער טרענקען. ער האט זיך מיט פונפציג רובעל א מתנה אויסגערופען ווער עס וועט איהם ברענגען א ידיעה אז זיין כלה לעבט.

אין קיך האט מען דאס פייער אויסגעלאשען און אין שטוב האט מען קאלטע טיכער חייעלען צום קאפ געלעגט. ר' שלמה איז וויא משוגע געוועסן, מיט קיינעם א ווארט ניט גערעדט, ר' העניך מיט זיין ווייב און קינד זענען דעם גאנצען טאג דא געבליבען. דאס גאנצע שטאדטעל האט געקאכט וויא א קעסעל און קרובים און פרעמדע זיינען אין שטוב און ארום שטוב געשטאנען. מען האט מיט אונגעדולד ערוווארטעט די תשובה פון איהם זאל לעבען. אזיינער איינס איז די תשובה אנגעקומען.

„רבי טהוט, מהיילט צדקה, זוכט, איהר וועט געפינען!"

דיא טעלעגראמע האט דעם עולם א נייע נשמה אריינגעגעבען. „זעהט איהר, וואס האב איך אייך געזאגט?" האט שמעון ווי מיט נצחון גערעדט, זיא לעבט, דער רבי ווייס געוויס אז זי לעבט, דערפאר הייסט ער זי זוכען.

— הלואי זאלט איהר אמת זאגען, האט ר' שלמה מיט טהרערן געאנטווערט. נור וואו זוכט מען זי? מען האט אנגעהויבען זוכען אויף אלע ביידעם'ס און אין אלע קעלערן, מען האט ביי שכנים געזוכט, און אז מען האט ביא איהר אין צימער אנגעהויבען איבערקוקען וועלכע פון איהרע קליידער עס פעהלען, האט מען אונטער איהר לאמפ. א בריוועלע געפונען:

„ליעבע מוטער און ליעבער פעטער!

ניט זיך צו ענטשולדיגען נור אייך צו בערוהיגען שרייב איך איצט מיט א ציטערנדער האנד די עטליכע ווערטער! א אנדערע אויף מיין ארט וואלט אפשר אנדערש געטהון, נור וויל איך האב נאך אין מיין לעבען ניט געהערט, אז א יודישע טאכטער זאל אין זיך אזוי פיעל העזה, אדער מוטה האבען, צו דער חופה ניט צו געהן,

בעת כלי זמר שפילן און דער חתן ווארט שוין דארט אויפ'ן שולהויף אונטער דער חופה אויף איהר — איז מיר נור איין וועג געבליבען: נאך פריהער איידער די כלי-זמר זענען געקומען פון בריק אין וואסער צו לויפען. איך לייקען ניט, איך האב עס געזעכענט צו טהון; אבער איצט, בעת איך שרייב דיזע טרויעריגע ווערטער, בין איך פעסט בעשלאסען צו לעבען. איך וויל לעבען און האף צו גאט: ער פערגינט מיר דאס לעבען. אויף אלץ וואס איהר האט געגען מיין ווילען געטהון קאנט איהר נאך חרטה האבען און פעריכטען. דאריבער טאהר איך אויך געגען אייער ווילען אזא שריט ניט טהון וואס צו פעריכטען זאל שוין אונמעגליך זיין... איך ענטלויף פון אייך צו ערגעץ א קרובה אין א פרעמדער שטאדט, אומזיסט וועט אייער זוכען זיין. איך ווייס, איהר וועט פיעל קרענקונג און צער האבען, אבער פערגעסט ניט, אז מיין צער איז גרעסער און איך האב קיין אנדער ברירה געהאט. בײ גאט בעט איך: ער זאל אונז אלעמען צוגלייך מוחל זיין. איך ענטלויף ניט אליין, זכות אבות און דער טרייער ווילען פון מיין זיידען און זעליגען פאטער בעגלייטען מיך. בעט גאט פאר מיר, עס בעט אויך פאר אייך גאט אייער אונגליקליכע רחל'ע."

— צדיק ה' על כל הבא עלי! האט ר' שלמה אויסגערעדט אויפהעבענדיג אויגען און האנד צו גאט. אבי זיא לעבט, א לעבעדיגער מענש האט נאך א האפנונג. געלויבט ביזמו, מאריה דעלמא כלו!

— גאט איז מיין עדות, האט חיעל'ע אוויינענדע פון איהר זייט געזאגט, און זאל די גאנצע וועלט זאגען, אויב מיין קינד איז ביז איצט ניט געוועזן א פרום קינד א ברילאנט א קינד! איך זאג אייך דעם אמת, מחותן, איך ווייס גאר ניט איבער וועמענס זינד שטראפט עס מיר אזוי דער רבונו של עולם? איך בין געוויס ניט ארגער חלילה ווי אלע מאמעס און וואס קיין יודישער טאכטער איז נאך ניט געשעהן האט מיך בעגעגענט מיט מיין טהייער קינד!... וואס זאל איך לייקענען? אלץ פון דער צייט וואס זיא איז א כלה געווארן... גאט ווייס וועמענס זינד מיין עלענד קינד האט אויסצושטעהן?...

ר' העניך איז ביז איצט ווי א פערשטיינערטער געשטאנען, האטש ער האט דעם אינהאלט פון בריוועל ניט תופס געוועזן אין גאנצען האט ער אבער דאס קלאר גע-וואוסט, אז די כלה איז ניטא, זי איז פון דער חופה ענטלאפען געווארן און דאס אליין איז אויך גענוג בזיון און קרענקונג. אז ער האט חיעל'עס רייד דערהערט האט ער אפילו ר' פנחס'לס נביאות דערמאנט. נור דאס הערץ זיינס איז דערפון ניט געטראסט געווארן. ער האט שוין געוואלט ארויסגעהן הייסען שפאנען דיא פערד; אבער דער חתן האט זיך ארויסגעשטעלט. „ניין טאטע, זיי ניט ברוגז" האט ער געזאגט, „דאנק גאט וואס זי לעבט. איך בין מיין צער און בזיון מקבל באהבה, זיא וועט נאך חרטה האבען. אפשר זענט איהר געערגערט, מחותנת'טע, זאל עס אונז אלעמען זיין א אבקומענעש און לאמיר גאט דאנקען, וואס זי לעבט!

אלע וואס זענען אין שטוב געוועזן האבען געוויינט. ר' העניך איז אויך ווייכער געווארן און האט געפרעגט: וואס וועט איצט זיין? זאלן מיר אהיים פאהרן, אדער זיצען דא און די בזיונות אהיים ניט מיטפיהרען?

– וואס קאנען מיר אייך אין דער הייסער רגע אנטווערן? האט זיך חיהל'ע אפגערופען, ר' פנחס'ל וועט דאך הייגט זיין, ניטעלע דעם רבינ'ס און איהר ברודער ר' זלמנק'ע פאהרן דאך אויך. לאס מיר עלטער ווערן מיט א טאג. מיר וועלן הארן, איהר זעהט דאך ווי גרויס אונזער אונגליק איז. זעהט בעסער מען זאל זיא געפינען און אהיים ברענגען.

בערעלע שפאק און נאך א פאר מענשען פון זאוואד האבען זיך אויף אנגעזאטעלטע פערד געזעטצט און זיך געלאזען נאכיאגען דיא ענטלאפענע אויף פערשידענע טראקטען. עס איז ביי אלעמען געווים געוועזן, אז מען וועט זי כאפען און ברענגען צוריק אהיים. מען האט שוין אבגעקלערט א פלאן ווי מיט גוטען און מיט טרייקייט זי צו בעגעגנען און זעלבסט איהר קאפריז נאכצוגעבען זאל מען אבלעגען די חתונה אויף איין אנדער טאג. חיהל'ע האט אלץ געטענה'ט: „פאר וואס קומט עס מיר? וואס איך האב איהר אזוינס געטהון? האט דען מיין מאמע פון מיר אויך אזעלכע צרות געהאט? פון וואנען האט זיך צו מיין קינד אזא העזה גענומען? סיידען איך בין שוין ביים רבונו של עולם גאר נישט ווערטה. ער מוז מיר בעצאהלן מיט א סך נחת פאר היינטיגען טאג!" ר' שלמה אבער האט געזאגט: „דער גראסטער נחת וועט זיין אז איך וועל זי זעהן, איך באנג שוין נאך איהר. זי איז ניט שולדיג, אויף נאמנות ניט שולדיג! זכות אבות דערלאזען נאך אפשר דארט דעם שדוך ניט, און ניט איהר אייגענע דעה איז געוועזן צו ענטלויפען. הלואי זאל מען זי נור ברענגען, איך בין איהר אלץ מוחל! „סיידען די חופה איהרע וועט איהר מוחל זיין! האט זיך חיהל'ע אבגערופען, מיר האט זי א האלב לעבען אבגעקירצט!"

אין א פאר שעה ארום זענען צונעפאהרן צוויי פערמאכטע קארעטען, פון איינער איז ארויסגעשפרונגען א לאקיי מיט א שפיציגער בארד, מיט לאנגע פאות און נאך לאנגערע פאלעס און האט ברייט די טהיר פון דער קארעטע געעפענט, פון וועלכער עס איז ארויס א דיקע, זעהר שאנע פרוי, יודישליך געקליידעט און איז באלד אין שטוב אריין. פון דער אנדערער איז ארויס ר' פנחס'ל, נאך איהם ר' זלמנק'ע, און זענען אויך אין שטוב אריין.

די ווייבער האבען זיך היים צוקושט, חיהל'ע האט זיך זעהר צוויינט. — ווייגט ניט, חיהל'ע! האט ניטעלע געטראסט, וואס דען מיינט איהר איז דער צער פון גדול בנים? א קונץ איז נור נחת האבען? מען מוז פאר גוט אננעהמען אויך דעם צער וואס מען האט פון זיי און די אשה וואס זינדיגט הלילה געגען רבונו של עולם, אז עס מאכט זיך איהר מיט איהר קינד ניט אזוי ווי זי וויל, איז גאר ניט ווערטה קיין נחת צו דערלעבען פון קינדער!

– נאט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט! האט חיהל'ע געאנטווערט און אבגעווישט איהרע טהרערן, וועלכע זענען נאך אויף איהרע ברעמען געהאנגען. איך האב מיינע ליעבע גאסט אויף א שמחה גערופען, נור דער וואס לעבט אייביג האט מיין שמחה פערשטארט. איך בעט אייך ניטעלע, זייט מיין ליעבער טייערער גאסט האטש אזוי, ניט שוין וועט נאט קיין רחמנות ניט האבען און מיין צער ניט צוזעהן?

ניטעלע האט ווייטער געטראסט אונ געשוואָרן, אז נאָר אויף שמחות איז זיא אהערצו געקומען. "איהר קאָנט גאַנץ רוהיג זיין, חייעלע, האט זי געזאָגט, דער פאָטער זאָל לעבען האט אונז אָנגעזאָגט מיר זאָלען פאָהרען חייעלעס שמחה בעשאַפען. ער וואָלט אונז ניט געהייסען פאָהרען אויף א שמחה, אז ער וואָלט געוואוסט אז אייך שטעהט פאָר חלילה א צער אונ אומגליק." אז חייעלע האט זיך א ביסעל בערוהיגט האט ניטעלע ערצעהלט: אז אין דער רויטער קרעטשמע האָבען מיר היינט געדאוונט אונ האָבען געוואַרט, מסתמא וועט מען ארויספאָהרען אַנטקעגען. נור ר' פנחס'ל איז אונרוהיג געוועזען אונ האט געהייסען מען זאָל גאָר ניט וואַרטען אונ אריינפאָהרען אין שטאָדט. מען האט נאָך אָבער קיין צייט ניט געהאַט די פערד אייננצושפּאַנען איז א רייטער געקומען אונ די גוטע בשורה אונז אָנגעזאָגט. גאָט האט געמאַכט אונזער צער צו פרייד! איצט געלויבט איז ער וואָס זיא לעבט. געוואַלד חייעלע, מיר וועלען נאָך אין נחת דערצעהלען!

ר' פנחס'ל מיט ר' זלמנ'קען זענען אויך קיין אונמוטהיגע גאַסט געוועזען אונ האָבען זעלבסט די שטוביגע מענשען פרעהליך געמאַכט. ר' שלמה איז שוין דערמיט אליין געטראַסט געוועזען, וואָס רחל'ע לעבט. "אבי זי לעבט, א לעבעדיגער הונד איז בעסער פאַר א טויטען לייב!" האט ער אַלין גערעדט פאַר זיך. ר' פנחס'ל האט רחל'עס ברייוועלע איבערגעלייענט אונ אז ער האט ביי יעדען שטוב-מענשען אונ אויך ביי דער קראַנקער פייגען אויסגעפרעגט וואָס האט דיא ענטלאָפענע אין די לעצטע טאָג געטהון אונ גערעדט, האט ער פון פייגען אזוי פיעל פערשטאַנען, אז רחל'ע איז צו משה'לעס מוטער אוועקגעפאָהרען. ער האט תיכף טעלעגראַפירט: מען זאָל זי ניט האַלטען אונ אָבשיקען צוריק אהיים; נור פון דאָרט איז א תשובה געוועזען, אז זי איז נאָך ניט אָנגעקומען. דער עולם האט זיך אין גאַנצען בערוהיגט. ר' העניך אָבער איז שרעקליך אראָבגעפאַלען ביי זיך.

יב.

רחל'ע האט דעם גאַנצען טאָג ביי שרה'לען אין האַלב פינסטערן חדר'ל צו געבראַכט. וואָס זי טראַכט, וואָס דאָ איז מיט איהר? האט זיא כמעט אַליין ניט געוואוסט. מיט יעדען קלאַפּ אונ שאָרך וואָס האט זיך געהאָרט פון פאָדער חדר האט זיא געפיהלט, אז עס רייסט זיך איהר אָב א שטיק האַרץ אונ דאָס אַליין איז א סימן אז זי לעבט נאָך אונ איז נאָך אין פינסטערן קבר ניט בעגראָבען. שרה'לע האט אַלין געטהון וואָס אין איהרע כחות איז געוועזען זי צו בערוהיגען. איהר מוטהי מיט פרישע זעמעלעך צוגעטראָגען, פאַר איהר א פרישע הינער זופּ אויסגעקאָכט. נור רחל'ע האט איהר בעדאַנקט אונ געבעטען איהר היינט לאָזען צו רוה. שרה'לעס מוטער, וועלכע איז צו איהר דרינגענד צוגעשטאַנען זי זאָל עפּיס געניסען, דאָס האַרץ צו שטאַרקען, האט זיא געזאָגט: "טהייערע רבקה, אז עס וואָלט היינט מיין חופּה געוועזען וואָלט איך בעדאַרפט פאַסטען, מיט וויפיעל דאַרף איך איצט מעהר פאַסטען וואָס היינט וועט מיין חופּה ניט זיין!... ניין, היינט וועט שוין מיין חופּה ניט זיין!...

די אלטע האט מעהר ניט געבעטען און האט נור צוגעגרייט אלין אויף ביי נאכט אויף אבפאסטען זיך. אבער ביי נאכט האט שרה'לע רחל'ען שוין א שלאפענדע געפונען און די אלטע האט ניט דערלאזען זי וועקען. ביידע פרויען האבען די נאכט געוואכט און פייער אויפ'ן קיך האט געברענט. זיצענדיג אזוי אין זארג און צער האבען זיי בעקלארט ווי זיך ווייטער צו פיהרן, עס זאל קיין חשד ניט פאלען, אז רחל'ע געפינט זיך דא ביי זיי. „איך האב מורא, מאמע, זי זאל חלילה ניט קראנק ווערן ביי אונז, האט שרה'לע זעהר א בעזארגטע געזאגט, דערמאן זיך נור, אזא איידעל קינד ווי וועט זי דא אין אונזער חדר'ל לעבען? איין וואנד איז אין גאנצען אויוען. איך האב גאר קיין הארץ ניט דעם אויוען צו הייצען!

— דעם אויוען מוזטו הייצען מיין טאכטער! האט די אלטע איינגעוויזען, וואס וועט דער מיהלנער זאגען? איהם קומט שוין פאר א האלב זעקל מעהל. דירה געלד מוז מען געבען און דעם רבי'ן שכר למוד דארף מען געבען. עס איז טאקי א עלענד אויף איהר, ניט פערגעס אבער, אז ניט פאר נחת איז זיא צו אונז געקומען. גאט גיט ניט נור די קאלט נאך די קליידער נאך, אבער אויך די כחות נאך דער היטץ נאך... א גראסער פייער ברענט נעביך אין איהר יונגען הערצען. הלואי זאל זי איהר צער און קלעמונג קאנגען אריבער טראגען! פון אונזער היטץ וועט זי אין גיכען אויסגעלייזט ווערן. חוץ דעם טאר'ן מיר קיין שום נייעס ביי אונז ניט מאכען. דוא מוזט מיט דיין קאשיק געבאקס אריינגעהן צו דיינע בעלי-בית'טעס ווי אלע טאג, זאל קיין חשד ניט פאלען. זעה נור מיין טאכטער, אז דאס קינד זאל פון איהר ניט וויסען. א קינד קאן מיט איין ווארט מעהר קאליע מאכען וויא צעהן ערוואקסענע קאנגען פעריכטען... אזוי רעדענדיג זענען די ביידע פרויען מיט'ן בעגינען זיצענדע ענטשלאפען געווארן. אז רחל'ע האט אין דער פריה די אויגען געעפענט, האט זיא כמעט ניט געוואוסט וואו זי איז. ארום איהר איז פינסטער געוועזן און די פרעסענדע לופט איז געוועזן ניט אויסצוהאלטען. „וואו בין איך?“ האט זי זיך געפרעגט. „איז דאס ניט דער קבר מיינער, וואו מען האט מיך א לעבעדיגע בעגראבען? ניין! אליין בין איך אהער געקומען, דא איז מיר גוט, דא טראג איך מיין וועהטיג שטיל אין מיינעם הערצען. קיינער וועקט די וואונד ניט אויף, קיינער שיט קיין זאלץ אויף איהר. און דוא גאט אין הימעל, זעהסט מיינע ליידען אויך דא, זיי מיט מיר, פערלאז מיך ניט!“ זיא האט זיך שרעקליך פאנאנדער געוויינט. שרה'לע איז אריינגעקומען, רחל'ע איז איהר אויפ'ן האלז געפאלען און ביידע האבען פון דאס ניי געוויינט. „ווי גוט איז מיר ביי אייך! האט זי געזאגט, איהר פיהלט, איהר פערשטעהט מיך און איך בין ניט עלענד. ניט עלענד“ שרה'לע, אז איהר העלפט מיך וויינען אויף מיין עלענד!...“ דיא מוטער האט דערוויל טהיי אריינגעטראגען. רחל'ע האט געמוזט א גלאז טהיי מיט מילך אויסטרינקען. די אלטע האט איהר אויך א סדור צוגעטראגען. „טאמער ווילסטו דאווענען, דאוונען אב מיין טאכטער, דערוויל וועט פאר דיר א פרישע זופ פארטיג ווערן, האט זי געזאגט, לאז זיך ניט אב, כחות, מיין טאכטער, דארפסטו האבען דיינע עגמת נפש איבערצוקומען!“ ביידע פרויען זענען ארויסגעגאנגען נאך דעם זיי האבען דאס צימערל צוגעקליבען, א ביסעל דאס פענסטערל געעפענט און א קיהלע מארגענ-

לופט האט רחל'ען ניי בעלעבט. זי האט דעם סדור געעפענט אבער דאוונען האט זיא ניט געקאנט. זי האט יעדעס טייטש ווארט פון דאוונען געוואוסט; ניט דאס אבער בעט איהר הערץ איצט. „דו הארסט מיך, גאט! דו זעהסט מיין הערץ; אנטווער מיר גאט אין הימעל!" האט זי געבעטען אונ דעם סדור צוריק פערמאכט.

די אלטע האט איהר א טעלער הייזער זופ אריינגעטראגען. „עס מיין טאכטער!" האט זי געבעטען, פרישע זופ, עס מאג דער מלכות עסען!" רחל'ע האט איהר צוליעב געטהון אונ גענומען אפאר לעפעל צום מויל. איהרע טהרערן האבען איהר האלז אבער פערוואָרגען אונ זי האט קוים געקאנט אראפשלינגען. די אלטע האט פערלאנגט זי זאל אויך דאס שטיקעלע עוף אויפעסען. רחל'ע האט געפיהלט: זי וועט זיך מיט יעדען ביסען מוזען ווארגען — „איך קאן ניט, טהייערע רבקה!" האט זי געבעטען, דאס הערץ דריקט מיר, עס וועט מיר ניט וואויל בעקומען"; נור דיא אלטע האט זיא בעשוואָרן זי מוז עסען אונ זי האט איבערגעוואלד מיט אנגסט גענעסען. — „זאל דיר וואוילבעקומען!" האט זי איהר צוגעוואונשען אונ די אליין געלאזען.

פאר נאכט האט איהר שרה'לע א גערוס געבראכט פון פייגען, אז זי בעסערט זיך אונ האפט אין ניכען געזונד צו ווערען. „וואס מאכען דארט די יתומים'לעך? האט זי געפרעגט. „אויף מיין קינד געזאגט!" האט שרה'לע געאנטווערט, זיי האבען מיר דיא נייע מתנות בעוויזען, וואס ר' פנחס'ל אונ ניטעלע דעם רבינ'ס האבען זיי געבראכט. דאנקט פאר זיך מיין רחל'ע, גאט דאנק'ט פאר זיי אונ זייער מאמענ'ס זכות זאל זיין מיט זיי אייביג!". אויף דעם דריטען טאג האט רחל'ע מעהר ניט געוויינט, וועניגסטען האבען דיא בייזע פרויען איהרע טהרערן ניט געזעהן, האטש דיא צייט איז איהר לאנג געוועזען אונ מיט וואס זיא אבצוקירצען האט זיא ניט געהאט, זיא האט נור איין זאך געטהון: דיא מינוטען געצאהלט, דער טאג זאל אריבער. זיא האט געזעהן וויפיעל דיא בייזע פרויען פלאגען זיך פון איהרעטוועגען אונ וויא גערן זיי וואלטען אלץ געטהון איהרע ליידען דא צו פערגרינגערן. זיא האט אויך דיא פעראנטווארטליכקייט געפיהלט וואס דיא ארעמע אלמנה שרה'לע האט אויף זיך גענומען: א כלה אין דעם טאג פון ווער חופה צו בעהאלטען. דאריבער האט זיא שטיל געליטען אונ זיך ניט בעקלאגט, האטש זיא האט געפיהלט, אז דיא היטץ טריקענט איהרע לעצטע כחות אוים. — שרה'לע האט איהרע געבעקס אריינגעטראגען צו חייעלן ווי אלע מאל אונ האט אין קיך צוגעזעהן וויא מאָרגער אונ שמשים טראגען ארויס א געריכט נאך א געריכט אונ וויא דארט אין שטוב איז פרעהליך: מען עסט, מען טרינקט, ר' זלמנ'קע דעם רבינ'ס געהמט צו פדיונות, ר' פנחס'ל זאגט תורה, חייעלע פיהרט זיך אום מיט ניטעלען אאויסגעפוצטע א צופרידענע אונ האט אפשר גאר אין זינען ניט צו קלאר צו טהון וועגען איהר גוט קינד, וואס שמאכטעט ביי איהר אין דושנעם צימערל אונ דאס הערץ צוגעהט שרה'לען אונ זיא פרעגט ביי גאט קשיות: „פאר וואס טהוט זיך דאס אזוי?"

— הארסטו מאמע, האט שרה'לע קומענדיג א מאל צוריק פון חייעלען, צו איהר מוטער געזאגט. עס איז א פאלשע וועלט, איך וואלט עס גאר ניט געגלויבט, אז איך וואלט עס אליין מיט מיינע אויגען ניט געזעהן. חייעלע האט מיך געהייסען

צולאָזען צו ר' זלמנקע דעם רבינ'ס, איך האָב געזאָגט: איך וויל ביי איהם א ברכה בעטען אויף מיין פינסטערן מזל. מיינסטו, האָט מיר זיין גבאי אריינגעלאָזען אומזיסט? דרייסיג קאָפּייקעס האָב איך איהם געמוזט געבען פאר א קוויטעל אויפשרייבען און צוואַנציג קאָפּייקעס ווידער ביי דער טהיר פאַרן אריינלאָזען. ר' זלמנקע, ניט זינדיגען זאָל איך מיט דיא רייד, איז געוועזן שכורלעך וואָלט איך שווערן. „ווייבעל וואו איז דיין פּדיון?" איז זיין ערסטע שאלה געוועזן. איך האָב געהאַט נאָך צוואַנציג קאָפּייקעס און האָב אויפ'ן טיש אוועקגעלעגט. מיינסטו האָט ער ניט צוגענומען? פון טוידטע, פון לעבעדיגע, אבי גיב! „געה אהיים, גאָט וועט דיר העלפען!" האָט ער געזאָגט. א דאַנק איהם! דאַכט זיך, אז גאָט ברוך הוא איז ניט מחויב א שכורן יודען צו צו־האָרן; נור נאָך ניט דאָס וויל איך דיר זאָגען. ארויסגעהענדיג, האָט דער גבאי, ניט ר' פּנחס'ל, אַזוי איינער — דאַכט זיך וואָס רעדט גאָר מיט גאָט — מיר אין אויהער אריינ־גערעדט א וואָרט, וואָס פּאַסט ניבער פאר א סאָלדאַט איידער פאר א רבינ'ס א גבאי... א פאַלשע וועלט, א פערנאַרטע וועלט!

— מיין טאָכטער, האָט דיא מוטער געטרעסט, אין דער וועלט זענען דאָ גוטע און שלעכטע און מען ווייס באמת ניט וואו איז דאָס גוטס און וואו איז דאָס שלעכטס. זיי פונדערסטוועגען ניט קליגער פון דער גאַנצער וועלט, דוא מיינסט אז א מאַנשביל רעדט שוין אויס א גראָב וואָרט איז ער שוין א הולטיי חלילה? מיר האָט א מאָל א יוד א חסיד אתרוג געזאָגט: דאָס טהוען זיי, כדי צו קאָנען ברעכען דעם יצר הרע. ניט זינדיג מיין טאָכטער, מען טאָהר א יודען ניט חושד זיין!

אזוי זענען אריבער געגאַנגען דריי טאָג. רחל'ע האָט נור געוואוסט, אז דיא טהייערע גאַסט זענען געקומען און זענען נאָך ניט אוועקגעפאָהרן; אבער פון דער גדולה פון איהר טאַטענס הויז האָט איהר שׂרה'לע א איינציג וואָרט ניט ערצאָהלט. פרייטאָג פאר נאַכט האָט דיא אַלטע דריי ליכטלעך אריינגעטראָגען, רחל'ע האָט דיא ליכט אָנגעצונדען און דיא ברכה געמאַכט. דיא אַלטע האָט דיא ליכטלעך באַלד צוריק ארויסגעטראָגען. רחל'ע האָט זעהר געוויינט, דעם ערסטען מאָל אין איהר לעבען פרייטאָג צו נאַכט אין דער פינסטער צו זיטצען; נור זיא איז צופרידען געוועזן ווענינסטען דערמיט וואָס דיא שבת געבענשטע ליכט זעהען איהרע טהרערן ניט און וואָס דיא גוטע פרויען זעהן ניט ווי זיא וויינט. — אביסעל שפּעטער האָט זיא אין איהר חדר'ל דערהערט, וויא שׂרה'לעס יונגעל איז פון שול געקומען מיט א פרעהליכען „גוט שבת!" זיא האָט זיין זיס קולכעל געהערט וויא ער האָט „שלום עליכם" געזונגען. ביז איצט האָט דיא מוטער דאָס קינד כמעט אין שטוב ניט אריינגעלאָזען, זעלבסט עסען פלעגט זיא איהם געבען אין הויף אויף א באַנק און פלעגט איהם שיקען שפּילען מיט זיינע חברים און ערסט שפּאַט, אז מען פלעגט שוין דאָס לאָמפּעל אויסלעשען פלעגט זיא איהם אין שטוב אריינגעהמען. נור איצט, פרייטאָג צו נאַכט קאָן מען אויף א באַנק אין הויף ניט עסען און דאָס קינד איז דער איינציגער מאַנשביל זייערער קדוש צו מאַכען. זיא האָט אויך זיין קדוש געהערט און שטיל אמן געאַנטווערט, אז זיי האָבען דיא וועטשערע אָבגעגעסען האָט דיא אַלטע געהייסען קריאת שמע לייענען און זיך שלאָפען לעגען. „איך וויל נאָך ניט שלאָפען" האָט זיך דאָס קינד געבעטען.

איך וועל אייך, באבע, דיא חומש פערטייטשען וואס איך האב פון היינטיגער סדרא געלערנט. איך קאן שוין מפטיר לייענען, אט הארט ווי איך לייען!" אבער די באבע, וועלכע האט איהר עניקלס תורה שטאנדיג מיט גליק און פערגניגען צוגעהארט האט איצט זעלבסט זיין מפטיר לייענען ניט געוואלט צוהערן. "מארגען, מארגען, מיין זוהן, האט זי געזאגט, איצט איז דיין מאמע ניט געזונד, ווערסטו. זי שלאפט שוין!" שרה'לע האט זיך שלאפענדיג געמאכט, דאס קינד האט קריאת שמע אבגעלייענט, "א גוטע נאכט", געזאגט און זיך שלאפען געלעגט אויף דער ערד נעבען טהיר. רחל'ע האט זיין "גוטע נאכט" געהערט און איהם "א גוט יאהר" צוגעווינשען שטילערהייט. אז דאס קינד האט שוין געשלאפען האט שרה'לע רחל'ען אין איהר זאאל אריינגעפיהרט און זי האט געמוזט עסען פון די שבת'דיגע געריכטען. "גאט צאהלט, מיין קינד, דיין יעדען ביסען וואס דו עסט לכבוד שבת און ער וועט דיר פאר איטליכע א יאהר פול מיט פרייד און נחת בעצאהלען, האט די אלטע געזאגט.

ביז איצט פלעגט רחל'ע רוהיג שלאפען; די נאכט אבער איז זי אויף איהר בעט געלעגען און ניט געקאנט אנטשלאפען ווערן פון דער היטץ אין צימערל. ליגענדיג אזוי וואכענד האט זיא ערשט דערהארט דעם זיסען קאנצערט פון גריללען און טאראקאנעס, וועלכער האט פון אלע לאכער און שפאלטען די גאנצע נאכט ניט אויפ־געהערט. אין איהר צימער, אין איהר היים האט זי עס קיינמאל ניט געהערט און זי האט געמיינט איהר ווערט א לאך אין מוח דאס הארענדיג. א צונאב דערצו האבען די מייז זיך ארויסגעלאזען מיט א פישטשעריי און איהר אנגעשט און שרעק איז אלין גראסער געווארן. זיא האט געוואלט פון בעט אראב שרה'לען אויפוועקען און בעטען איבערשלאפען די נאכט אין זייער חדר; אבער אין מיטען האט זי זיך דערמאנט, ווי מיד, ווי אנגעהארעוועט די ביידע פרויען זענען שלאפען געפאלען און האט קיין הערץ ניט געהאט זיי צו וועקען; אבער נאך מעהר האט זי מורא געהאט טאמער וועלן זיי מערקען ווי שלעכט איהר איז אין זייער צימערל. "זיי זענען אויך מענשען פון בלוט און פלייש ווי איך און זענען צו געוואהנט צו דער היטץ ווי צו די גרילען, פאר וואס זאל איך מיך ניט צוגעוואהנען?" נור איהר אויהער איז פון דער טראסט ניט קלינער געווארן און דאס גרילצען האט איהר מוח געשפאלטען. אז עס האט צו בעגינען אנגעהויבען האט זי שוין א דרעמל געטהון, אבער פלוצלונג האט זי א יאמערליך געוויין דערהארט פון אונטער איהר פענסטער. זיא האט אנגעפאנגען געמיינט: איהר דאכט עס נור, באלד אבער האט זי זיך איבערצייגט אז זי הארט ווירקליך: עס וויינט א קינד. "א, איך האר, מיר דאכט ניט, איך בין וואך און איך האר. ווער וויינט עס דא אונטער מיין פענסטערל? וויינט עס ניט מאטעלע, מיין ברודערל? יא, מאטעלע, עס וויינט אויך דאס קליינע ברודערל יאסעלע, אויך מירעלע, מיין עלענד שוועסטערל וויינט! ווער האט אייך האלבע נאכט ארויסגעטריבען קינדערלעך? וויא האט איהר געוואוסט צו מיר צו קומען, עלענדע יתומים'לעך?! און וואס ליג איך?" זי האט זיך מיט שרעק א הייב געטהון און איז צום פענסטערל צו. זיא איז זיכער געווען, אז איהרע ברידערלעך וויינען און קלאגען עס אזוי. נור קוים האט זי דאס פענסטערל אבגעשפארט זענען צוויי קאטץ אראבגעשפרונגען און דאס געוויין האט אויפגעהערט.

מיט אַ האַרץ קלאַפּען האָט זי זיך צוריק אַוועקגעלעגט. אָבער אַנטשלאָפען ווערן האָט זי שוין ניט געקאָנט. אַז שׂרה'לע מיט איהר מוטער זענען שוין וואַך געוועזען איז זיא פאָרט אַנטשלאָפען געוואָרן; נור זי האָט ניט פיעל געשלאָפען. שׂרה'לע האָט געהאָרט איהר פערשטיקטע געשריי פון שלאָף אונ איז באַלד אַ צושראָקענע אַריינגעלאָפען. איהר די האַנד פון הערצען אַראָבגענומען אונ זי אויפגעוועקט. איהרע אויגען זענען איהר איצט, פון געשטאָרטען שלאָף, ווי מיט זאַמד אָנגעשאָטען געוועזען. „אַך, שׂרה'לע!" האָט זי אויסגערעדט מיט אַ שווערן זיפץ אונ איז איהר בעשטערין אויפ'ן האַלז געפאַלען. „וואָס איז דיר רחל'ע?" האָט שׂרה'לע געפרעגט, דו האָסט די האַנד אויפ'ן האַרצען געהאַלטען, דערפאַר האָט זיך דיר געחלומט געוויס מי יודע וואָס. „גאָר ניט, גאָר ניט!" האָט זי געאַנטווערט אונ ווי אַ קליין קינד וואָס שרעקט זיך צו איהר זיך נאָך מעהר צוגעטולעט. „אָ, באַהיטעט מיך אויך וואַכענד פון די האַנד וואָס יאָגען מיך, ווי איהר האָט מיך איצט אין שלאָף פון פיין געראַטעוועט!...."

שׂרה'לע האָט קיין הערץ געהאַט זי אַליין צו לאָזען. רחל'ע האָט פּלוצלונג צוגעבויגען איהר קאָפּ צום פענסטער'ל. „האָרט איהר אויך ווי מיינע ברידערלעך וויינען?" האָט זיא מיט אַ אַנגעשטאָפּעלטער שטימע אויסגערעדט. איך ווייס ניט וואָס מיר איז געשעהן, מיר דאַכט אַלץ: איך האָר אַ געוויין אונ דאָס הערץ צוגעהט מיר!.. „די אַלטע איז אויך אַריינגעקומען אונ האָט געהייסען רחל'ען אויס שפּייען דריי מאָל אונ דערמאָנען אַז היינט איז שבת, ביידע פרויען זענען אַ גאַנצען טאָג נעבען איהר געזעסן.

אונ דאָרט ביי חייע'לען אין שטוב איז שוין לאַנג אַזאַ פרעהליכער שבת ניט געוועזען ווי דער שבת וואָס ר' פנחס'ל אונ ר' זלמנ'קע מיט גיטעלען זענען דאָ נאַכט געוועזען. „פע, עצבות! האָט ר' זלמנ'קע אַליין חייע'לען געזאָגט, אַז עס איז אַ מאָל צו רעד געקומען ווי אונרוהיג זי איז, וואָס זי ווייס נאָך קיין קלאָרע ידיעה ניט פון איהר טהייער קינד. „אַ יוד, אָדער אַ יודישע טאָכטער אפילו, וואָס האָט אַ אמת'ן בטחון אין דעם בורא ברוך הוא, פאַלט ביי זיך ניט אַראָב אפילו ווען איהם טרעפט אַ אונגליק, בפרט אַז מען ווייס נאָך ניט ברור, צו דאָס איז גאָר אַ אונגליק!" אויך ר' שלמה'ן האָט ער ערקלאָרט פאַר וואָס מען טאָהר ניט אונמוטהיג זיין." דער רבונו של עולם, האָט ער געזאָגט, איז דער מקור פון אַל דאָס גוטס, דער מקור פון ליכט אונ פון שמחה! געגען דעם איז דאָ אַ סטרא אחרא, אַ שטן המשחית, דער מקור פון שלעכטס, פון פינסטערניש אונ פון עצבות. קומט אויף אַ מענשען אַ אונגליק חלילה איז דאָס נור אַ מעשה שטן, זיין כונה איז: צו ברענגען דעם מענשען לידי עצבות, וואָרום די עבודה פון שטן איז די עצבות רחמנא ליצלן. דאַריבער, אַז מען איז אונמוטהיג איז גלייך ווי מען וואָלט ברענגען אַ קרבן צום שטן; אָבער מיר ערליכע יודען, וואָס מיר דינען דעם בורא ברוך הוא, מוזען מיר איהם דינען נור בשמחה אונ פרעהליך זיין אפילו אין אַ עת צרה! אונ טאַקי דאָס מיינט דער פסוק: „עבדו את ה' ביראה וגילו ברעדה". עבדו את ה' ביראה, ווען זענט איהר עובדים מיראה: ניט אַז איהר פאַסט אונ וויינט, ניין, וגילו ברעדה: אַז איהר פרעהט אייך אפילו ברעדה, אפילו בעת איהר ציטערט פון שרעק. אונ דאָס איז דער ענין פון תיקון ביי אונז חסידים: מתקן צו זיין וואָס דער שטן מאַכט קאַליע אין אונזער נשמה; מיר טרינקען יי"ש צו אַ קבורה אַזוי ווי צו אַ ברית, צו אַ יאָהרצייט

אזוי ווי צו א שמחה, כדי להכעיס את השטן: ווארום מיתה אויף דער וועלט האט געבראכט דער נחש הקדמוני וואס ער איז טאקי דער שטן; אבער אז מיר זענען בשמחה אפילו אין דער צייט פון א אונגליק, ווייזען מיר איהם, אז מיר גלויבען אין איהם ניט. דו שטן האסט געמאכט מיר זאלן שטארבען. אבער דער בורא עולם בחסד איז מחיי מתים ברחמים רבים; דו שטן מאכסט מיר זאלן פאלען, מיר זאלען קראנק זיין; אונזער בורא יתברך איז אבער א סומך נופלים, ארופא חולים אונ מיר האבען פאר דיר גאר קיין מורא ניט! דאריבער מוזען מיר על כל צרה שלא תבא זיין פרעהליך! לחיים יודען, לאמיר פרעהליך זיין!"

דער עולם האט דיא תורה געהערט אונ זיך פרעהליך געמאכט. ר' שלמה האט זיך אויך געשטארקט אונ האט זיך ווענינסטען פרעהליך בעוויזען. ניטעלע האט אנגעהויבען איינרעדען חייעלע: אזוי ווי אלין איז שוין צוגעגרייט צו א שמחה זאל מען טאקי שטעלען חופה אין א גוטער שעה מיט ר' פנחס'לען.

— ווי זאל איך עס? ווי קאן איך עס? ניטעלע, לעבען זאלט איהר! האט חייעלע מיט טהרערן אין די אויגען געטענה'ט. איך ווייס נאך אפילו ניט וואו מיין רחל'ע איז, ווי קאן איך פאר זיך יוצא זיין חופה צו האבען? וועה איז מיר, וואס וועט דיא וועלט זאגען?

ניטעלע האט איבערגערעדט מיט ר' פנחס'לען אונ אין דעמזעלבען טאג האט מען דערצאהלט, אז עס זענען מענשען געקומען וועלכע האבען זיך מיט רחל'ען אין וועג בעגעגענט אונ זי האט זיי געזאגט: זי וועט קומען צו דער מוטער בעת זי וועט שוין זיין אין ווינאגראדקע. זי איז שוין מודה אז זי איז אונגערעכט אונ שאמט זיך פשוט צוריק אין שטאדטעל די אויגען צו ווייזען. דיא ידיעה האט זיך אנגעפאנגען אין בית המדרש געוואוועט, פון בית המדרש איז זי ארויס אין מארק, פון מארק אין די קראמען אריין אונ פון דיא קראמען האט מען זי צוטראגען מיט טויזענד אנדערע ליגען, ביז זי איז צו חייעלען אנגעקומען. קיינער האט ניט געוואוסט פון וואנען שטאמט אייגענטליך דיא ידיעה; נור אלע האבען געוואוסט, אז איצט איז שוין רחל'ע אין ווינאגראדקע אונ געפינט זיך אין רבינ'ס הויף צווישען זיינע קינדער אונ עניקלעך. ניטעלע האט חייעלען א בריף געוויזען פון איהר שוועסטער, אין וועלכען זי שרייבט אויסדריקליך: חייעלע זאל ניט זארגען, רחל'ע וועט קומען איהר מחילה בעטען. אין דעמזעלבען בריף איז אויך אגערופן געוועזן צו ר' העניך'ס ווייב, אז זי מאג זיכער זיין אז איהר קינד'ס כלה איז חלילה ניט ענטלאפען מיט איהר אייגענעם ווילען, א שטיינער וויא עס ענטלויפט א פערשייט מאדעל. רחל'ע איז א ערליך קינד אונ געפינט זיך איצט צווישען ערליכע מענשען וואס דארפען דיא מליצים זיין דעם שדוך ערשט אויס-צוגלייכען." דאס בריוועלע האט אלעמען בערוהיגט אונ מען האט גאט געדאנקט.

ביז איצט איז מען נאך מיט ר' העניך'ן ניט פארטיג געוועזן: ער האט אפען געזאגט: אז ער וועט איין קאפעקע ניט שענקען פון דעם קנס וואס איז אין די תנאים איינגעשריבען. פנחס'לען האט מיה געקאסט איהם צו בעווייזען אז ניט חייעלע איז די משנה אבער ער, ווייל חייעלע זאגט ניט חלילה, אז זי וויל דיא תנאים אבלאזען. אדרבא, דער משנה וויל ער נאר זיין, איז טאקי מעהר יושר אז ער זאל צאהלן קנס; נור ר' העניך'ן

זענען ר' פנחס'לס רייד היינטיגס מאל אין קאפ ניט געקראכען. ער האט צייטענווייז אנגעהויבען קלערן: „צו איז ניט ר' פנחס'ל קליגער אלס פרימער? בודאי דארף ער איצט האלטען היילע'ס צד מעהר ווי מיין צד!" האט ער געקלערט, סיידען דער רבי זאל לעבען אליין וועט דעם יושר זאגען." מיט דעם בעשלוס האט ער זיין ווייב אונ קינד אבגעשיקט אהיים אונ איז אליין געבליבען דא אנייע ארדנונג איינצופיהרן אין דעם זאוואד. איצט אבער, אז ער האט דערהערט אז די כלה האט שוין חרטה אונ געפינט זיך צווישען רבינ'ס פאמיליע אין זיין הויז, האט ער געזוכט מיט ר' פנחס'לען שלום צו ווערן. ר' פנחס'ל האט איהם געזאגט: „איך פערשטעה, אז איהר האט מיך חושד געוועזן: אז איך בין א נוגע בדבר; איך וועל אייך אבער ניט מוחל זיין, סיידען איהר וועט פועל זיין ביי הייע'לען עס זאל די טאג דיא חופה זיין!" ר' העניך האט אלץ אנגעווענדעט אונ האט ענדליך פועל געוועזן: מען האט די חופה בעשטימט. ר' שלמה האט אויך געזאגט ער איז מסכים אונ אויף מארגען אבענד איז חייע'לע געווארן ר' פנחס'לס ווייב בחופה וקדושין כדת משה וישראל. איין ר' שלמה האט ניט געקאנט אמת פרעהליך זיין. פאר ר' זלמנ'קען האט ער עס מודה געוועזן. „במסתרים תבכה נפשי! האט ער געזאגט, וואס טהוט מען? ווי קאן איך באמת פרעהליך זיין, בעת איך דערמאן אז די שמחה איז איינענטליך מיין קלאג? דער געשטארבענער ברודער שטעהט מיר ווי א לעבעדיגער פאר מיינע אויגען אונ מיר ווילט זיך וויינען בעת אלע פרייהען זיך..." „איהר דארפט האבען תיקון, ר' שלמה! האט ר' זלמנ'קע געאנטווארט אויסהערענדיג זיין צער. פאלגט מיר, פאהרט מיט אונז צום טאטען, דער טאטע זאל לעבען וועט אייך מתקן זיין איהר זאלט קומען צו דער מדרגה פון א חסיד עובד ביראה. איהר מוזט צו דער מדרגה קומען, איך וועל אליין דעם טאטען זאל לעבען בעטען פאר אייך.

ר' שלמה איז געטרעסט געווארן אונ האט געהאפט באלד צו דער מדרגה צו קומען פון „וגילו ברעדה". — אלע האבען פון חייע'לעס חופה געוואוסט, אלע האבען הנאה געהאט. ווער אין קליינ'ץ איז ניט א חסיד אונ וועלכער חסיד וועט זיך אבזאגען אויף ר' פנחס'לס שמחה א טרונק בראנפען צו טהון? בפרט אז דעם רבינ'ס עלטעסטער זוהן ר' זלמנ'קע איז נאך דא אין שטאדטעל, זאגט תורה, נעהמט צו פדיונות פון יעדען וואס ניט, פון איטליכען וויפיעל ער ברענגט אונ דינגט זיך ניט, ווי דארט ביי איהם אין דער היים! אונ דריי טאג אונ דריי נאכט איז אין שטאדטעל שמחה וששון געוועזען. זעלטען ווער עס האט מיט ווייב אונ קינד אין דער היים מיטאג געגעסען. זעלטען ווער עס איז אין דריי טאג ניט איינמאל שכור געוועזן... אונ עס האבען פון דער שמחה זעלבסט קינדער אין דיא וויעגען געוואוסט, וועלכע האבען זיך הונגריגע געביך, גענוג אנגעשריען בעת זייערע פרומע מאמעס זענען אלס געבעטענע גאסט ביי חייע'לען געוועזן אין שטוב, אדער אלס ניט געבעטענע — אריינגעקוקט דורך דיא אפענע פענסטער חייע'לעס גדולה, אויפן גאס ארום שטוב.

ניט געוואוסט פון אלעם דעם האט נור רחל'ע. זי איז ווי א לעבעדיג בעגראבענע געזעסען אין שרה'לעס האלב פינסטערן דושנעם חדר'ל. די וועלט ניט געזעהן אונ פון דער וועלט נור געוואלט וויסען: וואס טהוען איהרע ברידערלעך אונ שוועסטערל? וואס מאכט פייגע? ווען וועט זי שוין קומען ארויסנעהמען זי פון איהר ענגען קבר?

מעהר אלס דאס האט זי ביי שרה'לען קיינמאל ניט געפראגט, האטש איהר הערץ האט זעלבסט נאך איהר מוטער געבאנגט אונ דער געדאנק וואס די מוטער האט געוויס פון איהר פערפאלען ווערן עגמת נפש, מוז אויסשטעהן לייטישע רייד, האט זי געפייניגט אונערבארמליך. פייגע האט שרה'לען אנגעזאגט: פון איהר מאמעס חופה רחל'ען ניט דערצאהלן. „געגוג איהר די פיין וועלכע זי האט אליין מיטגענומען, האט זי שרה'לען געזאגט, „זי האט גאר אזוי פיעל כח ניט נאך א נייען צער אויסצוהאלטען. זאגט איהר, אז מיר ווערט אויך בעסער אונ איך וועל באלד קומען צו איהר. זאל זיא זיך טראסטען, מיין עלענד קינד!" — שרה'לע האט טריי איבערגעגעבען פייגעס רייד. רחל'ע האט רוהיג אויסגעהערט, ניט איבערפראגט, מען זאל ניט מערקען וואס ביי איהר אין הערצען טהוט זיך אונ שרה'לע האט ניט געוואוסט אז שוין דריי נאכט האט רחל'ע כמעט ניט געפרובט ענטשלאפען ווערן אונ איהר איז שוין דאס לעבען איבערדריסיג געווארן. נור זי האט זיך ניט בעקלאגט אונ שטיל איהרע פיין געליטען. איינמאל אז שרה'לע האט איהר געזאגט, אז איהרע מחותנים ווארטען נאך, האט זיא שטיל אויס־גערעדט: „מיין לויה וועלן זיי דערווארטען! א, ניט, פיעל, ניט פיעל וועט עס נאך געוואהרן!..." שרה'לע איז פערציטערט געווארן פון די ווערטער אונ פון דעם אינגערליכען זיפץ מיט וועלכען זי האט זיי ארויסגערעדט. זי האט זי טראסטען אנגעהויבען אונ ניט געקאנט איהרע טהרערן איינהאלטען.

— ניט טראסט מיך, שרה'לע, ניט וויינט! האט רחל'ע געבעטען, לעגט אייער האנד אויף מיין הערצען ארויף אונ זעהט, אז נור א שטיין א שווערער ליגט איצט אויף דעם ארט, וואו עס איז א מאל א הערץ פון פלייש אין מיר געוועזן. ניט פון אייזען, שרה'לע, איז דער מענש, ניט פון שטאל איז מיין הערץ, עס מוז צופוילט אונ צעריסען ווערן!.....

שרה'לע איז פון די רייד אזוי גערירט געוועזן אז זי האט נור וויינען געקאנט. רחל'ע האט אויך געוויינט. אויף מארגען, אז שרה'לע האט זי געפראגט: ווי פיהלסטו דיך היינט, רחל'ע? האט זי געאנטווערט: „בעסער, בעסער, שרה'לע!" אבער אין איהר טאן איז עטוואס בעהאלטענעס געוועזן וואס האט דער גוטער פרוי נור אנגסט געמאכט.

— שרה'לע, האט רחל'ע ווידער אנגעהויבען רעדען. איך האב תשעה באב אויפן בית עולם דעם סוף פון מענשען געזעהן. איך בין דערביי געשטאנען ווי מען האט שיינדעלע ר' חיים'ס אין פינסטערן קבר אראבגעלאזען אונ מיט ערד בעשאטען. איך האב אהן שרעק אונ אנגסט גיט געקאנט דערמאנען וואס איך האב געזעהן; אבער אז איך בעדענק איצט, אז דער סוף איז אויך דער סוף פון אלע לעבענדע, אונ אזוי ווי שיינדעלען האט מען אויך אונזערע הייליגע אבות, אונזער געטליכען משה רבינו אונ אויך מיין קלוגען זיידען אונ ליעבען פאטער אין א ענגען קבר אראבגעלאזען אונ מיט ערד בעשאטען, פראג איך: איז דען ווירקליך דער סוף אזוי טרויעריג אונ שרעקליך ווי מיר זעהען איהם מיט אונזערע אויגען? איז דען גאט דער גוטער אזוי שלעכט אונגעפראגט אונז לעבען צו לאזען, כדי צו אזא טרויעריגען סוף אונז צו צופיהרען? ניין, שרה'לע, ניט דאס וואס מיר זעהען מיט אונזערע אויגען איז דער סוף פון אונז;

נור א טהיר א פינסטערע איז דער קבר, וואס פירט אונז פון דער נארישער וועלט ארויס אונ אין יענע בעסערע ליכטיגערע וועלט אריין! אהין, וואו אלעס איז גוט וואו אלעס איז אמת אונ טריי, וואו מיין זיידע אונ מיין טרייער פאטער ווארטען אויף מיר. אהין ציהט איצט מיין הערץ ווי מיט צוואנגען. דארט, וואו עס איז קיין רבי, קיין ר' פנחס'ל ניטא וויל איך אויף דעם ווארטען דער וואס איז מיר ליעבער ווי מיין לעבען!... אך, שרה'לע, ווי צופרידען וואלט איך איצט מיט א יונגען טוידט זיין, ווען דער איין געדאנק זאל מיך אזוי ניט פייניגען, וואס איך לאז דא מיינע עלענדע ברידערלעך אונ מיין ליעב קליין שוועסטער'ל אזוי עלענד, אזוי אליין!... יא, אויך וואס מיין משה'לע וועט מיך ניט פערגעסען קאנען אונ וועט וויינען נאך מיר!...

איהרע טהרערן האבען איהר שטימע פערשטיקט אונ זי האט ביטערליך געוויינט. שרה'לע האט מיט ניט בינדיגע ווארטער זי צו טראסטען געזוכט.

— ניין, שרה'לע, ניטא נאך אזא פיין ווי דער פיין וואס פיהלט מיין הערץ איצונד! האט זי ווידער אנגעהויבען. צו וואס האט גאט אזא ליעבע אין מיינעם הערצען אנגעצונדען, בעת ער האט מיך אזוי שוואך בעשאפען ניט איבער דולדען צו קאנען די לייד אונ פיין וועלכע די ליעבע האט מיר געבראכט? צו וואס האט ער אזוי פיעל רחמנות אויף די עלענדע קינדער אין מיר אויפגעוועקט, בעת איך האב קיין כח ניט זיי צו העלפען? א, איך בעט אייך שרה'לע, ווען ער וועט קומען אונ מיך שוין דא ניט מעהר געפינען, זאלט איהר איהם זאגען, אז דארט, וואו א מוטער פערשטעהט איהר קינד, וואו א טרייער פעטער ווערט מיט זיין טרייהייט ניט פערפיהרט פון פאלשע מענשען, דארט אונטער דעם אייביגען שאטען פון יענעם אונענדליכען בוים, פון וועלכען ער האט מיר א מאל ערצאהלט, דארט ווארט איך מיט געדולד אונ פרייד אויף איהם!... קיין צייט וועט מיר ניט צו לאנג זיין, קיין עוויגקייט – צו פיעל!... פון מיינע ליידען אונ פיין דא, דערצאהלט איהם ניט, שרה'לע, צו וואס זאל ער עס וויסען? צו וואס זאל ער אין כעס זיין אויף די, וועלכע האבען עס מיר געטהון?!...

שרה'לע האט מיט טהרערן אלץ וואס זי האט פון איהר געהערט דער מוטער דערצאהלט. „שרעק דיך ניט, מיין טאכטער, האט די אלטע געטראסט, דאס הערץ טהוט איהר נעביך וועה, גלייכער אז זי וויינט זיך אויס איידער זי קלויבט איהרע ביטערע טהרערן אין זיך". — פונדעסטוועגען האט זיא אליין ביי א געלעגענהייט רחל'ען ערקלערט וואס פאר א שווערע זינד עס איז ווען א מענש בעט א טוידט אויף זיך.

— גאט וועט דיזע זינד מיר מוחל זיין! האט רחל'ע געאנטווערט, ער ווייס, אז דאס לעבען איז מיר אלע מאל ליעב אונ זיס געוועזן! ניט איך, גוטע רבקה, האב דיא וועלט פערדארבען, ניט איך האב דאס לעבען מיר ביטער געמאכט... אנדערע האבען עס געטהון...

— אבער ווער זענען דיא אנדערע? האט זיך דיא אלטע אפגערופען, האר נור וואס דוא רעדסט, רחלע! ניט קיין שונאים חלילה, זענען אויף דיר אנגעשטאנען, דיין אייגענע מוטער, רחלע, דיין פרומער גוטער פעטער!... פערלאנגסטו פון גאט אויף זיי א שטראף וואס זיי האבען אפשר נאריש געטהון, דיך צו צווינגען צו דעם וואס דיין הערץ דערלאזט דיך ניט?

רחלע איז פון דער פראגע אזוי געריהרט געוועזן אז נור איהרע טהרערן האבען פאר איהר געאנטווערט.

— זעה־זשע, מיין קינד, האט דיא אלטע זיא קושענדיג געזאגט, זעה־זשע, אז דוא ביזט נאך א קינד, דיין געפיינינגט הערץ אין דיר ווייס איצט אליין ניט וואס עס וויל אונ צומישט דיין מוח צו טראכטען אזעלכע געדאנקען וואס זענען א זינד געגען דעם וואס לעבט אייביג.

— בעט גאט פאר מיר, רבקה! האט זיא הליפענדיג אויסגערעדט, בעט איהם ער זאל מיר מוחל זיין! איך בין אללעמען מוחל, אללעמען, טהייערע רבקה!...

— אט אזוי רעד, מיין קינד! האט דיא אלטע געטרעסט, אט אזוי רעדט א יודישע טאכטער וואס האט א אמת'ע אמונה אין איינציגען גאט!

נאך דעם געשפרעך האט שוין רחלע מעהר פון טוידט ניט גערעדט; נור דער געדאנק אז דער טוידט איז פאר איהר בעסער, איז איהר פון זינען ניט ארויס אונ שטיל ביי נאכט פלעגט זי פאר גאט איהרע טהרערן פערגיסען ער זאל איהר איהרע זינד דאריבער מוחל זיין. אזוי זענען נאך צוויי טאג אריבער. איינמאל האט זיא שרה'לען געזאגט: „וויא האב איך מיך גענארט אונ אין זיך א טעות געהאט, אז איך האב געמיינט: איך וועל אלץ קאנען מיט געדולד אריבערטראגען! וויא רייסט דאס הערץ אין מיר, וויא ווילט זיך מיר לויפען איין קוק חאטש טהון אויף מיינע יתומים'לעך! וויא לעבען זיי? וואס טהוען זיי אהן מיר?! וויא ווילט זיך מיר זעלבסט דער מוטער צו דיא פיס פאלען, זיך אויסוויינען פאר איהר אונ איהרע האנד מיט מיינע הייסע קושען בעדעקען! אך, אויך מיין צימערל, מיין בעטל וויל איך זעהן אונ זאגען פייגען, אז זיא האט מיך ווארטען געלאזט, לאנגער וויא מיין געדולד איז, מעהר וויפיעל מיינע כחות זענען! א, ווען איך זאל דארט נור גיטעלע דעם רבינס ניט זעהן!... פערציידע עס מיר גאט, דיא פרוי האט מיר נור פריינדשאפט, נור טרייהייט בעוויזען, פאר וואס ציטערט מיין הערץ אזוי פאר דעם געדאנק, מיט איהר זיך צו בעגעגענען!?

שרה'לע האט דיא רייד באלד דער מוטער איבערגעגעבען אונ דיא אלטע איז צו רחל'ען אריין אונ אנגעהויבען איהר צו צורעדען, טאמיר האט זיא באמת חרטה אויף אלץ, זאל זיא טאקי געהן אונ דיא מוטער מחילה בעטען, „אפשר איז דיר באמת אזוי בעשערט, ליעבע רחלע, האט דיא אלטע געזאגט, דוא זעהסט דאך אליין וויא שווער עס איז פון א בעשערטע זאך צו ענטלויפען. געה, מיין קינד, אונ גאט זאל דיך צום גוטען פיהרן! איך האף דוא וועסט אונז קיין שלעכטס ניט לאזען טהון, מיר האבען דיך ניט צוגערעדט, ניט אבגערעדט חלילה.

— ניין, טהייערע רבקה! האט זיא געאנטווערט, אייער שרה'לע האט מיך ניט פערשטאנען. איך וויל נור געהן אקוק טהון, נאך אמאל מיט מיינע אויגען זעהן מיינע ברידערלעך, מיין שוועסטערל, אויך מיין מוטער וויל איך זעהן; פון ווייטען זיי נור זעהן צו לעבען זיי חאטש. מיר דאכט אלץ, אז אלע וויינען אונ קלאגען דארט. פיהרט מיך צו צום פענסטער פון מיין היים אונ ווייזט מיר חאטש אז זיי

לעבען און איך וועל נייע כחות בעקומען צו קאנען ליידען וויפיעל מיר איז נאך צו ליידען בעשערט ! ...

— גוט, איך וועל דאס דיר טהון, האט די אלטע נאכגעגעבען ; אבער איידער מיר געהען מוז איך דיר זאגען, אז נאך א מאל, חלילה, צו דארפען פון דער חופה ענטלויפען ווינש איך דיר ניט און דיינע כחות וועלן דיר גאר אויף אזוי פיעל ניט דינען ! ... זיי ערליך מיט מיר, מיין קינד !

— איך וועל ערליך זיין, רבקה ! האט זי פערזיכערט, פיהרט מיך נור צום פענסטער צו איידער מען לעגט זיך שלאפען.

ביי נאכט האט די אלטע רחל'ען אין שרה'לעס קליידער אנגעטהון, פערוויקעלט איהר פנים ביז ניט צו ערקענען און האט זי דורך שטילע זייטען גאסליך צוגעפיהרט ביז צו איהר היים. פריהער וויא אלץ איז רחל'ע צו צום פענסטער פון קינדער צימערל און זי האט מיט איהרע אויגען געזעהן : איהר קליין שוועסטערל זיצט אין בעטעל און וויינט, דאס קליין ברודערל זיצט א האלב נאקעטער אויף א ברעג בעט'ל און מאטעלע שטעהט פאר איהם אויף די קניע און קניפט אב מיט די צאנדלעך דאס קניפעל פון דעם ברודערלעס שיכעלעך. „לערנט אייך, עלענדע קינדער, אהן מיר אויסקומען ! א, ווייסט איהר, ליעבע ברידערלעך, וויא עלענד שטעהט דא אייער שוועסטער נעבען אייך ?" האט זי שטיל אויסגערעדט.

— נו זעהסטו, אז זיי לעבען ! האט די אלטע געזאגט רחלעס האנד אויף איין מינוט ניט אבלאזענדיג. „בריליאנטענע קינדערלעך, גאט זאל זייער פאטער זיין !"

— יא, זיי לעבען ! האט רחל'ע שטיל געאנטווערט, זיי לעבען און וועלן לעבען ! נור ניט וויסען זאלן זיי מיין פיין, מיין שמערץ ! ..."

זי איז צום צווייטען פענסטער צו. דאס גאנצע צימער האט גאר א אנדער פנים געהאט, אנדערע מעבעל, אנדערע זאכען, אלץ איז דא אנדערש געווארן — „ערקען איך מיין חדר ניט. וואו איך האב פון מיין פריהען יוגענד מיין רוהע, מיין גליק און לייד געהאט ? האט זיא צו זיך גערעדט. „גיטעלע איז דא געווים. וואו האבען זיי פאר מיר א ארט געלאזען ? ניין, מיין ארט איז דארט, נעבען מיין זיידען אויף דעם בית עלמין ... אך, ווי ווילט זיך מיר שוין קומען אהינצו !"

די אלטע האט זי פון דעם פענסטער אבגעצויגען און צוגעפיהרט צום פראנט און זייא האבען דורך די אפענע פענסטער געזעהן : א עולם יודען ארום טיש, מען עסט, מען טרינקט, אלע ליכט און לאמפען ברענען, ר' פנחס'ל טראגט א טהייערע סאבעלנע היטעל און איז פרעהליך. זי האט אויך דאס פארנעהמע אויסזעהן פון ר' זלמנקע דעם רבינ'ס ערקענט, נעבען איהם איז איהר פעטער ר' שלמה געזעסען און מיט ערענסט צוגעהערט וואס ר' זלמנקע רעדט. אויך איהר מחותן ר' העניך'ן האט זי ערקענט און איהר איז א קעלט אריבער איבערן לייב. און דארט אין גאסטינע זעהט זי איהר מוטער איינגעדעקט אין זייד און סאמעט, בריליאנטען בליצען און שטראהלען פון איהרע פינגערלעך און אוידרינגלעך און איהר פנים שיינט פון פרייד, זי לאכט צו גיטעלען און גיטעלע צו איהר און נאך ווייבער זיצען ארום טיש און קיינע פון זיי איז

ניט אונמוטהיג. רחל'ע איז בלאס געווארן אונ די אלטע האט געפיהלט ווי זי ציטערט מיט אלע גלידער.

א, נעהמט מיך צו פון דאנען! האט זי מיט א פערשטיקטער שטימע געבעטען, פיהרט מיך צוריק צו אייך, אין אייער צימערל איז מיר בעסער, איז מיר ליכטיגער!...

די אלטע האט אליין געוויינט קוקענדיג, ווי דא איז אזוי פריילעך, בעת דאס שטאנדיג גליקליך קינד פון דעם גליקליכען רייכען הויז שטעהט נעביך אזוי בעטריבט אונ פערוואגעלט אונ קאן אין שטוב ניט אריינקומען. רחל'ע האט זיך נור ווי א קראנק קינד צוגעטוליעט צו דער אלטער, ווי זי וואלט זיך אין איהר געוואלט בעהאלטען פון איהרע אינערליכע פיין אונ אזוי זענען זיי ביידע שטום ווי די פערשטיינערטע אהיים אוועק.

שרה'לע האט דא דערווייל אויסגעוואשען רחל'עס צימער, איהר קופערנעם סאמאוואר'ל אויסגעסייערט אונ אנגעשטעלט, גלאזער ריין געמאכט אונ אלץ צוגעגרייט. טאמיר קומט רחל'ע צוריק, האט זי געקלערט, זאל זי זעהן, אז איך בין ניט מיד זיא האלטענדיג" אונ זי האט זי ווירקליך מיט פרייד אונ מיט טהרערן בעגעגענט. די אלטע האט איהר אבער א וואונק געטהון זי זאל זי צורוה לאזען. דאס סאמאוואר'ל אויפ'ן טיש איז געשטאנען ביז עס איז קאלט געווארן. קיינער האט זיך צו די טהיי ניט צוגערירט; נור שטיל אויף איהר בעט האט רחל'ע היינט איהרע טהרערן געטרונקען.

יג.

ר' פנחס'ל האט אנגעהויבען רעדען וועגען פאהרן אהיים אונ פון שטוב האט מען ביסלעכווייז די זאכען קיין ווינאגראדקע ארויסגעשיקט. ניטעלע האט געזאגט: „אהן חייעלען פאהר איך אויך ניט, סיידען חייעלע וויל: דער טאטע זאל לעבען אליין זאל קומען נאך מיר". „איהר זענט אלע מיין רחל'ען נור טרייע פריינד", האט חייעלע געאנטווערט, איך בין איהר אבער א מאמע אונ איך קאן אזוי רוהיג ניט אוועקפאהרן ווי איהר!... איך האב יענע נאכט ניט געקאנט שלאפען, גאט ווייס וואס מיט איהר איז געשעהן? וואס זשאליעווען זיי דארט ביי אייך א בריוועל אופצושרייבען?

— הארסטו פנחס האט זיא צו איהר ניעען מאן געזאגט, איך וועל ניט פאהרן ביז עס וועט א קלארע ידיעה זיין, אז מיין קינד איז נאך אין ווינאגראדקע!

— פון וואנען ווייסטו אז עס ניטא קיין ידיעה? האט ער געפרעגט.

— וועה איז מיר, ווינד איז מיר! האט חייעלע אויסגעשריען. איהר האט א ידיעה אונ פון מיר פערלייקענט מען? האט בהתמנות אונ זאגט שוין ארויס וואס מיין ליעב קינד איז געשעהן?!" זי האט זיך שרעקליך פאנאנדער געוויינט.

— זיי א מענש חייעלע! האט ר' פנחס'ל אנגעהויבען. זיי וויסען: מיר האבען א קלארע ידיעה, אז רחל'ע איז גאר אין ווינאגראדקע ניט געוועזען. זי איז ביי דיין געוועזענער שוואגערין, אט דעם מופקר'ם מוטער; זי האט טאקי דארט די גרויסע צרות, מען שרייט געוואלד זי זאל אהיים פאהרן אונ זי פערשטעהט שוין איהר חטא וואס זי האט געטהון אונ שאמט זיך אהער אין קליינינץ צוריק צוקומען. מיין

ווארט גיב איך דיר, אז איך אליין וועל פאהרן אונ זיא דיר אין שטוב א לעבעדיגע אונ א געזונדטע ברענגען!

— פאר וואס האט מען מיך גענארט? האט חייעלע געשריען, איך וואלט שוין ביז איצט ביי מיין קינד געוועזן! וועה איז מיר, ווי וועל איך פאר דער וועלט יוצא זיין!

— ניט פון דיינעטוועגען האט מען דאס געטהון, חייעלע... האט ר' פנחסל ערקלארט: פון דעם מחותנ'ס וועגען האט מען געמוזט זאגען אז די כלה איז איצט ביי אונז אין וויגאנראדקא. דו ווייסט אז ער וואלט אפילו על פי דין תורה געוואונגען, ער זאל פאר דאס הויז איין גראשען ניט בעצאהלען? א כלה וואס ענטלויפט פון דער חופה איז ערגער ווי תנאים אבשיקען!.... דאנק גאט, וואס העניך ווייס ניט וואו זיא איז!...איך האף נאך: דיין קינד פון אונגליק ארויסצוראטעווען מיר זאלען באמת פון איהר נחת האבען פאר אונזער צער...דיין קינד, חייעלע, איז אויך מיין קינד, פערלאז זיך אויף מיר, ניט וויין, ניט קלאג, פאלג נור וואס איך וועל דיר זאגען אונ קוק אונ שווייג!... לאס מיר פאהרן, מען טאהר דא מעהר א איבריגע שעה ניט פערברענגען, זאל דער מחותן פון אונזער סוד ניט געוואהר ווערן!...

— ר' שלמה ווייס עס שוין? האט זי מיט א פערקלעמטען הערצען געפרעגט.

— ניין, ער ווייס עס ניט, ער איז נאך מעהר יודענע ווי דו; דערפאר אבער האב איך איהם צוגערעדט מיט אונז מיטצופאהרן בכדי ער זאל עס וויסען; טאמיר וועט מען דארפען זאל ער טאקי ביי דער האנד זיין מיט מיר מיטצופאהרן זיא פון א אונגליק צו ראטעווען, פערשטעהסטו? הייס איינפאקען די זאכען!

חייעלע האט זיך אין שטילען אויסגעוויינט אונ געהייסען פאקען דיא זאכען, געהן זיך געזעגענען מיט בעקאנטע אונ קרובים האט זיא ניט בעדארפט. אלע זענען צו איהר געקומען; נור דבורה'ן, איהר געוועזענער שוואגעריןן האט זיא דעם כבוד אבגעגעבען אונ האט ביי איהר מיט אלע איהרע ליעבע געסט א געזעגענמאלצייט געגעסען אונ זיך געזעגענט מיט איהר אין איהר שטוב. דאנערשטיג גאנץ פריה זענען שוין דיא קארעטען איינגעשפאנטע געשטאנען פאר דער טהיר. דיא זאכען אונ מעבעל האט מען נאך נעכטען פערפאקט אויף די וואגען אונ נאך דעם, אז חייעלע האט זיך אויסגעוויינט אונ אלע מזוזות אויף יעדער טהיר אנגעקושט איז זיא מיט ניטעלען אין קארעט אריין אונ דאס קליין טאכטערל מיט זיך גענומען. „גערים מיין פלעמעניצע, רהלען! „האט דבורה נאכגעשריען, „זאג איהר, חייעלע, אז איך בין איהר אלין מוחל, נור נחת וויל איך אן איהר זעהן!" ר' שלמה האט זיך מיט ר' זלמנקען אין קארעטע אריינגעזעטצט אונ האט דיא ביידע יונגלעך צו זיך גענומען,

— זיי געזונד דבורה, האט ער פון קארעטע ארויסגעשריען, אט האט ר' זלמנקע אהן דיר וועט מען דיא חתונה רהל'עס ניט שפיעלען, איך וועל דיר גאר אין גיכען א דעפעשע קלאפען זאלסט צו דער חתונה קומען!" ר' העניך מיט ר' פנחסלען האבען זיך געזעצט אין חייעלעס וואגען אונ בערעלע שפאק איז זייער קוטשער געוועזן. נאך עטליכע מינוט זענען דיא מענשען, וועלכע זענען געקומען דעם רבינ'ס קינדער זייער כבוד אבגעבען, דא געשטאנען, גערעדט, השערות געזאגט אונ זענען זיך פאנאנדערגעגאנגען, געבליבען דא איז נאר דבורה. איהר איז שווערער מיט

איהר שווערס געוועזן הויז זיך געזעגנען, אלס מיט איהר געוועזענער שוואגעריין. זי איז אין שטוב אריין, זיך גוט אויסגעוויינט אין יעדען צימער קוקענדיג אויף דיא פוסטקייט וואס דא איז געווארן. איהר האט געדאכט אז זעלבסט דיא וואנדט העלפען איהר וויינען און איז אומגעגאנגען פון איין צימער צום אנדערן און איהרע טהרערן האבען זיך אהנע אויפהאר געגאסען! באלד אבער האט יעמאנד פון גאס דיא לאדענס צוגעמאכט און זיא האט געהערט וויא מען פערשלאגט אויך מיט ברעטער איבער דיא לאדענס. זיא איז אין דער פינסטער געבליבען און איז מיט א שווער הערץ פון שטוב ארויס און איז וויינענד צו דער קראנקער פייגען אריין.

— ווער עס בויט און ווער עס וואהנט! האט זיא פייגען געזאגט. גאט דער לעבעדיגער ווייס צו וועט נאך האטש רחל'ע אמאל אין נחת דא וואהנען אין איהר טאטענס שטוב? עס איז אפשר גלייכער וואס זיא איז איצט ניטא און זעהט ניט מיט איהרע אויגען דעם חורבן וואס איז פון איהר ליעבען פאטערס האב און נוטס געווארן. מעהר וויא דיא צובראכענע שארבלעך האט חיילע דא ניט געלאזען.

— און אויך מיך האט זיא וויא א צובראכענעם שארבען דא עלענד אויף מיין קראנקען בעט געלאזען! האט פייגע אויסגעקראכצט. נור איך האב צו איהר ניט, בעסער דא צו שטארבען איידער ערגעץ אנדערסוואו צו לעבען! גענוג מיר לעבען, גאט איז גערעכט, איך האב צו קיינעם קיין טענות ניט.

דבורה איז א צובראכענע און בעטריבטע אהיים אוועק. שרה'לע איז געקומען און האטש איהר האט אויך דאס הערץ פערקוועטשט דעם סוף פון דעם גליקליכען הויז צו זעהען איז זיא אבער צופרידען געוועזען וואס רחל'ע וועט באלד פון איהר תפיסה אויסגעלייזט ווערן און זיא וועט מעהר קיין מורא האבען האטש א דאקטאר צו רופען צו איהר, ווארום פון יענעם אבענד וואס רחל'ע האט אונטערן פענסטער צוגעקוקט וויא גליקליך, וויא פרעהליך איהר מוטער איז, בעת זיא ווייס אפילו ניט וואו איהר קינד איז — איז זיא אין א מרה שחורה אריינגעפאלען, רעדט נישט, פערלאנגט נישט און עסט כמעט אויך נישט. פייגע אבער האט געזאגט: „זאל זיא דיר ניט צו שווער זיין, שרה'לע, ביז איבער שבת. איהר מחותן, דאכט מיר, איז נור זיי בעגלייטען געפאהרן און וועט באלד צוריק קומען, ער איז א פראסטער מענש, ער וועט זיך ניט שאמען איהר צער אנצומוהן אז ער וועט זיא דא דערזעהן. ער קאן א דעפעשע קלאפען אז זיי זאלען זיך אלע אומקעהרן, זאג איהר נאך גאר נישט, איך וועל אליין זיא שיקען רופען אז דיא שעה וועט קומען!...“

שרה'לעס מוטער האט אויך מסכים געוועזען אז רחל'ע זאל דעם שבת נאך דא זיין און זיי האבען איהר פון קיין זאך ניט ערצעהלט. זיא איז וויא אין חלום וואכענד געלעגען גאנצע טאג און גאנצע נאכט און האט זעלבסט צו וויינען אויפגעהערט. פרייטאג אין דער פריה האט איהר שרה'לע א טעלער זופ צוגעטראגען.

„פערצייהעט שרה'לע“, האט זיא געזאגט, איך בין דאפעלט אונגליקליך וואס איך מאך אייך נור צער און אנגסט מיט מיין אונגליק. איך פיהל מיך אזוי מיד, אזוי שוואך און אבגעמארטערט וויא איך וואלט אין דער צייט בערג איבערגעקעהרט! איך האב יענע נאכט ניט געשלאפען, מיר דאכט: איך וועל איצט ענטשלאפען

ווערן. לאזט מיך, איך וועל שפּעטער עסען! שרה'לע האט זיא אליין געלאזען אונ איהרע ערב שבתדיגע ארבייט שטיל געטהון ניט אויפצוועקען רחלען טאמער שלאפט זיא. פיער א זייגער איז זיא צו איהר אריינגעקומען אונ איז ערשראקען געווארן אז זיא האט רחלען דערזעהן. דאס שאנע בליהענדע געזיכט איז בלאס געווארן וויא קאלך, דיא ליכטיגע אויגען — וויא אויסגעלאשען. „וואס איז דיר, ליעבע רחלע? האט דיא גוטע פרוי מיט אנגסט אויסגעשריען.

— זאגט מיר, שרה'לע. שיינט נאך נאטס זונן אין הימעל? האט רחלע אויסגערעדט, לעבט נאך וועהר דארט, וואו עס איז א מאל מיין היים געוועזן?... וויל נאך וועהר לעבען אונ אויף גוטס ווארטען אין דער פינסטערער וועלט? א, מיר דאכט: גאט האט זיין ליכטיגע זונן אין הימעל אויסגעלאשען. שטיל וויא אין א קבר אונ אזוי שרעקליך אונ טרויעריג איז אלץ ארום מיר, הער איך נאך ווען עפּיס א קול, א בעוועגונג דאכט מיר, אז דאס איז דאס גערויש פון דיא פערוועלקטע בלאטלעך, וועלכע דער ווינד בייסט אראב פון דיא איינזאמע טרויעריגע בית עולם בוימעלעך...

— דוא ביזט קראנק ליעבע רחלע! האט שרה'לע מיט טהרערן אין דיא אויגען געאנטווערט אונ איז צו צום פענסטערל, מיט כח דיא לאדען פאנאנדער געריסען. א שטראם ליכט אונ לופט איז אין חדר'ל אריין. „נא, זעה, האט זיא געזאגט רחלעס האנד אנגעהמענדיג, זעה מיט דיינע אויגען, אז דיא זונן שיינט נאך, דיא וועלט איז ליכטיג אונ שאן, עס לעבען מענשען אונ ווילען לעבען; נור דוא קלארסט איבערן קאפ, באלד, באלד וועסטו אויסגעלייזט ווערן, אפשר נאך היינט וועסטו קאנען א היים געהן.

— א היים געהן? וואו איז מיין היים? האט זיא געפרעגט אונ איהרע אויגען האבען ווידער פון טהרערן אנגעהויבען בלישטשען. שרה'לע האט ניט געוואוסט וואס צו אנטווערן אונ איז בעטריבט געבליבען זיצען נעבען איהר. „וואס איז היינט?" האט רחלע ווידער געפרעגט. „היינט איז פרייטאג, רחלע, באלד שבת, באלד צייט ליכט בענשען!" האט שרה'לע געאנטווערט.

— באלד ווידער שבת! האט זיא אויסגעזיפצט. וויא ליעב וואר מיר דער פרייטאג, וויא הייליג איז מיר דער שבת געוועזן! וויא האב איך מיך געפרעהט, ווען איך פלעג מיינע דריי ליכט לכבוד שבת אנצינדען! וועהר האט מיין הייליגען שבת פערשטארט? וועהר האט מיינע געבענשטע ליכט אויסגעלאשען? וועמען האב איך שלעכטס געטהון, וואס איך האב מיין גליק אין מיין אייגענעם הערצען געפונען?... ניין, איך בין זיי מוחל, זאל זייא אויך דוא מוחל, גאט אין הימעל!

דיא אלטע איז אריינגעקומען אונ האט דאס טישעל מיט א ווייס טישטיכעל אריבערגעדעקט אונ א פאר אויסגעסייערטע בלעכענע לייכטער מיט חלבנע ליכטלעך אוועקגעשטעלט. רחלע האט געבעטען א ביסעל וואסער דאס געזיכט איינצו וואשען. שרה'לע האט באלד וואסער מיט זייף געבראכט, זיא האט דאס געזיכט אבגעוואשען, איהרע שאנע שווארצע לאנגע האאר פערקאמט אונ ליכט געבענשט. געגען דיא געבענשטע ליכט האט איהר געזיכט ווידער אנגעהויבען צו שיינען, ארויט פארב האט אין איהרע צארט ווייסע באקען געשפּילט אונ אין איהרע גרויסע שווארצע אויגען האט זיך ווידער אנגעצונדען יענס בעצויבערנד פייער וואס האט שטאנדיג

וויא דיא זונן געוואַרעמט און בעלייכטעט דאס הערץ פון דעם וואס האט זיא אָנגעקוקט. שרה'לע האט איצט אין איהר אַ מלאך אַ שאַנעם פון הימעל געזעהן, איהר הערץ האט געפיהלט רחמנות און ליעבע צו איהר און זיא וואָלט זעלבסט איהר נשמה איהר אין דער מינוט אוועקגעגעבען. אויך דיא אַלטע האט איהרע אויגען ניט געקאָנט אַראָבגענעהמען פון רחל'ען. איהר האט געדאַכט אַז איהר געזיכט שטראַהלט און פון איהרע ליכטיגע אויגען איז דאס גאַנצע צימערל אַזוי ליעב און ליכטיג. גערירט פון איהר שאָנקייט איז זי צו איהר צוגעגאַנגען, ביידע האנד אויף רחל'עס קאָפּ אַרויפגעלעגט, זיא געבענשט און אין איין גאַנג אויך אַ עין הרע אָבגעשפּראָכען.

— דיך מוז בענשען, מיין ליעב קינד, ווער נור עס זעהט דיך! האט זיא געזאָגט. גאָט אַליין האט דיך געבענשט און וויא דיא ליכטיגע זונן אין קלאָרן הימעל שיינט זיין ברכה אויף דיין שאָן פּנים! וואס ווייסטו, מיין טאָכטער, וויא ליכטיג האסטו מיין אָרעם שטיבעלע געמאַכט, וואס פאַר אַ פרייד עס איז דיך אַ פראַהליכע, אַ מונטערע צו זעהן לכבוד דעם הייליגען שבת!

שרה'לע האט נאָך פריהער איהר לייבעלען אויסגעפּוצט אין דעם סאַמעטענעם קאָסטיומעל וואס רחל'ע האט איהם אַ מאָל אויף אַ חתונה געשענקט און אַז ער איז פון שול געקומען האט זיא איהם צו רחל'ען אַריינגעפיהרט. דאס קינד וואס האט ביז איצט פון גאַר נישט געוואוסט איז איבערראַשט געוואָרן אַז עס האט דאס צוגעפּוצטע חדר'ל און די פרעמדע פּערזאָן דאָ דערזעהן און איז דערשטוהמט ביי דער טהיר שטעהן געבליבען.

— ערקענסטו זי ניט, לייבעלע? האט די מוטער געפרעגט. „מאַמע, דאס איז דאָך רחל'ע, וואס האט מיר אויף רייזעלע'ס די מוהמעס חתונה דאס געשענקט" האט דאס קינד בעשאַמט אויסגערעדט.

— געה צו און זאָג איהר: גוט שבת, מיין קינד!

לייבעלע האט זיינע שאָנע אייגעלעך אויפגעהויבען, אַ קוק געטהון אויף רחל'ען, ווי ער וואָלט זי פרעגען געוואָלט: צו איז איהר ניחא זיין גוט שבת. „קום אַהער לייבעלע, האט זי איהם צוגערופען און דאס קינד איז מיט פרייד צוגעלאָפען, אָנגענומען איהר האנד און מיט זיין גאַנצען כח אַ קליינגערען קוש אויפגעדריקט." „וואס מאַכסטו לייבעלע? האט זי מיט קושען דאס קינד געפרעגט! „איך בין געזונד! האט דאס קינד געאַנטוואָרט, וואס טהוט איהר דאָ, רחל'ע? איהר זענט דאָך אַזוי רייך, ביי אייך זענען אפילו די ווענד מיט גאָלד און זילבער בעקלעבט, ביי אייך איז אַלע טאָג חתונות. מיר זענען דאָך אָרעמע לייט!...

— איצט בין איך שוין אויך אָרעם, לייבעלע! האט זי מיט אַ פערשטיקטער שטימע אויסגערעדט, איך האב שוין גאַר נישט, גאַר נישט... לייבעלע! דאַנק דיין גוטער מאַמען וואס האט מיך צוגענומען דאָ אין שטיבעלע, ניט מיר עסען און קושען דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן!..." טהרערן האָבען איהר שטימע פערשטיקט און איהרע אויגען זענען פאַל געוואָרן.

— וויינט ניט רחל'ע! האט דאס קינד מיט אַ וויינענדען קול געבעטען. מיין מאַמע האט אייך אַזוי ליעב, זי הייסט מיר אַלע טאָג גאָט בעטען פאַר אייך און איך וועל איהם טאַקי בעטען איהר זאָלט ווידער ווערן רייך. ער איז אַ גוטער, זאָגט דיא

באבע, ער וועט מיך צוהערן און איהר וועט ווידער ווערן רייך!

— בעט פאר דיין מאמען, ליבעלע! האט זי דאס קינד קושענדיג געזאגט, איך וויל שוין ניט רייך זיין, איך ברויך שוין גאר נישט... בעט גאט, ער זאל דיין נוטער מאמען בעצאהלן פאר אזוי פיעל גוטס וואס זי טהוט מיט מיר! — דאס קינד האט מיט קושען און מיט טהרערן דער מוטער זיין דאנק אויסגעדריקט. „זאג בעסער „שלום עליכם", האט די באבע געהייסען, אז זי האט דערזעהן ווי זיינע אונשולדיגע ווארטער האבען רחל'ען אזוי גערירט. זאלען קומען דיא מלאכים פון שבת און פון שלום אין אונזער שטיבעלע וועלן מיר אלע רייך זיין, אלע צופרידען און גליקליך זיין. שבת, רחלע, זענען אלע יודען רייך! זיי אויך דו צופרידען און דאנק גאט פאר דעם היילינען שבת וואס ער האט אונז געגעבען!

דאס קינד האט מיט זיין זיס קול'כל „שלום עליכם" אבגעזונגען, קדוש געמאכט און רחלע האט מיט אלעמען די וועטשערע געגעסען. קיינער האט פון איהר איין זיפץ ניט געהערט. נאכ'ן עסען האט די מוטער ניט פערגעסען אנצוזאגען ליבעלען ער זאל קיינעם ניט ערצאהלען, אז רחלע איז דא ביי זיי — „וועסטו נור וועמען אויסזאגען, האט זי געזאגט, וועט זי פון אונז אוועקגעהן און דיך פיינד האבען.

— איך וועל קיינעם ניט דערצאהלען! האט דאס קינד צוגעזאגט, ניט געהסט אוועק פון אונז, רחלע! ניט האט מיך פיינד. איך האב אייך אזוי ליעב, אזוי ליעב ווי מיין מאמען!

— טאהר מען ליעב האבען? האט דיא באבע דעם קינד אויסגעפרעגט, פע, ליבעלע, א הולטיי האט ליעב א פרעמד מאדעל?

— אזוי גאר? האט זיך דאס קינד אבגערופען. איז יעקב פון חומש אויך געוועזן א הולטיי? ער האט דאך ליעב געהאט רחל'ען פון חומש, ווייל זי איז געוועזן א שאנע, איהר שוועסטער לאה'ן האט ער טאקי ניט ליעב געהאט, ווייל זי האט געהאט קראנקע אויגען. רחלע, אייערע אויגען זענען אזוי ליכטיג, איהר זענט דאך א גוטע אויך און מיר דאס שאן קאסטיומעל געשאנקט און מיט מיר אויף חתונה געטאנצט, מאג איך אייך ליעב האבען?

— דוא מאגסט, ליבעלע! האט רחלע געאנטווערט, דו האסט נאך קיין רבי'ן ניט וואס זאל דיר דיא היילינע תורה פאלש פערטייטשען!... ליעב מיך, ליבעלע, ליעב אלעמען, שאנע און ניט שאנע, נור גוטע זאלען זיי זיין! ליעב האבען דעם אנדערן ווי זיך זעלבסט איז דיא היילינסטע מצוה וואס משה רבינו האט אונז יודען אנגעזאגט! פאלג איהם ליבעלע, זיי גוט און פרום און ליעב אלעמען, וועל איך דיך ליעב האבען, וועסטו מיין ברודערל זיין!...

אז דאס קינד האט שוין געשלאפען איז זיא צוריק אין איהר ציםערל אריין. דיא חלבנע ליכטלעך וועלכע זיא האט דא געבענשט האבען געהאלטען ביים אויסגעהן און דער רויך און דער טשאד האט איהר דעם אטהעם פערשטיקט, זיא האט געמוזט באלד צוריק ארויסגעהן.

— ערלויבט מיר, שרה'לע, האט זי געבעטען, ערלויבט מיר, לכבוד שבת, א ביסעל אויפ'ן גאס ארוים, אין חדר'ל איז איצט פון רויך ניט אויסצוהאלטען.

שרה'לע האט זי ארויסגעפיהרט אונ זיך געזעטצט מיט איהר אונטערן פענסטערל אויף א קלאץ. עס איז געוועזן א שטילע רוהיגע שבת נאכט, דער הימעל קלאר אונ לויטער. טויזענדער שטערן האבען אראבגעקוקט אויף דיא קליינע רוהיגע שטיבעלעך וועלכע זענען דא ארום רחל'ען צוווארפענע אהן ארדנונג אנגעזעטצט געוועזן וויא קברים אויף א בית עולם פעלד; ניט לאנג אבער האט איהר אויג גערוהט אויף דאס וואס ארום איהר איז. באלד האט זי אין דעם אונענדליכען רוים ארייגעקוקט אונ איהר הערץ האט זיך געצויגען אהין ווייט, וואו דיא לויכטענדע שטערן זענען וויא בריליאנטען גרויסע אונ קליינע אין דונקעלן נאכט הימעל אויסגעזעטצט.

— שרה'לע, האט זי אויסגערעדט, אזוי ווי איצט האב איך שוין א מאל אויף דיא שטערן געקוקט; דאמאלס איז מיין הערץ אין מיר נאך געזונד אונ ליכטיג געוועזן, דאמאלס איז געבען מיר דער געשטאנען, וועלכער האט מיר וויא דיא זונן געשיינט אונ דיא שטערן האבען מיט זייערע שטראהלען מיר האפנונג אונ גליק צוגעטראגען; איצט זעה איך ווידער פאר מיר פונקט אזא לויטערע קלארע נאכט, ווידער בעריהרען דיא שטערן מיינע אויגען מיט זייערע לאנגע ליכטיגע שפיזען; נור איצט שטעכען זייא מיך אונ מיר דאכט זיי ווינקען מיר, איך זאל צו זיי אין יענע הויכקייט ארויף, וואו עס איז ניט אזוי טרויעריג, ניט אזוי אויסגעשטארבען וויא דא."

וויא גרויס, וויא גערוים איז גאטעס וועלט! האט זיא אין א פאר מינוט ארום געזאגט, ווי אונענדליך ברייט איז דער ים לופט ארום אונז! ווער קאן מיר דיא וועלט ענג מאכען? ווער מאג די לופט פון מיר רויבען? אונ דאך האבען זייא מיר דיא וועלט ענג געמאכט אונ די לופט גערויבט!... ניין, איך האב עס מיר אליין געטהון; אבער גענוג! איצט וויל איך פריי זיין, לאזט מיך פון גאטעס וועלט נאך א הנאה האבען, לאזט מיך אויף דיא שטערן קוקען ווי לאנג מיינע אויגען זענען נאך אפען... א, איך מוז די גאנצע נאכט דא פריי אין אלע גאסען אומגעהן!

— דו ביזט פריי, רחל'ע, האט שרה'לע געאנטווערט. איך בין האכמט צופרידען וואס דיר איז דיא וועלט אזוי ליעב. איך לאז דיך, דו קאנסט זיצען דא, אדער געהן וואהין דו ווילסט. נור איך האב מורא מאמיר נארסטו מיך אונ ווילסט אפשר... אך, איך האב מורא גאר פון מיין מויל ארויסלאזען אזא ווארט...

— ניין, שרה'לע! האט קיין מורא ניט, האט זי מיט שטראהלענדע אויגען פערזיכערט, איך וועל אין קיין שלעכטען וועג ניט געהן... ביא דעם הייליגען שבת שוואר איך אייך: איך וועל צו אייך צוריק קומען אלעבעדיגע. קיינער וועט ניט וויסען אז איך בין ביי אייך געוועזן! איך וויל צו פייגען געהן אונ ביי איהר אזוי לאנג זיין ביז זי וועט געזונד ווערן. א, לאזט מיך, לאזט מיך, דאס הערץ ציהט מיך. קומט איהר אויך מיט מיר אויב איהר גלויבט מיר ניט!

— איך געה מיט דיר, האט שרה'לע איינגעווילינגט, איך וועל אליין דיין סוחמען אנזאגען, אז דו ביזט ביי פייגען, דו וועסט שוין מסתמא אזוי זעהן צו רעדען, אז די סוחמע אליין זאל מיך בעטען דיך צו מיר צונעהמען.

שרה'לע איז נאך אין שטוב אריין אונ דער מוטער געזאגט, אז רחל'ע בייסט זיך

צו דער קראנקער פיגען צו געהן און זי קאן אזא הארין ניט האבען איהר גיט נאכצו־געבען היינטיגס מאל. די מוטער האט מסכים געוועזען.

עס איז שפעט געוועזען און אין די שטילע גאסליך איז שוין א לעבעדיגען מענשען ניט געוועזען צו זעהן, זיי זענען געגאנגען צוזאמען. אין דער גלאווער גאס וואו ר' אברהמ'ס הויז איז געוועזען האט שרה'לע געזאגט: איך האב מורא אז מען וועט מיך מיט דיר בעגעגענען וועט מען באלד פערשטעהן אז דו ביזט ביי מיר געוועזען, געה אריין צו פיגען אליין; נור שרעק דיך ניט, זיא איז קראנק, איין נאכט מאג איהר העלפען. איך וועל א ביסעל שפעטער אונטערקומען און זיך מאכען, אז איך וויים אויך ניט פון וואנען דו ביזט אזוי פלוצלונג געקומען. זיי נור א מענש, מיין שטיבעלע זשאלאווע איך דיר ניט, וויא מיין אויג פון מיין קאפ וועל איך דיך פון אלע פיין אפהיטען, געדענק עס!

רחל'ע איז אליין צו איהר געוועזענער היים צוגעגאנגען און שרה'לע האט זיך גענומען אין א זייטען גאסעל אריין, ארויסצוקומען צו חי'עלעס הויז פון א אנדער זייט. — חאטש רחל'ע איז שוין פארבערייטעט געוועזען, אז איהר מוטער און די קינדער זענען שוין ארויסגעפאהרן און דאס הויז איז לעער און פוסט געבליבען, פונדעסטוועגען איז איהר הערץ פערקיהלט געווארן, אז זי האט איהר היים אזוי טרויעריג און פינסטער דערזעהן, בעת פון די ארומיגע הייזער האט זיך א שיין פון שבת געבענשטע ליכט געזעהן. זי איז צו די פענסטער און האט דערזעהן אז די לאדענס זענען מיט ברעטער אריבערגעשלאגען, דאס הערץ האט איהר אנגעהויבען קלעמען. איהר איז פינסטער אין די אויגען געווארן. איהר איז קיינמאל אזוי ביטער ניט געוועזען ווי אין דער מינוט. נאך פרעהליך און גליקליך האב איך מיין טאטענס שטוב צום לעצטען מאל געזעהן, האט זי פאר זיך גערעדט, ווי פוסט, ווי לעער זעה איך מיין היים איצט!...

אויפ'ן טרעפעל וואס איז פאר דער טהיר געוועזען איז א אונבעקענטער גוי אלס נאכט שומר געזעסען. העניך האט איהם דא געלאזען אכטונג געבען. „טשטא טיעבע נאדא?" האט ער געפרעגט. ווער ביזטו? האט זי געאנטווערט. „וואס איז דאס דיין עסק ווער איך בין?" האט ער זיך אבגערופען, געוויס ניט דער חאזיאין, נור א סטאראז בין איך ביי העניך'ן, וועלכער האט עס אבגעקויפט פון זיין מחותנת'טע.

— זאג מיר, גוטער מענש, האט זי געבעטען, איז שוין דא קיינער ניט געבליבען פון דער פאמיליע וואס האט דא ניט לאנג געוואהנט?

— אלע זענען אוועקגעפאהרן, האט ער געאנטווערט, אוועקגעפאהרן אלע, אי די שאנע היקא, די געוועזענע חאזייקא פון דעם הויז, אי איהר נייער מאן, דער רויטער זשיד — נא טשארטו דארף זיא האבען אזא זשיד פאר א מאן — אי דער רבי, אי דיא שוועסטער זיינע; נור די וואנדט און איך בין דא געבליבען זיי צו היטען. נור זאג מיר, דוא קראסאוויצא, ביזטו דען ניט א היגע? דאכט זיך דאס גאנצע שטאדטעל איז געקומען געזעגענען זיך דא מיט זיי..

— איך בין ניט א היגע, איך בין צו דער אלטער געקומען, וועלכע איז דא קראנק געוועזען, לעבט זי נאך? וואו איז זי אויב זי לעבט נאך?

— זי וועט שוין קיין סך ניט לעבען, האט ער קאלט געאנטווערט, זי ליגט דארט

אין שטיבעלע אונ א אלטע זשידאווקא זיטצט דארט ביי איהר. ביזטו א טאכטער איהרע?

— א טאכטער, לאז מיך צו צו איהר. האב רחמנות! האט זי מיט טהרערן געבעטען. דער סטאראז האט איהר דאס טהירל פון טהויער געאפענט אונ דורכגעלאזען זי אין הויף אריין. „א סטארוכא אונ האט אזא קראסאוויצא א טאכטער, פראסטיא ליובא סמאטריעט!" האט דער סטאראז אריינגעברומט פאר זיך אין זיין גרויסען בארד אריין אונ דאס טהירל צוריק פערשלאסען. רחל'ע האט זיך אין הויף ניט אומגעקוקט אונ איז גלייך אין שטיבעלע אריין וואו פייגע איז געלעגען. ערגעץ אויף א ווינקעל אויוועו האט א בלעכערן לאמפעל אהן א גלאזעל געברענט אונ געראויכערט אונ א טרויעריגען שיין געווארפען אויף דער קראנקער, וועלכע איז איצט מעהר טויט אלס לעבעדיג אין בעט געלעגען מיט א ווייס ליילעך אריבערגעדעקט. נעבען בעט איז א אלטע יודינע געזעסען אונ געדרעמעלט; נור רחל'ע האט זיך ניט אומגעקוקט, איהרע אויגען האבען פייגען געזוכט. זי איז צום בעט צו אונ האט זיא פון נאהענטען אויך ניט ערקענט. זיא האט זיך שוין מעהר ניט געקאנט בעהערשען אונ האט צו וויינען אנגעהויבען. די אלטע וואס האט דא נעבען בעט צוגעדרעמעלט האט זיך אויפגעחאפט אונ געגעבען רחל'ען מיט א וואונק צו פערשטעהן אז די קראנקע איז שוין א פארביי'איגע. רחל'ע האט איהר קאפ אויף א ברעג בעט אריפגעלעגט אונ ביטערליך געוויינט.

— ווער זענט איהר? האט די אלטע געפרעגט, זענט איהר ניט די קרובה איהרע, וואס זי ווארט זי זאל קומען מיט איהר ודוי זאגען? עפיס זעהט איהר מיר אוים בעקענט, האט איהר ניט געדינט א מאל ביי זעליג נחמנ'ס? רחל'ע האט צו וויינען ניט אויפגעהערט, די אלטע האט זיך נאך מעהר איינגעקוקט אונ האט זי ערקענט.

— רחל'ע נאט איז מיט מיר! האט זיא מיט שרעק אויסגעשריען, פון וואנען קומסטו? וואו ביזטו געוועזען? ביזטו ניט דערטרונקען געווארן? ווי אזוי ניט דא געדאכט זעהסטו אויס!... ביי די ווערטער האט די אלטע זיך אבגעצויגען פון איהר מיט שרעק אונ געחאפט דעם סדור אין האנד, ווי זי וואלט זיך מיט דעם געוואלט בעשיטצען פון א באזען רוח וועלכער שטעהט דא פאר איהר.

— ניט שרעקט אייך, סלאווע! האט רחל'ע וויינענדיג אויסגערעדט... א לעבעדיגע שטעה איך דא פאר אייך, חאטש דאס לעבען איז מיר שווער אונ איבערדריסיג!... איך בין ניט דערטרונקען, חאטש איך טרענק מיך שוין לאנג אין מיינע אייגענע טהרערן!... א, ווי טיף אונ ברייט איז דער ים, אין וועלכען איך בין אריינגעווארפען געווארן, ווי ביטער איז מיר, אז איך זעה נאך מיט מיינע אויגען וויא דאס לעצטע שיפעלע מיינס וואס האט מיך ראטעווען געקאנט ווערט שוין אויך צובראכען!... גאט אין הימעל, פאר וואס שטראפסטו מיך אזוי? דוא האסט מיין פאטער א יונגען צוגענומען, מיין מוטער האבען זינדיגע מענשען פון מיר אבגעריסען, דאס הערץ פון מיין איינציגען טרייען קעטער האסטו פאר מיר פערשלאסען, א, האב שוין רחמנות אונ לאז מיר די איינציגע פייגען מיינע, אדער נעהם מיך שוין אז [illegible] צו מיט איהר צוגלייך!

— היינט איז שבת, רחל'ע! האט די אלטע שמשטע געזאגט. פייגע האט

שרליך איהרע יאהרן אויסגעלעבט, אין א בעסערן אופן, ווינש איך דיר איהרע יאהרן צו דערלעבען. אך מיין טאכטער, דו האסט פיעל לייד אונ פיין דיין מוטער אונ גאנצער פאמיליע אנגעטהון, גאט זאל דיר עס מוחל זיין! וואס פאר א מצוה וואלט איך איצט פערדינען, איך זאל קאנען דיין סוחטע דבורה'ן אנזאגען אז די דערטרונקענע, אדער ענטלאפענע פלעמעניצע, די גוטע רחל'ע איז דא, זיא לעבט אונ האט חרטה מסתמא אויף אלץ; אבער איך האב מורא דיך דא צו לאזען אליין געבען דער גוססת'ע.— רחל'ע האט נור שטיל איהרע טהרערן געשלונגען. „ווין, ווין, מיין טאכטער, האט סלאווא ווידער אנגעהויבען, אז יום כפור געפאלט אום שבת מאג מען אויך וויינען. זאלן דיינע טהרערן א קרבן זיין פאר דיינע יונגע זינד... דוא האסט חרטה אונ דיין הארץ קעהרט זיך צום גוטען, דאס זעה איך פון דיין וויינען. זעהר רעכט, תשובה טהון דארף יעדער מענש כאלד טאקי היינט, האטש אום שבת, קיינער וויים ניט וועמענס מארגען עס איז! ...

אין דעם מאמענט איז שרה'לע אריינגעקומען. „גוט וואס דוא ביזט געקומען, האט דיא שמשטע געזאגט, דיר בעשערט דיא מצוה אנצוזאגען דבורה'ן אז איהר רחל'ע איז דא. לויף שוין אונ זאג איהר: זאל זי אהער קומען זי צונעהמען, איך וואלט אליין לויפען; נור איך האב מורא דיך דא צו לאזען מיט איהר, זי קאן נאך ווידער אזוי פלוצלונג אוועג געהן ווי פלוצלונג זי איז געקומען. שיק אריין נאך הערשען עס איז, נאט נוויס אויב דיא קראנקע וועט שוין דעם טאג דערלעבען!

שרה'לע האט נאך א קוק געטהון אויף רחל'ען אונ א גוס טהרערן איז איהר פון די אויגען ארויס. וואס וויינסטו שוטה? האט דיא שמשטע צו שרה'לען געזאגט, פרייהען דארפסטו זיך, אויב דו האסט זי א מאל ליעב געהאט, זי וויינט אויף איהרע יונגע נארישע זינד. דיא חופה איז נאך פאר איהר אונ גאט ברוך הוא וועט איהרע טהרערן צונעהמען אונ איהר מוחל זיין.

— זאל איך געהן דיין סוחטען אנזאגען אז דוא ביזט דא, רחל'ע? האט שרה'לע געפרעגט.

— ביזטו ניט א שוטה, האב קיין פאראיבעל ניט, אז דו פרעגסט נאך? האט זיך סלאווע אבגערופען, אונ אז זי וועט דיר זאגען ניט? געה, פערדין א מצוה אונ מאך קיין שיהות ניט! שרה'לע איז אוועקגעגאנגען אונ איז אין עטליכע מינוט מיט דבורה'ן געקומען.

— רחל'ע, מיין בריליאנט, מיין קרוין! האט דיא מוחטע אויסגעשריען אונ איז רחל'ען אויף'ן האלז געפאלען. מוחטע! ליעבע מוחטע! האט רחל'ע, קוים קוים ארויס גערעדט אונ ביידע האבען מעהר קיין רייד, קיין ווארטער געהאט וואס צו רעדען, וואס צו פרעגען. שרה'לע האט זיי קוים צו זיך געבראכט. וואס מאכסטו, מיין קינד, ווען ביזטו געקומען? פון וואנען? נור וואס פרעג איך? גאט האט דיך געבראכט אונ איהם דאנק איך וואס מיינע אויגען זעהן דיך נאך! וואס ווייסטו וויפיעל טהרערן איך האב פערגאסען, וויפיעל נאכט איך האב דורכגעוויינט! קום אהיים צו מיר, צו מיר מיין קינד, דא האסטו שוין גאר נישט, גאר נישט, מיין טאכטער... דיין מאמע האט אלץ פערקויפט, אלץ אלץ, וואס איז אונז דא א מאל ליעב אונ טהייער געוועזן.—

קום צו מיר, פרעהען וויל איך זיך מיט דיר אונ ניט ווייגען.

— דא האב איך נאך אלץ, אלץ וואס איך וויל נאך האבען! האט רחל'ע געאנטווערט אונ מיט איהר האנד אויף דער קראנקער געוויזען. א, בעט מיך ניט, מוהמע, מיט אייך צו געהן, מיין טרייער פעטער האט ביי זיין אמונה געשוואורן מיך פריהער אויף זיין שוועל ניט ארויפצולאזען ביז נאך מיין חתונה. איך וויל ניט ער זאל צו ליעב מיר זיין היילינע שבועה ברעכען!

— האסטו נאך דיין הארץ ניט געבראכען? האט דבורה מיט טהרערן געפרעגט.

— ניט איך, אנדערע האבען עס אין מיר צובראכען אונ גאט זאל זיי מוחל זיין! האט זיא געאנטווערט, צובראכען אונ צוריסען איז מיין הערץ אין שטיקער, אבער נאך גאנץ איז מיין רעכט אונ אמת אין איהם אונ איך וועל אנדערש ניט זיין ווי איך בין געוועזען. האט קיין טעות מוהמע, איך בין נאך די שלעכטע פערשייטע זינדיגע רחל'ע, א, לאזט מיך שוין אזוי שטארבען אונ מאכט מיך ניט ערגער ווי איך בין!

— נאריש קינד, עלענד קינד! האט די מוהמע וויינענדיג געטענה'ט, את זעה דעם סוף פון זינדיגען מענשען, קוק זיך צו, צו וואס א מענש לעבט אויף דער נארישער וועלט. זעה אונזער פיינען ווי זי געהט ווי א ליכט אוים אונ זאג אליין: דארף א מענש זינדיגען, עקשנות פיהרען? דארף א קינד ווידערשפענסטיג זיין א אייגענער מוטער, א טרייער פאמיליע אונ פריינד אונ זאגען: עס געפאלט ניט וואס איז גאט אונ לייט געפאלען? טאהר מען זאגען: איך בין קלוגער פאר אלעמען אונ ניט גלויבען אין וואס עס איז בעשערט? אונ אז מען פיהרט שוין אוים וואס מען וויל, אונ אז מען זאטיגט זיך שוין אן מיט דער זינדיגער תאוה, קומט מען דען ניט צו דעם סוף? נאריש קינד אייך, דו מיינסט עס איז דיין וועלט, דו האסט א דעה צו זאגען אין איהר? אסור זאל מיר זיין אויב דאס איז אזוי! די יאהרען, מיין קינד, לויפען ווי א חלום אריבער אונ אז מען ליגט אויף דעם בעט ווי די ארעמע פיינע דא, איז אלץ איינס ביטער פון דער וועלט זיך צו שיידען צו מען האט פריהער פיעל גענאסען אדער נאך צו געניסען גאר ניט אנגעהויבען... קיין גליק אונ פערגעניגען פון א מאל טראסטען דעם מענשען ניט אין דער לעצטער שעה; נור תשובה אונ מעשים טובים זענען אונזער טראסט. בערעכען דאס מיין קינד, אונ זיי א גוטע א פרומע, זאלן מיר שוין נחת פון דיר האבען פאר אזוי פיעל צער וואס מיר אלע האבען ביז היינט אריבערגעטראגען! —

— אלץ איין סוף, מוהמע, האט זי אויסגערעדט, פערשיידען אבער זענען די וועגען וועלכע פיהרען צו דעם סוף! וויפיעל בלאנזעט מען אונ ליידט מען ביז מען געפינט דעם וועג צו איהם!...

— קום אהיים, מיין טאכטער, האט דיא מוהמע ווידער געבעטען, וואס ארט דיך דיא שבועה דיין פעטערס? האט ער דען אויף אזא סוף גערעכענט? קום, איך זאג דיר צו מיט דיר ניט צו רעדען פון דאס וואס איז געוועזען. קיינער וועט ניט קמייען ביי מיר אין שטוב א ווארט דיר צו זאגען. קום, דוא האסט איצט קיין אנדער היים ניט. אלץ וואס איך האב איז דיינע, דיינע, מיין קינד, דאס הארץ צוגעהט אין מיר אז איך זעה ווי קראנק דו ביזט אונ ווייסט אפילו ניט ווי טהייער דיין געזונד איז ביי אונז אלעמען.

— איך בין קראנק, האט רחל'ע געענטווערט, נור ווער האט מיך קראנק געמאכט? דיא גאנצע וועלט איז איצט מיין קראנקעס בעט... די מענשליכע נאריש־קייט און ווילדע עקשנות איז די קראנקהייט וועלכע האט מיין געזונד און יוגענד אונטער־גראבען!... בעט בעסער גאט, ער זאל שוין א סוף מאכען פון מיינע צרות און פון מיין לעבען. צו אייך אהיים וועל איך ניט געהן, בעט בעסער ניט?

— צו וועמען דען וועסטו געהן? וואו האסטו איצט א אנדער היים? ארעם קינד, נאריש עקשנות קינד!

— ביי דער גוטער שרה'לען בעט, זי זאל אייער פערוואנעלטע פלעמעניצע אין איהר שטיבעלע אריינגעהמען, האט רחל'ע אויסגערעדט זעהר ריהרענד. שרה'לע, איהר וועט דאך בחמנות האבען אויף א עלענדע וואס האט קיין היים ניט. האב איך נאך עפיס פון מיין טאטענס ירושה וועט מען אייך מיין דירה־געלד בעצאהלען... ניט זאגט מיר אב אין מיין נויטה, שרה'לע!

די גוטע פרוי איז אזוי גערירט געוועזן פון רחל'עס בעטען זיך אז זי האט נור וויינען געקאנט. דבורה האט ניט אויפגעהערט צו בעטען און צו וויינען. שרה'לע האט אויך געגוג געבעטען. אויך דער דאקטאר וואס איז געקומען צו דער קראנקער האט זיין אנטהייל גענומען רחל'ען צו בעוועגען וועניגסטען פון דעם שטיבעלע ארויס־צוגעהן, אבער זי האט אויפגעהערט צו רעדען און צו אנטווערן און איז ווי א צונגע־שלאגענע געבען פייגעס בעט געשטאנען. פייגע האט פון היטץ אונפערשטאנדליכע ווארטער ארויסגערעדט און ניט געוואוסט און ניט געהערט וואס אין איהר שטיבעלע טהוט זיך. די מוחמע דבורה האט פון וויינען און קראנקונג א קאפ שמערצען בעקומען און האט זיך געבעטען אהיים אפפיהרען. שרה'לע האט זי אהיים אוועגגעפיהרט און צוגעזאגט פון איהר פלעמעניצע א אויג ניט אראב צונעהמען. רחל'ע איז מיט סלאווען אליין נעבען דער קראנקער געבליבען. סלאווע איז באלד ענטשלאפען געווארן, און רחל'ע האט איהר קאפ צום בעט צוגעשפארט און איז אין א שרעקליכען קוואל אזוי געלעגען די גאנצע נאכט. אז עס האט צו בעגינען אנגעהויבען האט די קראנקע דיא אויגען געעפענט און איהר אויסגעטריקענטע האנד אויף רחל'עס קאפ ארויפגעלעגט. „ווער איז דא?" האט זי שוואך ארויסגערעדט, רחל'ע האט זיך פון איהר קוואל אויפגע־האפט און פייגעס אפענע אויגען דערזעהן.

— פייגע, טהייערע, ליעבע פייגע! האט זיא אויסגעשריען און איהרע טהרערן זענען אויף דער קראנקער'ס האנד געפאלען.

— רחל'ע, מיין עלענד קינד! האט די קראנקע אויסגעזיפצט, וואס מאכסטו? נוייז מיר דיין ליכטיג פנים און מיר וועט נאך א מינוט פאר מיין טוידט אין מיינע אויגען ליכטיג ווערן.

— פראגט ניט, פייגע, וואס איך מאך! זייט איהר מיר געזונד, מיינע כחות זענען שטארקער ווי אייזען. איך וועל אלעס אריבערקומען, זענט איהר נור געזונד, האט קיין צער פון מיר!

— קיין צער האבען פון דיר? האט די קראנקע איבערגערעדט, ווי קאן איך קיין

צער האבען פון דיר אז איך זעה דיך אזוי עלענד אונ קאן דיר אין דיין נויטה ניט בייששטעהן.

— אך, גוטע פייגע, אייער קראנקייט איז מיין גרעסטער וועהטיג! אלץ וואס איז געוועזן פערגעס איך אין דער מינוט, וואס איך זעה אייך אזוי ליידען. נור פאר אייער געזונד אונ לעבען בעט איך גאט איצט, מיר אליין איז גוט... איך פערלאנג גאר נישט, גאר נישט, פייגע!

— בעט בעסער פאר זיך, מיין ליעב קינד! האט פייגע געאנטווערט. מיינע יאהרן זענען שוין אויס, גאט איז מיר ניט שולדיג געבליבען, הלואי וואלט איך איהם מיינע אלע חובות ווי א פרומע יודישע טאכטער געקאנט בעצאהלען, ווי ער האט מיר ביז איצט בעצאהלט! פיעל האט מיר ניט געקומט פון איהם, ער האט מיר נאך מעהר ווי מיינע מעשים געגעבען. דו אבער ביזט נאך יונג, דוא קאנסט נאך פיעל גוטס טהאן אונ פיעל גוטס זיך דערלעבען, בעט איהם, בעט איהם, מיין טאכטער!

— ניט רעדט אזוי פיעל, פייגע, האט רחל'ע געבעטען, איך זעה דאך ווי שווער דאס רעדען איז אייך. זייט מיר געזונד! געזונד זייט מיר, פייגע ליעבע!

— ניט פיעל נאך וועל איך רעדען.. האט די קראנקע געאנטווערט, אך, מיין קינד גאט האט אויך מיין לעצטע בקשה צוגעהערט אונ דעם מלאך המות אבגעהאלטען ביז איך וועל דיך נאך ווידער זעהן געבען מיר. געבעטען פאר נאכט איז מיר מיט איינמאל אזוי שלעכט געווארן אז איך האב געמיינט מיין סוף איז שוין געקומען. איך האב געוואלט שיקען נאך דיר, נור דאס לשון האט מיר אבגענומען. דאס הארץ אין מיר אבער האט געשריען: האב רחמנות גאט אין הימעל, לאז מיך רחל'ען נאך מיט מיינע אויגען זעהן, איך זאל קאנען איהר טרייען טאטען אונ טרייען זיידען א גערוס בריינגען אז איך וועל ווערטה זיין קומען צו זיי! נו זעה איך דיך, דו וועסט אויף מיין חתונה די מחותנת'טע זיין. איצט מאג איך שטארבען! וועק אויף מיין קינד, כלאווען, זאל זי העלפען צופוצען די כלה... באלד וועט מיין חופה זיין....

רחל'ע האט די שמשטע אויפגעוועקט, דיא קראנקע האט א ביסעל וואסער פערלאנגט די האנד צו וואשען. געהם, מיין טאכטער, דעם סדור אונ זאג מיט מיר ודוי! האט זי געבעטען. רחל'ע האט געציטערט. שרעק דיך ניט, מיין קינד, האט די קראנקע אויסגערעדט, ודוי איז די בעסטע רפואה, שטארבען מוזען אלע אונ איטליכער פרומער יוד ווינשט מיט ודוי אונ מיט תשובה צו שטארבען!.. רחל'ע האט דעם סדור גענומען דאס בלאטעל פון ודוי איז שוין פערבויגען געוועזן — נאר אז די קראנקע האט שוין ביז איצט אויך ניט געווארט ודוי צו זאגען — אונ זי האט פארגעזאגט. ווארט אום ווארט האט פייגע נאכגעזאגט אונ האט זיך אין הארצען געשלאגען צו איטליכ'ם ווארט, רחל'עס טהרען האבען זיך געגאסען אונ זענען איבער דיא ודוי ווערטער געפאלען, פון וויינען האט איהר ענדליך די קעהלע פערשטיקט אונ זי האט ניט געקאנט ענדיגען.

— זאל גענוג זיין! האט פייגע ענדליך ארויסגערעדט. געה דיר א ביסעל ארויס, רחל'ע, איך האב מורא פאר דיין געזונד.. געה ארויס, דאכט זיך דיא זונן שיינט שוין. פאר דיר, מיין קינד, אונ פאר נאך אזעלכע יונגע בוימעלעך וויא דוא שיינט זיא. גענים די פרישע לופט, דוא דארפסט נאך לעבען אונ כחות קלייבען.

רָחֶל'ע הָאט נִיט גֶעוָואלְט אַרױסְגֶעהן, אָבֶּער אַז פֵּייגֶע הָאט גֶעזָאגְט אַז זִיא מַאכְט אִיהר נוּר צַעַר, וָואס זִי פֶערְהִיט אִיהר גֶעזוּנְד נִיט, אִיז זִי אַרױסְגֶעגַאנְגֶען אוּנ זִיךְ עֶרְגֶעץ אִין אַ װִינְקֶעל הױף אַװֶעקְגֶעזֶעצְט. פוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט װַאךְ זַיין אִיז זִיא אײַינְגֶעדְרֶעמֶעלְט גֶעװָארְן. שָׂרָה'לֶע הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקֶען אַז זִיא הָאט רָחֶל'ען נִיט גֶעפוּנֶען. „זוּךְ זִיא אױפְ'ן הױף אָדֶער אִין סָאד!“ הָאט דִי קְרַאנְקֶע גֶעהֵייסֶען, הָאבּ קֵיין מוֹרָא, זִיא װֶעט עֶרְגֶעץ נִיט גֶעהן אֵיידֶער מֶען װֶעט מִיךְ אַרױסְטְרָאגֶען פוּן דַאנֶען!...“ שָׂרָה'לֶע אִיז אַרױסְגֶעלָאפֶען אוּנ הָאט רָחֶל'ען גֶעפוּנֶען אַ שְׁלָאפֶענְדֶע זִיצֶענְדִיג. „קוּם רָחֶל'ע, צוּ מִיר אַהֵיים! הָאט זִי גֶעבֶּעטֶען, קוּם, דַיין מוּהמֶע הָאט מִיךְ גֶעבֶּעטֶען אִיךְ זָאל דִיךְ צוּנֶעהמֶען, זַיי אִיצְט מַיין פְרַייעֶ שְׁכֵנָה, גָאט זָאל פִּייגֶען דִיא רְפוּאָה צוּ שִׁיקֶען, וָואס קָאנְסְטוּ אִיהר הֶעלְפֶען אַז דוּא װֶעסְט שׁוֹין חָלִילָה קְרַאנְק װֶערֶן דוּרְךְ אִיהר?...

— אָ, שָׂרָה'לֶע, הָאט רָחֶל'ע אױסְגֶערֶעדְט, פֵּייגֶע הָאט נָאךְ מַיין פָאטֶער אַזױ װִי מִיךְ אױף אִיהרֶע הֶאנְד גֶעטְרָאגֶען, פֶערְדִינְט זִי דֶען נִיט פַאר אַזױ פִיעל לִיעבֶּע אוּנ טְרַייהֵייט אִיךְ זָאל פוּן אִיהר'עטְוועגֶען אַ נַאכְט נִיט דֶערְשְׁלָאפֶען. אַ טָאג נִיט דֶערְרוּהֶען? נִיט פִיעל װֶעט זִי מִיךְ נָאךְ בְּרױכֶען, דֶעם לֶעצְטֶען חֶסֶד טְהוּא אִיךְ אִיצְט מִיט אִיהר!...

— װִי פִיהלְט אִיהר אַייךְ אִיצְט, פֵּייגֶע? הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט, אַז זִי אִיז צוּרִיק אַרַיינְגֶעקוּמֶען.

— אִיךְ פִיהל מִיךְ אִיצְט אַזױ גְרִינְג װִי אַ פֶעדֶער. מַיין לִיעבּ קִינְד! הָאט פֵּייגֶע גֶעאֶנְטְװֶערְט, אַלֶע מַיינֶע װֶעהטִיגֶען הָאבֶּען זִיךְ אָבְּגֶעטְהוּן אוּנ אִיךְ הֶער װִיא דִיא נְשָׁמָה מַיינֶע טְהוּט זִיךְ אוֹיס פוּן דֶעם זִינְדִיגֶען גוּף... מִיר דַאכְט: אִיךְ פְלִיה אִין דִי לוּפְטֶען. דָאס אִיז אַ סִימָן, אַז אָט בַּאלְד װֶעט דִי גוּטֶע רֶגַע קוּמֶען. פֶערְגֶעס נִיט פַאר אַ אָרֶם אַ אֵייבִּיגֶען פַאר מִיר צוּ בֶּעצָאהלֶען. אַ קַדִיש צוּ דִינְגֶען אוּנ צוּם יָאהרְצַייט אַ לִיכְט אָנְצוּצִינְדֶען אִין אַ מָקוֹם קָדוֹשׁ.“ אִין אַ פָּאר מִינוּט אַרוּם הָאט דִי קְרַאנְקֶע גֶעזָאגְט: קוּם אַהֶער מַיין טָאכְטֶער, מִיר אִיז נִיט בֶּעשֶׁערְט דַיין חוּפָּה צוּ דֶערְלֶעבֶּען דִיךְ צוּ בֶּענְשֶׁען פַאר דַיין בֶּעשֶׁערְטֶען אִין דִי אױגֶען, לָאס אִיךְ דִיךְ בֶּענְשֶׁען דָא פַאר מַיין טױדְט אוּנ גָאט זָאל אִיהם בֶּענְשֶׁען, מֹשֶׁה'לֶען, דָארְט װוּא עֶר אִיז!.. מִיט דִי װָארְטֶער הָאט זִי נָאךְ אִיהרֶע הֶאנְד אַרױפְגֶעלֶעגְט אױף רָחֶל'עס קָאפּ אוּנ זִי גֶעבֶּענְשְׁט. מֶעהר הָאט דִי קְרַאנְקֶע נִיט גֶערֶעדְט. אִיהרֶע לִיפֶּען הָאבֶּען זִיךְ בֶּעװֶעגְט, זִיא הָאט נָאךְ שְׁטִיל וִדוּי גֶעזָאגְט. אַז דִיא זוּן הָאט שׁוֹין אַרױסְגֶעשַׁיינְט אִיז זִי צוּרִיק אִין אַ פֶערְגֶעסֶענְהֵייט אַרַיינְגֶעפַאלֶען. דֶער אָטֶהֶעם אִיז שְׁװֶערֶער גֶעװָארְן אוּנ דִיא גְסִיסָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען. דֶער דָאקְטָאר אִיז גֶעקוּמֶען אוּנ הָאט שׁוֹין קֵיין רֶעצֶעפְּט מֶעהר נִיט פֶערְשְׁרִיבֶּען. נָאךְ אַ פָּאר שָׁעָה זֶענֶען אַרִיבֶּער אוּנ אַלֶע וָואס הָאבֶּען אִין שׁוּל דֶערְהָארְט אַז דִי דֶערְטְרוּנְקֶענֶע, אָדֶער עַנְטְלָאפֶענֶע אִיז אַלֵיין צוּרִיק גֶעקוּמֶען, זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיא זֶעהן. אַגְלִיק וָואס ר' הֶענִיךְ'ס סְטָארָאז הָאט נִיט אַלֶעמֶען אִין הױף אַרַיינְגֶעלָאזֶען, פוּן דֶעסְטְװֶעגֶען זֶענֶען אִין שְׁטִיבֶּעלֶע גֶענוּג מֶענְשֶׁען גֶעװֶעזֶן, װֶעלְכֶע הָאבֶּען רָחֶל'ען גֶענוּג גֶעפַּייִנִיגְט מִיט זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת אוּנ עֵצוֹת. שִׁימֶעלֶע אוּנ נָאךְ אַ װֶעלְכֶע הָאבֶּען נִיט גֶעזְשַׁאלֶעװֶעט אִיהר מוּסָר צוּ זָאגֶען, בֶּעקְעֶנְטֶע װַייבֶּער הָאבֶּען זִיךְ נִיט גֶעשֶׁעמְט אֵיינֶע דֶער אַנְדֶערֶער צוּ זָאגֶען, אַז אַ כִּשׁוּף אָדֶער אַ דִבּוּק זִיצְט אִין אִיהר. זִי הָאט אַלֶעס גֶעהֶערְט, אָבֶּער גָאר נִישְׁט

געהארט. דאס געזיכט איהר'ס האט געברענט אונ געשיינט, דיא אויגען זענען אבילד פון וויינען אונ פון ניט שלאפען רויטליך געוועזן, אבער צו איהר שאנעם געשטאלט האט אויך דאס א חן צוגעגעבען. זי האט קיינעם איין איינציג ווארט ניט געאנטווערט אזוי ווי זי וואלט מיט אמאל שטום געווארן. די מוהמע דבורה איז א גאנצען טאג קראנק געוועזן אונ נור געשיקט עטליכע מאל געוואהר ווערן: וואס טהוט רחל'ע? וואס מאכט פייגע? זי האט איהר אויך עסען געשיקט, אבער רחל'ע האט אין מויל ניט גענומען. אזוי איז א לאנגער שרעקליכער טאג אריבער, די קראנקע האט אליין מעהר אונ מעהר זיך געמאטערט, דאס הערץ האט זיך געהויבען אונ דער אטהעם האט ווי מיט א זעג געזעגט. עס האט אנגעהויבען נאכט צו ווערן. דער סטאראז האט ווידער דאס רויכערנדע לאמפעל אנגעצונדען נור דיא דונקעלקייט אין שטיבעלע ניט העלער געמאכט. עס איז נאכט געווארן, סלאווע אונ נאך א שמשטע האבען אבגעזאגט „גאט פון אברהם", רחל'ע האט שטיל זיי נאכגעזאגט, פון פייגעס בעט ניט אבטרעטענדיג. פלוצלונג האט זי זיך דערשראקען, אזוי אז סלאווע האט דערזעהן ווי זי ציטערט מיט אלע גלידער. „וואס איז דיר, רחל'ע?" וואס ביזטו אזוי בלאס געווארן? האט זי געפראגט. רחל'ע האט מיט איהר פינגער צו דער טהיר געוויזען. דא איז ר' בונים דער סופר געשטאנען וועלכער איז געקומען דא מעריב דאווענען כדי דער שטערבענדער מיט דער מצוה פון הבדלה נאך מזכה צו זיין. נאך אלס קינד האט זיך רחל'ע דעם מלאך המות שטאנדיג פארגעשטעלט אין ר' בונים'ס געזיכט, אזוי שרעקליך אונ טרויעריג איז זיין פנים געוועזן. איצט האט זי ניט בעמערקט ווי ער איז אריין אונ אז זי האט איהם פלוצלונג אזוי אונבעווענליך דערזעהן אויף איין ארט שטעהענדיג האט זי געמיינט: זי זעהט שוין דעם „בעל דבר" אליין. וועלכער ווארט נור דיא מינוט אב דיא נשמה ביי פייגען צוצונעהמען.

— שרעק דיך ניט, האט סלאווע געזאגט, דאס איז ר' בונים, ער שטעהט שמונה עשרה מסתמא, איך האב איהם נאך אין דער פריה געבעטען קומען הבדלה מאכען, דאס איז א סגולה צו א גרינגען טויט. — באלד האט טאקי ר' בונים אבגעדאווענט אונ האט געהייסען צוויי ליכט אנצינדען, ער האט פון בוזעם א פלאשעל מיט א רביעית ארויסגענומען, רחל'ע האט דיא ליכט אנגעצונדען אונ ער האט מיט א הייזעריגער צעריסענער שטימע הבדלה געמאכט, אליין א זופ געטהון אונ א ביסעל וויין דער קראנקער דורך די פערשלאסענע צאנער אין מויל אריינגעגאסען. „פערלעש ניט די ליכט, רחל'ע!" האט ער אנגעזאגט, „נאך איידער די ליכט וועלן אויסגעהן וועט איהר נשמה אין הימעל אריין!" איהר איז שרעקליך געווארן צו צוזעהן די לעצטע פיין פון איהר טייערער פייגען. דאס ביסעל הבדלה וויין איז איהר אין האלז געבליבען אונ זיא האט געטארחעלט ווי א געקוילעטע. פלוצלונג האט זי א שטארקען חראפ געטהון אונ דאס זעגען אונ האָרחלען האט זיך ווי אין מיטען אבגעריסען. „ברוך דיין אמת!" האט ר' בונים אויסגערעדט אונ איז ארויסגעגאנגען. דיא שמשטעס האבען באלד א ביסעל שטרויה אריינגעטראגען, אויף דער ערד פערשפרייט אונ די געשטארבענע פון בעט אבגעהויבען אונ אויף דער ערד מיט די פיס צו דער טהיר אוועקגעלעגט. רחל'ע האט

א צייט געוויינט איבער איהר, אז די הבדלה ליכט זענען אויסגעגאנגען און מען האט אנדערע אנגעצונדען, האט זי געזאגט:

— איצט נעהמט מיך צו, שרה'לע. איצט האב איך שוין דא גאר נישט, גאר נישט!... פיהרט מיך צו אייך אהיים, איך בין מיד. איך וויל אויסרוהען איך זאל מארגען קאנען צו איהר לויה געהן.

שרה'לע האט דיא געשטארבענע מחילה געבעטען פאר זיך, פאר רחל'ען און אויך פאר חיי'לען און איז מיט רחל'ען אהיים געגאנגען. פיעל פון די וואס זענען אין דער צייט אויפ'ן גאס געשטאנען זענען נאכגעלאפען זעהן וואהין פיהרט זי שרה'לע און רחל'ען האבען אי קללות אי בעדויערונג און מיטלייד בעגלייט.

יד.

צעהן א זייגער אין דער פריה איז פייגעס לויה געוועזן. אלע חברה'שע ווייבער זענען געקומען זיך מתעסק זיין ווארום די געשטארבענע איז א שמשטע געוועזן אין חברה קדישא פון קלייניצער קהילה. עס זענען אויך בעלי בתים און נכבדים פון שטאדטעל געקומען, ניט אזוי דער געשטארבענער דינסט גומל חסד צו זיין, נור כבוד אבגעבען אין איהר פערזאן איהרע געוועזענע בעלי בתים, וועלכע האבען א מאל דעם שטאדטעל פיעל גוטס געטהון און עס איז א גרויסע, א שאנע לויה געוועזן. מאנכע ניגידים'שע ווייבער אפילו האבען זיך געוואונשען: „אין א בעסערן אופן צו לעבען און נאכ'ן טוידט קיין ארגערע לויה ניט האבען!" נור נאך מעהר זענען נייגיריגע מענשען געקומען זעהן דיא דערטרונקענע, אדער ענטלאפענע רחל'ען, וועלכע וועט געוויס ביי דער לויה זיין. שימעל'ע מלמד האט זיך צוגעגרייט איהר מוסר צו זאגען און ביי'ם אפענעם קבר איהר געבען צו פערשטעהן, אז פייגע איז נור דאריבער געשטארבען, ווייל זי איז מיט איהר בעצה אחת געוועזן: ניט איינצווויליגען אין דעם שדוך, וואס איז איהר, רחל'ען, דורך דעם רבי'ן זאל לעבען, משמים בעשערט. דאריבער זאל זיא וויסען אז מען שפיעלט זיך ניט מיט דעם לעבען ממש, ווען מען עקשנ'ט זיך פערקעהרט צו טהון ווי גאט וויל. און זאל זי טאקי דא ביי'ם אפענען קבר זיך מתודה זיין אז זיא האט שוין אויף אלץ חרטה און איז אויף זיך מקבל חתונה צו האבען מיט איהר אמת'ן בעשערטען ר' העניך'ס בן יחיד, וואס דורך דעם וועט מען פייגע'ן מוחל זיין אויף יענער וועלט און ער, שימעלע וועט געהאלפען ווערן אויף דער וועלט, מיט א קוה וואס גיט דריי מאס מילך א טאג, ווי ר' העניך האט איהם מבטיח געוועזן צו צושיקען תיכף נאך זיין זוהנ'ס חתונה. ער איז זיכער געוועזן אז זיין מוסר וועט העלפען און האט צו זיך געזאגט: „כל מה דעביד רחמנא לטב עביד! אלץ וואס דער רבונו של עולם טהוט, טהוט ער, דעם רבי'נ'ס זאל לעבען ברכה זאל אין מיר מקוים ווערן און פייגע וועט מיר העלפען מיט איהר טוידט מעהר ווי א אנדערער מיט זיין לעבען!" נור צום אונגליק איז רחל'ע צו דער לויה ניט געוועזן. זי האט גאר אין דער צייט געשלאפען. שרה'לע וועלכע האט איהר עהרן ווארט געגעבען אויפצוועקען גאנץ פריה, זי זאל קאנען דערביי זיין ביי דער טהרה און קבורה און זאל בעצאהלען קאנען פאר תכריכים, פאר

א אייביגען ארט אויפ'ן ריינעם פעלד מיט פיינעס כשר פערהארעוועט געלד וויא דיא געשטארבענע האט איהר אנגעזאגט — האט אפילו געפרובט זי וועקען, אבער רחל'ע האט קוים די אויגען געאפענט האבען זיי זיך באלד צוריק פערמאכט אונ די מוהמע דבורה, וועלכע איז באלד אין דער פריה געקומען געוואהר ווערן איהר עקשנות'ע ליעבע פלעמעניצע האט אנגעזאגט: „וויא נאט איז דיר ליעב, שרה'לע, דו זאלסט זי ניט וועקען ווי לאנג זי שלאפט. „פייגע וועט זי שוין זא ווי זא ניט אויפהעבען אונ זיא דארף נאך צו איהרע כחות קומען, זי האט זיך געביך גענוג אנגעליטען פאר דער גאנצער צייט!" שרה'לעס מוטער אבער איז אונרוהיג געוועזן פון רחל'עס ניט נאטירליכען לאנגען שלאף אונ האט איהר טאכטער אנגעזאגט ניט אוועגגעהן פון איהר בעט איין מינוט. די אלטע איז מיט דבורה'ן צו דער לויה אוועג אונ שרה'לע איז דא אליין געבליבען דער שלאפענדער רחל'ען געבליבען. זיצענדיג אין שטילען צימער אליין האט זי געהארט ווי רחל'ע קרעכצט אונ רעדט ניט בינדיגע ווערטער ארוים וואס זי האט ביז איצט נאך קיינמאל פון איהר ניט געהארט. זי האט איינגעזעהן אז רחל'ע איז ערענסט קראנק געווארן. א זייגער איינס ביי טאג האט זי פלוצלונג די אויגען געאפענט אונ זיך סמוטנא ארומגעקוקט, ווי זי וואלט זיך דערמאנען געוואלט, וואס איז דא מיט איהר געשעהן.

— וואס איז דיר רחל'ע? האט שרה'לע געפרעגט איהר האנד אנגעהמענדיג.

— איך בין וואך שרה'לע, אדער זעה איך דאס נאך אלץ אין חלום?

— דוא ביזט וואך רחל'ע, וואס ביזטו אזוי סמוטנא?

— פייגע איז געשטארבען? ניט אמת, איך האב א וואכענדע געזעהן ווי זי איז געשטארבען? האט רחל'ע ווידער אויסגערעדט. אך, וואס פאר א שרעקליכען חלום האב איך געזעהן! מיר האט געדאכט, אז פייגע לעבט נאך אונ אין איהר קבר האט מען מיך לעבעדיגערהייט מקבר געוועזן. איך האב געפיהלט יעדע לאפעטע ערד וואס מען האט אויף מיר געשאטען, איך האב געוואלט שרייען: „איך לעב נאך". נור דאס לשון האט מיר אבגענומען. איך האב פון ווייטען מיין מוטער, מיינע ברידערלעך אונ מיין משה'לען געזעהן, זיי האבען אלע געוויינט, זייערע טהרערן האבען זיך צו מיר אין קבר אריינגעקוויקעלט אונ מיר איז פון מינוט צו מינוט אלץ ענגער אונ פינסטערער געווארן. איך פרוב בעוועגען א האנד, זיא ריהרט זיך ניט, איך הייב אן צו קלערן: אפשר בין איך באמת געשטארבען? אפשר פיהלען אלע געשטארבענע דאס זעלבע וואס איך? אבער ווען בין איך געשטארבען? ווען איז מיין מוטער מיט מיינע ברידערלעך געקומען מיך בעוויינען? פאר וואס האב איך מיט משה'לען חאטש איין ווארט פאר מיין טויד ניט אויסגערעדט? אך, איך האב איהם דאך אזוי פיעל צו ערצאהלען, אזוי פיעל צו פרעגען!.... ניין, מיר גלויבט זיך ניט. עס מוז א חלום זיין, קלער איך ביא זיך אונ פרוב מיך אויפחאפען, אבער איך קאן ניט; פאר וואס געוואהרט עס אזוי פיעל אויב דאס איז נור א חלום? פאר וואס איז מיר דער אטהעם אזוי ענג? פאר וואס טהוט מיר דער קאפ אזוי וועה אונ פאר וואס ברעכען מיר אזוי אלע מיינע גלידער? אונ נאך אזעלכע פראגען פרעג איך ביי זיך, ביז—איך וויים ניט וויא אזוי—מיר האבען זיך דיא אויגען געאפענט. איהר האט מיך געטוזט אויפוועקען, גוט האט איהר געטהון

שׂרה׳לע, איך וויל נאָך לעבען, ניט פיל לעבען, אָבער נאָר אוננעריכט שטאַרבען איז ניט גוט!....

— אַ חלום איז נאָר נישט, רחל׳ע! האָט שׂרה׳לע געזאָגט, אַז עס חלומ׳ט זיך מען איז געשטאָרבען איז אַ סימן אַז מען לעבט אונ מען וועט לעבען! שפּיי אויס דריי מאָל אונ לאָז דיר פון קאָפּ אַרויס די נאַרעשקייט!

— אַ חלום איז נאָר נישט! האָט רחל׳ע געענטפערט, איך גלויב אַליין אין דעם ניט, נור איך וואָלט וועלען וויסען פון וואַנען קומט אַזאַ חלום? ווען האָב איך בּיי טאָג אַזאַ שרעקליכען געדאַנק געהאַט? אָ, שׂרה׳לע איך פיהל מיך קראַנק, איך האָב איין גאַנצעם גליד ניט מעהר אין זיך!

— איך וועל באַלד צום דאָקטאָר לויפען, ער וועט דיר אַ רפואה געבען וועסטו געזונד זיין אונ איך וועל נאָך נחת האָבען פון דיר!

— געהט בעסער, ברענגט מיר אַ בויגעלע פּאַפּיער מיט אַ טינט אונ פעדער, איך האָב אַזאַ צייט צו משה׳לען ניט געשריבען, איך וויל איהם בעטען ער זאָל וואָס גיכער צו מיר קומען.

שׂרה׳לעס מוטער איז געקומען אונ געבּרענגט אַ פלאַש וויין פון דער מוהמען.

— איז שוין פייגע דאָרטען, רבקה טהייערע? האָט רחל׳ע געפרעגט, אַז זי האָט די אַלטע דערזעהן, האָט מען זי חאָטש אָרדענטליך בעגלייט, אָדער קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף דער אָרעמער דינסט אַפילו נאָך איהר טוידט?

— זי איז שוין דאָרט, רחל׳ע, אין דער אמת׳ר וועלט! האָט רבקה געענטפערט, איהר איז שוין גוט, זי איז שוין מעהר קיין דינסט ניט אונ אַז מיר וועט בעשערט זיין אין אַ בעסערן אופן אויסצולעבען מיינע יאָהרען זאָל איך קיין ערגערע לויה ניט האָבען! זי איז אַ ערליכע אַ גוטע אונ אַ פרומע יודישע טאָכטער געוועזען, אַזוי פיעל גוטע מליצים זאָלן איהר ענטגעגען קומען וויפיעל מעשׂים טובים איך ווייס פון איהר צו דערצעהלן. זאָל זיא שוין אַ גוטע בעטערין זיין פאַר דיר, מיין קינד, אונ פאַר אונז אַלעמען!

— איז מיין מוהמע דבורה געוועזען אויפ׳ן רייגעם פעלד?

— זי איז געוועזען אונ קוים אַלעבעדיגע אַראָפּ. דיא זוהן האָט איהר דעם קאָפּ אָנגעברענט, אַ שוואַכע איז זי, זיך געגנוג אָנגעווייינט, איך האָב זי פון דיין זיידענס קבר קוים צוגענומען אונ אַהיים אַוועג געפיהרט. פאַר דיר, מיין טאָכטער, האָט זי איהם געבעטען, זי האָט קיין בעם חלילה אויף דיר. אין שטוב האָט זי קראַנקערהייט אַ פלאַש וויין אויסגעזוכט, מיר דערלאַנגט אונ געזאָגט דו זאָלסט עס טרינקען אונ צו דיינע כחות קומען. אַז איהר וועט דער קאָפּ וועהטיג איבערגעהן וועט זי דאָ זיין!

— מיין גוטע מוהמע, מיין ליעבע מוהמע! נור צער האָט זי פון מיר!

— זי וועט נאָך נחת אויך האָבען, רחל׳ע! האָט די אַלטע געטראָסט.

— נחת האָבען פון מיר? ווען?...

— לאָז זיך ניט אָב רחל׳ע. נעהם אַ ביסעל וויין, וועסטו דיין האַרץ דערפריהלען!

— איך קאָן היינט קיין וויין ניט טרינקען, רבקה! דער קאָפּ טהוט מיר וועה. אַך וואָס קומט שׂרה׳לע ניט? איך וויל אַ בריוועלע אָנשרייבען, זאָל ער גיכער קומען...

ליבער רבקה!... ווער ווייס אויב מארגען וועל איך נאך קאנען שרייבען?

אין דער מינוט איז שרה'לע אריינגעקומען מיט א טינט און פעדער. רחל'ע האט זיי צוגעזאגט אלץ צו טהון וואס זיי וועלן הייסען, נור זייא זאלען זי איצט אליין לאזען האטש אויף א האלב שעה ביז זי וועט דאס בריוועלע אויפשרייבען. זיי האבען איהר בעטען זיך ניט געקאנט ענטגעגען שטעהן און זענען פון צימערל ארויס, זי האט זיך געזעטצט שרייבען. קוים אבער האט זיא דריי שורות אבגעשריבען איז איהר דער קאפ שווער געווארן, דיא געדאנקען האבען זיך פערפלונטערט, איהרע פינגער האבען זיך אין א פיינליכען קראמפף פערצויגען און דיא פעדער איז איהר פון האנד ארויסגעפאלען. זי איז איבער דאס פאפיער איינגעבויגען געזעסן און איהרע טהרערן האבען זיך שטיל געגאסען. „גענוג דיר שרייבען, גענוג זיך דאס געזונד ארויסצונעהמען! האט שרה'לע געשריען אז זי האט זי אין אזא לאגע געפונען. וועה איז מיר, ווי קאן א מענש לעבען אהן עסען אהן טרינקען? פון פרייטאג אן האסטו דאך אפילו א שלוק קאלטעס וואסער אין דיין מויל ניט געהאט!

„גענוג מיר שרייבען... גענוג, שרה'לע!...” האט זי ביטערליך אויסגערעדט, מיין קאפ זאגט זיך שוין אב מיר געדאנקען צו געבען, מיינע פינגער ווילען שוין דיא פעדער איבער דאס פאפיער מעהר ניט פיהרען. „גענוג שרייבען!” זאגען זיי, פאר וואס זאגט אבער מיין הערץ ניט: „גענוג!”? אפשר וועלן מיינע פערנאסענע טהרערן אויף דאס בלאטעל פאפיער, איהם זאגען אמאל וואס פיהלט דאס הערץ מיינס איצט... „ער וועט זיי פערשטעהן, ער, אליין נור ער וועט זיי פערשטעהן!...” די אלטע איז אויך באלד אריינגעקומען און האט נאכטאיעוועט זי זאל עפיס אין מויל נעהמען.

— ניט נויטה מיך וואס איך קאן ניט מעהר! האט זיא געבעטען, איהר ווייסט דאך, איך האב אייך אלע מאל צוליעב געטהון און וויל אייך גערן פאלגען, אבער היינט קאן איך ניט! פיהרט מיך בעסער אויף דער גאס ארויס. מיר איז שרעקליך איבעל, אפשר וועט מיך די פרישע לופט שטארקען.

שרה'לע האט זיא אונטער די הענדט ארויסגעפיהרט און מיט איהר אונטערן פענסטערל זיך אוועגגעזעטצט. עס איז שוין פאר נאכט געוועזן, רחל'ע האט אויף יענעם ברעג הימעל געקוקט, וואו דיא זונן האט זיך פלוצלונג אונטער א שווארצען שטיק וואלקען בעהאלטען האבער א ביסעל האבען זיך גרויסע, וויא שנייא בערג הויכע שפיצען וואלקען ארויפגעטראגען און האבען מינוטענווייז זייער פארב און פיגור געביטען. איהר פיבערנדע פאנטאזי האט איהר אין די וואלקען — פיגורען אויסגעמאלט אויף וועלכע זי האט אהן מהרערן ניט געקוקט, פלוצלונג האט זי זיך אן שרה'לען אנגעהאפט און מיט שרעק אויסגערעדט:

— זעהט דארט, אין דער הויך, איבער יענעם שווארצען וואלקען, דארט טראגט מען א מיטה! אלטע לייט, גרויסע און קליינע געהען אזוי וויא צו א לויה. ווע מען טראגט מען דארט, שרה'לע? ווער איז געשטארבען? און דארט, זעהט איהר קומען א סך מענשען ענטגעגען, פיינען טראגט מען עס אזוי! באלד וועל איך אויך מיין זיידען און מיין ליעבען פאטער זעהן איהר ענטגעגענקומענדיג!... זעהט דארט, שרה'לע, וואו דיא זונן האט זיך בעהאלטען, וואו דיא וואלקען זענען וויא מיט גאלדענע ברעגען

ארומגעזעטצט, פון דארט קוקט א ליכטיג געזיכט אויף מיר, עס ווינקט צו מיר אונ רידרט מיט זיינע ליכטיגע שטראהלען מיינע אויגען אן... ערקענט איהר איהם ניט? משהלע איז דאס, אך, מיר ווילט זיך געהן אהין!.... מיר דאכט: איך האב פליגלען איך בין גרינג, איך וועל פליהען, לאזט מיך, לאזט מיך, שרהלע!...." מיט דיא פייערליך אויסגעשפראכענע ווארטער האט זי זיך אהייב געטהון אונ איז באלד שרהלען צוריק אויפן האלז געפאלען.

„געוואלד, ראטעוועט!" האט שרהלע מיט שרעק א געשריי געטהון, זי האט געמיינט, רחלע איז פון זינען אראפ; נור רחלע איז א צוזאמענגעקראמפטע אויף איהר האלז געלעגען, דאס געזיכט איז בלוי געווארן, די אויגען איבערגעקעהרט אונ אלע גלידער האבען געציטערט. די מוטער איז ארויסגעלאפען אונ ביידע האבען זי אין שטיבעל אריינגעטראגען אונ אויף איהר בעטעל אוועקגעלעגט. שרהלע איז צום דאקטאר אוועקגעלאפען אונ די מוטער איז געבען דער קראנקער געזעסן א ג מיט טהרערן געוויינט אונ געשריען: „גוטע רחלע, וואס מאכסטו אונז א זעלבע שמערצען אן זיי געזונד, דיא נשמה מיינע נעהמסטו מיר ארויס!" נור רחלע האט ניט געהערט אונ אנטווערן ניט געקאנט.

דער דאקטאר איז געקומען, מען האט א ליכטעל אנגעצונדען, ער האט דיא קראנקע בעטראכט, מאנכע מיטעל אנגעווענדט זי צו זיך צו ברענגען, שרהלע איז אין אפטייק געלאפען, א רעצעפט געבראכט אונ נאך צוויא שרעקליכע פיינפאלע שטונדען האט איהר דער קראמפף אבגעלאזען; אבער זי איז אזוי שוואך געוועזען אז זי האט זעלבסט דעם דאקטאר אויף זיינע פראגען ניט געקאנט אנטווערן. פארן אוועקגעהן האט דער דאקטאר אנגעזאגט זי נור צו רוה לאזען, איהר קראנקהייט וויים ער נאך ניט ריכטיג ווי א נאמען צו געבען, יעדענפאלס איז זי געפאהרליך קראנק. מען האט באלד דער מוהמע דבורה'ן געגעבען א ידיעה, זי איז א קראנקע אהערצו געקומען, אונ איז צוזאמען מיט די ביידע פרויען נעבען בעט ביז טאג געזעסן. עס איז קוים טאג געווארן האט דבורה געלאזט א דרעפעשע אויפשרייבען צו איהר מאן אונ צו חייעלען זיי זאלן תיכף ארויספאהרן. „רחלע איז דא אונ איז געפאהרליך קראנק." דער דאקטאר האט אויף מארגען אויך קיין טראסטענדע האפנונגען געגעבען. די קראנקע האט איבער פיערציג גראד היטץ געהאט אונ האט ניט אויפגעהערט צו בערעדיען. זעהר זעלטען האט זי די אויגען געעפענט אונ דאן פלעגט זי קוים ארויסרעדען דיא ווארטער: „איז שוין מיין מוטער געקומען? פאר וואס זעה איך זי נאך ניט?" שרהלעס יונגעל האט פון בעט ניט אבגעטרעטען אונ האט געוויינט פון רחמנות אויף זיין ליעבע רחלען. דיא מוהמע האט שוין מעהר קיין כח געהאט אויף איהרע פיס זיך צו האלטען אונ איהר הערץ איז צוגאנגען פון רחמנות אויף איהר ליעב קינד אונ פון כעס וואס איהר מאן מיט חייעלען קומען נאך ניט. דער דאקטאר האט ניט געראטהען די קראנקע איבער טראגען ערגעץ אין א לופטיגערן צימער: בעסער זאל זי דא זיין אידער זי בעאונרוהיגען איבערצוטראגען אין א פינפטער נאס וואו דבורה האט געוואהנט. שרהלע האט מעהר איהר אויווען ניט געהייצט אונ ביי אפענע פענסטער איז דיא לופט אין איהר צימערל א טראגליך געוועזן.

אויף דעם דריטען טאָג פאַר נאַכט, אַז דבורה איז שוין אָהן כחות געווען פון וויינען און וואַכען נעבען דער קראַנקער און איז נור וואָס געקומען אין איהר היים אויסרוהען אַ ביסעל. זי זאָל כח האָבען רחל'ען צו דינען מיט וואָס זי קאָן — איז צו־געפאָהרן אַ פוהר און זיך אָבגעשטעלט נעבען איהר טהיר. זי איז פון בעט אַראָב, און האָט ביי דער טהיר איהר מאַן בעגעגענט.

— וואו ביזטו פאַרפאַלען געוואָרן? האָט זי מיט אַ וויינענדיגער שטימע געפרעגט. ווי האָט מען דאָס קיין גאָט אין האַרצען און מען זיטצט זיך רוהיג, בעת עס קומט אַזאַ דעפעשע אָן?

— ערשט היינט פריה האָט ר' פנחס'ל מיר געזאָגט: ער האָט אַ ידיעה אַז רחל'ע איז דאָ און איז קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך פעראַנטוואָרט, איך בין באַלד צ'ים רבי'ן אַריין, איהם אַ פדיון געגעבען פאַר איהר געזונד און אַז ער האָט מיר געהייסען פאָהרן בין איך שוין געפאָהרן. נישקשה זי וועט געזונד זיין, דער רבי זאָל לעבען האָט געזאָגט: „זאָרגט ניט, זי וועט געזונד זיין!"

— וואָס שטעהסטו דאָ ווי אַ גולם? האָט דבורה מיט כעס פון וועהטיג געשריען. גע, זעה, צו וועסטו זי גאָר דערקענען! געה, זעה דיין ברודערס טאָכטער, אַ כלה פון אַכצעהן יאָהר אַזאַ לויבטיג קינד, זעה ווי זי מאַטערט זיך, ווי האַלעווסקא שוואַרץ איז זי שוין פערברענט געוואָרן פון אונזערע אַכזריות! געה האָטש זיך מתודה זיין אויף דעם אונשולדיגען קרבן וואָס דו האָסט מיט דיינע האַנד געקוילעט!... וואָס שטעהסטו נאָך און קוקסט מיך אָן?

— אָבער וואָס שרייסטו אַזוי? האָט ער זיך אָבגערופען, איז שוין גאָר קיין הילף ניטאָ? איך זאָג דיר דאָך אַז זי וועט געזונד זיין. שוטה, דו האָרסט דאָך וואָס דער רבי זאָל לעבען האָט געזאָגט, זי וועט געזונד זיין. לאָז מיך אין שטוב אַריין, איך האָב נאָך קיין מעריב ניט געדאַוועט.

— אַלטער נאַר! האָט דבורה אַ געשריי געטהון, ווי זיכער ער איז, ווי קאַלט איז זיך זיין לונג און לעבער! דער רבי, זאָגט ער, טהוט פאַר איהר... ווער עס ווינשט אונז באַז זאָל דאָס טהון מיט זיינע קינדער וואָס דער רבי און מיר האָבען געטהון מיט אונזער בריליאַנט קינד! געה, זאָג איך דיר, שלאָג זיך אשמנו איבער איהר טויטען בעט און בעט גאָט ער זאָל אונז פאַר איהר צונעהמען!

ר' שלמה איז פון אַזאַ ניט ערוואַרטעטע בעגעגניס ווי אַ דערשלאָגענער געשטאַנען און ניט געוואוסט וואָס צו ענטווערן. „און די טרייע מאַמע האָט ניט געקאָנט מיטפאָהרן? האָט דבורה ווידער אָנגעהויבען. אַ, איך האָב פערגעסען, ערשט נאָך איהר חופה און ביי דעם נייען מאַן איז דעם יונג ווייבעלע פרעהליכער צו זיטצען ווי דאָ מיט די אויגען צוזעהן ווי איהר שאָן קינד ראַנגעלט זיך מיט דעם טוידט! ניט געדאַכט זאָלן אַ זעלכע ווייבער זיין, ניט געבוירן זאָלן אַזעלכע מאַמעס ווערן, רבונו של עולם!

— זיא ווייס נאָך גאָר נישט, האָט ער אויסגערעדט, ר' פנחס'ל האָט ניט געהייסען זאָגען האָב איך איהר ניט געזאָגט. נור וואו איז זיא? ליגט זי דען אַליין אין שטוב? ווער איז דאָרט נעבען איהר? פייגע איז געשטאָרבען, דאָס האָבען מיר געהאָרט.

ניט אונטער איהר מאַמענס דאַך ליגט זיא געביך!... מיין עלענד קינד. עס איז אַ מוסר זיך אַראָבצונעהמען, האָט דבורה ווייטער געטענה'ט און געוויינט. ר'

אברהם'ס ליעבסטע ענייקעל, דעם גביר ר' לייזער'ס געבראטהען קינד וואלט אפשר אויף דער גאס געשטארבען, ווען די ארעמע באקערקע, שרה'לע דיא אלמנה וואלט זיך ניט מרחם געוועזן איהר א ווינקעלע ביי זיך צו געבען וואו חאטש קראנק צו ליגען.

— פאר וואס האסטו זי צו זיך ניט גענומען?

— פאר וואס האסטו געשוואהרן, אז דו וועסט זי איבער דיין שוועל ניט אריבער-לאזען, ביז זי וועט טהון דאס וואס איהר הארץ גלוסט ניט צו טהון? נעה, זאג איך דיר אונ בעט זי מחילה! ביים דיינע ווייסע האר אויס פון דיין בארד, טאמער וועט גאט אונזער צער צוזעהן אונ זי וועט נאך אונזער נחת זיין!

ר' שלמה איז ווי א דערשלאגענער נאכגעגאנגען נאך זיין דבורה'ן, וועלכע האט פון צער איהר אייגענע שמערצען פערגעסען אונ ער האט זיך פון איהר געלאזט אריינפיהרן צו שרה'לען. שרה'לע האט אין די לעצטע טאג ווענינג געקאנט קוקען אויף די ארדנונג אין איהר שטיבעלע אונ ר' שלמה האט געמיינט: ער געפינט זיך אין א גרוב א פינסטערע. ער איז גלייך צו רחל'ען צו. שרה'לע האט איהר די צאנגער פאנאנדער געריסען אונ די אלטע האט א לאפעל מעדיצין אריינגעגאסען. ער האט זי ניט ערקענט. אויף איהר ליעבעס געזיכט זענען שרעקליכע סימנים געלעגען פון איהרע העפטיגע ליידען. איהרע ליפען פערברענט אונ שווארץ ווי קויהל. דיא אויגען האלב פערגלאצט אונ טיף אין קאפ אריינגעזונקען. טהרערן האבען זיך אנגעהויבען גיסען פון זיינע אויגען אבער זיי האבען איהם דעם אטהעם פריי געמאכט.

— איז דאס מיין ליובטיגע רחל'ע? האט ער מיט א הערצרייסענדער שטימע אויס-גערעדט, איז דאס מיין ליכטיג קינד. וואס האט מיין הערץ אזוי דערפרעהט שטאנדיג ווען איך האב איהרע ליכטיגע אויגען געזעהן? רחל'ע, רחל'ע! האט ער ווי א משוגע געשריען, עפען דיינע ליכטיגע אויגען אונ זעה דיין פעטער שלמה שטעהט דא פאר דיר אונ בעט גאט: איך זאל פאר דיר ליידען אונ דוא זאלסט לעבען אונ געזונד זיין!

מיט די רייד האט ער זיך פאר איהר בעט אראפגעלאזען, געוויינט אונ געברומט אונ דאס געוויין אין שטיבעלע האט ניט אויפגעהערט ביז דער דאקטאר איז געקומען אונ האט זייא מיט געוואלד צוטריבען. דער פעטער האט זיך ניט געלאזט אבטרייבען פון בעט

— האט רחמנות, הערר דאקטאר, האט ער געשריען, ראטעוועט זי, ראטעוועט מיין קינד, וואס איך האב וועל איך פאר איהר אוועקגעבען!

דער דאקטאר, וועלכער האט שוין פון שרה'לען געוואוסט וויפיעל רחל'ע האט זיך אנגעליטען אונ אנגעקלעמט ביז זי איז צו דער לאגע געקומען — איז נור אין כעס געווארן אז ער האט די צושפאטע טהרערן ר' שלמה'ס דערזעה'ן.

— ביי מיר בעט איהר הילף? האט ער מיט א באזען געלעכטער געאנטווערט. וואו איז דער רבי אייערער? וואו זענען אייערע הייליגע ראטהגעבער, וועלכע האבען די אונשולדיג ליידענדע צו דער לאגע געבראכט?... פארצייטיגע נאטצענדיגער זענען קליגער געוועזן פאר אייך: זיי פלעגען מזיק אראבברענגען אונ מיט פויקען לאזען קלאפען, בעת זיי פלעגען זייערע קינדער אלס קרבן צום אבגאט פערברענגען, זייא זאלן דאס קינדס שרייען ניט הערן!... וואס וויינט איהר? רופט אייך בעסער אהערצו

אַנדערע חסידים, ברענגט בראָנפען, זאָלן זיי דאָ טאַנצען און זינגען פאַר אייך. געט אייער קרבן, בראַט זיך אין דעם פייער וואָס איהר האָט מיט אייער ווילדען פאַנאַטיזם אָנגעצונדען! העלף איהר דוא, גאָט אין הימעל. מיינע מיטעל זענען ווי גאָר נישט געגען דיא וועלכע דוא האָסט דיא ליידענדע פון טויט צו רעטען!... מיט דיא ווערטער האָט ער די טהיר אַ וואַרף געטהון און איז אַרויס.

„ניין, ניין! האָט ר' שלמה געשריען, גאָט איז דער רופא כל בשר! וואָס ווייס דער נאַרישער אפיקורוס? דעם רבינ'ס תפלה און זכות זאָלן איהר ביישטעהן, זי מוז געזונד זיין, זי וועט געזונד זיין!"

ווי אַ צומישטער איז ער פון שטיבעלע אַרויסגעלאָפען און גלייך אין בית המדרש אַוועק. דאָ האָט ער מיט אַ עולם מענשען ביז טאָג תהלים געזאָגט און אַ טעלעגראַמע געשיקט: „ראַטעוועט, רבי! די געפאַהר איז גרויס, ליגט שוין אָהן לשון, זאָל די מוטער גיכער אַרויס פאָהרן!" אַביסעל געטרייסט מיט דעם בטחון אַז דער רבי וועט דאָס זייניגע טהון און דיא סגולה פון תהלים דאָס איהריגע — איז ער מיט בעגינען צוריק צו דער קראַנקער אַוועק און האָט זי ווירקליך געפונען פרייער אַ ביסעל ווי פריהער: דער קראַמפף האָט אָבגעלאָזען, איהר ליעבעס געזיכט האָט צוריק די שאָנע ציגען בעקומען און איהר ליעבער חן האָט נאָך איצט מעהר צוגעצויגען צו איהר ווי זאָנסט. ער האָט איהר האַנד אָנגענומען, זי איז וואַרעם האָטש זעהר טרוקען געוועזען.

— רחל'ע, מיין גאָלדען קינד, האָט ער שטיל אויסגערעדט, ערקענסטו דיין פעטער שלמהן? זי האָט איהר האַלב אָפענע אויגען אין גאַנצען געעפענט. איהם סמוטנאַ אָנגעקוקט און דעם קאָפּ צוריק פערוואָרפען. ער האָט מעהר ניט געפרעגט. אַז דיא זונן האָט שוין אַרויסגעשיינט האָט זיא ווידער די אויגען געעפענט.

— ערקענסטו מיך, רחל'ע? האָט ער ווידער געפרעגט. דיין פעטער שלמה, דיין טרייער איינציגער פעטער וואָס האָט געלעבט צו ליעב דיר און וויל איצט שטאַרבען פאַר דיר — שטעהט דאָ פאַר דיין בעט, זעהסטו איהם ניט, רחל'ע?

זי האָט איהם אָנגעקוקט, איהרע אויגען האָבען אָנגעהויבען ליכטיגער שיינען. ער האָט זיך איבער איהר אַריבערגעבויגען און זיינע הייסע טהרערן זענען איבער געזיכט געפאַלען.

— אַך, מיין פעטער! מיין טרייער, ליעבער פעטער! האָט זי זעהר שוואַך ווי אויסגעזיפצט. — האָסטו מיך פריהער ניט ערקענט, מיין ליעב קינד? האָט ער געפרעגט.

זי האָט זיך פערטראַכט ווי זי וואָלט זיך געוואָלט וואָס דערמאָנען. „ווען?" האָט זי אַרויסגערעדט. פריהער? פריהער, ווען איהר האָט אייער הערץ וויא אייער שטוב פאַר מיר פערשלאָסען און מיר נור פיין און צער געמאַכט, האָב איך אייך ניט ערקענט. „קאָן דען מיין טרייער פעטער צו מיר אַזוי שלעכט זיין?" האָב איך מיך אַלין געפרעגט: וואָס האָב איך איהם געטהון? ניין, איך האָב אייך ניט ערקענט מעהר!... איצט, אַז איך זעה אייך נעבען מיר, אייער הערץ איז פאַר מיר ווידער אָפען און אייערע אויגען לאָזען נאָך פאַלען אַ וואַרעמען טהרער אויף מיינע אָבגעקירצטע יאָהרן... זעה איך ווידער מיין טרייען פעטער ר' שלמהן, ווי איך האָב איהם אַ מאָל געזעהן!...

— זיי ניט אין כעס אויף מיר, ליעב קינד! איך האָב נור דיין נוטס געמיינט

איך בין קיין מלאך ניט יעדער מענש מוז צוהערן וואס עלטערע אונ קליגערע זאגען.

— די עלטערע אונ קליגערע אבער האבען פערגעסן, אז זיי זענען אמאל יונג געוועזן... האט זי אויסגעזיפצט. אך, וויפיעל פיין האבען מיר די עלטערע אונ קליגערע געבראכט! — טרערן האבען זיך אין איהרע אויגען בעוויזען, די ליפען האבען זיך פערצויגען אבער צו וויינען האט זי קיין כח געהאט אונ האט פון קלעמונג מעהר א ווארט ניט אויסגערעדט. נעהם זיך ניט צום הארצען, מיין ליעב קינד, פערגעס איצט אלעס. איצט ביזטו קראנק אונ דארפסט זעהן געזונד צו ווערן! האט ער רידערנד געטראסט.

— פערגעסען אלעס, הייסט איהר מיר! האט זי מיט א שווערן זיפץ ארויס־גערעדט. אך, אונ דאס קראנקע בעט מיינס... אונ די וואונד דא אין הערצען ביי מיר? גיין, איך וועל באלד. באלד אויך דאס פערגעסען..... לערנט אבער איהר אויך מיינע ברידערלעך אונ שוועסטערל, זייער ליעבע שוועסטער פערגעסען! לערנט אייער פערשטויסענעם פלעמעניק זיין רחל'ען פערגעסן! ווי לאנג איך לעב נאך קאן איך ניט פערגעסן, אז דיזע עלענדע יתומים'לעך וועלן נאך עלענדער בלייבען אהן מיר... אז משה'לע וועט וויינען אונ קלאגען אז ער וועט מיך שוין ניט געפינען דא!...

— דוא רידרסט זיך אויף צו פיעל מיין ליעב קינד. גלייבער גאר ניט רעדען, ווער נור געזונד אונ מיר וועלן אין פריידען דערמאנען אלץ וואס דו קאנסט איצט ניט פערגעסען. איך געה דאווענען, גאט בעטען פאר דיר. ער זאל דיר זיין מלאך רפאל שיקען מיט דער גוטער רפואה.

— ווייס נאך די ליעבע מוטער ניט אז איך בין אזוי קראנק? האט זי געפרעגט. איך בעט אייך, פעטער. איידער איהר געהט דאווענען, טעלעגראפירט צו איהר, זאל זי וואס גיכער מיט די קינדער קומען. איך וויל זי נאך זעהן. מחילה בעטען אונ אנקושען מיינע יתומים'לעך פאר מיין טויט. אויך צו משה'לען טעלעגראפירט, זאל ער אויך קומען געזעגענען זיך מיט מיר אויף א לאנגע לאנגע צייט!...

— איך וועל אלץ טהון, מיין קינד, ווי דו פערלאנגסט; נור געזונד זאלסטו מיר זיין! ער איז דאווענען אוועג. ער האט אין דאווענען שטארק געוויינט אונ איז פון בית המדרש ניט ארויס ביז ער האט ווידער מיט א עולם יודען תהלים געזאגט, דער קראנקער משנה השם געוועזן אונ האט זיך פארגענומען פאסטען דעם טאג. שימעלע האט זיין סגולה געזאגט: ער, ר' שלמה זאל ביי דער קראנקער פועל זיין, זי זאל אויף זיך געהמען ניט מעהר זיך צו עקשנן וועגען דעם בעשערטען שדוך, וועט זי געזונד זיין. איהם האבען צוגעהאלפען אויך אנדערע, וועלכע האבען פיעל א זעלבע געשיכטען דערצאלט וואו אזא מין נדר איז דיא בעסטע רפואה געוועזן. זעלבסט דער רב פונ'ם שטאדטעל האט מסכים געוועזן, אז עס איז א יושר איהר צו צורעדען צו דעם אונ מען האט איהם פון אלע זייטען האפנונג געגעבן אז נור דורך דעם וועט זי געראטעוועט ווערן. ער איז מיט דער האפנונג צוריק צו דער קראנקער געלאפען אונ האט זי געפונען זיא האט נור וואס דיא מעדיצין איינגענומען. דער דאקטאר איז נאך נעבען איהר געזעסען. ר' שלמה האט אויף איהם איצט ניי אויף א שטן געקוקט, ער האט מורא געהאט אין

זיין געענטפֿערט דער קראנקער דיא גוטע רפואה זיינע צו צוטראגען וועלכע ער האט פון בית המדרש געבראכט.

ווייא גאט איז אייך ליעב, לאזט זיא רוהיג ליגען, האט דער דאקטאר מעהרערע מאל געבעטען, איהר גאנצע קראנקהייט איז נור אונרוהע, קלעמונג און פערדרוס וואס דורך דעם איז איהר הערץ צו קלעמונג זעהר געניינט און איהרע גערוועען זענען אזוי צוריהרט און אבגעשוואכט אז די מינדעסטע נייע פערדרוס קאן זי טויטען.. קוים אבער איז ער ארויסגעגאנגען האט זיך ר' שלמה צוריק געגעבען בעט אוועקגעזעצט און אבגעווארט די מינוט ווען רחלע וועט די אויגען אפענען און ווידער אנהייבען רעדען. ער האט געזעהן ווי עס צוקט איהר יעדעס גליד און האט זיך איהרע יסורים געוואונשען נור זי זאל געזונד זיין. נאך א גאנצע שטונדע שלאפען האט זיא ווידער די אויגען געאפענט.

— איך האב שוין צו דיין מאמען א דעפעשע געקלאפט. רחלע, האט ער זעהר פארזיכטיג אנגעהויבען, הלואי זאל זי קומען און געפינען דיך אז דו בעסערסט זיך שוין.

— און צו משהלען? האט זי שטיל אויסגערעדט.

— צו איהם אויך, זאל ער קומען. וואס קאן ער קאליע מאכען? האט ער געאנטווערט, ער וויל כודאי דו זאלסט געזונד זיין!

זי איז ווידער א פערטהייל שעה שטיל געלעגען און ער האט קיין הערץ געהאט מיט איהר צו רעדען און האט אליין ניט געפיהלט ווי זיינע טהרערן האבען זיך איבער זיינע איינגעפאלבטע באקען געקוויקעלט.

— מיין ליעבער פעטער, האט זי אויסגערעדט, אז זי האט זיינע שטילע טהרערן בעמערקט, וויינט ניט, אייערע טהרערן פאלען ווי שטיינער שווערע אויף מיין הערצען... א, דאס הערץ מיינס איז שוין אזוי אויך שווערער ווי מיינע כחות זענען נאך איצט!

— דאס הארץ צוגעהט אין מיר ווי וואסער, אז איך זעה דיך אזוי קראנק, אזוי ליידענד, מיין ליעב קינד... איך פיהל אליין ניט ווי מיינע טהרערן גיסען זיך.

— ניט פיעל נאך, וועל איך אזוי ליידען, ליעבער פעטער!...

— זאג מיר, מיין ליעב קינד, האפסטו גאר ניט געזונד צו ווערן? ווילסטו שוין גאר ניט לעבען? דו האסט דאך נאך גאר ניט געלעבט און פון לעבען נאך גאר קיין הנאה געהאט, איז דיר דען דיא וועלט ווען מאוס געוועזן. —

— ניין פעטער, האט זי מיט א זיפץ געאנטווערט. דיא וועלט איז מיר אלע מאל שאן און ליעב געוועזן... דיא ליכטיגע זונן האט ווי אין מיינע אויגען אויך אין מיין הערצען אריינגעשיינט און איך האב גאט געדאנקט ווען איך האב מיינע אויגען פערמאכט און זיי ווידער געאפענט. א, איך האב אין גאטס וועלט ווי אין א גן עדן געלעבט; איך האב אבער ניט געוואוסט אז נאך היינט איז נאך אין גן עדן די שלאנג דא.... ניט מיך פעטער, האט זי געביסען, איך האב גאטס געבאט געהיט, איך האב זיא זעלבסט ניט אנגעזעהן; אבער יענע הערצער האט זיא פערגיפטעט וועלכע זענען מיר טייער געוועזן און די האבען מיך אונגערן פון מיין גן עדן ארויסגעטריבען, אויף דעם בעט מיך אוועקגעלעגט און מיין וועלט מיר מאוס. מיר פינסטער געמאכט... גאט זאל עס זיי מוחל זיין!

– אָבֶער דיא וָועלְט וָועט דִיר בַּאלְד צוּרִיק אַ גַן עֵדֶן וֶוערֶן, מַיין לִיעבּ קִינְד! הָאט עֶר גֶעטְרָאסְט, וִויל נוּר לֶעבֶּען אוּנ אַ הַנָאָה הָאבֶּען פוּן דֶער לִיכְטִיגֶער וֶועלְט!

– פֶּעטֶער, פַּיינֶע הָאט זִיבְּצִיג יָאהר גֶעלֶעבְּט. זִי וָואלְט נָאךְ אוֹיךְ לֶעבֶּען גֶעוָואלְט וֶוען גָאט וָואלְט אִיהר דָאס לֶעבֶּען נָאךְ גֶעשֶׁענְקְט; מִיר אִיז עֶרְשְׁט נִיט לַאנְג אַכְצֶעהן יָאהר גֶעוָוארֶן. פַאר וָואס זָאל מִיר זִיךְ נִיט וֶועלן לֶעבֶּען? אָבֶער גָאט וִויל נִיט מֶעהר!

– גָאט וִויל דוּא זָאלְסְט לֶעבֶּען. הָאט עֶר וִוי אִיבֶּערְצַיינְט פֶּערְזִיכֶערְט. וִויל נוּר דוּא זַיין וִוילֶען טְהוּן... אִין דַיין הֶערְצֶען אִיז אִיצְט דִי בְּרֵירָה, אִין דַיין אֵיין וָוארְט וָואס דוּ וֶועסְט מִיט אֶמֶת אַרוֹיסְרֶעדֶען אִיז דִיא רְפוּאָה דַיינֶע, מַיין קִינְד! גָאט שְׁטֶעהט דָא בַּיי דִיר צוּקָאפֶּענְס, עֶר קוּמְט יֶעדֶען קְרַאנְקֶען מְבַקֵר חוֹלֶה זַיין, קֶעהר צוּ דַיין הֶערְץ צוּ אִיהם אוּנ נֶעהם אוֹיף זִיךְ אַ נֶדֶר: וֶוען דוּ וֶועסְט גֶעזוּנְד וֶוערן וֶועסְטוּ זַיין וִוילֶען טְהוּן. מְחִילָה בֶּעטֶען דַיין חָתָן וָואס עֶר הָאט דִיר בֶּעשֶׁערְט. מִיט אִיהם חֲתוּנָה הָאבֶּען אוּנ אוֹיסְלֶעבֶּען דַיינֶע הוּנְדֶערְט צְוַואנְצִיג יָאהר וִוי אַ פְרוּמֶע יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער. וֶועסְטוּ זֶעהן, מַיין קִינְד, וִוי גִיךְ דַיין רְפוּאָה וֶועט קוּמֶען!

פוּן צוּהִיטְצְקַייט הָאט עֶר נִיט בֶּעמֶערְקְט וִוי אִיהר גֶעזִיכְט הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבִּיטֶען אוּנ וִוי דוּרְךְ אִיהר גַאנְצֶען וֶוען הָאט אַ הֶעפְטִיגֶעס צִוקֶען דוּרְכְגֶעצוֹיגֶען.

– וָואס שְׁוַויינְסְטוּ, מַיין טָאכְטֶער? אִיז נָאךְ נִיט צַייט דִיר צוּ פֶערְשְׁטֶעהן אַז גָאט שְׁטְרָאפְט דִיךְ נוּר פַאר דַיינֶע עַקְשָׁנוּת?... אָ, מַיין קִינְד, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף זִיךְ, דוּ בִּיזְט נָאךְ אַזוֹי יוּנְג, דוּ קָאנְסְט נָאךְ אַזוֹי פִיעל נוּטְס דֶערְלֶעבֶּען... רַחֲמָנוּת הָאבּ אוֹיף זִיךְ אוּנ אוֹיף אוּנְז אַלֶעמֶען, טְהוּ זַיין וִוילֶען, עֶר וַוארְט דָא דַיין תְּשׁוּבָה צוּ צוּנֶעהמֶען אוּנ דִיר דִיא רְפוּאָה צוּ גֶעבֶּען!

– כֹּחַ גִיבּ מִיר גָאט! הָאט זִי מִיט אַלֶע אִיהרֶע כֹּחוֹת אוֹיסְגֶערֶעדְט. דוּא שְׁטִיטְצְט יֶעדֶען קְרַאנְקֶען אוֹיף זַיין קְרַאנְקֶען בֶּעט. שְׁטִיץ מִיךְ אוֹיךְ, פָאטֶער, אוּנ זַיי אִיהם מוֹחֵל צַיינֶע זִינְדִיגֶע רֵייד גֶעגֶען דִיר!... פֶּעטֶער, וִוי הָאט אִיהר קֵיין מוֹרָא נִיט, דֶעם לִיעבֶּען גָאט פַאר אַ שׁוּתָּף צוּ צוּנֶעהמֶען אִין דִי זִינְדִיגֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיהר הָאט מִיר בִּיז אִיצְט גֶעגֶען זַיין וִוילֶען גֶעטְהוּן? אִיךְ בִּין אַייךְ אַלְץ מוֹחֵל, פֶּעטֶער... נוּר לָאזְט מִיךְ שְׁטַארְבֶּען רוּהִיג. אָ, אִיךְ הָאבּ אַ לִיגֶען גֶעזָאגְט, אִיךְ וִויל נִיט לֶעבֶּען. אִיךְ וִויל נִיט, פֶּעטֶער גֶעטְרַייעֶר!...

טְהרֶערְן הָאבֶּען זִיךְ פוּן אִיהרֶע גֶעגָאסֶען נוּר דֶער טְרֵייעֶר פֶּעטֶער הָאט זַיי נִיט גֶעזֶעהן. עֶר הָאט אוֹיךְ נִיט בֶּעמֶערְקְט וִוי אַ הֶעפְטִיגֶער קְרַאמְפְּף הָאט אִיהר לִיעבּ גֶעזִיכְט פֶּערְצוֹיגֶען אוּנ אִיהרֶע דוּמְפְּפֶע קְרֶעכְצֶען נִיט גֶעהֶערְט; עֶר אִיז נוּר וִוי צוּמִישְׁט גֶעזֶעסֶען. דָאס הֶערְץ הָאט אִיהם וֶועה גֶעטְהוּן אוֹף אִיהר פֶּעפִיהרְטְקַייט מֶעהר וִויא אוֹיף אִיהר קְרַאנְקְהַייט. דְבוֹרָה אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּנ הָאט אִיהם אַוֶועגְגֶעפִירְט גֶעפוּנֶען.

– מִיט דַיין הִיטֶען אִיהר נְשָׁמָה וֶועסְטוּ זִי נִיט אַיינְהִיטֶען. הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט רָחֵל'ען וִוידֶער אִין אַ זֶעלְכֶע הֶעפְטִיגֶע שְׁמֶערְצֶען דֶערְזֶעהן. לוֹיף בֶּעסֶער צוּם בֵּית עוֹלָם, וֶועק אוֹיף אִיהר טְרַייעֶן זֵיידֶען פוּן זַיין קֶבֶר, טָאמֶער וֶועט עֶר דַיינֶע טְהרֶערְן דֶערְזֶעהן אוּנ וֶועט אוֹיסְבֶּעטֶען יָאהרֶן פַאר זַיין טְהַייעֶר עֶנִיקֶעל. אָ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג טְהרֶערְן אוֹיף זַיין קֶבֶר פֶערְגָאסֶען.

– וָואס וֶועלן אִיהר מַיינֶע טְהרֶערְן הֶעלְפֶען, אַז זִי וִויל אַלֵיין נִיט גֶעהָאלְפֶען

ווערן ? האט ער ווי א פערצווייפעלטער געאנטווארט ! איך האב איהר דיא אמת׳ע רפואה געבראכט, איהר די ברירה געגעבען און זי האט נאך אזא לב געהאט דיא רפואה ממאס צו זיין. בעסער שטארבען, זאגט זי, איידער תשובה צו טהון אויף איהרע נארישע עקשנות ! ... מיר האבען זי פערלארן, דבורה, פערלארן אונזער טהייער קינד פון ביידע וועלטען — דארט קאן אזא אויך קיין תקומה ניט האבען ! ...

— ער איז פון זינען אראפ ! ער האט איהר אודאי איהרע צרות דערמאנט, זאלץ אויף איהרע וואונדען געשאטען ... ניט געדאכט זאל אזא נאר ווערן ; א נאר איז ערגער ווי א רשע, ערגער, ערגער ! ... האט זי געשריען, שאמען דארפסטו דיך, אז נאך איצט, ווען דער חלף ליגט שוין אויפ׳ן האלז זעהסטו נאך דעם שוחט ניט ! ר׳ פנחסל איז איהר קוילער און דו ביזט זיין שליח ! ... וואס האבען מיר צו איהר געהאט ? וואס האבען מיר פון איהר געוואלט ? ווען האט זי געבעטען דו זאלסט איהר געטרייער זיין ווי זי איז זיך אליין ? ר׳ פנחס׳ל האט דיך געהייסען וויל חייע׳לע האט אזוי געוואלט און חייע׳לע האט אזוי געוואלט ווייל פנחס׳ל האט אזוי געהייסען ! ... אוי אלטער נאר ווען וועסטו צום שכל קומען ? ! ...

ער האט זיין ווייב אנגעקוקט וויא ער וואלט זיא ניט דערקענט.

— געה, זאג איך דיר, האט זי ווייטער געשריען, זיי זיך מתודה פאר דיין געשטארבענעם פאטער וואס דו האסט זיין רצון ניט געטהון, שלאג זיך אשמנו פאר דיין טויטען ברודער ר׳ ראובן, וואס דו האסט זיין קינד פערשטויסען. וויין פאר דיא טויטע טאכטער וועט דיך איהר געשטארבענער פאטער, ר׳ לייזער, פון ווייטען צוהארן און וועט פאר זיין קינד בעטען ! ....

ער האט זיך אויפגעהובען און ניט וויסענדיג וואס אנדערש צו טהון איז ער גלייך צום בית עולם אוועק, זיין דבורה׳ס ווערטער אבער האבען איהם נאכגעיאגט און וויא פון זיין אייגענעם הערצען האט א קול ארויסגעשריען : „ר׳ פנחס׳ל איז איהר שוחט און דו ביזט זיין שליח ! ...“ ביים פארקאן פון בית עולם איז ער שטעהן געבליבען און האט אויף דעם טרויעריגען פעלד ארויפגעקוקט. אין רעכטען אויבענאן, אין דער ערשטער שורה האט זיך איין מצבה אויסגעצייכענט האבער און שאנער פאר אלע אנדערע. ער האט פון ווייטען ניט געקאנט לעזען דיא ווערטער אבער די צווייי אויסגעשטעלטע דוכענ-האנד אויף איהר האט ער קלאר געזעהן און האט זיין פאטערס מצבה ערקענט. זיינע אויגען זענען פון טהרערן פערגאסען געווארן און אנשטאט דעם שטיין האט איהם געדאכט : ער זעהט זיין פאטער, ער האלט די האנד אויסגעשפרייט איבער דיא יונגע בוימעלעך וואס וואכסען דא געבען זיין קבר. איהם האבען זיך יענע יאהרן דערמאנט, ווען דער אלטער פאטער זיינער האט אזוי זיינע האנד אויף דיא יונגע קאפעלעך פון זיינע שאנע ליעבע עניקלעך פערשפרייט געהאלטען יעדען פרייטאג צו-נאכט, ווי ליעב האבען די קינדער דעם זיידענס האנד געקושט, ווי הייליג און פאר-געהם האט זיין געזיכט געשיינט געגען דיא שבת געבענשטע ליכט אין די גרויסע שווערע זילבערנע לייכטער ! און וואס האט דער גוטער זיידע זיך געוואונשען דאמאלס ? ניט קיין כבוד, ניט קיין גדולה, וואס האט איהם ניט געפעהלט, נור די שעה צו דערלעבען, דיזע יונגע צווייגעלעך, משה׳לען מיט רחל׳ען אונטער דער חופה אזוי זיי

צו בענשען און דערנאך שטארבען א גליקליכער. — און וואס האט זיך איהר טאטע געוואונשען און וואס האט ער אין זיין צואה געבעטען? אך, איך האב ניט נור געגען די לעבעדיגע אבער אויך געגען די טויטע געזינדיגט... געזינדיגט! ... חטאתי עויתי ופשעתי! ....

„פאטער געטרייער!" האט ער מיט א טיפען זיפץ אויסגעשריען, זאל איך אליין דער קרבן זיין פאר מיינע זינד. וואס איז רחל'ע דיין טהייער עניקל שולדיג? זאל זיא געזונד זיין, זאל דיין ווילען געשעהן. איך וועל מעהר קיינעם ניט האבן, אליין וועל איך זיי צו דער חופה פיהרן און דערנאך וועל איך רוהיג שטארבען!..." פלוצלונג האבען זיינע אויגען דערזעהן דאס לעדיג געבליבען שטיקעל פלאטץ נעבען דעם קבר. א פראסט איז איהם איבער'ן גאנצען קארפער אריבער. „מיין ברודער לייזער האט דעם ארט פאר זיך אבגעקויפט און ליגט נעביך אליין איצט ווייט פון דאנען. דער ארט איז לעדיג געבליבען און ווארט אפשר אז זיין ליעב קינד זאל איהם פארנעהמען ... זיי מיר מוחל, ברודער געטרייער, שענק מיר דעם ארט. איך האב מעהר געלעבט פאר דיין קינד! יאהרן בעט אויס פאר איהר, דיין צואה זאל ערפילט ווערן!" אין אזעלכע הערצענקלעמונג האט ער אליין ניט געפיהלט וויפיעל צייט ער האט דא אין וויינען און בעטען פערבראכט. אז די זון האט זיך אראבגעלאזען און מיט איהרע לעצטע שטראהלען נאך דאס טרויעריגע פעלד בעלייכטעט, האט ער זיך דערמאנט: ער האט נאך קיין מנחה געדאווענט און איז באלד צו צום טייכעל. די האנד געוואשען און דא אויפ'ן פעלד זיך דאווענען געשטעלט; אבער וועלכע שרעקליכע געדאנקען האבען זיך אין זיין קאפ געמישט. ר' פנחס'ל מיט זיין רויטען קארק עסט און טרינקט וויא א זולל וסובא, ר' זלמנקע שרייט: „פע עצבות. עצבות איז עבודה זרה!" חייעלע, אין גאנצען אין ציערונג איינגעדעקט און שיינט פון פרייד און גדולה און דא די איינזאמע שטילע קברים פון דער אונטערגעהענדער זון בעלייכטעט. און דארט דאס קליין שטיבעלע מיט דעם איינפאכען ארעמען בעטעל, אויף וועלכען דאס נאלדען קינד רחל'ע ליגט און מוטושעט זיך. ניט אין איהר טאטענס הויז ליגט זיא. ניט איהר מוטער זיטצט נעבען איהר... און ווי בעט זי זיך נעביך מען זאל זי באטעווען! ... איהם דאכט, ער הארט זיא שרייט: „פעטער, האט שוין רחמנות. וואס בין איך שולדיג אז איך קאן ניט איינוויליגען וואס מיר איז ניט ליעב? איך קאן פארט קיין ליגען זאגען! האט דען מיין זיידע מיר אנדערש געוואונשען? האט דען מיין ליעבער פאטער ניט אזוי אין זיין צואה געבעטען? זאגט שוין אמאל אז איך בין משה'לעס וועל איך לעבען. א, איך וויל נאך לעבען, מיר איז ערשט אכצעהן יאהר געווארן, פייגע איז עלטער געוועזן און האט אויך ניט געוואלט שטארבען!"

ער איז שמונה עשרה אויסגעגאנגען און האט איין איינציגעס ווארט ניט געפיהלט, ניט געהארט וואס ער האט געדאווענט. לויפענדיג איז ער צוריק צו דער קראנקער געקומען, שרה'לע איז נעבען איהר געזעסן. „זיא לעבט, שרה'לע!" האט ער אויסגערעדט, „א בי זיא לעבט! גאט קאנן נאך א נס טהון און מיך זינדיגען פעטער צונעהמען פאר איהר רייגער נשמה! זיצט דא שרה'לע, נעבען א היילינער. א פרומער זיצט איהר! גאט וואכט אויך איבער איהר בעט. זיצט דא, איך לויף בעטען.

שרייען פאר איהר, זאלען אלע וויסען אז איבער מיינע זינד ליידט זיא!" מיט דיא ווערטער איז ער ארויסגעלאפען גלייך צום שול. דורכלויפענדיג צווישען די קראמען האט ער געשריען: לאם מיר זי באטעווען, יודישע קינדער, העלפט מיר נאט בעטען פאר איהר. גוטע פריינד, וואס ווייסט איהר וואס פאר א פרום קינד זי איז! האט רחמנות באטעוועט זי, בעט נאט פאר איהר, יודישע קינדער!...

דיא ווערטער פון דעם פערצווייפעלטען אלטען מאן און די הערצרייסענדע שטימע מיט וועלכער ער האט אין די נאסען געשריען האבען א שרעקליך טרויעריגען איינדרוק געמאכט און ווער נור עס האט זיי געהערט האט זיין קראם פערמאכט און איז אין שול מיט איהם געלאפען תהלים זאגען. ארויסגעהענדיג פון שול האבען איהם פיעל ביז שרהלעם שטיבעלע בעגלייט און דא געווארט א גוטע בשורה צו הערן אז די קראנקע בעסערט זיך. מען האט געהאפט אז אזא שטורעם מוז דארט אויבען א? ריסען רושם מאכען... נור די קראנקע האט א פיינפאלע נאכט איבערליטען און זעלבסט אין דער פריה, אז זי האט שוין איהרע אויגען געאפענט איז זי אזוי שוואך געוועזען אז זיא האט א ווארט ניט געקאנט אויסרעדען. ר' שלמה איז נעבען איהר געזעסן און האט קיינעם ניט צוגעלאזען. זי האט זייגע טהרערן געזעהן, זיין שטיל בעטען צו גאט, ער זאל איהם צוגעהמען פאר איהר— געהארט, זי האט אויך זיינע הייסע קושען אויף איהרע האנד געפיהלט און רחמנות און צער האבען איהר הערץ געפייניגט.

— פעטער, האט זי אויסגערעדט, פאר וואס בין איך אזא אומגליקליכע? האב איך לעבען געוואלט האט מען מיר דאס לעבען מאוס געמאכט און איך האב אליין צער געהאט, וויל איך איצט שטארבען, בעפרייט ווערן פון מיין אונערטראגליכען לעבען — האבען מיינע ליעבע צער און מאכען מיר דעם טויט נאך ביטערער ווי ער איז!... זאגט מיר, פעטער ליעבער, בין איך ווירקליך אזוי זינדיג, אז נאט שטראפט מיך אזוי? איך ווייס עס ניט... איך האב אימער מיין זינד געזוכט, איך האב זי נאך איצט ניט געפונען. א, זאל נאט מיין ודוי הערן...קיין אנדערע קאן איך ניט זאגען!...

— מיין ליעב קינד, מיין פרום קינד, האט ער געדידרט געאנטווערט, נאט הארט דיין ריינע ודוי. אזא ודוי ווי דיינע מאג זיך דער גרעסטער צדיק ווינשען!... דו ביזט גערעכט — ריין ווי דער ווייסער שניי איז דיין יונג הארץ און דיינע מעשים זענען אזוי שאן ווי די געדאנקען דיינע!. צו דיר האט די שלאנג ניט געקאנט צוטרעטען האט זי מיין הארץ און דאס הארץ פון דיין מוטער פערגיפטעט!" מיר האבען דיך פון דיין גן עדן ארויסגעטריבען, ווי דוא אליין זאגסט!... איבער מיינע זינד נור ליידסט אזוי פיעל, מיין קינד!... זיי מיר מוחל, מוחל זיי דיין שוחט וואס האט דיך קוילען געוואלט און האט ניט געוואוסט וואס ער טהוט!...

— פעטער ליעבער, לאזט מיך אייער האנד קושען, האט זי מיט שטראהלענדע אויגען ארויסגערעדט, איך האב אלע מאל נאט געבעטען פאר אייך, איצט דאנק איך איהם וואס ער האט מיין געבעט דערהערט און חאטש איין טאג פאר מיין טוידט, אייערע אויגען געאפענט מיין אמת צו ערקענען, מיין הערץ צו פערשטעהן!... א, איצט וועט איהר מיך, אין מיין נייטען וועג ניט בעגלייטען מעהר מיט א קללה ווי מען

בֶּעגְלֵייט אַ פֶּערְשַׁייטֶע שְׁלֶעכְטֶע יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער ..... מֶעהְר הָאבּ אִיךְ אוֹיף מַיין קְרַאנְקֶען בֶּעט מִיר גִיט גֶעוואוּנְשֶׁען ....

אִין דֶער מִינוּט אִיז שִׁימֶעלֶע אַרַיינְגֶעקוּמֶען, ר׳ שְׁלמה אִיז פוּן כַּעַס אָנְגֶעצוּנְדֶען גֶעוָוארְן. „אָט אִיז דִי שְׁלַאנְג דִי נִיפְטִינֶע, וָואס דוּא זָאגְסְט!״ הָאט עֶר אַ גֶעשְׁרַייא גֶעטְהוּן אוּנ מִיט זַיין הַאנְד אוֹיף שִׁימֶעלְן גֶעוִויזֶען. „אַ שָׂטָן, אַ יֵצֶר הָרָע בִּיזְטוּ. אָבֶּער אִיהר מַלְאַךְ הַמָּוֶת וֶועסְטוּ נִיט זַיין! דִיר אוֹיף לְהַכְעִיס וֶועט זִי לֶעבֶּען אוּנ גֶעזוּנְד זַיין! וואוּ נֶעהם אִיךְ דִיא תְּנָאִים? פַאר דִיר אִין דִי אוֹיגֶען וָואלְט אִיךְ דָא אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ צוּ בְּרִיסֶען אוּנ זֶעה דוּ רָשָׁע, אַז גָאט לָאזְט נִיט אַ מֶענְשֶׁען אֵייבִּיג בְּלִינְד זַיין!

שִׁימֶעלֶע אִיז ווִי אַ דֶערְשְׁלָאגֶענֶער גֶעשְׁטַאנֶען. עֶר אִיז אִין גְרוּנְד רָחֶל׳ען קֵיין שׂוֹנֵא גֶעוֶועזֶן, אוּנ דָאס הֶערְץ הָאט אִיהם וֶועה גֶעטְהוּן זִי אִין אַזַא לַאגֶע אִין דֶעם אָרֶעמֶען פִינְסְטֶערְן שְׁטִיבֶּעלֶע צוּ זֶעהְן, פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט הָאט אִיהם ר׳ שְׁלמה׳ם רֵייד אִיבֶּערְרַאשְׁט. עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִיט גֶעפִיהלְט שׁוּלְדִיג.

— רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאט עֶר אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטְהוּן, וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג?

— פֶּעטֶער. הָאט זִיךְ דִי קְרַאנְקֶע אָבְּגֶערוּפֶען, זַייט נִיט אִין כַּעַס אוֹיף אִיהם. עֶר אִיז נוּר אַ בְּלִינְדֶער שָׁלִיחַ גֶעוֶועזֶן בַּיי אֶרְגֶערֶע פַאר אִיהם! ... וָואס מַאכְט אִיהר, רֶבִּי? ווִי גֶעהט עֶס אַייעֶר טָאכְטֶער? לֶעבְּט זִי גוּט פַאר אִיהר מַאן? אִיז זִי גֶעטְרֵיי זַיינֶע יְתוֹמִים׳לֶעךְ?

— מַיין טָאכְטֶער גֶעהט, אָהן אַ עַיִן הָרָע, גַאנְץ גוּט, רָחֶל׳ע! הָאט עֶר גֶעאַנְטְוָוערְט, זַיי מִיר דוּ גֶעזוּנְד, הֶערְסְטוּ, בֶּאֱמוּנוֹת אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט גֶעזוּנְד זַיין, נִיטָא, ווִי דוּ זֶעהְסְט מִיךְ אַ יוּדֶען, נִיטָא קֵיין בֶּעסֶערֶע פַאר דִיר בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעדְטֶעל! גָאט זָאל דִיר דַיינֶע חֲסָדִים אוּנ גוּט הַאֶרְץ דֶערְמָאנֶען אוּנ זָאל דִיר דִיא רְפוּאָה צוּשִׁיקֶען!

— בֶּעט גָאט פַאר מִיר, רֶבִּי! הָאט רָחֶל׳ע רִיהְרֶענְד גֶעזָאגְט, בֶּעט אִיהם אִיךְ זָאל לֶעבֶּען, אוֹיבּ נִיט ... בֶּעט אִיהם רֶבִּי, עֶר זָאל גִיךְ דִי טְרַאסְטֶען, וֶועלְכֶע וֶועלְן וֵויינֶען אוּנ קְלָאגֶען נָאךְ מִיר .... פַאר מַיינֶע בְּרִידֶערְ׳לֶעךְ, פַאר אַייעֶרֶע קְלֵיינֶע תַּלְמִידִים׳לֶעךְ — בֶּעט אִיהם, זָאל עֶר זֵייעֶר פָאטֶער זַיין! ... מִיר זַייט מוֹחֵל, רֶבִּי, אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ וֶוען גֶעזִינְדִיגְט אוּנגֶערְן גֶעגֶען אַייךְ!

— אִיךְ וֶועל אִיהם בֶּעטֶען, רָחֶל׳ע, הָאט שִׁימֶעלֶע צוּגֶעזָאגְט אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל, בִּמְחִילָה גְמוּרָה מוֹחֵל, אֲפִילוּ דַיין פֶעטֶער בִּין אִיךְ מוֹחֵל, עֶר אִיז גֶעוִויס בְּצַעַר, אִיךְ הָאבּ אוֹיף אִיהם קֵיין פַאראִיבֶּעל נִיט.

אַרוֹיסְגֶעהֶענְדִיג הָאט שִׁימֶעלֶע פַאר זִיךְ גֶערֶעדְט: „אַ שָׁאד, בֶּאֱמוּנוֹת אַ שָׁאד! זָאל זִי לֶעבֶּען, פוּן אִיהר הָאבּ אִיךְ פָארְט וֶוען אַ גְמִילַת חֶסֶד גֶעהַאט, וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן אַנְדֶערֶע? נֵיין, אַ יוֹשֶׁר גָדוֹל זִי זָאל לֶעבֶּען אוּנ טַאקִי גוֹמֵל חֶסֶד זַיין, ווייטֶער לַייהֶען עֶטְלִיכֶע קָארְבְּלֶעךְ אִין אַ נוֹיטְה!״ הַאלְבֶּע נַאכְט אִיז חַייֶעלֶע אָנְגֶעקוּמֶען דְבוֹרָה הָאט זִי עֶרְוַוארְטֶעט בַּיי זִיךְ אִין דֶערְהֵיים. „קוּם חַייֶעלֶע, הָאט זִי מִיט אַ גֶעוֵויין אָנְגֶעהוֹיבֶּען אֵיידֶער זִיא הָאט נָאךְ אִיהר גֶעוֶועזֶענֶער שְׁוָואגֶערִין שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם גֶעזָאגְט, אֵיידֶער דוּ גֶעהְסְט נָאךְ צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, קוּם צוּ דַיין קִינְד, צוּ דַיין גָאלְדֶען קִינְד, מְחִילָה בֶּעטֶען, גֶעזֶעגֶענֶען זִיךְ מִיט אִיהר! ... אַ, אוּנְזֶער לִיכְט פוּן אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען לֶעשְׁט גָאט אִין מִיטֶען טָאג אוֹיס!

— וואו איז מיין קינד? מיין רחלע, מיין ליכט וואו איז? האט חיעלע אנגעהויבען שרייען און האט די הענד געבראכען, איז זי דען ניט דא ביי אייך?

— ניט אונטער איהר טאטענס דאך, ניט צווישען איינענע ליגט געבעך דיא נוטע רחלע. אין א ווינקעל ערגעץ, אונטערן בלויזען הימעל וואלט זי אויסגעגאנגען ווי א פערוואגעלט פויגעלע געביך וואס א שטורעמווינד האט זיין נעסט צוריסען... אז איהר געשטארבענער טאטע וואלט דאס געזעהן וואלט ער פון זיין ליעב קינדס עלענד נאך אמאל אין דער ערד אריין!

דבורה האט זי צו שרהלעס שטיבעל צוגעפידערט. חיעלע האט איהר נישטען שוואגער ניט ערקענט. אזוי פעראנדערט און איינגעפינסטערט איז זיין געזיכט געווארן.

— נו חיעלע, האט ער אויסגערעדט מיט א ביטערן שמייכעל, ווי געפאלט דיר דער קבר וואו דו האסט דיין ליכטיג קינד לעבעדיג בעגראבען? זינדיגע אשה דו נארישע מאמע, גאט האט דיר א קינד געגעבען וואס דוא האסט עס גאר ניט פערדינט איצט אז ער געהמט עס צו פון דיר ווערסטו דיינע האר רייסען אויף זיך... ווארף אראב דיינע נארישע צירונג פון דיר, לעג אש אויף דיין קאפ און זיי זיך מתודה פאר איהר!

מיט די רייד האט ער דאס פארהאנגען טהיר'ל געאפענט און זי האט רחלען דערזעהן. אלע פערשלאפענע, מיט עהרגייץ בעדעקטע מוטערגעפיהלע האבען זיך אויפגעוועקט און מיט אמאל זיך אנגעצונדען, איהר איז אין די אויגען פינסטער געווארן און איז אהן א אטהעם אין אונמאכט געבליבען. מען האט זי אבגעמינטערט געוואלט פון צימערל ארויספיהרן, אבער זי האט זיך ניט געלאזען. ווי איך בין ווערטה אזוי בעצאהלט מיר גאט... אבער וואס איז מיין קינד שולדיג? האט זי געוויינט און געשריען און איז אזוי ביז טאג אין קלעמונג געבען בעט געזעסען און איהרע אויגען האבען זיך ניט געטריקענט. רחלע איז אין היטץ געלעגען און ניט געהערט וואס ארום איהר טהוט זיך; נר אז עס איז שוין גרויסער טאג געוועזן האט זי פלוצלונג די אויגען געאפענט אנגעקוקט די וואס זיטצען נעבען איהר און קיינעם ניט ערקענט.

— וואו איז מיין פעטער? האט זי געפרעגט.

— איך בין דא, מיין רחלע, אט בין איך, זעהסטו מיך ניט, ליעב קינד! האט ער זיך אבגערופען מיט פרייד און אנגסט צוזאמען.

— אך, מיין ליעבער געטרייער פעטער! האט זי אויסגעזיפצט און מיט איהר בלאסער האנד געוואלט עפים צוגעהמען פון די אויגען, דאס וואס פערשטעלט איהר דעם שיין.

— איז נאך די ליעבע מוטער אלץ ניט געקומען? האט זי שטיל געפרעגט, וויל זי מיר ניט מוחל זיין? ווען איך זאל נור קאנען וואלט איך צו איהרע פיס פאלען און מחילה בעטען!

— מיין ליעב קינד, האט זיך חיעלע א ווארף געטהון צו איהר. אט בין איך און בעט נאט דוא זאלסט מיר געזונד זיין, מיין רחלע!

— מיין ליעבע מוטער! האט רחלע מיט שטראהלענדע אויגען אויסגעשריען און זיך געוואלט אויפהעבען דער מוטער אויפן האלז פאלען, אבער צו שוואך זענען שוין איהרע כחות געוועזן און זי איז צוריק אויף איהר קישען געפאלען. טהרערן האבען זיך

אִין אִיהרֶע אוֹיגֶען בֶּעוויזֶען. מֶען הָאט אוֹיף אִיהר גֶעזִיכְט אִיהרֶע אִינֶערְלִיכֶע פַּיין גֶעזֶעהן. „זַיי רוּהִיג, מַיין קִינְד, הָאט דִי מוּטֶער גֶעבֶּעטֶען. דוּא בִּיזְט גֶעבִּיךְ אַזוֹי קְרַאנְק, אַזוֹי אָבְּגֶעשְׁוַואכְט, גָאט זָאל דִיר כֹּחוֹת גֶעבֶּען!

— גָאט הָארְט אִיצְט אַלְץ וָואס אִיךְ בֶּעט אִיהם, לִיעבֶּע מוּטֶער, הָאט זִי מִיט טְהרֶערֶען אִין דִי אוֹיגֶען אוֹיסְגֶעשְׁפְּרָאכֶען, אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעבֶּעטֶען, אִיךְ זָאל דִיךְ נָאךְ זֶעהן ווִי לַאנְג מַיינֶע אוֹיגֶען זֶעהן נָאךְ. אַךְ, מִיט אֵיין מִינוּט פְרִיהֶער הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אִיךְ וֶועל דִיךְ שׁוֹין נִיט זֶעהן מֶעהר... מִיר אִיז פִינְסְטֶער גֶעוֶועזֶען, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער דַיין טְרַייעֶ שְׁטִימֶע דֶערְהָארְט אִיז מִיר ווִידֶער לִיכְטִיג. אִיךְ זֶעה דִיךְ, לִיעבֶּע מַאמוּנְיָא, אִיךְ זֶעה דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט! דַיינֶע אוֹיגֶען זֶענֶען רוֹיטֶה אָנְגֶעוֵויינְט... גֶעגֶען דִיר נוּר הָאבּ אִיךְ שְׁוֶוער גֶעזִינְדִיגְט. זַיי מִיר מוֹחֵל, לִיעבֶּע מוּטֶער, גִיבּ מִיר דַיין הַאנְד, אָנְקוּשֶׁען וִויל אִיךְ זִיא, ווַיין נִיט, ווַיין נִיט, מַאמוּנְיָא!

חַייעֶלֶע הָאט אִיהר דִי הַאנְד גֶעגֶעבֶּען, רָחֶלֶע הָאט זִי אָנְגֶעקוּשְׁט אוּנ פוּן אִיהר הַאנְד זִי נִיט אַרוֹיסְגֶעלָאזֶען. דִי מוּטֶער אִיז אַזוֹי גֶערִיהְרְט גֶעוֶועזֶען, אַז זִי הָאט אֵיין ווָארְט נִיט גֶעקָאנְט אַרוֹיסְרֶעדֶען.

— בִּיזְטוּ מִיר מוֹחֵל, לִיעבֶּע מוּטֶער? הָאט זִי ווִידֶער גֶעפְרֶעגְט, גָאט פִיהלְט מַיין הַערְץ, עֶר וֶועט מִיר אַלְץ מוֹחֵל זַיין. זַיי אוֹיךְ דוּא דַיין קִינְד מוֹחֵל הָאטְשׁ דוּא פִיהלְסְט אֶפְשַׁר נִיט ווִי אוּנְגֶערְן אִיךְ הָאבּ דִיר עָגְמַת נֶפֶשׁ גֶעמַאכְט.

— מַיין נְשָׁמָה, מַיין פְרוּם קִינְד, הָאט עֶנְדְלִיךְ חַייעֶלֶע אַרוֹיסְגֶעחְלִיפֶּעט, נִיט דוּא דַארְפְסְט מִיךְ מְחִילָה בֶּעטֶען, אָבֶּער אִיךְ בִּין נִיט ווֶערְטְה דוּ זָאלְסְט מִיר מוֹחֵל זַיין! אִיךְ הָאבּ גֶעגֶען גָאט, גֶעגֶען דִיר אוּנ גֶעגֶען דַיין גֶעשְׁטָארְבֶּענֶעם טַאטֶען גֶעזִינְדִיגְט. אָ, אִיךְ בִּין שׁוֹין מֶעהר נִיט ווֶערְטְה זַיין לִיעבֶּען נָאמֶען צוּ דֶערְמָאנֶען!...

— מוּטֶער, גָאט אִיז דִיר מוֹחֵל, הָאט דִיא קְרַאנְקֶע בֶּעגַייסְטֶערְט גֶעטְרֶעסְט. עֶר ווַייס, אַז דוּא בִּיזְט נִיט שׁוּלְדִיג... אִיךְ הָאבּ אִיהם אַלֶע מָאל פַאר דִיר גֶעבֶּעטֶען, מַיין לִיעבֶּער פָאטֶער... אָ, צוּ אִיהם גֶעה אִיךְ דָאךְ בַּאלְד, צוּזַאמֶען וֶועלֶען מִיר גָאט פַאר דִיר בֶּעטֶען, דוּ זָאלְסְט זַיינֶע יְתוֹמִים'לֶעךְ אַ טְרַייעֶ מוּטֶער אוּנ אַ לִיעבֶּענְדֶע שְׁוֶועסְטֶער זַיין!...

— פַאר וָואס, גָאט, הָאסְטוּ מַיינֶע אוֹיגֶען גֶעאֶפֶענְט עֶרְשְׁט אִין דֶעם טָאג וֶוען מַיין וֶועלְט אִיז מִיר פִינְסְטֶער גֶעוָוארְן?! הָאט חַייעֶלֶע מִיט אַ בִּיטֶערְן קוֹל גֶעקְלָאגְט אוּנ אִיהרֶע הֶענְד גֶעבְּרָאכֶען.

— מַאמֶע, אִיז דֶען דִיר אִין דַיין גַייעֶן לֶעבֶּען נִיט לִיכְטִיג גֶענוּג? הָאט דִיא קְרַאנְקֶע גֶעפְרֶעגְט.

— נֵיין, נֵיין, מַיין לִיעבֶּע טָאכְטֶער! הָאט דִי מוּטֶער מִיט אַ בִּיטֶער גֶעוֵויין גֶעאֶנְטְוֶוערְט, לִיכְטִיג אִיז מַיין וֶועלְט נוּר פַאר דַיין גוּטֶען טַאטֶען מִיר גֶעוֶועזֶען... אָ אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעווּאוּסְט וָואס פַאר אַ קְרוֹין אִיךְ הָאבּ אוֹיף מַיין קָאפּ גֶעהַאט! ווֶער הָאט מַיין גְדוּלָה נִיט מְקַנֵא גֶעוֶועזֶען? מִיט מַיין גוּטֶער מַעֲרָכָה זַיינֶע קִינְדֶער נִיט גֶעבֶּענְשְׁט? ווֶער הָאט מַיינֶע לוֹיכְטִינֶע בְּרִילְיַאנְטֶענֶע קִינְדֶער נִיט גֶערִיהמְט. נוּר אִיךְ זִינְדִינֶע אִשָׁה בִּין בְּלִינְד גֶעוֶועזֶען אוּנ מַיין גְדוּלָה נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען אוּנ מַיינֶע אֵיינֶענֶע בְּרִילְיַאנְטֶען נִיט גֶעזֶעהן!... וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן דִיר, מַיין קִינְד, גֶעווָאלְט? פַאר וָואס הָאבּ אִיךְ דֶעם עֶלֶענְדֶען יָתוֹם מֹשֶׁה'לֶען פַיינְד גֶעהַאט? ווֶעלְכֶע שְׁלֶעכְטְס הָאבּ אִיךְ פוּן אִיהם גֶעזֶעהן? ווֶעלְכֶע חֲסִידִים

זענען פרומער און בעסער פאר איהם? איך ווייס שוין איך מיין קינד!... א שטן האט מיך אנגעערדט און נאט שטראפט מיך וויא איך בין ווערטה. ווער צו מיינע יאהרן!...

דער מוטערס ביטערע הרטה נאך דער צייט האבען רחל'ען צו איהרע אינערליכע און אויסערליכע פיין ביידע קלעטונג צונעגעבען און אלע איהרע גלידער האבען צו ציטערן און צו צוקען אנגעהויבען פון דעם ביטערן רחמנות געפיהל אין דעם קראנקען בעקלעמטען הערצען. דיא מוטער האט דאס צוקען געזעהן, דאס שטילע חליפען געהערט די האט געמיינט דאס איז איהר קראנקהייטס אנפאל און האט נור געוויינט קוקענדיג.

— ליעבע מוטער'. האט רחל'ע אין א שעה ארום געזאגט. עס איז דא א גאט. א גוטער גאט! ער איז א דיין אלמנות, א פאטער פאר אלע יתומים! ער וועט אויך דיינע טהרערן זעהן און דיינע יתומים א פאטער זיין! זיי דוא זיי א מוטער א געטריייע און זיי וועלן דיין טראסט זיין!... האסטו די קינדער דארט ביי זייער נייען טאטען געלאזען? א, ווי וויל איך זיי נאך זעהן פאר מיין טוידט!....

— די קינדער זענען דא, רחל'ע, האט זיך דער פעטער ארויסגעכאפט. חייעלע א וואונק געבענדיג זי זאל ניט אויסזאגען אז זיי זענען מיט איהר ניט מיטגעפאהרן. די מוהמע דבורה האט זיי שלאפען געלעגט. א גאנצע נאכט געפאהרן. א רחמנות זיי צו וועקען.

— זאלן זיי אויסרוהען. מיינע פויגעלעך האט זי ווי מיט פרייד ארויסגערעדט. א, ווי גוט ווערט מיר, אז איך ווייס אז זיי זענען ווידער נאהענט פון מיר! ווייסען זיי שוין אז זייער ליעבע רחל'ע איז קראנק?

— איך האב זיי ניט געזאגט, צו וואס זאל איך זיי מצער זיין? האט זיך דיא מוטער אבגערופען, צו נאט האף איך, דו וועסט מיר באלד געזונד ווערן! זאלן זיי זיך בעסער פראהען מיט זייער ליעבע שוועסטער, מיט זייער טהייערע טרייע שוועסטער!..." — רחל'ע האט א שווערן זיפץ געטהון און איהרע אויגען צו נאט אויפגעהויבען. מען האט קלאר געזעהן: זי בעט איהם איצט ער זאל איהר דאס לעבען שענקען צו ליעב די קינדער.

— פעטער, האט זי געזאגט, איך בעט אייך, אז זיי וועלן אויפשטעהן, זאגט זיי ניט אז איך בין קראנק, פיהרט זיי אריין און פערשטעלט מיך פון זיי, זאלען זיי ניט וויסען ווער דא ליגט קראנק, פון ווייטען וועט איהר מיר א וואונק געבען, איך זאל זיי זעהן, פון ווייטען וועל איך אנקוקען און אנווינשען, מיינע עלענדע ברידערלעך!

— גוט, גוט, אז זיי וועלן זיך נור גוט אויסרוהען! האט ער צוגעזאגט.

פאר נאכט האט זי ווידער גרוים היטץ בעקומען און אויפגעהערט צו ערקענען. דער דאקטאר האט געזאגט, ער האפט: זי וועט די נאכט שוויטצען און האט אלע מיטעל געטהון א גינסטיגען שוויים ארוים צו ברענגען. פאר טאג האט די מוטער ווירקליך א שוויים בעמערקט און האט באלד מיט פרייד ר' שלמה'ן אנגעזאגט. ער איז באלד אין בית המדרש אוועגעלאפען, מיט פרייד און מיט דאנק צדקה געטהיילט און נאך גראסערע צוגעזאגט אז זי וועט שוין אין גאנצען געזונד ווערן. און דא האט די מוטער מיט שרהלען זיך מיה געגעבען דעם שוויים וואס מעהר צו טרייבען ווי זיי וואלטען

געהאפט מיט דעם איהר גאנצע קראנקהייט ארויסצוטרייבען. אז עס איז גרויסער טאג געווארן האט די קראנקע די אויגען געעפענט און א טרונק געבעטען. דער דאקטאר האט זי געפונען גערעטעט. די היטץ האט אין גאנצען אבגעטרעטען נור שוואך איז זי געוועזן, אז מען האט קוים געהערט וואס זי רעדט.

— ווי פיהלסטו זיך, מיין קינד? האט די מוטער פאל ליעבע און פרייד געפרעגט.

— מיר איז היינט פיעל בעסער, ליעבע מוטער. איך בעט דיך, רוה שוין אויס א ביסעל, לעג זיך צו שלאפען, מיך שלעפערט אויך. איך בין מיד, שרעקליך מיד, ליעבע מוטער!

חיילע האט זי היים אנגעקושט און אז זי האט געזעהן זי שלאפט שוין האט זיא זיך אויך פערגינט צוצולעגען אויף שרהלעס בעט און איז פון מידקייט שטארק אנטשלאפען געווארן. א שווערער שטיין איז פון יעדענס הערצען אראבגעפאלען. ר' שלמה איז גוט געוועזן צו יעדען און וואלט זעלבסט זיין נשמה אוועקגעגעבען ווען עמאנד וואלט זי ביי איהם געבעטען. פיער אוהר האט זיך רחלע אויפגעחאפט, ער איז געזעסען איהר געזעסען און די פליגען אבגעטריבען זיי זאלען זי ניט בייסען.

— פעטער, ווען קאן משהלע קומען? האט זי געפרעגט.

— מארגען, מיין ליעב קינד!

— היינט קאן ער ניט קומען?

— וואס זאל איך דיך נארן, מיין ליעב קינד, האט ער געאנטווערט, היינט, דאכט מיר, קאן ער נאך ניט קומען. איך ווייס אליין ניט וויפיעל מייל ער האט צו פאהרן, מיינע אבות אבותי זענען אפשר קיינמאל אזוי ווייט ניט געוועזן, זעהר א ווייטער וועג זיינער, מיין קינד!

— זעהר א ווייטער וועג זיינער!... האט זי שווערמוטהיג איבערגעזאגט און איהרע אויגען זענען פאל געווארן, קורצער א סך איז מיין וועג איצט.... גיב איהם, גאט, אויך אין לעבען א לענגערן, גרינגערן וועג פאר מיר!...

די מוהמע דבורה איז אריינגעקומען. „מוהמע, האט רחלע, געזאגט, זענען שוין מיינע ברידערלעך אויפגעשטאנען? א, ווי וויל איך זיי שוין זעהן א מאל!..." ר' שלמה האט זיין ווייב א וואונק געטהון, אבער רחלע האט דעם וואונק בעמערקט.

— ניט האט קיין מורא, פעטער, מיר דעם אמת אויסצוזאגען, האט זי מיט א בעקלעמטען קול געזאגט. מען האט די עלענדע קינדער ניט מיטגענומען געזעגנען זיך מיט זייער שוועסטער... אפשר איז אזוי גלייבער... א, ווי וואלט דאס הערץ אין מיר צעריסען ווערן זעהן זיי וויינען נעבען מיין בעט בעת איך קאן זיי שוין ניט טראסטען ... זאלן זיי געזונד זיין דארט, וואו גאט איז מיט זיי און ניט זעהן מיט זייערע אויגעלעך, ווי זייער רחלע וועט א טוידטע אויף דער ערד ליגען, ווי מען וועט מיך דארט אויפן בית עולם אין טיפע נאסען קבר אראבלאזען און מיט ערד בעשיטען... איך האב עס א מאל געזעהן. מוהמע, א, דאס איז א שרעקליכע סצענע פאר א יונג אויג!... זאלן זיי עס ניט זעהן און ניט וויסען און ניט פיהלען דיא אנגסט און שרעק וואס פיהלט מיין הערץ פון יענעם טאג אן!...

— מיין ליעב קינד. וואס רעדסטו עפיס פון שטארבען? האט ער מיט אנגסט

געפראגט, דו האסט דאך געשוויצט די נאכט אונ דער דאקטאר זאגט, דו וועסט באלד געזונד זיין, מיר וועלן נאך טראסט אונ נחת האבען אונ די גראסטע פרייד וועט זיין, אז משה'לע וועט קומען א עהרליכער פרומער יוד ווי מיר אלע ווינשען איהם אונ איך מיט דיין מאמען, זאל געזונד זיין, וועלן אייך אונטער אייער חופה בענשען! זעה־זשע, מיין טאכטער, געזונד צו ווערן!" — זי האט געשוויגען נור אירע פאלע אויגען האבען איהר פיין דערצאהלט, איהם האט אנגעהויבען צו שרעקען.

— זאל איך אפשר געהן דעם דאקטאר רופען? האט ער מיט אנגסט געפראגט.

— ניין, פעטער, האט זי געאנטווערט אונ זיין האנד מיט א קראמפף צוגעדריקט. געהט איצט ניט אוועג פון מיר. איהר וועט מיט מיר ודוי זאגען!...

ער האט זיך פערלארן, געוואלט א געוואלד מאכען, אבער זי האט ווידער אנגעהויבען רעדען: „פעטער, שרעקט אייך ניט, האט זי געבעטען, מיין בעסערונג איז נור א פאלשער שיין געוועזען... וויא א ליכט געהט אויך דעם מענשענס לעבען אויס... איין מינוט פאר דעם פערלאשען ווערן הויבט עס אן ליכטיגער צו שיינען... עס קאנצען זיך די כחות מיינע, פעטער, מיר דאכט: מיינע פיס זענען שוין אבגעשטארבען, האלט איך די אויגען אפען זעה איך: ווי דאס גאנצע צימערל איז פון טהערען פאל, אין די לופטען, איבער מיין קאפ, איך שווים אום אין זיי... פערמאך איך די אויגען, דאכט מיר: איך ליג שוין אויף דער ערד... מיט דעם שווארצען געוואנד אריבערגעדעקט... אין מיינע אויהערן קלינגט דיא „צדקה תציל ממות" פושקע... זעהט איהר ניט, דארט ביי דער טהיר ווארט שוין דער ארון צו מיין לויה... נאט זאל אייך טראסט צו שיקען, דאס בעט איך איהם נאך!...

— רעד ניט, יעדעס ווארט דיינס איז מיר א שפיז אין הארצען!...

— זאל איך פאר מיין טוידט זיך מיט מיין ליעבען פעטער ניט געזעגענען? א, איך האב אייך נאך וואס צו בעטען, עס וועט באלד קיין צייט ניט זיין, פעטער ליעבער!

ער האט איהר האנד אנגעריהרט זי איז שוין קאלט אונ כמעט טוידט געוועזען. מיט שרעק איז ער פון צימערל ארויסגעלאפען אונ א ביטער געשריי געמאכט: „זי איז פארביי! זי געהט ווי א ליכט אויס, לויפט צום דאקטאר. גיכער טאמער קאן מען נאך באטעווען!" וויפיעל עס זענען אין פארדער צימער מענשען געוועזן האבען זיך צו דער קראנקער א ווארף געטהון, חייע'לע איז ווי א צוטומעלטע צוגעפאלען צו איהר קינד. „וואס זענען אזוי דיינע ליכטיגע אויגען אויסגעלאשען געווארן, רחל'ע, מיין קרוין, מיין ליכט פון מיינע אויגען?!..." האט זי געטענה'ט אונ די האר אויף זיך געריסען.

— וויין ניט, וויין ניט, ליעבע מאמוניא! האט רחל'ע ריהרענד געבעטען, נאט רופט מיך, איך האר די שטימע זיינע, זי איז שוין נאהענט... א, גלויב איהם, מוטער ליעבע, ער וועט דיר טראסט אונ כחות געבען!....

— לעב מיר בעסער, מיין ליעב קינד, קיין אנדער טראסט וויל איך ניט!

— מוטער, ער האט מיר מיין נשמה געגעבען, ער נעהמט זי צוריק צו, געלויבט איז ער! „פייגע שטעהט מיר איצט פאר מיינע אויגען... זי איז פון איהר אייביגער רוה געקומען דערמאנען: איך זאל ערפילען מיין היילינ ווארט וואס איך האב איהר געגעבען, פאר איהר א קדיש צו דינגען אונ צום יאהרצייט א ליכט אנצינדען. טהו

דאס דו פאר מיר אונ זי וועט פאר דיר אונ דיינע יתומים'לעך גאט בעטען!

— גראסערע חסדים וואלט מיר אויך ניט צו שווער זיין, פאר פייגען וואס האט דיך, מיין קינד, אויף איהרע האנד אויסגעהאדיוועט. א, זאל זיא בעטען פאר דיר!..

וויפיעל צער אונ אנגסט האט די גוטע שרה'לע מיט איהר מוטער פון מיר ביז מיין לעצטער מינוט! איך וואלט מיט א פערל בעצאהלן זיי פאר יעדע טהרער וואס זיי פערגיסען פאר מיר; אבער אוים זענען מיינע יאהרן... בעצאהל זיי דו, ליעבע מוטער, וואס איך קאן שוין מעהר ניט!

— אפילו מיין געזונד אונ לעבען וואלט איך אוועגגעבען, נור לעב, נור זייא געזונד!... האט די מוטער געחליפעט.

— זאל איך דיך נאך בעטען געטריי זיין מיינע עלענדע ברידערלעך אונ ליעבען שוועסטערל? ניין מאמוניא! דו וועסט זיי טריי זיין אהן מיין בעטען. — איך וויים: זיי זענען אין זייער ביינער היים געבליבען... זאג זיי ניט, מאמע, אז רחל'ע איז געשטארבען, צו וואס זאלן אויך זייערע יונגע טהרערלעך אין מיין קבר מיר אריינרינען? נור ווען דיינע עלענדע קינדער וועלן דיך פרעגען: מאמע, וואו איז רחל'ע? אונזער ליעבע שוועסטער וואו איז? זאג זיי: "ווייט, ווייט איז רחל'ע אוועגגעפאהרן, דארט, וואו דער הימעל לאזט זיך ביז דער ערד אראב, וואו ווייטער קאן מען שוין ניט פאהרן, דארט אויף יענעם פערוואורפענעם בית עולם, וואו אייער געטרייער טאטע ליגט — דארט, קינדערלעך, בעט רחל'ע גאט פאר אייך, איהר זאלט געזונד זיין, גוטע, געלערנטע אונ אויך גליקליכע זיין!..." וועט א מאל משה'לע וועלן די קינדער גוטס טהון, גלויב איהם מאמוניא, אין נאמעס וועגען וועט ער זיי פיהרן!....

דיא ווארטער האבען ביא אלעמען דאס לשון אבגענומען נור טהרערן האבען זיך שטיל געגאסען. "גוטע רבקה, אונ איהר, ליעבע שרה'לע! האט זיא איהרע אויגען ווענדענדיג צו זיי געזאגט, זייט מיר מוחל אייער צער אונ אנגסט וואס איך האב פאר אייער חסד אין אייער שטיבעלע אריינגעטראגען! איך האב עס ניט געוואלט ניט געוואוסט.... געזעגענט אייך מיט אייער שכנה וועלכע קלויבט זיך באלד פון אייער דירה ארוים... א אנדער דירה, א אייביגע איז אנגעגרייט, צוגעפוטצט פאר מיר... מיין ליעבער פאטער האט נאך אין זיין לעבען דיא דירה געלד בעצאהלט.... ניט בעשערט געוועזן מיר אין זיין שטוב צו שטארבען, זאל איך האטש אין זיין קבר מיין אייביגע רוה געפינען... מוטער, דו וועסט ניט לאזען דיין טאכטער זייער דירה געלד אוועגפיהרן אהין, פון וואנען מען קאן שוין קיינמאל, קיינמאל ניט אבשיקען.... אונ דוא, לייבעלע, ארעם יתום'ל, האט זי צו שרה'לעס יונגעל געזאגט, איך האב געוואלט גוטס טהון דיר, ליעב קינד. איצט קאן איך נור, ווי פאר מיינע ליעבע ברידערלעך, אויך פאר דיר דעם פאטער פון יתומים בעטען. זאל ער אייך גוטס טהון ווי איך וויניש אייך. עלענדע קינדער!.... וויין ניט, לייבעלע, איך געה דאך אהין וואו דיין טאטע איז... איך וועל איהם זאגען: דוא פאלגסט וואס גאט הייסט, אונ וואס דיין גוטע מאמע אונ קלוגע באבע הייסען....

— מיין טאטע איז דאך געשטארבען, האט דאס קינד מיט א וויינענד קולכל זיך אבגערופען, געהט ניט אהינצו, רחל'ע!... איך בעט גאט איהר זאלט געזונד ווערן.

– מיינע ברידערלעך וועלן ניט וויסען אַז איך בין געשטאָרבען. בעט דוא נאָם אונ זאָג אַ מאָל קדיש נאָך מיר, ליבּעלע, אויב מען וועט זאָגען אַז דו מאָגסט... זיי מיר געזונד, פאָלג וואָס גאָט הייסט אין הייליגען חומש וועלכען דוא האָסט מיר פערטייטשט! איך וועל איהם פאַר דיר אויך בעטען אונ פאַר דיין ליעבּע מאַמען, גוטע מאַמען....

„ליעבּע מוהמע, האָט זי צו דבורה'ן געזאָגט, איהר האָט מיך געטרעסט ווען איך האָב נאָך מיין טרייען פאָטער געוויינט אונ געקלאָגט. טרעסט איצט דיא, וועלכע וועלן באַלד נאָך מיר וויינען אונ קלאָגען!... זייט מיינע ברידערלעך אַ מוהמע אַ גוטע ווי געוועזן אונ אַ שוועסטער אַ טרייע אויך דער ליעבּער עלענדער מוטער מיינער.... ווען אייער פלעמעניק, דער ליעבּער משה'לע וועט קומען אונ וועט וויינען אונ קלאָגען אַז ער וועט מיך שוין אונטער'ן שטומען באַרגעל, דאָרט אויפ'ן בית עולם געפינען—זאָלט איהר איהם זאָגען: איך האָב איהם פאַר מיין טוידט געבּעטען: ער זאָל זיין פאָל הערץ אונ טהרערן נור פאַר גאָט אויסגיסען אונ מענשען זאָל ער מוחל זיין!... זאָגט איהם, ביז איהר טוידט איז איהם רחלע טריי געוועזן אונ ביז איהר קבר האָט זיא איהם ניט פערגעסן!

אין דער מינוט איז דער דאָקטאָר אַריינגעקומען. חייעלע איז מיט אַ ביטער געוויין צוגעפאַלען, ער זאָל באַטעווען; אָבּער קוים האָט ער די אָבגעשטאָרבּענע האַנד רחלע'ס דערזעהן האָט ער געענטווערט: ליעבּע מוטער, גאָט איז אַ דאָקטאָר, איהם בעט, איך קאָן נור מיט דער קראַנקהייט קאַמפּפען אָבּער ניט מיט דעם טוידט!....״ חייעלע האָט צו חלשן אָנגעהויבען אונ מען האָט זי אונטער די האַנד פון צימערל אַרויסגעפיהרט. דער דאָקטאָר האָט אַלעמען געהייסען אַרויסגעהן אונ איז אַליין אויך אַרויסגעגאַנגען חייעלען מינטערן, נור ר' שלמה איז ווי אַ שטומער געבּען דער קראַנקער געבּליבען. רחלע האָט זיי טרויעריג נאָכגעקוקט. „זייט געזונד אַלע מיינע ליעבּע אונ מיינע טרייע! האָבען נאָך איהרע ליפּען שטיל אַרויסגערעדט, זייט אויך איהר געזונד, ליעבּע ברידערלעך אונ אָרעם שוועסטער'ל! גליקליכער פאַר מיר זאָלט איהר לעבען, עלטער אונ גרינגער פאַר מיר זאָלט איהר שטאַרבען.... אונ דו, ליעבּער משה'לע, פערגעס מיך, פערגעס דיין רחל'ען! פערגעסען דיך קאָן זי ניט זעלבּסט פאַר איהר טוידט!....״ פעטער, איך וויל ווי אַ יודישע טאָכטער שטאַרבען ווי איך האָב וויא אַ יודישע טאָכטער געלעבט... זאָגט מיט מיר ודוי!

– זאָג דו מיט מיר ודוי, מיין קינד! האָט ער קוים אַרויסגערעדט אונ דעם סדור גענומען אונ ודוי געזאָגט, זיא האָט נאָכגעזאָגט, נור אין הערצען האָט ער זיך געשלאָגען, זי האָט שוין קיין כח ניט געהאַט.

דיא זונן האָט אָנגעהויבען אונטערצוגעהן, איהרע לעצטע רויטליכע שטראַהלען האָבען אין צימערל אַריינגעשיינט אונ דאָס שאָנע בלאַסע געזיכט פון דער שטאַרבענדער בעלייכטעט. עטוואָס הייליגעס, טרויעריגעס אונ שרעקליכעס איז אין דער בעלייכטונג געוועזן. ר' שלמה'ן האָט געדאַכט, דאָס שטראַהלט אַזוי דאָס שאָן געזיכט פון דער, וועלכע האָט ערשט ודוי אָבגעזאָגט. אויך די וואָס זענען צוריק אַריינגעקומען, נאָך דעם זיי האָבען חייעלען אָבגעמינטערט זענען פערוואונדערט געוואָרן פון דעם רויטליכען ליכטיגען שיין וואָס האָט איבּער רחלע'ס ליעבּען אַנציהענדען פּנים

געשפילט און זיי זענען בעט געשטאנען אין שטומער בעוואונדערונג מיט א הייליגען ציטערן אין אלע גלידער. באלד איז די זון אונטערגעגאנגען, אין הדר'ל איז דונקעל געווארן און אויך רחל'עס שיינענד פנים האט שוין מעהר ניט געשיינט... אז די מוטער האט זיך צוריק צו איהר קינד אריינגעריסען האט שוין אין חדר'ל אליכט געברענט אבער דס גוטע קינד האט שוין ניט די מוטער ניט דעם שיין געזעהן. מיט קושען און מיט טהרערן הייסע האט נאך די פערצווייפעלטע מוטער איהר קינדס אבגעשטארבענע קאלטע האנד געווארמט, ווי עס וואלט נאך מעגליך געוועזן זיי צו דערווארעמען. דער לעצטער קאמפף האט זיך אנגעהויבען, טוידט און לעבען האבען אין דעם ליעבען קארפער געשטריטען און מיט ציטערן און אנגסט האט מען צוגעקוקט ווי דער טוידט איז גובר און דאס לעבען ווערט אלץ שוואכער און שוואכער...

אלטערע בעלי בתים פונ'ם שטאדטעל, וועלכע זענען געקומען יציאת נשמה דערווארטען — האבען ר' שלמה'ן דערמאנט אז ער איז א כהן און טאהר שוין מעהר מיט זיין ליעבער רחל'ען אונטער איין דאך ניט זיין. ער האט זי נאך אין שטערן א קוש געטהון און איז ווי א צומישטער ארויסגעגאנגען. אויך חיי'לען האט מען איבערגעוואלד ארויסגעפיהרט, די לעצטע פיין און שמערצען פון איהר ליעב קינד, מיט די אויגען ניט צו זעהן. ר' שלמה איז די גאנצע נאכט אונטערן פענסטערל געשטאנען, די האר פון קאפ געריסען און צו גאט געשריען: ער זאל שוין איהם אויך צונעהמען פון דער פינסטערער וועלט, פון דער פערדארבענער פאלשער וועלט, וואו א מענש א מענשען קאן אזוי פערפיהרן, טרייהייט אין אכזריות צו פערקעהרן און אזא ליעב קינד, אזא בריליאנט קינד דיא יאהרן אבקירצען...

עס האט צו בעגינען אנגעהויבען, ווי פייער רויטה איז יענער בערג הימעל געווארן וואו דיא זון האט זיך צוגעגרייט איהר ניי'ען קרייז ארום דער ערד ארומ־צוגעהן, פון די נאהענטע, מיט טהוי בעדעקטע פעלדער, וועלכע האבען זיך פון דעם ארעם שטיבעלע געזעהן, האט זיך א פריש קיהל ווינדעל צוגעטראגען און עס האבען זיך שימערנדע קלארע טהוי טראפענס געזעהן אויף יעדעם בלאטעלע, אויף יעדעם גראזעלע. ר' שלמה'ן האט געדאכט: זעלבסט זיי וויינען איצט מיט איהם אויף דעם יונגען טוידט דא אין שטיבעלע... נאך א קורצע צייט איז אריבער און די זון איז אין גאנצען ארויס, דער טהוי פון דיא פעלדער האט זיך ווי א רויך אויפגעהויבען און מיט איהם צוזאמען איז ארויף אויך דער לעצטער לעבענס הויך פון דעם יונגען בלימעלע וואס האט א מאל רחל'ע געהייסען... די וואס זענען מיט ליכט אין די האנד ארום איהר בעט געשטאנען האבען פלוצלונג געזעהן ווי איהרע פערשלאסענע אויגען האבען זיך געאפענט, שטיל און ריהרענד האבען זיי נאך דיא ערשט ליכטיג געווארענע וועלט אנגעקוקט און אזוי שטיל און אזוי ריהרענד האבען זיי זיך צוריק פערמאכט זיי שוין קיינמאל מעהר צו אפענען און דיא וועלט שוין קיינמאל ניט מעהר צו זעהן... איינע מינוט איז נאך אויף איהר ליעבען פנים שמערץ און פיין געוועזן צו זעהן באלד אבער האט מען א שטילען שווערן זיפץ דערהערט, דאס געפייניגט יונג הערץ איז שטעהן געבליבען און דער פאדעם פון איהר לעבען האט זיך ווי אין מיטען אבגעריסען... דאס טוידטע געזיכט האט זיך צוריק אויסגעגלייכט און דער ליעבער חן אויף איהם

האט צוריק ווי אויף א לעבעדיגע גערוהט און מען האט גערויט מיינען זיא שלאפט א רוהיגען, א ערקוויקענדען שלאף. —

האבער און ליכטיגער איז די זונן ארויף. נור איידער איהרע ווארעמע שטראהלען האבען נאך די טהוי טראפענס פון די גראזעלעך און בלאמעלעך אבגעטריקענט — איז שוין א פערוועלקטע און פערקיהלטע אויף דער ערד געלעגען די שאנע רחל'ע וועלכע האט נאך ניט לאנג צוריק אזוי שאן געוואקסען און אזוי ליעב געבליהט... מען האט פיעל ליכט אנגעצונדען, אפשר ליכטיג צו מאכען יענע אויגען, וואס זייער ליכטיגע זונן איז איצט מיט דעם שווארצען מתים געוואנד פערדעקט געווארן, אבער ניט מעהר דער, וועלכע איז שוין אויף דריי שטרויה אונטער דעם געוואנד געלעגען... דיא אלטע רבקה האט זי מחילה געבעטען פאר דער מוטער, פאר דער מוהמען, פאר זיך און פאר שרה'לען און איהר געהייסען א גוטע בעטערין זיין פאר איהרע ליעבע וועלכע ווייגען נאך איהר און איידער זי האט נאך איהרע טהרערן אבגעווישט האט מען שוין איהר ליעבע שכנה פון איהר שטיבעלע ארויסגעטראגען. עס איז אין שטאדטעל כמעט א מענש ניט געבליבען וואס איז צו דער לויה ניט געגאנגען און קיינער איז צו דער לויה ניט געוועזן וואס האט א טהרער ניט פערגאסען, אדער פון דער געשטארבענער א שאנעם שבח ניט דערצעהלט.

אין א פאר שעה ארום האבען צוויי שמשים, אויף יענעם ארט, וואו דאס ליעב ענגעל האט געבען זיידענס קבר, תשעה באב, אזוי פיעל טהרערן פערגאסען — א טיפען קבר אויסגעגראבען און נאך אין האלב שעה ארום האט א פרישע בערגעל ערד צוגעדעקט דיא, וואס האט נאך היינט דיא וועלט און דיא זונן מיט איהרע אויגען אנגעקוקט.

פון יענער זייט פארקאן וואו ר' שלמה איז ניט לאנג געשטאנען און זיין געשטארבענעם פאטערס מצבה שטיין געזעהן, איז ער איצט ווידער געשטאנען און מיט פאלע אויגען צוגעקוקט וואס דא געהט פאר. ער האט ניט געוויינט, ניט געקרעכצט; נור אז ער האט דעם ערשטען קדיש ביי דעם ערשט אנגעשאטענעם קבר דערהערט, האט ער מיט אהערצרייסענדער שטימע „אמן יהא שמיה רבא" געענטווערט און איז צוריק שטיל און שטום געבליבען ווי פריהער.

דער הימעל האט זיך מיט א געוויטערפאלען וואלקען פערצויגען, עס האט א העליגער בלענדענדער בליטץ געטהון און באלד האט אויך א שרעקליכער דונער דאס גאנצע, מיט קברים בעדעקטע פעלד פערהילכט. א העפטיגער ווינד האט דיא יונגע צווייגעלעך איבער דיא קברים ביז צו דער ערד צוגעבויגען און גרויסע טראפענס רעגען האבען מיט שטורעם אנגעהויבען פאלען. די לעבעדיגע זענען געשווינד פון בית עולם אראפ, אונטער א דאך ערגעץ פון רעגען זיך צו בעהאלטען—די טוידטע אבער זענען פון רעגען און פון שטורעם, ווי פון אלע אונגעוויטער אין מענשליכען לעבען, אין זייערע קברים שוין לאנג געזיכערט געוועזן...

פאר נאכט האט דער רעגען אויפגעהערט. די נאסע קברים זענען גיך טרוקען געווארן און אויך פון די פערגאסענע טהרערן דא איז קיין כלעד און קיין זכר מעהר געבליבען... דער הימעל האט זיך אויסגעלויטערט. דיא זונן האט ווידער דאס איינציגע

פעלד בעלייכטעט אונ מיט א ליכטיגען שטראהל אויף דעם פרישען קבר בעגריסט...

חייעלען האט מען פון בית עולם א קראנקע אראבגעפיהרט. ר' שלמה איז אליין אהיים געקומען. זי האט צו וויינען אונ צו קלאגען ניט אויפגעהערט, ער אבער האט ניט געוויינט אונ ניט געקלאגט. אזוי איז דער ערשטער אונ אויך דער אנדערער שבעה טאג אריבער; נור אז די ווייבער האבען לכבוד שבת ליכט געבענשט אונ חייעלע האט דערמאנט אירע אמאליגע יאהרן: ווי רחלע פלעגט צו ליכט בענשען אירע שאנע האנד ארויפלעגען אויף אירע אויגען, וועלכע האבען נאך ליכטיגער ווי די ליכט געשיינט, אונ אויף די אויגען ליגען שוין איצט שארבלעך... אונ זי ליגט שוין אין קבר... האט ער פלוצלונג א געשריי געטהון: „אונ איך, איהר מלאך המות לעב נאך! — איך בין געזונד. ווי מויער שטארק!... וואס וויל גאט פון מיר? איז מיר וועניג מיינע זינד? זאל איך נאך מיינע שבתים פערשטארן?" ער האט זיך שרעקליך פאנאנדער געוויינט אונ האט אויך אין טיש צו קדוש געוויינט אונ וואלט צו וויינען א גאנצען שבת ניט אויפגעהערט ווען דבורה וואלט איהם ניט דערמאנט, אז עס איז ניט נור געגען גאט א זינד, אבער אויך געגען דער געשטארבענער. „די טהרערן דיינע, האט זי געזאגט, פערשטארן איהר הייליגע רוה, וואס ווילסטו נאך איצט פון איהר? וועניג האבען מיר איהר פיין אונ לייד אין לעבען אנגעטהון? ווילסטו זי אין קבר אויך צו רוה ניט לאזען? זי האט זיך געביך געבעטען מען זאל איהר חאטש אין קבר מנוחה געבען אונ ניט וויינען נאך איהר... טהו איהר צו ליעב, וויש דיינע טהרערן אב אונ לאז זיא א נוטע בעטערין זיין פאר דיא וואס לעבען נאך!..."

דיא ווארטער האבען אויף איהם געווירקט, ער האט צו וויינען אויפגעהערט. זעלבסט זונטאג, ווען משה'לע איז געקומען אונ עס האבען מיט איהם מיטגעוויינט ווער עס איז נור אין שטוב געוועזן, האט ער ר' שלמה איין טהרער ניט געלאזט פאלען. „זי האט געבעטען ניט וויינען נאך איהר", האט ער זיין אומגליקליכען פלעמעניק געזאגט. גרינגער וואלט מיר געוועזן, ווען זי וואלט מיך געבעטען, דיא שווערסטע תשובה געהמען אויף זיך פאר מיינע זינד געגען איהר; זי האט אבער נור ניט וויינען געבעטען אונ מיין שטילער וועהטיג איז מיר ליעב... טהו איהר דו אויך צו ליעב, מיין זוהן, וויין זיך אויס א ביסעל אונ זיי א מענש!" אבער משה'לען האט געדאכט ער קאן שוין קיין מענש ניט זיין אונ האט צו וויינען ניט אויפגעהערט. „זי איז ניטא מעהר! האט איהם יעדע זאך דא אין שטאדטעל דערמאנט. ניטא מעהר מיין רחל'ע! האט זיין הערץ געשריען. פאר וואס בין איך נאך דא?"... עס האט איהם דאס הערץ געצויגען חאטש איהר קבר צו זעהן אונ קייגעם ניט זאגענדיג וואהין ער געהט, האט ער דעם אנדערן טאג אין טהרערן אונ וויינען אויף רחל'עס קבר פערבראכט. אז ער איז פאר נאכט אהיים געקומען אונ דעם פעטער דערצאהלט וואו ער איז געוועזן, האט דער פעטער געזאגט: דו האסט פערגעסען, מיין זוהן, אז דוא ביזט א כהן אונ טארסט אויף איהר קבר ניט

זיין. איך בין דיר ניט חושד חלילה, אז דו האכט געוואוסט וואס דו טהוסט. אין אדם נתפס על צערו. גאט זאל דיר עס מוחל זיין!

— פערגינט מען מיר דעם איינציגען טראסט אויך ניט? האט ער מיט א ביטערן קול א געשריי געטהון, האט איהר א הערץ, ליעבער פעטער. מיר צו פערבאטען מיינע טהרערן אויף דעם קבר אויסצוגיסען וואו מיין וועלט, מיינע אלע האפנונגען רוהען? ניין, ניטא אזא מצוה אין אונזער הייליגער תורה וואס זאל א מענשען הייסען זיין הערץ אין זיך דערשטיקען! ניטא אזא געזעטץ וואס זאל די טהרערן איינהאלטען זיי זאלן זיך ניט גיסען, בעת דאס הערץ איז שוין צוריסען אונ קאן זיי אין זיך מעהר ניט בעהאלטען! א, האט רחמנות פעטער, זאגט אז איך מאג, גאט איז א קראנקען מוחל, איך בין איצט מעהר ווי קראנק, פעטער!

— מיין זוהן, האט ער געאנטווערט, איך האב דיא הייליגע תורה ניט מעהר געלערנט פאר דיר, דוא ווייסט דעם דין אליין, זאגען דיר אז דו מאגסט טאהר איך ניט, זאגען דיר אז טאהרסט ניט, קאן איך ניט.... ניט פיעל נאך וועל איך באגגען אהין צו קומען וואו דאס פרום קינד איז אזוי יונג אוועג... ביא גאט בעט איך, ער זאל מיך וואס פריהער אהין ברענגען; דוא אבער ביזט נאך יונג, דיין צער איז גראסער ווי מיינער אונ איך קאן דיר יענעם וועג ניט פערשטעלען וואהין דיין באנגענד הערץ פיהרט דיך טראסט צו זוכען... דערמאנען אבער מוז איך דיר: רחלע איז ווי א כשרה יודישע טאכטער געשטארבען אזוי וויא זיא האט וויא א פרום יודיש קינד געלעבט אונ איך וויים ניט, צו קאן זיא אין איהר הייליגער רוה צופרידען זיין אז דו זאלסט מיט א זינד אויף איהר קבר קומען? געפין בעסער טראסט אין דעם וואס דוא ווייסט איהר ווילען טהון א פרומער יוד צו זיין, א דין פון דער תורה הקדושה ניט אריבערצוגעהן.

משהלע האט זיך אויסגעוויינט אונ איז שוין אויף מארגען פון דער זייט פארקאן געשטאנען אונ פון ווייטען דורך ביטערע טהרערן אויף דעם קבר געקוקט וואס האט אויף אייביג זיין ליעבע רחלען צוגעדעקט. נאך שבעה איז פון ר' פנחס'לן א טעלעגראמא אנגעקומען, חייעלע זאל תיכף אהיים פאהרן, א קינד איז ניט געזונד. זיא האט אויף איהר קינדרס פרישען קבר צדקה געטהיילט, געשווארן משה'לען, אז זיא בלייבט איהם א מוטער אונ א מוהמע א געטרייע, ער זאל נור איהר צער צוזעהן אונ זאל איהר פלעמעניק וועלן בלייבען אונ איז צוריק צו איהרע קינדער געפאהרן. משהלע איז אבער מיט דער צושפאטער געטרייקייט ניט געטראסט געווארן אונ טאג אונ נאכט האט ער זיין וועהטיג אין הערצען אונ זיין טיפען טרויער ניט געקאנט פער־געסען. צו זיינעם א חבר, וועלכער האט איהם אין א בריף געטראסט אויף זיין אונגליק, האט ער מיט דיא ווארטער זיין איצטיגע לאגע בעשריבען:

„האסט דיר א מאל פארגעשטעלט וואס פיהלט יענער אונגליקליכער, וועלכען מען קומט אנזאגען: זיין אורטהייל צום טויט איז שוין אונטערגעשריבען אונ מארגען אין דער צייט וועט ער שוין ניט לעבען? איך האב געמיינט; ניטא אין דער וועלט וואס זאל אין מענשענס הערצען אזא פיין אונ אנגסט אויפוועקען וויא דיא בשורה, אז דיא מינוט פון זיין טויט איז שוין בעשטימט... איצט, מיין פריינד, וויים איך שוין:

עס איז נאך שרעקליכערעס דא אונ דאס שרעקליכערע פיהל איך אליין!... „מארגען וועסטו ניט מעהר לעבען!... ליגט שוין ניט אליין אין דיא ווארטער טראסט אונ בערוהיגונג פאר דעם, וואס האט שוין אין לעבען גאר נישט, זעלבסט ניט דיא האפנונג צו לעבען? „מארגען וועסטו ניט מעהר לעבען!" ד. ה.: מארגען וועסטו זעלבסט דיא שרעק פון דער בשורה ניט מעהר פיהלען!" — וואס אבער פיהלט דער אונענדליך ליעבענדער, ווען ער לויפט מיט דער האפנונג נעבען זיין געליעבטער גליקליך צו זיין אונ מען בעגעגנט איהם מיט דיא ווארטער: „זיא איז שוין ניטא, ניטא מעהר דיין ליעבע רחלע אויף דער ליכטיגער וועלט!"...?

מיט דיא שרעקליכע ווארטער האט מיין אינגליקליכער פעטער, מיך, זיין נאך מעהר אונגליקליכען פלעמעניק בעגעגנט אין דער מינוט וואס איך בין מיט דיא ליעבסטע האפפענונגען צו איהם אין שטוב אריין... אך, אין טויזענדער קלאגליכע שטימען האבען זיך דיזע ווארטער צוטהיילט אונ וויא טויזענד גוואלד גלאקען קלינגען זייא טאג אונ נאכט אין מיינע אויהערן. וואו איך געה, וואו איך זיטץ, וואס איך האר אונ וואס איך זעה, אלץ אונ אלע שרייען צו מיר: „זיא איז שוין ניטא, ניטא מעהר דיין ליעבע רחלע אויף דער ליכטיגער וועלט!" נור דאס ליעבענד הערץ מיינס אליין וויל עס ניט גלויבען! קאן עס ניט גלויבען, האטש עס זעהען שוין מיינע אויגען איהר יונגען קבר, האטש עס גיסען זיך מיינע טהרערן פון ווייטען אויף איהם קוקענדיג!.. דאס הערץ ווערט פון הארן ניט קלוג פון זעהען — ניט איבערצייגט אונ עס באנגט אונ עס ליידעט אונ ציהט מיך אונ רייסט מיך צו איהר קבר וויא צו א לעבעדיגער... וואו זיא איז, וויל מיין הערץ אויך זיין אונ בעט זיך האטש אין א קאלטען שטומען שטיין פערוואנדעלט צו ווערן אונ אויף איהר קבר האטש אלס איהר איביגע מצבה צו בלייבען... ליידער איז מיר דאס אויך ניט פערגינט: איך בין א כהן אונ דארף נור פון דער זייט פארקאן אויף דעם ליעבען קבר ארויפקוקען אונ צו איהם נאהענט ניט צוטרעטען!... א איינגעבויגען נידריג וואנדמעל שטעהט צווישען מיר אונ דעם פארגעל, וואס האט מיין וועלט אונ לעבען אויף איביג צוגעדעקט. אך, א צובראכען איינגעבויגען וואנדמעל איז אויך דאס לעבען מיינס געווארן אונ וויא בעט איך גאט, ער זאל שוין א ווינדט א מאל שיקען עס אנידער צו ווארפען אונ איך זאל שוין אויך דארט זיין וואו אלע מיינע האפפענונגען זעהען אזוי גיך אוועק!... אונ ווען וועל איך פעהלען אין דער גרויסער וועלט? וואס בעטרעפט נאך איין טראפען וואסער פון דעם גרויסען וועלט־ים ארויס?... שיינט דען ניט דיא זון, געהט זיא ניט אויף אונ אונטער, אזוי שאן, אזוי ליכטיג, וויא אין יענע גליקליכע טאג, ווען מיין ליעבע רחלע האט איהר ליכט נאך מיט איהרע אויגען געגעבען? זיא ווערט אויך דאן אזוי ליכטיג שיינען, אזוי שאן אויף־ אונ אונטער־געהן, ווען איך וועל אויך איהר ליכט מעהר ניט זעהן; אבער מיט וויפיעל ווערט מיר דער פינסטערער קבר ליכטיגער זיין אלס עס איז מיר איצט דיא ליכטיגע וועלט!...

דוא פראגסט מיך, פריינד, „ווער איז דער רבי, וואס זיין ווילען האט אזא געוואלדיגע מאכט אויף זיינע חסידים?" מיין הערץ איז צו פיעל קראנק אין מיר אונ איך קאן פון זיין גוטס אונ פון זיין שלעכטס איצט ניט רעדען; אבער דאס זאג איך

דיר, ווייס איך, אַז זיין גַבַּאי ר' פִּנְחַסְל איז דער איינציגער מַלְאַךְ הַמָוֶת געוועזן פון
דער אונשולדיגער הינגעשיידענע אונ אויך ער איז דער שֵׁד וואס האט מיר מיין וועלט
אַזוי פינסטער, אַזוי יאמערפאל געמאכט!... אונזער היילינע תּוֹרָה דערצאהלט:
„עס זענען געקומען צו משה'ן די פארשטעהער פון דער פאמיליע גִלְעָד, פראגען וועמען
זאלען הייראטהען צְלָפְחָד'ס טאכטער. עס זאל דורך זיי ניט פערפרעמדט ווערן די
פאמיליען נַחֲלָה, וואס זיי האבען פון זייער פאטער בירושה בעקומען?" אונזער גאטליכער
לעהרער משה האט זיי אין נאמען נאמען געאנטווערט: „לַטּוֹב בְּעֵינֵיהֶם תִּהְיֶינָה
לְנָשִׁים". זאלען זיי הייראטהען מיט די וועלכע געפאלן זיי. האבען מיר דערפון ניט
אבצולערנען, אַז זעלבסט גאט אונ זיין היילינע תורה ערקענען די ריינע נייגונג אונ
פרומע ליעבע אין מענשענס הערצען? איז דען ווירקליך ניט אַ זינד געגען גאט, ווען
עלטערן צווינגען זייער קינד פון זיינע פרומע אונשולדיגע ליעבע זיך אבצוזאגען בעת
דעם קינדס הערץ וויל עס ניט אונ קאן עס ניט? — אַ אמת'ע ליעבע תורה האט
משה רבינו, אונז געגעבען, אבער אונזערע רביים געדענקען זיא ניט אונ נאר אהן
תורה זאגען זיי: „דער איז דיין בעשערטער, טאכטער! מיט ר' הענידס זוהן מוזט
דיינע יאהרן אויסלעבען, אדער אין דער ערד אריין אהן אַ צייט!" אונ מיינע ברידער
יודען גלויבען אונ זאגען: „רחל'ע איז נור איבער דעם געשטארבען ווייל זיא האט
איהם „זאל לעבען" ניט געפאלען"! אמת זאגען זיי. אבער ווער איז איהר מלאך המות
געוועזן?...

ווייא ווערט מיין בלוט אין מיינע אדערן אין גיפט אונ גאלל איבערגעקאכט אַז
איך דערמאן וואס דא איז איהר אונ מיר געשעהן! מיינע פינגער קראמפען אין
אַ פויסט צוזאמען דעם ר' פנחס'לן צו שלאגען, נקמה פון איהר מערדער, נקמה פאר
איהר טוידט אונ פאר מיין פייגפאללען לעבען. שרייט מיין הערץ! — אך, איך בין
שוין ווילד, איך האר שוין ניט וואס איך רעד, פערצייהע, פריינד, איך קאן מעהר
ניט שרייבען, איך מוז פון מיין איינענעם כעס עטלויפען; אהין, צו יענעם בארגעל
מוז איך לויפען, מיין ברענענד הערץ מיט מיינע טהרערן צו לעשען!... צו מיין
רחל'עס קבר לויף איך, וואו פריידליכע היילינע געדאנקען טראגען מיך פון דער פער-
דארבענער וועלט ארויס אונ פיהרן מיך אַוועק אהין ווייט ביז צום שאטען פון יענעם
עוויגען בוים, וואו זיא רוהט, וואו זיא ווארט אויף מיר!... איצט פליסען מיינע טהרערן,
איך זעה שוין מעהר דאס פאפיער ניט, די גאנצע וועלט איז אַ צושטורעמטער ים
ארום מיר, אַ ים אהן אַ ברעג, אהן אַ גרונד, אין איהם שווימט אונ טרענקט זיך
דיין אונגליקליכער חבר משה כהן."

די צייט איז דערווייל ניט געשטאנען, עס איז אריבער אַ וואך נאך אַ וואך,
קלייניצער יודען האבען די געשטארבענע רחל'ען פערגעסען אונ יעדער האט זיין
געשעפט געטהון ווייא פריהער. צייטענווייז האט מען נאך דערצאהלט פון דעם
פלעמעניק ר' שלמה'ס, ווייא ער שעמט זיך גאר ניש פאר לייטען אַזוי צו וויינען אונ
קלאגען נאך אַ בתולה. זיא האט געמאגט זיין אפילו אַ שוועסטער קינד זיינס. אבער
זיא איז דאך פארט נור אַ בתולה געוועזן אונ ער איז אַ בחור, אַ בן תורה, דארפט
זיך, קיין נאר אויך ניט אונ מאכט זיך נארריש אונ געהט יעדען טאג צום בית

עולם א קוק טהון אויף רחל'עס קבר טאמער איז זיא שוין תחית המתים אויפ־געשטאנען — פע, האבען קליינ'צער יודען געזאגט, דאס איז שוין גאר מעשי הולטיי בתמנא לצלן!" אפט דערמאנט רחל'ען האט נור שימעלע, א ריס אין הארצען!" האט ער שטאנדיג געזאגט, איך האב געמיינט: איך האלט שוין דיא קוה פאר די הארנער אונ מיין פלונית מעלקט זיא שוין, איך מיין טאקי: דיא קוה וואס איהר מחותן ר' העניך האט מיר מבטיח געווען אריינצושיקען תיכף נאך איהר התונה מיט זיין זוהן — נעהמט זיא גאר אונ מאכט א שטארב אונ אוים קוה, אוים מחותן, אוים נדה, צוריק שימעלע קבצן וויא געוועזן!... ווער האט איהר געהייסען שטארבען? ווילסט ניט דעם חתן? וויל ניט, איז ניט אקוה, איך האב ביז איצט אויך געלעבט אהן א קוה, אבער אהן א גמילת חסד איז ערגער וויא דער טוידטו!" נור דער אלטער פעטער ר' שלמה אונ זיין ווייב דבורה האבען רחל'ען ניט געקאנט פערגעסען אפילו איין מינוט אויך ניט. חאטש דבורה פלעגט איהר מאנן טראסטען, איהם ניט לאזען וויינען; אבער אליין האט זיא טייבען טהרערן אויסגעגאסען ווען קיינער האט ניט געזעהן. פאר שרה'לעס מוטער, מיט וועלכער זיא איז צוליעב רחל'עס לעצטע טאג שטארק פער־בונדען געווארן, האט זיא אפט איהר בעטריבט הערץ אויסגערעדט אונ געפראגט: פאר וואס זאגט דיא וועלט: „דאס וואס דיא ערד דעקט צו ווערט גיך פערגעסען"?.. האבען דען מיינע אויגען ניט געזעהן וויא מען האט א בארג ערד אויף איהר אנ־געשאטען? איין מינוט אפילו קאן איך זיא ניט פערגעסען אונ דער צער פון דעם עלענדען משה'לען איז גאר ניט מיט מענשליכע כחות אריבער צו טראגען. ר' שלמה האט געזוכט מיט וואס דער געשטארבענער רחל'ען א נחת רוח אנטהון חאטש אין קבר. אונ האט איצט מעהר צדקה געטהיילט וויא פריהער, ער האט זיך אויסגערופען: פאר שרה'לעס יונגעל רבי געלד צו צאהלען אונ האט אויך פאר דיא עלענדע יתומים'לעך, איהרע ברידערלעך אונ שוועסטערל אנגעהויבען צו זארגען. מיט יעדער געלעגענהייט האט ער זיי מתנות געשיקט אונ חייל'ען אין יעדען בריף געבעטען: זיא זאל אויף זיי א אפען אויג האלטען טאג אונ נאכט; נור דאס אלץ האט נאך זיין הערץ ניט בערוהיגט אונ ער האט געזוכט עפיס א זיינס צו טהון וואס זאל דער געשטארבענער א כבוד זיין אונ אויך א בעפריעדיגונג פאר זיין־אונ זיין פלעמעניקס־געבראכען הערץ. זיצענדיג א מאל ביי נאכט מיט זיין דבורה'ן אונ משה'לען אין שטומען טרויער, האט ער מיט א בעגייסטערטען טאן דערצאהלט, אז פון דער קבורה אן איז ער ערשט היינט, דעם לעצטען טאג פון שלשים, ביים בית עולם געוועזן אונ רחל'עס קבר געזעהן. אזוי נאהענט איז דער קבר איהרער אנגעלעגט צום מאטענס, עליו השלום, האט ער דערצאהלט, אז בעת מעשה האט מיר געדאכט: איך זעה ניט איהר קבר, אבער א לעבעדיגע זעה איך זי, ווי זי טולעט זיך צו איהר טרייען זיידען, וועלכער האט זי ווי זיין ליעב קינד צו זיך צוגעדריקט. איהר מאגט אייך זאגען וואס איהר ווילט, מיין הארץ האט אין דער מינוט טראסט אונ בערוהיגונג געפיהלט. עפיס האט עס צו מיר געדערט: זעה, דיין ליעבע רחל'ע איז דא ניט עלענד, ביי איהר ליעבען טהייערן זיידען איז זי. ער האט זי צו זיך צוגעדריקט, זי האט שוין צוריק די טרייע עלטערן, וועלכע זי האט אין איהר לעבען אזוי יונג פערלארן! יא, מיין זוהן,

ווען עס איז בעשערט יונג צו שטארבען זאל חאטש אין א פרעמדע שטאדט ניט פערוואָרפען ווערן און זאל צו קבר ישראל קומען נעבען די קברים פון זיינע אויפגעלייטערטע אבות און אייגענער משפחה!.. פון דעסטוועגען האב איך אויך א וועהטיג געפיהלט וואס מיינע אויגען האבען נאך אויף איהר קבר קיין מצבה ניט געזעהן. א קבר אהן א מצבה איז גלייך: צו א גוף אהן א קאפ, צו א שטוב אהן א דאך... עפּיס א עלענדקייט, א פערלאזענקייט ליגט אויף איהם, גלייך ווי קיינעם קימערט נאר ניט דער טהייערער גוף וואס דא רוהט אונטער איהם.... דאריבער איז ביי מיר טאקי דאָרט שטעהענדיג געבליבען, ניט אנדערש, איך מוז, בלי נדר, איהר א טהייערע מצבה שטעלען, אבער א מצבה, זאג איך אייך, א טהייערע, עס מאג מיר מי יודע וויפיעל קאסטען און זאל דיא וועלט זעהן אז גוטע מדות ווערן ניט פערגעסן, זאל מען טאקי אויך דאס וויסען, אז איך האב מיין שולד געגען איהר בעקענט און מיר איז קיין זאך ניט צו שווער און ניט צו טהייער איהר א נחת רוח אנצוטהון חאטש אין קבר!. דיך, מיין זוהן, בעט איך א שאנע מליצה אויפשרייבען. דיר פאסט טאקי איהרע שבחים און מדות טובות אויף איהר מצבה צו דערצאהלען!

— ליעבער פעטער, האט משהלע מיט טהרערן אין די אויגען געאנטווערט, ניט א מצבה א טהייערע האט זי אין איהר לעצטער שעה אין זינען געהאט; פאר איהרע פערלאזענע ברידערלעך און עלענדען שוועסטערל האט זי טרייהייט געבעטען... איך האף, מען דארף אייך נאך א מאל ניט בעטען פאר זיי.. א נחת רוח אין קבר וועט איהר דאס זיין, ווען דיא מענשען וואס האבען אין איהר קורצען לעבען איהר חסד געהאט, וועלן זעלבסט נאך איהר טוידט דעם חסד ניט פערלירן! איך האב היינט שמועלע מלמד בעגעגענט, ער האט מיר ערצאהלט, אז זי האט איהם פאר איהר טוידט מוחל געוועזן, איצט וויינט ער און קלאגט נאך איהר. פשוט, ער האט ניט וואו א פאר קארבלעך בגמילת חסד צו לייהען, איך בין אויף איהם ביז היינט אזוי אין כעס געוועזן אז איך וואלט זיין עלענד און ארעמקייט מיט פערגניגען געקאנט צוקוקען; נור איצט, ווען איך ווייס שוין, אז זי האט איהם מוחל געוועזן און האט מיך אויך געבעטען: אלעמען, אלעמען מוחל זיין, — בין איך איהם אויך מוחל און בעט אייך: עס זאל איהם איהר חסד איצט אויך ניט פעהלן. א מצבה אויף איהר קבר דארף מען שטעלן, דאס איז אונזער חוב, אונזער אייגענער טראסט און בערוהיגונג, אבער איך וואלט אויך וועלן, אז דער שטיין זאל קיין שטומער שטיין זיין און בלייבען ווי אלע אנדערע שטיינער וואס שטעהען דארט ביי יעדעם קבר! איך וויל: דיא ווארטער אויף איהם זאלן חוץ איהרע שבחים און מדות, אויך איהר טרויעריגע געשיכטע דערצאהלן, טאמער וועט דיזע טרויעריגע געשיכטע וועמען דיא אויגען בעצייטענס אפענען זיך ארומצוקוקען ביי זיך אין פאמיליענלעבען און ער וועט פערריכטען דארט וואס מען קאן שוין דא אויף דעם פעלד ניט מעהר!.. וואו נעהמט מען אבער אזא שטיין וואס זאל רעדען? וואו נעהמט מען אזעלכע ווארטער וואס זאלן א בלינדען זעהענדיג מאכען ?!

ר' שלמה האט זיין געדאנקען פערשטאנען און האט זיך פערטראכט. דבורה איז

פון טיש אוועק אונ איז אין א פאר מינוט צוריק צוגעקומען מיט א בונד אין האנד.

— אט דיא פערל, האט זי געזאגט, דאס בינדעל אויפן טיש אוועקלעגענדיג. פערקויף איך אונ פאר דעם געלד וועל איך לאזען אין גאלדענע אותיות אויף איהר מצבה אויסשלאגען, אלץ וואס דו, מיין קינד, וועסט נור אויפשרייבען! ניט פאר גוטע חלילה, וויל איך עס פערקויפען, נאט ברוך הוא האט אונז ניט פערלאזען אונ מיר האבען נאך מעהר, געלויבט איז ער, וויפיעל מיר דארפען; אבער נור דערפאר טהו איך דאס, ווייל מיר האבען ניט געוואוסט אונזער ציערונג ווי צו שאטצען ביז מיר האבען זיא פערלארן, וויל איך מעהר קיין אנדער ציערונג אויך ניט!... שרייב, מיין זוהן, אלץ וואס דיין הארץ הייסט דיר שרייבען, זאלן טאקי לייט, וואס וועלן דיא מצבה איבערלייענען, זעהן וואס מיר האבען פון אונזער גוט קינד געמאכט מיט אונזער נארישקייט... זאלן זיי זיך א מוסר ארויסנעהמען אונ איהר נאמען צום גוטען דערמאנען! זאל ער דעם שטיין קויפען, דוא שרייב דיא שאנע שבחים איהרע, מיין חלק זאל זיין דיא גאלדענע אותיות וואס וועלן איהרע גאלדענע מעלות אונ טרויעריגע געשיכטע דערצאהלן אונ מיר וועלן אלע דריי שותפים זיין אין דעם חסד וואס מיר טהוען איהר נאכ'ן טויט!

א גאנצע נאכט נאך דעם געשפראך איז ער פערטיפט אין זיין צימערל געזעסען אונ האט א קינה אין ריין לשון הקודש אויפגעשריבען אין עטליכע נוסחאות, איינער ריהרענדער אונ טרעפענדער אלס דער אנדערער. ער האט געהאפט, אז דיא ווערטער וועלן יעדען לעזערס הערץ ריהרן; קוים אבער איז טאג געווארן אונ ער האט דעם ערשטען בעקענטען יונגענמאן דאס אנגעשריבענע איבערצולעזען געגעבען אונ יענער האט בעוואונדערט דיא קונסט ארבייט וואס דא שטעקט. אבער ניט אויף זיין פנים אונ ניט אין זיין לעזען איז צו מערקען געוועזען אז ער פיהלט האטש א קליינעם טהייל פון דעם טרויער וואס האט זיין הערץ געפיהלט בעת ער האט עס געשריבען — איז ער מיט זיין מליצה בייא זיך זעהר ארויסגעפאלען. „ניין, האט ער צו זיך געזאגט, אומזיסט איז מיין ארבייט, אומזיסט וועט דיא גוטע מוהמע איהרע פערל פערקויפען, איך קאן נור אין לשון הקודש איהר מצבה שרייבען אונ לשון הקודש פערשטעהט מען דא אזוי ווענינ אונ דיא וואס פערשטעהען, בעגרייפען אויך ניט דאס וואס מען מיינט, נור דאס וואס זייא לייענען!... ניין, נים אזא מצבה וויל איך איהר שטעלען!"

דאס ביסעל טראסט פון נאכטיגען געשפראך האט זיך אין גאנצען אויסגעוועבט אונ א נייער הערפטיגער פיין האט זיין הערץ אין טויזענד וואונדען צעריסען. „איין פעטער האב איך דא געהאט וואס האט מיך פערשטאנען, האט ער צו זיך גערעדט, איז ער שוין לאנג געשטארבען, איין ליעבע זעעלע האט דא געלעבט וואס איז מיט מיין הערץ אונ זעעלע אזוי שטארק פערבונדען געוועזען, איז זי שוין אויך נימא, פאר וועמען אלזא בלייבט מיר, אין דעם חושך איהר א טרויעריגע געשיכטע אין לשון הקודש זעלבסט אויף איהר מצבה צו שרייבען? ניט מיט ווערטער אין אלשון וואס מיינע ברידער פערשטעהן איהם ניט, חאטש דאס איז אייגענטליך זייער מוטער

שפּראַכע, זייער היילינע ליעבע שפּראַכע, וואס זיי מאָגען אויף איהר שטאָלץ זיין, ניט אין דעם לשון וויל איך מיט ווערטער אויף זיי ווירקען, אָבער במעשה. איך וויל טהון און ניט רעדען... איך מוז זיי מיט די פינגער אָנווייזען ווער זענען זייערע פערפיהרער. איך מוז זיי אויף די קברים פיהרן, ווייזען זיי וויפיעל קרבנות אַזעלכע אומזיסטע וויא רהעלע, ליגען דאָ בעגראָבען, איבער וואס? איבער וועם? פעהלט ביי יודישע טאַטע מאַמע דאס עדעלע טרייהייטס געפיהל פאַר זייערע ליעבע קינדער? ווייגען זיי וועניג און קלאָגען דען ניט פון טיפסטען הערצען אויף זייער אונגליק אין לעבען אָדער אויף זייערע אָבגעקירצטע יאָהרן נאָך זייער טוידט? טרייע, גוטע עלטערן זענען יודישע טאַטע מאַמע, ליעבע שאָנע בלומען זענען זייערע קינדער, געטרייע גוטע מענשען זענען אויך אונזערע קרובים און גוטע פריינד; נור א שטן שטעהט אין וועג... אָבער גלויבען, פערפיהרער און דערגלייכען ניט גוטס ברענגענדע שלוחים מישען זיך אריין דאס גוטס מיט דיא פיס צו צוטרעטען און פון טרייהייט אכזריות צו מאַכען!..."

געהענדיג אין אַזעלכע געדאַנקען האָט ער א הערצרייסענדעס געשריי דערהערט. ער איז נאָך דעם קול געגאַנגען ביז ער איז צוגעקומען צו א ראָדעל מענשען. א אָרעמער יוד איז געלעגען מיט א צעבראָכענער פוס נעבען א שטיין און האָט ביטערליך געקראַכצט. ארום איהם זענען געשטאַנען פיעל יודען, אַנדערע האָבען איהם געהאָלפען קראַכצען און אַנדערע האָבען געפרעגט: „וואס איז געשעהן?" און מען האָט דערצאַהלט: דער אָרעמער טרעגער איז מיט אַמשא געגאַנגען און האָט ניט איינגעזעהען, אַז א שטיין ליגט דאָ אין מיטען וועג, ער האָט זיך פערטשעפּעט, א פאַלל געטהון און א פוס נעביך אויסגעבראָכען. „האָט רחמנות יודען, האָט דער אונגליקליכער געבעטען, טראָגט מיך אין הקדש אַוועג, רופט א דאָקטאָר, איך האָב אין דערהיים א ווייב און קינדער, זיי וועלן נעביך מוזען פאַר הונגער אויסגעהן!..." באַטעוועט, „האָט רחמנות, יודען!" דיא ווערטער האָבען געווירקט. מען האָט דעם יודען באַלד אויף דיא האַנד אין הקדש אַוועקגעטראָגען, עטליכע זענען צום דאָקטאָר אַוועקגעלאָפען און איינער, א עלטערער יוד האָט גענומען א טיכעל, אַליין אריינגעוואָרפען עטליכע גילדען און איז צוגעגאַנגען צו יעדען מיט דיא ווערטער: „יודען רחמנים, בני רחמנים! שענקט א נדבה פאַר דעם אונגליקליכען נעביך, שענקט יודען, גאָט זאָל אייך געזונד און יאָהרן שענקען!" עס איז א רידהרענדע סצענע געוועזען צו זעהן, וויא מען האָט זיך געשטויסען און געשטופּט ארום דעם נדבה קלייבער, יעדער מיט זיינע עטליכע גראָשען. מישהלע האָט עס גוט בעטראַכט; אָבער אַז ער האָט דערזעהן, דער עולם הערבט אָן זיך פאַנאַנדערצוגעהן, האָט ער א געשריי געטהון: „רבותי, שטעהט א ווייל'ע. איך וויל אייך א פּאָר ווערטער זאָגען!" אַלע זענען שטעהן געבליבען, א טהייל האָבען איהם מיסטטרויאיש אָנגעקוקט, וויא זייא וואָלטען געוואָלט זאָגען: „וואס וועט אונז דער יונגער מטורף זאָגען? לאָם מיר הערן!"...

„ליעבע ברידער! האָט ער מיט א פעסטער קלאָרע שטימע אָנגעהויבען, פאַר אונזערע אויגען האָט אונזער א ברודער דאָ ערסט א אונגליק געטראָפען, מיר האָבען זיין ביטער געשריי דערהערט זענען מיר צו איהם אַלע באַלד צוגעלאָפען, מיר האָבען זיין צובראָכענע פוס דערזעהען האָבען מיר איהם אויף דיא האַנד אין הקדש אַוועג-

געטראגען. אויך פאר זיין אונגליקליך ווייב און קינד האבען מיר געזארגט. מיר יודען זיינען רחמנים בני רחמנים. מיר לאזען קיין געפאלענעם ניט ליגען, מיר גיבען איהם א האנד און העלפען איהם אויפשטעהן. מיר רופען זיך אב אויף יעדען ביטער געשריי מיט אלץ וואס מיר קאנען; פונדעסטוועגען זענען ביי אונז געפאללענע זעהר פיעל און אונגליקליכע, לפי הערך, מעהר ווי ביי איין אנדער אומה וואס קאן זיך מיט דעם נאמען „רחמנים בני רחמנים" ניט אזוי ריהמען וויא מיר. פארוואס, ברידער, איז דאס אזוי? פון וואנען, קומט אזא טרויעריגער ווידערשפרוך אין אונזער לעבען? האבען דען מיינע אויגען ווען געזעהן, א יוד זאל פאלען, וואו נאך א יוד זאל עס צוזעהן און ניט א האנד אויסשטרעקען איהם אויפצוהעבען? האבען דען מיינע אויהערן ווען א יודיש ביטער געשריי געהערט וואס זאל יודישע הערצער ניט אויפוועקען הילף צו געבען דעם, וואס שרייט אום הילף? פאר וואס זענען אונזערע געפאללענע אזוי פיעל און אונזערע אונגליקליכע מעהר אלס ערגעץ ביי איין אנדער אומה אין דער וועלט?

מיר דאכט: דיא אורזאכע פון דעם ווידערשפרוך ליגט נור דארין, ווייל דיא מדה טובה פון רחמנות ווערט ביי אונז געבויערען, על פי רוב, ערסט נאך דעם געשעהענעם אונגליק: עס מוז פריהער איינער אדער עטליכע א האנד, א פוס צוברעכען, עס מוז זיך א הערצרייסענד געשריי דערהערן אונזער רחמנות אין אונז אויפצוועקען. דאנן זענען מיר אמת בערייט אלעס צו טהון דעם אונגליקליכען פון זיין אונגליק ארויסצוראטעווען; אבער וואס קאן רחמנות דארט העלפען, וואו דאס פערלארענע איז שוין ניט צו געפינען און דאס צובראכענע ניט מעהר גאנץ צו מאכען?... „רחמנים בני רחמנים" איז געוויס א פיינער נאמען פאר א פאלק וואס קאן זיך מיט איהם מיט רעכט בעריהמען, אבער רחמנות מוז אויך מיט שכל און מיט חכמה זיין און דאס פעהלט אונז ליידער!...רחמנות הייסט: א געפאלענעם אויפהעבען און איהם אין הקדש אוועקטראגען, חכמה און שכל אבער לעהרען דאס פאלען אונמעגליך צו מאכען אלע מיטעל אנצווענדען מען זאל ניט פאלען און אונזער רחמנות זאל גיט נויטהיג זיין!... אונזער געטליכער משה רבינו האט אונז יודען גוט געקענט, ער האט געוואוסט דאס יודיש גוט הערץ, געוואוסט, אז מיר זענען רחמנים בני רחמנים, ער האט אבער אונז יודען געוואלט מאכען פאר א עם חכם ונבון, דאריבער האט ער געהייסען מאכען א מעקה, א פארענץ אויף יעדען יודישען דאך און האט ערקלערט: כדי דער ווירטה פונ'ם הויז זאל ניט שולדיג זיין אויב יעמאנד וועט פון זיין דאך אראבפאלען און האט ניט פאר נויטהיג געפונען צו ערמאנען: דעם געפאללענעם אויפצוהעבען און איהם אין הקדש אוועקטראגען... איידער דאס אונגליק קומט, האט ער אונז געהייסען אונזער רחמנות בענוטצען, עס זאל קיין אונגליק קומען, ווארום רחמנות נאך דעם געשעהענעם אונגליק איז נור א ביטערער קראכץ פון א קראנקען הערצען און העלפט גיט זיך, ניט דעם אנדערן!...

ליעבע ברידער, דארף מען דוקא פון א דאך אראבפאלען אום שולדיג צו זיין אין דעם געפאלענעם צובראכען האנד אדער פוס? איז ניט א שטיין

אין מיטען וועג נאך ערגער וויא א דאך אהן א פארענץ? פאר וואס זאלען מיר פון אונזערע נאסען דיא שטיינער ניט צונעהמען מען זאל ניט פאלען מעהר איבער זיי? שטיינער, וואס מען פאלט איבער זיי זענען דא פיעל אין אונזערע נאסען... אבני נגף און צורי מכשול ליגען אין אונזערע וועגען, ניטא דער טאג וואס מען פאלט ניט איבער זיי!... איהר זעהט זיי ניט, ווייל ניט אלע צובראכענע גלידער זענען פאר דעם מענשענס אויגען אבגעדעקט. ניט אויף אלע וועהטיגען שרייט דער מענש מיט אזא ביטער קול, וויא דער אונגליקליכער האט דא אויף זיין צובראכען פוס געשריען... און מיר איז אויך ניט גרינג, מיט ווארטער אליין דיא שטיינער איך אנצווייזען וועלכע איך מיין. — נור דעם שטיין, וואס דער ארעמער טרעגער האט ערשט זיין פוס צובראכען זעהט איהר אלע, זייט ניט יוצא מיט אייער רחמים אויף דעם וואס איז שוין געפאלען, האט אויך רחמנות אויף דיא וואס קאנען נאך פאלען! וויא לאנג דער שטיין ליגט נאך אין וועג, זענען מיר קיינער ניט זיכער אז אונז וועט אויך ניט טרעפען וואס האט ערשט דעם ארעמען טרעגער געטראפען. לענט אייערע האנד צו צו מיין האנד, אלע צוזאמען לאם מיר דעם שטיין פון וועג צונעהמען כדי עס זאל שוין מעהר אזא אונגליק ניט געשעהען!"

מיט דיא לעצטע ווארטער האט ער מיט כח אנגעהויבען דעם שטיין צו רירען. אלע וואס זענען דא געוועזען האבען איהם געהאלפען און אין איין האלב שעה צייט איז שוין דער שטיין, ערגעץ אן אזייט אין א ווינקעל געלעגען, וואו ער קאן שוין קיינעם קיין שאדען מאכען. „א גרויסע מצוה, האסטו, משהלע, פערדינט!" האט איהם יעדער מיט דאנק מודה געוועזן, „מען דארף נור יודען א גוטען משל געבען, דאס יודיש הערץ איז גוט גענוג, מען דארף עס נור מעורר זיין!" אבער משהלעס הערץ האט זיך נאך ניט בערוהיגט. „אמת, פיעל זענען איצט פון דער געפאהר פריי, האט ער צו זיך געזאגט, אבער וואס טראסט דאס דעם, וועלכער האט שוין זיין פוס צובראכען? יא, עס מוז א אונגליק געשעהען איידער מען קומט צום שכל נאך אזא אונגליק אויסצומיידען... א קרבן האט געמוזט דער ארעמער טרעגער זיין פאר קלייניצער יודען... פאר וועמען אבער איז רחלע אלס קרבן פון דער וועלט אוועג? ווער וועט יענעם שטיין צונעהמען, איבער וועלכען מיר אלע זענען געפאלען?... צוגעדעקט האט זיא דער קבר, איינגעשלונגען האט דיא ערד אויך דיא טהערען אונזערע. ווער וועט זיא דערמאנען? זאל מיין הערץ אויך אזוי גיך געטראסט ווערן וויא גיך איהר שטילער קבר איז פערגעסען געווארן? ניין! אייביג וועל איך איהרע ליעבע, איהרע ליידען ניט פערגעסען!... נור דאנן זאל מיין הערץ געטראסט זיין, ווען איך וועל אויך דעם שטיין פון וועג צונעהמען!...

פון דער מינוט אן איז איהם דער געדאנק פון זינען ניט ארויס און אז דער פעטער האט איהם א מאל געפרעגט, צו האט ער שוין דיא מליצה אנגעשריבען וואס זאל אויף איהר מצבה אויסגעקריצט זיין? האט ער מיט א בעגייסטערטער שטימע געאנטווערט: איך האב געשריבען און צוריסען וואס איך האב געשריבען... שטום וויא דער שטיין וועלן אויך דיא ווארטער אויף איהם זיין און וועלן ניט דערצאהלן, דאס וואס איך וויל דערצאהלן.

— קאנסטו ניט אזעלכע ווארטער געפינען, וואס זאלען אפילו א שטיין ריהרען? האט דער פעטער געפרעגט. דוא האסט דאך א מאל לשון הקודש געשריבען אז מען האט זיך געחדושט, האסטו דען צוליעב דיא נייע לשונות וועלכעס דו לערנסט, דאס טהייער לשון פון אונזערע הייליגע נביאים פערגעסען?

— ניט איך, פעטער, האב אונזער איינציגע ליעבע שפראכע פערגעסען! האט ער מיט א זיפץ געאנטווערט, ניט דער, וואס האט זיא א מאל ערקענט — קאן זיא פערגעסען; אבער מיינע ברידער האבען זייער מוטער שפראכע פערלאזען!... מיט דעמזעלבען טעם וואס זיי לעזען אלע מצבות, וועלן זייא אויך מיינע ווארטער אויף איהר מצבה לעזען. — פעטער, דאס פאלק וואס גלויבט, אז מיט צעהן ווארטער האט גאט זיין וועלט בעשאפען, וואס האט פריהער פאר אלע נאציאנען אין דער וועלט, די אייביגע עשרת הדברות געהארט אונ געאנטווערט: נעשה ונשמע! דאס פאלק, וואס האט זיינע נביאים רעדענדיג-אונ זיינע חכמים דרשנ'נדיג-געהארט, דאס פאלק האט פון צייט אונ צרות אלע אכטונג אונ רעספעקט פערלארן צו ווארטער אליין. ניין, ניט אזא מצבה וויל איך אויף אונזער רחלעס קבר שטעלען.... גאט אליין האט מיר היינט דעם שטיין אנגעוויזען, וועלכער זאל איהר מצבה זיין.

ער האט איהם דאס אונגליק פון דעם ארעמען טרעגער דערצאהלט.

— איך פערשטעהע שוין, וועלכען שטיין דוא מיינסט איהר א מצבה צו שטעלן, האט דער פעטער אויסגעזיפצט, אבער צו שווער איז ער. צו ווענינ זענען דיא כחות דיינע איהם בייצוקומען... גאט זאל דיר פאר דיין גוטער מחשבה בעצאהלען!...

— פעטער, האט משהלע זיך אבגערופען, פאר וואס זאלט איהר זאגען: צו ווענינ זענען די כחות מיינע? מיט מיינע כחות אליין האב איך זעלבסט דעם שטיין פון וועג ניט אבגערוימט! רחמנים בני רחמנים, וועלכע האבען דאס אונגליק מיט זייערע אויגען געזעהן, האבען מיר זייער כח אונ זייערע האנד געליהען אונ אלע צוזאמען האבען מיר איהם בייגעקומען. א, איך גלויב אין דאס גוט הערץ פון מיינע ברידער יודען, א יוד קאן יענעמס אונגליק ניט צוזעהען אונ דעם אונגליקליכען ניט ווען העלפען. א יוד קאן א ביטער געשריי ניט הארן אונ גלייכגילטיג בלייבען צו דעם וואס שרייט אזוי פון זיינע שמערצען; מען ברויך נור יודען זייערע וואונדען אנווייזען, מען ברויך נור זיי אויף יענעם פעלד ארויספיהרן, זיי זאלען אליין זעהן וויפיעל ליבע קינדער ליגען דארט אונטער דיא בארגלעך, וויא בלימעלעך אבגעריסענע אהן א צייט... צו טרערן מוז איך זיי ברענגען, ניט נור דיא טהויערן פון הימעל זענען אפען אונשולדיג פערגאסענע טהרערן דורכצולאזען, אויך אונזערע הערצער זענען נאך פאר זיי ניט פערשלאסען!...

— מיט וואס אונ וויא וועסטו עס אנהעבען, מיין ליעבער זוהן?

— פעטער, איך האב ביז איצט אונזער תורה געלערנט, אבער נור מיט פערמאכטע אויגען האב איך זיא געלערנט, איך האב געוואוסט וואס אין דער גמרא טהוט זיך אונ וואס עס טהוט זיך אין דער וועלט האב איך ניט געוואוסט; איצט וויל איך דיזעלבע תורה מיט אפענע אויגען לערנען, דאס לעבען פון מיין פאלק אויסשטודירן, זיינע וואונדען אונ זייערע סבות ערקענען, איך האף: דיא תורה אליין וועט

מיר דיא מיטעל וויזען מיט וואס דיזע וואונדען צו היילען... זארגט ניט, פעטער ליעבער, ניט מיט שטורעם, ניט מיט מלחמה, מיין איך עס צו טהון, נור מיט ליכט אונ אויפקלארונג, קיין מיה וועט מיר ניט צו שווער [illegible]ין. קיין צייט ניט צו לאנג — ביז איך וועל עס ערגרייכען!

— אונ ביז יענער צייט זאל איהר קבר אהן א מצבה בלייבען? האט ר' שלמה זעהר בעטריבט געפרעגט.

— ביז יענער צייט זאל דאס צובראכענע הערץ אין מיר איהר מצבה זיין! האט ער מיט טהרערן געאנטווערט. פעטער, איך האב מיר אפט געוואונשען אין א שטומען שטיין פערוואנדעלט צו ווערן אונ אויף איהר קבר אלס איהר אייביגע מצבה צו בלייבען; אך, מיין שכל איז אין מיין טרויער וויא אין א ים א טיפען דערטרונקען געוועזען אונ דאס הערץ [illegible]ט ניט געוואוסט וואס עס וויל... ניט א מצבה א שטומע אונ א טוידטע וויל איך פון איצט אויף איהר קבר זיין, אבער א מצבה א לעבעדיגע, א מצבה, וואס קאן נאך א יודיש הערץ בעוועגען דעם קבר דא צו פערשטעהען אונ זיינע גראבער דא ערקענען... איך בעט אייך, שטעלט איהר קיין מצבה, קיין שטיין, זאל דער שטיין אויף מיין פערוואונדעטע הערצען ליגען, זאל ער מיך דריקען איך זאל איין מינוט ניט פערגעסען, אז דיא מצבה מוז איך, נור איך איהר שטעללן!...

פון יענעם אבענד אן זענען שוין א סך טאג אריבערגעגאנגען, א סך וואסערן אוועג־געשוואומען, משה'לע איז שוין לאנג אין אויסלאנד וואו ער שטודירט אונ אין קליינינ־דערמאנט איהם שוין קיינער ניט; מען חידושט זיך נור, וואס דער אלטער ר' שלמה האט אויפגעהערט צום רבין צו פאהרן אונ שיקט איהם קיין פדיון אפילו איינמאל אין יאהר אויך ניט... אונ באמת איז דער חידוש גרויס: וויא ווערט דאס א אלטער יוד פלוצלונג א מתנגד גמור אונ נעהמט אפילו צו א יאהרצייט קיין קאפ משקה אין מויל ניט?... נור דער אלמנה שרה'לען, זאגט מען, האט ער ניט פערגעסען אונ העלפט איהר מיט א גמילת חסד, צאהלט פאר איהר יונגעל רבי געלד אונ פערהארט דאס קינד יעדען שבת. דבורה, זאגט מען, איז צום קינד נאך בעסער אונ ברענגט איהם אפט א גוטען ביסען אין חדר אריין. עס זאל כח האבען צו לערנען. אונ דאס קינד וואלט טאקי ארויס־וואכסען א לייט, זאגט שימעלע, ווען איך וואלט מיט איהם געלערנט אונ ניט דער צלם קאפ, דער פאהאנער ליטוואק, זאל איהם קיין גוטער יוד ניט קענען, וויא איך קאן איבער איהם א פרשת חומש ניט פערטייטשען!...' אונ שימעלע איז צוריק א קבצן גאר וויא אין דיא אלטע יאהרן; אפילו דיא ציגע זיינע, זאגט מען, איז שוין אויך נסתלקה געווארן, פשוט, ווייל דעם רבינס זאל לעבען ברכה, האט זיך אבגעטהון פון איהר בעל הבית. פון יענעם טאג אן, וואס חייעלע האט איהר חן-חן אין רבי פנחס'ס אויגען, חן אין דיא אויגען פון רבינ'ס גאנצער פאמיליע-פערלארן, אונ פערלארן דעם חן האט זיא נור צוליעב דעם, וואס זיא וויינט אונ קלאגט נאך איהר טאכטער, וועלכע האט געגען איהם זאל לעבען אזוי שטארק געזינדיגט, אז די בעסטע רפואה איז פאר איהר דער טוידט געוועזן, אונ ווייל חייעלע איז ניט קלוג אונ פערשטעהט ניט. אז זיא דארף

זיך אַדרבה פֿראַהען, וואָס ער זאָל לעבען האָט זיא פון גראָסערע בזיונות, פון אַ איידים אַ הקדן, אַ געשטודירטען, בהבנא לצלן, מציל געוועזן; און זיא ווייִנט גאָר בארויף, האָט זיא טאַקי אַ פינסטערע ביטערע מערבה וויא זיא איז ווערטה...

וואָס האָרט מען פון משה׳לען? געדענקט ער נאָך וואָס ער האָט זיך פאַרגעניגען? דאַרויף איז נאָך קיין קלאָרע ידיעה ניטאָ; נור דאָס איז קלאָר און געוויס, אַז יענער שטיין, איבער וועלכען ער איז אַין קליינינקען געפאַלען און האָט זיין הערץ צובראָכען, ליגט נאָך רוהיג און זיכער אויף זיין אָרט. און האָטש עס איז דאָס יאָהר און דער חודש ניטאָ, וואָס מען פאַלט ניט ווידער איבער איהם און מען צובּרעכט אַ הערץ, אויך אַ האַנד אַ פוס און אָפט טאַקי לייב און לעבען, און האָטש קליינינצער יודען זענען אויך רחמנים בני רחמנים, פונקט ווי אַלע יודען פון אַלע שטאָדט — פונדעסטוועגען קומט קיינעם אויפ׳ן זינען ניט אַרויף, אַז עס איז שוין צייט און אַ יושר אויך, איהם פון וועג אַפּצורוימען... און מען פאַלט, און מען וועט נאָך פאַלען וויא מען איז שוין געפאַלען און נור יענעם, טהוט וועה, ווער עס צובּרעכט אַ האַנד אַ פוס, און נאָך ביטערער איז יענעם וואָס צוברעכט זיין הערץ אויף איהם און קאָן נאָך זיין פאַלען זיך ניט מעהר אויפהעבען...

און דאָרט, אויף קליינצער פערוואַהרלאָזטען בית עולם איז שוין אויף רחלע׳ס יונגען קבר דער קאַלטער שניי אַ צייט געלעגען און צוגאַנגען געוואָרן, עס האָבען שוין אויף איהם אויך בלימעלעך געבליהט און אָפּגעבליהט... בלאָטעלעך געוואַכסען און פערוועלקט געוואָרן... איצט בלאָזט שוין ווידער דער אונפריינדליכער הערבסט ווינד און בויגט און וויעגט דיא לאַנגע טרויעריגע בית־עולם גראָז אויף איהם, וויא אויף אַלע קברים; נור אַ מצבה איז נאָך אַלץ ניטאָ אויף איהם, ווייל יענער שטיין, וואָס זאָל אַמאָל דיא מצבה זיין — ליגט נאָך דאָרט, וואו ער איז געלעגען און קליינינצער יודען דערצאַהלן נור דיא וואונדער וויא ער וואַכסט, וויא ער ווערט גראָסער און שווערער, פון אָרט איהם צו רירע׳ן, פון יאָהר צו יאָהר...

ענדע